STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06905

FARBREKHEN UN SHTROF

Fyodor Dostoyevsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. דאסטאיעווסקי

פארברעכען און שטראף

ПРЕСТУПЛЕНІЕ и НАКАЗАНІЕ

איבערזעצט פון
פ. אָרלאָוו.

I

פערלאג מאקס יאנקאָוויץ, 179 איסט בראָדוויי
ניו־יאָרק.

ערשטעס קאפּיטעל.

אנפאנג יולי איז א זעהר הייסען פארנאכט איז אויפ'ן גאס ארויס א יונגער מאן און האט זיך געלאזט געהן צום קאלינקען־בריק. ער איז געגאנגען לאנגזאם און עפּעס אזוי ווי ניט־זיכער. נאכהער איז ער בשלום אריבערגעקומען די טרעפּ און האט זיך ניט געטראָפען מיט דער בעל־הבית'טע. זיין קליין צימערל איז געלעגען סאמע אונטער'ן דאך פון א הויך פינף־שטאקיג הויז און איז מעהר געווען עהנליך אויף א שאפע, ווי אויף א צימער. זיין בעל־הבית'טע, ביי וועלכער ער האט אויך געגעסען מיטאגען, האט געוואוינט מיט אשטאק נידעריגער, אין א באזונדער דירה, און יעדעס מאל, ווען ער פלעגט ארויסגעהן אין גאס, פלעגט ער מוזען פארבייגעהן דער בעל־הבית'טעס קיך, וואס איז כמעט שטענדיג געווען אפען, דערצו נאך איז די טיר אויסגעקומען צו די טרעפּ צו. און יעדעס מאל ווען דער יונגער מאן פלעגט פארבייגעהן, פלעגט זיך אין איהם ערוועקען א געפיהל, פאר וועלכען ער האט זיך געשעמט און פון וועלכען ער האט זיך געקרימט. ער איז געווען דער בעל־הבית'טע א בעל־חוב איבער די אויערן און האט מורא געהאט מיט איהר זיך צו באגעגנען.

מען קען ניט זאגען, אז ער איז געווען א טרוס און א דערשלאגענער, גראד פארקעהרט, נאר זייט א געוויסער צייט האט ער זיך געפונען אין א נערוועאישען און אנגעשטרענגטען צושטאנד, וואס איז עהנליך געווען אויף א מרה־שחורה. ער האט זיך אויף אזוי פיעל פארטיעפט אין זיך און זיך אפּגעזונדערט פון אלעמען, אז ער האט זאגאר מורא געהאט פאר יעדער איין באגעגניש, ניט נאר פאר א באגעגניש מיט זיין בעל־הבית'טע. ווי א בארג איז אויף איהם די ארימקייט געלעגען. נאר אפילו זיין געדריקטע לאגע האט איהם פאר דער לעצטער צייט אויפגעהערט צו קימערן. מיט די טעגליכע געשעפטען זיינע האט ער גאר אינגאנצען אויפגעהערט און ניט געוואלט זיך אינטערעסירען. אייגענטליך האט ער פאר קיין שום בעל־הבית'טע

ניט מורא געהאַט, זי האָט זיך געמעגט אָננעהמען געגען איהם וואָס נאָר פאַר אַ מיטלען זי האָט נאָר געוואָלט; אָבער בלייבען שטעהן אויף די טרעפּ, אויסהערען נייז מאָס פּלוידעריי וועגען דעם וואָכעדיגען זומפּ, וואָס ליעגט איהם אין דער צעהנטער פּיאַטע ניט, די אַלע דרעסענדע רייד וועגען באַצאָהלען, דאָס טראַשען, דאָס קלאַגען זיך — און דערביי אַליין אויסדרעהען זיך מיט אַלערליי שפּיצלעך, ענטשולדיגען זיך, ליִיגען — ניין, שוין בעסער ווי עס איז ארויסצוגנב'ענען זיך ווי אַ קאַץ פון די טרעפּ אַראָפּ און זיך אָוועקמאַכען, אַז קיינער זאָל ניט זעהן.

איבריגענס איז ער יעמאָלט אַליין ערשטוינט געוואָרען פון דעם שרעקען זיך פאַר זיין בעל־חוב.

„זיך באַשלאָסען אויף אַזאַ מין זאַך און האָב מורא פאַר עפּעס נאַרישקייטען!" האָט ער אַ טראַכט געגעבען מיט אַ מאָדנעם שמייכעל. „הם!.. אַלץ איז ביי דעם מענשען אין האַנט, און אַלץ געהט איהם פאַר דער נאָז פאַרביי נאָר צוליעב זיין שרעקען זיך... דאָס איז אַן אַנגענומענע זאַך... עס וואָלט זיין אינטערעסאַנט צו וויסען, פאַר וואָס האָבען די מענשען מעהר מורא, פאַר אַ נייעם שריט, פאַר אַ ניי אייגען וואָרט האָבען זיי מעהר ווי פאַר אַלץ מורא... איבריגענס פּלוידער איך צו פיעל. דעריבער טאַקע טו איך פאַרקעהרט: דערפאַר פּלוידער איך, וויל איך טו גאַרנישט. דאָס האָב איך זיך פאַר'ן לעצטען מאָנאַט אויסגעלערנט פּלוידערן, ליעגענדיג גאַנצע מעת־לעת'ן אין מיין לאָך און טראַכטענדיג... וועגען פאַראָיאַהריגען שניי. נו, נאָך וואָס געה איך איצט? בין איך דען ד ע ר ו י ף פעהיג? איז ד אָ ס דען ערנסט? גאָר ניט ערנסט. גלאַט אַזוי זיך, אַ פאַנטאַזיע, זיך אַליין איינגערעדט: אַ נעכטיגער טאָג! יאָ, ס'קאָן זיין, אַז ניט מעהר ווי אַ נעכטיגער טאָג!

אין דרויסען איז די היץ ניט אויסצוהאַלטען, דערצו נאָך די פאַרשטיקטע לופט, דאָס שטופּעניש, אומעטום וואַפּנע, געהילץ, ציגעל, שטויב און יענער ספּעציפישער זומערדיגער עיפּוש, וואָס איז אַזוי גוט באַקאַנט יעדען פּעטערבורגער איינוואוינער, וועלכער האָט ניט די מעגליכקייט צו דינגען זיך אַ זומער־וואוינונג, — דאָס אַלעס צוזאַמען האָט נאָך מעהר אויפגערייצט די אַזוי אויך צורייצטע נערווען פון דעם יונגען בחור. דער אונערטרעגליכער געררוך פון די שיינקען, וואָס

זיינען אין דעם דאזיגען קווארטאל פון שטאדט פיעל און פול, און די שכור'ע, וואס האבען זיך איהם געטראפען אויף יעדען טריט, ניט קורקענדיג דערויף, וואס ס'איז געווען אין א מיטען דערוואכען, האבען נאך גאנצער געמאכט דעם העסליכען און אומעטיגען קאלאריט פון דעם בילד. א געפיהל פון טיעפסטען עקעל האט אויף איין אויגענבליק דורכגעבליצט דורך די דינע געזיכטסצוגען פון דעם יונגען מאן. אגב, דארף מען באמערקען, אז ער איז געווען וואונדער - שעהן, מיט הערליכע שווארצע אויגען, טונקעל־בלאנדע האהר, העכער פון מיטעלער וואוקס, דין און שלאנק. באלד אבער איז ער פארזונקען אין א טיעפע פארטראכטקייט, מען קען זאגען, זאגאר אין עפעס א מין מרה־שחורה, און איז אוועק שוין גארנישט באמערקענדיג, און ניט ווילענדיג אייגענטליך עפעס באמערקען. נאר צייטענווייז האט ער עפעס געשטאמעלט פאר זיך, ער האט שוין געהאט אזא געוועהנהייט צו מאנאלאגען, אין וואס ער האט זיך ערשט אליין מודה געווען. אין דעם דאזיגען מאמענט האט ער אליין געפיהלט, אז די געדאנקען טומלען זיך איהם און אז ער איז זעהר שוואך. שוין דער אנדערער טאג, ווי ער האט כמעט גארנישט געגעסען.

ער איז געווען אזוי שלעכט געקליידט, אז אן'אנדערער, וואס איז שוין אפילו געוועהנט דערצו, וואלט זיך שעמען אין מיטען טאג ארויסגעהן אין אזוינע שמאטעס אויפ'ן גאס. און צוריקריידענדיג איז דאס געווען אזא קווארטאל, וואו מען איז וועניג וואס נתפעל געווארען פון אנצוגען. די נאהנטקייט פון דער באריהמטער סעננא־גאס, די אונגעהויערע צאהל הייזער פון דעם געוויסען מין און איבערהויפט די ארבייטער־באפעלקערונג, וואס איז צונויפגעשטיקט אין די דאזיגע פעטערבורגער גאסען און געסלער, האבען אפטמאל צוגעשטעלט צו דעם אלגעמיינעם בילד אזוינע פארשוינען, אז ס'וואלט זיין גאנץ מערקווירדיג, ווען מען זאל דא אנטרעפען אויף אן'אנדער מין פיגור. נאר ביי דעם דאזיגען יונגען מאן אין הארצען האט זיך שוין אנגעקליבען אזוי פיעל פארביטערטע פאראכטונג, אז ניט קוקענדיג אויף זיין גאנצע שעמעוודיגקייט, אויף די שעמעוודיגקייט פון א יונגען ווען, האט ער זיך אמווענינגסטען געשעמט צו באווייזען זיך מיט זיינע שמאטעס אויפ'ן גאס. באגעגענען זיך מיט אייניגע באקאנטע, אדער מיט די פריהערדיגע חברים, מיט וועלכע ער האט איבערהויפט פיינט געהאט

זיך צו טרעפען, — דאָס איז עפּעס אַנדערש... און דאַך, ווען א שכור'ער, וועלכען מען האָט געפיהרט, גאָט ווייס פאַרוואָס און וואוהין, איז אַנ'אונגעהויער גרויסען וואָגען, געשפּאַנט מיט אַן אונגעהויער גרויסען שווערען פערד, האָט פאַרבייפאַהרענדיג פּלוצלונג א געשריי געטאָן: „היי, דו דייטשער היטעלמאַכער!“ און האָט זיך געריסען אויף אַלע כלים, אָנווייזענדיג אויף איהם מיט'ן האַנט — איז דער יונגער מאַן פּלוצלונג שטעהן געבליבען און האָט זיך מיט אימפּעט א כאַפּ געגעבען פאַר'ן הוט. דער דאָזיגער הוט איז געוועזען פון צימערמאַנ'ס פאַבריק, הויך און קיילעכדיג, אָבער שוין אינגאַנצען אַנ'אָפּגעטראָגענער, א געלבער, אין לעכער און פּליאַמעס, אָהן ברעגען, פאַרבויגען אויף א זייט אויף'ן משונה'דיגסטען אופן. אָבער ניט קיין בושה, נאָר גאָר אַנ'אַנדער געפיהל, עפּעס א מין שרעק, האָט איהם דורכגענומען.

— איך האָב דאָס געוואוסט! — האָט ער געמורמעלט אין פאַרלעגענהייט. — איך האָב פריהער פאַרשטאַנען, אַז אַזוי וועט זיין! דאָס איז שוין ערגער פון אַלץ! אָט אַזאַ מין נאַרישקייט, אַזאַ מין לעכערליכע קליינינקייט, קען פּטר'ן דעם גאַנצען פּלאַן! יאָ, א צו קענטיגער הוט... א קאָמישער, דעריבער איז ער קענטיג... צו מיינע שעהנע מלבושים מוז איך נויטיג ווי לעבען א היטעל מיט א דאַשעק, כאָטש טראָגנט ניט אַזעלכעס, מען וועט דערקענען פאַר א וויאַרסט, עס וועט אַן אַלטען ספּאַדיק אויפ'ן קאָפּ, אָבער ניט אַזאַ מין ציהרונג. קיינער בלייבען אין זכרון... דער עיקר, מען קען דערנאָך געדענקען, און אָט איז שוין א באַווייז געגען מיר. דאָ דאַרף מען זעהן זיך לאָזען מערקען וואָס ווייניגער... קליינינקייטען, קליינינקייטען — דאָס איז דער עיקר!... צוליעב אַזוינע קליינינקייטען געהט שטענדיג אַלץ פאַרלאָרען...

ער האָט ניט געהאַט ווייט צו געהן; ער האָט זאָגאַר געוואוסט וויפיעל טריט עס איז פון זיין טויער: פּונקט זיבען הונדערט דרייסיג. עפּעס אַמאָל האָט ער איבערגעצעהלט, ווען ער האָט זיך צו שטאַרק אריינגעלאָזען אין זיינע רעיונות. דאַמאָלס האָט ער נאָך אַליין אויך ניט געגלויבט אין די דאָזיגע רעיונות און האָט זיך נאָך געררייצט מיט זייער העסליכער, אָבער פאַרפיהרערישער דרייסטקייט. איצט אָבער, אין א חודש אַרום, האָט ער שוין גענומען טראַכטען אַנדערש, און ניט קוקענדיג אויף די אַלע אויפרייצענדע מאָנאָלאָגען ווע-

גען אייגענער אומעכטיגקייט און אונענטשלאסענהייט, איז ער גע־וועהנט געווארען אזוי ווי נישט־ווילענדיג צו רעכענען דעם דאזיגען „העסליכען" רעיון פאר אן אונטערנעהמונג. הגם ער האט זיך אליין נאך אלץ ניט געגלויבט. ער איז זאגאר איצט געגאנגען מאכען א ר ע פ ע ט י צ י ע פון דער דאזיגער אונטערנעהמונג, און מיט יע־דען טריט איז זיין אויפרעגונג געווארען אלץ שטארקער און שטאר־קער.

מיט א הארץ־קלאפעניש און א נערוועאישען ציטער איז ער צו־געקומען צו א מורא'דיג גרויסען טויער, וואס איז מיט איין וואנט ארויסגעקומען צו א רינשטאק צו און מיט דער אנדערער צו דער ב.־גאס. דאס דאזיגע הויז איז באשטאנען בלויז פון קליינע וואוי־נונגען און איז באוואוינט געווען פון כל'ערליי שכנים — שניידער, שלאסער, קעכינס, פארשידענע דייטשליך אזעלכע, מוידען וואס לע־בען פון פארקויפען זיך, קליינע טשינאווניקלעך א. אז. וו. די ארייננגע־הער און ארויסגעהער האבען זיך אהן און אויפהער געדרעהט אין ביידע טויערן און אין די ביידע הויפען פון דעם הויז. דא האבען געדיענט א דריי־פיער סטרוזשען. דער יונגער מאן איז געווען זעהר צופריעדען, וואס ער האט ניט געטראפען קיין איינעם פון זיי, און האט זיך אונ־באמערקט גלייך דורכגע'גנב'עט דורכ'ן טויער צו די טרעפ רעכטס. דאס זיינען געווען פינסטערע און שמאלע „הינטער־טרעפ". נאר ער האט שוין דאס אלעס זעהר גוט געקענט, און איהם איז דאס געווען זאגאר געפעלען: אין אזא פינסטערניש איז מען זיכער אפילו פון א נייגיערי־גען קוק. „אויב איך האב איצט אזוי מורא, וואס וואלט שוין זיין ווען עס וואלט ווי עס איז זיך פארט געמאכט, אז איך זאל האלטען טאקי ביים ע ס ק גופא?..." האט ער ניט ווילענדיג א טראכט געטאן. ארויפקומענדיג אויפ'ן פיערטען שטאק. דא האבען איהם פארשטעלט דעם וועג טרעגער, סאלדאטען — אינוואלידען, וואס האבען ארויסגע־טראגען מעבעל פון א וואוינונג. ער האט שוין פריהער געוואוסט, אז אין דער דאזיגער וואוינונג האט געוואוינט א דייטש מיט זיין פא־מיליע, א טשינאווניק: „הייסט עס, דער דאזיגער דייטש ציהט זיך ארויס, און אויפ'ן פיערטען שטאק, הייסט עס, אט אויף די טרעפ בלייבט דערווייל פארנומען בלויז דער אלטערס דירה." "דאס איז גוט... אויף יעדען פאל..." האט ער ווידער א טראכט געטאן און האט

אנגעקלונגען צו דער אלטער אין וואוינונג. דאס גלעקעל האט שוואך א קלונג געטאן, גלייך ווי עס וואלט געווען פון בלעך, און ניט פון מעש. און אזוינע קליינע וואוינונגען פון אזעלכע הייזער זיינען כמעט אלץ אזוינע גלעקלעך. ער האט שוין געהאט פארגעסען דאס קלינגען פון דעם דאזיגען גלעקעל, און איצט האט איהם דאס מאדנע קלינגען גלייך ווי עפעס דערמאהנט און קלאר פארגעשטעלט... ער האט אזש א שוידער געטאן, שוין צופיעל אפגעשוואכט זיינען דאס מאל די נערווען געווען. אין א ווײלע ארום האט זיך די טיר עטוואס אויפגעמאכט: פון דעם שמאלען שפעלטעלע האט די שכנה געקוקט מיט א שטארקען חשד אויף דעם גאסט און עס האבען זיך געזעהן נאר איהרע אויגעלעך, וואס האבען געבלישטשעט פון דער פינסטערניש. נאר דערזעהענדיג אויף די טרעפ א גרויסען עולם מענשען, האט זי זיך געפאסט מוט און האט אינגאנצען אויפגעפענט. דער יונגער מאן האט אריבערגעטרעטען די שוועל אין א פינסטער פארהויז אריין, וואס איז געווען אפגעצאמט מיט א פאראוואן, הינטער וועלכען ס'האט זיך געפונען א קיך. די גרוים א שפאן אויף א שפאן. די אלטע איז פאר איהם שווייגענדיג געשטאנען און האט איהם אנגעקוקט מיט פראגענדע בליקען. דאס איז געווען א קליינטשיקע אויסגעטריקענטע אלטיטשקע, פון א יאהר זעכציג, מיט שארפע בייזע אויגעלעך, מיט א קליינער שארפער נאז און מיט א גלאטפארקעמטען קאפ. איהרע נאך ניט רעכט גרוי געווארענע האהר זיינען געווען פעט אנגעשמירט: אויף איהר דינעם און לאנגען האלז, וואס האט אויסגעזעהן ווי א היהנערש פיסעל, איז געווען אנגעדרעהט עפעס א פלאנעלענע שמאטע, און אויף די אקסלען האט זיך געבאמבעלט אן אפגעטראגען, געלב־געווארען אויבערלייבעל אויף פוי. הגם די היץ איז געווען זעהר גרוים. די אלטיטשקע האט אלע ווײלע געהוסט און געקרעכצט. דער יונגער מאן האט אויף איהר אפנים א קוק געטאן מיט ניט קיין געוועהנליכען בליק, ווייל אין איהרע אויגען האט זיך פלוצלינג ווידער אנגעצונדען דער פריהערדיגער אונצוטרוי.

— ראסקאלניקאוו, א סטודענט, געווען ביי אייך מיט א מאנאט צוריק, — האט אויף דער גיך ארויסגעשטאמעלט דער יונגער מאן, זיך האלב־פארנויגענדיג, ווייל ער האט זיך דערמאהנט, אז מען דארף זיך האלטען העפליכער.

— איך געדענק, יונגער מאן, איך געדענק זעהר גוט, אז איהר זענט געווען. — האט דייטליך ארויסגערעדט די אלטיטשקע, און האט נאך אלץ ניט אפגעווענדט איהר פראגענדען בליק פון זיין געזיכט.

— אלזא, הייסט עס... ווידער וועגען אזא מין געשעפטעל... האט ראסקאלניקאוו געזאגט, ווערענדיג עטוואס אונרוהיג און באוואונדערנדיג דעם אונצוטרוי פון דער אלטער.

„און ס׳קען זיין, אז זי איז אפשר שטענדיג אזא, נאר יענעם מאל האב איך מיך ניט צוגעקוקט". האט ער א טראכט געטאן מיט א ניט־אנגענעהמען געפיהל.

די אלטע האט א ווייל׳ע געשוויגען, גלייך ווי זי וואלט זיך מישב זיין, דערנאך האט זי איהם אפגעפיהרט אן א זייט און אנווייזענדיג אויף די טיר אין צימער אריין, האט זי דעם גאסט דורכגעלאזט אפריהער און געזאגט:

— קומט אריין, יונגער מאן.

דאס קליינע צימער, וואוהין דער יונגער מאן איז אריינגעקומען, מיט געלבע טאפעטען, מיט וואזאנעס און טולענע פארהאנגלעך אויף די פענסטער, איז איצט געווען העל באלויכטען מיט די שטראהלען פון דער פארגעהענדער זון. „און ד א מ א ל ס וועט, הייסט עס, אויך אזוי שיינען די זון". איז איהם עפעס גלייך ווי ניט־ווילענדיג איינגעפאלען, און ער האט א ווארף געטאן א געשווינדען בליק אויף אלעס אין צימער, כדי צו אויסלערנען ווי ווייט מעגליך איז און ניט צו פארגעסען די פרטים, וואס קענען איהם שטארק צו ניץ קומען. אין צימער איז אבער ניט געווען קיין זאך, וואס זאל זיך ווארפען אין די אויגען. דאס גאנצע מעבעל אלט, פון געלבען האלץ, איז באשטאנען פון א קאנאפע מיט אן אונגעהויער גרויס אויסגעבויגענע הילצערן ווענטעל, פון א קייל׳עכיג ל׳ענגליכען טיש, וואס איז געשטאנען פאר׳ן קאנאפע, א טואלעטען־טישעל מיט א שפיגעלע אין ווינקעל, שטוהלען אויסגעשטעלט ביי די ווענט, און א צוויי־דריי גראשענע בילדער אין געלבע ראמען, אויף וועלכע ס׳זיינען געווען אויסגעמאלט עפעס דייטשקעס אזעלכע מיט פייגעל אין די הענט — אט דאס איז געווען דאס גאנצע מעבעל. אין א ווינקעל פאר א קליין הייליג בילד האט געברענט א לעמפעלע. אלץ איז געווען זויבער: סיי דאס מעבעל סיי די פאדלאגע, וועלכע איז געווען זעהר פלייסיג פאטירט: אלץ האט געלויכטען. „לי־

זאוועטעם ארבייט". האט דער יונגער מאן א טראכט געטאן. קיין שפריינקעלע האט מען ניט געקענט געפינען אין גאנצען צימער. „דאס איז ביי בייזע אלטע אלמנות אזוי ריין". איז איהם ווידער דורכגע־פלויגען אין מח און ער האט געווארפען א קרומען נייגיריגען בליק אויף דאס ציצענע פארהאנגעל פאר דער טיר, וואס האט געפיהרט נאך אין א קליינטשיק צימערל אריין, וואו ס'איז געשטאנען דער אל־יאנקעוויטש — 3

טערם בעט און א קאמאד און וואוהין ער האט נאך קיין איין מאל ניט אריינגעקוקט. די גאנצע דירה איז באשטאנען פון אט די צוויי צימערן.

— וואס פארלאנגען זיי? — האט די אלטע שטרענג ארויסגע־רעדט, אריינקומענדיג אין צימער און שטעהן בלייבענדיג ווי פריהער גלייך פאר איהם, זי זאל איהם קענען קוקען גלייך אין די אויגען אריין.

— געבראכט א משכון, אט א האט איהר עס!

און ער האט ארויסגענומען פון קעשענע אן אלטען פלאכען זיל־בערנעם זייגער. אויף דער אנדערער זייט פון זייגער איז געווען אויס־געקריצט א גלאבוס. דאס קייטעל איז געווען א שטאלענס.

— אבער ס'האט זיך דאך שוין געענדיגט דער טערמין פון דעם אלטען משכון. נאך אייערנעכטען איז געווארען א מאנאט.

— איך וועל אייך איינצאהלען פראצענט נאך פאר א חודש: איהר וועט מוזען אויפציהען.

— דאס ווענדט זיך שוין אן מיין גוטען ווילען, הערר יונגערמאן, צי אויפציהען צי פארקויפען אייער משכון טאקי באלד.

— און פאר'ן זייגער וועט עפעס זיין א היבש ביסעל געלט, אלענא איוואנאוונא?

— עט, קומסט צו געהן מיט נארישקייטען, הערר יונגער מאן, אודאי גארנישט ווערט. פאר'ן פינגערל האב איך אייך דאמאלס גע־געבען צוויי קארבען, ערשט קען מען עס א נייעם קויפען ביי א גאלד־מאכער פאר צעהן גילדען.

— א רובעל פיער גיט מיר, איך וועל אויסקויפען, דעם פאטערס אן אנדענקונג. איך וועל אין גיכען באקומען געלט.

— אנדערטהאלבען רובעל, און דאס פראצענט־געלט פאראויס, אויב איהר ווילט.

— אנדערטהאַלבען רובעל? — האָט דער יונגער מאַן אויסגע־שריען.

— ווי איהר ווילט אייך.

און די אַלטע האָט איהם דערלאַנגט דעם זייגער צוריק. דער יונגער מאַן האָט איהם צוגענומען און איז אַזוי אויפגעבראַכט גע־וואָרען, אַז ער האָט שוין געוואָלט אוועקגעהן. נאָר האָט גלייך חרטה געהאַט, ווייל ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ס'איז מעהר נישטאָ וואוהין צו געהן און אַז ער איז געקומען נאָך צוליעב אַנ'אַנדער זאַך.

— ווייזט אַהער! — האָט ער געזאָגט מיט כעס.

די אַלטע האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע אַרויסצו־נעהמען די שליסלען און איז אַוועק אין דאָס צווייטע צימער, הינטער'ן פאָרהענגעל. דער יונגער מאַן, וואָס איז געבליבען שטעהן איינער אַליין אין מיטען צימער, האָט זיך נייגיריג צוגעהערט און האָט באַ־טראַכט יעטווידער ברעקעל. עס האָט זיך געלאָזט הערען, ווי זי עפענט דעם קאָמאָד. „קענטיג דער אויבערשטער שופלאָד", האָט ער זיך פאַרגעשטעלט. „די שליסלעך טראָגט זי, הייסט עס, אין דער רעכטער קעשענע... אַלע צוזאַמען, אין אַן אייזערנעם רינג... און צווישען די שליסלען איז פאַרהאַן איינער דריי מאָל די גרויס, מיט צייהנדעלעך, געוויס ניט פון קאָמאָד... הייסט עס, ס'איז נאָך דאָ עפּעס אַ קעסטעל, צי אַ מין רענצעל... אָט דאָס איז זעהר אינטערעסאַנט. ביי רענצ־לעך איז שטענדיג אַזעלכע שליסלען... איבריגענס, ווי מיאוס דאָס איז אַלץ..."

די אַלטע האָט זיך צוריקגעקעהרט.

— אַלזאָ, הערר יונגער מאַן: וויבאַלד צוואַנציג גראָשען אַ חודש פון רובעל, איז קומט פון אייך פון אַנדערטהאַלבען רובעל פופצעהן קאָ־פּיקעס פאַר אַ חודש פאָראויס. היינט פאַר די פריהערדיגע צוויי רובעל קומט נאָך פון אייך לויט דעמזעלבען חשבון צוואַנציג קאָפּי־קעס פאָראויס. צוזאַמען, הייסט עס, פינף און דרייסיג קאָפּיקעס. קומט אייך איצט, פאַר אייער זייגער, אַ קימאַ לן פון אַ רובעל מיט פופצעהן קאָפּיקעס. אָט האָט איהר עס!

— ס'טייטש! קומט שוין איצט בלויז אַ רובעל מיט פופצעהן קאָפּיקעס?

— פונקט אַזוי פיעל.

דער יונגער מאן האט זיך ניט געשפארט און האט צוגענומען דאס געלט. ער האט געקוקט אויף דער אלטער, און האט זיך ניט געאיילט אוועקצוגעהן. גלייך ווי איהם וואלט זיך נאך געגלוסט עפעס זאגען אדער טאן, נאר קלאהר האט ער אליין ניט געוואוסט וואס.

— איך וועל אייך די טעג אפשר ברענגען נאך א זאך... א זילבערנע... א פיינע... אזא מין פארט - טאבאק... ווי נאר איך וועל עס אפנעהמען ביי מיינעם א באקאנטען...

איהם איז געווארען אונאנגענעהם און ער איז אנטשוויגען געווארען.

— וועלען מיר דאמאלסריידען.

— און איהר זיצט אלץ איין שטוב איינע אליין; און די שוועסטער אייערע איז נישטא אין דער היים ? — האט ער געפרעגט ווי ווייט מעגליך רוהיג, ארויסגעהענדיג אין דאס פארהויז.

— וואס איז דאס אייער עסק, יונגער מאן ?

— ניין, איך פרעג זיך גלאט אזוי. איהרווערט שוין גלייך... נו, א גוטען, אלענא איוואנאוונא !

ראסקאלניקאוו איז ארויס אין זעהר אן אומרוהיגער שטימונג, וואס איז אלץ מעהר און מעהר געוואקסען. אראפגעהענדיג פון די טרעפ, אי זער אייניגע מאל שטעהן געבליבען, גלייך ווי פלוצלונג פון עפעס געטראפען. און צום סוף, שוין אויפ'ן גאס, האט ער אויסגעשריגען :

„א, מיין גאט, ווי מיאוס דאס איז אלץ ! און ניט שוין זשע, ניט שוין זשע בין איך... ניין, דאס אי זא פוסטער חלום, דאס איז אונמעגליך ! האט ער ענטשלאסען צוגעגעבען. — ניט שוין זשע האט אזא שרעקליכע זאך מיר געקענט נאך ארויפקומען אויפ'ן זינען ? אויף וואס פאר שמוץ מיין הארץ איז אבער פעהיג ! און דער עיקר — שמוציג, שענדליך, מאוס, מאוס !... און איך האב א גאנצען חודש“...

נאר ער האט ניט געקענט אויסדריקען זיין אויפרעגונג ניט מיט ווערטער און ניט מיט אויסגעשרייען. א געפיהל פון אונענדליכען עקעל, וואס האט איהם גענומען דריקען און פייניגען זיין הארץ נאך דאן, ווען ער איז געגאנגען צו דער אלטער, איז איצט אזוי אויסגעוואקסען און האט זיך אזוי קלאר אויסגעפארמירט, אז ער האט ניט געוואוסט וואו אהינצוטאן זיך פון זיין צער. ער איז געגאנגען איבער'ן

טראַטואַר, ווי א שכור׳ער, האָט ניט געזעהען די פאַרבייגעהער און זיך אלע ווײלע אויף זיי אנגעשטויסען. און ערשט אויף דער צווייטער גאס איז ער געקומען צו זיך. אז ער האָט זיך ארומגעקוקט, האָט ער דערזעהן, אז ער שטעהט נעבען א שיינק: דער אריינגאנג אהין איז געווען צום גאס צו, איבער טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט אין א קעלער־שטוב אראָפּ. פון דער טהיר זיינען גראָד אין דער ווײלע ארויסגעגאנגען צוויי שכור׳ע. און האַלטענדיג זיך איינער אָן דעם אנדערן, האָבען זיי זיך געדראָפּעט אויף דער גאס ארויס, ניט אויפהערענדיג איינער דעם אנדערען צו זידלען אויף׳ן עכט־רוסישען אופן. ניט לאַנג געטראַכט, איז ראַסקאָלניקאָוו אראָפּ אין קעלער־שיינק. ביז זאָהער איז ער נאָך קיינמאָל ניט געווען אין שיינק־הייזער, נאָר איצט האָט איהם געשווינדעלט אין קאָפּ, דערצו נאָך שרעקליך געדאַרשט. איהם האָט זיך פאַרגלוסט אויסצוטרינקען א גלאָז קאַלטען ביער, בפרט נאָך, אז זיין פּלוצליכע שוואַכקייט האָט ער ערקלערט אויך דערמיט. וואָס ער איז געווען הונגעריג. ער האָט זיך פארקליבען אין א פינסטערען שמוציגען ווינקעל, ביי א קלעפּיג טישעל, געהייסען דערלאַנגען ביער און האָט גיריג אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלאָז. גלייך איז איהם געוואָרען גרינגער און זיינע געדאַנקען זיינען געוואָרען קלאָרער. „דאָס איז אלץ נארישקייט“, האָט ער געזאָגט מיט א בטחון־שטים, — „און ס׳איז ניט געווען דאָ וואָס צום הארצען זיך צו נעהמען! ניט מעהר ווי א פיזישע שוואַכקייט! איין גלעזעל ביער, א שטיקעל זעמעל — און אין דעמזעלבען אויגענבליק ווערט שטאַרקער דער מוח, קלאָרער דער געדאַנק, פעסטער די כונות“. טפוי, וואָס פאַר א מיאוס׳ע אָפּגעלאָזענקייט!“... און ניט קוקענדיג אויף דעם דאָזיגען פאַראַכטליכען אויסגעשריי, האָט ער שוין געקוקט לוסטיג, גלייך ווי ער וואָלט זיך פּלוצלונג באַפרייט פון עפּעס א שרעקליכען יאָך, און האָט געוואָרפען א פריינדליכען בליק אויף די אַנוועזענדע. נאָר זאָגאָר אין יענעם מאָמענט האָט ער שוין אויך געהאַט עפּעס אזוי ווי א מין דונקעל פאָרגעפיהל, אז די דאָזיגע אָפּטימיסטישע שטימונג זיינע איז אויך א קרענקליכע און ניט־נאָרמאַלע.

אין שיינק איז צו יענער צייט געבליבען א קליינער עולם. אויסער יענע צוויי שכור׳ע, וואָס ער האָט געטראָפען אויף די טרעפּ, איז גלייך נאָך זיי ארויס א גאנצע חאַליאַסטרע פון א מאַן פינף, מיט א שיקסע

און א הארמאניק. נאך זייער אוועקגאנג איז געווארען שטיל און גע־רוים. עס זיינען געבליבען: איינער א שכור'דער, אבער ניט זעהר, וואס איז געזעסען ביי א פלאש ביער, לויט'ן אויסזעהן א מעשטשא־נין: זיין חבר, א דיקער, א גרויסער, אין א ווארים ליבעל, מיט א גרייז־גרויער באָרד, א טויט־שכור'ער, איז אנטדרעמעלט געווארען אויף דער באנק: פון צייט צו צייט נאר, גלייך ווי פון שלאף, פלעגט ער פלוצלונג אנהויבען צוצוקנאקען מיט די פינגער, אויסשפרייטענדיג די הענט און אונטערשפרינגענדיג מיט'ן אויבערשטען טייל קערפער, ניט אויפשטעהענדיג פון באנק: דערביי האט ער אונטערגעזונגען עפעס א מין משונה'דיג געזאנג און האט זיך געמאטערט צו דערמאהנען די ווערטער פון איהם, ווי דהיינו:

א גאנץ יאהר דאס ווייב געהאלזט,
א גא—אנץ יאהר דאס ווײ—ייב גע—האלזט...

אדער פלוצלונג, זיך ווידעראמאל אויפכאפענדיג:

בין איך אין דער גאס ארוים
און געטראפען צו איהר הויז...

נאר קיינער האט ניט טייל גענומען אין זיין שמחה: דער שוויי־גענדיגער חבר זיינער האט זאגאר פיינדליך און פארדעכטיג געקוקט אויף די אלע העיות זיינע. דא איז אויך געווען נאך איינער א מענש, וואס האט אויסגעזעהן ווי א טשינאווניק אין דימיסיע. ער איז גע־זעסען באזונדער פאר זיין פלאש און גלאז און פון צייט צו צייט פלעגט ער א זופ טאן און זיך ארומקוקען אויף אלע זייטען. ער איז קענטיג אויך געווען א ביסעל אויפגערעגט.

צווייטעס קאפיטעל.

ראסקאלניקאוו איז ניט געוועהנט געווען צו מענשען און, ווי גע־זאגט, פלעגט ער וויינען פון יעטוועדער געזעלשאפט, איבערהויפט די לעצטע צייט. נאר איצט האט איהם פלוצלונג עפעס א ציה געטאן צו מענשען. ס'איז אין איהם ווי פארגעקומען עטוואס נייעס, און צו־גלייך איז אויסגעוואקסען א מין געפיהל, וואס האט איהם געמאכט

שטאַרק ביינקען נאָך מענשען. ער איז אַזוי מיד געווען פון אַ גאַנצען חודש פאַרביטערטען אומעט און מרה־שחורה'דיגער אויפרעגונג, אַז איהם האָט זיך געוואָלט כאָטש איין ווײַלע אָפּרוהען אין אַנ'אַנדער וועלט, וואָס פאַר אַ וועלט דאָס זאָל ניט זײַן, און ניט קוקענדיג אויף די גאַנצע שמוץ, וואָס האָט געהערשט אין שיינק, איז ער דאָרט פאַר־בליבען מיט פאַרגעניגען.

דער בעל־הבית פון שיינק איז געווען אין אַ צווייטען צימער, נאָר ער פלעגט אָפט וויילע אַריינגעהן אין די הויפּט־שטוב, אַראָפּקומענדיג פון ערגעץ־וואו איבער טרעפּ: דערבײַ פלעגען זיך פריהער ווי אַלץ וואַרפען אין די אויגען זיינע פראַנטישע אויסגעפּוצטע שטיוועל מיט גרויסע רויטע אויערן; ער האָט געטראָגען אַ אונטערלײַבעל און אַ שרעקליך פאַרשמאַלצענעם שוואַרצען אַטלאַסענעם זשילעט. אָהן אַ האַלזטוך; זיין גאַנצער פּנים איז ווי געווען אויסגעשמירט מיט פעטס, אַזוי ווי אַ אײַזערנער שלאָס. ביים שיינק־טישעל איז געשטאַ־נען אַ אינגעל פון אַ יאָהר פערצעהן, און נאָך אַ אינגעל, אַ יונגערער, פלעגט דערלאַנגען וואָס מען פלעגט הייסען. ס'זיינען געווען אָנגע־שטעלט אוגערקעס, אָנגעשניטענע אין טעלערלעך, שוואַרץ ברויט און קליינע שטיקלעך פיש; דאָס אַלץ האָט זעהר שלעכט געשמעקט.

די לופט איז געווען אַ פאַרשטיקטע אַזוי, אַז ס'איז פּשוט אונ־מעגליך געווען צו זיצען, און אַלץ איז דאָ אַזוי דורכגעזאָפּט געווען מיט אַ ריח פון בראַנפען, אַז מען האָט, דוכט זיך, פון ריח אַליין געקענט שכור ווערען פאַר איינע פינף מינוט.

עס טרעפען אַזוינע באַגעגענישען מיט גאָר אומבאַקאַנטע מענ־שען, וואָס פאַראינטערעסירען אונז פון דעם ערשטען אויגענבליק אַן, עפּעס אַזוי מיט אַמאָל, פּלוצלונג, איידער מיר זאָגען אַרויס אַ וואָרט. פּונקט אַזאַ איינדרוק האָט אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן געמאַכט יענער גאַסט, וואָס איז געזעסען פון דער ווייטענס און האָט אויסגעזעהן ווי אַ טשי־נאָווניק אין דימיסיע. אין אַ צייט אַרום האָט ער איינינע מאָל דער־מאָהנט אָט דעם ערשטען איינדרוק און האָט זאָגאָר דעריין געזעהן אַ מין פאָרגעפיהל. ער פלעגט אַלע רגע כאַפּען אַ קוק אויפ'ן טשי־נאָווניק, געוויס אויך דערפאַר, מחמת יענער האָט פון איהם אויך קיין אויג ניט אַראָפּגענומען, און עס איז געווען קענטיג, אַז יענעם האָט זיך זעהר געוואָלט צו פאַרפיהרען אַ שמועס. אויף די איבעריגע אָבער, וואָס

זיינען געווען אין שיינק, און דער בעל־הבית אויך צווישען זיי. האָט דער טשינאָווניק געקוקט גאַנץ געוועהנליך, זאָגאַר מיט לאַנגווייליע, צוגלייך עפּעס אַזוי ווי פון אויבען אַראָפּ, ווי אויף מענשען, וואָס שטעהען פיעל נידעריגער אין אַלע פּרטים, מיט וועלכע ער האָט ניט וואָס צו ריידען. דאָס איז געווען אַ מענש פון איבער פופציג יאָהר, מיטעלער וואוקס, פעסט געבויט, די האָהר שוין ערטערווייז גרוי, מיט אַ נאַקעטען קאָפּ, מיט אַן אַנגעגאָסענעם, פון שטענדיגען שכור'ן, גע־זיכט. וואָס איז געווען אַזוי געל, אַז די געלקייט גופא איז אַריינגעפאַלען אין אַ מין גרינקייט. — זיינע וויהעס זיינען געווען פאַרשוואָלענע און פון הינטער זיי האָבען אַרויסגעגלאַנצט קליינטשיגע, ווי שפּעלטעלעך, אָבער באַגייסטערטע רויטליכע אייגלעך. נאָר עטוואָס מערקווירדיגעס איז אין איהם געווען: אין זיין אויג האָט געלויכטען ווי עפּעס אַ מין התלהבות — עס האָט זיך זאָגאַר געזעהען שכל און פאַרשטאַנד, — צו גלייכער צייט האָט אין זיי אָבער אויך געברענט אַ מין וואַהנזין. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַלטען, שרעקליך צוריסענעם שוואַר־צען ראָק מיט אויסגעריסענע קנעפּלעך: בלויז איין קנעפּעל האָט זיך נאָך קוים געהאַלטען. און אויף דעם קנעפּעל פלעגט ער זיך טאַקי פאַר־שפּיליען: ער האָט אָפּנים ניט געוואָלט אינגאַנצען איינרייסען מיט'ן שטאַט. פון אונטער זיין זשילעט פון נאַנקינג־שטאָף האָט אַרויסגע־שטאַרצט אַ מאַנישקע אינגאַנצען אַ צוקנייטשטע, אַן איינגעריבּטע און פאַרגאָסענע: דאָס געזיכט איז געווען אָפּגעראַזירט, אויפ'ן שטייגער פון טשינאָווניקעס, שוין אַזוי לאַנג אָבער, אַז עס האָבען שוין ווי־דער אַרויסגעשפּראָצט געדיכטע בלויליכע האַרטע העהרעלעך. און אפילו די מאַנירען זיינע, זיין אַרט האַלטען זיך, זיינען ווירקליך עפּעס אַזוי ווי געווען פון אַ סאָלידען טשינאָווניק. ער איז אָבער געווען זעהר צוטראָגען, האָט געשויבערט די האָהר און האָט אָפּטמאָל אונטערגע־שפּאַרט, פאַר וועהטאָג, דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, האַלטענדיג די אויסגעריבענע איילענבויגען אויפ'ן פאַרגאָסענעם קלעפּיגען טיש. ענד־ליך האָט ער גלייך אַ קוק געטאָן אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן און האָט הויך און פעסט אַרויסגערעדט:

— זאָל איך מיך דערוועגען, מיין ליעבער העררר, אָנצוהויבען מיט אייך אַן איידעלען שמועס? הגם איהר זעהט טאַקע אויס ניט אַזוי גע־הויבען, דאָך דערקענט אין אייך מיין געניטקייט אַ געבילדעטען מאַן,

וואס איז ניט געוועהנט צום ביטערן טראפען. איך אליין האלט זעהר פון בילדונג, ווען זי איז פארבונדען מיט גוטע מדות, און אויסערדעם בין איך א טיטולארנער סאוועטניק. מארמעלאדאוו — א פאמיליע אזא: א טיטולארנער סאוועטניק. נעהמט ניט פאר אומגוט, דאס איך פרעג אייך — איהר זענט געווען אויף א שטעלע?

— ניין, איך לערן זיך... האט ראסקאלניקאוו געענטפערט: דער דער מאדנער געגרייזעלטער מליצה־טאן, ווי אויך דאס, וואס מען האט זיך צו איהם אזוי גלייך און אהן הקדמות געווענדעט, האט איהם א ביסעל פארוואונדערט. דאכט זיך, ערשט ניט לאנג האט איהם אזוי געצויגען צו מענשען. — און דאך האט איהר ווידער ביים ערשטען ווארט, מיט וועלכען מען האט זיך צו איהם געווענדעט, באהערשט זיין געוועהנליכעם אונאנגענעהמעם און אויפרייצענדעם געפיהל פון עקעל צו יעדען פרעמדען, וואס האט באריהרט אדער בלויז געוואלט באריהרען זיין פערזענליכקייט.

— א סטודענט, הייסט עס, אדער א געוועזענער סטודענט! — האט אויסגעשריגען דער טשינאווניק — איך האב עס גלייך פארשטאנען! ערפאהרונג, מיין הערר, פיעל־געפרובטע ערפאהרונג! — און ער האט צוגעלעגט דעם פינגער צום שטערן, גלייך ווי ער וואלט דערמיט וועלען באשטעטיגען זיינע ווערטער. — זענט איהר געווען, הייסט עס, א סטודענט! ענטשולדיגט, יונגער מאן...

און ער האט זיך אויפגעשטעלט, דערביי שיער נים א פאל געטאן. האט מיטגענומען זיין פלאש און גלעזעל און האט זיך צוגעזעצט צום יונגען מאן. עטוואס אין דער קרום צו איהם. ער איז געווען שכור, האט אבער געהאט אן אמת'ן כח־הדבור און גערעדט מיט א טאלק: זעלטען נאר פלעגט ער ערטערווייז אראפקריכען פון וועג און פלעגט שוין צופיעל פאנאנדערשפרייטען. עפעס מיט א מאדנעם הונגער האט ער זיך אווארף געטאן אויף ראסקאלניקאוו'ן, גלייך ווי ער האט אויך א גאנצען חודש מיט קיינעם א ווארט ניט אויסגערעדט.

— מיין הערר, — האט ער אנגעהויבען מיט א פייערליכען טאן.

— ארימקייט איז קיין שאנד, דאס איז אמת. ווידער וויים איך, אז שכרות איז אויך ניט פון די מדות טובות, און דאס איז אודאי און אודאי. נאר קבצנות, יונגער מאן, קבצנות — דאס איז א שאנדע. אין ארימקייט בלייבט איהר דערזעלביגער איידעלער מאן, מיט די

איינגעבוירענע פיינע געפיהלען. אין קבצנות אבער — קיינמאָל ניט און קיינער ניט. פאַר קבצנות טרייבט מען ארוים ניט נאָר מיט א שטעקען, — מען קעהרט אוים מיט א בעזים פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, די באַליידיגונג זאָל טאַקי דערלאַנגען אין דער זיבענטער ריפּ אריין, און ס'איז א יושר, ווייל אין קבצנות בין איך אליין זיך גרייט תמיד צו באַליידיגען. און פון דאַנען נעהמט זיך דער שיינק! מיין העררר, מיט א חודש צוריק האָט ה' לעבעזיאַטניקאָוו געשלאָגען מיין פרוי, מיין פרוי איז ניט דאָס, וואָס איך! איהר פאַרשטעהט? נעהמט ניט פאַר אומגוט, וואָס איך וועל נאָך ביי אייך פרעגען: האָט איהר ווען גענעכטיגט אויף דער נעווא, אויף די היי־שיפלעך?

— ניין, ניט אויסגעקומען, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געענט־פערט, — וואָס איז ד אַ ס פאַר א זאַך?

— נו, און איך בין פון דאָרטען, שוין די פינפטע נאַכט, יאַ...

ער האָט אָנגעגאָסען א גלעזעל, האָט אויסגעטרונקען און זיך פאַר־טראַכט. אויף זיינע קליידער און אין די האָר אפילו האָבען זיך ער־טערוויז ווירקליך געזעהן צוגעקלעפּטע גרעזלעך היי. עס איז געווען זעהר צו גלויבען, אַז ער האָט זיך פינף טעג ניט אויסגעטאָן און זיך ניט געוואַשען. איבערהויפּט זיינען די הענט ביי איהם געווען שמוציגע, פעטע, רויטע, מיט שוואַרצע נעגעל.

זיין ריידען האָט קענטיג אַלעמען פאַראינטערעסירט, הגם מען האָט זיך צוגעהערט צו איהם מיט א מין פוילקייט. די אינגלעך ביים שיינק־טישעל האָבען גענומען לאַכען אויפ'ן קול, דער בעל־הבית איז, דאַכט זיך בכיוון אַראָפּ פון דעם אויבערשטען חדר: ער האָט גע־וואָלט הערען וואָס אזוינס וועט דער „לץ" זאָגען. ער האָט זיך גע־זעצט פון דער ווייטענס און האָט גענומען גענעצען מיט א פוילער מינע, אבער מעשה־בעל־הבית. מאַרמעלאַדאָוו'ן האָט מען דאָ אפּנים לאַנג געקענט. אפילו די ליעבע זיינע צו מליצות האָט זיך ביי איהם וואהרשיינליך איינגעוואָרצעלט מחמת זיי געוועהנהייט צו אָפטע שיינק־שמועסען מיט פאַרשידענע אונבאַקאַנטע סוביעקטען. די דאָ־זיגע געוועהנהייט גהעט ביי אייניגע שכורים איבער אין א באַדערפע־ניש, איבערהויפּט ביי די־יעניגע, מיט וועלכע מען באַגעהט זיך אין דער היים זעהר שטרענג און וועלכע האָבען נעבעך אויסצושטעהן דאָר־טען קאַלט און וואָרים. און דעריבער זוכען זיי שטענדיג צו פאַרענט־

פערן זיך צווישען די חברה שכורים און פרובען זאגאר פועל'ן, מען זאל פאר זיי האבען א שטיקעל דרך־ארץ.

— א ליגן! — האט הויך א זאג געטאן דער בעל־הבית. — און פארוואס ארבייטסטו ניט, פארוואס זענט איהר ניט אויף א שטעלע, וויבאלד איהר זענט א טשינאווניק?

— פארוואס בין איך ניט אויף א שטעלע, גנעדיגער הערר? — האט אונטערגעכאפט מארמעלאדאוו, זיך ווענדענדיג צו ראסקאלני־קאוו'ן, פונקט ווי ער האט איהם דאס פארגעבען די פראגע, — פאר־וואס בין איך ניט אויף א שטעלע? טוט מיר דען אליין ניט וועה דאס הארץ, וואס איך שלעפ זיך אזוי ארום פוסט און פאס? ווען ה' לעבעזיאטניקאוו האט מיט א מאנאט צוריק מיט זיינע אייגענע הענט געשלאגען מיין פרוי און איך בין דאן געלעגען א שכור'ער, האב איך דען ניט געליטען? נעהמט ניט פאר אומגוט, יונגער מאן, איז אייך ווען אויסגעקומען... הם!... נו, כאטש בעטען געלט אנטלייהען, אהן א האפ־נונג?

— אויסגעקומען... וואס הייסט אהן א האפנונג?

— דאס הייסט, אהן א ברעקעל האפנונג, וויסענדיג פאראויס, אז מען וועט אייך ניט געבען. איהר ווייסט, למשל, אפריהער אויף קלאר, אז דער דאזיגער מאן, דער דאזיגער פיינער בריה און נוצליכס־טער בירגער וועט אייך פאר קיין פאל קיין געלט ניט געבען, ווייל פאר־וואס טאקע, וועל איך אייך פרעגען, זאל ער יא געבען? ער ווייס דאך, אז איך וועל איהם ניט אפגעבען. פון רחמנות וועגען? נאר ה' לעבעזיאטניקאוו, וואס אינטערעסירט זיך זעהר מיט די היינטמאדישע אידעען, האט אנומעלט געגעבען צו פארשטעהן, אז היינטיגע צייטען איז רחמנות שטרענג פארבאטען פון דער וויסענשאפט אליין, און אזוי פיהרט זיך טאקע שוין אין ענגלאנד, וואו ס'איז דא פאליטישע עקאָ־נאמיע. פארוואס־זשע, פרעג איך אייך, זאל ער געבען? אלזא, הייסט עס, ווייסט איהר פאראויס, אז ער וועט ניט געבען און דאך לאזט איהר זיך אין וועג אריין און...

— צו וואס זשע זאל מען געהן? — האט ראסקאלניקאוו אונ־טערגעכאפט.

— און ווי איז, אז ס'איז נישטא צו ווענען, ס'איז מעהר נישטא וואוהין צו געהן! יעדער מענש מוז דאך האבען וואוהין אריינצוגעהן.

מחמת עס מאַכט זיך אַזעלכע צייטן, ווען מען מוז נויטיק, ווי לעבן, ערגעץ אַריינגיין. עס מעג זיך זיין ווער ווייסט וואוהין! ווען מיין איינ־איינציקע טאָכטער איז דאָס ערשטע מאָל אַוועק מיט אַ געלבן בילעט, בין איך אויך דאַמאָלס אַוועק... (מיין טאָכטער, דאַרף איך אייך זאָגן, וואוינט אויף אַ געלבן בילעט... האָט ער צוגעגעבן, וואָר־פענדיק אַן אומרויִקן בליק אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן). די אינגלעך ביים שיינקטישעל האָבן אויסגעבראַכן אין אַ געלעכטער. דער בעל־הבית האָט אויך אַ שמייכעל געטאָן. — ער איז אָבער נישט נתפּעל געוואָ־רען און האָט גלייך ווידער גענומען ריידן, שוין מיט אַ רויִקן טאָן: נישקשה, יונגער מאַן, נישקשה. עס אַרט מיך שוין אַפילו ניט, וואָס מען שאָקלט מיט די קעפּ, ווייל אַלע ווייסן שוין דערפון, און ס'איז נישטאָ קיין סודות פון דער וועלט. און איך פאַרהאַלט זיך דערצו ניט מיט פאַראַכטונג. איך נעם דאָס אָן פאַר ליעב. מילא! מילא! אַ ברירה האָב איך. איצט, יונגער מאַן, וועל איך אייך בעטן, איהר זאָלט מיר זאָגן גלייך אין די אויגן, אַט אַזוי ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך ניט קיין חזיר?

דער יונגערמאַן האָט אַ וואָרט ניט געענטפערט.

— אַלזאָ, הייסט עס, — האָט דער רעדנער ווידער אָנגעהויבן, ניט אַראָפּפאַלענדיק ביי זיך, נאָך פאַרקעהרט, נאָך העכער אויפהויבענ־דיק דעם קול, ווען דאָס געלעכטער, וואָס ער האָט אַרויסגערופן מיט די לעצטע ווערטער זיינע, האָט אויפגעהערט. — אַלזאָ, הייסט עס, בין איך אַ חזיר און זי איז אַ דאַמע! איך בין אַ בהמה בצורת פערד, און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, די פרוי מיינע, — איז אַ געבילדעטע דאַמע אַ פאָלקאָווניק'ס אַ טאָכטער. מילא זאָל זיין אַזוי, איך בין דער גראָבער יונג, זי אָבער האָט אי אַ גוט האַרץ, אי עזהר הויכע געפיהלען, דערצו איז זי נאָך זעהר איידעל ערצויגען. און דאָך... אַ, ווען זי וואָלט מיט מיר מיטלייד געהאַט! מיין הערר! מיין גנעדיגער הערר! יעדער מענש מוז דאָך האָבן אַן אָרט, וואו מען זאָל מיט איהם האָבן מיטלייד! און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אי זאַפּשר זעהר אַ גרויסמוטיגע דאַמע, אָבער אהן יושר... און איך פאַרשטעה אַפילו אַליין, אַז ווען זי רייסט מיר פאַר די האָר, רייסט זי זיי מיר נאָר מחמת איהר גוטסקייט (ווייל איך שעם מיך ניט צו זאָגן אייך נאָכאַמאָל, זי רייסט מיר פאַר די האָר, — האָט ער פאַרזיכערט נאָך מיט מעהר זעלבסטווירדע, דער־

הערענדיג ווידער א געלעכטער). אבער גאט מיין גאט, וואס וואלט זיין ווען זי זאל נאר איין מאל... אבער ניין! דאס איז אלץ דברים בטלים, און נישא ווענען וואס צו ריידען!... ווייל שוין ניט איינמאל איז ערפילט געווארען דער דאזיגער פארלאנג און שוין ניט איינמאל האט מען מיך באדויערט, נאר... שוין אזא טבע ביי מיר, איך בין א געבארענער חזיר!

— א שאלה! האט דער בעל־הבית געזאגט און האט זיך צו־גענעצט.

מארמעלאדאוו האט מיט ענטשלאסענהייט א קלאפ געטאן מיט'ן פויסט איבער'ן טיש.

— שוין אזא נאטור ביי מיר! איהר וועט גלויבען, יונגערמאן, איך האב אפילו די זאקען איהרע פאר'שכור'ט ניט די שיך, דאס וואלט נאך געהאט עפעס א שטיקעל זין, די זאקען אבער, די זאקען איהרע האב איך פאר'שכור'ט! איהרם א האלזטיכעל, איהרם אנ'אייגענע, ניט מיינס, א מתנה נאך פון פאר דער חתונה, אויך פאר'שכור'ט. און וואוינען וואוינען מיר אין א קאלטען לאך, האט זי זיך היינטיגען ווינ־טער פארקיהלט און גענומען הוסטען מיט בלוט. און קליינע קינדער האבען מיר דריי, הארעוועט זי פון פריהמארגען ביז ביינאכט, וואשט און שייערט, באדט די קינדער — פון קינדוויוז אויף געוועהנט גע־ווארען צו ציכטיגקייט, — און א ברוסט האט זי א שוואכע, א שווינד־זיכטיגע, מיינט איהר, פיהל איך דאס ניט? אוי, פיהל איך דאס! און וואס מעהר איך טרינק, אלץ מעהר פיהל איך. און צוליעב דעם טאקע טרינק איך, ווייל איך זוך מיטלייד און רחמנות... איך טרינק, ווייל איך וויל איין צווייען ליידען!

און ער האט טיעף צום טיש, ווי אין פארצווייפלונג, דעם קאפ אראפגעלאזט.

— מיין הערה, — האט ער ווייטער גערעדט, זיך ווידער אויס־גלייכענדיג, — אין אייער געזיכט לייען איך עפעס ווי א טיעפען שמערץ. ווי איהר זענט אריין, האב איך עס איבערגעלעזען, און דע־ריבער טאקע האב איך זיך צו אייך געווענדט, ווייל דערצעהלענדיג אייך מיין לעבענס־געשיכ'טע, בין איך ניט אויסען דערמיט זיך אליין ארויסצושטעלען צו שאנד און שפאט פאר די דאזיגע פוסט־און־פאסטניקעס, וועלכע וויסען סיי ווי סיי פון אלצדינג; נאר איך זוך

א געבילדעטען מאַן, וואָס זאָל מיר קענען מיטפּיהלען. איהר דאַרפט וויסען, אז מיין פרוי איז ערצויגען געוואָרען אין אַנ'אינסטיטוט פאר מיוחס'דיגע אדעל־קינדער, און ביים ענדיגען האָט זי געטאַנצט פאר'ן גובערנאַטאָר און פאר נאָך אַזוינע „פּני", דערפאַר האָט זי געקראָגען א גאָלדענעם מעדאַל מיט א פיינעם אַטעסטאַט. דעם מעטאַל... דעם מעדאַל האָט מען, ברוך השם, פאַרקויפט... שוין לאַנג... יאַ!... און דער אַטעסטאַט ליעגט נאָך עד היום ביי איהר אין קעסטעל; נאָך דאָ ניט לאַנג האָט זי איהם באַוויזען דער בעל־הבית'טע. זי האָט אפילו מיט דער בעל־הבית'טע שטענדיגע קריגעריי, נאָר עס האָט זיך איהר פאַר־וואָלט כאָטש פאר עמיצען זיך א בעריהם טאָן און דערמאַנען די גליק־ליכע פאַרגאַנגענע טעג. און ס'איז ניט קיין עולה, גאָר קיין עולה ניט, ווייל נאָר דאָס איז איהר אין זכרון פאַרבליבען, דאָס איבעריגע איז אוועק מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך! יאַ, יאַ, א הייסע פרוי, א שטאָלצע, א שטאַרקע! די פּאָדלאָגע וואַשט זי אַליין, עסט ברויט מיט וואַסער, אָבער מיט די פיס וועט זי זיך ניט לאָזען טרעטען. דערפאַר טאַקע האָט זי ניט געקאָנט פאַרשוויינען דעם ה' לעבעזיאַטניקאָוו'ן זיין גראָב־קייט, און ווען זי האָט פון איהם דערפאַר געכאַפּט געשלאָגען, האָט זי זיך אוועקגעלעגט ניט אַזוי פון די קלעפּ ווי פון פאַרדרוס. איך האָב זי גענומען אַנ'אַלמנה, מיט דריי קינדער, איינס קלענער פאר'ן אַנדערן. מיט דעם ערשטען מאַן, אַנ'אָפיציער, האָט זי חתונה געהאַט אויס ליעבע און איז מיט איהם אַנטלאָפען פון די עלטערן. דעם מאַן האָט זי שרעקליך ליעב געהאַט, האָט ער זיך אָבער אריינגעלאָזען אין די קאָרטען, געהאַט אויף זיך א משפט און איז דערפון טאַקע געשטאָר־בען. זי איז פון איהם אפילו א קלאַפּ אויך ניט זשעדנע געווען, און כאָטש זי האָט איהם ניט געשוויגען, וואָס איך וויים דאָס אקוראַט פון דאָקומענטען, פונדעסטוועגען דערמאָנט זי איהם עד־היום מיט טרעה־רען אין די אויגען, און וואַרפט מיר אויף מיט איהם; און איך בין צופריעדען, באמת צופריעדען; זאָל זיך איהר כאָטש דאַכטען, אַז זי איז אַמאָל גליקליך געווען... איז זי געבליבען נאָך זיין טויט מיט דריי קליינע קינדער ערגעץ אין א העק, צווישען ווילדע מענשען, און איך בין דאָרט אויך געווען דאַמאָלס. און זי האָט זיך געפונען אין אַזאַ שרעקליכער נויט, אַז איך קען אייך דאָס גאַרניט אויסדערצעהלען. כאָטש איך האָב זיך שוין גענוג אָנגעזעהן אויף מיין לעבען. און די

עלטערן האבען פון איהר ניט געוואלט אפילו הערען, בפרט נאך אז זי איז געווען ביי זיך שטאלץ, שוין צופיעל שטאלץ... דאמאלס, מיין הערר, אין יענער שרעקליכער צייט, האב איך איהר פארגעלעגט, זי זאל מיט מיר חתונה האבען. איך בין אליין געווען אנ׳אלמן מיט א פיערצעהניעהריגער טאכטער פון דעם ערשטען ווייב. איך האב שוין ניט געקענט צוזעהן דעם צער פון איהר. איהר קענט שוין פארשטעהן, ווי גרויס ס׳איז געווען איהר נויט, אז ביי איהר איז געווען רעכט חתונה צו האבען מיט מיר, אזא געבילדעטע, מיט אזא ערציהונג, פון אזא פיינעם יחוס. און זי האט חתונה געהאט! געקלאגט און געוויינט — אבער חתונה געהאט! ווייל ס׳איז ניט געווען וואוהין צו געהן. פארשטעהט איהר פאטש, יונגער מאן, וואס דאס הייסט, ניט האבען וואוהין צו געהן? ניין! דאס פארשטעהט איהר נאך ניט... א גאנץ יאהר האב איך זיך אויפגעפיהרט פיין און לייטיש, איך האב זיך דערצו ניט צוגעריהרט, (ער האט א טיץ געטאן מיט׳ן פינגער אויף די האלבע קווארט), ווייל איך האב א הארץ, וואס פיהלט. נאר דאס האט מיר אויך ניט געהאלפען, און דא האב איך פארלארען די שטעלע, ניט ווייל איך האב מיך פארזינדיגט, — נאר מען האט דאמאלס רעפארמירט די שטאטען, — און דאמאלס האב איך זיך צוגעריהרט!... מיט איאהר אנדערהאלבען צוריק, נאך א היבש ביסעל צרות און נעונד זיין, זיינען מיר אנגעקומען אהערצו, אין דער דאזיגער פראכטפאלער הויפט־שטאדט מיט איהרע קלויסטערס, מאנומענטען, דענקמעלער. און דא האב איך געקראגען א שטעלע. געקראגען און וויעדער פארלארען. איהר פארשטעהט׳ס? שוין צוליעב מיין אייגענער שולד פארלארען, ווייל ס׳איז אנגעקומען מיין ביטערע טבע... און איצט וואוינען מיר אין א ווינקעל ביי אמאליע פעדאראוונא ליפעוועקסעל, און פון וואס מיר לעבען, מיט וואס מיר צאהלען דירה־געלט, דאס וויים איך אליין ניט. אזוי לעבען דארט א סך אויסער אונז... אנ׳איינגשאפט, א טומעל — הימעל עפען זיך... המ... יא... און דערווייל איז אונטערגעוואקסען מיין טאכטער, פון דער ערשטער פרוי, און וואס זי איז זיך נעביך אויסגעשטאנען פון דער שטיפ־מוטער איהרער, — וועגען דעם וועל איך בעסער מאכען א שוויינ, ווייל קאטערינא איוואנאוונא האט אפילו זעהר א גוט הארץ און איז באגייסטערט מיט די גרויסמוטהיגע געפיהלען, נאר זי איז בטבע א הייסגעבארענע, א נער־

וועאישע און ווערט גיך צוקאָכט... יאָ, אַזוי איז דאָס! נאָר ס'איז ניט וועגען וואָס צו ריידען! קיין ערציהונג, קענט איהר זיך אַליין פאָר־שטעלען, האָט סאָניע ניט באַקומען. איך האָב אפילו יאָ געפּרובט באַ־ווייזען איהר מיט אַ יאָהר פיער צוריק געאָגראַפיע און וועלט־געשיכטע; נאָר אַזוי ווי איך בין אַליין ניט קיין גרויסער קענער, דערצו נאָך האָבען געפעהלט די נויטיגע ביכלעך, ווייל די ביכלעך, וואָס זענען יאָ געווען... נו, המ... אָט די ביכלעך זענען שוין אויך ניטאָ, — דערי־בער האָט זיך פון דער גאַנצער תורה גאָרניט אויסגעלאָזען. מיר זענען שטעהן געבליבען ביי כורש מלך פּרס. דערנאָך ערשט, שוין אין די דערוואַקסענע יאָהרען, האָט זי איבערגעלעזען אייניגע ראָמאַנען און דאָ ניט לאַנג האָט איהר דער הערר לעבעזיאַטניקאָוו געקראָגען נאָך אַ ביכעל, „ד י פ י ז י א ל א ג י ע" פון ליואיס — איהר מוזט וויסען — זי האָט דאָס געלייענט מיט גרויס אינטערעס — אפילו פאַר אונז האָט זי עס אויך פאָרגעלעזען שטיקלעכווייז. אָט דאָס איז איהר גאַנצע בילדונג. איצט, מיין הערר, וועל איך אייך פרעגען אַ קשיא, ווי מיינט איהר, קען עפּעס אַ סך פערדיענען אַנ'אָרימע, אָבער אַנ'עהרליכע מיידעל, מיט עהרליכע ארבייט?... קיין גילדען אַ טאָג וועט זי ניט אויסאַרבייטען, אויב זי איז אַנ'עהרליכע און האָט ניט קיין באַזונדערע טאַלאַנטען, איז אויך אויב זי וועט האָרעווען טאָג און נאַכט! און דאָ האָט דער סטאַטסראַטה קלאָפּשטאָק איוואַן איוואַנאָוויטש — איהר האָט געמוזט פון איהם הערען — אָט געגנוג וואָס ער האָט איהר ניט באַצאָהלט געניהע־געלט פאַר אַ האַלב טוץ האָלענדער העמדער, האָט ער זי נאָך מיט בזיונות פון שטוב אַרויסגעטריבען, זיך געזידעלט, גע־טופּעט מיט די פיס, — דער קראַגען איז כלומר'שט געווען צו שמאָל און צו קרום! און די קינדערלעך זענען געביך הונגעריג... און קאַטע־רינאַ געהט אום איבער'ן צימער מיט פאַרבראָכענע הענט און אויף די באַקען פּרעטען איהר אַרויס רויטע פלעקען — אַ סימן פון דער דאַזי־גער קרענק. „זיצסט זיך דאָ ביי אונז אין דער וואָרים, דו הולטייקע איינע, עסט און טרינקסט", אַזוי זאָגט זי צו מיין טאָכטער. שוין אַז אַך און וועה צו דעם עסען און טרינקען, אַז אפילו די קליינע קינדער־לעך האָבען שוין אויך דריי טעג אין זייער מויל ניט געהאַט! בין איך געלעגען דאַמאָלס... נו, מילא וואָס וועל איך זיך דאָ באַהאַלטען! געלעגען שכור! הער איך, מיין סאָניע זאָגט (אַ שטילע טויב

איז זי, און א קויל'כעלע האט זי אזא ווייכס... אליין איז זי א בלאנ־דע, דאס געזיכט בלאס, דאר): „וואס זשע ווילט איהר, קאטערינא איוואנאוונא, איך זאל געהן אויף אזא זאך?" און דאריא פראנצאוונא, א מאוס'ע פרוי, וואס מען קען זי אין פאליציי ווי א בייזען שילינגער, האט זיך שוין דר יימאל אנגעפרעגט דורך דער בעל־הבית'טע. „פאר־וואס ניט, — ענטפערט קאטערינא איוואנאוונא, מיט א שמייכעל נאך דערצו — וועסט עס האלטען אויף יקרות? א טייערע מציאה!" נאר ניט באשולדיגט זי, יונגער מאן, ניט באשולדיגט זי! דאס איז געזאגט געווארען ניט בייט קלארען פארשטאנד, נאר ביי אויפגערעגטע געפיהלען, קראנקערהייט, ביי א געוויין פון טויט־הונגעריגע קינדער: און זי איז אייגענטליך דערמיט אויסען געווען ניט מעהר ווי זי צו באליידיגען. אזא נאטור האט זי שוין, מיין פרוי. א זייגער זעקס, זעה איך, מיין סאניטשקע איז אויפגעשטאנען, האט אנגעטאן א טיכעל אויפ'ן קאפ, האט אנגעטאן איהר מאטעלע און איז ארויס פון שטוב, און ניין דעם זייגער איז זי ווידער צוריקגעקומען. געקומען, גלייך צו קאטערינא'ן צוגעגאנגען, און האט איהר שווייגענדיג אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש דרייסיג קארבען. א ווארט האט זי ני טארויסגערעדט, האט אפילו אנ'איבעריגען קוק ניט געטאן, האט נאר גענומען א גרוים גרין טיכעל, פארדעקט מיט איהם דעם קאפ און דאס געזיכט און זיך אוועקגעלעגט אין בעט, מיט'ן קאפ צום וואנט, און נאר די פלייצעס איהרע און דאס קערפער'ל האבען געציטערט... און איך בין נאך אלץ אזוי געלעגען ווי פריהער... האב איך דאמאלס געזעהן, יונגער מאן, האב איך געזעהן, ווי קאטערינא איז דערנאך צוגעגאנגען צו סאניטש־קעס בעט, ניט אויסריידענדיג קיין איין ווארט, און איז א גאנצען אבענד אפגעשטאנען פאר איהר אויף די קניה, האט איהר די פיס געקושט, האט ניט געוואלט אויפשטעהן, און אזוי זענען זיי ביידע אנטשלאפען געווארען, ארומגענומענערהייט... ביידע... ביידע... יא... און איך... בין געלעגען עלענד־שכור.

מארמעלאדאוו איז אנטשוויגען געווארען, גלייך ווי ס'וואלט איהם דער אטעם פארכאפט. דערנאך האט ער מיט אמאל האסטיג אנגע־גאסען נאך א גלעזעל, האט אויסגעטרונקען און א קרעכץ געטאן.

— פון דאמאלס אן, מיין הערר, — האט ער ווידער אנגעהויבען, נאך א קליינעם שווייגען, — פון דאמאלס אן האט מיין טאכטער

סאָפּיא געמוזט ארויסנעהמען א געלען בילעט. דאָס האָבען איהר בייזע ציינגער פאַר׳מסר׳ט, און איבערהויפּט דאַריא פּראָנצאָוונא; זי האָט אויף איהר געהאַט א הארץ דערפאַר, וואָס מען האָט איהר כלומר׳שט קיין כבוד ניט אָפּגעגעבען. אלזא האָט זי מיט אונז צוזאַמען שוין ניט געקענט לעבען, ווייל די בעל־הבית׳טע אונזערע אמאַליע האָט עס ניט געוואָלט דערלאָזען (און פריהער האָט זי דערינען אליין געהאָלפען דאַריא׳ן), היינט דערצו נאָך האָט זיך אריינגעמישט דער ה׳ לעבעזיאַטניקאָוו... צוליעב סאָניען טאַקע האָט זיך דאָס אָנגעהויבען די גאַנצע חתונה צווישען איהם און קאַטערינא׳ן. פריהער האָט ער סאָניטשקען אליין ניט געלאָזט רוהען, און דאָ איז ער פּלוצלונג געוואָרען דער גרויסער צדיק: „סטייטש, איך, אזא אויפגעקלערטער מאַן, וועל וואוינען צוזאַמען מיט אזוינער און אזוינער?“ האָט איהם קאַטערינא ניט געשוויגען, זיך אָנגענומען... איז געוואָרען א חתונה... און איצט קומט סאָניטשקע צו אונז אריין נאָר פאַרנאַכטליך; העלפט אונטער קאַטערינא׳ן, גיט איהר וויפיעל זי קען נאָר... און וואוינען וואוינט זי ביי איינעם א שניידער קאַפּערנאַאומאָוו; אליין איז ער א הינקענדיגער און א זאַהיקע, און זיין גאַנץ געזינדעל — א היבש ביסעל נפשות — זענען אויך זאַהיקעס; און דאָס ווייב זיינס איז אויך א זאַהיקע.“ וואוינען אלע אין איין צימער, און סאָניע האָט זיך איהרס א באַזונדער צימערל אָפּגעצאַמט... הם... יאָ... גרויסע קבצנים און זאַהיקעס... יאָ... ווי נאָר איך בין דאַמאָלס אין דער פריה אויפגעשטאַנען, האָב איך אָנגעצויגען אויף מיר די שמאַטעס מיינע, האָב אויפגעהויבען די הענט צום הימעל און בין אוועק צו „זיין פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ“ איוואַן אַפאַנאַסיעוויטש — איהר קענט איהם?... ניין?... נו, קענט איהר ניט קיין געטליכען מאַן! דאָס איז א מלאך — ניט קיין מענש... ווייך ווי א פּוטער!... האָט זיך פון טרעהרען ניט געקענט איינהאַלטען, אז ער האָט אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע. „נו, מאַרמעלאַדאָוו, זאָגט ער צו מיר, איך האָב זיך שוין איינמאָל גענאַרט אין דיר... דאָך נעהם איך דיך נאָך אמאָל אויף מיין איינגענע אחריות“, — מיט די ווערטער האָט ער מיר געזאָגט. — „געדענק־זשע! און געה געזונט!“ האָב איך געקושט די טריט זיינע, אין געדאַנק, פאַרשטעהט זיך, ווייל אויך אנ׳אמת וואָלט ער ניט ערלויבט: ער פאַרנעהמט א הויכע שטעלע און איז א געבילדעטער און

פריידנקענדער מענש: ביז איך געקומען אהיים און האב דערצעהלט. אז מען האט מיך ווידער צוגענומען אויף דער שטעלע און אז איך קריג ווידער געהאלט, — מילא וואס ס'האט זיך דאמאלס ביי אונז אפגעטאן, קענט איהר זיך דאס גארניט פארשטעלען...

מארמעלאדאוו איז ווידער געבליבען שטיל, שטארק אויפגערעגט. אין דער ווייל איז אין שיינק אריינגעקומען פון גאס א גאנצע חברה שכורים; עס האט אנגעהויבען צו שפיעלען א קאטערינקע, און א הייזעריג קינדערש קול'כעל האט געזונגען עפעס א ליעדעל. ס'איז געווארען טומלדיג. דער בעל־הבית מיט די באדיענטע זיינען געווען פארטראגען מיט די אנגעקומענע געסט. מארמאלאדאוו האט זיך אויף זיי אפילו ניט אומגעקוקט און האט ווידער גענומען דערצעהלען. עס איז געווען קענטיג, אז ער איז זעהר אפגעשוואכט, נאר וואס מעהר שכור ער איז געווארען, אלץ גערעדוודיגער איז ער געווארען. ער האט ווי אפגעלעבט, אז ער האט זיך דערמאנט וועגען דעם ערפאלג, וואס ער האט ערשט דא ניט לאנג געהאט אויף דער שטעלע. דאס געזיכט האט איהם גענומען שיינען. ראסקאלניקאוו האט אויפמערקזאם געהערט...

— און דאס איז געווען, מיין הערר, מיט א וואכען פינף צוריק... יא... ווי נאר זיי האבען זיך ביידע דערפון דערוואוסט, קאטערינא מיט סאניטשקען, ביז איך אריינגעפאלען אין אנ'אמת'ן גן־עדן. פריהער, ווען איך פלעג ליעגען ווי א דבר־אחר, איז געווען נאר געזידעלט זיך. נאר געשאלטען! און איצט: מען געהט אויף די שפיץ פינגער, מען לאזט ניט די קינדער א פיפס צו טאן: „סעמיאן איז מיעד פון דער שטעלע, האט זיך צוגעלעגט אפרוהען, ש ש ש!..." מען גיט מיר אלע אין דער פריה קאווע, און פוטער מיט ברויט! אמת'ע שמאנט־פוטער האט מען מיר גענומען געבען, איהר הערט! און פון וואנען האבען זיי מיר צונויפגעשלאגען עלף רובעל מיט פופציג קאפיקעס אויף צו באקליידען מיך, פארשטעה איך ניט. שטיוועל, מאנישקעס לייווענטענע — גרויסארטיגע, א וויצמונדיר — פאר עלף רובעל מיט פופציג קאפיטעס האבען זיי מיר דאס אלץ געמאכט — און אויפ'ן שעהנסטען אופן. ביז איך דאס ערשטע מאל געקומען פון דער שטעלע אהיים. ערשט איך זעה, קאטערינא האט צוגעריכט צוויי געריכטען, א זופ און א געבראטענס מיט חריין; ביז אהער האט מען ביי אונז דערפון

אפילו קיין באגריף ניט געהאַט. זי האָט, דאַכט זיך, גאָר קיין קליידער ניט געהאַט, אָבער טאַקע גאָרניט, און דאָ האָט זי זיך אויסגעפּוצט, ווי מען זאָגט, אין עסיג און אין האָניג, כאָטש נעהם און געה אין געסט. מיינט איהר, זי האָט אָנגעטאָן עפּעס א רעכטע זאַך, עס הויבט זיך גאָרניט אָן! פון גאָרנישט קענען זיי אייך אלץ מאַכען, די ווייבער: מען פארקעמט זיך, מען געפינט עפּעס א קראַגעלע אזעלכעס, א ריינס, מאַנקעטלעך — און מען קריגט גאָר אַנ'אנדער פּנים — אי יונגער אי שעהנער. סאָניטשקע, מיין טייבעלע, האָט גאָר מיט געלד געהאָל־פען; אליין אָבער, זאָגט זי, פּאַסט מיר איצט צו אייך ניט אריינצור־קומען, סיידען ווען פאַרנאַכטליך, קיינער זאָל ניט זעהן. איהר הערט, איהר הערט? געקומען נאָך מיטאָג כאַפּען א דרעמעל, איז וואָס זשע מיינט איהר? האָט זי ניט אויסגעהאלטען, קאטערינא, הייסט עס: ערשט פאר־אַכטאָגען האָט זי זיך אויף טויט צוקריעגט מיט דער בעל־הבית'טע, און איצט רופט זי איהר אויף א גלעזעל קאַווע. א שעה צוויי זיינען זיי געזעסען און זיך אלץ געשושקעט: „מיינער האָט שוין, גאָט צו דאַנקען, געקראָגען א שטעלע מיט געהאַלט. ער איז געגאַנגען צו „זיין פּרעוואָסכאָדיטעלסטווא“, איז „זיין פּראָוואָסכאָדיטעלסטוואָ“ אריין ארויסגעגאַנגען, האָט אלעמען געהייסען וואַרטען און סעמיאָן זאַכאַריטש'ן האָט ער גענומען פאר'ן האַנט און האָט איהם פאר אלע־מען אין די אויגען אריינגעפיהרט אין קאָבינעט אריין“. איהר הערט, איהר הערט! „איך געדענק זעהר גוט אייערע פאַרדיענסטען, — האָט ער געזאָגט צו סעמיאָנען — און כאָטש איהר האָט א שוואַכקייט צום ביטערן טראָפּען, נאָר וויבאלד איהר זאָגט מיר צו, און ווייל אָהן אייך קענען מיר, דעם אמת זאָגענדיג, ניט אויסקומען (איהר הערט, איהר הערט!) פארלאָז איך זיך אויף אייער עהרען־וואָרט“. אזוי דערצעהלט זי דאָס, קאַטערינא הייסט עס, דער בעל־הבית'טע אונזערער, אלץ פון קאָפּ אויסגעטראכט, מיינט ניט, צוליעב פוסטע באַריהמעריי! ניין, זי גלויבט טאַקע אליין אין דעם, טרייסט זיך מיט אויסגעטראַכטע חלומות, אויף מיינע נאמנות! און ס'איז ניט קיין עולה, גאָר קיין עולה ניט! און אז איך האָב מיט זעקס טעג צוריק געבראַכט צום ערשטען מאָל דאָס גאַנצע געהאַלט מיינס — דריי און צוואַנציג רובעל מיט פער־ציג קאָפּיקעס — האָט זי מיך אָנגערופען מיין גאָלד: „אַך, זאָגט זי, מיין גאָלד!“ אונטער פיער אויגען, איהר פארשטעהט? און שוין, אז

אך און וועה, דאכט זיך, צו מיין שעהנקייט. וואס פאר א מאן איך בין — אויף מיינע שונאים געזאגט געווארען — און גארניט — זי האט מיר א קניפ געטאן אין באק און געזאגט: „אך, מיין גאלד!“

מארמעלאדאוו איז איינשווייגען געווארען, געוואלט א שמייכעל טאן, נאר פלוצלונג האט ביי איהם נענומען ציטערן די אונטערשטע ליפ. דאך האט ער זיך איינגעהאלטען. דער דאזיגער שיינק, דאס פאר׳שכור׳טע פנים, די פינף נעכט אויף די היי־שיפלאך און דערצו נאך די דאזיגע קרענקליכע ליעבע זיינע צו ווייב און קינדער האבען גאר איננאנצען צוטומעלט זיין צוהערער. ראסקאלניקאוו האט זיך צוגע־הערט מיט געשפאנטער אויפמערקזאמקייט און מיט עפעס א שמערצ־ליכען געפיהל. איהם האט פארדראסען, וואס ער איז אהער אריין.

— מיין הערר, — האט מארמעלאדאוו אויסגעשריגען, קומענדיג צו זיך, — א, מיין הערר, פאר אייך איז דאס אפשר ניט מעהר ווי א געלעכטער, אזוי ווי פאר פיעל אנדערע, און איך דול אייך בלויז דעם קאפ מיט די אלע נארישע מעשיות און קליינליכע פרטים פון מיין לעבען אין דער היים, מיר איז אבער גארניט אין קאפ צו לאכען! ווייל דאס אלץ קען איך פיהלען... און דעם גאנצען טאג דאמאלס, דער גליק־ליכסטער טאג פון מיין לעבען, און דעם גאנצען אבענד האב איך פאר־בראכט אין אזעלכע פרעהליכע חלומות: ווי איך וועל דאס אלצדינג צו רעכט מאכען, באקליידען די קינדערלעך און איהר וועל איך לאזען אפרוהען און וועל מיין איינציגע טאכטער אויסלייזען פון די נעץ פון זינד און וועל זי אומקעהרען אהיים... און נאך און נאך... דאס מעג מען, מיין הערר, יא, (מארמעלאדאוו האט פלוצלונג ווי א שוידער גע־טאן, האט אויפגעהויבען דעם קאפ און א קוק געגעבען דעם צוהערער גלייך אין די אויגען אריין). יא! און אויף מארגען נאך די דאזיגע פאנטאזיעס (דאס הייסט, פונקט מיט פינף מעת־לעת צוריק). פאר־נאכטליך שוין האב איך ווי א פשוט׳ער גנב ארויסגע־גנב׳ט ביי קאַ־טערינא׳ן דעם שליסעל פון איהר קעסטעל, האב ארויסגענומען וואס עס איז נאך געבליבען פון דעם געהאלט, וואס איך האב געבראכט. — איך געדענק שוין ניט וויפיעל. —און אט ווי איהר קוקט מיך איצ־טער אלע אן! שוין דעם פינפטען טאג פון דער היים, און דארט זוכט מען מיר, און שוין א סוף צו דער שטעלע, און דער וויצמונדיר ליעגט שוין אין א שיינק ערגעץ ביים עגיפטישען טויער, איך האב איהם אויס־

געביטען אויף די דאָזיגע שענע מלבושים... און א סוף צו אלצדינג!

מאַרמעלאַדאָוו האָט זיך א קלאַפּ געטאָן מיט'ן פויסט אין שטערן, האָט צונויפגעדריקט די ציינער, פאַרמאַכט די אויגען און זיך שטאַרק אנגעשפּאַרט מיט'ן איילענבויגען אַן טיש. נאָר אין א ווײַלע ארום האָט זיך זיין געזיכט פּלוצלונג געביטען און עפּעס אזוי ווי מיט א מין גנב'ישער געמאַכטער מינע האָט ער חוצפּה'דיג א קוק געטאָן אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן, זיך צולאַכט און ארויסגערעדט:

— און היינט בין איך געווען ביי סאָניען, געגאַנגען בעטען אויף א שנאַפּס! חאַ-חאַ-חאַ!

— נו, און זי האָט טאַקע געגעבען? האָט א געשריי געטאָן איי-נער פון די אריינגעקומענע און זיך צולאַכט אויפ'ן קול.

— אָט די האַלבע קוואַרט טאַקע פאַר איהר געלט געקויפט, — האָט מאַרמעלאַדאָוו געזאָגט, זיך ווענדענדיג בלויז צו ראַסקאָלניקאָוו'ן. — דרייסיג קאָפּיקעס מיר ארויסגעטראָגען, אליין מיט איהרע אייגענע הענט, די לעצטע דרייסיג קאָפּיקעס איהרע, כ'האָב אליין געזעהן... האָט גאָרניט געזאָגט, האָט מיך נאָר שווייגענדיגערהייט אנגעקוקט... אזוי קוקט מען ניט אויף דער ערד, נאָר דאָרטען... דאָרטען, וואו מען איז זיך מצער און מען באַוויינט די מענשען; אָבער שטראָפט שטראָפט מען ניט, מען שטראָפט ניט! און עס טוט נאָך מעהר וועה, ווען מען שטראָפט ניט, נאָך מעהר וועה!... דרייסיג קאָפּיקעס. יאָ, זי דאַרף זיי דאָך איצט אליין האָבען, האָ? ווי מיינט איהר, מיין טייערער? זי דאַרף דאָך איצט אַפּהיטען ריינקייט! עס קאָסט געלט אָט די ריינקייט, ס'איז גאָר א באַזונדער מין ריינקייט, איהר פאַרשטעהט? איהר פאַר-שטעהט? נו, דאָרט א זאַלב קויפען, מען קען דאָך אנדערש ניט; א אנגעקראָכמאַלט קלייד, א שיכעלע עפּעס אזא, א קנאַקענדיגס, דאָס פיסעלע ארויסצושטעלען, ווען עס מאַכט זיך דורכצוגעהן א קאַליזשע. איהר פאַרשטעהט, יונגער מאַן, איהר פאַרשטעהט, וואָס אזא מין ריינ-קייט באַטייט? און איך, אנ'אייגענער פאָטער, האָב ביי איהר ארויס-געשלעפּט די דאָזיגע דרייסיג קאָפּיקעס אויף א שנאַפּס! און שכור! און שוין טאַקע פאַר'שכור'ט! נו, ווער זשע, פרעג איך אייך, וועט רחמנות האָבען אויף אזוינעם ווי איך? האָט איהר איצט אויף מיר רחמנות צו ניט? זאָג, הערר יונגער מאַן, האָסט רחמנות צי ניט? חע-חע-חע-חע!

ער האָט ווידער געוואָלט אַנגיסען א גלעזעל, נאָר ס'איז שוין ניט געווען וואָס, די האַלבע קוואַרט איז געווען ליידיג.

— וואָס טאַקע פאַר א רחמנות אויף דיר? — האָט אויסגע־שריען דער בעל־הבית, וואָס איז שוין ווידער געשטאַנען נעבען זיי.

עס האָט אויסגעבראָכען א געלעכטער און ס'האָבען זיך געלאָזט הערען זידלערייען. עס האָבען געל::כט און זיך געזידעלט די וואָס האָבען געהערט און די וואָס האָבען ניט געהערט, אזוי זיך, נאָר אָנ־קוקענדיג די גאַנצע געשטאַלט פון דעם טשינאָווניק אין דימיסיע.

— רחמנות האָבען! פאַרוואָס אויף מיר רחמנות האָבען! — האָט מאַרמעלאַדאָוו פּלוצלונג ארויסגעדונערט, אויפשטעהענדיג מיט אַנ'אויסגעשטרעקטער האַנט, אין אַנ'אמת'ער באַגייסטערונג, גלייך ווי ער האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף די דאָזיגע ווערטער: — פאַרוואָס רחמנות האָבען, זאָגסטו? געוויס! נישטאָ פאַרוואָס אויף מיר רחמנות האָבען! מען דאַרף מיך הענגען, ניט רחמנות האָבען! הענג אָבער, דו ריכטער, שטראָף, און שטראָפענדיג האָב מיטלייד! וועל איך דאַמאָלס אליין געהן צו דיר נאָך שטראָף, ווייל איך זוך ניט קיין פרייד, — טרערען זוך איך, טרערען און שמערץ!... דו מיינסט אודאי, אז דיין האַלבע קוואַרט האָט מיר פערגניגען פאַרשאַפט? שמערצען, שמער־צען האָב איך דאָרט געזוכט, שמערצען און טרערען, — און איך האָב געטרונקען און געפונען: און רחמנות וועט אויף אונז האָבען ד ע ר, וואָס איז א בעל־מרחם אויף אַלעמען, ד ע ר, וואָס פאַר־שטעהט אַלץ און אַלעמען; ער איז דער איינציגער, און ער וועט אונז משפּט'ן. ער וועט קומען אין דעם יום־הדין און וועט פרעגען: „און וואו איז די טאָכטער. וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר א בייזער שווינד־זיכטיגער שטיפמוטער, פאַר פרעמדע קליינע קינדער? וואו איז די טאָכטער, וואָס האָט רחמנות געהאַט אויף איהר פאָטער, אויף דעם ביטערן שכור, וואָס האָט פאַרלאָרען זיין מענשליכע געשטאַלט?" און ער וועט זאָגען: „קום! איך האָב דיר שוין איינמאָל מוחל געווען... איינמאָל מוחל געווען... און איך בין דיר איצט אויך מוחל דיינע פיעלע זינד, ווייל דו האָסט פיעל ליעבע געהאַט צו מיינע אָרימע באַ־שעפענישען"... און ער וועט מוחל זיין מיין סאָניען, ער וועט מוחל זיין, איך וויים, אז ער וועט מוחל זיין... איך האָב עס פריהער, בעת איך בין ביי איהר געווען, דערפיהלט אין מיין האַרצען!... און אַלעמען

וועט ער משפּט'ן און וועט זיי מוחל זיין, סיי די גוטע סיי די שלעכ־טע, סיי די חכמים סיי די שטילע... און אז ער וועט מיט זיי אַלע־מען ענדיגען, וועט ער אויך צו אונז אויסרופען און וועט זאָגען: „קומט אהער איהר שכור'ע, קומט אהער, איהר שוואַכינקע, קומט אהער איהר אַלע, וואָס האָבען שוין חרפּה און בושה פאַרלאָרען". און מיר וועלען קומען, מיר וועלען זיך ניט שעמען און מיר וועלען פאַר איהם שטעהן בלייבען. וועט ער זאָגען: „איהר זענט חזירים! איהר האָט שוין פאַרלאָרען אייערע מענשליכע געשטאַלט, געוואָרען אמת'ע חיות; אָבער קומט אהער, איהר אויך!" וועלען פרעגען די קלוגע, וועלען פרעגען די חכמים: „רבונו של עולם! פאַרוואָס נעהמסטו צו אָט די דאָזיגע?" וועט ער זאָגען: „איך נעהם זיי צו דערפאַר, איהר קלוגע און חכמים, ווייל קיין איינער פון זיי האָט ניט געהאַלטען, אז ער זאָל דאָס ווערט זיין"... און ער וועט אונז אויסשטרעקען די הענט זיינע, און מיר וועלען אַלע כורעים פאַלען... און וועלען זיך צעוויינען... און וועלען אַלץ פאַרשטעהן! דאַן וועלען מיר אַלץ פאַרשטעהן!... און אַלע וועלען פאַרשטעהן... און קאַטערינא וועט אויך פאַרשטעהן!...

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער באַנק, אויסגעמוטשעט און אָפּגעשוואַכט: ער האָט אויף קיינעם ניט געקוקט, גלייך ווי ער וואָלט פאַרגעסען אַלעם אַרום איהם, און זיך שטאַרק פאַרטראַכט. זיינע ווערטער האָבען געמאַכט אַ שטיקעל רושם: אויף אַ ווייַלע איז שטיל געוואָרען, אָבער באַלד האָט זיך ווידער געלאָזט הערען אַ הילכיג געלעכטער און זידלעריי.

— צוגע'פּסק'ענט!

— ניט שלעכט גע'דבר'ט!

— אַ שענער טשינאָווניק!

— א. אז. וו. א. אז. וו.

— קומט, מיין הערר, — האָט מאַרמעלאַדאָוו פּלוצלונג אזאָג געטאָן, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ און זיך ווענדענדיג צו ראַסקאָלניקאָוו'ן — פיהרט מיך אונטער... קאָזעלס הויז, אין הויף אריין. ס'איז שוין צייט... צו קאַטערינא'ן...

ראַסקאָלניקאָוו האָט שוין לאַנג געוואָלט אוועקגעהן: ער האָט שוין אָבער אַליין אַ טראַכט געטאָן וועגען העלפען מאַרמעלאַדוו'ן. מאַר־מעלאַדאָוו איז אויף די פיס געווען שוואַכער, ווי אויף דער צונג, און

ער האט זיך פעסט אנגעהאלטען אן דעם יונגען מאן. מען האט גע־דארפט אבגעהן ביי א צוויי־הונדערט טריט. וואס נאהענטער דער שכור'ער איז צוגעקומען צו זיין היים, אלץ גרעסער איז געוואקסען זיין אומרוהיגקייט און שרעק.

— ניט פאר קאטערינא'ן האב איך איצט מורא, — האט ער געשטאמעלט אין גרויס אויפרעגונג, — און אויך ניט דערפאר, וואס זי וועט מיר דיר האר רייסען. א גרויסע זאך — האר!... דאס איז גראד גארנישט ניט ווערט!... אזוי זאג איך... ס'איז אפילו בעסער, אז זי וועט מיר פאר די האר רייסען. און ניט דערפאר האב איך מורא... איך האב פאר די אויגען איהרע מורא... יא... פאר די אויגען... און פאר די רויטע פלעקען אויפ'ן פנים האב איך אויך מורא... און פאר איהר אטעמען... האסטו ווען געזעהן. ווי מען אטעמט איז דער דאזיגער קרענק... ווען די געפיהלען זענען אויפגערעגט? פאר די קינ־דערס געוויין האב איך אויך מורא... ווייל אויב סאניע האט זיי ניט געבראכט עפעס עסען, ווייס איך שוין אליין ניט וואס! איך ווייס ניט! און פאר קלעפ האב איך ניט קיין מורא... זיי ווייסען, אז די דאזיגע קלעפ געניגן וואס זיי טוען מיר ניט וועה, פארשאפען זיי מיר נאך א פארגניגען... ווייל אהן דעם קען איך גאר ניט אויסקומען. ס'איז בעסער, זאל זי שלאגען, עס ווערט דערפון גרינגער אויפ'ן הארצען... ס'איז בעסער.... נאר אט איז דאס הויז, קאזעלס הויז, א רייכער דייטש, א שלאסער... פיהר מיך!

זיי זיינען אריין דורכ'ן הויף און ארויפגעקומען אויפ'ן פערטען שטאק. וואס ווייטער אויף די טרעפ אלץ פינסטערער איז געווארען. ס'איז שוין געווען באלד א זייגער עלף, און כאטש אין פעטערבורג איז אין דער צייט נים רעכט פינסטער, דאך איז אויבען אויף די טרעפ געווען זעהר פינסטער.

די קליינע פעררויכערטע טיר אויבען אויף די טרעפ, דארט וואו זיי האבען זיך שוין אויסגעלאזט, איז געווען אפען. א חלב'ן ליכטעל האט באלויכטען זעהר אנ'ארים צימער, א טריט צעהן די לענג; דאס גאנצע צימער האט מען געזעהן פון פאָרהויז. אלץ איז געווען אנגע־ווארפען אין דער גרעסטער אונארדנונג, איבערהויפט פארשידענע קינ־דערשע שמאטעס. אין א ווינקעל איז געווען איבערגעצויגען א לייי־לעך, פול לעכער, הינטען האט געמוזט שטעהן א בעט. אין צימער

אַליין האָבען זיך געפונען בלויז צוויי שטולען און א קאַנאַפּע מיט א צופליקטען סאַראַטענעם איבערציה. פאַר דער קאַנאַפּע איז געשטאַנען אַן׳אַלטער סאָסנאָווער ניט־געפאַרבטער טיש אָהן א טישטעך. אויפ׳ן ברעג טיש איז געשטאַנען אַן׳אויסגעהענדיג חלב׳ן ליכטעל אין אַן׳אייזערנעם לייכטער. ס׳איז אויסגעקומען, אז מאַרמעלאַדאָוו האָט פאַרנומען א באַזונדער צימער, און ניט קיין ווינקעל, נאָר דאָס איז געווען א דורכגאַנגס־צימער. די טיר, וואָס האָט געפיהרט אין די איבריגע צימערן אָדער קעסטעלער, אין וועלכע אַמאָליעם דירה איז געווען איינגעטיילט, איז געווען עטוואָס אויפגעמאַכט. פון דאָרט האָט זיך געטראָגען טומעל און געפּילדער. מען האָט הויך געלאַכט. מען האָט אַפּנים געשפּיעלט אין קאָרטען און געטרונקען טיי. עס פלעגען אַמאָל פאַרפליהען ווערטער, נאָר ניט קיין אַנשטענדיגע.

ראַסקאָלניקאָוו האָט גלייך דערקענט קאַטערינאַ׳ן. דאָס איז געווען א שרעקליך אַפּגעצעהרטע פרוי, דין און דאַר, גאַנץ הויך און שלאַנק, נאָך מיט הערליכע טונקעל־בלאָנדע האָר און מיט רויט־צעפלעקטע באַקען. זי איז געגאַנגען אויף און אַפּ איבערן קליינעם צימער, די הענט צונויפגעדריקט אויפ׳ן האַרצען, מיט פאַרשמאַכטע ליפּען, און האָט געאָטהעמט נערוועזיש און אָבגעהאַקט. די אויגען האָבען ביי איהר געברענט ווי אין א פיבער, נאָר דער בליק איז געווען שאַרף און שטאַר. א קרענקליכען איינדרוק האָט געמאַכט דאָס דאָזיגע שווינדזוכטיגע און אויפגערעגטע געזיכט, ביים לעצטען שיין פון דעם אויסגעהענדען ליכטעל, וואָס האָט געציטערט אויף איהר געזיכט. ראַסקאָלניקאָוו׳ן האָט זי געשיינט צו זיין פון א יאָהר דרייסיג, און זי האָט טאַקע ניט געפּאַסט מאַרמעלאַדאָוו׳ן פאַר א פרוי... זי האָט ניט געהערט, ווי זיי זיינען אריינגעקומען און האָט זיי ניט באַמערקט; זי איז געווען פאַרזונקען אין א מין מרה־שחורה, האָט גאַרנישט געהערט און גאַרנישט געזעהען. אין צימער איז געווען שטיקענד, דאָס פענסטער אָבער האָט זי ניט אויפגעעפענט; פון די טרעפּ האָט זיך געטראָגען אַן׳עיפּוש, נאָר די טיר צו די טרעפּ ארויס איז געווען אָפען; פון די אינעווייניגסטע חדרים׳לעך האָבען זיך געטראָגען דורך דער אויפגעמאַכטער טיר זיילען רויך פון טאַבאַק, זי האָט געהוסט, אָבער די טיר האָט זי ניט פאַרמאַכט. דאָס קלענסטע מיידעלע, פון א יאָהר זעקס, איז געשלאָפען אויף דער ערד, זיצענדיגערהייד,

צונויפגעדרעהט און איינגעגנורעט דעם קאפ אין קאנאפע. דאס אינגעל, מיט א יאהר עלטער פון איהר, האט געציטערט אין א ווינקעל און געוויינט. מען האט איהם קענטיג נאר־וואס אנגעשלאגען. א עלטערע מיידעלע, פון א יאהר ניין. א הויבינקע און א דינינקע, ווי א שוועבעלע, אין א קלאגעדיג צופליקט העמדעל, אויף די נאקעטע פלייצעם ארויפגעווארפען אנ'אלט מאנטעלע, וואס מען האט איהר קענטיג אויפגענייהט נאך מיט א פאר יאהר צוריק, ווייל ער איז איהר ניט דערגאנגען אפילו ביז די קניה, איז געשטאנען אין א ווינקעלע, נעבען קלענערען ברודער, און האט געהאלטען איהר לאנגע דארע האנט ארום זיין האלז. זי האט איהם געוואלט אפנים בארוהיגען, האט איהם עפעס געמורמעלט און מיט אלע מיטלען געזעהן איהם איינצוהאלטען, ער זאל זיך ווי עס איז ווידער ניט צויאמערן; אין דערזעלבער צייט האט זי מיט שרעק געקוקט אויף דער מאמען מיט איהרע גרויסע שווארצע אויגען, וואס זיינען אויסגעקומען נאך גרעסער אויף איהר אפגעצעהרטען און דערשראקענעם פנים'ל. מארמעלאדאוו האט זיך אין טיר גע־שטעלט אויף די קניה, און ניט אריינגעהענדיג אין צימער, האט ער אריינגעשטופט אהין ראסקאלניקאוו'ן. דערזעהן אן אונבאקאנטען, איז די פרוי געבליבען שטעהן פאר איהם מיט א צושטרייטען בליק, קומענ־דיג צו זיך און אזוי ווי טראכטענדיג: נאך וואס איז ער אהער אריינ־געקומען? נאר איהר האט זיך אפנים גלייך פארגעשטעלט, אז ער געהט אין די אנדערע צימערן, ווייל איהר צימער איז דאך א דורכגאנגס־צי־מער. באטראכטענדיג דאס, האט זי שוין מעהר זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם אריינגעקומענעם און איז אוועק צוצומאכען די טיר אין פארהויז. פלוצלונג האט זי ארויסגעלאזט א געשריי: זי האט דער־זעהן אויף דער שוועל דעם מאן, וואס איז געשטאנען אויף די קניה.

— אהא — האט זי זיך צושריען מיט ווילדער רציחה, — גע־קומען! מערדער!... און וואו איז דאס געלט? וואס איז דאס ביי דיר אין קעשענע, באוויז! און די קליידער זיינען אויך ניט דיזעלבע! וואו זיינען דיינע קליידער? וואו איז דאס געלט? זאג!...

און זי האט זיך צו איהם א לאז געטאן איהם ארומזוכען. מארמע־לאדאוו האט געהארכזאם און אונטערטעניג גלייך אויפגעהויבען ביידע הענט, כדי גרינגער צו מאכען איהר דאס זוכען אין די קעשענעס. קיין געלט איז א גראשען ניט געווען.

— און וואו איז דאָס געלט? — האָט זי געשריען. — אַ, גאָט מיינער, האָט ער דען אַלץ פאַר'שכור'ט! אין קעסטעל איז דאָך נאָך געבליבען צוועלף קאָרבען!... און פּלוצלונג האָט זי איהם ווילד אַ כאַפּ געטאָן פאַר די האָהר און אריינגעשלעפּט אין צימער. זי האָט זיך ניט געראַרפּט שטאַרק אָנשטרענגען, ווייל מאַרמעלאַדאָוו איז געהאָרכזאַם געקראָכען נאָך איהר אויף די קניה.

— דאָס פאַרשאַפט מיר פאַרגניגען, דאָס טוט מיר ניט וועה, פאַרגניגען פאַרשאַפט עס מיר, מיין הערר, — האָט ער געשריען, בעת זי האָט איהם געריסען פאַר די האָהר. איינמאָל איז ער אַ פאַל געטאָן צו דער ערד און האָט צוקלאַפּט דעם שטערן.

דאָס קינד, וואָס איז געשלאָפען אויף דער ערד האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך צעוויינט. דאָס איינגעל אין ווינקעלע האָט ניט אויסגעהאַלטען, גענומען ציטערן, האָט זיך צושריען און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער שוועסטער, ווילד דערשראָקען, ווי אין קאַנוואולסיע. דאָס עלטערע מיידעלע האָט פון שלאָף געציטערט ווי אַ בלאַט.

— פאַר'שכור'ט! אַלץ פאַר'שכור'ט, אַלץ! — האָט די אָרימע פרוי געשריען אין גרויס פאַרצווייפלונג. — און די קליידער אויך ניט די! הונגעריגע עופ'לעך, הונגעריגע קינדערלעך! (זי האָט פאַרבראָכען מיט די הענט און האָט אָנגעוויזען אויף די קינדער). אַ, פאַרשאָלטענעס לעבען! און איהר, ווי שעמט איהר זיך דאָס ניט, — האָט זי זיך מיט אַמאָל אַ וואָרף געטאָן אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן, — פון שיינק! דו האָסט מיט איהם גע'שכור'ט, האַ? דו האָסט מיט איהם אויך גע'שכור'ט! אַרויס פון דאַנען!

דער יונגערמאַן האָט זיך גלייך אַרויסגעמאַכט, ניט זאָגענדיג אַ וואָרט. די אינווייניגסטע טהיר איז געבליבען אויפגעפּראַלט און עס האָבען פון איהר אַרויסגעקוקט עטליכע נייגיריגע פאַרשוינען. עס האָבען זיך געזעהן חוצפּה'דיגע, לאַכענדיגע קעפּ אין יאַרמעלקעס, מיט פּאַפּיראָסען און ליולקעס. אייניגע זיינען געווען אין כאַלאַטען, אינגאַנצען פונאַנדערגעשפּילעט, אַנדערע שוין צופּיעל זומערדיג און גאָר ניט אָנשטענדיג געקליידט. אייניגע האָבען געהאַלטען קאַרטען אין די הענט. דערהויפּט האָבען זיי זיך געקייכט פאַר געלעכטער, ווען קאַטערינא האָט געשלעפּט מאַרמעלאַדאָוו'ן פאַר די האָהר און ער האָט געשריען, אַז דאָס פאַרשאַפט איהם פאַרגניגען. מען האָט אפילו גע-

נומען אריינקומען אין צימער אריין ; ענדליך האט זי זיך געלאזט הער־
רען א שטארקער קוויטש : דאס האט זיך געשטופט פאראוים אמאליע
ליפפעוועקסעל אליין, צו מאכען ארדנונג אויף איהר אייגענעם שטיי־
גער און דעם הונדערטען מאל אנצושרעקען די ארימע פרוי מיט א
שטרענגען באפעהל, באגלייט פון זידלעריי,אז זי זאל מארגען אפליי־
דיגען די דירה. אוועקגעהענדיג האט ראסקאלניקאוו אויף דער גיך
אריינגעשטעקט די האנט אין קעשענע, האט אנגעכאפט א הויפען קור־
פער־געלט, וואס איז איהם געבליבען פון רובל, וואס ער האט צוביטען
אין שיינק, און האט עס אונבאמערקט אוועקגעלעגט אויפ'ן פענסטער.
דערנאך, אויף די טרעפ שוין, האט ער חרטה געהאט און האט זיך שוין
געוואלט אומקעהרען.

„נו, וואס איז דאס אין דער אמת'ן פאר א משוגעת, — האט ער
א טראכט געטאן, — זיי האבען סאניען, און איך דארף עס אליין".
נאר באדענקענדיג זיך, אז צוריקנעהמען האט מען שוין ניט געקענט
און אז ער וואלט דאך סיי ווי סיי ניט צוריקגעקומען, האט ער א מאך
געטאן מיט דער האנט און איז אוועק צו זיך אהיים. „סאניע דארף דאך
א זאלב אויך האבען, האט ער ווייטער געטראכט, שפרייזענדיג איבער
דער גאס און האט א גיפטיגען שמייכעל געטאן, — אט די דאזיגע ריינ־
קייט קאסט דאך געלט... אי, סאניע! ס'אר א שמאלצגרוב אבער זיי
האבען דאס אויסגעבראכען'! און שעפען פון איהר! זיי שעפען דאך!
א וויין געטאן און אויפגעהערט. צו אלץ ווערט דער מיאוס'ער מענש
געוועהנט!"

ער האט זיך פארטראכט.

— נו, און ווי איז, אז איך זאג א ליגען, — האט ער פלוצלונג
אזוי ווי נישט־ווילענדיג אויסגעשריען, — און ווי איז, אז דער מענש
איז טאקע גאר ניט קיין מיאוס'ער, איך מיין, די גאנצע מענשהייט,—
הייסט עס, אז אלעם איבריגעס איז ניט מעהר ווי אבערגלויבען, אויס־
געטראכטע מעשיות, און ס'זיינען נישטא קיינע פארבאטען, אפען אלע
וועגען, און אזוי דארף טאקע זיין!...

דריטעס קאפיטעל.

אויף מארגען האט ער זיך אויפגעכאפט שוין גאנץ שפעט : גער־

שלאפען איז ער אומרוהיג און דער שלאף האט איהם ניט געשטארקט. ער איז אויפגעשטאנען א כעס'דיגער, א נערוועזער, א בייזער, און האט מיט פארביסענער שנאה א קוק געטאן אויף זיין קעמערל. דאס איז געווען א קליין שטייגעל, זעקס שפאן די לענג, וואס האט אזוי וויינענדיג אויסגעזעהן מיט איהרע געלע, פארשטויבטע, אומעטום פון דער וואנט אפגעשטאנענע טאפעטען; און אזוי נידעריג איז עס געווען, אז עטוואס א העכערען מענשען פלעגט דא באפאלען א פחד, און עס פלעגט זיך דאכטען, אז באלד־באלד וועט ער צוקלאפען דעם קאפ אן דער סטעליע. דאס מעבעל האט זיך געפאסט צו דער וואוינונג: דריי אלטע שטוהלען, ניט גאר קיין זיכערע, אין ווינקעל א געפארבטער טיש, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען עטליכע העפטען און ביכער; שוין דערפון אליין, וואס זיי זיינען געווען באדעקט מיט א דיקען שטויב, איז קענטיג געווען, אז שוין לאנג האט זיך צו זיי ניט צוגעריהרט קיין מענשליכע האנט; און אן אומגעלומפערטע גרויסע סאפע האט פארנומען כמעט א גאנצע וואנד און א העלפט צימער אין דער בדייט: אמאל איז זי געווען באשלאגען מיט זיץ, נאר איצט האט זי זיך געפונען אין א שרעקליכען צושטאנד. דאס איז געווען ראסקאלניקאווס געלעגער. אפט פלעגט ער אויף איהר שלאפען אזוי, אין די זאכען, אהן א לייליך, און פלעגט זיך צודעקען מיט זיין אלטען, אפגעטראגענעם סטודענטישען מאנטעל, צוקאפענס א קליין קישעלע, אונטער וועלכען ער פלעגט אונטערלעגען דאס גאנצע וועש זיינס, סיי ריינע, סיי שמוציגע, עס זאל זיין העכער צוקאפענס. פאר דער סאפע איז געשטאנען א קליין טישעלע.

עס איז שוין שווער געווען מעהר אפצולאזען זיך און פארשלומפערט ווערען, נאר ראסקאלניקאוו'ן איז דאס זאגאר געווען אנגענעהם ביי זיין איצטיגער שטימונג. ענטשלאסען איז ער אוועק פון אלעמען, האט זיך אינגאנצען אפגעזונדערט פון מענשען, און אפילו די דיענסט, וואס האט איהם געדארפט באדיענען און האט ווען ניט ווען אריינגעקוקט אין זיין צימער, פלעגט איהם אויך שטארק אויפרעגען. עס גיבען זיך איין אזעלכע מאנאמאנען, וואס פארטיעפען זיך צופיעל אין עפעס א זאך. זיין בעל־הבית'טע האט איהם שוין צייט צוויי וואכען אויפגעהערט ארויפצושיקען מיטאגען, און ער האט נאך ביז איצט ניט א טראכט געטאן אראפצוגעהן צו איהר און דורכשמועסען

זיך וועגען דעם, כאטש ער איז געזעסען אהן מיטאג. נאסטאסיא, די קעכין און די איינציגע דיענסט ביי זיין בעל־הבית'טע, איז אביסעל געווען צופריעדען פון דעם קווארטיראנטס שטימונג און האט גאר אינגאנצען אויפגעהערט צוצוקלייבען און אויסצוקעהרען זיין צימער; ווען־ניט־ווען נאר, אפשר איינמאל אין דער וואך, פלעגט זי זיך כלומר'שט א נעהם טאן פאר'ן בעזים. דאס האט זי טאקע איהם איצט אויפגעוועקט:

— שטעה אויף, גענוג צו פאפען! — האט זי צו איהם געשריען.

— שוין באלד צעהן א זייגער. איך האב דיר טיי געבראכט; ווילסט טיי, איא? ביסט דאך חושך, ווי אנ'ערד!

דער קווארטיראנט האט געעפענט די אויגען, האט א ציטער געטאן און דערקענט נאסטאסיא'ן.

— דעם טיי האט די בעל־הבית'טע געשיקט, הא? — האט ער א פרעג גענעבען און האט זיך לאנגזאם און מיט א קרענקליכער מינע גענומען אויפהויבען פון סאפע.

— וואסער בעל־הבית'טע?

זי האט אוועקגעשטעלט פאר איהם איהר אייגענעם צובויגענעם טשייניק מיט א ביסעל טיי, וואס איז נאך דארט געבליבען, און האט אוועקגעלעגט צוויי געלע שטיקלעך צוקער.

— זעה, נאסטאסיא, איך בעט דיך, — האט ער געזאגט, זוכענדיג אין קעשענע (ער איז אזוי געשלאפען אין די זאכען) און ארויסנעהמענדיג פון דארט א ביסעל קופער — געה קויף מיר זעמעל! און כאפ אין קלייטעל כאטש א שטיקעל ווארשט, אבער ניט טייער.

— זעמעל וועל איך די רגע ברייננען, און אנשטאט ווארשט ביסטו אפשר א בעלן אויף א בארשטשעל? א טייערער בארשטש, א נעכטיגער. איך האב דיר נאך נעכטען געלאזען, ביסטו אבער שפעט געקומען, א טייערער בארשטש.

אז זי האט געבראכט דעם בארשט און ער האט זיך צו איהם צוגעכאפט, האט זיך נאסטאסיא אוועקגעזעצט נעבען איהם אויף דער סאפע און האט גענומען פלוידערן. זי איז געווען פון די דארפישע שיקסעס, אן אמת'ער פלוידערזאק.

— די בעל־הבית'טע וויל דיך פאר'מסר'ן אין פאליציע, — האט זי געזאגט.

ער האָט זיך א קרים געטאָן.

— אין פּאָליציי? וואָס וויל זי?

— צאָהלסט ניט קיין דירה־געלט און ציהסט זיך ניט ארויס פון צימער. אָט דאָס וויל זי.

— צו אלדי טייוועל, נאָר דאָס האָט מיר געפעהלט, — האָט ער געמורמעלט, קריצענדיג מיט די ציינער. — ניין, איצטער איז דאָס מיר גאָר ניט צום האנט... זי איז א גרויסער נאָר! — האָט ער הויך צוגעגעבען. — איך וועל צו איהר היינט אריינגעהן, וועל איך מיט איהר איבעררעדען.

— א נאָר איז זי טאַקע א נאָר, פּונקט אַזאַ ווי איך, א שטייגער, אָבער דו כחם איינער, וואָס ליעגסטו עפּעס ווי א האָלץ, און מען זעהט פון דיר ניט וואָס א האָהר איז ווערט מילא פריהער האָסטו געזאָגט, דו געהסט לערנען מיט קינדער, אלמאי טוסטו איצטער גאָרנישט?

— איך טו... — האָט ראַסקאָלניקאָוו געזאָגט מיט כעס און אַזוי ווי געצוואונגענערהייד.

— וואָס טוסטו?

— אן ארבייט...

— וואָס פאַר אַנ׳ארבייט?

— איך טראַכט! — האָט ער ערנסט געענטפערט נאָך א קליינעם שווייגען.

דערהערט פון ראַסקאָלניקאָווס ארבייט, איז נאַסטאַסיא שיער ניט געפאַלען פאַר געלעכטער. זי איז בטבע געווען א לאַכעדיגע, און אַז מען פלעגט זי צולאַכען, פלעגט זי לאַכען שטיל אין זיך, און דער קערפּער פלעגט איהם בעת־מעשה ציטערן און טרייסלען זיך אַזוי לאַנג, אַז איהר פלעגט עס שוין אליין מיאוס און ווערען.

— נו, עפּעס א סך געלט האָסטו שוין אַנגעטראַכט? — האָט זי ענדליך קוים געקענט ארויסריידען.

— אָהן שטיוועל קען מען ניט געהן לערנען מיט קינדער. און דאָס איז ביי מיר גלאַט ווערט א שפּיי.

— וואָס איז מיט דיר אַזוי דער יחוס, וואָס דו שפּייסט זיך?

— פאַר קינדער לערנען צאָהלט מען גראָשענס. וואָס וועסטו מאַכען מיט גראָשענס? — האָט ער געזאָגט ווידער ווי ניט־ווילענדיג, גלייך ווי ער וואָלט ענטפערן אויף זיינע אייגענע געדאַנקען.

— דו ווילסט אפנים דעם גאנצען פארמעגען מיט אמאל?
ער האט אויף איהר א מאדנעם קוק געטאן.

— יא, דעם גאנצען קאפיטאל מיט אמאל, — האט ער פעסט געענטפערט, נאך א קליינעם שווייגען.

— זעה אבער פאמעלעך, אניט וועסטו דערשרעקען: ס'איז דאך מיט דיר גאר סכנת נפשות. און נאך זעמעל געהן, צי מען דארף שוין ניט?

— ווי דו ווילסט.

— יא, איך האב גאר פארגעסען! דיר איז נאך נעכטען א בריעף אנגעקומען. דו ביסט אין דער היים ניט געווען.

— א בריעף? צו מיר? פון וועמען?

— פון וועמען, ווייס איך ניט. איך האב געגעבען דעם בריעף־טרעגער דריי קאפיקעס פון מיין אייגענער קעשענע. דו וועסט מיר אפגעבען, יא?

— טא ברייננ זשע גיכער צו טראגען, בריינג די רגע, ווי גאט איז דיר ליעב! — האט ראסקאלניקאוו אויסגעשריען אויסער זיך פאר אויפרעגונג. — א, מיין גאט!

אין א ווייַלע ארום איז דער בריעף געווען ביי ראסקאלניקאוו'ן. אודאי אזוי: פון דער מוטער פון ר—ער גובערניע. ער איז אזש בלאס געווארען, נעהמענדיג איהם. שוין לאנג האט ער קיין בריעף ניט ערהאלטען: נאר איצט האט איהם אויך עפעס אנדערש וואס מיט אמאל פארקלעמט דאס הארץ.

— נאסטאסיא, געה אוועק, איך בעט דיך: נא דיר דיינע דריי קאפיקעס, נאר געה גיכער אוועק, אום גאטעס ווילען!

דער בריעף האט געציטערט אין זיינע הענט; ער האט איהם ניט געוואלט עפענען פאר איהר אין די אויגען: ער האט געוואלט בלייבען א ל י י ן מיט דעם דאזיגען בריעף. קוים איז נאסטאסיא ארויס, האט ער איהם האסטיג צוגעטראגען צו די ליפען און א קוש געטאן. דערנאך האט ער נאך לאנג געקוקט אויפ'ן אדרעס, אויף די באקאנטע ליעבע און קליינע אותיות פון זיין מוטער, וואס האט איהם אמאל־אמאל געלערנט לעזען און שרייבען. ער האט זיך ניט געאיילט צו עפענען דעם בריעף, גלייך ווי ער וואלט פאר עפעס מורא געהאט. ענדליך האט ער געעפענט: דער בריעף איז געווען א גרויסער, א שווערער,

פון צוויי לויט, צוויי גרויסע פּאָסט־בויגענס זיינען געווען געדיכט באַ־
דעקט מיט קליינטשיקע אותיות׳לעך.

„מיין טייערער ראָדיא, — האָט די מוטער געשריבען, — שוין
צוויי חדשים, אַז איך האָב מיט דיר ניט גערעדט דורך אַ בריעף:
איך האָב דערפון אליין געליטען, פלעג אמאָל אַ נאַכט ניט שלאָפען,
פון טראַכטען. נאָר דו וועסט מיך געוויס ניט באַשולדיגען, וואָס איך
האָב דיר אַזוי לאַנג ניט געשריבען. דו ווייסט דאָך, ווי דו ביסט מיר
טייער: דו ביסט ביי אונז איינער, ביי מיר און ביי דוניען, דו ביסט
אונזער גאַנצע האָפנונג, אונזער גאַנצער טרייסט. ווי מיר איז געווען
אויפ׳ן האַרצען, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דו ביסט שוין זייט
איינינע מאָנאַטען ארויסגעטראָטען פון אוניווערזיטעט, ווייל דו האָסט
ניט געהאַט אויף צום לעבען, און אַז דיינע לעקציעס און די איבריגע
געלט־מיטלען האָבען זיך אויסגעלאָזען, — ווייס איין גאָט אין הימעל!
וואָס האָב איך דיר געקענט העלפען מיט מיינע הונדערט און צוואַנציג
רובל אַ יאָהר פּענסיע? די פופצעהן רובל, וואָס איך האָב דיר גע־
שיקט מיט פיער מאָנאַטען צוריק, האָב איך געליהען, ווי דו ווייסט
אליין, ביי אונזערען אַ היגען סוחר, וואַסילי וואַכרושין, טאַקע אויפ׳ן
חשבון פון דער דאַזיגער פּענסיע. ער איז אַ גוטער מענש און איז גע־
ווען נאָך דעם פאָטער דיינעמס אַ פריינד. נאָר אַזוי ווי איך האָב
איהם געגעבען דאָס רעכט, ער זאָל אָנשטאָט מיר באַקומען די פּענ־
סיע, האָב איך געמוזט וואַרטען, ביז וואַנען איך וועל אויסצאָהלען
דעם חוב, און איך האָב עס ערשט איצט אויסגעצאָהלט. דעריבער
האָב איך דיר די גאַנצע צייט גאָרנישט געקענט שיקען. נאָר, אַ דאַנק
דעם אויבערשטען, איצטער קען איך דיר, דאַכט זיך, נאָך עפּעס שי־
קען. איך קום דיר צו מעלדען, אַז אונזער מזל האָט ווידער אויפגע־
שיינט. ערשטענס, מיין טייערער ראָדיא, שטעלסטו זיך דאָס פאָר,
אַז דיין שוועסטער וואוינט שוין אַנדערטהאַלבען מאָנאַטען מיט מיר
דאַנק דיר, ליעבער גאָט, אַ סוף צו איהרע צרות. מיר זיינען צוזאַמען
צוזאַמען און מיר וועלען זיך ווייטער אויך מעהר ניט צושרייען. איך
דערצעהלען אַלץ כסדר, דו זאָלסט וויסען, וואָס דאָ איז געווען און וואָס
מיר האָבען פון דיר ביז אהער באַהאַלטען. ווען דו האָסט מיר אַנ־
מעלט געשריבען, אַז דו האָסט געהערט איינעם דערצעהלען, וואָס דו־
ניע האָט אויסצושטעהן ביי די סווידריגיילאָווס אין הויז, און האָסט

זעה, וואו האָסטו אונז געבראכט!

מיך געבעטען, איך זאָל דיר קלאָר מאכען די גאנצע זאך — וואָס האָב איך דיר געקענט דערויף ענטפערן? ווען איך וואָלט דיר אויסגעשריבען דעם גאנצען אמת, וואָלסטו אפשר געלאָזען האק און פּאק און כאָטש צו פוס אפילו — אבער וואָלסט צו אונז געקומען. ווייל איך קען דיין נאָטור און דיינע געפיהלען און דו וואָלסט ניט געלאָזט דיין שוועסטער טרעטען מיט די פיס. איך אליין בין אויך געווען אין דער גרעסטער פארצווייפלונג, נאָר וואָס האָט מען געזאָלט טאָן? אפילו איך אליין האָב דאן ניט געוואוסט דעם גאנצען אמת. און די הויפּט־מניעה איז באשטאַנען אין דעם, וואָס דוניטשקע האָט פאראיאָהרען, בעת זי איז אָנגעקומען צו זיי פאר א גובערנאטין, גענומען פאָראויס הונדערט רובל און מען האָט מיט איהר אויסגערעדט, אז אלע חודש וועט מען איהר אראָפּרעכענען עפּעס פון געהאלט. אלזאָ האָט זי ניט געקאָנט לאָזען די שטעלע, איידער זי האָט ניט געהאט אָפּגעצאָהלט דעם חוב. און די דאָזיגע סומע האָט זי גענומען איבערהויפּט צו־ליעב דעם ,איצט קען איך דיר דאָס אלץ ערקלערען, מיין טייערער ראָדיא), זי זאָל דיר דערפון ארויסשיקען זעכציג רובל, אין וועלכע דו האָסט זיך אזוי שטארק גענויטיגט און וועלכע דו האָסט פון אונז פאר־אַ־יאָהרען באקומען. מיר האָבען דיך דאמאָלס אָפּגענארט און געשריבען, אז דאָס איז פון דוניטשקעס געלט, וואָס זי האָט נאָך אמאָל אָנגעקליבען; דאָס איז אָבער ניט געווען אזוי, און איצט שרייב איך דיר אויס דעם גאנצען אמת; ווייל איצט האָט זיך פּלוצלונג אלץ אויסגעביטען מיט גאָטס הילף צו גוטען, און כדי דו זאָלסט וויסען, ווי דוניע האָט דיך ליעב און וואָס פאר א גאָלדען הארץ זי האָט. דעם אמת זאָגענדיג, איז דער ה' סווידריגייל‌אָוו צו איהר די ערשטע צייט געווען זעהר גראָב, פלעגט זיך מיט איהר באגעהן גאָר נישט־אנשטענדיג און פּלעגט זיך ערלויבען צו מאכען פון איהר חוזק ביים טיש... נאָר איך וויל זיך ניט אריינלאָזען אין די אלע טרויעריגע איינצעלהייטען, איך זאָל דיר אומזיסט אָפּעסען דאָס הארץ, וויבאלד זי האָט דאָס שוין אלץ איבערגעקומען. קורץ, דוניטשקען איז דאָרט געווען זעהר ביטער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מארפא, ה' סווידריגיילאָווס פרוי, און אלע אין שטוב זיינען זיך מיט איהר זעהר פיין און איידעל באנאנגען. איבערהויפּט איז איהר שווער געווען, ווען דער ה' סווידריגיילאָוו פלעגט זיין א ביסעל מלא. נאָר וואָס מיינסטו, האָט זיך דערנאָך ארויסגעווי־

זען? שטעל זיך פאר אז דער דאזיגער משוגע'נער איז שוין לאנג געד וועז פארקאכט אין דוניען און האט דאס אלץ באהאלטען אונטער געד מאכטער גראבקייט און פאראכטונג צו איהר. ס'קען זיין, אז ער האט זיך אליין געשעמט און געווען אויסער זיך פאר שרעק, דערמאהנענדיג זיך, אז ער, שוין ברוך־השם א טאטע פון קינדער און א מענש אין די יאהרען, האט גאר אין זינען אזוינע נארישע געדאנקען, און דערווייל איז ער געווען בייז אויף דוניען. און ס'קען זיין פארקעהרט, אז מיט זיין גראבער אויפפיהרונג און מיט דעם חוזק מאכען פון איהר, האט ער נאר געוואלט פארדעקען דעם אמת. סוף כל סוף האט ער זיך ניט איינגעהאלטען און האט געהאט די העזה צו מאכען דוניען אן אפענעם שענדליכען פארשלאג, צוזאגענדיג איהר אלערליי מתנות און אויסער־ דעם, אז ער וועט אלץ לאזען און וועט מיט איהר אוועקפאהרען אין אנ־ אנדער דארף אדער אפשר גאר קיין אויסלאנד. קענסט זיך פארשטע־ לען די יסורים איהרע! לאזען גלייך דעם ארט האט מען ניט גע־ קענט, ניט נאר מחמת דעם חוב, — ס'איז א רחמנות געווען אויף מארפא'ן; איהר וואלט דאך געקענט פלוצלונג איינפאלען א חשד, און מען וואלט, הייסט עס, אנמאכען צווישען זיי א בייז לעבען. און דוניטשקע וואלט אויך געהאט א מאוס'ן סקאנדאל; עס וואלט איהר שוין גלאט ניט אראב. אויסערדעם זיינען דא געווען נאך פיעל אנ־ דערע סבות, און פריהער ווי זעקס וואכען האט דוניע אויף קיין פאל ניט געקענט האפען ארויסצורייסען זיך פון דער שרעקליכער שטוב. דו קענסט דאך, נאטירליך, דוניען, דו ווייסט, ווי קלוג זי איז און וואס פאר א פעסטען כאראקטער זי האט. דוניטשקע קען א סך אריבערטרא־ גען און אפילו אין די ערגסטע צייטען געפינען אין זיך גענוג מוטה, אום ניט צו פארלירען איהר פעסטקייט. אפילו מיר האט זי אויך ניט וועגען אלץ געשריבען, ווייל זי האט מיר ניט געוואלט אנטאן קיין הארצוועהטאג, דען אזוי פלעגען מיר זיך אפט דורכשרייבען. נאר די געשיכטע האט זיך געענדיגט גאר אומגעריכטערהייד. מארפא האט צופעליגערווייז אונטערגעהערט איהר מאן, בעת ער האט זיך אין גאר־ טען געבעטען ביי דוניען, זי זאל ערפילען זיין באגעהר; זי האט דאס אלץ פארשטאנען קאפויר און אין דער גאנצער זאך באשולדיגט דו־ ניען, ווייל זי האט געהאלטען, אז דוניע האט דאס אלעם אויפגעטאן. און טאקע דא אין גארטען איז צווישען זיי אויסגעבראכען א שרעק־

ליכע סצענע. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מאַרפאַ האָט איהר
געגעבען אַ פּאַטש, און דערנאָך האָט זי אַ גאַנצע שעה געשריען און
האָט זי ענדליך געהייסען די מינוט אָפּפיהרען צו מיר אין שטאָדט
אַריין, אויף אַ פּראָסטער פויערשער פוהר, וואָהין מען האָט אַריינגע-
שליידערט אַלע איהרע זאַכען, די וועש, די קליידער, ניט אויפגעלעגט
און ניט איינגעבונדען. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ גוסרעגען, און
דוניע, באַליידיגט און באַשמוצט, האָט געמוזט דורכמאַכען מיט'ן גוי
גאַנצע זיבענצעהן וויאָרסט אין אַן אָפענער פוהר. איצט זאָגט אַליין,
וואָס האָב איך דיר געקענט ענטפערן אויף דיין בריעף, וואָס איך האָב
באַקומען מיט צוויי מאָנאַטען צוריק, וואָס האָב איך דיר געקענט
שרייבען? אַליין בין איך געווען אין גרויס פאַרצווייפלונג; אָבער שריי-
בען דיר דעם אמת האָב איך ניט געקענט, ווייל דו וואָלסט געהאַט גרויס-
צער און עגמת־נפש, וואָלסט געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, און וואָס
וואָלסטו געקענט העלפען? סיידען זיך עפּעס אָנטאָן, און אויסער-
דעם האָט דוניע ניט געלאָזען; ווידער אָנפילען דעם בריעף מיט פּוס-
טע מעשיות און נאַרישקייטען, בעת אויפ'ן האַרצען ליעגט אַזאַ באַרג,
האָב איך ניט געקענט. אַ גאַנצען חודש האָט ביי אונז געקאָכט די
שטאָדט מיט דער דאָזיגער געשיכטע, מען האָט דערצעהלט מעשיות,
וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, און ס'איז געקומען אַזוי ווייט,
אַז איך האָב מיט דוניען אין קלויסטער אַפילו ניט געקענט געהן —
אַזוי האָט מען אונז דורכגעשטאָכען מיט די אויגען, זיך געשושקעט
און אַפילו פאַר אונז אין די אויגען האָט מען זיך ניט געשעמט אויפ'ן
קול צו איבערדערצעהלען די רכילות. אַלע באַקאַנטע האָבען מיט
אונז אויפגעהערט צו האָבען אַ מגע־ומשא, מען האָט אונז אַפילו קיין
„גוט־מאָרגען" ניט אָפּגעגעבען, און איך האָב ערקונדיגט פון אַ זיכע-
רער קוועלע, אַז די פּריקאַזטשיקעס און איינינע שרייבערלעך פון די
קאַנצעלאַריעס האָבען אונז געוואָלט אַ מאוס'ן פּאַטש טאָן אין פּנים
אַריין, אויסשמירענדיג די טויערן פון אונזער הויז מיט דזעגעכץ,—
און די בעלי־בתים האָבען אונז געהייסען זיך אַרויסציהען פון דער
דירה. אין דעם אַלעם איז שולדיג געווען מאַרפאַ, וועלכע האָט באַ-
וויזען צו פאַר'מאוס'ען און באַשמוצען דוניעס נאָמען אין אַלע הייז-
זער. זי קען זיך ביי אונז מיט דער גאַנצער שטאָדט און אין דעם
מאָנאַט פלעגט זי אַלע ווייַלע קומען צופאָהרען און אַזוי ווי זי איז

אַ גאַנץ באַריידעווודיגע און האָט זעהר ליעב צו דערצעהלען וועגען היימישע זאכען, איבערהויפּט קלאַגען זיך אויף דעם מאַן פאַר איטלי־כען באַזונדער, וואָס דאָס איז זעהר אַ מאָס'ע טבע, האָט זי די גאַנצע געשיכטע פאַר אַ קורצע צייט צוטראָגען אויף טעלערלעך ניט נאָר אי־בער דער גאַנצער שטאָדט, נאָר אפילו איבער'ן גאַנצען אויעזד. איך בין קראַנק געוואָרען, דוניטשקע אבער איז געווען שטאַרקער פון מיר, און וואָלסט געדאַרפט זעהן, ווי זי האָט דאָס אַלץ איבערגעטראָגען און האָט נאָך מיך געטרייסט און צוגעגעבען מוטה! זי איז אַ מלאך! נאָר גאָט האָט רחמנות געהאַט, און האָט געלינדערט אונזערע שמער־צען: דער ה. סווידריגיילאָוו האָט זיך אַרומגעזעהן און חרטה געהאַט: אַפּנים אַוים מיטלייד צו דוניען האָט ער אויפגעוויזען מאַרפאַ'ן מיט קלאָרע און פעסטע ראיות, אַז דוניע איז דאָ גאָט די נשמה שולדיג. ביי סווידראַגיילאָוו'ן איז געווען אַ בריעף, וואָס דוניע האָט איהם גע־מוזט אָנשרייבען און איהם איבערגעבען נאָך איידער מאַרפאַ האָט זיי געטראָפען אין גאַרטען, כדי אויסצומיידען פערזענליכע ערקלע־רונגען אויף אַ געהיימען ראַנדעוואו. אין דעם דאָזיגען בריעף האָט זי איהם זעהר הייס און העכסט אויפגעבראַכט פאַרגעוואָרפען זיין נישט־פיינע אויפפיהרונג געגען מאַרפאַ'ן, האָט איהם דערמאַנט, אַז ער איז אַ פאָטער פון קינדער און האָט איהם ענדליך געגעבען צו פאַרשטעהן, ווי ס'איז שענדליך פון זיין זייט צו אָנטאָן יסורים און אומגליקליך מאַכען אַן אָרים מיידעל, וואָס איז אַזוי אויך גענוג אומגליקליך און עלענד. מיט איין וואָרט, טייערער ראָדיא, דער דאָזיגער בריעף איז אָנגעשריבען אַזוי פיין און ריהרענד, אַז איך האָב געוויינט אויפ'ן קול, לייענענדיג איהם, און איצט קען איך איהם אויך ניט לייענען אָהן טרעהרען. אויסערדעם האָבען ענדליך די באַדינער פון סווידריגיי־לאָווס הויז אָנגעהויבען אויסצוזאָגען פון חדר, און אויפווייזען דוניעס אומשולדיגקייט. זיי האָבען געזעהן און געוואוסט פיעל מעהר, ווי דער ה. סווידריגיילאָוו אליין האָט גערעכענט, ווי די מאָדע איז. מאַרפאַ איז געווען אויסער זיך, „אַ טויטער מענש", ווי זי האָט זיך אונז דער־נאָך אליין מודה געווען. דערפאַר אָבער האָט זי זיך פאָלקאָם איבער־צייגט אין דוניטשקעס אומשולד און באַלד אויף מאָרגען, ס'איז גראַד געווען זונטאָג, איז זי גליך געקומען צופאָהרען אין קלויסטער און מיט טרעהרען אויף די אויגען האָט זי געבעטען דעם אויבערשטען,

ער זאל איהר געבען כח אריבערצוטראגען די נייע שטראף און צו ער־
פילען איהר חוב. דערנאך איז זי גלייך פון קלויסטער געקומען צו־
פאהרען צו אונז, האט אונז אלץ דערצעהלט, האט געוויינט מיט ביטע־
רע טרעהרען און מיט אמת'ער חרטה האט זי ארומגענומען דוניען און
זי געבעטען רחמים, זי זאל איהר מוחל זיין. אין דעמ־
זעלבען פריהמארגען האט זי זיך גלייך פון אונז אוועקגעלאזען איבער
אלע הייזער אין שטאדט און האט אומעטום צוריקגעשטעלט דוניעס
גוטען נאמען און אומשולד, פארגיסענדיג טרעהרען און לויבענדיג
אין הימעל ארויף די גוטע מעלות, ריינע געפיהלען און איידעלע אויפ־
פיהרונג פון דוניען. דאס איז נאך איהר אבער געווען ווייניג, האט
זי אלעמען באוויזען און פארגעלייגט אויפ'ן קול דוניעס אייגעהענדיגען
בריעף צו ה. סווידריגאלאוו'ן און האט אפילו געלאזט פון איהם אראפּ־
נעהמען קאפּיעס (דאס, דוכט זיך מיר, איז שוין איבריג). אויף אזא
אופן האט זי געמוזט עטליכע טעג נאכאנאנד מאכען וויזיטען דער גאנ־
צער שטאדט, ווייל אייניגע זיינען געווארען ברוגז, וואס מען האט זיי
אויך ניט אפּגעגעבען דעמזעלביגען כבוד לעזען דעם בריעף. הכלל עס
האט זיך אנגעהויבען א מין „אטשערעד" און אין יעדער שטוב האט מען
שוין געוואוסט פאראויס, אז אין דעם און דעם טאג וועט מארפא פאר־
לעזען דעם בריעף דארטען, און אויף יעדע פארלעזונג
פלעגען זיך ווידער טאקע צונויפקלייבען אפילו די, וואס האבען שוין
דעם בריעף אייניגע מאל געהערט לייענען אי ביי זיך אין דער היים
אי ביי באקאנטע. איך האלט, אז פיעל, זעהר פיעל איז דא שוין גע־
ווען איבעריג; נאר שוין אזא נאטור ביי דער מארפא'ן. ווי די מעשה
איז, זי האט אבער פאלקאם ריין געמאכט דוניעס עהרליכען נאמען.
און די גאנצע שאנד און חרפה איז אויסגעגאנגען צו איהר מאנ'ס
קאפּ. ס'איז אפילו אויף איהם א גרויסער צער, באטש ער איז דא דער
הויפּט־שולדיגער; נאר מען איז זיך שוין צו שטרענג באגאנגען מיט
דעם דאזיגען משוגע'נעם. און דוניען האט מען גלייך גענומען איינ־
לאדען אין אייניגע הייזער אויף לעקציעס, נאר זי האט ניט געוואלט.
אלע האבען אנגעהויבען צו פארהאלטען זיך צו איהר מיט גרויס אכ־
טונג. און צוליעב דעם אלעם איז געשעהן עטוואס אזוינס, וואס
מאכט אן אין אונזער לעבען, קען מען זאגען, א גאנצע איבערקעהרע־

גיש. זיי וויסען, מיין טייערער ראָדיאַ, אז צו דוניען האָט זיך גע־
שדכנ'ט א חתן און זי האָט איהם שוין אויך געגעבען איהר יאָ־וואָרט.
און כאָטש די זאך איז אָפּגעטאָן געוואָרען אָהן דיין וויסען, גאָר איך
פאַרהאָף, אז דו וועסט ניט האָבען קיין טענות ניט צו מיר און ניט צו
דער שוועסטער, ווייל דו וועסט באלד אליין איינזעהן, אז וואַרטען
און אָפּלעגען ביז דיין ענטפער וואָלט זיין אונמעגליך. און גלאַט דו
וואָלסט ניט קענען אונטער די אויגען באַטראַכטען די זאך ווי געהעריג
איז. די מעשה דערפון איז אזוי: ער איז שוין א „נאַדוואָרני סאָ־
וועטניק”, פּיאָטר פּעטראָוויטש לוזשין, און מארפאַ'ס א ווייטער
קרוב, — זי האָט דאָס טאקע וועגען דעם זעהר פיעל געטאָן. ער האָט
אָנגעהויבען פון דעם, וואָס ער האָט דורך איהר ארויסגעזאָגט זיין פאַר־
לאַנג צו ווערען מיט אונז באַקאַנט. מיר האָבען איהם גאַנץ פיין צו־
גענומען, געטרונקען קאַפע, און אויף מאָרגען טאקע האָט ער אריינגע־
שיקט א בריעף, אין וועלכען ער האָט זעהר איידעל אויסגעדריקט זיין
פּאָרשלאַג און געבעטען, מען זאָל איהם גלייך ענטפערען יאָ אָדער ניין.
ער איז א טיכטיגער מאַן, זעהר א פאַרנומענער און אלייט זיך איצט
קיין פּעטערבורג, דעריבער איז ביי איהם יעדע מינוט טייער. נאַטיר־
ליך זיינען מיר לכתחלה נשתומם געוואָרען, ווייל די גאַנצע זאך איז
צוגעגאַנגען עפּעס פלוצלונג, צו געשווינד. מיר האָבען זיךביידע דאַן
מישב געווען און באַטראַכט די זאך דעם גאַנצען טאָג: מען קען זיך
אויף איהם פאַרלאָזען, ער איז גאַנץ תקיף, דיענט אויף צוויי שטעלעס
און האָט זיך שוין זיין אייגענעם קאַפּיטאַל. אמת, איהם איז שוין א
יאָהר פינף און פיערציג, ער איז אבער נאָך גאַנץ שעהן און קען נאָך
אויסנעהמען ביי פרויען. און בכלל איז ער זעהר א געשטעלטער מענש.
אָן אנשטענדיגער, ניט מעהר, א ביסעל צו רוגזה'דיג און עפּעס אזוי
ווי א בעל־גאוה, נאָר ס'קען זיין, אז עס דוכט זיך נאָר אזוי, פון ז'עם
ערשטען קוק. און איך בין דיר מתרה, טייערער ראָדיא, אז דו וועסט
זיך מיט איהם זעהן אין פּעטערבורג, וואָס דאָס וועט געשעהן גאָר אין
גיכען, זאָלסטו ניט זיין צו איהם צו שטרענג, אויב דיר וועט אין איהם
עפּעס ניט אזוי געפעלען ווערען. איך זאָג דאָס דיר אויפ'ן לעצטען
פאַל, ווייל איך בין זיכער, אז ער וועט אויף דיר מאַכען א גוטען איינ־
דרוק. און אויסערדעם אז מען וויל דערקענען א מענשען, דאַרף מען
זיך צו איהם פאַרהאַלטען פאַרזיכטיג און געדולדיג, כדי ניט אריינ־

צופאלען אין א טעות, וואס דערנאך איז עס זעהר שווער צו פאר־ריכטען און פארגלעטען. בעת ער איז ביי אונז געווען דאס ערשטע מאל, האט ער אונז געזאגט, אז ער איז אפילו א געשטעלטער מענש. נאר אין א סך זאכען איז ער איינשטימיג מיט „די איבערצייגונגען פון דעם יונגען דור אונזערן" (אזוי טאקע האט ער זיך אויסגעדריקט) און האט פיינט די אבערגלויבען און אויסגעדריקט א ביסעל ווייכער און שענער, ווי איך האב דיר אנגעשריבען, זיין אויסדרוק האב איך אבער פארגעסען, איך געדענק נאר דעם געדאנק: אויסערדעם האט ער עס געזאגט אהן דער מינדסטער כונה, עס האט זיך ביי איהם ארויסגע־כאפט פון מויל, און ער האט זיך אפילו דערנאך געפרובט פארכאפען און פארגלעטען דעם איינדרוק: נאר מיר איז דאס אויסגעקומען א ביסעל צו שארף און איך האב דאס דערצעהלט דוניען. האט מיר דוניע מיט פארדראס געענטפערט, אז „פון זאגען ווערט מען ניט טראגען". און זי איז געווים גערעכט. איידער צו געבען איהם אן ענדגילטיגע תשובה, האט דוניטשקע א גאנצע נאכט ניט געשלאפען. זי האט געמיינט, אז איך שלאף שוין, איז זי אויפגעשטאנען פון בעט און א גאנצע נאכט אומגעגאנגען הין און צוריק איבער'ן צימער: ענד־ליך, איז זי געפאלען אויף די קניה און האט א לאנגע צייט הייס גע־בעטען דעם רבונו של עולם, און אין דער פריה האט זי מיר געזאגט, אז ביי איהר איז געבליבען אויף יא.

„איך האב שוין דערמאהנט, אז פיאטר פאהרט איצט קיין פעט־טערבורג. ער האט דארט גרויסע געשעפטען, און ער וויל עפענען אין פעטערבורג אן עפענטליכע אדוואקאטען־קאנטאר. ער פארנעהמט זיך שוין לאנג מיט שתדלנות און אדוואקאטריי און ערשט די טעג האט ער געוואונען אגרויסען פראצעס. אין פעטערבורג מוז ער זיין, ווייל ער האט א גרויסען פראצעס אין סענאט. אויף אזא אופן, טייערער ראדיא, קען ער דיר אויך שטארק צו נוץ קומען, אין זעהר פיעל זאכען. און ביי מיר מיט דוניען איז געבליבען, אז דו וואלסט פון היינטיגען טאג אן אפילו שוין געקענט אנהויבען דיין קינפטיגע קאריערע. דו וואלסט שוין געהאט א באשטימטע באשעפטיגונג אויף דיין גאנץ לעבען. א, ווען דאס וואלט אויסגעפיהרט ווערען! דאס וואלט געווען אזא גרויסע זאך, אז מען דארף עס האלטען ניט אנדערש ווי דעם אויי־בערשטענס א חסד, וואס ער האט צו אונז באוויזען. דוניע טראכט

נאָר וועגען דעם. מיר האָבען שוין געפּרובט א זאַג טאָן א פּאָר ווער־טער פּיאָטר'ן. ער האָט אונז געענטפערט זעהר געלאַסען און האָט געזאָגט, אז אזוי ווי ער קען ניט אויסקומען אָהן א שרייבער, איז שוין געווים בעסער צו צאָהלען געהאַלט אן אייגענעם מענשען, איידער א פרעמדען, אויב נאָר ער וועט דערצו טויגען (א שעהנע מעשה, צי דו ווסט דערצו טויגען!), נאָר ביי איהם איז א ספק, אז דיין ארבייט אין אוניווערזיטעט וועט דיר ניט איבערלאָזען קיין צייט אויף צו באַשעפ־טיגען זיך אין זיין קאַנטאָר. ביי דעם איז דערוויילע געבליבען, נאָר דוניע קלערט איצט וועגען קיין זאַך ניט, אויסער דעם. זי איז איצט, שוין צייט אייניגע טעג, עפּעס אזוי ווי אין א היץ און האָט שוין גע־מאַכט א גאַנצען פּראָיעקט, ווי דו קענסט מיט דער צייט ווערען א חבר און אפילו א קאָמפּאַניאָן אין פּיאָטר'ס געשעפטען, בפרט נאָך, אז דו ביזט אויף דער יורידישער פאַקולטעט. איך בין מיט איהר, ראָדיא, פאָלקאָם איינשטימיג און גלויב אין אלע איהרע פּלענער און האָפנונגען; און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט נאָך אלץ ניט געגעבען קיין קלאָרען ענטפער (און מען קען אויף איהם קיין פאָראיבעל ניט האָבען, כל זמן ער קען דיך ניט), איז דאָך דוניע פעסט איבער־צייגט, אז זי וועט אלץ פּועל'ן מיט איהר גוט הארץ ביי איהר קינפ־טיגען מאַן, — אין דעם איז זי זיכער. פאַרשטעהסט זיך, אז מיר האָ־בען זיך געהיט פאַר אַן איבריג וואָרט וועגען אונזערע פּלענער, איבער־הויפּט וועגען דעם, אז דו זאָלסט ווערען זיין קאָמפּאַניאָן. ער איז א געשטעלטער מענש און דאָס וואָלט ביי איהם נעהאָט א פּנים פון פּוסטע חלומות. דעסגלייכען האָבען מיר איהם א האַלב וואָרט ניט געזאָגט וועגען אונזער פעסטע האָפנונג, אז ער וועט דיך אויסהעלפען מיט געלט, ביז דו וועסט ענדיגען די אוניווערזיטעט. מיר האָבען וועגען דעם דערפאַר ניט גערעדט, ווייל ערשטענס וועט עס ממילא אזוי זיין מיט דער צייט, און ער וועט אונז מסתמא אליין פאַרלעגען, אָהן איב־ריגע רייד, (א שעהנע מעשה, וואָלט געווען, ווען ער זאָל גראָד אין דעם אָפּזאָגען דונישקען!), בפרט נאָך, אז דו קענסט ווערען זיין רעכטע האַנט אין קאַנטאָר און דו וועסט דאָס געלט באַקומען ניטא אלס נדבה, נאָר אלס פאַרדיענטע געהאַלט. אזוי וויל דאָס דונישקע אויס־פיהרען, און איך בין מיט איהר פאָלקאָם איינשטימיג. און צווייטענס האָבען מיר ניט גערעדט דערפאַר, ווייל איך האָב זעהר געוואָלט דיך

אוועקשטעלען אזוי, אז דו זאלסט זיך מיט איהם קענען האלטען ווי מיט דיינעם א גלייכען, בעת ער וועט איצט זיין אין פעטערבורג. ווען דוניע האט מיט איהם גערעדט וועגען דיר מיט התפעלות, האט ער געזאגט, אז יעדען מענשען דארף מען א פריהער אליין גוט באטראכטען און ערשט דערנאך זאגען וועגען איהם א מיינונג: דערפאר, האט ער צוגעגעבען, וועט ער שוין אליין זעהן, וואס דו ביזט פאר א מענש, בעת ער וועט מיט דיר באקאנט ווערען. דו ווייסט, מיין טייערער ראדיא, וואס איך וועל דיר זאגען: מיר דאכט זיך, אז ס'וועט אפשר זיין גלייכער, ווען איך וועל נאך זייער חתונה וואוינען באזונדער, אזוי ווי ביז אהער, ניט מיט זיי צוזאמען. איך זאג דאס דיר ניט מחמת איך האב עפעס ארויסגעזעהן פון איהם, נאר אזוי קומט ביי מיר אויס, און ס'איז אפשר ניט מעהר ווי א שגעון אזא פון אן אלטער באבען. איך בין זיכער, אז ער וועט זיין אויף אזוי פיעל דעליקאט און איידעל, אז ער וועט מיך אליין בעטען און מיר ניט לאזען זיך ווידער שיידען מיט דער טאכטער, און אויב ער האט נאך ביז איצט וועגען דעם ניט גערעדט, איז דאס דערפאר, ווייל עס פארשטעהט זיך פון זיך זעלבסט: נאר איך וועל זיך סיי ווי סיי אפזאגען. איך האב שוין אויף מיין לעבען געזעהן ניט איינמאל, אז די איידימס האבען ניט איבריג ליעב זייערע שוויגערס, און איך וויל קיינעם ניט פאלען צו לאסט; פארקעהרט, איך וויל אליין זיין א פרייער מענש, כל זמן איך האב מיין אייגען שטיקעל ברויט און אזוינע קינדער ווי דו און דוניטשקע. אויב ס'וועט מעגליך זיין, וועל איך מיך באזעצען נעבען אייך ביידען, ווייל די בעסטע נייס האב איך, מיין טייערער ראדיא, באהאלטען פאר דיר אויף צום לעצטען: זיי וויסען, מיין ליעבער זוהן, אז אפשר גאר אין גיכען וועלען מיר זיך ווידער אלע צונויפקומען צוזאמען און וועלען זיך אלע דריי ארומנעהמען נאך דריי יאהר צושיידט זיין! עס איז שוין באשטימט אויף זיכער, אז איך און דוניע פאהרען מיר ארויס קיין פעטערבורג, ווען אקוראט — ווייס איך ניט, נאר אלענפאלס גאר, גאר אין גיכען, ס'קען אפשר זיין, אין אן אכטאג ארום. עס ווענדט זיך אן פיאטר'ן. ווי נאר ער וועט זיך ארומזעהן אין פעטערבורג, וועט ער אונז גלייך געבען צו וויסען. איבער געוויסע אורזאכען, וויל ער וואס צום גיכסטען אראפ'פטר'ען די חתונה. א, ווי גליקליך איך וועל זיין, ווען איך וועל דיך ווידער קענען צודריקען צו מיין האר־

צען! דוניע געהט ארום ווי א משוגע'נע, דערמאָהענדיג זיך אין דער גליקליכער שעה, ווען זי וועט זיך ווידער מיט דיר זעהן. און זי האָט איינמאָל געזאָגט אין א וויץ, אז צוליעב דעם אליין וואָלט זי גענומען פיאָטר פעטראָוויטש'ן. ס'איז א מלאך, ניט קיין מענש! זי שרייבט דיר איצט גאָרנישט צו; זי האָט מיר נאָר געהייסען דיר שרייבען, אז זי האָט דיר אזוי פיעל צו זאָגען, אזוי פיעל, אז ביי איהר הויבען זיך אפילו די הענט ניט צו נעהמען זיך פאר דער פען, ווייל אין א פּאָר שורות וועט זי גאָרנישט אויסשרייבען און וועט זיך נאָר אויפרעגען. זי האָט געהייסען דיך פעסט ארומנעהמען און שיקט דיר קושען אָהן א צאָהל. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר וועלען זיך אפשר אין גיכען זעהן, וועל איך דיר דאָך די טעג ארויסשיקען א ביסעל געלט, איך וועל זעהן וואָס אויף די קניה און ווי מיר זיינען דאָן אלע גליקליך געווען! זיי געזונד, אָדער, בעסער געזאָגט, צום ווידערזעהן! איך נעהם דיך פעסט ארום און קוש דיר טויזענדער מאָל.

פון מיר דיין דיך הייס־ליעבענדע מוטער

„פּולכעריא ראסקאָלניקאָווא“.

די גאנצע צייט כעמט, וואָס ראסקאָלניקאָוו האָט געלייענט דעם בריעף, פון סאמע אנהויב אָן, איז דאָס פּנים ביי איהם נאָס געווען פון טרעהרען; אז ער האָט אבער געענדיגט, איז עס געווען בלאַס, ווילד צוקרימט, און א שווערער, גאַליגער, בייזער שמייכעל האָט זיך געשלענגעלט איבער זיינע ליפּען. ער האָט אוועקגעלעגט דעם קאָפּ אויף זיין הארט און שמוציג קישעלע און האָט געטראכט, לאנג גע־טראכט. דאָס הארץ האָט איהם שטארק געקלאפּט, און זיינע געדאנ־קען זיינען געווען שטארק אויפגערעגט. ענדליך איז איהם געוואָרען שווער און אייננ אין דעם דאָזיגען געלען קעמערל, וואָס האָט אויסגע־זעהן ווי א שאפע אָדער ווי א קעסטעל. דאָס אויג און דער מוח האָ־בען זיך געריסען אויף דער פריי. ער האָט געכאַפּט דעם הוט און איז ארויס, שוין ניט מורא האָבענדיג מיט ווועמען עס איז צו טרעפען זיך אויף די טרעפּ; ער האָט פשוט פארגעסען וועגען דעם. ער האָט זיך געלאָזט געהן צו דער וואסיליעווער אינזעל דורך וו—ער פּראָס־פּעקט, גלייך ווי ער וואָלט ערגעץ געאיילט וועגען א נויטיגע געשעפט; אין דער אמת'ן אבער איז ער, ווי געוועהנליך, געגאנגען, ניט באַ־

מערקענדיג דעם וועג, אונטערמורמלענדיג עפּעס פאר זיך און ריידענ־דיג זאָגאר אויפ'ן קול מיט זיך אליין. וואס דאָס איז געווען א גרויסער חידוש פאר די פארבייגעהער. א סך האָבען געמיינט, אז ער איז שכור.

פ י ע ר ט ע ס ק אַ פּ י ט ע ל.

דער מוטערס בריעף האָט איהם פארמאטערט. נאָר וועגען דעם וויכטיגסטען הויפּט־פּונקט האָט ער קיין איין רגע ניט געצווייפעלט. שוין דאָן אפילו, ווען ער האָט דעם בריעף געלעזען, און ס'איז ביי איהם פעסט באשלאָסען געוואָרען: „כל זמן איך לעב, וועט זי מיט איהם ניט חתונה האָבען, און צו אלדי טייוועל דעם העררן לוזשינען!“

„ווייל די זאך איז דאך קלאָר ווי דער טאָג“, האָט ער געשטאָ־מעלט פאר זיך, און א בייזער שמייכעל האָט צוקרימט זיינע ליפּען: מיט א בייזען געפיהל האָט ער שוין געפייערט דעם נצחון פון זיין פּלאן. — ניין, מאמע, ניין דוניע, איהר וועט מיך ניט אָפּנארען!... און זיי פארענטפערן זיך נאָך, וואס זיי האָבען זיך מיט מיר קיין עצה ניט געהאלטען, און געשלאָסען דאָס געשעפט אָהן מיין וויסען! גע־ווים אזוי! זיי מיינען, ס'איז שוין פארפאלען: מיר וועלען אָבער זעהן, צי עס איז פארפאלען צי ס'איז ניט פארפאלען! דער תירוץ איז טאקע נאָר אויף חדושים: „ער איז אז אפארנומענער מענש, אַט דער דאָזי־גער פּיאָטר פּעטראָוויטש, אזא פארנומענער מענש, אז אפילו חתונה האָבען קען ער אויך ניט אנדערש ווי אויף איין פוס, א בייזע איילעניש אויף זיין קאָפּ!“

ניין, דוניטשקע, איך זעה אלצדינג און ווייס וועגען וואס דו קלייבסט זיך דאָס אזוי פ י ע ל מיט מיר צו ריידען: איך ווייס אויך, וואס דו האָסט די גאנצע נאכט דאמאָלס געטראכט, געהענדיג אויף און אָב איבער'ן צימער, און וועגען וואס דו האָסט גאָט גע־בעטען. ס'איז שווער צו זיין א קרבן. הם!... איז דאָס שוין אלזא אן אָפּגעמאכטע זאך: איהר האָט די עהרע חתונה צו האָבען מיט א פארנומענעם און געשטעלטען מענשען, וואס האָט שוין זיין אייגענעם קאפּיטאל ־וואס האָט ש ו י ן זיין אייגענעם קאפּיטאל — דאָס קלינגט עפּעס סאָלידער, זיכערער), פארנעהמט צוויי שטעלעס, סימפּאַ־טיזירט מיט די נייסטע איבערצייגונגען פון דעם יונגען דור (ווי די

מאַמע שרייבט) און איז ד אַ כ ט ז י ך א גוטער, ווי דוניטשקע באַמערקט אַליין. דאָס דאָזיגע ד אַ כ ט ־ ז י ך איז שעהנער פון אַלץ! און דיזעלביגע דוניטשקע האָט חתונה טאַקע מיט דעם דאָזיגען ד אַ כ ט ־ ז י ך!... גרויסאַרטיג!...

„...און דאָך וואָלט זיין אינטערעסאַנט צו וויסען, צוליעב וואָס די מאַמע האָט מיר געשריבען וועגען „די נייסטע איבערציינונגען"? האָט זי דערמיט נאָר געוואָלט כאַראַקטעריזירען דעם חתן, אָדער זי איז דאָ אויסען געווען נאָר עפּעס אַנדערש: זי האָט מיך דערמיט געוואָלט אָפּקויפען — איך זאָל גוט זיין צו דעם דאָזיגען פּאַרטנגעשריטענעם ה. לוזשין אַ, ווי קלוג איהר זענט! און ס'וואָלט זיין אינטערעסאַנט צו דערגעהן נאָך א זאַך: ווי ווייט אָפענהערציג זיינען זיי געווען צווישען זיך אין יענעם טאָג און יענער נאַכט און אין דער גאַנצער צייט דער־נאָך. האָבען זיי איינער דעם אַנדערן אַרויסגעזאָגט אַלע ווערטער, אָדער זיי האָבעןביידע פאַרשטאַנען, אַז איינס און דאָסזעלבע דריקט זיי ביידען דאָס האַרץ און דעם זינען, און ס'איז אַלזאָ ניט נויטיג צו ריידען וועגען דעם אויפ'ן קול, מען קען זיך נאָך אַרויסכאַפּען מיט אַן איבריג וואָרט. אפנים, אַז אַזוי איז טאַקע געווען; ס'איז קענטיג פון דעם בריעף. דער מאַמען איז ער אויסגעקומען צו שטרענג א ב י ס ע ל ע, און די נאַאיווע מאַמע איז שוין אוועק צו דוניען מיט איהרע מעשיות. נאַטירליך איז יענע אין כעס געוואָרען און האָט „געענטפערט מיט א פאַרדראָס". געווים אַזוי! ווער וועט ניט צור־קאַכט ווערען, ווען די זאַך איז אַזוי אויך קלאָר, אָהן די נאַאיווע קשיות, און ווען ס'איז שוין אָפּגעמאַכט, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו ריידען. היינט וואָס שרייבט זי דאָס מיר אַזוינס: „האָב ליעב דו־ניען, ראָדיא, און זי האָט דיך ליעב מעהר ווי זיך אַליין": אפשר קען זי אַליין טיעף אין האַרצען ניט רוהען, וואָס זי האָט איינגעוויליגט צו אָפּפערן די טאָכטער פאַר'ן זוהן. „דו ביסט אונזער טרייסט, דו ביסט אונזער האָפנונג!" אַ, מאַמע!... א ווילדער כעס האָט איהם באַהערשט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און ווען ער וואָלט איצט געטראָפען דעם ה. לוזשינען, וואָלט ער איהם, דאַכט זיך, דער'הרג'עט!

„המ!... דאָס איז אמת, — האָט ער ווידער גענומען יאָגען זיך נאָך די געדאַנקען, וואָס האָבען זיך ווי א וויכער געטראָגען אין זיין קאָפּ, — דאָס איז אמת, אַז צו א מענשען דאַרף מען צוגעהן געדולדיג

און פארזיכטיג, אויב מען וויל איהם דערקענען". וועגען דעם ה.
לוזשינגען אבער איז נישטא קיין סך וואס צו טראכטען. דער עיקר —
א פארנומענער מענש און, ד א כ ט ז י ך. א גוטער". א ווער־
טעלע צו זאגען, דעם באגאזש גענומען אויף זיך, דעם גרויסען קאס־
טען ברײנגט ער אויף זיין אייגענע רעכענונג. נו איז ער דען ניט
קיין גוטער? און בײדע, די כ ל ה און די מוטער, דינגען א גוי־
טשיקעל, אין א וואגען, מיט ראגזשע געדעקט (איך בין דאך געפאהרען
מיט די ראזיגע פוהרלעך!). נישקשה! ס'איז דאך ניט מעהר ווי נײנ־
ציג ווארסט „און דארט וועלען מיר זיך אויפ'ן שענסטען אופן דורכ־
פאהרען אין דריטער קלאס". א ווארסט טויזענד. און אזוי דארף
טאקע זיין: אז מען קען ניט אריבער, מוז מען ארונטער; אבער איהר,
הערר לוזשין, וואס זאגט איהר? ס'איז דאך עפעס אייערע א כלה...
און עס קען דאך ניט זיין, איהר זאלט ניט וויסען, אז די מוטער
לייהט אויף הוצאות אויפ'ן חשבון פון דער פענסיע? געוויס, דא איז
ביי אייך א פשוט'ער סוחר'ישער חשבון, אן אונטערנעהמונג אויף
גלייכע חלקים. אלזא זיינען די הוצאות אויך אויף דער העלפט: „האנ־
דעלשאפט איז ניט ברודערשאפט". אבער אפילו דא האט זיי דער
„קאמערטשעסקי" מענש פארט א ביסעל אנגעפייפט: דער באגאזש
קאסט ביליגער, ווי זייער פאהרען, און עס קען זיין, אז ס'וועט איהם
א פרוטה ניט קאסטען. זעהען זיי דאס ביידע ניט אדער ניט מעהר
זיי מאכען זיך ניט זעהענדיג? זיי זיינען דאך צופריעדען, נאך ווי
צופריעדען. און ווען מען זאל נאר א טראכט טאן, אז דאס איז ערשט
אן אנהויב! ווייל דער עיקר איז דאך ניט די קארגשאפט, ניט די
מאוס'ע קליינליכע אויסגערעכענטקייט, — דער טאן פון דעם אלעם
איז דא דער עיקר. דאס איז דאך דער קינפטיגער טאן פון דער
חתונה, דאס איז דאך די שפראך פון דער נבואה... הײנט וואס האט
זיך דאס די מאמע אזוי צוהוליעט? מיט וואס וועט זי דאס קומען קיין
פעטערבורג? מיט דריי קארבען, צי גאר מיט צוויי „בילעטלעך", ווי
יענע... די לאטע זאגט... הם! פון וואס זשע וועט זי לעבען דא אין
פעטערבורג דערנאך, וואס מיינט זי? זי האט זיך דאך שוין איבער גע־
וויסע אורזאכען אנגעשטויסען, אז מיט דוניען וועט זי נ י ט ק ע־
נ ע ן לעבען נאך דער חתונה, די ערשטע צייט אפילו! דער פיינער
מענש האט זיך דא געוויס אודאי א ו י ס ג ע ר ע ד ט, האט זיך געלאזט

דערקענען, כאָטש די מאַמע לייקענט דאָ שטיין און ביין: „איך וועל אַליין, הייסט עס, ניט וועלען“, איז וואָס מיינט זי, אויף וועמען האָפט זי? אויף די הונדערט און צוואַנציג רובל פּענסיע, וואָס מען דאַרף נאָך דערפון אראָפּרעכענען דעם חוב אַפאַנאַסי'ן? זי שטריקט אפילו ווינטערדיגע האַלזטיכלעך און האָפט אוים מאַנקעטען צו אַרבעל, בלענדט די אַלטע אויגען. אבער די האַלזטיכלעך מיט די מאַנקעטען ברייגגען דאָך איהר אריין ניט מעהר ווי צוואַנציג רובל צו די הונדערט און צוואַנציג, איך ווייס דאָך עס גענוי.

אַלזאָ, הייסט עס, פאַרלאָזען זיי זיך פּאָרט אויף די איידעלקייט פון דעם הערר לוזשין: „נישקשה, ער וועט אַליין פאָרלעגען, ער וועט אַליין בעטען זיך“. זעהט אקאָרשט! און ס'איז דאָך שטענדיג אַזוי ביי די דאָזיגע סענטימענטאַלע לייט מיט די ערהאַבענע נאַטורען: ביז דער לעצטער מינוט פּוצען זיי דעם מענשען אין אויפגעבלאָזענע מעלות, ביז דער לעצטער מינוט האָפען זיי נאָר אויף גוטס, ניט אויף שלעכטס; און כאָטש זיי פיהלען אַליין, אז ער איז אין דער אמת'ען גאָר ניט אַזאַ אַנטיק, דאָך וועלען זיי פאַר קיין פאַל ניט ארויסזאָגען באַצייטענס די ריכטיגקייט: ווילען אפילו קיין געדאַנק ניט דערלאָזען. און מיט ביידע הענט שאָקלען זיי זיך אב פון דעם אמת, ביז וואַנען דער דאָזיגער פאַרפּוצטער העלד וועט זיי מיט זיינע אייגענע הענט ניט אָנרייבען אַ מאָרדע. איך וואָלט זיין אַ בעלן צו וויסען, צי האָט דער ה. לוזשין אָן אָרדען: איך קען שווערען, אז יאָ, ער טוט איהם געוויס אָן, ווען ער עסט מיטאָג ביי פּאָדריאַדטשיקעס אָדער סוחרים. עס איז זעהר מעגליך, אז אויף דער חתונה וועט ער איהם אויך אָנטאָן! איבּ־ריגענס כאַפּט איהם דער טייוועל!...

„נאָר מילא די מאַמע ווי די מאַמע, זי איז שוין פּאָרט אַזאַ, אבער דוניע, וואָס מיינט זי? דוניע, טייערינקע, איך קען דאָך אייך! איך איז דאָך שוין דאָן געגאַנגען דאָס צוואַנציגסטע יאָהר, ווען מיר האָבען זיך דאָס לעצטע מאָל געזעהן: דעם כאַראַקטער אייערען האָב איך שוין פאַרשטאַנען אָט שרייבט די מאַמע, אז „דוניטשקע קען אַ סך פאַרטראָגען.“ געוויס, אז זי האָט געקענט אריבערטראָגען דעם ה. סווידריגיילאָוו'ן, מיט אַלע רעזולטאַטען דערפון, קען זי טאַקע אַ סך פאַרטראָגען. און איצט מיינען זיי שוין, זי מיט דער מאַמען, אז דעם ה. לוזשינען, וועלכער האַלט ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אַ לעק־

ציע וועגען דעם, אז ס'איז פיעל גלייכער צו האבען א ווייב, וואס זאל שטאמען פון ארימקייט און וואס זאל פיהלען, אז דער מאן האט זי גע־ראטעוועט, — קען מען אויך פארטראגען. מילא זאל שוין זיין, אז ער האט זיך „אויסגערעדט", ער איז אפילו א געשטעלטער מענש (דערי־בער איז זעהר מעגליך, אז ער האט זיך דאס ניט אויסגערעדט, נאר ער איז פשוט אויסען געווען וואס קלארער געבען צו פארשטעהן), אבער דוניע, דוניע וואס זאגט! זי פארשטעהט זיך דאך שוין אויפ'ן מענשען. און מען דארף דאך מיט איהם דורכמאכען עפעס א לעבען! זי וועט דאך בעסער עסען ברויט מיט וואסער, אבער די נשמה איהרע וועט זי שוין ניט פארקויפען, אבער די גייסטיגע פרייהייט איהרע וועט זי ניט אפגעבען פאר א טאפ לינזען; פאר א הלאבע מלוכה וועט זי ניט אפ־געבען, ניט נאר פאר ה. לוזשינען. ניין, ניט דאס איז זי געווען, אויף וויפיעל איך האב זי געקענט, און... נו, יא, געוויס האט זי זיך אויך איצט ניט אומגעביטען!... וואס איז דא צו ריידען! ס'איז שווער צו טראגען די סווידריגייילאווס! ס'איז שווער פאר צוויי הונדערט רובל צו שלעפען זיך א גאנץ לעבען איבער די גובערניעס אלס גובערנאנ־טין, דאך אבער בין איך זיכער, אז מיין שוועסטער וועט זיך גיכער פארדינגען פאר א נעגער צו אן אמעריקאנער פלאנטאטאר פאר א פא־רובאק צו א דייטשען פריץ, איידער זיך לאזען פארשמוצען דאס הארץ און די נשמה און פארבינדען זיך מיט א מענשען, צו וועלכען זי פיהלט ניט קיין שום אכטונג, האט ניט קיין שום שייכות, — פארבינדען זיך אויף אייביג צוליעב א שטיקעל ברויט! און דער ה. לוזשין מעג זיין אפילו געקנאטען פון דעם ריינסטען גינגאלד אליין, ער מעג זיין אן אמת'ער בריליאנט, דאך וועט זי אויך דאן ניט וועלען ווערען א גע־זעצליכע קעפסווייב פון דעם ה. לוזשין! פארוואס אבער וויל זי איצט יא? וואו איז דא דער שפיץ? וואו איז דא דער שליסעל צו דעם רע־טעניש? די זאך איז קלאר: צוליעב זיך אליין, צוליעב איהר אייגע־נעם קאמפארט, אפילו כדי צו ראטעווען זיך פון טויט, וועט זי זיך ניט פארקויפען, און צוליעב אנ'אנדערן פארקויפט זי זיך יא! צוליעב א מענשען, וועלכען זי האט ליעב, וועלכען זי פארגעטערט וועט זי זיך יא פארקויפען! אט וואו ס'איז דער הונד באגראבען! צוליעב דער מו־טער, צוליעב דעם ברודער וועט זי זיך פארקויפען! אלץ פארקויפען! א, דא וועלען מיר ביי א געלעגענהייט אוועקמאכען אפילו אונזער מא־

ראַליש געפיהל; פרייהייט, רוה, געוויסען, אלץ, אלץ, וועלען מיר אין מארק ארויסטראגען. זאָל פארלאָרען געהן דאָס אייגענע לעבען! אבי אונזערע הייסגעליעבטע קרובים זאָלען גליקליך זיין! און דאָס איז נאָך וועניג: מיר וועלען אויסטראכטען אַז אייגענעם אויסדרעה, ווי אמת'ע יעזואיטען, און וועלען אפשר אויף א ווײַלע זיך אַליין באַרוהיגען און איינשמועסען, אַז אַזוי דאַרף טאקע זיין, ווייל מיר זיינען אויסען אַ הייליגען צוועק. אַט וואָסערע מיר זיינען, און אלץ איז קלאָר ווי דער טאָג. ס'איז קלאָר, אַז ניט קיין אנדערער ווי נאָר ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש ראָסקאָלניקאָוו שטעהט דער ערשטער אויפ'ן ברעטעל. נו, ווי זשע דען, זי קען דאָך איהם גליקליך מאכען, אין אוניווערזיטעט האלטען, פאר א קאָמפּאניאָן אין קאָנטאָר מאכען, פאַרזאָרגען איהם אויף זיין גאַנץ לעבען; ער קען נאָך אמאָל א גביר ווערען, א פיינער אָנגעזעהענער בעל־הבית, און א קשיא אויף א מעשה, ער קען נאָך שטארבען אלס באַריהמטער מאַן! איי, די מוטער? דאָ האנדעלט זיך דאָך אבער וועגען ראָדיא'ן, וועגען דעם גאָלדענעם ראָדיא'ן, וועגען דעם בכור! נו, ווי זאָל מען אין דער אמת'ען צוליעב אזא בכור ניט אָפּפערען אפילו מיט אזא טאָכטער! אָ, איהר טייערע פארבלאָנזשעטע נשמות! נאָר וואָס איז דאָ צו ריידען: דאָ וועלען מיר זיך אפשר נישט אָפּזאָגען אפילו פון סאָניטשקעס גורל! סאָניטשקע, סאָניטשקע מאַרמעלאַדאָווא, די אייביגע סאָניטשקע, זינט די וועלט שטעהט! האָט איהר אבער דען ביידע א באגריף וואָס פאר א קרבן דאָס איז? זעהט אָקאָרשט! איז עס דען פאר אייערע כחות? וועט עס דען נוצען ברייגגען? איז עס דען קלוג? צי ווייסט איהר כאָטש, דוניטשקע, אַז סאָניטשקעס גורל איז אפילו אויף א האָר ניט ערגער פאר'ן גורל מיט'ן ה. לוזשין? „קיין ליעבע קען דאָ ניט זיין", שרייבט די מאמע. און וואָס איז דאן אויב אויסער ליעבע קען אויך קיין אכטונג ניט זיין, פארקעהרט, ס'איז שוין פארהאַן עקעל, פאראכטונג, ווידערגעפיהל, וואָס איז דאן? אָט וואָס ס'קומט דאן אויס, אַז מען וועט ווידער, הייסט עס, דארפען „אָ פּ היטען די ריינקייט". אפשר ניט אזוי, וואָס? פארשטעהט איהר כאָטש, פארשטעהט איהר כאָטש, פארשטעהט איהר כאָטש, וואָס עס באַטייט די דאָזיגע ריינקייט? פארשטעהט איהר כאָטש, אַז לוזשינס ריינקייט איז אלץ איינס ווי סאָניטשקעס ריינקייט, און אפשר איז זי נאָך ערגער, שמוציגער, שענדלי־

כער, ווייל איהר, דוניטשקע, רעכענט דאָ פאַרט אוים אויף א ביסעל מעהר קאָמפאָרט, און דאַרטען האנדעלט זיך עס ניט מעהר און ניט וועניגער ווי וועגען א הונגער־טויט! ס'קאָסט טייער, דוניטשקע, זעהר טייער, אָט די דאָזיגע ריינקייט! נו, און אויב איהר וועט שפּעטער ניט אויסהאַלטען, וועט הרטה האָבען? וויפיעל שמערץ, צער, קללות, וויפיעל טרעהרען, פון אַלעמען פאַרבאָרגענע, ווייל איהר זענט דאָך ניט מאַרפאַ סווידריגיילאָווס? און מיט דער מוטער וואָס וועט דאַמאָלס זיין? זי רוהט דאָך שוין איצט ניט אפילו, און האָט יסורים: היינט וואָס וועט שוין זיין, ווען איהר וועט אַלץ קלאָר ווערען? און מיט מיר?... וואָס האָט איהר אין דער אמת'ן א טראַכט געטאָן וועגען מיר? איך וויל ניט אייער קרבן, דוניטשקע, איך וויל ניט, מאַמע! דאָס וועט ניט זיין, כל זמן איך לעב, דאָס וועט ניט זיין, דאָס וועט ניט זיין! איך פאַרשטעה ניט!"

ער איז פּלוצלונג צו זיך געקומען און איז שטעהן געבליבען.

„דאָס וועט ניט זיין? און וואָס פאַר א מיטלען וועסטו אָנווענדען עס זאָל ניט זיין? וועסט פאַרווערען? און וואָס פאַר א רעכט האָסטו? וואָס קענסטו זיי געבען פון דיין זייט, זאָלסט יאָ מעגען רעכט האָבען? דיין גאַנץ לעבען, דיין גאַנצע צוקונפט וועסטו זיי אָפּגעבען, ווען דו וועסט ענדיגען די אוניווערזי־טעט און וועסט קריגען א שטעלע? דאָס איז דאָך אבער פויגעלעך אין בוזים, איצט אבער וואָס? דאָ מוז מען דאָך עפּעס טאָן, פאַרשטעהסט עס צי ניט? און דו, וואָס טוסטו איצט? ציהסט פון זיי טאַקע די אָדערן. דאָס געלט קומט זיי דאָך אָן מיט גרינע ווערים, — די הונדערט־רובעלדיגע פּענסיע פאַר'משכונ'ען אָדער זיך אַליין פאַרקויפען צו די העררן סווידריגיילאָווס? פון די סווידריגיילאָווס, פון אַפאַנאַסי וואַכרושניען מיט וואָס וועסטו זיי איינהיטען, דו גרויסער מיליאָנער פון משיח'ס צייטען, דו גרויסער העלד, וואָס זאָרגט זיך וועגען זייער גליק? איבער צעהן יאָהר ארום, זאָגסטו? אָבער איבער צעהן יאָהר ארום וועט די מאַמע דיינע שוין בלינד ווערען פון שטריקען די האַלזטיכלעך, און אפשר פון טרעהרען: פון תעניתים וועט זי אויסגעהן: און די שוועסטער? נו, גיב טאַקע א טראַכט, וואָס עס קען ווערען פון דיין שוועסטער איבער צעהן יאָהר ארום? געטראָפען?

אזוי האָט ער זיך אליין געמאַטערט און גערייצט מיט די דאָזיגע פראַגען, און געהאט אין דעם זאַגאַר עפּעס א מאָדנעם פאַרגניגען. צוריקגערעדט זיינען אָט די אַלע פראַגן געווען ניט קיין נייע, ניט קיין אומגעריכטע, נאָר אַלטע, אַנגעוועהטאַגטע, לאַנגאַניגע. לאַנג שוין האָבען זיי איהם גענומען בלוטען, און האָבען איהם דאָס הארץ צורבראָכען. שוין לאַנג, זעהר לאַנג איז אין איהם ענטשטאַנען דער איצטיגער שמערץ, האָט גענומען וואַקסען, פולער ווערען און פאַר דער לעצטער צייט איז ער רייף געוואָרען און זיך קאָנצענטרירט אין דער געשטאַלט פון א שרעקליכער, ווילדער און פאַנטאַסטישער פראַגע, וואָס האָט איהם צוריסען דאָס הארץ און דעם מוח און דרינגליך געפאָדערט אַנ׳ענטפער. איצט אָבער האָט איהם דער מוטערס בריעף ווי א דונטער געטראָפען. ס׳איז קלאָר געווען, אז איצט האָט מען געדאַרפט ניט זיין פאַראומערט, ניט ליידען פאַסיוו, ניט אָבקומען בלויז מיט חקירות וועגען דעם, אז אויף די פראַגען איז ניטאָ קיין ענטפער, נאָר מען האָט געמוזט נויטיג ווי לעבען עפּעס טאָן, און טאַקע שוין, און טאַקע וואָס גיכער. עס האָט געמעגט זיין, וואָס עס וויל, נאָר עפּעס האָט געמוזט געטאָן ווערען, כאָטש וואָס עס איז, אָדער...

— אָדער זיך גאָר אינגאַנצען אָבזאָגען פון לעבען! האָט ער פלוצלונג אויסגעשריען מיט א מין ווילדער משוגעת, — געהארכזאַם זיך אונטערגעבען דעם הארטען מזל, אזוי ווי ער איז, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, און דערשטיקען אין זיך אַלצדינג, — אָבזאָגען זיך פון יעדען רעכט אויף האַנדלען, לעבען און ליעבען!

„פאַרשטעהט איהר כאָטש, פאַרשטעהט איהר כאָטש, יונגער מאַן, וואָס דאָס הייסט. אז ס׳איז שוין מעהר נישטאָ וואוהין צו געהן?“ האָט ער פלוצלונג זיך דערמאָנט אָן מאַרמעלאַדאָווס נעכטיגע פראַגע. — ווייל יעדער מענש מוז האָבען וואוהין צו געהן, עס מעג זיין ווער ווייסט וואוהין...“

פלוצלונג האָט ער ציטער געטאָן: א געדאַנק, אויך פון נעכטען, האָט זיך איהם ווידער דורכגעטראָגען אין קאָפּ. נאָר ער האָט א ציטער געטאָן, ניט ווייל דער דאָזיגער געדאַנק האָט זיך דורכגעטראָגען. ער האָט דאָך געוואוסט, ער האָט פ א ר א ו י ס ג ע פ י ה ל ט, אז ער וועט זיך געוויס ד ו ר כ ט ר אָ ג ע ן, און האָט שוין גע

ווארט אויף איהם; דער געדאנק אליין איז שוין אפילו אויך ניט געוועזן פון נעכטען. נאר דער אונטערשיעד איז באשטאנען אין דעם, וואס מיט א חודש צוריק און אפילו נעכטען נאך איז דאס מעהר ניט געוועזן ווי א טרוים, איצט אבער... איצט איז ער געקומען ניט אלס טרוים, נאר אין עפעס א נייער, גרויזאמער, איהם גאנץ אונבעקאנטער געשטאלט, און ער האט עס פלוצלונג פארשטאנען... עס האט איהם א זעץ געטאן אין קאפ און פינסטער געווארען אין די אויגען.

ער האט זיך האסטיג ארומגעקוקט, ער האט עפעס געזוכט. ער האט זיך געוואלט זעצען און האט געזוכט א באנק; ער איז דאן געגאנגען איבער עפעס א בולוואר. א באנק האט זיך געזעהן ביי א הונדערט טריט ווייט. ער איז אוועק אזוי שנעל, ווי ער האט נאר געקענט, אבער אויפ'ן וועג האט זיך איהם געטראפען עטוואס אזוינס, וואס האט אויף א קליינע וויילע צוגעצויגען זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט.

אויסקוקענדיג א באנק האט ער דערזעהן אין א טריט צוואנציג פאר זיך א פרוי. אנפאנגס האט ער זיך אויף איהר אפילו ניט אומגעקוקט, אזוי ווי ער האט זיך בכלל ניט אומגעקוקט אויף אלעס, וואס האט איהם געשוועבט פאר די אויגען. איהם איז שוין פיעל מאל אויסגעקומען צו געהן אהיים, א שטייגער, ניט אנהויבענדיג צו געדענקען דעם וועג, וואס ער איז געגאנגען, — און ער האט זיך שוין אזוי איינגעוועהנט. אין דער געהענדיגער פרוי אבער איז געוועזן עטוואס מערקווירדיגעס, וואס האט זיך פון דעם ערשטען אויגענבליק אן געווארפען אין די אויגען — און ביסלעכווייז איז זיין בליק צוגעשמידט געווארען צו איהר, אפריהער עפעס אזוי ווי ניט־ווילענדיג, מיט א מין פארדרוס, דערנאך אבער אליץ שטארקער און שטארקער. איהם האט זיך פלוצלונג פארוואלט פארשטעהן, וואס אזוינס מערקווירדיגס האט געשטעקט אין דער דאזיגער פרוי. ערשטענס, איז זי, — קענטיג נאך גאר א יונג מיידעל, — געגאנגען אין אזא היץ מיט א בלויזען קאפ, אהן א שירם און אהן האנט־שוה און האט עפעס מאדנע קאמיש געמאכט מיט די הענט. איהר זיידען קליידעל, פון לייכטען שטאף, איז אויך עפעס זעהר ציקאווע געוועזן אנגעטאן, ניט רעכט פארשפילעט, און פון הינטען הארט ביי דער טאליע איז אראבגעהאנגען און געבאמבעלט זיך א שטיק קלייד פון א גוואלד־רים. א קליין שאלכעל

איז געווען פאַרוואָרפען אויף איהר נאַקעטען האַלז און איז אויך געהאַנגען עפּעס קרום און מיט א זייט. אויסערדעם איז זי געגאַנ־גען ניט־זיכער, זיך שטרויכלענדיג אויף יעדען טריט און ניט קענענדיג איינשטעהן אויף די פיס. די דאָזיגע באַגעגעניש האָט ראַסקאָלני־קאָוו'ן זעהר פאַראינטערעסירט. ער האָט זיך געטראָפען מיט'ן מיי־דעל ביי דער באַנק; ווי זי איז אָבער צוגעקומען צו דער באַנק, האָט זי גלייך אויף איהר א פאַל געטאָן אנידער, אין א ווינקעל, האָט פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אויפ'ן אָנלעהן און פאַרמאַכט די אויגען, אפּנים פון גרויס מיעדקייט. ווען ער האָט זיך צו איהר צוגעקוקט, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אז זי איז טויט־שכור. ס'איז געווען מאָדנע און ווילד דאָס אָנצוקוקען. איהם איז זאָגאר איינגעפאַלען צי האָט ער אמאָל ניט קיין טעות. פאַר איהם איז געווען זעהר א יונג פּנים'ל, פון א יאָהר זעכצעהן און אפשר ניט מעהר ווי פופצעהן, א קליין, בלאָנד, חנ'עוודיג פּנים'ל, נאָר מאָדנע צופלאַמט און אזוי ווי עטוואָס אָנגעשוואָלען. דאָס מיידעל האָט שוין, קענטיג, זעהר ווייניג פאַרשטאַנען; האָט פאַרלעגט א פוס אויף א פוס, און איהם ארויסגעשטעלט די פאַרלייגטע פוס פיעל מעהר, ווי עס איז נויטיג געווען, בכלל איז פון אלעם גע־ווען צו דערקענען, אז זי האָט געהאַט א קנאַפּע השגה, דאָס זי גע־פינט זיך אויף דער גאַס.

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך ניט געזעצט און ניט געוואָלט אוועק־געהן; ער איז געשטאַנען פאַר איהר עפּעס אזוי ווי ניט פאַרשטעהענ־דיג. דער בולוואַר פלעגט שטענדיג זיין פריי פון באַזוכער, און איצט צוויי דעם זייגער און אין אזא היץ האָט מען דאָ קיין משוגע'נעם הונט ניט געקענט טרעפען. דאָך איז אָן א זייט, א טריט פופצעהן ווייט, געבליבען שטעהן אויפ'ן ראַנג בולוואַר עפּעס א פאַרשוין און ס'איז זעהר קענטיג געווען, אז ער האָט געהאַט גרויס חשק אונטערצוגעהן צום מיידעלע מיט געוויסע כונות. ער האָט זי אפּנים אויך דערזעהן פון דערווייטען און האָט זי געוואָלט נאָכגעהן, האָט איהם אָבער ראַס־קאָלניקאָוו זיך געשטעלט אין וועג. ער האָט אויף איהם געוואָרפען בייזע בליקען, באַמיהענדיג זיך פונדעסטוועגען, אז יענער זאָל זיי ניט באַמערקען, און האָט אונגעדולדיג געוואַרט, ווען דער פאַרדראָסי־גער שלעפּער וועט אוועקגעהן. די זאַך איז געווען זעהר קלאָר. דער דאָזיגער פאַרשוין איז געווען פון א יאָהר דרייסיג, א פעסטער, א

דיקער, בלוט און מילך, מיט ראזע ליפען און פיינע וועגסלעד, זעהר פראנטיש געקליידעט. ראסקאלניקאוו איז געווארען שרעקליך בייז: איהם האט זיך פלוצלונג פארוואלט עפעס באליידיגען דעם דאזיגען דיקען פראנט. ער האט אויף א ווייל̈ע געלאזען דאס מיידעל און איז צוגעגאנגען צו דעם אונבעקאנטען.

— היי, איהר סווידריגיילאוו איינער! וואס דארפט איהר דא האבען? — האט ער אויסגעשריען, מיט צונויפגעראלטע פויסטען, און זיינע ליפען, וואס זיינען פאר רציחה פארלאפען מיט א שוים, האבען אזוי ווי געלאכט.

— וואס הייסט עס? — האט שטרענג געפרעגט דער הערר, צונויפציהענדיג די ברעמען און אויסדריקענדיג א שטאלצע פארוואונ־דערונג.

— טראג זיך אב פון דאנען, אט וואס!

— ווי האסטו עס די העזה, דו שלעפער איינער!

און ער האט זיך פארמאסטען מיט זיין בייטשעל. ראסקאלניקאוו האט זיך צו איהם א לאז געטאן מיט די פויסטען — איהם איז אפילו ניט איינגעפאלען, אז דער דאזיגער פעסטער הערר קען בייקומען אזעלכע צוויי, ווי ער. נאר אין דעמזעלבען אויגענבליק האט איהם עמיצער פעסט א נעהם געטאן פון הינטען. צווישען זיי איז געשטא־נען א פאליציאנט.

— לאזט אב, מיינע העררען, וואס האט עס פאר א פנים צו מאכען א סקאנדאל אין א עפענטליכען ארט. וואס דארפט איהר דא האבען? ווער זענט איהר? האט ער זיך שטרענג געווענדט צו ראס־קאלניקאוו'ן, נאכדעם ווי ער האט באטראכט זיינע שמאטעס.

ראסקאלניקאוו האט אויף איהם אויפמערקזאם א קוק געגעבען. דאס איז געווען א בראווען געזיכט פון א סאלדאט, מיט גרויע וואנ־סען און באקענבארדען און מיט א קלוגען בליק.

— אייך טאקע דארף איך האבען, — האט ער א געשריי גע־טאן און איהם אנגעכאפט פאר'ן האנט. — איך בין א געוועזענער סטודענט, ראסקאלניקאוו... איהר מעגט דאס אויך וויסען, האט ער זיך געווענדעט צו דעם הערר. — און איהר קומט מיט מיר, איך וועל אייך עפעס ווייזען...

און א נעהם טוענדיג דעם פּאָליציאַנט פאר'ן האַנט, האָט ער איהם אוועקגעשלעפּט צו דער באַנק...

— גיט נאָר א קוק, — טויט־שכור, נאָר־וואָס געגאַנגען איבער'ן בולוואַר: דאָס גוטע יאָהר ווייס איהר, ווער זי איז, נאָר זי ווייזט עפּעס ניט אויס פון יענע. גיכער פאר אלץ קען זיין, אז מען האָט זי ערגעץ אַנגע'שכור'ט און פארפיהרט... אנ'ערשטען מאָל... איהר פאר־שטעהט! און אזוי טאַקע געלאָזט אויף דער גאַס. גיט נאָר א קוק ווי דאָס קליידעל איז צוריסען, גיט נאָר א קוק, ווי עס איז אַנגעטאָן: מען האָט עס איהר אַנגעטאָן, ניט זי אליין האָט זיך עס אַנגעטאָן, און דערצו נאָך ניט קיין געניטע הענט, מענערשע הענט. דאָס איז קענטיג. און איצט כאַפּט נאָר א קוק אהערצו: אָט דער פראַנט, וואָס איך האָב זיך מיט איהם נאָר־וואָס געוואָלט שלאָגען, איז מיר גאַנץ אונ־באַקאַנט, דאָס ערשטע מאָל זעה איך איהם, נאָר ער האָט אויף איהר אויך געוואָרפען אַנ'אויג. טויט־שכור איז זי, ווייס ניט אויף וואָסער וועלט זי איז, — ווילט זיך איהם אונטערצוגעהן צו איהר און איבער־נעהמען זי, — זי איז דאָך אין אזא צושטאַנד — און דאַן ערגעץ פארפיהרען... דאָס איז געוויס אזוי: פארלאָזט זיך שוין אויף מיר, איך האָב זיכער קיין טעות ניט. איך האָב אליין געזעהן, ווי ער האָט פון איהר קיין אויג ניט אראָבגענומען, נאָר איך האָב איהם גע'פּטר'ט זיין גאַנצען פּלאַן, וואַרט ער דאָס איצט, אז איך זאָל אוועקגעהן. אָט איז ער נאָר־וואָס אָבגעגאַנגען עטוואָס, שטעהט זיך אָן א זייט, כלומרשט דרעהט צונויף א פּאַפּיראָס... ווי אזוי זאָלען מיר עס ניט דערלאָזען? ווי אזוי זאָלע' מיר זי אהיים אָבפיהרען, — גיט נאָר א טראַכט!

דער פּאָליציאַנט האָט גלייך אלעס פארשטאַנען. דער דיקער פראַנט האָט זיך גלייך אוועקגעמאַכט; האָט מען געדאַרפט זעהן אָנ־עצה מיט'ן מיידעל. ער האָט זיך איבער איהר אריבערגעבויגען צו באַטראַכטען זי נעהנטער און אנ'אמת'דיג מיטליידס־געפיהל האָט זיך באַוויזען אויף זיין געזיכט.

— א ביטער רחמנות! האָט ער געזאָגט און א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, — נאָך גאָר א קינד. פארפיהרט — אָהן א ספק. הערט נאָר, פרייליין, האָט ער זי גענומען רופען, — וואו וואוינען זיי? דאָס מיידעל האָט געעפענט איהרע מידע, פארלאָפענע אויגען,

האט תמ'עוואטע א קוק געטאן אויף ראסקאלניקאוו'ן מיט'ן פאליצי־אנט און א מאך געטאן מיט דער האנט.

— הערט נאר, — האט ראסקאלניקאוו געזאגט, (ער האט גענו־מען זוכען אין קעשענע און האט ארויסגעשלעפט צוואנציג קאפיקעס, וואס זיינען נאך געבליבען) נאט אייך אויף א דראזשקע און זאל מען זי אבפיהרען אהיים. ווי אזוי אבער דערגעהט מען דאס אדרעס איה־רען?

— פריילייו, איהר הערט, פריילייו? האט דער פאליציאנט ווי־דער אנגעהויבען, צוגעהמענדיג דאס געלט, — איך וועל זיי גלייך נעהמען א דראזשקע און וועל זיי אליין אבפיהרען. וואוהין ווילען זיי זיך הייסען אבפיהרען? הא? וואו איז אייער וואוינונג?

— אוועק!... קריכען אלע ווייל!... האט דאס מיידעל ארויס־געשטאמעלט און האט ווידער א מאך געטאן מיט דער האנט.

— אך, ווי דאס איז ניט שעהן! שעמען וואלטען זיי זיך פריי־ליין! ס'איז דאך א חרפה! — ער האט ווידער א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ, מיט פארוואורף, מיטלייד, און אויפגעבראכטקייט. — וואס טוט מען? האט ער זיך געווענדעט צו ראסקאלניקאוו'ן און האט איהם נאכאמאל בליצשנעל באטראכט פון קאפ ביז די פיס. ער איז איהם אפנים אויך געוועזן א גרויס חדוש: אין אזוינע שמאטעס, און וואַרפט זיך מיט געלט!

— איהר האט זי געטראפען ווייט פון דאנען? — האט ער איהם געפרעגט.

— איך זאג דאך אייך: דא טאקע אויפ'ן בולוואר, זי איז גע־גאנגען און געפאלען פון די פיס. ווי זי איז נאר צוגעקומען צו דער באנק, האט זי זיך גלייך אויף איהר א ווארף געטאן.

— אי, איז דאס א וועלט געווארען — קיין חרפה און קיין בושה איז ניטא! אזא יונגינקע און שוין שכור! פארפיהרט, אהן א ספק: דאס קליידעל זייערס איז אפילו צוריסען... היינטיגע צייטען... קיין חרפה און קיין בושה... זנות און אויסגעלאסענקייט... ווייזט אויס אפנים א בעל־הבתיש קינד, פארארימט געווארען... איצט איז ברוך־השם דא א סך אזעלכע. יא, עפעס ווי אנ'איידעל קינד, אנ'אמת'ע פריילייו.

און ער האט זיך ווידער איבער איהר איינגעבויגען.

אפשר זענען שוין ביי איהם אויך געוואקסען אזעלכע טעכטער־לעך — „וואס זעהען אויס ווי איידעלע קינדער, אמת'ע פריילײנס". מיט אלע מינעם פון פיינערצויגענע און מיט א גרויסער ליידענשאפט נאכצוטאנצען נאך דער מאדע נאך.

— דער עיקר, — האט זיך ראסקאלניקאוו געקאכט, — ניט דערלאזען דעם דאזיגען מיאוסען הונט! אויף אזוינעם א קשיא, ער וועט זי נאך שענדען! עס איז איהם אויפ'ן פרצוף אנגעשריבען, וואס איהם ווילט זיך אזוי; א הונט קען, געהט ניט אוועק אפילו!

ראסקאלניקאוו האט גערעדט אויפ'ן קול און האט אויף איהם אנגעוויזען מיט דער האנט. יענער האט דערהערט און האט געוואלט ווידער איין כעס ווערען, ער האט אבער חרטה געהאט און האט נאר אויף איהם א קוק געטאן מיט גרוים גוואה. דערנאך איז ער אבגעגאנ־גען נאך א טריט צעהן און איז ווידער שטעהן געבליבען.

— ניט לאזען זיי — דאס איז גראד א קלייניגקייט, — האט דער אונטער־אפיציר געענטפערט מיט א ישוב־הדעת. ווען זיי וואלטען אבער געזאגט, וואוהין זיי אבצופיהרען, ווארום... פריילײן, איהר הערט, פריילײן! — האט ער זיך ווידעראמאל אײנגעבויגען.

יענע האט פלוצלונג ווידער אנ'עפען געטאן די אויגען, האט זיך אויפמערקזאם ארומגעקוקט און, גלייך ווי זי האט עפעס פאר־שטאנען, איז זי אויפגעשטאנען פון באנק און האט זיך געלאזט געהן אין דער זייט, פון וועלכער זי איז געקומען.

פוי, ס'אר א מאוס'ע מענשען, קריכען ווי די הינט! האט זי א זאג געטאן און ווידעראמאל א מאך געטאן מיט דער האנט.

געגאנגען איז זי געשווינט, אבער ווי פריהער איז זי פון די פיס געפאלען. דער פראנט איז אוועק נאך איהר, אפילו איבער א צווייטער אלעע, און האט פון איהר קיין אויג ניט אראבגענומען.

— זייט רוהיג, איך וועל ניט דערלאזען, — האט פעסט גע־זאגט דער פאליציאנט און איז אוועק נאך זיי.

— היינטיגע צייטען... זנות און אויגלאסענקייט!... האט ער נאכאמאל געזאגט מיט א זיפץ.

אין דער ווײלע האט ראסקאלניקאוו'ן גלייך ווי עפעס א שטאך געטאן; אין איין אויגענבליק איז אין איהם א מין איבערקעהרעניש פארגעקומען.

— איי, הערט נאר! — האט ער א געשריי געטאן צום פּאָלי־ציאַנט.

יענער האט זיך אבגעקעהרט.

— לאזט עס! אנ'עסק האט איהר! לאזט זיי געמאך! זאל ער אביסעל א שטיף טאן (ער האט אנגעוויזען אויפ'ן פראנט); ס'איז דען אייער עסק?

דער פּאָליציאַנט האט ניט פארשטאנען און האט אויף איהם אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען. ראסקאָלניקאָוו האט זיך צולאכט.

— ע־עך! — האט דער פּאָליציאַנט א זאג געטאן, א מאך געבענדיג מיט דער האנט, און האט זיך געלאזט געהן נאכ'ן פראנט און נאכ'ן מיידעל; ראסקאָלניקאָוו האט איהם קענטיג געשיינט צו זיין אדער משוגע אדער נאך עפּעס ערגער.

— מיינע צוואנציג קאָפּיקעס אוועקגעשלעפּט, — האט ראס־קאָלניקאָוו מיט שנאה געזאגט, ווען ער איז געבליבען אליין. — אט אזוי, זאל ער נאך עפּעס נעמען ביי יענעם און איהם לאזען מיט'ן מיידעל, דאס וועט זיין דער סוף... און וואס איז דאס מיין דאגה? העלפען האב איך איהר געוואלט! נו, קען איך דען העלפען? האב איך דען רעכט צו העלפען? זאלען זיי כאטש אויפעסען איינער דעם אנדערן לעבעדיגערהייט — איז דאס דען מיין דאגה? און ווי אזוי האב איך דאס איהם געטארט אבגעבען די צוואנציג קאָפּיקעס? זענען זיי דען מיינע?

ניט קוקענדיג אויף די דאָזיגע מאָדנע רייד, איז איהם געוואָרען זעהר שווער. ער האט זיך צוגעזעצט אויף דער פארלאָזטער באנק. זיינע געדאנקען האבען זיך צומישט... און ס'איז איהם גלאט געווען שווער איצט צו טראכטען, ווענען וואס עס זאל ניט זיין. ער וואָלט זעהר וועלען זיך גאנץ פארגעסען, אלץ פארגעסען, דערנאך ערוואכען און אנהויבען גאָר אויף ס'ניי...

— אך, דו ארים מיידעלע! — האט ער געזאגט, א קוק געבענדיג אויפ'ן ליידיגען ראָג באנק. וואו זי איז געזעסען. — זי וועט קומען צו זיך, וועט א וויין טאן. דערנאך וועט די מוטער געוואהר ווערען... אפּריי־הער וועט זי זי שלאָגען, און דערנאך שמייסען, שמייסען ביז בלוט אריין און מיט בזיונות, און וועט זי אפשר גאָר ארויסטרייבען... און אויב זי וועט זי ניט ארויסטרייבען, וועלען דאס די דאריאס פארט

דערשמעקעז, און מיין מיידעלע וועט זיך נעהמען ארומטרייבען אהער און אהין... אהער און אהין... דערנאָך וועט גלייך קומען דער שפּיטאָל (און דאָס איז שטענדיג אזוי מיט די, וואָס לעבען ביי זעהר עהרליכע מוטערס און שטיפּען אונטער בגנבה פון זיי), נו, און דערנאָך... און דערנאָך ווידער א שפּיטאָל... ווייז... שיינקען... און נאָך א שפּיטאָל... ווייז... שיינקעז... און נאָך א שפּיטאָל... אין א יאָהר צוויי־דריי — א קאַליקע. גאָר און גאָר איז איהר לעבען נייגצעהן אָדער אכטצעהן יאָהר... האָב איך דען ניט געזעהן אזעלכע? און ווי אזוי זיינען זיי געװאָרען אזעלכע? אלץ טאקע אזוי זיינען זיי געװאָרען... טפוי! נאָר אן עסק האָב איך! מען זאָגט, אזוי דאַרף עס זיין. אזא פּראָצענט, זאָגט מען, דאַרף אלע יאָהר אוועקגעהן... ערגעץ... צום שוואַרציאָהר, אפּנים, כדי די איבריגע זאָלען זיך קענען אָפּפרישען און זאָלען האָבען רוה. א פּראָצענט! ס'אַר א טייערע ווערטעלעך זיי האָבען דאָס, כ'לעבען: זיי באַרוהיגען אזוי, זיי זיינען אזוי וויסענשאַפטליך. מען זאָגט: א פּראָצענט, הייסט עס, איז שוין נישטאָ וועגען וואָס זיך צו קימערן. אָט ווען ס'וואָלט זיין עפּעס אן אנדער וואָרט, נו, דאַן וואָלט מען זיך אפשר מעהר באַאונרוהיגט... און וואָס וועט זיין, אויב דוּניטשקע וועט ווי עס איז אויך אריינפאַלען אין פּראָצענט אריין!... ניט אין דעם פּראָצענט, איז אין אן אנדערן!

„און וואוהין געה איך דאָס? איז איהם פּלוצלונג איינגעפאַלען.— א מאָדנע זאַך. איך בין דאָך נאָך עפּעס געגאַנגען. ווי נאָר איך האָב דעם בריעף איבערגעלעזען, האָב איך זיך געלאָזט געהן... אויפ'ן וואַסילי־אינזעל, צו ראַזומיכינען בין איך געגאַנגען, אָט וואוהין, איצט... דערמאָהן איך מיך. צוליעב וואָס אבער? און ווי אזוי איז דאָס מיר גראָד איצט איינגעפאַלען געהן צו ראַזומיכינען? א מאָדנע זאַך".

ער האָט זיך געוואונדערט איבער זיך אליין. ראַזומיכין איז געװען איינער פון זיינע פריהערדיגע חברים־סטודענטען. ס'איז זעהר ס'איז זעהר מערקווירדיג, וואָס ראַסקאָלניקאָוו האָט, זייענדיג אין אוניווערזיטעט, כמעט ניט געהאַט קיין חברים, האָט זיך געהאַלטען מיט אלעמען פון דער ווייטען, איז צו קיינעם ניט געגאַנגען און פלעגט ביי זיך אויך אויפנעהמען ניט זעהר פריינדליך. איבריגענס, האָבען זיך פון איהם אויך באַלד אלע אָפּגעקעהרט. ניט אין די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, ניט אין די געשפּרעכען, ניט אין די פאַרוויילונגען, ניט אין קיין

זאך האט ער קיין אנטייל ניט גענומען. געלערנט האט ער זיך מיט גרויס התמדה, איבער די כוחות, און דערפאר האבען איהם אלע געאכט, אבער ליעב געהאט האט איהם קיינער ניט. געווען איז ער זעהר ארים און עפעס גאוה'דיג־שטאלץ און צוריקגעהאלטען; גלייך ווי ער האט עטוואס אין זיך באהאלטען. אייניגע פון זיינע חברים האט זיך געדאכט, אז אויף זיי אלעמען קוקט ער ווי אויף קינדער, פון אויבען אראפ, גלייך ווי ער האט זיי אלעמען געהאט אריבערגעיאגט סיי אין ענטוויקלונג, סיי אין קענטנישען, סיי אין איבערצייגונגען, און אויף זייערע איבערצייגונגען און אינטערעסען קוקט ער ווי אויף עטוואס נידריגערס.

נאר מיט ראזומיכינען איז ער עפעס זיך יא צונויפגעגאנגען, דאס הייסט, אייגענטליך, ניט צונויפגעגאנגען, נאר מיט איהם איז ער געווען בארייראדיגער און אפענהערציגער. איבריגענס האט מען מיט ראזומיכינען ניט געקענט זיין אין אנדערע באציהונגען. דאס איז געווען זעהר א פרעהליכער בחור, אן אפענהערציגער, א גוטער און זאגאר א ביסעל נאאיוו. אונטער דער דאזיגער נאאיווקייט איז אפילו געווען באהאלטען טיעפקייט און זעלבסטווירדע. די בעסטע חברים זיינע האבען עס פארשטאנען. אלע האבען איהם ליעב געהאט. ער איז גאר קיין נאר ניט געווען, אפילו צייטענווייז איז ער יא געווען שוין אביסעל צו נאאיוו. זיין געשטאלט איז געווען זעהר אויסדרוקספול: א הויכער, א דארער, שטענדיג שלעכט אפגעראזירט, מיט שווארצע האהר. אמאל פלעגט ער מאכען סקאנדאלען און האט געהאט א נאמען פאר אן אמת'ען גבור. איינמאל ביינאכט, געהענדיג מיט א גאנצער חברה, האט ער מיט איין קלאפ אוועקגעלעגט א קלינגער, א קארגען קלאפטער די הויך. טרינקען האט ער געקענט אהן א שיעור, ער האט אבער אויך געקענט זיך אפילו ניט צוצושטעקען דערצו; אמאל פלעגט ער שטיפען, ווי א היבשער קונדס, האט אבער אויך געקענט גארנישט שטיפען. ראזומיכין האט געהאט נאך א גרויסע מעלה: פון די גרעסטע אומגליקען פלעגט ער קיינמאל ניט נתפעל ווערען, און אין די ערגסטע צייטען איז ער געווען מונטער און פרעהליך. ביי איהם איז געווען רעכט צו וואוינען אויף א דאך אפילו, ער האט געקענט פארטראגען דעם שרעקליכסטען הונגער און די מורא'דיגסטע קעלטען. ער איז געווען זעהר ארים, האט פון קיינעם קיינמאל קיין

שטיצע ניט באקומען און האט געלעבט פון דעם, וואס ער פלעגט פאר־דיענען פון ארבייט, וואס ס'פלעגט זיך איהם מאכען. ער האט גע־וואוסט טויזענדער מיטלען, ווי אזוי געלט צו פארדיענען. איינמאל האט ער א גאנץ ווינטער גאר אינגאנצען ניט געהייצט זיין צימער און האט פארזיכערט, אז דאס איז זאגאר אנגענעהמער, ווייל אין קעלט שלאפט זיך בעסער. ער האט אויך געמוזט ארויסגעהן פון דער אוניווערזיטעט, אבער ניט אויף לאנג, און האט מיט אלע כחות געזעהן צו פארריכטען זיינע געשעפטען, ער זאל ווידער קענען אהין אריינטרע־טען. ראסקאלניקאוו איז ביי איהם שוין ניט געווען א מאנאטען פיער, און ראזומיכין האט אפילו ניט געוואוסט, וואו ער וואוינט. נאך איינמאל, מיט א מאנאטען צוויי צוריק, האבען זיי זיך יא געטראפען אויף דער גאס, ראסקאלניקאוו האט זיך אבער אפגעקעהרט און איז זאגאר אריבער אויף דעם אנדערן טראטואר, יענער זאל איהם ניט באמערקען. ראזומיכין האט איהם אפילו יא באמערקט, האט זיך אבער געמאכט ניט זעהענדיג, ער האט ניט געוואלט באאונרוהיגען א גוטען ברודער.

פינפטעס קאפיטעל.

„איך האב דאך ווירקליך ניט לאנג נאך געוואלט בעטען ביי ראז־זומיכינען ארבייט, ער זאל מיר קריגען א פאר לעקציעס צי עפעס אנדערש וואס... — האט זיך ראסקאלניקאוו געגריבעלט אין די געדאנ־קען. — איצט אבער וואס קען ער מיר העלפען? זאל זיין, ער וועט מיר שוין קריגען לעקציעס, זאל זיין אפילו, ער וועט זיך מיט מיר טיילען די לעצטע קאפיקע, אויב ער האט א קאפיקע, און איך וועל שוין זיין אימשטאנד צו קויפען א פאר שטיוועל, צו פארריכטען דעם אנצוג, איך זאל זיך קענען ווייזען אויף די לעקציעס... המ... נו, און ווייטער וואס? וואס וועל איך מאכען מיט זעקסערם? נויטיג איך זיך דען איצט אין זעקסערם? כ'לעבען, ס'איז לעכערליך, וואס איך האב געוואלט געהן צו ראזומיכינען"...

די פראגע, פארוואס ער האט געוואלט געהן צו ראזומיכינען, האט איהם באאונרוהיגט מעהר, ווי דאס האט זיך איהם געדאכט אפילו; אומרוהיג האט ער געזוכט אין דעם דאזיגען, דאכט זיך, גאנץ גע־

וועהנליכען געדאנק, עטוואס פאר איהם גרויזאמעס און שרעקליכעס.

„האב איך דען אלץ געוואלט פארריכטען מיט דעם איין ראזומיכינען און די איינציגע הילף האב איך געזעהן אלץ אין ראזומיכינען?“ האט ער זיך אליין פארוואונדערט געפרעגט.

ער האט געטראכט און זיך געריבען דעם שטערן, און א מערקווירדיגע זאך, עפּעס אזוי ווי ניט מיט א כיון, גאר פלוצלונג און פון זיך אליין, איז איהם נאך א לאנגען טראכטען איינגעפאלען איינער זעהר א מאדנער געדאנק...

„המ... צו ראזומיכינען“, האט ער פלוצלונג ארויסגערעדט זעהר רוהיג, גלייך ווי ער וואלט זיך שוין ענדליך אויף זיכער באשלאסען.— צו ראזומיכינען וועל איך געהן, דאס איז אהן ספק... אבער ניט איצט... איך וועל צו איהם געהן... אויף מארגען נאך *יענער זאך*, אז *יענע זאך* וועט שוין זיין פארענדיגט, און ווען אלצדינג וועט אוועקגעהן גאר אנדערש, אויף א נייעם שטייגער“...

און פלוצלונג האט ער זיך פארכאפּט צוריק.

„נאך *יענער זאך*, האט ער אויסגעשריען, האסטיג אויפשפּרינגענדיג פון באנק, — וואס איז, *יענע זאך* וועט דען געשעהן? וועט זי דען מיט אן אמת געשעהן?“

ער האט געלאזט די באנק און איז אוועק, שיער ניט אוועקגעלאפען: ער האט זיך געוואלט אומקעהרען צוריק, אהיים צו, נאר פלוצלונג האט איהם באהערשט א שלעכטער, ניט אנגענעהמער געפיהל צו זיין היים: דארט טאקע אין לאך, אין יענער שרעקליכער שאפע האט עס געבליהט *יענער געדאנק* שוין מעהר ווי א חודש,—און ער האט זיך געלאזט געהן, וואוהין די אויגען האבען איהם געטראגען.

ער האט געציטערט ווי אין א פיבער, א פראסטיגער שוידער איז איהם דורך איבער'ן לייב: אין אזא היץ האט ער געפיהלט אן אמת'ע קעלט. מיט עפּעס א מאדנער אנשטרענגונג האט ער זיך גענומען כמעט ווי אונבאוואוסטזיניג, אזוי ווי דורך אן אינווייניגסטע באדערפניש, צוצוקוקען זיך צו אלע זאכען, וואס האבען זיך איהם געטראפען אין וועג, גלייך ווי ער וואלט דערמיט זיך וועלען צושטרייען, דאס איז איהם אבער שלעכט געלונגען, און ער פלעגט זיך יעדע ווייליע שטארק פארטראכטען. און ווען ער פלעגט אויפציטערענדיג

ווידער אויפהויבן דעם קאָפּ און זיך ארומקוקען אויף אַלע זייטען, פלעגט ער גלייך פארגעסען, ווענען וואָס ער האָט ערשט געטראַכט, ער פלעגט אפילו פארגעסען, וואו ער איז נאָר־וואָס געגאַנגען. אויף אַזאַ אופן איז ער דורך די גאַנצע וואַסילי־אינזעל, איז ארויסגעקומען אויף די קליינע נעווא, אריבער די בריק און האָט זיך געלאָזט געהן צו די „אינזלען“. דאָס גרינס און די פרישקייט זיינען אין אָנהויב געפעלען געוואָרען זיינע מיעדע אויגען, וואָס זיינען געוועהנט געווען צו דעם שטויב פון דער שטאָדט, צו וואַפּנע און צו די אונגעהויער גרויסע, שווערע און דריקענדע מויערן. דאָ איז ניט געווען ניט קיין פאַר־שטיקטע לופט, ניט קיין עיפוש, ניט קיין שיינקען. באַלד אָבער זיינען איהם די דאָזיגע נייע אנגענעהמע געפיהלען אויך געוואָרען שווער און אויפרעגענד. טייל מאָל פלעגט ער שטעהן בלייבען פאַר עפּעס אַ ווילע, פארטרונקען אין אַ ים גרינס, פלעגט אריינקוקען דורכ'ן פּארקאַן אריין, פלעגט זעהן פון דער וויטענס אויף די באַלקאָנען און ווערא־נדעס פאַר־פוצטע פרויען און קינדער, וואָס זיינען אומגעלאָפען איבער'ן גאָרטען. באַזונדערס האָבען איהם צוגעצויגען די בלומען, און ער פלעגט זיי באַגלייטען מיט נייגיריגע בליקען און זיי פארגעסען נאָך איידער זיי פלעגען פארשווינדען פון די אויגען. איינמאָל איז ער שטעהן גע־בליבען און האָט איבערגעצעהלט דאָס געלט: דרייסיג קאָפּיקעס איז איהם געבליבען: „צוואַנציג דעם פּאָליציאַנט, דריי נאַסטאַסיאַ'ן פאַר'ן בריעף, האָב איך, הייסט עס, געבען געגעבען די מארמעלאַדאָווס אַ קאָפּיקעס זיעבען און פיערציג צי פופציג“, האָט ער אַ טראַכט געטאָן: ער האָט אליין ניט געוואוסט צוליעב וואָס ער האָט גענומען צוזאַמענ־רעכענען זיין געלט און באַלד האָט ער אפילו פארגעסען, צו וואָס האָט ער עס גאָר פון קעשענע ארויסגענומען. ער האָט זיך אין דעם דער־מאָהנט, ווען ער איז פארבייגעגאַנגען עפּעס אַ מין גאָרקיך, און האָט דערפיהלט, אַז איהם הונגערט... אריינגעקומען אין גאָרקיך, האָט ער אויסגעטרונקען אַ גלעזעל בראַנפען און אויפגעגעסען אַ קנישע, וואָס איז געווען מיט עפּעס אָנגעפילט. ער האָט זי געענדיגט עסען שוין אויף דער גאַס. ער האָט זעהר לאַנג קיין בראַנפען ניט געטרונקען, און עס האָט אויף איהם גלייך געווירקט, כאָטש ער האָט אויסגע־טרונקען בלויז איין גלעזעל. די פיס זיינען איהם מיט אַמאָל שווער געוואָרען און ס'האָט איהם שטאַרק גענומען שלעפערן. ער איז אוועק

אהיים: נאר שוין צוקענדיג צו דער פעטער־אינזעל, איז ער געבליבען טשעהן זעהר אפגע'חלש'ט, איז אראפ פון וועג, אריין אין די קוסטעס, א פאל געטאן אויף דאס גראז און גלייך איינגעשלאפען.

ביי א שטארק אויפגערעגטען צושטאנד זיינען די חלומות זעהר רעליעף, קלאר, דייטליך און האבען אן אונגעוועהנליכע עהנליכקייט מיט דער ווירקליכקייט. אמאל קומט ארויס אן אונגעהויער בילד. אבער די אומגעבונג און דער גאנצער פראצעס פון דער גאנצער פארשטעלונג זיינען דערביי אזוי עהנליך אויף דער ווירקליכקייט, האבען אזוינע דינע, אומגעריכטע, אבער דאך קינסטלערישע איינצעלהייטען, וואס זיינען אזוי צוגעפאסט צו דעם גאנצען בילד, אז אפילו דער בעל־החלומות אליין וועט זיי אויפ'ן וואהר אפילו קיינמאל ניט אויסטראכטען, ער מעג זיין אזא קינסטלער ווי פושקין אדער טורגעניעוו. אזוינע חלומות, שמערצליכע חלומות, געדענקען זיך שטענדיג זעהר לאנג און מאכען א שטארקען רושם אויף דעם אויפגערודערטען און שוין פון פרייער אויפגערעגטען ארגאניזם פון דעם מענשען.

א שרעקליכער חלום האט זיך ראסקאלניקאוו'ן גע'חלומ'ט. עס האט זיך איהם גע'חלומ'ט זיין קינדהייט, נאך אין זיין קליין שטעדטעל. איהם איז א יאהר זיעבען און ער שפאצירט מיט זיין פאטער אונטער'ן שטאדט אין א יום־טוב'דיגען פארנאכט. די צייט איז גאנץ לאנגווייליג, דער טאג איז א שטיקענדער, די געגענד איז פונקט אזא, ווי זי איז איהם אין זכרון געבליבען: נאכמעהר, אין זכרון איז זי שוין פיעל שטארקער אפגעמעקט געווארען. ווי זי האט זיך איהם איצט אין חלום פארגעשטעלט. דאס שטעדטעלע ליעגט אפען און פריי, ארום און ארום איז קיין בוימעלע ניט צו זעהן: ערגעץ־וואו ווייט־ווייט, אויפ'ן ראנד פון דעם הימעל, דונקעלט זיך א וועלדעל. אין איינִיגע טריט פון דעם לעצטען שטעדטעלשען גארטען שטעהט א שיינק. א גרויסער שיינק, וואס פלעגט אויף איהם שטענדיג מאכען זעהר ניט קיין גוטען איינדרוק: איהם איז זאגאר א פחד באפאלען, ווען ער איז פארבייגעגאנגען דעם שיינק, שפאצירענדיג מיטן' פאטער. דארט איז שטענדיג געווען אזא גרויסער עולם מענשען, מען האט זיך דארט אזוי געריסען אויף די העלזער, הויך געלאכט, זיך געזידעלט, אזוי מיאוס און הייזעריג געזונגען און אזוי אפט זיך געשלאגען: ארום שיינק האבען זיך שטענדיג ארומגעדרעהט אזוינע שכור'ע און שרעקליכע

פנומ׳ער... און ער פלעגט זיך מיט זיי טרעפען. פלעגט ער זיך פעסט צוטוליען צום פאטער און ציטערן מיט׳ן גאנצען קערפּער. נעבען שיינק ציהט זיך א וועג, א שמאָלער דאָרפס־וועג, שטענדיג אזוי שטויביג, און דער שטויב איז שטענדיג אזוי שווארץ. ער ציהט זיך און שלענגעלט זיך אלץ ווייטער, און אין א דרייהונדערט טריט ארום פארנעהמט ער זיך רעכטס ארום דעם שטעדטעלשען בית־עלמין. אין מיטען בית־עלמין שטעהט א געמויערטעם קלויסטער, מיט א גרינעם געוועלב, וואוהין ער פלעגט געהן צוויי מאָל א יאָהר מיט׳ן פאָטער און מיט דער מוטער צו דעם גאָטעס־דיענסט, ווען מען פלעגט אפּריכטען יאָהרצייט נאָך זיין באָבען, וואָס איז שוין לאנג געשטאָרבען און וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן. דערביי פלעגען זיי שטענדיג נעהמען מיט זיך „קוטיע“ אין א ווייסען טעלער, אין א סערוועטעל, די „קוטיע“ איז געווען אויף צוקער, פון רייז און פון ראָזינקעס. ער האָט ליעב געהאט דעם דאָזיגען קלויסטער און די פארצייטיגע בלידער זיינע און דעם אלטען גלח, וואָס ביי איהם פלעגט זיך דער קאָפּ מאָדנע ווארפען אויף די אקסעל. נעבען דער באָבעס קבר, וואו ס׳איז געשטאָנען א מצבה, איז אויך געווען א קליין קבר׳ל פון זיין קלענערן ברודער, וועלכער איז געשטאָרבען צו זעקס חדשים: ער האָט איהם אויך גארניט געקענט און ניט געדענקט: נאָר מען האָט איהם געזאָגט, אז ער האָט געהאָט א קליין ברודערל. און איטליכס מאָל, אז ער פלעגט קומען אויפ׳ן בית־עלמין, פלעגט ער פרום און עהרפורכטיג זיך צלמ׳ען איבער׳ן וועג צום בית־עלמין און געהען פארביי דעם שיינק: ער האלט דעם פאטער פאר׳ן האנט און קוקט זיך מיט שרעק ארום אויפ׳ן שיינק. אן אונגעוועהנליכע ערשיינונג ציהט צו זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט: דאָס מאָל קומט דאָ עפּעס פאָר א מין פארוויילונג, א גאנצע מענגע אויסגעפּוצטע ווייבער, אלטע גויעס, זייערע מענער, און שלעפּער פון אלע מינים. אלע זיינען שכּור, אלע זינגען ליעדער ,און נעבען דעם גאניק פון שיינק שטעהט א וואָגען, א מאָדנער וואָגען. דאָס איז איינער פון יענע גרויסע וועגענס, אין וועלכען מען שפּאנט איין גרויסע שווערע פערד און מען פיהרט אויף זיי איבער סחורה און פעסער וויין. ער פלעגט שטענדיג ליעב האָבען צו קוקען אויף די דאָזיגע גרויסע שווערע פערד, ווי מען פיהרט אויף זיי איבער סחורה און פעסער וויין. ער פלעגט שטענדיג ליעב האָבען צו

קוקען אויף די דאזיגע שווערע פערד, מיט די לאנגע גריוועס, מיט די דיקע פיס, וואס פלעגען געהן אזוי געלאסען, מיט געמאסטענע טריט, און וואס פלעגען פיהרען נאך זיך א גאנצען בארג אהן דער מינדסטער אנשטרענגונג, גלייך ווי זיי וואלט מיט די וועגענס זיין אפילו גרינ־גער ווי אהן די וועגענס. איצט אבער איז, צו זיין גרויסער וואונדער, אין אזא גרויסען וואגען געווען איינגעשפאנט א קליינע, מאגערע העל־ברוינע פויערשע קליאטשע, איינע פון יענע קליאטשעס, וואס רייסען זיך אפ די כחות — איהם פלעגט עס אפטמאל אויסקומען צו זעהן — שלעפענדיג א הויך אנגעלעגטען וואגען האלץ אדער היי, איבערהויפט ווען דער וואגען פארהאקט זיך אין א זומפ אדער אין א רינע; די פויערים שמייסען זיי אהן רחמנות מיט די בייטשען, אפטמאל אי־בער'ן פנים און די אויגען, און ער קען ניט צוזעהן דעם צער, עס טהוט איהם אזוי באנג, אזוי באנג, שיער וואס ער וויינט זיך ניט פונאנדער, און די מאמע פלעגט איהם שטענדיג צונעהמען פון פענסטער. נאר אט ווערט מיט אמאל א גרויס געפילדער: פון שיינק געהען ארויס מיט קולות, מיט ליעדער, מיט באלאלייקעס, טויט־שכור'ע פויערים, אזעלכע גרניסע, אין רויטע און בלויע העמדלעך, מיט די אויבערלייבלעך אויף די אקסלען. „זיצט אויף, זאלען אלע אויפזיצען! — שרייט איינער, נאך א יונגער, מיט אזא דיקען האלז און מיט א פליישיגען פנים, רויט ווי א בוריק, — איך וועל אלעמען אוועקפיהרען, זעצט זיך!" גלייך אבער דערויף ברעכט אויס א געלעכטער און עס לאזען זיך הערען אויסגעשרייען:

— יא, מיט אזא קליאטשע קען מען טאקע ווייט פארפאהרען!

— ביסט, מיקאלקע, משוגע צי ניט: אזא קליאטשע איינגע־שפאנט אין אזא וואגען?

— איהר מוזט שוין זיין געווים א יאהר צוואנציג!

— זעצט זיך, איך וועל אלעמען אוועקפיהרען! — שרייט ווי־דער מיקאלקע, שפרינגענדיג דער ערשטער אין וואגען אריין, נעהמט די לייצעס און שטעלט זיך אויף אין זיין גאנצער הויך. — דאס ברוין־פערדעל איז ערשט אוועקגעפאהרען מיט מאטווייען, — שרייט ער פון וואגען, — און די פגירה אט די דאזיגע מאכט מיר נאר א וואונד אין הארצען: איך וואלט זי, דאכט זיך, גע'הרג'עט אויפ'ן ארט, עסט און טרינקט — פרעג פארוואס? איך זאג אייך — זעצט זיך! מיר'ן שוין

איינמאָל א פּאָהר טאָן! זי וועט ביי מיר שפּרינגען א גאַלאָפּ, אַז די ערד וועט זיך טרייסלען!

און ער נעהמט אין האַנט אַריין דעם בייטש און מיט גרויס פאַרגניגען גרייט ער זיך צו שמייסען די קליאַטשע.

— נו, זעצט זיך אויף, וואָס וואַרט איהר? — ווערטעלט מען זיך צווישען עולם. — איהר הערט דאָך, זי וועט שפּרינגען א גאַ־לאָפּ, אַז די ערד וועט זיך טרייסלען!

— זי איז שוין ניט געשפּרונגען אין גאַלאָפּ א יאָהר צעהן אודאי!

— נישקשה, זי וועט שפּרינגען!

— זשאַלעוועט ניט, ברידער, זאָל יעדערער נעהמען א בייטש, גרייט אַן!

— געוויס אַזוי! שמייס ווי דו קענסט!

אַלע קריכען צו מיקאָלקען אין וואָגען מיט געלעכטער און גלייכ־ווערטליך. א מאַן זעקס אי זשוין אַריינגעקראָכען און מען קען נאָך אַריינזעצען. מען נעהמט מיט זיך נאָך א גויע, א דיקע און א רויטע. זי איז אָנגעטאָן אין קומאַטש, באַהאָנגען מיט גלאָז־קאָראַלען, אויף די פיס פּויערשע שיך, זי קנאַקט ניסלעך און שמייכעלט אונטער. צווישען עולם לאַכט מען אויך, און ווי זאָל מען אין דער אמת'ען ניט לאַכען: אַזאַ פּגירה וועט דאָס פיהרען אַזאַ משא אין גאַלאָפּ! צוויי שקצים נעהמען גלייך צו בייטשען. זיי זאָלען קענען אונטערהעלפען מיקאָל־קען. עס לאָזט זיך הערען א „נו!" די קליאַטשע נעבעך מאַטערט זיך מיט אַלע כחות, ווענען גאַלאָפּ איז שוין אָפּגערעדט, קוים־קוים וואָס זי שלעפּט זיך טריט־ביי־טריט, פּלאָנטערט מיט די פיס, קרעכצט און זעצט זיך אַלע ווייַלע צו פון די שמיץ, וואָס שיטען זיך אויף איהר ווי א האָגעל פון דר יבייטשען. דאָס געלעכטער אין וואָגען און צווישען עולם ווערט שטאַרקער, נאָר מיקאָלקע ווערט בייז און פאַר רציחה הערט ער ניט אויף צו האַקען די קליאַטשע, גלייך ווי ער וואָלט מיט אַן אמת מיינען, זי זאָל זיך לאָזען אין א גאַלאָפּ.

— לאָזט מיך אַקאָרשט, ברידער, — קאַכט זיך צווישען עולם איינער א שייגעץ, — זעצט זיך! אַלע זעצט זיך! — שרייט מי־קאָלקע, — זי וועט אַלעמען פיהרען! איך וועל זי אויף טויט פאַר־שמייסען!

און ער שמייסט און שמייסט, און ווייס שוין אליין ניט מיט וואָס זי צו שלאָגן פאַר רציחה.

— טאַטישי, טאַטישע, — שרייט ער צום פאָטער, — טאַטישי, וואָס טוען זיי דאָס? טאַטישי, זיי שלאָגן נעבעך אַן אָרים פערדעל!

— קום, קום! — זאָגט דער פאָטער, — שכורים, מאַכען זיך נאַריש, משוגעים, קום, ניט קוק! — און וויל איהם אוועקפיהרען. ער רייסט זיך אָבער פון זיינע הענט אַרויס און לאָזט זיך לויפען ווי אַ משוגע'נער צום פערדעל. נאָר מיט דעם אָרימען פערדעל האַלט שוין זעהר שמאָל.

עס קען ניט אָפּכאַפּען דעם אָטעם, בלייבט שטעהן, רייסט זיך ווייטער מיט אַלע כחות, שיער וואָס עס פאַלט ניט אַנידער.

— שמייס ביז אין טויט אַריין! — שרייט מיקאָלקע, — וואָס ס'וועט זיין, וועט זיין! איך וועל זי פאַרשמייסען אויף טויט!

— האָסט גאָר קיין גאָט אין הארצען ניט, אַ רוח אין דיין טאַטען! — שרייט איינער אַן אַלטיטשקער פון צווישען דעם עולם.

— וואו איז דאָס געהעזן געוואָרען, אַז אַזאַ פערדעל זאָל שלעפּען אַזאַ משא, — האַלט אונטער נאָך איינער.

— וועסט זי פאַרמוטשען! — שרייט אַ דריטער.

— ניט דיין דאגה! ס'איז מיינס אַן אייגענס! וואָס איך וויל, דאָס טו איך! זעצט זיך נאָך! אַלע זעצט זיך! זי וועט ביי מיר פגר'ן, אָבער אין גאַלאָפּ וועט זי פליהען!...

פּלוצלונג ברעכט אויס אַ משונה'דיגער געלעכטער און פאַרהילכט אַלעמענס רייד: דאָס פערדעל האָט ניט אויסגעהאַלטען די אונאויפהערליכע שמיץ און האָט אַן אָפּגע'חלש'טע גענומען בריקען מיט די פיס. אפילו דער אַלטער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און אַ שמייכעל געטאָן. אין דער אמת'ען: אַזאַ מין פגירה, און בריקעט נאָך מיט די פיס!

צוויי שקצים פון עולם קריגען נאָך צו בייטשען און לויפען צום פערדעל, שמייסען עס ביי די זייטען, יעדערער לויפט פון אַן אַנדער זייט.

— האַק איהם איבער'ן פּנים, איבער די אויגען האַק, איבער די אויגען! — שרייט מיקאָלקע.

— אַ ליעד ,ברידער! — שרייט איינער פון וואָגען, און אַלע

אין וואגען כאפען אונטער. עס שאלט אויף א קיער א לעבעדיגער און א קנאקעדיגער, מען פאטשט צו. דאס ווייבעלע קנאקט ניסלעך און שמייכעלט אונטער.

...ער ליופט נעבען פערדעל, ער פארלויפט אפריהער, ער זעהט, ווי מען שמייסט איהם איבער די אויגען, סאמע איבער די אויגען! ער וויינט. עס צוגעהט איהם דאס הארץ, די טרעהרען פלייצען, איינער פון די שמייסער טרעפט איהם אין געזיכט; ער פיהלט ניט, ער ברעכט זיך די הענט, שרייט, ווארפט זיך צום גרייזגרויען אלטען מיט דער גרייזגרויער בארד, וועלכער שאקעלט מיט'ן קאפ און איז ניט צופריע־דען פון דעם גאנצען אויפטו. א גויע נעהמט איהם אן פאר'ן האנט און וויל איהם אוועקפיהרען; ער רייסט זיך אבער ארויס און לויפט ווידער צום פערדעל. דאס פערדעל האלט שוין ביי די לעצטע כחות, הויבט אבער נאכאמאל אן צו בריקען מיט די פיס.

— א מיתה משונה זאל דיך נעהמען! — שרייט מיקאלקע אויס מיט ווילדען כעס. ער גיט א ווארף דעם בייטש, בויגט זיך איין און שלעפט ארויס פון וואגען א לאנגען גראבען שטאנג, נעהמט איהם פאר'ן עק איןביידע הענט און מיט'ן גאנצען כח הויבט ער אן מיט איהם צו פאכען איבער'ן פערדעל.

— ער וועט עס אויפ'ן ארט אוועקלעגען! — שרייט מען ארום.

— ער וועט עס דער'הרג'ענען!

— ס'איז מיינס אן אייגענס! — שרייט מיקאלקע און מיט'ן גאנצען כוח לאזט ער אראפ דעם שטאנג. עס הערט זיך א שווערער קלאפ.

— שמייס! שמייס! וואס שטעהט איהר! הערען זיך קולות צווישען עולם.

און מיקאלקע פארמעסט זיך א צווייטעס מאל, און א צווייטער קלאפ לעגט זיך האסטיג אוועק דעם אומגליקליכען פערדעל אויפ'ן רו־קען. עס גיט זיך א זעץ מיט'ן גאנצען הינטער־חלק, שפרינגט אבער באלד אויף און מאטערט זיך מיט די לעצטע קרעפטען צו ריהרען דעם וואגען פון ארט; נאר פון אלע זייטען איז מען זי מכבד מיט זעקס בייטשען און דער שטאנג הויבט זיך ווידער אויף און פאלט אראפ א דריטעס מאל, דערנאך א פיערטעס מאל, הויבט זיך אויף און פאלט אראפ, הויבט זיך אויף און פאלט אראפ. מיקאלקע איז אויסער זיך

פאר רציחה, וואס ער קען זי ניט אוועקלעגען מיט איין קלאפּ.

— ווי זי האלט עס אויס, דאכט זיך, אזא פּגירה! — שרייט מען ארום.

— באלד וועט זי, ברידער, שוין אויף זיכער פאלען, זי וועט שוין דאָ האבען איהר מפּלה! — רופט זיך אן צווישען עולם איינער א חכם.

— מיט א האק דערלאנגט איהר, וואס מאכט איהר שהיות! מאכט איהר א סוף איינמאל פאר אלעמאל! — שרייט א דריטער.

— עד, וועלף זאָלען דיינע ביינער עסען! טרעט אפּ! — שרייט מיקאלקע מיט רציחה. גי טאָ שליידער דעם שטאנג, בויגט זיך ווידער איין אין וואגען און שלעפּט ארויס א ברעכאייזען. — היט זיך! — שרייט ער און מיט'ן גאנצען אימפּעט גיט ער דערמיט א זעץ זיין ארים פערדעל. דער קלאפּ האט א שטירץ געטאן; דאס פערדעל האט ניט געקענט איינשטעהן אויף די פיס, האט זיך א ריס אנידער געטאן האט שוין געוואלט א שלעפּ טאן, נאר דאס ברעכאייזען פאלט איהם ווידער מיט'ן גאנצען אימפּעט אויפ'ן רוקען, און עס גיט א פאל אויף דער ערד, גלייך ווי מען וואלט איהם אונטערגעהאקט אלע פיער פיס מיט אמאל.

— דער'הרג'ע! — שרייט מיקאלקע און שפּרינגט פון וואגען אראפּ, גלייך ווי ניט ווייסענדיג אויף וואסער וועלט ער איז. עטליכע שקצים, רויטע און שכור'ע כאפּען, וואס עס מאכט זיך זיי אונטער דער האנט — בייטשען, פלעקער, דעם שטאנג, און לויפען צו דער גוסס'נ־דער קליאטשע. מיקאלקע שטעלט זיך ביי דער זייט און הויבט זי אן משוגע'נערוויייז צו שלאגען מיט'ן ברעכאייזען איבער'ן רוקען. די קליאטשע שטרעקט אויס דעם קאפּ, אטעמט שווער אפּ און שטארבט.

— דער'הרג'עט! — שרייט מען צווישען עולם.

— רעכט אויף איהר, האט זי געזאלט געהן א גאלאפּ!

— מיינס אן אייגענס! — שרייט מיקאלקע, מיט'ן ברעכאייזען אין די הענט און מיט בלוט־פארלאפענע אויגען. ער שטעהט, גלייך ווי איהם וואלט באנג געטאן, וואס ס'איז שוין מעהר נישטא וועמען צו שלאגען.

— נו, האסט אין דער אמת'ן קיין גאט אין הארצען ניט! — שרייען שוין פון עולם א סך מענשען.

נאָר דאָס אָרים אינגעל ווייס שוין ניט, אויף וואָסער וועלט ער איז. מיט אַ געשריי דרענגט ער זיך דורך דורך דעם רעדעל צום פּערדעל צו, נעהמט אָרום זיין טויטע צובלוטיגטע קאָפּ און קושט איהם, קושט איהם אין די אויגען, אין די ליפּען... דערנאָך שפּרינגט ער פּלוצלונג אויף און וואַרפט זיך אין וואהנזיניגער רציחה מיט צונויפּגעדריקטע הענטלעך אויף מיקאָלקען. אין דעמזעלבען אויגענבליק כאַפּט איהם ענדליך אָן דער פאָטער זיינער, וואָס האָט זיך שוין לאַנג נאָך איהם נאָכגעיאָגט, און טראָגט איהם פון דעם רעדעל אַרויס.

— קום, קום! — זאָגט ער צו איהם, — קום אַהיים!

— טאַטישי! פאַרוואָס האָבען זיי... דאָס פערדעלע נעביך... גע'הרג'עט! — כליפּעט ער, נאָר דער אָטעם פאַרכאַפּט איהם, און די ווערטער רייסען זיך אַרויס ווי געשרייען פון זיין פאַרקלעמט הערצעלע.

— שכורים... מאַכען זיך נאַריש... ניט אונזער עסק... קום! — זאָגט דער פאָטער. ער נעהמט אָרום דעם פאָטער מיט די הענט, נאָר דאָס הערצעלע קלעמט, קלעמט. ער וויל אָפּכאַפּען דעם אָטעם, אַ געשריי טאָן, און — כאַפּט זיך אויף.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, באַשלאָגען מיט אַ שווייס, מיט נאַסע פאַרשוויצטע האָהר, קוים אָפּכאַפּענדיג דעם אָטעם, און האָט זיך אויפגעהויבען אין גרויסער אימה.

— דאַנקען גאָט, ס'איז נאָר אַ חלום! — האָט ער געזאָגט, זיך זעצענדיג אונטער אַ בוים און טיעף אָפּאָטעמענדיג. — וואָס איז עס אָבער מיט מיר? צי איז עס ניט אַמאָל אָן אָנזאָג אויף אַ היציגען פיבער: אַזאַ מיאוס'ער חלום!

זיין גאַנצער קערפּער איז געווען צובראָכען; באַטריבט און פינסטער אויפ'ן הארצען. ער האָט אַרויפגעלעגט די איילענבויגענס אויף די קניה און אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ.

— מיין גאָט! — האָט ער אויסגעשריען, — וועל איך דען אין דער אמת'ן נעהמען אַ האַק, שלאָגען איבער'ן קאָפּ, צושמעטערען איהר דעם שאַרבען... וועל טרעטען אין קלעפּיג וואַרים בלוט, אויפברעכען דעם שלאָס, גנב'ענען און ציטערן; באַהאַלטען זיך, פאַרגאָסען איינגאַנצען מיט בלוט... מיט אַ האַק... מיין גאָט, ניט שוין זשע? ניט שוין זשע?

ער האט געציטערט ווי א בלאט, ריידענדיג די ווערטער.

— וואס איז עס מיט מיר? — האט ער ווייטער גערעדט, זיך ווידער אויסגלייכענדיג און עפעס אזוי ווי שטארק פארוואונדערט, — איך האב דאך געוואוסט, אז איך וועל עס ניט פארטראגען, פארוואס זשע האב איך ביז אהער געפייניגט זיך אליין? נאך נעכטען דאך, נעכ־טען, ווען איך בין געגאנגען מאכען די... ר ע פ ע ט י צ י ע, שוין נעכטען דאך האב אדי גוט פארשטאנען, אז איך וועל עס ניט אויס־האלטען... היינט וואס זשע וויל איך איצט? וואס האב איך נאך ביז אהער געצווייפעלט? שוין נעכטען דאך, אראפגעהענדיג פון די טרעפ, האב איך אליין געזאגט, אז עס איז נידערטרעכטיג, שענדליך, מאוס, מאוס... פון דעם געדאנק אליין איז דאך מיר ניט גוט געווארען און א שודיער איז מיר דורך איבער'ן לייב...

— ניין, איך וועל ניט אויסהאלטען, איך וועל ניט אויסהאלטען! עס מעג זיין, עס מעג זיין אפילו, אז די אלע חשבונות זיינען קלאר ווי דער טאג, עס מעג זיין, אז דאס אלעס, וואס איז באשלאסען געווארען פאר דעם חודש, איז פינקטליך ווי די מאטעמאטיק אליין. מיין גאט! איך וועל זיך דאך סיי ווי סיי ניט באשליסען! איך וועל דאך ניט אויסהאלטען, איך וועל דאך ניט אויסהאלטען!... היינט וואס זשע, היינט וואס זשע האב איך ביז אהער...

ער האט זיך געשטעלט אויף די פיס, זיך פארוואונדערט ארומ־געקוקט ארום זיך, גלייך ווי איהם וואלט זיין א גרויס חדוש, וואס ער האט זיך אהער פארקליבען, און ער האט זיך געלאזט געהן צום ט.בריק. ער איז געווען בלאס, די אויגען האבען איהם געברענט, אלע זיינע איברים זיינען איהם אפגע'חלש'ט געווארען, נאר אהים איז פלוצלונג אזוי ווי לייכטער געווארען צו אטעמען. ער האט דערפיהלט, אז ער האט שוין אראפגעווארפען פון זיך די דאזיגע שרעקליכע משא, וואס האט איהם אזוי לאנג געדריקט, און אויפ'ן הארצען איז איהם מיט אמאל געווארען לייכט און רוהיג. „רבונו של עולם! — האט ער געבעטען, — ווייז מיר מיין וועג, און איך זאג זיך אפ פון דעם דאזי־גען פארשאלטענעם... טרוים מיינעם!“

געהענדיג איבער'ן בריק, האט ער שטיל און רוהיג געקוקט אויף דער נעווא, אויפ'ן העלען אונטערגאנג פון דער העלער רויטער זון, ניט קוקענדיג אויף זיין שוואכקייט, האט ער אפילו ניט געפיהלט קיין

מידיגקייט. גלייך ווי א געשוויר, וואס האט א גאנצען חודש אנגע־ריסען ביי איהם אויפ'ן הארצען, וואלט זיך פלוצלונג געעפענט. פריי־הייט, פרייהייט! ער איז איצט פריי פון דעם דאזיגען צויבער, פון דעם כשוף, פון דער פארפיהרונג.

שפעטער, אז ער פלעגט דערמאהנען די דאזיגע צייט און אלצ־דינג, וואס מיט איהם איז געשעהן אין יענע טעג, — יעדע רגע, יעדען פונקט, יעדען שטריך, פלעגט איהם שטענדיג איבערראשען איין זאך, איבערראשען ביז אבערגלויבען: דאס איז אייגענטליך געווען ניט גאר עטוואס אונגעוועהנליכעס, נאר איהם פלעגט שטענדיג דערנאך פאר־קומען, גלייך ווי דאס האט דער מזל פאר איהם אנגעגרייט און פון פריהער באשערט.

נעמליך:

ער האט ניט געקענט פארשטעהן און באגרייפען, פארוואס עפעס האט ער, זייענדיג אזוי מיעד און פארמאטערט, זיך געלאזט געהן אהיים ניט מיט'ן קירצערן וועג, און איז גאר אוועק דורכ'ן סעננא־פלאץ, וועלכען ער האט גארניט געדארפט דורכגעהן. אמת, ער האט דא קיין סך וועג ניט אנגעלעגט, אבער דאס איז געווען גאנץ איבריג און ניט נויטיג. איהם איז אפילו צעהנדליגער מאל אויסגעקומען אומצור־קעהרען זיך אהיים, ניט געדענקענדיג די גאסען, איבער וועלכע ער איז געגאנגען. אבער פארוואס פארט — פלעגט ער זיך אליין שטענדיג שטעלען די פראגע — פארוואס פארט איז די דאזיגע זעהר וויכטיגע באגעגעניש אויפ'ן סעננא־פלאץ, דאכט זיך א גאנץ צופעליגע, וואס האט אבער אין דערזעלבער צייט געהאט פאר איהם אזא אונגעהויערע באדייטונג, — פארוואס איז די דאזיגע באגעגעניש אויסגעפאלען פונקט איצט, אין אזא שעה, אין אזא מינוט פון זיין לעבען, פונקט ביי אזא שטימונג און ביי אזעלכע אומשטענדען, וואס נאר דאן האט די דאזיגע באגעגעניש געקענט אנמאכען א גאנצע איבערקעהרעניש אין זיין לע־בען? עס האט גאר אויסגעזעהן, גלייך ווי דער מזל וואלט איהם מיט א כיון ערווארט אויף דעם דאזיגען ארט.

ס'איז געווען א זייגער ניין, ווען ער איז געגאנגען איבער'ן סענ־נא־פלאץ. אלע הענדלער פון די טישען, פון די קוישען, פון די גע־וועלבער, פון די קליינלעך האבען געשלאסען זייערע געשעפטען, אדער אראפגענומען און באהאלטען זייער סחורה און זיינען זיך צוגאנגען

אהיים, דעסגלייכען אויך די קויפער. ביי די גארקיכען אין די נידע־ריגע עטאזשען, אויף די שמוציגע פארדומפענע הויפען פון די הייזער אויף דעם סעננא־פלאץ, און איבערהויפט ביי די שיינקען זיינען גע־שטאנען רעדלעך אלטווארגאויפקויפער און הענדלער פון אלע מינים און פון אלע סארטען. איבערהויפט האט ראסקאלניקאוו ליעב געהאט די דאזיגע פלעצער, ווי אויך די דערבייאיגע געסלעך, ווען ער פלעגט ארויסגעהן אויפ'ן גאס אהן א באשטימטען ציעל. דא האט זיך קיי־נער ניט אומגעקוקט אויף זיינע שמאטעס מיט א פאררריסענע מינע, און מען האט זיך געמעגט אויסזעהן ווי דער שווארציאהר, פלעגט דא דערפון קיינער ניט נתפעל ווערען. אויפ'ן ראג פון דעם ק. געסעל האָ־בען א פאר־פאלק פארקויפט סחורה פון צוויי טישען: פעדים, שניר־לעך, ציצענע טיכלעך א. ד. ג. זיי האבען זיך אויך געקליבען אהיים, האבען זיך אבער פארעדט מיט א באקאנטער. די דאזיגע באקאנטע איז געווען ליזאוועטא איוואנאוונא, אדער, ווי אלע האבען זי גערופען, ליזאוועטא, א אינגערע שוועסטער פון דערזעלבער אליענא איוואנאוונא, דער קאלעגיענרעגיסטראטאריין און פראצענטניצע, צו וועלכער ראס־קאלניקאוו איז נעכטען געקומען פאר'משכונ'ען דעם זייגער און מאכען די ר ע פ ע ט י צ י ע זיינע... ער האט שוין לאנג געוואוסט אלצ־דינג וועגען דער דאזיגער ליזאוועטא'ן, און יענע האט איהם אפילו אויך געקענט א ביסעל. דאס איז געווען א הויכע, אומגעלומפערטע, שעמעוודיגע און שטילע מויד, א שטיקעל מושגע'נע, פון א יאהר פינף און דרייסיג, זי איז געווען אן אמת'ע שקלאפין ביי איהר שוועסטער, האט אויף איהר געהארעוועט טאג און נאכט, געציטערט פאר איהר שיין און פלעגט פון איהר כאפען אפילו קלעפ אויך. א פארטראכטע איז זי געשטאנען פאר'ן פאר־פאלק און האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו זייערע רייד. יענע האבען איהר מיט גרויס היץ עפעס געגעבען צו פארשטעהן. אז ראסקאלניקאוו האט זי פלוצלונג דערזעהן, האט איהם דורכגענומען עפעס א מאדנעס געפיהל, א מין איבערראַ־שונג, כאטש די דאזיגע באגעגעניש איז געווען א גאנץ געוועהנליכע.

— איהר וואלט, ליזאוועטא איוואנאוונא, אליין א קוק געגעבען,— האט הויך גערעדט דער הענדלער. — קומט מארגען, א זייגער זיעבען, און יענע וועלען אויך קומען.

— מארגען? — האט ליזאוועטא פארטראכט אויסגעצויגען,

גלייך ווי זי וואָלט זיך ניט קענען באשליסען.

— אבער האָט אייך אַלענאַ איוואַנאָוונא דאָס אביסעל אַנגע־שראָקען! — האָט דעם הענדלערס פרוי, קענטיג אַן אשת־חיל, גע־נומען שיטען אַהן אַן אָטעם. — איך קוק אויף אייך, פּונקט ווי אַ קליין קינד זענט איהר. ז יאיז דאָך אפילו אייערע ניט קיין לייבליכע שוועסטער, ניט פון איין מוטער, און ווי זי האָט אייך דאָס אביסעל אריינגענומען אין די הענט אריין.

— דערווייַלע זאָגט נאָך אַ וואָרט ניט אַלענאַ'ן, — איז איהר דער מאַן אריינגעפאַלען אין די רייד, — אַזוי איז מיין עצה, און מאָר־גען קומט צו אונז אריין ניט־פאַרבעטענערהייד. דאָס איז אַ גאַנץ גישקשה'דיג געשעפט, און די שוועסטער אליין וועט דאָך עס אויך איינזעהן.

— איז הייסט עס אריינגעהן?

— זיעבען אַ זייגער, מאָרגען טאָקע; פון יענע וועט אויך עמי־צער קומען; וועט איהר אליין זעהן.

— מיר וועלען געבען צו גלעזלעך טיי, — האָט דאָס ווייב צו־געגעבען.

— גוט, איך וועל קומען, — האָט ליזאַוועטאַ געזאָגט, זיך נאָך אַלץ באטראַכטענדיג און האָט זיך לאַנגזאַם גענומען ריהרען פון אָרט.

ראַסקאָלניקאָוו איז דערווייל שוין פאַרבייגעגאַנגען און האָט מעהר ניט געהערט. ער איז געגאַנגען שטיל, אונבאמערקט, און האָט גע־זעהן ניט צו פאַרפעהלען קיין איין וואָרט אפילו פון זייער שמועס. די פאַרוואונדערונג, וואָס האָט איהם לכתחלה דורכגענומען, איז ביסלעכ־ווייז אריבער אין אַ שוידער, גלייך ווי אַ פראָסט איז איהם דורך אי־בער'ן לייב. ער האָט זיך דערוואוסט, ער האָט מיט אמאָל, פּלוצלונג און גאַנץ אומגעריכט זיך דערוואוסט, אַז מאָרגען פּונקט זיעבען אַ זיי־גער, וועט ליזאַוועטאַ, דער אַלטערס שוועסטער און איהר איינציגע מיטוואוינעריןָ, ניט זיין אין דער היים און, אַלזאָ, וועט די אַלטע, פּונקט זיעבען דעם זייגער, בלייבען איינע אליין אין שטוב.

ביז צו זיין וואוינונג איז געבליבען נאָר עטליכע טריט. ער איז אריין צו זיך אין צימער ווי אַ פאַר'משפּט'ער צום טויט. ער האָט וועגען קיין זאַך ניט געטראַכט און האָט גאַרנישט געקענט טראַכטען; נאָר מיט זיין גאַנצען וועזען האָט ער פּלוצלונג דערפיהלט, אַז ער האָט

שוין ניט מעהר קיין פרייע פארשטאנד און קיין פרייען ווילען, אז אלץ איז שוין פעסט באשלאסען און ס'איז פארפאלען.

געוויס, ווען ער זאל געווען אפילו יאהרענלאנג ווארטען אויף א גוטע געלעגענהייט, וואלט ער אויך דאן, זיך שוין ארומטראגענדיג מיט דעם געדאנק, ניט געקענט האפען אויף אזא זיכערע געלעגענהייט מיט יערפאלג אויסצופיהרען דעם פלאן, ווי די געלעגענהייט, וואס האט זיך איהם איצט געמאכט. אלענפאלס וואלט שווער געווען זיך צו ער־קונדיגען מי טא טאג פריהער און אזוי זיכער, זעהר פינקטליך און אהן דער מינדסטער ריזיקע, אהן קיין שום געפעהרליכע פונאנדערפרעגע־נישען און זוכענישען, אז מארגען, פונקט אזוי פיעל דעם זייגער, וועט די און די אלטע, אויף וועלכער עס גרייט זיך אן אנפאל, זיין אין דער היים איינע אליין.

זעקסטער קאפיטעל.

אין א צייט ארום איז ראסקאלניקאוו צופעליג געוואהר געווארען, פוליעב וואס דאס פארפאלק האט פארבעטען צו זיך ליזאוועטא'ן. די זאך איז געווען גאנץ איינפאך און געוועהנליך. ניט קיין היגע פער־ארימטע פאמיליע האט אויספארקויפט זאכען, קליידער א. ד. גל., בלויז ווייבערשע. אויפ'ן מארק דארף מען עס אפגעבען פאר אומזיסט, דע־ריבער האט מען געזוכט א הענדלעריז, און ליזאוועטא האט זיך טאקע דערמיט באשעפטיגט: האט גענומען קאמיסיע, געגאנגען ווענען פאר־שידענע געשעפטען און געהאט א גרויסע קונדשאפט, ווייל זי איז גע־ווען עהרליך ביז גאר און פלעגט שטענדיג זאגען א לעצטען פרייז, וואס פון איהם פלעגט שוין ניט קענען געמינדערט ווערען אי האר אפילו. זי האט גלאט גערעדט זעהר ווייניג און איז, ווי געזאגט, געווען אזא שטילע און איבערגעשראקענע...

נאר ראסקאלניקאוו איז פאר דער לעצטער צייט געווארען אבער־גלויבעריש. אין א לאנגע צייט ארום זיינען איהם נאך פארבליבען שפורען פון דעם דאזיגען אבערגלויבען. און אין דער גאנצער זאך איז ער שטענדיג געניוגט געווען צו זעהן גלייך ווי עטוואס מערקווירדי־געס, מיסטישעס, גלייך ווי דא וואלט געווירקט עפעס א מין געהיימע קראפט. ווינטער נאך האט איהם זיינער א באקאנטער סטודענט,

קאַרעווו, אוועקפאַהרענדיג קיין חאַרקאָוו, אַ זאַג געטאָן עפּעס אַזוי, פאַרביינגעהענדיג, וואו די אַלטע אַלענאַ איוואַנאָוונאַ וואוינט, טאָמער וועט איהם אויסקומען עפּעס פאַר'משכונ'ען. אַ לאַנגע צייט איז ער ניט געגאַנגען, ווייל ער האָט געהאַט שטונדען און איז ווי עס איז דורכ־געקומען מיט דער חיונא. מיט אַ אַנדערטהאַלבען חדשים צוריק האָט ער זיך דערמאַהנט אָן דעם אַדרעס: ער האָט געהאַט צוויי זאַכען, וואָס מען האָט געקענט פאַר'משכונ'ען: אַן אַלטען זילבערנעם זייגער, דעם פאָטערס נאָך, און אַ קליין גאָלדען רינגעלע מיט דריי רויטע שטיינדלעך אַזעלכע, וואָס די שוועסטער האָט איהם ביים געזעגענען געגעבען אַלס אַן אָנדענקונג. ער האָט באַשלאָסען אוועקצוטראָגען דאָס רינגעלע. האָט אויפגעזוכט די אַלטע, און שוין פון דער ערשטער רגע אָן, איידער ער האָט נאָך וועגען איהר עפּעס געוואוסט, האָט ער דער־פיהלט צו איהר אַ טיעפען עקעל. ער האָט ביי איהר גענומען צוויי „בילעטלעך" און איז צוריקוועגס אריין אין אַן אָרים ביליג שיינקעל. ער האָט געהייסען דערלאַנגען טיי, זיך אוועקגעזעצט און שטאַרק זיך פאַרטראַכט. אַ מאָדנער געדאַנק האָט גענומען פּיקען זיין מוח, אַזוי ווי אַ היהנדעלע פון אַן איי אַרויס, און האָט איהם זעהר און זעהר אינטערעסירט.

נעבען איהם, ביי אַ צווייטען טישעל, איז געזעסען אַ סטודענט, וועלכען ער האָט גאָר ניט געקענט און ניט געדענקט, און אַ יונגער אָפיציר. זיי האָבען געענדיגט שפּיעלען ביליאַרד און זיך געזעצט טרינקען טיי. פּלוצלונג האָט ער דערהערט, אַז דער סטודענט דער־צעהלט דעם אָפיציר וועגען אַ פּראַצענטניצע, אַלענאַ איוואַנאָוונאַ, אַ קאָלעגיען־רעגיסטראַטאָרין, און זאָגט איהם איהר אַדרעס. שוין דאָס אַליין איז ראַסקאָלניקאָוו'ן אויסגעקומען עפּעס מאָדנע: נאָר וואָס ער קומט פון איהר, און גראַד איז זי ווידער דאָ: געוויס, איז דאָס ניט מעהר ווי אַ צופעליגקייט, נאָר גראַד איצט, ווען ער קען זיך ניט באַ־פרייען פון זעהר אַן אונגעוועהנליכען איינדרוק, גראַד איצט שטופּט מען איהם אַזוי ווי אונטער: דער סטודענט הויבט פּלוצלונג אָן צו דער־צעהלען זיין חבר וועגען דער דאָזיגער אַלענאַ'ן פאַרשידענע זאַכען.

— אַ וואוילע זאַך, — זאָגט ער, — מען קען ביי איהר שטענ־דיג קריגען געלט. אַנגעשטאָפּט מיט געלד, קען מיט איינמאָל אַרויס־געבען אַ פינף טויזענד קאַרבען. און אַ רובלדיגער משכון איז ביי

איהר אויך א סחורה. א היבש ביסעל סטודענטען זיינען שוין ביי איהר איבערגעווען. אבער א גרויסע מכשפה.

און ער האט גענומען דערצעהלען, ווי בייז זי איז, ווי קאפ־ריזנע, זאל מען נאר פארשפעטיגען אויף איין טאג, מעג מען זיך שוין אפזעגענען מיט דעם משכון. גיט איין פיער מאל וועניגער, ווי דער משכון איז ווערט, און נעהמט פינף און אפילו זיעבען פראצענט דעם חודש א. אז. וו. דער סטודענט איז געווארען אלץ מעהר באריי־דעוודיגער און האט גענומען דערצעהלען, אז די אלטע האט א שוועס־טער, ליזאוועטא, שלאגט זי איהר אלע ווייל און נויט זי צו ארביי־טען עבודת פרך, כאטש אליין איז זי א מאוס'קייט, קליין ווי א מוק, בעת ליזאוועטא איז די הויך וועניגסטענס דריטהאלבען ארשין.

— דאס איז אויך אן אמת'ער פענאמען! — האט דער סטודענט אויסגעשריען און זיך הויך צולאכט.

זיי האבען גענומען ריידען פון ליזאוועטא'ן. דער סטודענט האט דערצעהלט וועגען איהר מיט עפעס א מין באזונדערער הנאה און האט געהאלטען אין איין לאכען; דער אפיציר האט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס און האט געבעטען דעם סטודענט, ער זאל איהם צו־שיקען די דאזיגע ליזאוועטא'ן, זי זאל איהם פאררעכטען זיינע וועש. ראסקאלניקאוו האט א ווארט ניט געלאזט פאלען פון זייער שמועס און איז פאר איינמאל פון אלצדינג געוואהר געווארען: ליזאוועטא איז גע־ווען דער אלטערס א יונגערע שוועסטער, ניט פון איין מוטער; זי איז שוין געווען פינף און דרייסיג יאהר אלט, זי האט געהארעוועט אויף דער שוועסטער טאג און נאכט, געקאכט און געוואשען און אויסערדעם האט זי געניייהט אויף צו פארקויפען, פלעגט זיך אפילו פארדינגען די פאדלאגע צו וואשען, און ביז א קאפיקע פלעגט זי אפגעבען דער שוועסטער. קיין שום באשטעלונג, קיין שום ארבייט האט זי ניט גע־טארט אננעהמען אהן דער אלטערס ערלויבניש. די אלטע האט שוין אפגעשריבען א צוואה און ליזאוועטא אליין האט אויך געוואוסט, אז זי זאגט איהר דארט אפילו א פרוטה ניט אפ, אויסער די שטוב־חפצים, שטוהלען א. ד. גל. אלע געלדער האט זי אפגעשריבען אויף א קלויסטער אין נ—ער גוב., מען זאל דערפאר פאר איהר אויסבעטען א ליכטיגען גן־עדן. די ליזאוועטא איז געווען פון א פראסטער פא־מיליע, ניט פון טשינאווניקעס, נאך א מויד, זעהר א מאוס'ע, מאדנע

הויך געוואקסען, מיט לאנגע, עפּעס אזוי ווי אויסגעדרעהטע גרויסע פיס, שטענדיג אין אָפּגעטראָגענע שיך; זי איז געגאנגען ארום זיך זעהר ציכטיג און ריין. דערהויפּט אָבער האָט דער סטודענט באוואונדערט און געלכאָט דערפון, וואָס ליזאוועטא האָט אלע ווײלע געשוואנגערט.

— דו זאָגסט דאָך, זי איז אָ פּארזעהעניש? — האָט דער אָפיציר באמערקט.

— יאָ, אפילו, זי איז אזוי שווארץ, פּונקט ווי אן איבערגעטאָנענער יון, פונדעסטוועגען אבער איז זי גאָרניט קיין פּארזעהעניש. זי האָט אזא גוטעס געזיכט, אזעלכע גוטע אויגען, זעהר גוטע אויגען. אָ סימן האָסטו, — אָ סך מענשען איז זי זעהר געפעלען. אזא שטילע, אזא גוטע, טראָגט אלץ געדולדיג איבער, און פאָלגט. פאָלגט אלץ, וואָס מען הייסט איהר. היינט האָט זי דערצו אזא גוטען שמייכעל.

— אפנים זי איז דיר גאנץ געפעלען? — האָט זיך דער אָפיציר צולאכט.

— אָ שגעון אזא ביי מיר. נאָר הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען. אָט די דאָזיגע מאוס'ע אלטע מרשעת וואָלט איך געה'הרג'עט און באַרויבט, אהן קיין שום חרטה, — האָט מיט היץ צוגעגעבען דער סטודענט.

דער אָפיציר האָט זיך ווידער פונאנדערגעלאכט, און ראסקאָלניקאָוו האָט אָ ציטער געטאָן. ווי מאָדנע דאָס איז געווען!

— הער נאָר, איך וויל דיר פּארגעבען אן ערנסטע פראגע, — האָט זיך דער סטודענט צוקאָכט. געוויס האָב איך עס איצט געמיינט אין אָ וויץ, נאָר באטראכט וואָס דאָ איז: פון איין זייט אָ נארישע, אונזיניגע, נישטיגע, בייזע, קראנקע פּגירה, וואָס קיינער דאַרף זי ניט, פארקעהרט וואָס איז פאר אלעמען שעדליך, וואָס ווייס אליין ניט, נאָך וואָס זי לעבט אויף דער וועלט, און וועט היינט־מאָרגען סיי ווי סיי שטאַרבען. פּארשטעהסט? דו פּארשטעהסט?

— נו, יאָ, איך פּארשטעה, — האָט געענטפערט דער אָפיציר, איינשפּיזענדיג זיין בליק אין דעם צוהיצטען סטודענט.

— הער ווייטער. פון דער אנדערער זייט, יונגע פרישע כחות געהען טויזענדערוויַיז פּארלאָרען אומזיסט, אהן שטיצע, אהן הילף, אומעטום און איבעראל. הונדערטער, טויזענדער קענען געהאָלפען ווע־

רען דורך דער אלטערס געלט, וואס איז אפגעשריבען אויף א קלוים־טער! הונדערטער, טויזענדער לעבענס קענען אפשר ווידער געפינען זייער וועג: צעהנדליגער פאמיליעס געראטעוועט ווערן פון ארימקייט, פון פארלארען געהן, פון א תל ווערען, פון די נעץ פון זינד, פון ווע־נערישע קראנקהייטען, — און אלץ דורך איהר געלט. הרג'ע זי און נעהם צו דאס געלט איהרס, כדי דערנאך דורך זיי זעהן העלפען דער גאנצער מענשהייט: ווי רעכענסטו, וועט דען איין קליינע עבירה ניט פארגעבען ווערען צוליעב טויזענדער מצות? פאר איין לעבען — טוי־זענדער לעבענס, געראטעוועט פון צופוילט ווערען און אונטערגעהן. איין טויט אנשטאט הונדערט לעבענס, — דאס איז דאך א קלא־רער אריפמעטישער חשבון! היינט וואס פאר א באטרעף האט דאס לעבען פון דער דאזיגער שווינדזיכטיגער, נארישער און בייזער מרשעת אויף די וואגשאלען פון די מענשליכע לעבענס־? ניט מעהר ווי דאס לעבען פון א לויז, פון א פריים, אפילו דאס אויך איז עס ניט ווערט, ווייל די אלטע איז שעדליך. זי פרעסט אויף פרעמדע לעבענס: זי האט אנומעלט פאר כעס א ביס געטאן ליזאוועטא'ן א פינגער, האט מען איהם שיער ניט געדארפט אראפנעהמען!

— געוויס, איז זי ניט ווערט וואס די ערד טראגט זי, — האט דער אפיציר באמערקט, — דאס איז דאך שוין אבער א נאטור־זאך.

— עט, נארישקייטען. די נאטור פארריכט מען דאך אויך און מען גיט איהר אן אנדער ריכטונג, א ניט וואלט מען דערטרונקען גע־ווארען אין א ים פון אבערגלויבען און פאראורטיילען. אניט וואלט קיין איין גרויסער מאן ניט געווען. מען זאגט: „יושר, געוויסען“, — איך וויל גארניט ריידען געגען יושר און געוויסען, — ווי אזוי אבער פארשטעהען מיר אט די באגריפען? ווארט נאר, איך וועל דיר פאר־געבען נאך א פראגע. הער!

— ניין, איך וועל דיר פארגעבען א פראגע. הער!

— וואס פאר א פראגע?

— אט רעדסטו איצטער און קאכסט זיך, זאג מיר אבער: דו א ל י י ן וועסט זי הרג'ענען צי ניט?

— פארשטעהט זיך, אז ניט! איך מיין עס צוליעב יושר... ניט איך בין דא גאר דער עיקר...

— און מיין מיינונג איז, אז וויבאלד דו אליין וועסט עס ניט

טאָן, איז דאָ ניטאָ וואָס צו ריידען וועגען יושר!... קום נאָך אַ פּאַר־טיע ביליארד!

ראַסקאָלניקאָוו איז געווען שרעקליך אויפגערעגט. געוויס זיינען דאָס געווען זעהר געוועהנליכע, אויסגעדראָשענע ווערטער און געדאַנ־קען פון יונגע לייט, וואָס ער האָט שוין ניט איינמאָל געהערט, אפשר אין אַן אנדער פאָרם און אויף אַן אַנדער פאָרם און אויף אַנ'אַנדער טעמע. פאַרוואָס איז איהם אָבער אויסגעקומען אויסצוהערען פּונקט אַזעלכע רייד און אַזעלכע געדאַנקען גראָד איצט, ווען אין זיין אייגע־נעם מוח האָבען זיך נאָר־וואָס גענומען וועבען... פּ ו נ ק ט א ו י ך אַזעלכע געדאַנקען?... און פאַרוואָס עפּעס גראָד איצט, ווען ער האָט נאָר־וואָס ארויסגעטראָגען דעם נייעם געדאַנק פון דער אַלטער, דאַרף ער גראָד אַנטרעפען אויף אַ שמועס וועגען דער אַלטער?... שטענדיג איז איהם דאָס אויסגעקומען זעהר מאָדנע. דער דאָזיגער געוועהנלי־כער שיינק־שמועס האָט אויף איהם געהאָט אַן אונגעהויערע ווירקונג ביי דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער זאַך: גלייך ווי דאָס וואָלט טאַקע זיין עטוואָס באַשערטעס פון מזל, עטוואָס פון פריהער באַ־שטימטעס — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זיך צוריקגעקעהרט פון סעננאַ־פּלאַץ, האָט ער זיך אַ וואָרף גע־טאָן אויפ'ן קאַנאַפּע און איז אַזוי אַ גאַנצע שעה אָפּגעזעסען, זיך ניט אַ ריהר צו געבען. ס'איז געוואָרען פינסטער; קיין ליכט האָט ער ניט געהאַט. נאָר ס'איז איהם אפילו גאָר ניט איינגעפאַלען אָנצוצינ־דען פייער. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט דערמאָנען: האָט ער וועגען עפּעס דאָן געטראַכט? ער האָט דערפיהלט דאָס פריהערדיגע פי־בער, דעם פראָסטיגען שוידער און האָט זיך מיט גרויס פאַרגניגען דער־מאָהנט, אַז אויפ'ן קאַנאַפּע קען מען זיך אויך לעגען. באַלד איז איהם באַפאַלען אַ שטאַרקער, בלייערנער שלאָף, וואָס האָט איהם אַזוי ווי געשטיקט.

אַזוי האָט ער געשלאָפען לאַנג, ווי קיינמאָל ניט, און אָהן חלומות. נאַסטאַסיאַ'ן, וואָס איז צו איהם אריינגעקומען אויף מאָרגען פריה אַ זייגער צעהן, האָט זיך איהם קוים דערוועקט. זי האָט איהם געבראַכט טיי מיט ברויט. דער טיי איז דאָסמאָל אויך געווען שוואַך און אין איהר אייגענעם טשייניק.

— א מין פאפען דאס איז! — האט זי אויפגעבראכט אויסגע־שריען. — טוט גאר ניט און שלאפט!

ער האט זיך מיט מאטערניש אויפגעהויבען. דער קאפ האט איהם וועה געטאן. ער האט זיך געפרובט שטעלען אויף די פיס, זיך א דרעה געטאן איבער'ן צימער און איז ווידער א פאל געטאן אויפ'ן קאנאפע.

— ווידער שלאפען! — האט נאסטאסיא א געשריי געטאן — דו ביסט אפשר קראנק צי וואס?

ער האט גארנישט געענטפערט.

— טיי ווילסטו?

— שפעטער א ווייל, — האט ער מיעד ארויסגערעדט, שליסענדיג ווידער די אויגען און זיך אפקעהרענדיג צום וואנד.

— ביסט אודאי אין דער אמת'ן ניט געזונד, — האט זי געזאגט און איז ארויסגעגאנגען.

צוויי א זייגער איז זי ווידער אריינגעקומען מיט זופ. ער איז געלעגען ווי פריהער. דער טיי איז געשטאנען ניט־גערירהרט. נאסטאסיא איז אזש ברוגז געווארען און האט איהם מיט כעס גענומען וועקען

— וואס טוכינעסטו? — האט זי אויסגעשריען, קוקענדיג אויף איהם מיט כעס.

ער האט זיך עטוואס אויפגעהויבען און זיך געזעצט, האט איהר אבער גארנישט געזאגט און אראפגעלאזט די אויגען צו דער ערד.

— ביסט קראנק צי ניט? — האט נאסטאסיא געפרעגט און ווידער ניט געקריגען קיין ענטפער.

— וואלסט כאטש א ווייל ארוים אין דרויסען, — האט זי געזאגט נאך א קליינעם שווייגען, — שעפען א ביסעל לופט. און עסען ווילסטו, צי ניט?

— שפעטער, — האט ער שוואך געענטפערט, — געה אוועק!

און האט א מאך געטאן מיט דער האנט.

זי איז געשטאנען נאך א ווייל, האט אויף איהם א קוק געטאן מיט א רחמנות־פנים און איז ארויס.

אין א ווייל ארום האט ער אויפגעהויבען די אויגען און האט לאנג באטראכט דעם טיי מיט די זופ. דערנאך האט ער גענומען א

שטיקעל ברויט, א לעפעל און האט אנגעהויבען עסען.

ער האט אויפגעגעסען זעהר ווייניג, אהן אפעטיט, א לעפעל דריי־פיער, אזוי ווי מאשינאל. דער קאפ האט וועניגער וועה גע־טאן. אפגעגעסען מיטאג, האט ער זיך ווידער אויסגעצויגען אויפ׳ן קאנאפע, אבער אנטשלאפען ווערען האט ער שוין ניט געקענט, און ער איז געלעגען אהן באוועגונג, מיט׳ן פנים אראפ, איינגענורעט דאס געזיכט אין קישעלע. ער האט אלץ גע׳חלומ׳ט און די חלומות זיינען אלץ געווען אזויגע מאדנע: אפטער און אפטער איז איהם פארגעקו־מען, אז ער איז ערגעץ אין אפריקא, אין מצרים, אין עפעס א אאזיס. דער קאראוואן רוהט, רוהיג ליעגען די קעמלען: רינגס און ארום וואקסען פאלמענבוימער: אלע עסען מיטאג, ער אבער טרינקט אלץ וואַ־סער, גלייך פון טייך, וואס פלייצט מורמלענדיג טאקע דא ביי דער זייט. און ס׳איז אזוי קיהל, און דאס בלויע וואסער איז אזוי הער־ליך, אזוי הערליך, און קאלט, און שטראמט איבער פארשידענפארביגע שטיינער און איבער אזא קלארען זאמד, געשפריינקעלט מיט גאלדענע שטיינדלעך... פלוצלונג האט ער דייטליך דערהערט א זייגער שלאַ־גען. ער האט א ציטער געטאן, איז צו זיך געקומען, האט עטוואס אויפגעהויבען דעם קאפ, א קוק געגעבען אין פענסטער, האט באַרע־כענט, ווי שפעט עס קען זיין, און איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען, שוין אינגאנצען געקומען צו זיך, גלייך ווי איינער וואלט איהם א ריס געטאן פון קאנאפע אראפ. אויף די שפיץ פינגער איז ער צוגעגאנגען צום טהיר, האט זי שטיל א ביסעלע אויפגעמאכט און זיך גענומען צוהע־רען אונטען צו די טרעפ אראפ. דאס הארץ האט איהם שרעקליך גע־קלאפט. נאר אויף די טרעפ איז אלץ געווען שטיל, גלייך ווי אלע וואל־טען שלאפען... משונה׳דיג ווילד איז איהם אויסגעקומען, וואס ער איז אזוי אפגעשלאפען פון נעכטען אן און האט נאך גארנישט אויפגעט־טאן, גארנישט צוגעגרייט... ס׳קען זיין, אז עס האט שוין אודאי גע־שלאגען זעקס א זייגער... און אן אונגעוועהנליכע פיבערהאפטע, עפעס א מין משוגע׳נערוועיזע ריהרעוודיגקייט האט איהם פלוצלונג באַ־הערשט, אנשטאט שלאף און טעמפקייט. איבריגענס האט ער ניט לאנג געדארפט זיך צוגרייטען. ער האט אנגעשטרענגט אלע כחות, ער זאל אלעס אין זינען האבען און גארניט פארגעסען: און דאס הארץ האט אלץ געקלאפט, געשלאגען אזוי, אז איהם איז שווער געווארען צו

אטעמען. ערשטענס, האט מען געדארפט מאכען „ שלייף און צו־נייהען צום מאנטעל — אן ארבייט אויף א רגע. ער האט ארייגגערוקט די האנט אונטער'ן קישען און האט ארויסגעשלעפט פון צווישען די וועש, וואס איז דארט געווען פארשטעקט, זיינס אן אלט צופאלען ניט־געוואשען העמד. ער האט פון איהם אויסגעריסען א שטיק ביי א ווערשאק די ברייט און ביי א האלב ארשין די לענג, האט עס צונויפ־געלעגט אין צווייען, האט אויסגעטאן זיין ברייטען מויער־שטארקען זומער־מאנטעל, וואס איז געווען פון עפעס א דיקען שטאף (זיין איינ־אונאיינציגער אויבער־בגד) און האט אנגעהויבען אנצונייהען ביידע עקען באנד אונטער דעם לינקען ארים פון אינוועניג. די הענט האבען איהם געציטערט ביים נייהען, דאך האט ער דאס ווי עס איז פארט צוגענייהט אזוי, אז ווען ער האט ווידער אנגעטאן דעם מאנטעל, איז פון דרויסען גארניט געווען קענטיג. א נאדעל־פאדים איז שוין ביי איהם לאנג געווען אנגעגרייט און איז געלעגען אויפ'ן טישעל, אין א פאפירעל. און וואס עס אנבעלאנגט צום שלייף, איז דאס געווען אן אייגענער איינפאל זיינער, זעהר א קלוגער: די שלייף איז געווען באַ־שטימט פאר דער האק. מען האט דאך אין דער אמת'ן ניט געקענט טראגען אויפ'ן גאס א האק אין די הענט. און ווען מען זאל אפילו באהאלטען אונטער'ן מאנטעל, וואלט מען אלץ געדארפט צוהאלטען מיט דער האנט, און עס וואלט געווען קענטיג. איצט אבער, אז ער האט צוגענייהט די שלייף, האט ער נאר געדארפט ארייגרוקען אהין די האק, און זי וועט זיך רוהיג הענגען אינוועניג, אונטער'ן ארים, דעם גאנצען וועג. און אריינגעשטעקט די האנט אין קעשענע פון מאנטעל, האט ער אויך געקענט צוהאלטען דעם שטיל, ער זאל זיך ניט באמבלען: און אזוי ווי דער מאנטעל איז געווען גענוג ברייט, אן אמת'ער זאק, איז פון דרויסען ניט געווען קענטיג, אז ער האלט עפעס צו אין קע־שענע מיט דער האנט. די דאזיגע שלייף האט ער צוגעטראכט שוין אויך מיט א וואכען צוויי צוריק.

געענדיגט דערמיט, האט ער אריינגעשטעקט די פינגער אין א קליין שפעלטעלע צווישען זיין „טערקישען" דיוואן און דער פאד־לאגע, האט א שאר געטאן דארט אין דעם לינקען ווינקעל און ארויס־געשלעפט דעם מ ש כ ו ן, וואס ער האט שוין לאנג צוגעגרייט און געהאלטען דארט פארבארגען. דאס איז געווען א הילצערן, גלאט אפ־

געהעבעלט ברעטעלע, די גרויס און די גרעב ווי ווענדליג עס דארף זיין אזילבערנער פּארט־טאבאק. דאָס דאָזיגע ברעטעלע האָט ער צופעד ליג געפונען ערגעץ אין א הויף, וואו ס'איז געווען עפּעס א ווארש־טאַט. דערנאָך ערשט האָט ער צוגעגעבען צו דעם ברעטעלע א גלאַט און דין אייזערן פּאסיקעל, אפּנים פון עפּעס אָפּגעבראכען, וואָס ער האָט אויך דאַמאָלס טאקע געפונען אויף דער גאס. צוזאמענגעלעגט ביידע ברעטלעך, פון וועלכע דאָס אייזערנע איז געווען קלענער פון'ם הילצערנעם, האָט ער זיי זעהר פעסט צונויפגעבונדען אינאיינעם מיט א פאָדעם, איינס אין דער לענג, דאָס אנדערע אין דער ברייט; דער־נאָך האָט ער געמאכט זעהר א פיין פּעקעלע, איינגעוויקעלט אין ריין ווייס פּאַפּיר און פארבונדען אזוי, עס זאָל זיין ניט לייכט פונאַנדער־צובינדען. דערמיט האָ טער געמיינט אָפּצואָווענדען אויף א ווײַלע דער אַלטערס אויפמערקזאמקייט, — זי וועט זיך נעהמען עסק'ן מיט'ן פּעקעלע, וועט ער האָבען צייט זיך ארומצוקוקען. דאָס אייזערנע פּאַ־סיקעל האָט געדאַרפט צוגעבען מעהר וואָג, די אַלטע זאָל זיך כאָטש אין דער ערשטער ווײַלע ניט ארומזעהן, אז דער „חפץ" איז א הילצערנער. דאָס אַלעס האָט ער ביז א צייט געהאַלטען אונטער'ן דיוואן. ווי נאָר ער האָט ארויסגענומען דעם משכון, האָט זיך פּלוצלונג געלאָזט הערען ערגעץ אויפ'ן הויף עמיצענס א קול:

— שוין די זיעבענטע שעה!

— די זיעבענטע שעה! אָ, גאָט מיינער!

ער האָט זיך א לאָז געטאָן צום טהיר, זיך צוגעהערט, א כאָפּ געטאָן דעם הוט און גענומען שטייגען פון זיינע דרייצעהן טרעפּ אראָפּ, פּאָרזיכטיג און שטיל, ווי א קאַץ. איצט איז נאָך געבליבען די רעכטע שווערע ארבייט — ארויס'גנב'ענען פון קיך די האַק... אז עס דארף אָפּגעטאָן ווערען מיט א האַק — דאָס איז ביי איהם שוין לאַנג געווען באַשטימט. ער האָט אפילו געהאַט א צונויפגעלעגט גאָר־טען־מעסערל, אבער אויף א מעסער, און איבערהויפּט אויף זיינע כחות, האָט ער זיך ניט געקענט פאַרלאָזען, דעריבער איז ביי איהם פעסט געבליבען, מיט א האַק. אגב דארף מען אויפמערקזאם מאכען אויף א מערקווירדיגע זאַך בנוגע צו די אַלע פעסטע באַשליסען, וואָס ער האָט אָנגענומען אין דעם דאָזיגען ענין. די דאָזיגע אַלע באַשליסען האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט א זעלטענער אייגענשאַפט: וואָס פעס־

טער ער האט זיי אנגענומען, אלץ מאוס'ער, אונזיניגער זיינען זיי איהם גלייך אין די אויגען געווארען. ניט קוקענדיג אויף דעם גאנצען פיינליכען אינווענינסטען קאמפף, וואס ער האט דורכגעמאכט, האט ער דאך פאר דער גאנצער צייט אפילו קיין איין רגע ניט געגלויבט, אז דער געדאנק זיינער זאל פארווירקליכט ווערען.

און ווען עס וואלט אפילו ווען עס איז אויסגעקומען אזוי, אז אלצדינג ביז איטליכעס פיצעלע וואלט ער שוין געהאט פארטיג אין זינען ענדגילטיג באשלאסען און דא וואלט שוין קיין שום צווייפעל ניט בלייבען, — וואלט ער, דאכט זיך, אויך דאן זיך אפגעזאגט פון גאנצען פלאן, ווייל ס'וואלט איהם אויסגעקומען אונזיניג, אונגעהויער ווילד און אונמעגליך. אבער ס'איז נאך געבליבען א ים ספקות און ניט־באשלאסענע פונקטען. וואס עס אנבאלאנגט דעם פונקט, וואו צו קריגען א האק, איז דאס געווען אזא קלייניגקייט, וועלכע האט איהם אפילו אויף א האהר ניט באקימערט, ווייל קיין לייכטערע זאך האט גאר ניט געקענט זיין. מחמת נאסטאסיא פלעגט אלע ווייל ניט זיין אין שטוב, איבערהויפט פארנאכטליך: פלעגט אוועקלויפען אדער צו די שכנים אדער אין קלייטעל אריין, און די טהיר פלעגט זי שטענדיג לאזען אפען. די בעל־הבית'טע פלעגט נאר דערפאר שטענדיג האבען מיט איהר צו טאן — אלזא האט מען נאר באדארפט שטילערהייד אריינגעהן און זי אוועקלעגען. ער קען דאך נאך אבער קומען אין א שעה ארום פונקט דאן, ווען נאסטאסיא וועט זיין אין קיך. דארף מען, פארשטעהט זיך, — פארבייגעהן און ווארטען, ביז זי וועט ווידער ארויס. און ווי וועט זיין, אז זי וועט זיך דערווײלע כאפען, אז די האק איז נישטא, וועט נעהמען זוכען און אקערן, וועט מאכען קולות, — אט איז שוין פארהאן א חשד, ווענינסטענס עטוואס וואס פיהרט ארויף אויף א חשד.

נאר דאס זיינען אלץ געווען קלייניגקייטען, וועגען וועלכע ער האט אפליו ניט אנגעהויבען צו טראכטען, און ס'איז טאקע קיין צייט ניט געווען. ער האט געטראכט וועגען דעם *עיקר* און די קלייניגקייטען האט ער אפגעלעגט ביז דאן, ווען ער אליין *וועט זיך אין אלץ איבערצייגען*. דאס איז אבער געווען אבסאלוט אונמעגליך, ווענינסטענס האט זיך איהם עס אזוי געדאכט. אזוי, למשל, האט ער בשום אופן ניט געקענט באגרייפען, אז ער וועט ווען עס

איז אויפהערען צו טראַכטען, וועט אויפשטעהן — און וועט אוועק־געהן אהינצו... אפילו די אייערנעכטיגע ר ע פּ ע ט י צ י ע זיינע (דאָס הייסט, דער באַזוך, וואָס ער האָט געמאַכט דער אַלטער מיט דער כונה וואָס בעסער צו באַטראַכטען דעם אָרט) האָט ער נאָר ג ע־פּ ר ו ב ט מאַכען, אָבער ס'איז ניט געווען זעהר ערנסט, נאָר אַזוי זיך, ווי איינער רעדט: „איך וועל געהן און וועל אַ פּרוב טאָן, זאָל שוין זיין אַן עק מיט די חקירות!" — ער האָט אָבער באַלד ניט אויס־געהאַלטען, אַ שפּיי געטאָן און אַנטלאָפען מיט אַ ווילדען כעס אויף זיך אַליין. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז דאָך שוין אויסגעקומען, אַז מיט דער פראַגע פון דער מאָראַלישער זייט איז ער שוין לאַנג פאַר־טיג געוואָרען: זיין פּלפּול האָט זיך אויסגעשאַרפט ווי אַ גאָלמעסער, און ער אַליין האָט שוין אויך ניט געפונען אין זיך קיינע לאָגישע ווי־דערשפּרוכען. נאָר אין דעם פאַל האָט ער זיך פּשוט אַליין ניט געקענט גלויבען, און האָט מיט אַן איינגעשפּאַרטער עקשנות געזוכט קשיות אומעטום, גלייך ווי איינער וואָלט איהם געצוואונגען און געטריבען דערצו. און דער לעצטער טאָג, וואָס איז אָנגעקומען אַזוי אומגעריכט און וואָס האָט מיט איינמאָל געמאַכט אַ סוף צו אַלצדינג, האָט אויף איהם געהאַט אַ מין מעכאַנישע ווירקונג: גלייך ווי איינער וואָלט איהם גענומען פאַר'ן האַנט און אַ ציה געטאָן נאָך זיך, דרינגליך, בלינד, מיט אַן אומנאַטירליכער קראַפט, ניט שטעלענדיג קיין פראַגען. גלייך ווי זיין קליידער האָט זיך איינגעדרעהט אין אַ ראָד פון אַ מאַשין, וועלכע האָט איהם אַליין אויך גענומען אריינשלעפּען אין זיך.

צום ערשטען — שוין אפילו מיט אַ צייט צוריק — האָט איהם אינטערעסירט איין פראַגע: פאַרוואָס עפּעס ווערען אַזוי לייכט ענט־דעקט און ארויסגעגעבען אַלע פאַרברעכענס, און פאַרוואָס איז אַזוי לייכט צו געפינען די שפּורען פון אַלע פאַרברעכער? ביסלעכווייז איז ער געקומען צו די פאַרשידענסטע און אינטערעסאַנטסטע אויספיהרען: נאָך זיין מיינונג נאָך איז אויסגעקומען, אַז די הויפּטאורזאַכע שטעקט ניט אַזוי אין דער מאַטעריעלער אונמעגליכקייט צו פאַרבאַרגען דאָס פאַרברעכען, ווי אין דעם פאַרברעכער אַליין; דער פאַרברעכער אַליין אָבער, און איבערהויפּט יעדערער פאַרלירט אין דעם מאָמענט פון פאַר־ברעכען די ווילענסקראַפט און דעם פאַרשטאַנד און ווערט נאָך, פאַר־קעהרט, אונגעהויער לייכטזיניג, ווי אַ קינד, און דאָס קומט פאַר גראַד

אין דעם מאמענט, ווען ס'איז איבערהויפט נויטיג צו זיין אויסגערע־בענט און פארזיכטיג. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די דאזיגע אפשוואכונג פון פארשטאנד און ווילענסקראפט באהערשט דעם מענשען ווי א מין קראנקהייט, ענטוויקעלט זיך ביסלעכווייז און א קור־צע צייט פאר דעם פארברעכען דערגרייכט זי די העכסטע שטופע; זי הערט ניט אויף אין דעם מאמענט פון דעם פארברעכען און א קור־צע צייט נאך איהם, — עס ווענדט זיך אן דעם כאראקטער פון פאר־ברעכער; דערנאך געהט עס פאריבער, ווי עס געהט פאראיבער יעטווע־דער קראנקהייט. די פראגע אבער: צי איז די קראנקהייט די סבה פון פארברעכען, אדער, פארקעהרט, דאס פארברעכען אליין האט שוין אזא טבע מיטצוברייגגען אזא מין קראנקהייט? — די דאזיגע פראגע איז ער ניט געווען אימשטאנד צו פארענטפערן.

געקומען צו אזוינע אויספיהרען, האט ער באשלאסען, אז מיט איהם זעלבסט, ביים אויספיהרען זיין פלאן, קען ניט טרעפען אזעלכע קרענקליכע איבערקעהרענישען; ביי איהם וועט די ווילענסקראפט און דער פארשטאנד ניט געמינערט ווערען אויף א האהר, פאר דער גאנ־צער צייט, וואס ער וועט פארווירקליכען זיין אויפטו, און דאס איז איינפאך דערפאר, ווייל זיין אויפטו איז „ניט קיין פארברעכען“... מיר וועלען איבערהיפען דעם גאנצען פראצעס, וועלכער האט איהם גע־בראכט צו דער דאזיגער איבערצייגונג; מיר זיינען שוין אזוי אויך צופיעל פארלאפען פאראויס... מיר וועלען נאר צוגעבען, אז די פאקט־טישע, ריין־מאטעריעלע שוועריגקייטען פון זיין פלאן האבען איהם זעהר ווייניג אינטערעסירט. „מען דארף נאר ניט פארלירען איבער זיי די גאנצע ווילענסקראפט און דעם גאנצען פארשטאנד, וועלען זיי אלע בייגעקומען ווערען, ווען עס וועט קומען זייער צייט, ווען מען וועט דארפען קלאר ווערען אין אלע קלענסטע פרטים און איינצעלהייטען פון דעם פלאן“... דער פלאן האט אבער ניט אנגעהויבען צו פארווירקליכט ווערען. אין זיינע ענדגילטיגע באשליסען האט ער געגלויבט זעהר ווע־ניג, און ווען ס'האט געשלאגען די שעה, איז אלץ אויסגעקומען גאר ניט אזוי, ווי ער האט באשלאסען, עפעס אזוי ווי אומגערן, זאגאר כמעט אומגעריכט.

נאר איין נארישע קלייניגקייט האט איהם אינגאנצען אפהענדיג געמאכט.

נאָך איידער ער איז פון די טרעפּ אראָפּ און צוגעקומען צו דער בעל־הבית'טעס קיך, וואָס איז, ווי שטענדיג, געשטאַנען אָפען, האָט ער פאַרזיכטיג געכאַפּט א קוק אהין, געוואָהר צו ווערען, צי איז דאָרט אמאָל נישטאָ די בעל־הבית'טע, און אויב זי איז נישטאָ, צי זיינען גוט פאַרמאַכט די טהירען אין איהר צימער אריין, זי זאָל ווי עס איז פון דאָרט ניט ארויסקוקען, ווען ער וועט אריינגעהן נאָך דער האָק? ווי גרויס איז אבער געווען זיין איבערראַשונג, ווען ער האָט פּלוצלונג דער־זעהן, אז נאַסטאַסיא איז דאָסמאָל ניט נאָר אין קיך, נאָר איז אפילו שטאַרק פאַרנומען: נעהמט ארויס פון קאָרב דאָס וועש און הענגט עס פונאַנדער אויף שטריק! דערזעהן ראַסקאָלניקאָוו'ן, האָט זי גע־לאָזען די ארבייט, זיך צוגעקעהרט צו איהם און די גאַנצע צייט איהם נאָכגעקוקט, ביז ער איז אוועק. ער האָט אָפּגעקעהרט די אויגען און איז פאַרבייגעגאַנגען, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט באַמערקט. אבער ס'איז געווען א סוף צו זיין פּלאַן: נישטאָ קיין האָק! ער איז געווען אויסער זיך.

„און פון וואַנען האָב איך עס געדרונגען, — האָט ער געטראַכט, ארויסקומענדיג פון טויער, — פון וואַנען האָב איך עס געדרונגען, אז זי וועט איצט ניט זיין אין דער היים! פון וואַנען, פון וואַנען, פון וואַנען איז עס ביי מיר געווען באַשטימט?" ער איז געווען אינגאַנצען דערשלאָגען, ער האָט זיך געפיהלט עפּעס אזוי ווי ערנידעריגט. פאַר כעס האָט ער געוואָלט לאַכען פון זיך אליין... א ווילדער, טיערישער צאָרן האָט אין איהם אויפגעברויזט...

ער איז פאַרטראַכט געבליבען שטעהן אין טויער. געהן אין גאַס, סתם אזוי, לפנים וועגען, שפּאַצירען, האָט איהם געעקעלט, זיך צו־ריקקעהרען אהיים — איז איהם געווען נאָך ערגער. „אזאַ געלעגענ־הייט פאַרלאָרען אויף אייביג!" האָט ער געשטאַמעלט, שטעהענדיג אהן א ציעל אין טויער, פּונקט אנטקעגען דער פינסטערער לאָך פון דעם סטרוזשס וואוינונג, וואָס איז אייך געווען אָפען. פּלוצלונג האָט ער א ציטער געטאָן. פון דעם סטרוזשס קעמערל, א צוויי טריט ווייט פון איהם, האָט איהם עפּעס פון אונטער'ן באַנק א פינקעל געטאָן אין די אויגען.. ער האָט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען — קיינער איז ניט געווען. אויף די שפּיץ פינגער איז ער צוגעגאַנגען צו דעם סטרוזשס וואוינונג, איז פון די צוויי טרעפּלעך אראָפּ אונטען און האָט

מיט א שוו:זכער שטים א רוף געטאָן דעם סטרוזש. „אודאי אזוי, ניטא אין דער היים! געווים נאַר־וואס ארוים, אויפ׳ן הויף מסתמא, ווייל די טיר איז איינגאנצען אפען". ער האט זיך מיט אימפעט א לאָז געטאָן צו דער האק ־דאָס איז געווען א האק) און האט זי ארויסגעשלעפט פון אונטער דער באנק, וואו זי איז געלעגען צווישען צוויי שייט האלץ: און טאקע דאָ אויפ׳ן אָרט, ניט ארויסגעהענדיג, האט ער זי ארייגגע־רוקט אונטער׳ן ראק, פארלעגט די הענט אין די קעשענעס און איז ארוים פון דארטען: קיינער האט ניט געזעהן. „דער טייוועל אליין האט מיר געהאָלפען", האט ער א טראַכט געטאָן מיט א מאָדנעם שמייכעל. דער דאָזיגער צופאל האט איהם צוגעגעבען גאר אן אנדער מין מוטה.

ער איז געגאנגען לאנגזאם, מיט ג ע ז ע צ ט ע טריט, ניט געאיילט, ניט ארויסצורופען קיין חשד. ער האט ווייניג־וואס זיך אומגעקוקט אויף די פארבייגעהער. אויף זייערע פנים׳ער האט ער גאר־ניט געקוקט און האט זיך באמיהט צו לאָזען זיך מערקען וואס ווע־ניגער. דאָ האט ער זיך דערמאָהנט אָן זיין הוט. — „אַ, גאָט מייּ־נער! דאכט זיך, געלט געהאט אייערנעכטען, און האב ניט געקענט אויסטוישען אויף א היטעל!" א פלוך האט זיך איהם פון הארצען ארויסגעריסען.

צופעליגערווייז ארייגקוקענדיג מיט איין אויג אין א קלייטעל, האט ער דארט דערזעהן אויף א וואנד־זייגער, אז עס איז שוין צעהן מינוט אויף אכט. מען האט געמוזט זיך צואיילען און צו דער זעלבער צייט אָנלעגען וועג: צום הויז צוגעהן הינטער ארום, פון דער אנדערער זייט...

פריהער, ווען ער פלעגט עס אלץ פארשטעלען אין דער פאנטאזיע, פלעגט ער אפטמאל מיינען, אז ער וועט זעהר מורא האבען. ער האט אבער איצט ניט זעהר מורא געהאט, האט אפילו גאר קיין מורא ניט געהאט. זיין קאָפּ איז איצט זאנגאר געווען פארנומען אלץ מיט אזעלכע זייטיגע געדאנקען, אבער ניט אויף לאנג. פארבייגעהענדיג יסופאָווס גארטען איז איהם למשל איינגעפאלען, ווי גוט עס וואלט זיין אויסצובויען הויכע פאָנטאנען, — זיי וואָלטען דאך אזוי אפפרי־שען די לופט אויף אלע פלעצער. ביסלעכווייז איז ער איבערגעגאנגען צו דער איבערצייגונג, אז ווען מען זאָל פארברייטערן דעם זומער־גאָר־טען אויפ׳ן גאנצען מארספעלד און אהים דערצו נאך פאראייניגען מיט

דעם הויפישען מיכיילאווער גארטען, וואלט עס געווען די בעסטע און נוצליכסטע זאך פאר דער שטאדט. דא האט איהם פלוצלונג פאר־אינטערעסירט, פארוואס עפעס ציהט אזוי דעם איינוואוינער פון די גרויסע שטעדט — דאכט זיך, אפילו דאן, ווען ער קען זיך באגעהן אהן דעם — צו באזעצען זיך פונקט אין יענע קווארטאלען, וואו ס'זיי־נען נישטא קיין פאנטאנען, און וואו ס'איז שטענדיג א שמוץ, א עיפוש און מיסט. דא האט ער זיך פלוצלונג דערמאנט זיינע אייגענע שפאצירען איבער'ן סעננא־פלאץ און ער איז אויף א רגע צו זיך גע־קומען. „וואס פאר א נארישקייטען עס קריכען מיר דאס אין קאפ. האט ער א טראכט געטאן. — ניין, שוין גלייבער וועגען קיין זאך ניט טראכטען!"

„אפנים די, וואס מען פיהרט צו דער תליה, קלעפען זיך אזוי צו מיט'ן געדאנק צו אלע זאכען, וועלכע טרעפען זיך זיי אין וועג", איז איהם פלוצלונג איינגעפאלען, אבער נאר אויף איין אויגענבליק, שנעל ווי א בליץ; ער האט אליין וואס גיכער פארלאשען דעם דאזיגען גע־דאנק... נאר ס'איז שוין באלד, אט איז דאס טויער. ערגעץ־וואו האט א זייגער אויסגעשלאגען איינס. „וואס איז עס אזוינס, איז שוין דען האלב אכט? עס קען ניט זיין, דער זייגער לויפט אודאי!"

אויף זיין מזל איז ער בשלום אריבערגעקומען דאס טויער. נאכ־מעהר, עפעס אזוי ווי עקסטרא צוליעב איהם, איז גראד אין דער ווייל אריינגעפאהרען אין טויער אריין א מורא'דיגער וואגען היי, וואס האט איהם אינגאנצען פארשטעלט, ביז וואנען ער איז אריבער דעם בראם. און ווי נאר דער וואגען איז אריינגעפאהרען פון טויער אין הויף אריין, האט ער זיך בליצשנעל דורכגע'גנב'עט אויף רעכטס. דארט, אויף יע־נער זייט וואגען, האט מען געהערט, ווי עס האבען געשריען און זיך געקריגט עטליכע שטימען; איהם האט אבער קיינער ניט באמערקט און קיינער ניט באגעגנט. א סך פענסטער, וואס זיינען ארויסגע־קומען צו דעם דאזיגען אונגעהויערען פיערעקעכטיגען הויף, זיינען איצט געווען אפען. ער האט אבער דעם קאפ אין דער הויך ניט אויפ־געהויבען, ער האט פאר דעם מורא געהאט. די טרעפ צו דער אלטער זיינען געווען נאהנט, גלייך פון טויער רעכטס. ער איז שוין געווען אויף די טרעפ.

קוים אפגעהאקט דעם אטעם און צוגעדריקט מיט דער האנט דאס

קלאפענדע הארץ, אנגעטאפט די האק און נאכאמאל זי צורעכט געמאכט, האט ער פארזיכטיג און שטיל געגומען שטייגען אויף די טרעפ ארויף, זיך צוהערענדיג אלע רגע. נאר אויף די טרעפ איז איצט אויך קיינער ניט געווען: אלע טיהרען זיינען געווען פארמאכט: ער האט זיך מיט קיינעם ניט געטראפען. אמת, אויפ'ן צווייטען שטאק איז א ליידיגע דירה יא געשטאנען אינגאנצען אפען און ס'האבען דארט געארבייט מאליארעס, זיי האבען זיך אבער אפילו ניט אומגעקוקט. ער איז א ווייל'ע שטעהן געבליבען, זיך באטראכט, און איז אוועק ווייטער. געווים וואלט זיין גלייכער, ווען זיי וואלטען דא ניט געווען, נאר... ס'איז דאך מיט צוויי שטאק העכער".

אט איז שוין דער פיערטער שטאק, אט איז די טהיר, אט איז אנטקעגען די דירה, וואס איז ליידיג. אין דריטען שטאק איז די דירה וואס אונטער דער אלטערס, אויך קענטיג ליידיג: די וויזיט־קארטע, וואס איז געווען צוגעשלאגען צום טהיר מיט טשוועקלעך, איז אראפגענומען, — ארויסגעצויגען זיך!... ער האט דעם אטעם ניט געקענט אפכאפען. אויף איין אויגענבליק האט זיך איהם אין מוח דורכגעטראגען א געדאנק: „אפשר גאר אוועקגעהן?" ער האט אבער אויף דעם געדאנק ניט געענטפערט און זיך גענומען צוהערען צו דער אלטערס טהיר: שטיל ווי אין א קבר. דערנאך האט ער זיך ווידער צוגעהערט צו די טרעפ אראפ, האט געהערט לאנג, מיט אנשטרענגונג... דערנאך האט ער זיך א לעצטען מאל ארומגעקוקט, האט זיך געבראכט אין ארדנונג, זיך צוגעגרייט, און האט ווידעראמאל באטראכט די האק אין דער שלייף. „איך מוז איצט זיין זעהר בלאס... — האט איהם געעקבערט א געדאנק, — בין איך ניט אמאל צופיעל אויפגערעגט? זי איז אלעמען חושד... אפשר נאך אפווארטען אביסעלע, ביז דאס הארץ וועט זיך איינשטילען?...

דאס הארץ האט אבער ניט אויפגעהערט. פארקעהרט, עפעס אזוי ווי אויף להכעיס, האט עס געקלאפט שטארקער, שטארקער... ער האט ניט אויסגעהאלטען, האט לאנגזאם אויסגעשטרעקט די האנט צום גלעקעל און אנגעקלונגען. אין א האלבער מינוט ארום נאכאמאל א קלונג געטאן, שוין שטארקער.

נאר מען ענטפערט ניט. גלאט קלינגען, איז געווען איבריג. און ס'האט ניט געטויגט פאר איהם. די אלטע איז געווים געווען אין דער

היים, זי איז אבער פאַרדעכטיג און איינע אליין. ער האָט אביסעל געקענט איהרע געוועהנהייטען... און ער האָט נאָכאַמאָל צוגעלעגט דאָס אויער צום טהיר. צי זיינען די געפיהלען זיינע געווען אזוי אויס-געשאַרפט (וואָס ס'איז שווער צו גלויבען), אָדער ס'איז באמת געווען לייכט צו דערהערען, ער האָט אבער פלוצלונג דערהערט עפּעס אזוי ווי א מין פאָרזיכטיגען שאַרך מיט דער האַנט ביים טהיר-שלאָס און א מין גערויש פון קליידער סאַמע ביי דער טהיר. עמיצער איז באהאַלטע-נערהייד געשטאַנען ביים שלאָס און פּונקט ווי ער האָט זיך דאָרט צוגעהערט, באהאַלטען פון אינוועניג, און אויך, דאַכט זיך, צוגעלעגט דאָס אויער צום טהיר...

ער האָט זיך מיט א כיון א ריהר געטאָן און עפּעס אַרויסגעשטאָ-מעלט, כדי צו באווייזען, אז איהם פאַלט אפילו ניט איין זיך צו באַ-האַלטען: דערנאָך האָט ער אָנגעקלונגען א דריטען מאָל, שוין אבער שטיל, מיושב'דיג, אָהן דער מינדסטער אונגעדולד. דערמאָהנענדיג דאָס אין א צייט אַרום, דייטליך, קלאָר, איז איהם די גאַנצע מינוט געבליבען אויסגעקריצט אין מוח אויף אייביג: ער האָט ניט געקענט פאַרשטעהן, פון וואַנען האָט זיך עס ביי איהר גענומען אזוי פיעל שלויקייט, בפרט נאָך, אז דער מוח איז איהם אלע ווייל אזוי ווי טונ-קעל געוואָרען, און דעם קערפּער זיינעם האָט ער כמעט ווי גאָר ניט גע-פיהלט אויף זיך... אין א רגע אַרום האָט זיך געלאָזט הערען, אז מען ריגעלט אָפּ די טהיר.

זיעבענטעס קאַפּיטעל.

די טהיר האָט זיך, אזוי ווי דאַמאָלס, עטוואָס אויפגעעפענט אויף א קליין שפּעלטעלע, און ווידער האָבען אויף איהם אַרויסגעקוקט פון דער פינסטערניש צוויי שאַרפע אויגען מיט א באַהאַלטענעם חשד. דאַ האָט ראַסקאָלניקאָוו זיך צוטומעלט און איז באַגאַנגען זעהר א גרויסען פעהלער:

מורא האָבענדיג, אז די אַלטע זאָל זיך ניט דערשרעקען צו בליי-בען מיט איהם איינע אליין, און ניט האָפענדיג, אז זיין אויסזעהן וועט אין איהר ערוועקען א צוטרוי צו איהם, האָט ער זיך א נעהם געטאָן פאַר דער טהיר און זי א ציה געטאָן צו זיך, כדי דער אַלטער זאָל ווי עס איז ווידער ניט איינפאַלען צו פאַרשפּאַרען זיך פון איהם. דער-

זעהען דאס, האט זי ניט א ריס געטאן די טהיר צו זיך צוריק, האט אבער אויך ניט ארויסגעלאזט די קליאמקע, און ער האט זי שיער ניט ארויסגעשלעפט צוזאמען מיט דער טהיר אויף די טרעפ ארויס. זע־הענדיג אבער, אז זי שטעהט אין דער גאנצער ברייט פון דער טהיר און לאזט איהם ניט דורכגעהן, האט ער זיך געלאזט געהן גלייך אויף איהר. יענע איז א דערשראקענע אפגעשפרונגען, האט עפעס געוואלט זאגען, נאר גלייך ווי דאס לשון האט איהר אפגענומען, האט זי אויף איהם אויסגעשטעלט א פאר צוגלאצטע אויגען.

— גוט מארגען, אלענא איוואנאוונא, — האט ער אנגעהויבען מיט א געמאכטער דרייסטער שטים, דער קול האט אבער ניט אויס־געהאלטען, זיך איבערגעריסען און גענומען ציטערן. — איך האב אייך... א זאך געבראכט... נאר קומט בעסער צו אהערצו... צו דער ליכטיגקייט...

און ניט ווארטענדיג אויף אן ענטפער, האט ער זיך אהן אן איינ־לאדונג געלאזט געהן גלייך אין צימער אריין. די אלטע האט זיך א וואָרף געטאן נאך איהם: זי האט ווידער באקומען לשון.

— רבונו של עולם! וואס דארפט איהר דא?... ווער זענט איהר אזעלכער? וואס ווילט איהר?

— וואס רעדט איהר, אלענא איוואנאוונא... א באקאנטער אייע־רער... ראסקאלניקאוו... אט האב איך אייך א משכון געבראכט, וואס איך האב אייך אנומעלט צוגעזאגט...

און ער האט איהר געשטעקט דעם משכון אין האנט אריין.

די אלטע האט א קוק געטאן אויף דעם משכון, אבער גלייך האט זי זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין דעם אומגעבעטענעם גאסט. זי האט געקוקט שארף, בייז און מיט חשד. עס איז אריבער ביי א מי־נוט; איהם האט זיך אפילו אויסגעוויזען ביי איהר אין די אויגען עפעס א מין שפאטישער שמייכעל, גלייך ווי זי האט שוין אלץ פארשטא־נען. ער האט געפיהלט, אז ער פארלירט זיך, אז ס'איז איהם כמעט ווי שרעקליך, אויף אזוי פיעל שרעקליך, אז ווען זי קוקט, דאכט זיך, אויף איהם נאך א האלבע מינוט, אהן א ווארט אויסצורייידען, וואלט ער אנטלאפען פון איהר.

— וואס קוקט איהר מיך עפעס אזוי אן, איהר דערקענט מיך ניט? — האט ער פלוצלונג ארויסגערעדט אויך מיט א כעס. — אז

איהר ווילט. נעהמט, אניט וועל איך אוועקטראָגען צו אן אנדערן. איך האָב ניט קיין צייט.

ער האָט דאָס גאָר ניט געמיינט צו זאָגען, נאָר ס'האָט זיך עפּעס אזוי, גלייך ווי פון זיך, אויסגערעדט.

די אַלטע איז געקומען צו זיך, דער ענטשלאָסענער טאָן פון דעם גאַסט האָט איהר אָפּנים צוגעגעבען מוטה.

— טאָ וואָס ביסטו אריין מיט אזא אימפּעט, יונגערמאַן... וואָס איז דאָס אזעלכעס? — האָט זי געפרעגט, קוקענדיג אויפ'ן משכון.

— א זילבערנער פּאָרט־טאַבאַק: איך האָב דאָך אייך דאַמאָלס געזאָגט.

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט.

— וואָס זענט איהר עפּעס אזוי בלאָס? זעהט, די הענט ציטערן ביי אייך אפילו! זיך אודאי געבאָדען, איא, יונגערמאַן?

— ניין, א פיבער, — האָט ער געענטפערט מיט אן אָפּגעהאַקטער שטים. — ממילא וועסטו בלאָס ווערען... ס'איז נישטאָ וואָס צו עסען, — האָט ער צוגעגעבען, קוים ארויסברייינגענדיג די ווערטער פון מויל. די קרעפטען האָבען איהם ווידער פאַרלאָזען. דער ענטפער איז אבער געלונגען: די אַלטע האָט גענומען דעם משכן.

— וואָס איז דאָס אזוינס? — האָט זי געפרעגט, נאָך אמאָל באַטראַכטענדיג ראַסקאָלניקאָוו'ן פון קאָפּ ביז די פיס, און זיך משער געווען אויף דער האַנט וויפיעל עס קען ווענען.

— א זאַך... א פּאָרט־טאַבאַק... פון זילבער... גיט א קוק.

— עפּעס אזוי ווי גאָרניט קיין זילבער... וואָס ער האָט עס א ביסעל אַנגעוויקעלט.

זיך מאַטערנדיג פונאַנדערצובינדען דאָס שנירעל און זיך אָפּ־קעהרענדיג צום פענסטער, צו דער ליכטיגקייט (אַלע פענסטער זיינען ביי איהר געווען פאַרמאַכט, כאָטש עס איז געווען צום דערשטיקט ווערען), האָט זי איהם אויף א קליינע ווייַלע אינגאַנצען געלאָזען און איז געבליבען שטעהן מיט'ן הינטען צו איהם. ער האָט פונאַנדערגע־שפּיליעט דעם מאַנטעל און האָט ארויסגעצויגען די האַק פון שלייף, אבער נאָך ניט גאָר אינגאַנצען ארויסגענומען, — ער האָט זי בלויז צוגעהאַלטען מיט דער רעכטער האַנט אונטער'ן מאַנטעל. די הענט זיינען איהם געוואָרען שרעקליך אָפּגעשוואַכט. ער האָט ממש געהערט,

ווי זיי ווערען מיט רגע אלע מע יווערט און אפגע־חלש'ט. ער האט מורא געהאט, אז ער וועט די האק ניט איינהאל־טען און וועט זי ארויסלאזען... פלוצלונג האט זיך איהם אזוי ווי דער קאפ געגומען דרעהען.

— וואס האט ער עס דא אנגעוויקעלט ! — האט די אלטע אויס־געשריען מיט פארדראס און זיך א ריהר געטאן צו זיין זייט צו.

קיין איין אויגענבליק מעהר האט מען ניט געטארט פארלירען. ער האט אינגאנצען ארויסגעצויגען די האק, האט זי מיטביידע הענט אויפגעהויבען אין דער הויך, און ניט פיהלענדיג וואס ער טוט, אהן דער מינדסטער אנשטרענגונג, עפעס אזוי ווי מאשינאל, האט ער זי ארפגעלאזט אויפ'ן קאפ מיט דער טעמפער זייט. אזוי ווי זיין כח איז דערביי ניט געווען. ווי נאר ער האט אבער איינמאל ארפגע־לאזט די האק, איז אין איהם גלייך געבוירען געווארען כח.

די אלטע איז, ווי שטענדיג, געגאנגען מיט א בלויזען קאפ. די בלאנדע, ערטערווייז גרוי־געווארענע, שיטערע האהר איהרע, פעט אנ־געשמירט, ווי געוועהנליך, זיינען געווען פארפלאכטען אין א מייזעל־שען צעפעל און ארונטערגעמאכט אונטער א שטיקעל קעמעל, וואס האט איהר געשטעקט אויף דער פאטיליצע. דער קלאפ האט איהר גע־טראפען אין רעכטען מיטען קאפ, ווייל זי איז געווען זעהר נידעריג. זי האט א געשריי געטאן, אבער זעהר שוואך, און האט זיך פלוצלונג א זעץ אראפ געטאן צו דער פאדלאגע, כאטש זי האט נאך אפילו באַ־וויזען אויפצוהויבען ביידע הענט צום קאפ. אין איין האנט האט זי נאך אלץ געהאלטען דעם „משכון". דא האט ער מיט'ן גאנצען כח א קלאפ געטאן איינמאל און דעם אנדערן, אלץ מיט דער טעמפער זייט און אלץ אין רעכטען מיטען קאפ. דאס בלוט האט א פלייץ געטאן ווי פון אן איבערגעקעהרט גלאז, און זי איז אנידערגעפאלען „פלאזאם" אן דער ערד. ער איז אפגעטראטען אויף הינטען, האט איהר געלאזט פאלען און זיך גלייך איינגעבויגען צו איהר פנים: זי איז שוין גע־ווען טויט. די אויגען זיינען געווען צוגלאצט, גלייך ווי זיי וואלטען וועלען ארויסשפרינגען, דער שטערן און דאס גאנצע געזיכט — צו־קנייטשט און קראמפפהאפט צוקרימט.

ער האט אוועקגעלעגט די האק אויף דער פאדלאגע, נעבען דער טויטער און האט גלייך אריינגעשטעקט די האנט אין איהר קעשענע,

זיך היטענדיג, דערביי ניט אויסצושמירען זיך אין בלוט, — אין דערזעלבער רעכטער קעשענע, פון וועלכער זי האָט פאַריגען מאָל ארויסגענומען די שליסלען. ער איז געווען פאַלקאָם ביים זינען, האָט שוין מעהר ניט געפיהלט קיין קאָפּדרעהעניש, נאָר די הענט האָבען איהם נאָך אַלץ געציטערט. שפּעטער האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז ער איז זאָגאָר געווען זעהר אויפמערקזאם, פאָרזיכטיג, זיך אַלץ געהיט, ער זאָל זיך ניט איינריכטען אין בלוט... די שליסלען האָט ער באַלד ארויסגענומען: אַלע זיינען זיי געווען אין איין קרענצעל, אויף א שטאָהלערן רייפעל. ער איז מיט זיי גלייך אוועקגעלאָפען אין שלאָפ־צימער. דאָס איז געווען זעהר א קליין צימער, מיט א גרויסען גלאָז־שראַנק הייליגע בילדער. ביי דער אנדערער וואַנט איז געשטאַנען א גרויס בעט, זויבער פאַרבעט מיט א זיידענער קאָלדרע אויף וואַטע, צונויפגעשטוקעוועט פון כל המינים שטיקלעך. ביי דער דריטער וואַנט איז געשטאַנען א קאָמאָד. און א מערקווירדיגע זאַך, ווי נאָר ער האָט גענומען צופּאַסען די שליסלען צום קאָמאָד, ווי נאָר ער האָט דערהערט זייער קלינגען, איז איהם ווי א שוידער דורך איבער'ן לייב. איהם האָט זיך פּלוצלונג פאַרוואָלט וואַרפען דאָס אַלץ און אוועקגעהן. אָבער ס'האָט געדויערט נאָר איין אויגענבליק; אוועקגעהן איז שוין שפּעט געווען. ער האָט אפילו א שמייכעל געטאָן פון זיך אליין, און פּלוצלונג האָט איהם א צווייטער שוידערליכען געדאַנק א זעץ געטאָן אין קאָפּ. איהם האָט זיך מיט אמאָל אויסגעדאַכט, אַז די אַלטע לעבט נאָך אודאי און קען נאָך צו זיך קומען. געלאָזט די שליסלען און דעם קאָמאָד, איז ער אוועקגעלאָפען צוריק צום קערפּער, געכאַפּט די האַק און האָט זיך ווידער פאַרמאָסטען איבער דער אַלטער, האָט אָבער די האַק ניט אַראָפּגעלאָזט. ס'איז קיין צווייפעל ניט געווען, אַז זי איז טויט. ער האָט זיך איינגעבויגען, און זי באַטראַכט פון דער נאָהנט, און האָט דערזעהן, אַז דער שאַרבען איז געווען צושמעטערט און אפילו אַראָפּגעזעצט עטוואָס אויף א זייט. ער האָט געוואָלט אָנטאַפּען מיט'ן פינגער, האָט אָבער צוגעכאַפּט די האַנט; מען האָט אַזוי אויך געזעהן. דערווייל איז אָנגעלאָפען א גאַנצער טייך בלוט. פּלוצלונג האָט ער דערזעהן ביי איהר אויפ'ן האַלז א שנירעל; ער האָט עס א דים געטאָן, עס איז אָבער געווען זעהר פעסט און האָט זיך ניט אָפּ־געריסען. אויסערדעם איז עס געווען אָנגענעצט אין בלוט. ער האָט

דאס געפרובט אזוי ארויסשלעפען פון אונטער'ן בוזים, נאר עפעס האט ניט געלאזען און זיך פארהאקט. אונגעדולדיג האט ער זיך ווידער פארמאסטען מיט דער האק, איבערצוהאקען דאס שנירעל דא טאקע אויפ'ן האלז, האט עס אבער ניט געוואגט צו טאן, און מיט גרויס מיה אפגעסק'ט זיך א מינוט צוויי און איינגעשמירט די הענט און די האק אין בלוט, האט ער איבערגעשניטען דאס שנירעל, ניט אנריהרענדיג מיט דער האק דאס לייב, און האט עס אראפגענומען; ער האט קיין טעות ניט געהאט — א בייטעל. אויפ'ן שנירעל זיינען געווען צוויי צלמים, פון ציפרעסען־האלץ און פון מעש. אויסערדעם א הייליג בילדעל; און דערמיט צוזאמען איז געהאנגען א קליינער פארשמאלצענער זאמשענער בייטעל, מי טא שטאהלען רייפעל און מיט א רינגעלע. דער בייטעל איז געווען פול אנגעשטאפט; ראסקאלניקאוו האט איהם אריינגערוקט אין קעשענע, ניט ארומגעקוקט אפילו, די צלמים האט ער א וואַרף געטאן דער אלטער אויפ'ן הארצען, און זיך צוריקגעקעהרט אין שלאפצימער, דאסמאל די האק אויך מיטגענומען.

ער האט מורא'דיג געאיילט, זיך געכאפט פאר די שליסלען און זיך ווידער מיט זיי גענומען עסק'ן. נאר עפעס אלץ אזוי שלים'מזלדיג: זיי זיינען ניט צוגעקומען צו די שלעסער. ניט ווייל די הענט האבען איהם געציטערט, נאר ער פלעגט אלץ א טעות האבען: ער זעהט, דאכט זיך, למשל, אז ס'איז ניט דער שליסעל, ער קומט ניט צו, און שטופט פארט ווייטער. פלוצלונג האט ער זיך דערמאהנט און פארשטאנען, אז דער דאזיגער גרויסער שליסעל, מיט די צייהנדלעך, וואס האט זיך דא געבאמבעלט מיט אלע קלענערע שליסלען צוזאמען, מוז געוויס זיין גארניט פון קאמאד (ווי ס'איז איהם נאך אייערנעכטען איינגעפאלען), נאר פון עפעס א רענצעל און אין דעם דאזיגען רענצעל איז אודאי אלץ באהלאטען. ער האט געלאזט דעם קאמאד און איז גלייך אונטערגעקראכען אונטער'ן בעט, — ער האט געוואוסט, אז אלטע פרויען שטעלען געוועהנליך זייערע רענצלעך אונטער'ן בעט. און עס איז טאקע געווען אזוי: ער האט געפונען א היבש רענצעל, מעהר ווי אן ארשין די לענג, מיט א האלבקיילעכדיגען דעקעל, באשלאגען מיט רויטען סאפיאן, אויסגעזעצט מיט שטאהלענע טשוועקלעך. דער שליסעל מיט די צייהנדלעך איז פונקט צוגעקומען און געעפענט דאס רענצעל. אויבען, אונטער א ווייסען ליילעך, איז גע־

לעגען א האָזען־פוטערל, באַצווינגען מיט רויטען צייג: אונטער'ן פוטערל איז געלעגען א זיידען קלייד, דערנאָך א שאַל, און דאָרטען טיעפער זיינען, דאכט זיך, געלעגען נאָר שמאטעס. פריהער פאר אלץ האָט ער גענומען ווישען זיינע אויסגעשמירטע הענט' אין בלוט אַן דעם רויטען צייג. „עס איז רויט, נו, און אויף רויטען איז דאָס בלוט ניט קענטיג“. האָט ער זיך איבערגעלעגט אין געדאַנק, און פּלוצלונג איז ער צו זיך געקומען: „מיין גאָט! איך ווער משוגע. צי וואָס?“ האָט ער אן אויפגעציטערטער א טראכט געטאָן.

נאָר ווי ער האָט זיך צוגעריהרט צו די דאָזיגע שמאטעס, איז גלייך פון אונטער'ן פוטערל ארויסגעפאַלען א גאָלדענער זייגער. ער האָט גענומען אלץ איבערקעהרען. צווישען די שמאטעס זיינען ווירקדיל געווען פארשטעקט פארשידענע גאָלדענע זאכען, — קענטיג דורכאויס משכנות, אויסגעקויפטע און ניט־אויסגעקויפטע, — בראַסלעטען, קייטעלעך, אויהרינגלעך, שפּילקעס א. ד. ג. אייניגע זיינען געווען אין שיידלעך, אנדערע נאָר איינגעוויקעלט אין אלטע צייטונגען, אבער פּלייסיג און פּאַרזיכטיג, אין צווייענדיגע בויגענס, און איינגעבונדען ארום און ארום מיט שנירלעך. ניט געמאכט קיין שהיות, האָט ער זיי גענומען פאַקען אין די קעשענעס פון די הויזען און פון מאַנטעל, ניט־איבערקלייבענדיג און ניט פונאנדערבינענדיג די פעקלעך און די שיידלעך: קיין סך אבער האָט ער ניט באַוויזען אָנצופאַקען...

פּלוצלונג האָבען זיך דערהערט טריט אין דעם צימער, וואו די אלטע איז געלעגען. ער איז שטעהן געבליבען און איז שטיל געוואָרען ווי א געשטאָרבענער. נאָר אלץ איז געווען אזוי שטיל, ס'האָט זיך אלזאָ אָפּגעדאכט. נאָר באלד האָט זיך דייטליך דערהערט א לייכט אויסגעשריי, אָדער אזוי ווי עמיצער וואָלט שטיל און אָפּגעהאקט א קרעכץ געטאָן און אנטשוויגען געוואָרען. דערנאָך ווידער א טויטע שטילקייט, ביי א מינוט אָדער צוויי. ער איז געזעסען אויף די קניה ביים קעסטעל און געוואַרט מיט אן איינגעהאַלטענעם אָטעם. נאָר מיט אמאָל איז ער אויפגעשפּרונגען, א חאַפּ געטאָן די האַק און איז ארויסגעלאָפען פון שלאָפצימער.

אין מיטען צימער איז געשטאַנען ליזאַוועטא מיט א גרויסען פּאַק אין די הענט האָט שטאַר געקוקט אויף די דער'הרג'עטע שוועסטער, ווייס ווי א טוך און אזוי ווי ניט האָבענדיג קיין כח א געשריי

צו טאן. דערזעהן איהם, ווי ער איז ארויסגעלאפען, האט זי גענומען ציטערן ווי א בלאט, דאס גאנצע געזיכט איהרס האט זיך קראמפהאפט פארקרימט; זי האט אויפגעהויבען די האנט, האט געוועהן פונאנדערגעעפענט דאס מויל, דאך האט זי קיין געשריי ניט ארויסגעלאזט און האט זיך לאנגזאם פון איהם גענומען אפרוקען אויף הינטערווייליכם אין א ווינקעל, קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען אריין, אבער געשריען האט זי נאך אלץ ניט, גלייך ווי איהר וואלט פעהלען אטעם אויף א געשריי. און אויף אזוי פיעל איז די דאזיגע אומגליקליכע ליזאוועטא געווען פון שטענדיג תמ'עוואטע, דערשלאגען און אנגעשראקען, אז אפילו די האנט האט זי ניט אויפגעהויבען צו פארשטעלען זיך דאס פנים, כאטש דאס איז געווען די נאטירליכסטע באוועגונג, וואס זי האט אין דעם מאמענט געמוזט מאכען. ווייל די האק האט זיך אויפגעהויבען פונקט איהר איבער'ן פנים. זי האט נאר קוים־קוים עטוואס אויפגעהויבען איהר פרייע לינקע האנט, ווייט נאך צום פנים צו, און האט זי לאנגזאם אויסגעשטרעקט איהם אנטקעגען, גלייך ווי זי וואלט איהם ווען אפטרייבען. דער קלאפ האט איהר געטראפען פונקט איבער'ן שארבען, מיט דער שארפער זייט, און האט מיט איינמאל צוהאקט דעם גאנצען אויבערשטען טייל פון שטערן, כמעט ביז צו דער פאטיליצע. זי האט גלייך א פאל געטאן, ווי א שטיק האלץ. ראסקאלניקאוו האט זיך צוטומעלט איינגאנצען, געכאפט איהר פאק, איהם ווידער א שליידער געטאן און איז ארויסגעלאפען אין פארהויז ארויס.

א שרעק האט איהם דורכגענומען אלץ שטארקער און שטארקער, איבערהויפט נאך דעם דאזיגען צווייטען, גאר אומגעריכטען מארד. איהם האט זיך געוואלט וואס שנעלער אנטלויפען פון דאנען. און ווען ער וואלט אין יענעם מאמענט זיין אימשטאנד איבערלעגען זיך און באטראכטען זיך, ווען ער וואלט נאר געקענט בארעכענען די אלע שוועריגקייטען פון זיין לאגע, די גאנצע פארצווייפלונג, די גאנצע געמאוסקייט און אונזיניגקייט פון איהר, ווען ער וואלט דערביי געקענט פארשטעהן, כדי זיך פון דאנען ארויסצורייסען און קומען אהיים, קען זעהר זיין, אז ער וואלט אלץ געלאזט און וואלט גלייך אוועק זיך אליין מודה זיין, און ניט אפילו אויס מורא פאר זיין אייגענעם גורל, נאר בלויז אויס גרויל און עקעל צו דעם, וואס ער האט אפגעטאן. אי־

בערהויפט האט זיך אין איהם אויפגעהויבען און געוואקסען מיט יעדער רגע דאס געפיהל פון עקעל. פאר קיין זאך אין דער וועלט וואלט ער איצט ניט צוגעגאנגען צום קעסטעל און אפילו אין צימער אריין.

נאר עפעס א מין צוטראגענקייט, זאגאר א מין פארטראכטקייט האט איהם ביסלעכווייז גענומען באהערשען: צייטענווייז האט ער זיך אזוי ווי פארגעסען אדער, בעסער געזאגט, ער האט פארגעסען דעם עיקר און האט זיך צובינדען צו קלייניגקייטען. דאך, אז ער האט אריינגעקוקט אין קיך אריין און דערזעהן אויף דער באנק א האלבען עמער וואסער, האט ער זיך דערמאהנט אויסצוואשען די הענט און האק. די הענט זיינען געווען פארשמוצט אין בלוט און האבען זיך געקלעפט. די האק האט ער גלייך אראפגעלאזט מיט דער שארפער זייט אין וואסער אריין, האט געכאפט אויפ'ן פענסטער פון א צושפאלטענעם טעלערל א שטיקעל זייף און האט גענומען אפוואשען זיך די הענט טאקע אין עמער גופא. אפגעוואשען ד יהענט, האט ער ארויסגעשלעפט די האק, אויסגעוואשען דאס אייזען, און האט ביי א דריי מינוטען לאנג געוואשען דאס האלץ, וואו ס'איז געווען פארטריקענט בלוט. וועלכעס ער האט געפרובט מיט זייף אפילו אפרייבען. דערנאך האט ער עס אלץ אפגעווישט מיט א העמד, וואס האט זיך געטריקענט אויף א שטריק, איבערגעצויגען איבער דער קיך, און נאכדעם האט ער לאנג און אויפמערקזאם באטראכט די האק ביים פענסטער. קיין בלוט-פלעקען איז ניט געבליבען, נאר דער שטיל איז נאך געווען נאס. געלאסען האט ער אריינגעלעגט די האק אין שלייף אונטער'ן מאנטעל. דערנאך האט ער באקוקט דעם מאנטעל, די הויזען און די שיך, אויף וויפיעל דאס איז מעגליך געווען ביים שיין אין דער פינסטערער קיך. פון אויסען איז פון דעם ערשטען קוק אזוי ווי גארנישט געווען קענטיג, נאר אויף די שיך זיינען געווען פלעקען. ער האט איינגענעצט א טוך און אפגעווישט די שיך. אייגענטליך האט ער געוואוסט, אז ער קוקט זיך ניט גוט צו, אז ס'איז אפשר נאך עפעס געבליבען, וואס קען זיך ווארפען אין די אויגען, און וואס ער באמערקט ניט. פארטראכט איז ער געבליבען שטעהן אין מיטען צימער. א פיינליכער, פינסטערער געדאנק האט זיך אין איהם אויפגעהויבען, — א געדאנק, אז ער געהט אראפ פון זינען און אז אין דער ווילע איז ער

ניט אימשטאנד צו אפגעבען זיך א רעכענונג, ניט אימשטאנד צו פאר־טיידיגען זיך, אז מען דארף אפשר גארניט טאן דאס, וואס ער טוט איצט... „גאט מיינער! מען דארף אנטלויפען, אנטלויפען!“ האט ער ארויסגעשטאמעלט און זיך א לאז געטאן אין פארהויז אריין. נאר דא האט אויף איהם געווארט אזא אימה, אז ער האט נאך געוויס קיינ־מאל אויף זיין לעבען אזעלכעס ניט איבערגעלעבט.

ער איז געשטאנען, געקוקט און ניט געגלויבט זיינע אויגען: די טהיר, די דרויסענדיגע טהיר פון פארהויז צו די טרעפ ארויס, דיזעל־בע טהיר, אין וועלכער ער האט פריהער געקלונגען און דורך וועל־כער ער איז אריין, איז געווען אפען, אויף אזוי פיעל אפען, אז מען האט געקענט די גאנצע האנט אהין אריינשפארען: ניט פארשלאסען, ניט פארריגעלט, די גאנצע צייט אזוי, די גאנצע צייט! די אלטע האט זי ניט פארמאכט נאך איהם אפשר אויס פארזיכטיגקייט. אבער גאט מיינער! ער האט דאך דערנאך געזעהן ליזאוועטא'ן! און ווי האט ער דאס ניט געקענט כאפען זיך, און האט דאך געדארפט פון ערגעץ אריינגעהן. ניט דורך דער וואנט איז זי דאך אריין!

ער האט זיך א ווארף געטאן צו דער טהיר און האט זי פארריי־געלט.

— אבער ניין, ניט דאס, ווידער ניט דאס! ער דארף געהן, געהן...

ער האט אפגעריגעלט, געעפענט די טהיר און זיך גענומען צוהע־רען צו די טרעפ אראפ.

לאנג האט ער זיך צוגעהערט. ערגעץ־וואו אין דער ווייטענס, אונטען, אפנים אין הויף, האבען צוויי שטימען געשריען, געקריגט זיך, געזידעלט זיך הויך אויפ'ן קול און מיט א קוויטש. „וואס איז דאס אזוינס?“... ער האט גערולדיג געווארט. ענדליך איז מיט אמאל שטיל געווארען, גלייך ווי אפגעהאקט: מ'איז זיך צוגאנגען. ער האט שוין געוואלט ארויסגעהן, נאר פלוצלונג האט זיך מיט א שטאק ניי־דעריגער האסטיג א טהיר אויפגעפראלט אויף די טרעפ ארויס און עמיצער האט גענומען אראפגעהן פון די טרעפ, אונטערברומענדיג עפעס א ניגון. „ווי זיי טומלען דאס אביסעל!“ האט זיך איהם אין קאפ דורכגעטראגען. ער האט ווידער פארמאכט די טהיר און איבער־געווארט. ענדליך איז אלץ שטיל געווארען, א נפש ניט. ער האט

שוין געמאַכט אַ טריט אויף די טרעפּ אַרויס, נאָר פּלוצלונג האָבען זיך ווידער גלעזלט הערען עמיצענס נייע טריט.

די דאָזיגע טריט האָבען זיך געטראָגען פון זעהר ווייט, נאָך גאָר אונטען אויף די טרעפּ. ער האָט אָבער זעהר גוט און דייטליך געדענקט, אַז פון דעם ערשטען קלאַנג אַן האָט ער דאַמאָלס עפּעס גלייך גענומען חושד זיין, אַז דאָס געהט מען אַהן אַ ספק אַ ה ע ר. אויף'ן פיערטען שטאָק אַרויף, צו דער אַלטער. פאַרוואָס? זיינען דען די קלאַנגען געווען באַזונדערע, אונגעוועהנליכע? די טריט זיינען געווען שווערע, גלייכע, ניט־געאיילטע. אָט איז ע ר שוין דורכגעגאַנגען דעם ערשטען שטאָק, אָט האָט ער זיך אויפגעהויבען נאָך העכער; די טריט קלינגען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער! עס האָט זיך דערהערט אַ שווער אָפּעטעמען פון דעם אַרויפגעקומענעם. אָט האַלט ער שוין ביים דריטען שטאָק. אָהער! און פּלוצלונג האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז ער איז גלייך ווי פאַרשטיינערט געוואָרען, אַז ער איז גלייך ווי אין אַ חלום, ווען עס חלומ'ט זיך, אַז מען יאָגט, מען איז שוין נאָהענט, מען וויל הרג'ענען, און אַליין איז ער גלייך ווי צום אָרט צוגעוואַקסען און קען מיט די הענט ניט אַ ריהר טאָן.

און ענדליך, ווען דער גאַסט האָט זיך גענומען אויפהויבען אויפ'ן פיערטען שטאָק, דאַן ערשט האָט ער זיך פּלוצלונג אַ צאַפּל געטאָן און האָט פאַרט באַוויזען שנעל און געשיקט דורכצו'גנב'ענען זיך צוריק פון פאָרהויז אין וואוינונג אַריין און צומאַכען הינטער זיך די טהיר. דערנאָך האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם פאַררוקער און האָט שטיל, קוים מיט'ן אויער צו כאַפּען, פאַרריגעלט די טהיר. דער אינסטינקט האָט צוגעהאָלפען. פאַרטיג געוואָרען דערמיט, האָט ער זיך באַהאַלטען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אונטער'ן טהיר. דער אומבאַקאַנטער גאַסט איז שוין אויך געווען ביי דער טהיר. זיי זיינען איצט געשטאַנען איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן, פּונקט ווי פריהער ער מיט דער אַלטער, בעת די טהיר האָט זיי פונאַנדערגעטיילט און ער האָט זיך צוגעהערט.

דער גאַסט האָט איניגע מאָל שווער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. „ווייזט אויס, אַ דיקער און אַ גרויסער", — האָט ראַסקאָלניקאָוו אַ טראַכט געטאָן, פאַרקוועטשענדיג די האַק אין דער האַנט. עס איז טאַקע געווען פּונקט ווי אין אַ חלום. דער גאַסט האָט זיך אַ נעהם גע־

טאָן פאַר׳ן גלעקעל און האָט אַ שטאַרקען ציה געטאָן.

ווי נאָר עס האָט אָפּגעקלונגען דער בלעכענער קלאַנג פון דעם גלעקעל, האָט זיך איהם עפּעס אַזוי ווי אויסגעוויזען, אַז אין צימער האָט זיך עמיצער אַ ריהר געטאָן. אַ קליינע ווײַלע האָט ער אפילו גענומען ערנסט זיך צו צוהערען. דער אונבאַקאַנטער האָט אָנגעקלונגען נאָכאַמאָל, אָפּגעוואַרט אַ ביסעל, און פּלוצלונג האָט ער אונגעדולדיג גענומען רייסען מיט׳ן גאַנצען כח די קליאַמקע פון דער טהיר. מיט אימה האָט ראַסקאָלניקאָוו געקוקט אויף דעם פאַררוקער. וואָס איז געשפּרונגען אין די אייזענדלעך, און מיט אַ תמ׳עוואַטער שרעק האָט ער געוואַרט, אַז אָט־אָט באַלד שפּרינגט דער פאַררוקער אַרויס. און דאָס איז ווירקליך געווען צו ערוואַרטען: אַזוי שטאַרק האָט מען גערייסען פאַר׳ן גלעקעל. איהם איז איינגעפאַלען צוצוהאַלטען דעם פאַררוקער מיט דער האַנט. האָט אָבער י ע נ ע ר זיך געקענט כאַפּען. דער קאָפּ האָט איהם ווידער אַזוי ווי אָנגעהויבען שווינדלען. „אָט פאַל איך!“ — האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק, נאָר דער אונבאַקאַנטער האָט גענומען ריידען, און ער איז געקומען צו זיך.

— וואָס טוכניען זיי דאָרטען אַזוי, אָדער עמיצער האָט זיי צוגעשטיקט, צי וואָס? אַ, דער רוח זאָל זיי נעהמען! — האָט ער אַרויסגעברומט ווי פון אַ פאַס. — היי, אַלענאַ איוואַנאָוונאַ, דו אַלטע מכשפה! היי, ליזאַוועטאַ איוואַנאָוונאַ, דו בילד־שענהייט! עפענט! אַ, דער רוח זאָל זיי נעהמען, זיי פּאַפּען דאָס אַזוי, צי וואָס?

און האָט ווידער מיט אַ מין רציחה אַ מאָל צעהן אַ ריס געטאָן מיט׳ן גאַנצען כח דאָס גלעקעל. דאָס איז שוין געווים געווען אַן אָפּטער איינגעהער אין שטוב, וואָס האָט דאָ געהאַט אַ גרויסע דעה.

אין דעמזעלבען אויגענבליק האָבען זיך פּלוצלונג געלאָזט הערען ניט־ווייט אויף די טרעפּ קליינע געאײַלטע טריט. ס׳איז צוגעקומען נאָך עמיצער. ראַסקאָלניקאָוו האָט לכתחלה אפילו גאָרניט דערהערט

— איז דען קיינער נישטאָ? — האָט דער פריש־אָנגעקומענער הילכיג און לוסטיג אויסגעשריען, זיך ווענדענדיג גלייך צו דעם ערשטען באַזוכער, וואָס האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו רייסען פאַר׳ן גלעקעל.

— אַ, שלום עליכם, קאָך!

„נאָך דער שטים נאָך איז צו דערקענען, אַז ער איז נאָך אַפּנים

גאָר א יונגער מאַן", איז ארסקאָלניקאָוו'ן פּלוצלונג איינגעפאַלען.

— דער רוח ווייסט זיי, שיער דאָס שלאָס ניט צובראָכען, — האָט קאָך געענטפערט. — פון וואַנען קענט איהר דאָס מיך?

— א שעהנע מעשה, כ'לעבען! און אייערנעכטען אין גאַמברינוס האָט ווער ביי אייך אויסגעשפּיעלט דריי פּאַרטיעס ביליאַרד נאָכאַנאַנד?

— א—א—א...

— זיינען זיי, הייסט עס, נישטאָ אין דער היים? א מאָדנע זאַך. גאָר משונה־ווילד, וואוהין האָט דאָס די אַלטע געקענט אוועקגעהן? איך האָב צו איהר א געשעפט.

— איך האָב אויך צו איהר א געשעפט.

— אלזאָ וואָס טוט מען? געהן צוריק? ע—עך! איך האָב געדעכענט קריגען א ביסעל געלט! — האָט דער יונגער מאַן אויפגעשריען.

— מען מוז געהן צוריק, אָבער וואָס הייסט זי קומען? וואָס אַן אַלטע מכשפה קען, האָט דאָך מיר אַליין באַשטימט א שעה. איך דאַרף דאָך אַנלעגען א שטיק וועג. און איך פאַרשטעה גאָרניט, וואוהין האָט איהר דאָס דער שווארציאָהר אוועקגעטראָגען? א קיילעכדיג יאָהר האַלט זי אין איין זיצען, די אַלטע מכשפה, געהט פון שטוב ניט אַרויס, די פיס טוען איהר וועה, און דאָ האָט זיך איהר פּלוצלונג שפּאַצירען גאָר פאַרגלוסט!

— אפשר א פרעג טאָן ביים סטרוזש?

— וואָס?

— וואוהין זי איז אוועק און ווען וועט זי קומען?

— הם!... צו אַלדי טייוועל... א פרעג טאָן... זי געהט דאָך אָבער פון שטוב ניט אַרויס... און ער האָט נאָכאַמאָל א ריס געטאָן די קליאַמקע פון דער טהיר.

— צו אַלדי טייוועל, מען מוז געהן, א ברירה האָבען מיר.

— וואַרט נאָר! — האָט פּלוצלונג דער יונגער מאַן אויסגעשריען, — גיט א קוק: איהר זעהט, ווי די טהיר שטעהט אָפּ, אז מען רייסט?

— איז וואָס?

— הייסט עס, אז זי איז ניט פאַרשלאָסען, נאָר פאַררינעלט, מיט

א פאררוקער! איהר הערט ווי דער פאררוקער קלאפט זיך אן טהיר?
— נו, איז וואס?
— וו יפארשטעהט איהר דאס ניט? הייסט עס. עמיצער איז יא דא אין שטוב. ווען זיי וואלטען געווען אוועקגעגאנגען, וואלטען זיי דאך די טהיר פארשלאסען פון דרויסען מיט א שליסעל, ניט פאר־ריגעלט מיט א פאררוקער פון אינוועניג. און דא, — איהר הערט, ווי דער פאררוקער קלאפט אן טהיר? און כדי צו פארשפארען זיך פון אינוועניג מיט א פאררוקער, מוז מען זיין אינוועניג, איהר פאר־שטעהט? אלזא, הייסט עס, אז זיי זיינען יא דא אין דער היים, נאר זיי עפענען ניט!
— כ'לעבען, איהר זענט גערעכט! — האט קאך פארוואונ־דערט אויסגעשריען. — היינט וואס איז דארט מיט זיי פאר א צרה?...
און ער האט מיט רציחה גנעומען רייסען די טהיר.
— ווארט נאר! — האט דער יונגער מאן ווידער אויסגע־שריען, — ניט רייסט! דא איז עפעס ניט קיין גלאטע מעשה... איהר האט דאך געקלונגען, געריסען די טהיר און מען עפענט אלץ ניט; הייסט עס. האבען זיי אדער גע'חלש'ט, אדער...
— אדער וואס?
— אט וואס איך וועל אייך זאגען! קומט אראפ צום סטרוזש; זאל ער זיי אליין אויפוועקען
— א גלייכע זאך!
זיי האבען זיך געלאזט פון די טרעפ אראפ.
—ווארט נאר! איהר בלייבט מאקע דא. און איך וועל אראפ־לויפען אונטען נאכ'ן סטרוזש.
— וואס עפעס בלייבען?
— מאלע וואס עס מאכט זיך!
— נו, זאל זיין אזוי...
— איך גרייט זיך דאך עפעס פאר א „סודעבנעם סליעדאוואַ־טעל"! ס'איז קלאר, ווי דער טאג, קלאר — ווי — דער — טאג, אז דא איז ניט קיין גלאטע מעשה! — האט זיך דער יונגער מאן צו־קאכט און זיך געלאזט לויפען אראפ פון די טרעפ.
קאך איז געבליבען, האט נאכאמאל עטוואס א ציה געטאן דאס

גלעקעל, און ס'האט זיך דערהערט א שוואכער קלונג: דערנאך האט ער שטיל, מיט א מין איבערלעגונג און ישוב־הדעת, גענומען רוקען די קליאמקע פון טהיר, שלעפען זי צו זיך און אפלאזען: ער האט זיך געוואלט איבערצייגען, צי זי איז ניט מעהר ווי פארריגעלט אויפ'ן פאררוקער. דערנאך האט ער זיך איינגעבויגען, שווער אטעמענ־דיג, ווי א לאקאמאטיוו, און גענומען קוקען אין דאס שלאס־לעכעל: נאר דארט האט פון אינווענינ געשטעקט דער שליסעל, דערפאר האט מען גארנישט געקענט געזעהן.

ראסקאלניקאוו איז געשטאנען, די האק פארקוועטשט אין דער האנט. ער איז געווען אזוי ווי ניט ביים זינען און האט זיך גרייט געמאכט מיט זיי זיך אפילו צו שלאגען, ווען זיי וועלען אריין. בשעת זיי האבען געקלאפט אין טהיר און גערעדט צווישען זיך, איז איהם איינינע מאל פלוצלונג איינגעפאלען א געדאנק מאכען א סוף איינ־מאל פאר אלעמאל און א געשריי טאן צו זיי פון הינטער דער טהיר. מינוטענווייז האט זיך איהם געגלוסט זיך נעהמען זידלען מיט זיי, רייצען זיך מיט זיי, כל זמן זיי האבען ניט אויפגעעפנעט! „וואלט שוין דאס א סוף גענומען". האט איהם דורכגעבליצט אין מוח.

— צו אלדי טייוועל, ווי ער זאמט זיך דאס...

די צייט איז געגאנגען, א מינוט, די אנדערע, — קיינער איז ניט געקומען. קאך איז געווארען אומרוהיג.

— צו אלדי טייוועל!... — האט ער פלוצלונג אויסגעשריען, האט אונגעדולדיג פארלאזען זיין פאסט און איז אויך אראפ אונטען, מיט שנעלע טריט, קלאפענדיג מיט די שיך איבער די טרעפ. די טריט זיינען שטיל געווארען.

— גאט מיינער, וואס טוט מען?

ראסקאלניקאוו האט אראפגענומען דעם פאררוקער, האט עט־וואס אויפגעמאכט די טהיר, — מען הערט א פיפס ניט, און פלוצ־לונג, שוין גארניט געטראכט אפילו, איז ער ארויס, האט וואס פעס־טער צוגעמאכט הינטער זיך די טהיר און איז אראפ אונטען.

ער איז שוין אראפ דריי רייהען טרעפ, נאר פלוצלונג האט זיך געלאזט הערען א שטארקער רעש רעש אונטען, — וואו טוט מען זיך אהין! ס'איז ניט געווען וואו צו באהאלטען זיך. ער האט זיך ווידער געלאזט לופיען צוריק אין דער וואוינונג.

— היי, א רוח אין דיין טאַטענס טאַטען אריין! האלט!

מיט א געשריי האָט זיך איינער ארויסגעריסען אונטען פון ערגעץ א וואוינונג ארוים און האָט זיך עפּעס מאָדנע געלאָזט לויפען. גלייך ווי ער וואָלט א פאל טאָן אראָפּ פון די טרעפּ, זיך רייסענדיג אויף אלע כחות:

— מיטקא! מיטקא! מיטקא! מיטקאַ! מיטקא! א, דער רוח זאל דיך נעה—עהמע—ען!

דאָס געשריי האָט זיך אויסגעלאָזט מיט א קוויטש: די לעצטע קלאַנגען האָבען שוין אָפּגעקלונגען אויפ'ן הויף: ס'איז ווידער שטיל געוואָרען. נאָר אין דעמזעלבען אויגענבליק האָבען זיך אויף די טרעפּ באוויזען עטליכע מענשען מיט א געפילדער, ריידענדיג אָפט און הויך אויפ'ן קול. ער האָט דערקענט די הילכיגע שטימע פון דעם יונגענמאַן. „זיי!"

אויסער זיך פאר פארצווייפלונג איז ער זיי אוועק גלייך אנטקעגען: עס מעג זיין וואָס עס וויל! וועט מען אָפּשטעלען — איז אלץ פארפאלען, וועט מען דורכלאָזען — איז אויך אלץ פארפאלען: זיי וועלען איהם דערקענען. זיי זיינען שוין כמעט אָנגעגנאַגען איינע אויף די אַנדערע, צווישען זיי איז געבליבען נאָר איין רייה טרעפּ. — פּלוצלונג, אַ, וואָס פאר א גליק! אין איינינגע טרעפּ ווייט פון איהם, צו דער רעכטער האנט, א ליידיגע דירה מיט ברייט-געעפענטע טהירען, דיזעלבע דירה אויפ'ן צווייטען שטאָק, וואו די ארבייטער האָבען פריהער געארבייט, און איצט זיינען זיי גראד, אויף זיין מזל, אוועק. דאָס זיינען זיי עס מסתמא נאָר-וואָס ארויסגעלאָפען מיט אזא געפילדער. די פּאָדלאָגעס פריש אָפּגעמאָלט, אין מיטען צימער שטעהט אן עמער און א שערבעל מיט פארב און מיט א פּענזעל. אין איין אויגענבליק האָט ער זיך דורכגעגנב'עט אין דער אויפגעמאכטער טהיר און האָט זיך באהאלטען הינטער דער וואנד, — און צו דער רעכטער צייט טאקע: זיי זיינען שוין געשטאַנען פּונקט אנטקעגען אויף די טרעפּ. דערנאָך האָבען זיי זיך פארנומען ארויף צו, זיינען פארביי־געגאנגען אויפ'ן פערטען שטאָק, ריידענדיג הויך אויפ'ן קול. ער האָט אָפּגעווארט, ביז זיי זיינען אוועק, איז ארוים אויף די שפּיץ פינגער און האָט זיך געלאָזט לויפען אראָפּ.

נישטאָ קיינער אויף די טרעפּ! אין בראָם אויך ניט! שנעל

האָט ער זיך ארויסגעמאכט דורכ'ן טויער און האָט זיך פארנומען אויף דער גאַס לינקס.

ער האָט זעהר גוט געוואוסט, ער האָט אויסגעצייכענט גוט גע־וואוסט, אז אין דעם אויגענבליק זיינען זיי שוין אין דער וואוינונג, אז זיי זיינען שטארק פאר'חדוש'ט געווארען, טרעפענדיג זי אָפען, אין דער צייט, ווען זיי האָבען זי מיט א ווייַלע פריהער איבערגע־לאָזט פארמאכט, אז זיי קוקען שוין אויף די טויטע קערפערס, און ס'וועט נאָך קיין מינוט ניט אריבער, ווי זיי וועלען זיך כאַפּען און גלייך פארשטעהן, אז דאָ איז ערשט געווען דער מערדער און האָט שוין באוויזען ערגעץ צו באהאַלטען זיך, דורכ'גנב'ענען זיך פארביי זיי, אנטלויפען; וועלען אודאי פארשטעהן אפילו, אז ער איז געזע־סען אין דער ליידיגער דירה, ביז וואנען זיי זיינען ארויפגעגאנגען אויבען. און דערווייַלע האָט ער נאָך פאר קיין אופן ניט געטאָרט מאכען שנעלערע טריט, כאָטש ביז דעם ערשטען ראָג איז געבליבען ביי א הונדערט טריט. „סיידען זיך אריינכאַפּען ערגעץ אין א טויער און איבערוואַרטען אויף אן אונבאקאנטער גאַס? ניין, עס טויג ניט! אן אומגליק! אפשר גאָר פארשליידערן ערגעץ די האַק? אפשר גאָר נעהמען א דראָזשקע? אן אומגליק! אן אומגליק!

נאָר אָט איז שוין א געסעל; ער האָט זיך פארקערעוועט אהין נישט־טויט נישט־לעבעדיג; דאָ איז ער שוין געווען האַלב־זיכער און ער האָט עס פארשטאַנען: ווייניגער חשד, אויסערדעם האָט זיך דאָ ארומגעדרעהט א גרויסער עולם מענשען און ער האָט זיך צווישען זיי פארלאָרען ווי א טראָפּען אין ים. נאָר די אַלע צרות האָבען איהם אזוי אָפּגעשוואכט, אז ער האָט קוים געפלאָנטעט מיט די פיס. דער שווייס האָט איהם גערונען טראָפּענווייז; דער האַלז איז געווען אינ־גאנצען נאַס. „וואָס ער האָט דאָס אביסעל אריינגעגאסען!" האָט איהם איינער נאָכגעשריען, אז ער איז ארויסגעקומען צו א רינשטאָק צו.

ער האָט איצט שוואך פארשטאַנען, וואָס מיט איהם טוט זיך; וואָס ווייטער איז איהם געווארען אַלץ ערגער. דאָך האָט ער געדענקט, ווי ער האָט זיך פּלוצלונג דערשראָקען, בעת ער איז ארויסגעקומע־צום רינשטאָק צו: דאָ איז געווען א קליינער עולם און מען האָט זיך מעהר געוואָרפען אין די אויגען. ער האָט שוין געוועזט געוואָלט

זיך צוריקקעהרען ווידער אין געסעל אריין. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער איז שיער פון די פיס ניט געפאלען, האט ער דאך אנגעלעגט א שטיק וועג און איז געקומען אהיים גאר פון אן אנדער זייט.

ניט פאלקאם ביים זינען איז ער אריינגעקומען אין טויער פון זיין וואוינונג, ווייל ערשט אויף די טרעפ האט ער זיך דערמאהנט אן דער האק. און ס'איז איהם פארגעשטאנען זעהר א שווערע אויפ־גאבע: זי אוועקלעגען צוריק אויפ'ן ארט און אזוי, אז מען זאל עס ניט דערזעהן. געוויס איז ער שוין ניט געווען אימשטאנד צו באַ־רעכענען, אז ס'וואלט אפשר געווען א סך גלייכער גארנישט אוועק־לעגען די האק אויפ'ן זעלביגען ארט, בעסער פארשליידערן זי ערגעץ, כאטש שפעטער א ווייל, ערגעץ אויף א פרעמדען הויף.

נאר אלץ איז אראפ בשלום. די טהיר צום סטרוזש אין וואוינונג אריין איז געווען צוגעמאכט, אבער ניט פארשלאסען, הייסט עס, ס'איז זעהר מעגליך, אז דער סטרוזש איז אין דער היים. ער האט שוין אויף אזוי ווייט פארלארען די פעהיגקייט צו באטראכטען עפעס, אז ער איז גלייך צוגעגאנגען צו דער טהיר און האט זי געעפענט. ווען דער סטרוזש וואלט איהם א פרעג געגעבען: „וואס דארפט איהר?“ קען זיין, אז ער וואלט איהם גלייך אהן קונצען דערלאנגט די האק. נאר דער סטרוזש איז דאסמאל אויך ניט געווען, און ער האט באַ־וויזען אוועקצולעגען די האק אויף דעמזעלבען ארט אונטער דער באנק, אפילו מיט א שייט האלץ פארדעקט, ווי געווען. קיינעם ניט, א נפש ניט, האט ער ניט באגעגענט ביז צו זיין צימער. די טהיר צו דער בעל־הבית'טע אזוי געווען פארמאכט. אריינגעקומען צו זיך, האט ער זיך גלייך אווארף געטאן אויפ'ן דיוואן. ער איז ניט גע־שלאפען, נאר געלעגען ווי אהן זינען. ווען עמיצער וואלט אריין צו איהם אין צימער, וואלט ער גלייך אויפגעשפרונגען און אויפגעהויבען א געשריי. שטיקלעך און ברעקלעך פון עפעס געדאנקען האבען גע־שוויבעלט און געגריבעלט ביי איהם אין קאפ: נאר קיין איינעם פון זיי האט ער ניט געקענט באגרייפען. אויף קיין איינעם האט ער זיך ניט געקענט אפשטעלען. ווי שטארק ער האט זיך ניט אנגעשטרענגט דאס צו טאן.

(ענדע ערשטער טייל)

צווייטע אפטיילונג.

ערשטעס קאפיטעל.

אזוי איז ער אפגעלעגען זעהר לאנג. עס האט זיך געטראפען, אז ער האט זיך עפעס אזוי ווי אויפגעכאפט און דאן האט ער באמערקט, אז ס'איז שוין לאנג נאכט נאר אויפשטעהן איז איהם אפילו אויפ'ן זינען ניט ארויפגעקומען. ענדליך, האט ער דערזעהן, אז עס איז שוין טאג. ער איז געלעגען אויפ'ן דיוואן, מיט'ן פנים אראפ, נאך אלץ פארגליווערט ווי א האלץ פון דער פריהערדיגער אפגע'חלש'טקייט. פון דער גאס האבען זיך צו איהם פארטראגען שרעקליכע, פארצוויי־פעלטע געוואלדען, וועלכע ער פלעגט איבריגענס אויסהערען יעדע נאכט אונטער זיין פענסטער צווישען צוויי און דריי דעם זייגער. דאס האט איהם טאקע אויך איצט אויפגעוועקט: „א! דאס געהען שוין די שכורים פון די שיינקען ארויס“. — האט ער א טראכט געטאן. — „שוין די דריטע שעה“ — און איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען, גלייך ווי עמיצער וואלט איהם פון דיוואן א ריס געטאן. — „סטייטש! שוין די דריטע שעה!“ ער האט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן דיוואן, — און דא האט ער זיך אן אלץ דערמאהנט! פלוצלונג, אין איין אויגענבליק זיך אן אלץ דערמאהנט!

אין דער ערשטער ווייל האט ער געמיינט, אז ער וועט משוגע ווערען. א שוידערליכע קעלט האט איהם דורכגענומען: נאר די קעלט איז אויך געווען פון דעם פיבער, וואס האט זיך מיט איהם אנגעהויבען נאך אין שלאף. איצט אבער האט איהם פלוצלונג באשלאגען אזא פראסטיגער שוידער, אז די צייהן זיינען איהם שיער פון מויל ניט ארויסגעשפרונגען, און ס'האבען איהם גענומעןווארפען אלע גליעדער. ער האט אויפגעמאכט די טהיר און זיך גענומען צוהערען: אין שטוב איז אלץ געווען פארזונקען אין א שלאף. פארוואונדערט האט ער זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטען און אויף זיך און האט ניט פארשטאנען: ווי האט ער עס נעכטען געקענט לאזען די טהיר ניט־

פארקייטעלט און זיך א ווארף טאן אויפ׳ן דיוואן אין די זאכען, דעם הוט אפילו ניט אויסגעטאן: ער האט זיך אראפגעקייקעלט פון קאפ און איז געלעגען אויף דער ערד, ניט ווייט פון דעם קישעלע. —
„ווען עמיצער וואלט אריינקומען, וואס וואלט ער געמיינט? אז איך בין שכור, אבער...“ ער האט זיך א לאז געטאן צום פענסטער. ס׳איז שוין געווען גענוג ליכטיג, און ער האט גענומען אויף־דער־גיך זיך באַטראכטען איינגאנצען, פון קאפ ביז די פיס, אלע זיינע זאכען: צי זיינען אמאל קיין סימנים ניט געבליבען? נאר אויף זיך איז עס געווען אונמעגליך: ציטערנדיג פאר קעלט, האט ער פון זיך אלץ גענומען אויסטאן און ווידער עס באטראכט. ער האט איבערגעקעהרט אלץ, ביז איטליכם פעדימעל, ביז איטליכם ברעקעלע, און ניט גלויבענדיג זיך אליין, האט ער איבערגע׳חזר׳ט די רעוויזיע דריי מאל. נאר ס׳איז, דאכט זיך, גארנישט געווען קענטיג, קיינע סימנים: נאר אונטען אויף די הויזען, וואו זיי האבען זיך צוהאקט און געווען אויסגעפרענזעלט, זיינען געבליבען געדיכטע פלעקען פארטריקענט בלוט. ער האט געכאפט א צונויפגעלעגט גרויס מעסערל און אפגעשניטען די פרענזלעך. מעהר איז, דאכט זיך, גארנישט געווען. פלוצלונג האט ער זיך דערמאהנט, אז דער בייטעל און די זאכען, וואס ער האט ארויסגענומען ביי דער אלטער פון קעסטעל, ליגען נאך אלע ביז איצט ביי איהם אין די קעשענעס. ער האט זיך אן זיי נים דערמאהנט אפילו איצט, ווען ער האט ארומגעקוקט די קליידער! — וואס איז דאס אזוינס? — בליצשנעל האט ער זיך א ווארף געטאן זיי ארויסצונעהמען און ארויסשליידערן אויפ׳ן טיש. ארויסגענומען אלצדינג, די קעשענעס אפילו אויסגעקעהרט, צו איבערצייגען זיך, אז דארטען איז גארנישט געבליבען, האט ער זיי אוועקגעטראגען אין א ווינקעל. דארט אין רעכטען ווינקעל, אונטען, זיינען די פון וואנד־אפגעשטאַנענע טאַפעטען געווען אין איין ארט צוריסען: ניט לאנג געטראכט, האט ער זיי גענומען שפארען אהינצו אין לאך אריין, אונטער׳ן פאפיר: —
„ארייננגעגאנגען! פון אלץ פטור געווארען, פון בייטעל אויך!“ האט ער מיט פרייד געטראכט, זיך אויפשטעלענדיג און קוקענדיג תמ׳עוואטע צום ווינקעל, אין לאך אריין, פון וועלכער די טאפעטען זיינען נאך מעהר אפגעשטאנען. פלוצלונג איז ער א פארציטערטער געווארען פון שרעק: — „מיין גאט“, האט ער אין פארצווייפלונג גע־

שטאמעלט. — „וואס איז דאס מיט מיר? הייסט עס דען באהאלטען? צי דען אזוי באהאלט מען עס?“

אמת, פריהער האט ער ניט גערעכענט גאר, אז ס׳וועלען זיין זאכען: ער האט געמיינט, אז ס׳וועט זיין בלויז געלט. דעריבער האט ער ניט אנגעגרייט בייציייטענס קיין ארט, אויף צו באהאלטען. — „אבער איצטער, איצטער וואס איז מיט מיר אזוי די שמחה?“ האט ער געטראכט. — „צי דען אזוי באהאלט מען עס? איך בין שוין טאקע אויף אן אמת פון זינען אראפ!“ און אפגע׳חלש׳טער האט ער זיך געזעצט אויפ׳ן דיוואן. און ווידער האט איהם אנגעהויבען ווארפען אן אונערטרעגליכע שווידערליכע קעלט. מאשינאל האט ער גענומען זיין אלטען סטודענטישען ווארימען צופליקטען ווינטער־מאנטעל, וואס איז געלעגען אויף א שטוהל. האט זיך איינגעדעקט. און ווידער איז ער אריינגעפאלען אין שלאף און קאשמאר.

ס׳איז אבער אפילו קיין פינף מינוט ניט פאריבער, איז ער שוין ווידער אויפגעשפרונגען און תיכף משוגע׳נערוויז זיך ווידער א ווארף געטאן צו זיינע קליידער. — „ווי אזוי האב איך עס גאר געקענט אנטשלאפען ווערען. אין דער צייט ווען איך האב נאך גארנישט אויפגעטאן! געוויס. געוויס: די שלייף פון אונטער׳ן ארים הגב איך נאך ביז איצט ניט אראפגענומען! פארגעסען, וועגען אזא זאך פארגעסען! אזא באוויז געגען מיר!“ ער האט אראפגעריסען די שלייף און גענומען זי וואס גיכער צו רייסען אויף שטיקלעך און שפארען זיי אונטער׳ן קישען אין דאס וועש. — „שטיקלעך צוריסענע לייווענט וועלען באין אופן קיין חשד ניט ערוועקען: דאכט זיך אזוי, דאכט זיך אזוי!“ האט ער גע׳חזר׳ט, שטעהענדיג אין מיטען צימער, און ווידער גענומען מיט א שמערצליך־געשפאנטער אויפמערקזאמקייט אויסצוקוקען אלץ ארום, אויף דער פאדלאגע און אומעטום, צי האט ער אפשר נאך עפעס פארזעהן? אז איבערצייגונג, אז אלצדינג, אפילו דער זכרון, אפילו די איינפאכע בארעכענונג, פארלאזט איהם — האט איהם גענומען פייניגען ביז צום ניט אויסהאלטען. „וואס איז עס, צי דען הויבט זיך דאס שוין אן. צי דען קומט שוין דאס די שטראף? געוויס, געוויס, אט דארטען. דארטען!“ און ווירקליך האבען זיך די אפגעשניטענע ברעגען פון די הויזען געוואלגערט אויף דער פאדלאגע אין מיטען צימער, כדי איטליכער זאל זיי קענען דערזעהן! — „וואס

טוט זיך דאָס מיט מיר!" האָט ער ווידער אַ געשריי געטאָן ווי אַ צו־טומלטער.

דאָ איז איהם איינגעפאַלען אַ מאָדנער געדאַנק: אפשר זיינען אַלע זיינע קליידער אין בלוט, אפשר איז פאַרהאַן אַ סך פלעקען, נאָר ער זעהט זיי ניט, ער באַמערקט ניט, ווייל זיין אויפפאַסונגס־קראַפט איז שוואַך געוואָרען, צובראָקעלט... דער פאַרשטאַנד פאַרדונקלעט... פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז אויפ'ן בייטעל איז אויך געווען בלוט. — „באַ! אַלזאָ, הייסט עס, דאַרף אין קעשענע אויך זיין בלוט, ווייל איך האָב נאָך דאַן אַריינגערוקט אין קעשענע אַ נאַסען בייטעל!" געשווינד האָט ער אויסגעקעהרט די קעשענע און — כך הוה — אויפ'ן אונטערשלאַג פון דער קעשענע איז דאָ סימנים, פלעקען! „הייסט עס, דער פאַרשטאַנד האָט מיך נאָך ניט גאָר אינגאַנצען פאַרלאָזען, הייסט עס, ס'איז נאָך יאָ פאַרהאַן אויפפאַסונגס־קראַפט און זכרון. וויבאַלד איך האָב זיך אַליין געכאַפּט און פאַרשטאַנען!" האָט ער מיט נצחון אַ טראַכט געטאָן. טיעף און פריידיג אָפּעטעמענדיג מיט'ן גאַנצען אָטעם: — „ניט מעהר ווי אַ פיבער־האַפטע שוואַכקייט, אַ קאַשמאַר אויף איין ווייל"; און ער האָט אַרויס־געריסען דאָס גאַנצע אונטערשלאַג פון דער לינקער הויזען־קעשענע. אין דעמזעלבען אויגענבליק איז אַ זונען־שטראַהל געפאַלען אויף זיין לינקען שוך: אויף דער זאָק, וואָס האָט זיך אַרויסגעזעהן פון דעם שוך, זיינען עפּעס אַזוי ווי סימנים קענטיג! ער האָט זיך אויסגעטאָן. — „אודאי סימנים פאַרהאַן! די גאַנצע פינגער פון דער זאָק זיינען דורכגעזאָפּט מיט בלוט": ער האָט זיך אָפּנים ניט איינגעהיט און איז דאַמאָלס אַריינגעטראָטען אין דעם טייך בלוט... „וואָס טוט מען אָבער איצט דערמיט? וואו טוט מען אַהין די זאָק, די ברעגען הויזען, די קעשענע?"

ער האָט עס אַלצדינג פאַרדריקט אין די הענט און איז געשטאַ־נען אין מיטען צימער. — „אין אייוועלע? אָבער אין אייוועלע וועט מען נעהמען זוכען פריהער, ווי ערגעץ אַנדערש. פאַרברענען? מיט וואָס אָבער פאַרברענען? קיין שוועבעלעך אפילו נישטאָ. ניין, גלייכער ערגעץ אַרויסגעהן און דאָס אַלץ אַרויסוואַרפען. יאָ! די גלייכסטע זאַך איז אַרויסוואַרפען". האָט ער איבערגע'חזר'ט, זיך ווידער זעצענ־דיג אויפ'ן דיוואַן. — „און טאַקע גלייך די מינוט, ניט אָפּלייגען..."

אבער אנשטאָט דעם איז איהם דער קאָפּ ווידער געזונקען אויף דעם קישעלע: ווידער האָט איהם גענומען וואַרפען א פראָסטיגע קעלט: ווידער האָט ער אויף זיך ארויפגעשטעלט דעם שינעל. און לאַנג, זעהר לאַנג, עטליכע שעה נאָכאַנאַנד האָט זיך איהם ווייעלנווייז געדאַכט, אז „אט איצט דאַרף מען ניט אָפּלעגען מעהר, א געה טאָן ערגעץ און דאָס אַליץ ארויסוואַרפען, און פּטור ווערען דערפון, וואָס גיכער, וואָס גיכער!" עטליכע מאָל האָט ער זיך געהויבען פון דיוואַן, געוואָלט שוין אויפשטעהן, האָט שוין אבער ניט געקענט. א שטאַרק קלאַפּען אין טהיר אריין האָט איהם ענדליך אינגאַנצען אויפגעוועקט.

— עפען שוין, דו לעבסט צי געשטאָרבען? נאָר געטוכניעט, נאָר געטוכניעט! — האָט נאַסטאַסיא געשריען, קלאַפּענדיג מיט דער פויסט אין טהיר. — גאַנצענע טעג טוכניעט ער, אקוראַט ווי א הונד! און אליין טאַקע אויך א הונד. דו וועסט עפענען צי ניט? די עלפטע שעה.

— אפשר איז ער גאָר נישטאָ אין דער היים, — האָט געזאָגט א מאַנסבילישער קול.

בא! דאָס איז דעם סטרוזשס קול. וואָס קען ער דאַרפען?"

ער איז אויפגעשפּרונגען און זיך געזעצט אויף'ן דיוואַן. דאָס האַרץ האָט אזוי געקלאַפּט, אז עס האָט אזש אָנגעהויבען וועה טאָן.

— און ווער האָט פאַרקייטעלט די טהיר אויף'ן קייטעל? — האָט נאַסטאַסיא געענטפערט. — וואָס זאָגסטו צו זיינע יאָהרען, זיך גאָר גענומען פאַרשפּאַרען! האָט אפנים מורא, מען זאָל איהם חלילה ניט ארויס'גנב'ענען! עפען אָב, תכשיט איינער, שטעה אויף!

„וואָס קענען זיי דאַרפען? ווי קומט אהער דער סטרוזש? מען ווייס שוין אַלצדינג. ארויסווייזען א ווידערשטאַנד אָדער עפענען? מילא, פאַרלאָרען איז פאַרלאָרען"...

ער האָט זיך אויפגעהויבען, זיך אויסגעצויגען צו דער טהיר און זי אָפּגעקייטעלט.

דאָס גאַנצע צימער זיינס איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט געקענט אָפּקייטלען די טהיר, ניט אויפשטעהענדיג פון געלעגער.

אודאי אזוי: דער סטרוזש מיט נאַסטאַסיא'ן.

נאַסטאַסיא האָט איהם עפּעס מאָדנע באַטראַכט. ער האָט מיט עזות און פאַרצווייפלונג א קוק געגעבען אויף'ן סטרוזש. יענער האָט

איהם שווייגענדיג דערלאַנגט אַ גרוי פּאַפּירל, צונויפגעלעגט אין צווייען און פאַר'חתמ'עט מיט פּלאַש־טריפּוואַקס.

— פּוואַיעסטקע, פון קאַנצעלאַריע, — האָט ער געזאָגט, דער־לאַנגענדיג דאָס פּאַפּיר.

— וואָס פאַר אַ קאַנצעלאַריע?...

— מען רופט, הייסט עס, אין פּאָליציע, אין קאַנצעלאַריע. וואָס פאַרשטעהסטו דאָ ניט, וואָסער קאַנצעלאַריע.

אין פּאָליציי?... וואָס איז עפּעס?...

פון וואַנען זאָל איך וויסען. מען רופט, דאַרפסטו געהן!

האָט אויף איהם אויפמערקזאָם אַ קוק געגעבען, זיך ארומ־געקוקט אויף אַלע זייטען און האָט זיך געלאָזט צום טהיר.

— ביסט טאַקע אויף אַז אמת קראַנק געוואָרען! — האָט גע־זאָגט נאַסטאַסיא, וועלכע האָט פון איהם די אויגען ניט אַראָפּגענו־מען. דער סטרוזש האָט אויך אָפּגעקעהרט אויף אַ רגע דעם קאָפּ.

— פון נעכטען אָן איז היץ, — האָט זי צוגעגעבען.

ער האָט ניט געענטפערט, געהאַלטען אין האַנט דאָס פּאַפּיר און עס ניט געעפענט.

— שטעה שוין טאַקע ניט אויף, — האָט נאַסטאַסיא ווייטער גערעדט, קריגענדיג איבער איהם רחמנות און זעהענדיג, אַז ער לאָזט שוין די פיס פון דיוואַן אַראָפּ. — ביסט קראַנק, טאָ געה טאַקע ניט: נישקשה, עס ברענט ניט. וואָס האַלסטו דאָס אין די הענט?

ער האָט אַ קוק געטאָן: אין דער רעכטער האַנט האַלט ער אָפּ־געשניטענע ברעגען פון די הויזען, אַ זאָק און שטיקלעך אויסגעריי־סענע קעשענעס. אַזוי איז ער געשלאָפען דערמיט. אַז ער האָט שפּע־טער געטראַכט וועגען דעם, האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז ער פלעגט עס אַלעם האַלטען פעסט, זעהר פעסט פאַרדריקט אין האַנט, אפילו האַלב־אויפכאַפּענדיג זיך אין היץ, און דערמיט פלעגט ער ווידער אַנטשלאָפען ווערען.

— וואָס טראַנטעס ער האָט עס אביסעל אַנגעקליבען און שלאָפט מיט זיי, ווי מיט עפּעס רעכטס...

און נאַסטאַסיא איז זיך פאַרגאַנגען מיט איהר קרענקליך־נער־ווענזען געלעכטער.

אין איין אויגענבליק האָט ער עס אַלץ אַ שפּאַר געטאָן אונטער'ן

מאנטעל און האט זיך שטאר איינגעגעסען אין איהר מיט די אויגען. ער איז אפילו זעהר ווענינ פעהיג געווען אין יענער ווייל צו אפ־געבען זיך א קלארען חשבון אין אלץ, וואס איז ארום איהם פארגע־קומען, דאך האט ער געפיהלט, אז ווען מען קומט צונעהמען א מענ־שען, באגעהט מען זיך מיט איהם ניט אזוי. — אבער... די פאלי־ציי?"

— וועסט אפשר טרינקען א גלעזעל טיי? ווילסט, — וועל איך ברייגגען... ס'אי' געבליבען...

— ניין... איך דארף אווענגעהן; איך דארף שוין אוועקגעהן.— האט ער געשטאמעלט, זיך אויפשטעלענדיג אויף די פיס.

— זעה אקארשט, דו האסט, דאכט זיך, קיין כח ניט פון די טרעפ אראפצוגעהן.

— איך דארף געהן...

— ווי דו פארשטעהסט.

זי איז ארויס באלד נאך דעם סטרוזשס אוועקגעהן. ער האט זיך גלייך א לאז געטאן צום פענסטער צו באטראכטען די זאק און די פרענזלעך פון די הויזען. — „פלעקען זיינען אפילו יא פארהאן, נאר ניט גאר קענטיגע; אלץ האט זיך פארשמירט, אפגעריבען און שוין אפגעקראכען. ווער עס וויים לכתחלה ניט — וועט ער גארנישט בא־מערקען. אלזא האט נאסטאסיא פון וויימען גארניט געקענט דערזעהן. דאנקען גאט!" דאן האט ער מיט ציטערדיגע הענט אויפגעפענט די פאוויעסטקע און גענומען לייענען; לאנג האט ער געלייענט און ענדליך האט ער עם פארשטאנען. דאס איז געווען א געוועהנליכע מעלדונג פון צירקעל צו קומען היינט האלב צעהן דעם זייגער אין דער קאנצעלאריע פון צירקעל־אויפזעהער.

„וואס טוט זיך דא? איך האב דאך פערזענליך קיינע געשעפ־טען ניט מיט דער פאליציי! און וואס עפעס גראד היינט?" — האט ער געטראכט אין פיינליכער פארלעגענהייט. — „גאט מיינער, כאטש גיכער שוין!" ער איז אויף די קניה געפאלען מתפלל צו זיין, האט זיך אבער באלד אליין צולאכט, — ניט פון דער תפילה, נאר פון זיך אליין. ער האט זיך אויף גיך גענומען אנטאן. — „א סוף איז א סוף, מילא! מען דארף די זאק אנטאן!" — איז איהם פלוצלונג איינ־געפאלען — אין שטויב וועט זיך עס נאך מעהר אנרייבען, און ס'וועט

גארניט קענטיג זיין", ווי נאר ער האט אבער אנגעטאן, האט ער זי ווידער גלייך אראפגעריסען, מיט א געפיהל פון עקעל און אימה. אראפגעריסען האט ער זיך אבער גלייך דערמאהנט, אז קיין אנדערע איז נישטא, און ער האט זיך געמוזט ווידער אנטאן — און זיך ווידער צולאכט. „דאס אלץ האט קיין ווערט ניט אן און פאר זיך, אלץ איז נאר פארהעלטניסמעסיג, דאס איז ניט מעהר וו יפוסטע פארמען". האט ער א טראכט געטאן פון אויבען־אויף, נאר ווי מיט א ברעג מוח, שוידערנדיג מיט'ן גאנצען קערפער. — „אט האב איך דאך פארט אנגעטאן! פארט האט זיך עס געענדיגט דערמיט, אז איך האב עס אנגעטאן!" דאס געלעכטער איז אבער גלייך אריבער אין א פארצווייפלונג. — „ניין, ס'איז ניט פאר מיינע כחות"... איז איהם איינגעפאלען. די פיס האבען איהם געציטערט. — „פאר שרעק", האט ער ארויסגעשטאמעלט פאר זיך. דער קאפ האט איהם געשווינדעלט און וועה געטאן פון היץ. — „דא שטעקט עפעס א שפיצעל! דאס ווילען זיי מיך אריינגנארען מיט א שפיצעל און דערנאך פלוצלונג פארפלאנטערן מיך אין מיינע אייגענע רייד". האט ער ווידער גענומען טראכטען, ארויסגעהענדיג אויף די טרעפ. — „די צרה איז, וואס איך האב היץ... איך קען זיך נאך ארויסכאפען מיט א נארישקייט"...

אויף די טרעפ האט ער זיך דערמאהנט, אז ער לאזט אלע זאכען איבער, אין לאך אונטער די טאפעטען, — „און דא קען מען גראד אויף זיין מזל מאכען א רעוויזיע, בעת ער וועט ניט זיין", — זיך דערמאהנט און שטעהן געבליבען. נאר פלוצלונג האט איהם באהערשט אזא מין פארצווייפלונג אזא מין יאוש, אזא מין גלייכגילטיגקייט צו זיין שיקזאל, אז ער האט א מאך געטאן מיט דער האנט און איז אוועק ווייטער.

„זאל עס כאטש גיכער געשעהן!..."

אויף דער גאס איז די היץ ווידער געווען ניט אויסצוהאלטען: קיין טראפען רעגען האט ניט אפגעפרישט די ערד פאר דער גאנצער צייט. ווידער שטויב, ציגעל, וואפנע, ווידער אן עיפוש פון די קלייטלער און שיינקען, ווידער שכור'ע אויף יעדען טריט, גאסען־הענדלער און ארימע פוהרמאנעס. די זון האט איהם די אויגען פארבלענדט מיט איהר העלען שיין, ער האט ניט געקענט קוקען און דער קאפ האט זיך איהם שרעקליך פארדרעהט: אזוי פיהלט זיך שטענדיג

א פיבערקראנקער, וואס געהט פלוצלונג ארויס אין דרויסען אין א העלען זוניגען טאג.

צוגעקומען צום ראַג פון דער נ ע כ ט י ג ע ר גאס, האט ער מיט א פיינליכער צוטראַגענקייט אהין אריינגעקוקט, אויף י ע נ ע ם הויז... און האט גלייך אַפּגעקעהרט די אויגען.

„אויב מען וועט פרעגען, וועל איך אפשר דערצעהלען", האט ער א טראכט געטאן, צוקומענדיג צו דער קאנצעלאריע.

די קאנצעלאַריע איז געווען פון איהם ביי א פיערטעל ווערסט ווייט. זי האט זיך נאר וואס אריבערגעצויגען אין א נייע דירה, אין א נייעם הויז, אויף'ן פיערטען שטאק. אין דער אלטער דירה איז ער אמאל געווען נאר איין ווײלע, און דאס אויך שוין זעהר לאנג. אריינגעקומען אין טויער, האט ער דערזעהן אין דער רעכטער האנט טרעפ, פון וועלכע ס'איז אראפּגעגאנגען א פויער מיט א ביכעל אין די הענט. — „א סטרוזש אפנים; אלזא איז דא טאקע די קאנצע־לאריע", און ער האט גענומען ארויפגעהן אין דער הויך, ניט וויסענ־דיג אפילו וואוהין. נאר פונאנדערפרעגען האט ער קיינעם און וועג־נען קיין זאך ניט געוואלט.

„איך וועל אריין, וועל פאלען אויף די קניה און וועל אלץ דער־צעהלען"... האט ער א טראכט געטאן, ארויפקומענדיג אויפ'ן פיער־טען שטאק.

די טרעפּ זיינען געווען איינג און קרום־געדרעהט, פארגאסען און פארשמוצט. אלע קיכען פון אלע דירות אין אלע פיער עטאזשען זיי־נען ארויסגעקומען אויף די טרעפּ און זיינען כמעט א גאנצען טאג געשטאנען מיט אַפענע טהירען. דערפאר איז דא די לופט געווען צום דערשטיקט ווערען. עס זיינען געגאנגען ארויף און אראפּ סטרוזשען מיט ביכלעך אונטער די ארעמס, און סתם אַפּטע איינגעהער, באזוכער אלערליי — סיי מאנסבילען סיי ווייבער — וועגען פארשיעדענע ענינים. די טהיר אין קאנצעלאריע אריין איז אויך געווען ברייט פונאנדערגעעפענט. ער איז אריין און שטעהן געבליבען אין פארהויז. דא זיינען אלץ געשטאנען און געווארט עפּעס פויערים. די לופט איז דא אויך געווען אונערטרעגליך פארשטיקט און אויסערדעם האט ביז צום נישט־גוט ווערען געהאקט א ריח פון פרישער, נאך נישט־אויסגע־וועבטער פארב פון די ערשט־אויסגעמאלטע צימערן. דאס זיינען אלץ

געוועזן קליינטשיקע און נידעריגע צימערלעך. אַ שרעקליכע אונגעדולד האָט איהם געשלעפּט אַלץ ווייטער און ווייטער. קיינער האָט איהם ניט באַמערקט. אין דעם צווייטען צימער זיינען געזעסען און געשריבען עפּעס שרייבער אַזעלכע, אָנגעטאָן קוים אויף אַ האָהר בעסער ווי ער. אַלץ עפּעס אַזעלכע מאָדנע פּאַרשוינען. ער האָט זיך געווענדעט צו איינעם פון זיי.

— וואָס דאַרפסטו?

ער האָט באַוויזען די מעלדונג פון דער קאַנצעלאַריע.

— איהר זענט אַ סטודענט? — האָט יענער געפרעגט, אַריינקוקנדיג אין דער מעלדונג.

— יאַ, אַ געוועזענער סטודענט.

איבריגענס האָט דער שרייבער אויף איהם געקוקט אָהן דער מינדסטער נייגיריגקייט. דאָס איז געווען עפּעס אַ מאָדנער צושויבערטער נפש מיט אַ פאַרגליווערטען געדאַנק אין זיין בליק.

„פון איהם וועסטו גאָרנישט דערגעהן, ווייל איהם איז אַלץ איינס", האָט ראַסקאָלניקאָוו אַ טראַכט געטאָן.

— געהט אַריין אַהינצו, צום הויפּט־שרייבער, — האָט דער שרייבער געזאָגט און האָט אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף דאָס לעצטע צימער

ער איז אַריינגעקומען אין דאָס צימער (דאָס פערטע צימער). דאָ איז געווען פול געפּאַקט מיט מענשען, שוין אביסעל רייכער געקליידט, ווי אין יענע צימערן. צווישען די באַזוכער זיינען געווען צוויי דאַמען. איינע, אין טרויער, אָרים געקליידט, איז געזעסען ביים טיש אַנטקעגען דעם שרייבער און האָט עפּעס געשריבען, וואָס ער האָט איהר דיקטירט. די אַנדערע דאַמע, זעהר אַ דיקע, רויט ווי צונטער, מיט קלייען אויף'ן פּנים, אַ יוסטע מאַדאַם און עפּעס שוין צופיעל אויסגעפּוצט, מיט אַ משונה'דיג־גרויסער בראָש אויף'ן האַרצען, איז געשטאַנען אַן אַ זייט און אויף עפּעס געוואַרט. ראַסקאָלניקאָוו האָט אַריינגעשטעקט דעם שרייבער די מעלדונג זיינע. יענער האָט זי נאָר אַ כאַפּ געטאָן מיט'ן אויג, האָט איהם געהייסען אויפוואַרטען און ווידער גענומען דיקטירען דער טרויער־דאַמע.

ער האָט אין זיין גאַנצען וועזען געפיהלט אַ שרעקליכע אונאָרד־

ביסלעכווייז איז ער געווארען שטייפער ביי זיך, האט זיך אליין צו־געגעבען מוטה און מיט אלע כחות זיך אנגעשטרענגט קומען צו זיך.

„די קלענסטע נארישקייט, די מינדסטע אונפארזיכטיגקייט קען דאך מיך איצט אומגליקליך מאכען! המ!... א שאד, וואס ס'איז נישטא דא מיט וואס צו אטעמען", האט ער צוגעגעבען. — „א דער־שטיקעניש... דער קאפ דרעהט זיך נאך מעהר... און דער פארשטאנד אויך"...

ער האט אין זיין גאנצען וועזען געפיהלט א שרעקליכע אונארד־נונג. ער האט אליין מורא געהאט, אז ער וועט זיך זעלבסט ניט גובר זיין. ער האט זיך אנגעשטרענגט צוצובינדען זיך מיט'ן געדאנק צו עפעס אנדערש, צו גאר א זייטיגען עניין, נאר דאס האט זיך איהם בשום אופן ניט איינגעגעבען. איבריגענס האט איהם זעהר אינטערע־סירט דער שרייבער: ער האט אלץ געוואלט עפעס דערגעהן פון זיין פנים, דערשמעקען עפעס. דאס איז געווען זעהר א יונגער מאן, פון א יאהר צוויי און צוואנציג, מיט א שווארץ ריהרעוודיג געזיכט, וואס האט אויסגעוויזען עלטער, ווי אין דער ווירקליכקייט, מאדיש און פאר־צעטיש געקליידט, מיט א טיעפען טייל אין די האר, פארקאמט און אנ־געשמירט, מיט א גוזמא פינגערלעך און רונגען אויף די ווייסע פינ־גער, מיט א בערשטעל געוואשען, און א גאלדערנער קייט אויפ'ן וועסט. צו אן אויסלענדער, וואס איז דא אויך געווען צווישען פובליקום, האט ער אפילו א זאג געטאן א פאר ווערטער אויף פראנצויזיש און גאנץ נישקשה'דיג.

— לואיזא איוואנאוונא, פארוואס זעצען זיי זיך ניט, — האט ער איילענדיג א זאג געטאן דער אויסגעפוצטער רויטער מאדאם, וועל־כע איז נאך אלץ געשטאנען, גלייך ווי זי האט די העזה ניט געהאט צו זעצען זיך, ווייל א שטוהל איז געשטאנען דערנעבען.

— איך דאנקע, — האט יענע געענטפערט און שטיל, מיט א זייד־דענעם גערויש זיך אראפגעלאזט אויפ'ן שטוהל. איהר העלבלויעס קלייד מיט ווייסע שפיצען האט זיך ווי א לופט־באלאן אויסגעשפרייט ארום טיש און האט פארנומען באלד א האלב צימער עס האט א האק געטאן מיט א ריח פון פארפומען. די מאדאם איז אבער קענטיג גע־ווען עטוואס אראפגעפאלען ביי זיך, וואס זי פארנעהמט א האלב צי־מער און וואס פון איהר האקט אזוי מיט פארפומען, כאטש זי האט

אפֿילו געשמייכעלט פֿייג און פֿרעד צוזאמען, מיט א דייטליכען אויס־דרוק פֿון אומרוהיגקייט.

די טרויער־דאמע האט ענדליך געענדיגט און גענומען אויפשטעהן. פלוצלונג איז ארייגעקומען אנ׳אפֿיציר, מיט א ליארם און געפילדער, זעהר העלדיש און עפּעס מאדנע דרעהענדיג ביי יעדען טריט מיט די אקסלען: עס האט א שליידער געטאן דאס היטעל מיט דער קאקארדע אויפ׳ן טיש און זיך אוועקגעזעצט איז שטול אריין. דערזעהן דעם אפֿי־ציר, איז די אויסגעפּוצטע דאמע אזש פֿון ארט אויפגעשפּרונגען, און מיט עפּעס א מאדנער באגייסטערונג האט זי גענומען אלע ווײלע הויי־בען זיך פֿון ארט; דער אפֿיציר האט זיך אבער אויף איהר אפילו ניט אומגעקוקט און זי האט שוין מעהר די העזה ניט געהאט זיך צו זעצען אין זיין אנוועזענהייט. דאס איז געווען דער געהילף פֿון צירקעל־אויפזעהער, מיט א פּאר געלע וואנסען, און מיט זעהר דראבנע גע־זיכטס־אברים, וואס האבען איבריגענס גארניט אויסגעדריקט אויסער אביסעל גראבהייט. ער האט קרום, זאגאר מיט פאראכטונג א קוק געטאן אויף ראסקאלניקאוו׳ן: שוין צו שרעקליך האבען אויסגעזעהן זיינע מלבושים, און ניט קוקענדיג אויף זיין גאנצע ערנידערונג, האט ער זיך דאך אלץ געהאלטען ניט נאך די מלבושים נאך: ראסקאלניקאוו האט זיך גאר פארגעסען און איהם באטראכט שוין מיט א צופיעל גלייכען און לאנגען בליק, אזוי אז יענער האט זיך אזש באליידיגט.

— וואס דארפסטו דא? — האט ער א געשריי געטאן. איהם איז קענטיג געווען א גרויסער חידוש, וואס אזא שלעפּער קלערט אפילו ניט בטל צו ווערען פֿון זיין בליק, וואס שפּריצט מיט פייער און בליץ.

— גערופֿען... אנגעקומען א פאוויעסטקע... האט ראסקאלניקאוו ארויסגעשטאמעלט.

— דאס איז וועגען אויפמאהנען פֿון זיי געלט, פֿון א סטודענט, אויב איהר געדענקט, — האט זיך דער שרייבער ארויסגעכאפּט, אפּ־רייסענדיג זיך פֿון דעם פּאפּיר.—אט איז עס! — און ער האט דער־לאנגט איבערן טיש ראסקאלניקאוו׳ן א העפט, אנווייזענדיג אין איהם אויף א געוויסע שטעלע, — לייענט דורך!

„געלט? וואסערע געלט?“ האט ראסקאלניקאוו געטראכט, — „אבער... אלזא איז עס געוויס ניט יענע זאך!“ און ער האט א ציטער

געטאן פאר פרייד. איהם איז פלוצלונג געווארען אזוי שרעקליך מאד־נע לייכט, א בארג איז אראב פון זיינע פלייצעס.

— און וויפיעל א זייגער האט איהר געדארפט קומען, מיין הערר? — האט דער אפיציר אויסגעשריען: ער איז וואס ווייטער אלץ מעהר געווארען צוקאכט און אליין ניט געוואוסט פארוואס. — מען שרייבט אייך, איהר זאלט קומען נייז, און איצט איז שוין נאך עלף!

— מען האט מיר געבראכט די אנווייזונג ערשט מיט א פערטעל שעה צוריק, — האט ראסקאלניקאוו הויך געענטפערט; ער איז פלוצלונג און אונערוואַרטעט פאר זיך אליין אויך געווארען אין כעס און האט אין דעם זאגאר געפונען א מין פארגניגען. — דאס איז שוין אויך גענוג, וואס איך בין געקומען אהער א קראנקער.

— זענט אזוי גוט און שרייט ניט אזוי.

— איך שריי גאר ניט, איך רייד גאנץ געלאסען, דאס שרייט איהר גאר; איך בין א סטודענט און וועל ניט ערלויבען, מען זאל אויף מיר שרייען.

דער געהילף איז געווארען אזוי צוקאכט, אז די ערשטע ווייל האט ער א ווארט ניט געקענט ארויסברייננגען, און האט גאר געשפריצט און געשפייט מיט'ן מויל. ער איז פון ארט אויפגעשפרונגען.

— שוויי—יי—גען, מיין הערר! איהר זענט אין א רעגירונגס־אנשטאלט. ניט באווייזט אייער חוצפה, מיין הערר!

— איהר זענט אויך אין א רעגירונגס־אנשטאלט, — האט ראס־קאלניקאוו אויסגעשריען, — און אויסערדעם, וואס איהר שרייט, רויכערט איהר נאך א פאפירָאס. דאס הייסט, אז אונז אלעמען זענט איהר גאר איינגאנצען מבטל.

ארויסגעזאגט די ווערטער, האט ראסקאלניקאוו דערפיהלט אן אונגעהויערן פארגניגען.

דער שרייבער האט אויף זיי געקוקט מיט א שמייכעל. דער היי־ציגער אפיציר איז קענטיג געווארען גאר מטושטש.

— דאס איז ניט אייער עסק! — האט ער ענדליך א געשריי געטאן עפעס אונגאטירליך הויך, — זענט בעסער אזוי גוט און ענט־פערט, וואס מען פרעגט ביי אייך באווייזט איהם, אלעקסאנדער גרי־

גאריעוויטש, מעו האט אויף איידָ אנגעגעבען! איהר צאהלט ניט קיין געלט!

ראסקאלניקאוו האט שוין מעהר ניט געהערט ער האט נייגע־ריג א כאפּ געטאן דאס פּאפּיר, צו געוואהר ווערען וואס גיכער דעם עיקר. איבערגעלייענט איינמאָל און נאָכאמאָל, און ניט בארשטאנען.

— וואס זשע איז דאס אזוינס? — האט ער געפרי ט דעם שרייבער.

— דאס מאהנט מען ביי אייך געלט מיט א וועקסעל, א חוב. איהר דארפט אדער באצאהלען מיט אלע קאסטען, שטראף־געלט א. ד. ג. אדער ארויסגעבען א פּאפּיר, ווען איהר קענט באצאהלען; אויסער־דעם דארפט איהר ארויסגעבען א התחייבות ניט ארויסצופאהרען פון שטאדט, ביז איהר וועט איינצאהלען, און ניט צו פארקויפען און ניט צו באהאלטען אייער האב־און־גוטס. און דער מלוה האט רעכט צו פארקויפען אייער האב־און־גוטס, און באהאנדלען אייך לויט די געזע־צען.

— איך בין... אבער קיינעם ניט קיין בעל־חוב!

— דאס איז ניט אונזער געשעפט. אונז איז אנגעקומען צום אויפמאהנען אנ׳אויסגעגאנגענער פּראָטעסטירטער וועקסעל אויף הונ־דערט און פופציג רובל, וואס איהר האט ארויסגעגעבען דער אלמנה פון דעם קאלעגיענאסעסאר זארניצין, מיט ניין מאנאטען צוריק, און וועלכער איז איבערגעגאנגען פון דער אלמנה זארניצין צו דעם „נאד־ווארני סאוועטניק" טשעבאראוו, — דארום לעגען מיר אייך פאר, איהר זאלט אונז ענטפערען...

— זי איז דאך אבער מיין בעל׳הבית׳טע?

— און אז זי איז אייער בעל־הבית׳טע, בכן איז וואס?

דער שרייבער האט מיט א פריינדליך־פון־אויבען־אראָביגען באַ־דויערענדען שמייכעל, אין וועלכען עס האט צו גלייכער צייט געשטעקט אויך עפּעס א מין נצחון־פרייד, געקוקט אויף ראסקאלניקאוו׳ן, ווי אויף א נאר, א נעבעכ׳ל, וועלכען מען נעהמט ערשט אויפ׳ן צימבעל, גלייך ווי איינער רעדט: „נו, ווי פיהלסטו זיך עפּעס איצט?" נאר וואס האט איהם איצט געקאנט ארען עפּעס א וועקסעל, עפּעס א צאהלונג! האט ער דען איצט געקאנט נעהמען עטוואס אזוינס צום הארצען, צי אפילו ניט מעהר ווי א טראכט געבען וועגען דעם! ער איז גע־

שטאנען, געלייענט, געהערט, געענטפערט, אפילו אליין אויך געשטעלט פראגען. נאר דאס אלץ איז געטאן געווארען מאשינאל. דאס פריידיגע געפיהל פון זעלבסטפערהיטונג, דאס אויסגעלייזט ווערען פון א דריקענדער געפאהר, — אט וואס האט אין דער רגע אנגעפילט זיין גאנץ וועזען. אהן פאראויסזעהעניש, אהן אנאליז, אהן צו טרעפען וואס שפעטער וועט זיין, אהן ספקות און אהן פראגען. דאס איז געווען א רגע פון פולער אונמיטעלבארער ריין־טיערישער פרייד. נאר אין דעם אייגענעם אויגענבליק איז אין קאנצעלאריע פארגעקומען עפעס א מין שטורם מיט דונערן און בליצען. דער אפיציר, נאך ניט געקומען צו זיך פון ראסקאלניקאוו׳ס עזות־פנים׳קייט, צוקאכט און אויסער זיך, ווענדענדיג אפנים צוריקשטעלען זיין געפאלענעם אויטאריטעט, האט גענומען שיטען פעד און שוועבעל אויף דער אומגליקליכער פארפוצטער דאמע, וואס האט אויף איהם די גאנצע צייט, זינט ער איז אריין, געקוקט מיט א נארישען תמ׳עוואטען שמייכעל.

— א דו אזוינע און אזוינע, — האט ער זיך פלוצלונג צושריען אויף דער העכסטער אקטאווע (די טרויער־דאמע איז שוין ארויסגעגאנגען). — וואס איז דארט ביי דיר געווען נעכטען ביינאכט? הא? ווידער א חרפה און א שאנדע, א סקאנדאל אויף דער גאנצער גאס געמאכט. ווידער שכרות און געשלעג. ווילסט אפנים אין אסטראג צי וואס? איך האב דיר דאך שוין געזאגט, איך האב דיך דאך שוין מתרה געווען צעהן מאל, אז צום עלפטען וועל איך דיר ניט שווייגען! און דו איבעראניים, הא, דו אזוינע און אזוינע און נאכאמאל אזוינע!

דאס פאפיר איז אזש ארויסגעפאלען ראסקאלניקאוו׳ן פון די הענט, און ער האט ווילד געקוקט אויף דער פארפוצטער דאמע, מיט וועלכער מען האט אויף אזוי פיעל קיין מחזקות ניט געמאכט; באלד אבער האט ער פארשטאנען, וועגען וואס דא האנדעלט זיך, און גלייך האט איהם די דאזיגע געשיכטע אפילו אנגעהויבען צו געפעלען ווערען. ער האט זיך צוגעהערט מיט אזא מין פארגניגען, אז איהם האט אזש זיך פארוואלט הויך לאכען, לאכען, לאכען... אלע נערווען זענען איהם פשוט צושפרונגען געווארען.

— איליא פעטראוויטש! — האט דער שרייבער געוועזט אנגעהויבען מיט רעספעקט. ער איז אבער שטעהן געבליבען איבערווארטען דעם שטורם, ווייל ער האט געוואוסט פון אייגענער ערפאה־

רונג, אז דעם צוקא זען אפיציר קען מען ניט אנדערש איינהאלטען, סיידען ווי פאר די הענט.

וואס עס אנבעלאנגט צו דער פארפוצטער דאמע, איז זי לכתחלה געווארען פארציטערט פון די דונערן און בליצען; אבער א מערקוויר־דיגע זאך: וואס מעהר און שטארקער ער האט זי געזידעלט, אלץ העפליכער און צוגעלאזטער איז געווארען איהר פנים, און אלץ חנ׳־עוודיגער דער שמייבעל, מיט וועלכען זי האט געקוקט אויף דעם גרוי־זאמען אפיציר. זי האט זיך עפעס מאדנע לעבערליך געדרעהט אויף איין ארט און זיך אלע ווייליע צוגעזעצט, ווארטענדיג מיט אונגעדולד, אז מען זאל שוין איהר אויך לאזען זיך אויס׳טענהן, און זי האט זיך דערוואַרט.

"ביי איהר איז גאר קיין שום טומעל ניט געווען — האט זי גע־גומען שיטען, ווי ארבעס פון א לעבערדיגען זאק, מיט אנ׳עכט דייט־שען אקצענט, — ביי איהר איז קיין שום סקאנדאל ניט געווען. זי וועט דערצעהלען דעם הערר קאפיטאן דעם ריינעם אמת, ער איז גע־קומען טויט־שכור, זי איז אין דעם גאר ניט שולדיג. ביי איהר איז אנ׳־איידעל הויז, און אנ׳איידעלע אויפפיהרונג, און סקאנדאלען האט זי פיינט פון אימער און פון שטענדיג. איז ער, געקומען טויט־שכור און האט נאך ווידער געהייסען דערלאנגען דריי פלאש. דערנאך האט ער אויפגעהויבען די פיס און גענומען קלאפען מיט א פוס איבער די ביינדלער פון פארטעפיאן. און דאס פאסט ניט אין אנ׳איידעל הויז, ס׳איז ניט ארטיג, זי האט איהם דאס געזאגט. האט ער געכאפט א פלאש און גענומען מיט איהר שלאגען אלעמען אין רוקען. איז זי גלייך אוועק נאכ׳ן סטרוזש און קארל איז געקומען, האט ער גענומען קארל׳ען און איהם אויסגעזעצט אנ׳אויג, און הענריעטען האט ער אויך אויס־געזעצט אנ׳אויג און איהר אליין האט ער אויך געגעבען פינף פעטש אין באק אריין. און דאס איז דאך אזוי ניט איידעל אין אנ׳איידעל הויז. וואס האט זי געקענט מאכען? האט זי געשריען. האט ער זיך געשטעלט אויפ׳ן פענסטער, דאס אויפגעעפענט און גענומען קוויטשען צום גאס ווי א שוויין. ס׳איז דאך א שאנדע ווי קען מען דאס אין פענסטער איבערן גאס קוויטשען ווי א שוויין! פע! פע! איז קארל צוגעפאלען צום פענסטער, האט איהם פון הינטען א נעהם גע־טאן פאר׳ן ראק, איהם גענומען שלעפען פון פענסטער און איהם זיין

ראַק צוריסען. דאַמאַלס האָט ער גענומען שרייען, אַז מען וועט איהם באַצאָהלען פופצעהן רובל שטראָף פאַר'ן ראַק, האָט זי איהם אַליין באַצאָהלט פינף קאָרבען פאַר זיין ראַק. דאָס איז ניט קיין אָרטיגער גאַסט, וויבאַלד ער מאַכט סקאַנדאַלען. זאָגט ער, אַז ער וועט אונז באַשרייבען אויפ'ן בלאַט און וועט אויף אונז מאַכען אַ סאַטירע, ווייל ער שרייבט אין אַלע בלעטער.

— ער איז אַ שרייבער, הייסט עס ?

— יאַ, הערר קאַפּיטאַן, אונד וואָס פיר איין אונאָרטיגער גאַסט איזט עס...

— נו, נו, נו! גענוג! איך האָב דיר דאָך שוין געזאָגט, געזאָגט, איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט...

— איליאַ פּעטראָוויטש! — האָט דער שרייבער ווידער אַ רוף געטאָן דעם אָפיציר.

דער אָפיציר האָט אויף איהם אַ קוק געגעבען: דער שרייבער האָט צו איהם אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

—...אַלזאָ, זאָלסטו דיר פאַרשרייבען אויפ'ן שטערן, אַז דאָס איז דיר אַ לעצטעס מאָל, — האָט דער אָפיציר ווידער אָנגעהויבען. — אויב עס וועט נאָך איינמאָל פּאַרקומען אין דיין איידעלען הויז אַ סקאַנדאַל, וועל איך דיר שוין ווייזען, וואו פעפער וואַקסט. פאַרשטעהסט ? הייסט עס, האָט אַ ליטעראַט, אַ שרייבער, אין אַנ'איידעל הויז, גענו־מען פינף רובל פאַר אַ גוואַלד־רים אין ראַק? אַט האָסטו דיר אַ חברה? און ער האָט אַ בליץ געטאָן מיט פאַראַכטונג אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן. אייערנעכטען איז אין שיינק אויך געוועזען אַ שענע מעשה: אָבגעגע־סען — אהאַ, צאָהלען — ניט פון אָרט: וואָס הייסט, — אַניט וועט ער אין בלאַט באַשרייבען. נאָך אַזאַ מין געשיכטע האָט זיך געטראָ־פען יענע וואָך אויף אַ שפּאַציר־שיף: עס איז געפאָהרען אַ סטאַטס־ראַט מיט זיין פרוי און אַ טאָכטער, און מיט זיי צוזאַמען אַ שריי־בערל, האָט ער זיי געמאַכט מיט דער בלאַטע צוגלייך. פון אַ קאָנדי־טעריי האָט מען אָנומעלט אויך איינעם אַזאַ חברה־מאַן אַרויסגעוואָר־פען פאַר'ן קאַרק. אַט האָסטו דיר די גאַנצע שענע חברה: ליטעראַטען, שרייבער, סטודענטען, אויפגעריסענע מיילער! טפוי! און דו נעהם וועג! איך וועל שוין אַליין צו דיר אונטערקומען... דאַמאַלס היט דיינע ביינער! ס'ט'געהערט?

לואיזא איוואַנאָווּנאַ האָט זיך מיט א זיסער מינע געלאָזט צום טיר, נייגענדיג זיך אויף אַלע זייטען; נאָר אין טיר איז זי אַנגעשפּרונ־גען מיט'ן הינטען אויף א שענעם אָפיציר, מיט אַנ'אָפענעם פרישען געזיכט און מיט הערליכע מורא'דיג־געדיכטע בלאָנדע באַקענבאַרדען. דאָס איז געווען ניקאָדים פאָמיטש אַליין, דער צירקעל־אויפזעהער. לואיזא איוואַנאָווּנאַ האָט זיך מיט אַמאָל א זעץ געטאָן כמעט ביז צו דער ערד און מיט גיכע דראָבנע טריט האָט זי אונטערשפּרינגענדיג זיך זיך ארויסגעקייקעלט פון קאַנצעלאַריע.

— ווידער א געוויטער, ווידער דונערן און בליצען, שטורמווינדען און אוראַגאַנען! — האָט זיך ניקאָדים פאָמיטש העפליך און פריינד־ליך געווענדט צו איליא פּעטראָוויטש'ן, — ווידער אָבגעגעסען זיך דאָס הארץ, ווידער אויפגעזאָדען ווי א קעסעל! איך האָב נאָך אויף די טרעפּ געהערט!

— כ'וויי'! — האָט עס איליא פּעטראָוויטש מבטל געווען מיט א מין אַריסטאָקראַטישען שטאָלץ, איבערגעהענדיג מיט עפּעס פּאַפּי־רען צו אַנ' אַנדער טיש און זעהר קאָקעטיש ציהענדיג מיט די אַקסלען, וואוהין דער טריט, אהין דער אַקסעל. — אָט האָב איך די עהרע אייך פאָרצושטעלען: הערר ליטעראַט, וואָס רייד איך, הערר סטודענט, מיין איך, א געוועזענער, הייסט עס, צאָהלט ניט קיין געלט, צוטיילט וועק־סלען מאַכט ניט ליידיג די דירה, מען גיט אויף זיי אָן פּאַפּירען אהן א שיעור, — און דאַ, פאַרשטעהט איהר מיך, האָב איך חוטא בעגל געווען, וואָס איז, — איך האָב פאַר איהם אין די אויגען פאַררוי־כערט א פּאַפּיראָס! אַליין טוען זיי אָב די ש—ש—שענדליכסטע זאַ־כען, און אָט קוקט איהם נאָר אָן: ער האָט דאָך איצט דעם זיבענטען חן אין זיין גאַנצער ליעבער מראה!

— אָרימקייט איז קיין שאַנד, מיין פריינד, נאָר נישטאָ פון וואָס צו מאַכען א וועזען! ציינדט זיך אָן ווי פּולווער, ניט געקענט פאַר־טראָגען, וואָס מען האָט איהם דעם האָנאָר אָנגעריהרט. איהר זענט אפנים אויף זיי פאַר עפּעס ברוגז געוואָרען און זיך אַליין ניט געקענט איינהאַלטען. — האָט זיך ניקאָדים פאָמיטש פריינדליך געווענדעט צו ראַסקאָלניקאָוו'ן, — נאָר אומזיסט זענט איהר אויף זיי ברוגז: איך זאָג אייך, ער איז זע—הר און זע—הר א פיי—נער מאַן, נאָר פּולווער, אמת'ער פּולווער! זיך אָנגעצונדען, א זאַד געטאָן, פאַר־

ברענט געוואָרען — און שוין! אַלץ פאַריבער! און ווידער געבליבען א גאָלדען האַרץ! אפילו אין פּאַלק האָט מען איהם א נאָמען געגעבען: „פּולווער־אַפּיציר"...

— און שוין איינמאָל א פּ—פּ—פּאַ—אַלק! — האָט איליא פּעטראָוויטש אויסגעשריען, זעהר צופריעדען, וואָס מען האָט איהם אזוי פיין פאַרגעשטעלט, אָבער דאָך נאָך אַלץ ברוגז'דיג.

ראַסקאָלניקאָוו'ן האָט זיך פּלוצלונג פאַרוואָלט זאָגען זיי אַלעמען עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זיי זיין זעהר אנגענעהם.

— וואָס רעדט איהר, קאַפּיטאַן, — האָט ער אָנגעהויבען זעהר אויפגערוימט, זיך ווענדענדיג פּלוצלונג צו ניקאָדים פאָמיטש'ן, — געהט אריין אין מיין לאַגע אויך... איך בין זאָגאָר גרייט צו בעטען ביי זיי פאַרצייהונג, אויב איך האָב זיי פון מיין זייט עפּעס פוגע בכבוד געווען. איך בין אַן אָרימער קראַנקער סטודענט, פאַראומערט (ער האָט אזוי טאַקע געזאָגט: „פאַראומערט") פון אָרימקייט. איך בין א געוועזענער סטודענט, ווייל איצט בין איך ניט אימשטאַנד אויסצוהאַלטען זיך, נאָר איך וועל באַקומען געלט... איך האָב א מוטער און א שוועסטער אין ד—ער גובערניע... מען וועט מיר שיקען און איך וועל... באַצאָהלען. מיין בעל־הבית'טע איז א גוטע פרוי, נאָר זי איז אזוי בייז געוואָרען, וואָס איך האָב פאַרלאָרען מיינע שטונדען און צאָהל איהר שוין דעם פערטען חודש ניט, אז זי שיקט מיר ניט ארויף אפילו קיין מיטאָגען... און איך הויב ניט אָן צו פאַרשטעהן, וואָס איז דאָס פאַר א וועקסעל. מאָהנט זי ביי מיר איצט, איך זאָל איהר באַצאָהלען פאַר דעם דאָזיגען וועקסעל! אָבער וואָס קען איך איהר באַצאָהלען, זאָגט אַליין!...

— ס'איז דאָך אָבער ניט אונזער געשעפט... האָט ווידער א זאָג געטאָן דער שרייבער.

— ענטשולדיגט, ענטשולדיגט, איך בין מיט אייך פּאָלקאָם איינשטימיג, אָבער ערלויבען זיי מיר אויך צו ערקלערען די זאַך, — האָט ראַסקאָלניקאָוו ווידער אונטערגעכאַפּט, זיך ווענדענדיג ניט צום שרייבער, נאָר אַלץ צו ניקאָדים פאָמיטש'ן, אָבער בעמיהענדיג זיך מיט אַלע כחות צו ווענדען זיך אויך צו איליא פּעטראָוויטש'ן, כאָטש יענער האָט זיך געמאַכט, אז ער איז פאַרטאָן אין די פּאַפּירען און איהם שטעהט אפילו ניט אָן צו קוקען אין זיין זייט, — ערלויבען זיי מיר

אויך צו ערקלערען פון מיין זייט, אז איך וואוין ביי איהר שוין דריי יאָהר, זינט איך בין געקומען אהער פון דער פּראָווינץ, און פריהער, פריהער... פארוואָס זאָל איך זיך טאַקע ניט מודה זיין, אז פון אָנהויב אָן האָב איך איהר געגעבען אַ וואָרט חתונה צו האָבען מיט איהר טאָכ־טער... ניט מעהר ווי אַ וואָרט... איך בין מיט גאָרניט געווען פאַר־בונדען... דאָס איז געווען אַ מיידעל... איבריגענס איז זי מיר זאָגאר געווען געפעלען... פארליעבט בין איך אפילו ניט געווען... מיט איין וואָרט, יונגעלייט, ווי דער שטייגער איז... ד. ה. איך מיין צו זאָגען, אז איך האָב געהאַט ביי דער בעל־הבית'טע זעהר גרויסען קרעדיט און איך האָב אביסעל געפיהרט אזאַ מין לעבען... איך בין געווען זעהר לייכטזיניג...

— מען פאָדערט פון אייך גאָר ניט אזעלכע אינטימע זאַכען, מיין הערר, און ס'איז קיין צייט אויך ניטאָ, — האָט איהם ליליאַ פּעטראָוויטש געוועזט איבערגעשלאָגען גראָב און טריאומפירענדיג, נאָר ראַסקאָלניקאָוו האָט איהם מיט היץ אָבגעשטעלט, הגם איהם איז מיט אמאָל זעהר שווער געוואָרען צו ריידען.

— אָבער ערלויבען זיי מיר, ערלויבען זיי מיר עטוואָס דער־צעהלען... ווי דאָס איז צוגעגאַנגען און... פון מיין זייט... כאָטש איהר זענט אפשר גערעכט און ס'איז איבריג צו דערצעהלען, — נאָר מיט אַ יאָהר צוריק איז דאָס פריילין געשטאָרבען פון אַ טיפוס, און איך בין ביי דער בעל־הבית'טע געבליבען אויף ווייטער, ווי געווען; האָט זי מיר געזאָגט. ווען זי האָט זיך איבערגעצויגען אין די איצטיגע וואוינונג אריין, אין גוטען מוטה געזאָגט... אז איך בין ביי איהר זעהר באַגלויבט אין אַלצדינג... נאָר צי וועל איך איהר ניט געבען דעם דאָ־זיגען וועקסעל אויף הונדערט מיט פופצעהן רובל, — דאָס איז די גאַנ־צע סומע, וואָס איך האָב איהר געקומט, נאָך איהר רעכענונג: זי האָט מיר בפירוש אזוי געזאָגט, אז ווי נאָר איך וועל איהר געבען דעם דאָ־זיגען פּאַפּיער, וועל איך ביי איהר ווידער האָבען קרעדיט וויפיעל איך וועל אליין וועלען, און זי וועט פון איהר זייט זיך קיינמאָל אין לעבען דאָס זיינען איהרע אייגענע ווערטער — ניט באַנוצען זיך מיט דעם דאָזיגען פּאַפּיר, ביז איך וועל איהר אליין באַצאָהלען... און דוקא איצט, ווען איך האָב די שטונדען פארלאָרען און האָב ניט וואָס צו עסען, גיט זי אַן אויף מיר דעם וועקסעל. איז וואָס קען איך איצט זאָגען?

— די אַלע ריהרענדע פּרטים האָבען צו אונז קיין שייכות ניט, מיין הערר, — האָט איהם איליא פּעטראָוויטש אָפּגעהאַקט מיט חוצפה. — איהר דאַרפט געבען אַ תשובה און אַ התחייבות, און דאָס וואָס איהר זענט געווען פאַרליעבט און נאָך אַזוינע טראַגישע מעשיות האָבען צו אונז קיין שום שייכות ניט.

— נו, דו הויבסט שוין אָן צו אַכזריות'דיג... — האָט ניקאָדים פאָמיטש אַרויסגעשטאַמעלט, זיך צוגעזעצט צום טיש, און אויך גענו־מען אונטערצושרייבען פּאַפּירען. ער האָט זיך עפּעס אַזוי ווי פאַר־שעמט.

— נו, טאָ שרייבט, — האָט דער שרייבער געזאָגט צו ראַס־קאָלניקאָוו'ן.

— וואָס שרייבען? — האָט יענער אַ פרעג געגעבען מיט עפּעס אַ מאָדנער גראָבקייט.

— אָט איך וועל אייך זאָגען.

ראַסקאָלניקאָוו'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער שרייבער האָט זיך מיט איהם גענומען באַגעהן מיט מעהר גאוה און פאַראַכטונג נאָך זיין ודוי, — אָבער אַ מערקווירדיגע זאַך, — ער איז פּלוצלונג אַליין געוואָרען אינגאַנצען גלייכגילטיגע צו וואָס פאַר אַ מיינונג עס זאָל ניט זיין, און די דאָזיגע פאַרענדערונג איז אין איהם פאָרגעקומען אין איין אויגענבליק. אין איין רגע. ווען ער זאָל געווען וועלען עטוואָס אַ טראַכט טאָן, וואָלט איהם געווים געווען אַ גרויס וואונדער, ווי האָט ער עס געקענט אַזוי ריידען מיט זיי, מיט אַ ווייטע פריהער, און זאָ־גאָר אויסגיסען פאַר זיי זיינע געפיהלען? און פון וואַנען האָבען זיך דאָס גענומען די דאָזיגע געפיהלען? פאַרקעהרט, ווען איצט וואָלט דאָס גאַנצע צימער פול געוואָרען ניט מיט פּאָליציי־אויפזעהער, נאָר אפילו מיט זיינע בעסטע פריינד, וואָלט ער, דאַכט זיך, דאַמאָלס אפילו אויך ניט געפונען פאַר זיי קיין איין מענשליך וואָרט, אַזוי איז אילם מיט אַמאָל פּוסט געוואָרען דאָס הארץ. אַ מרה־שחורה'דיג גע־פיהל פון פּיינליכער, אונענדליכער איינזאַמקייט און פאַרפרעמדקייט יאָז פּלוצלונג באוואוסטזיניג געבאָרען געוואָרען אין זיין נשמה. ניט די געמיינהייט פון זיין קלאָגען זיך פאַר איליא פּעטראָוויטש'ן, און אויך ניט די געמיינהייט פון דעם אָפיצירס טריאומפירען איבער איהם האָבען פּלוצלונג אַנגעמאַכט אַ חורבן אין זיין הארץ. אָ, וואָס קען איהם

איצט אַרעז זיין אייגענע נידערטרעכטיגקייט, די אַלע אַמביציעס, אַפּי־צירעז, דייטשקעס, וועקסלען, צאָהלונגען, קאַנצעלאַריעס א. אז. וו. א. אז. וו. ווען מען וואָלט איהם פאַר׳משפּט צו פאַרברענען אין דער דאָזיגער וויילע, וואָלט ער זיך דאַן אפילו אויך ניט א ריהר געגעבען, ס׳איז זאָגאַר א גרויסער ספק, צי ער וואָלט אויסגעהערט דעם אור־טייל. מיט איהם איז פאָרגעקומען עטוואָס אינגאַנצען איהם אומבאַ־קאַנטעס, נייעס, אומגעריכטעס און קיינמאָל ניט געוועזענעס. ניט וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, ער האָט אַבער געשפּירט בחוש, מיט דער גאַנצער שפּירונגס־קראַפט, אַז ניט נאָר מיט ריהרענדע מעשיות, ווי פריהער, נאָר אַפילו מיט קיין זאַך איז דער וועלט וואָלט ער זיך ניט קענען ווענדען צו די דאָזיגע מענשען, אין דער פּאָליציי־קאַנ־צעלאַריע, און ווען דאָס וואָלטען אפילו געווען זיינע לייבליכע ברידער און שוועסטער, ניט קיין פּאָליציי־אָפיצירען, וואָלט ער אַפילו דאַן אויך ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו ווענדען צו זיי פאַר קיין פאַל אין לעבען ניט: ער האָט נאָך קיינמאָל ניט איבערגעלעבט אַזאַ מין מערק־ווירדיג און שרעקליך געפיהל. און דאָס האָט איבערהויפּט דערפאַר אַזוי וועה געטאָן — ווייל דאָס איז געווען מעהר געפיהל, ווי באַוואוסטזיין, ווי פאַרשטאַנד: אַן אומטיטעלבאַר געפיהל, דאָס פּיינליכסטע געפיהל, וואָס ער האָט ווען עס איז אין זיין לעבען געהאַט איבערגעלעבט.

דער שרייבער האָט איהם גענומען דיקטירען די פאָרם פון אַזאַ מין תשובה, ווי דער שטייגער איז אין אַזוינע פאַלען. דאָס הייסט, באַצאָהלען קען איך ניט, איך זאָג צו אויף דאַמאָלס און דאַמאָלס (ווען עס איז). פון שטאָדט וועל איך ניט אַרויספאָהרען: דאָס האָב־און־גוטס וועל איך ניט פאַרקויפען און ניט אָוועקשענקען א. ד. גל.

— איהר קענט דאָך גאָרנישט שרייבען, אייך פאַלט דאָך די פען פון דער האַנט אַרויס, — האָט באַמערקט דער שרייבער, קוקענדיג ניי־געריג אויף ראַסקאָלניקאָוו׳ן. — איהר זענט קראַנק?

— יאָ... ס׳שווינדעלט אין קאָפּ... זאָגט ווייטער!

— מעהר גאָרנישט: שרייבט זיך אונטער.

דער שרייבער האָט צוגענומען דאָס פּאַפּיר און זיך גענומען צו אַנדערע.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אָפּגעגעבען די פען, נאָר אַנשטאָט אויפצו־שטעהן און אַוועקצוגעהן, האָט ער אַרויפגעלעגט ביידע איילענבויגענס

אויפ'ן טיש און האָט צוגויפגעדריקט דעם קאָפּ מיט די הענט, גלייך ווי מען וואָלט איהם צוועקעם אין קאָפּ שלאָגען. א מאָדנער געדאנק איז איהם פּלוצלונג איינגעפאלען: גלייך אויפשטעהן, צוגעהן צו ניקאָדים פאָמיטש'ן און דערצעהלען איהם אלץ, וואָס נעכטען איז געשעהן, מיט אלע פּרטים, דערנאָך אוועקגעהן צוזאמען מיט איהם צו זיך אהיים און ווייזען זיי די זאכען אין ווינקעל, אין לאָך. דער געדאנק האָט איהם אזוי שטארק א נעהם געטאָן, אז ער איז שוין אויפגעשטאַנען פון אָרט אויסצופיהרען עס. — „אפשר באטראכטען זיך כאָטש נאָך א רגע?" האָט זיך איהם דורכגעטראָגען אין מוח. — „ניין, בעסער ניט־באטראכטערהייד, און אראָפּ פון מארק!" פּלוצלונג אבער איז ער געבליבען שטעהן ווי א פארגליווערטער: ניקאָדים פאָמיטש האָט מיט היץ עפּעס דערצעהלט איליא פּעטראָוויטש'ן, און ער האָט דערהערט די לעצטע ווערטער.

— עס קען ניט זיין, מען וועט זיי ביידען ארויסלאָזען. ערשטענס שיקט זיך עס גלאט ניט: באַרעכענט אליין: צו וואָס האָבען זיי נאָך געדארפט רופען דעם סטרוזש, אויב ס'איז זייער ארבייט? זיך אליין פאר'מסר'ן, וואָס? צי אפשר איז עס זייערם א שפּיצעל? ניין, דאָס וואָלט שוין זיי צו שפּיצעלדיג! היינט דעם סטודענט פּעסטריאקאָוו'ן האָבען געזעהן סאמע ביים טויער ביידע סטרוזשען און איינע א גויע פּונקט אין דער ווייַלע, ווען ער איז אהינצו אריינגעגאנגען: ער איז געגאנגען מיט דריי חברים און האָט זיך מיט זיי געזעגענט סאמע ביים טויער און נאָך פאר די דריי חברים אין די אויגען האָט ער געפרעגט ביים סטרוזש דעם אדרעס. נו, וועט זיך אזוינער נעהמען פונאנדערפרעגען וועגען אדרעס, ווען ער איז געגאנגען מיט אזא כונה? און קאָד איז פריהער פאר'ן אריינגעהן צו דער אלטער אויך אָפּגעזעסען ביי א האלבע שעה אונטען ביים גאָלדמאכער און פּונקט דריי פיערטעל אויף אכט איז ער אוועק פון איהם צו דער אלטער. איצט באַרעכענט אליין...

— ענטשולדיגט אבער, ווי זשע קומט ביי זיי אוים אזא ווידערשפּרוך: טענה'ן אליין, אז זיי האָבען געקלאַפּט און אז די טהיר איז געווען פארבאכט, און אין דריי מינוט ארום, ווען זיי זיינען געקומען מיט'ן סטרוזש, קומט אויס, אז די טהיר איז געווען אָפען?

— אָט דאָס איז דאָך די מעשה: דער מערדער איז, אָהן צוויי־

פעל, דאָרט געזעסען פאַרשפּאַרט: און מען וואָלט איהם געוויס דאָרט געפאַקט, ווען קאָך וואָלט זיך אַזוי ניט באַנאַרישט און וואָלט אַליין אויך ניט אַוועק נאָכ'ן סטרוזש. פּונקט אין דער רגע האָט ע ר באַוויזען אַראָפּצוגעהן פון די טרעפּ און זיך ווי עס איז דורכגעגנב'עט פאַרביי זיי. קאָך שווערט זיך מיט טויטע שבועות: „ווען איך זאָל געווען דאָרט בלייבען, זאָגט ער, וואָלט ער אַרויסגעשפּרונגען און מיך גע'הרג'עט מיט דער האַק". ער בענשט פּשוט גומל.

— און דעם מערדער האָט גאָר קיינער ניט געזעהן?

— ווי אַזוי וועסטו דאָרט דערזעהן, דער הויף איז גרויס ווי נח'ס תיבה, — האָט געזאָגט דער שרייבער, וואָס האָט זיך צוגעהערט פון זיין אָרט.

— די זאַך איז קלאָר, די זאַך איז קלאָר! — האָט ניקאָדים פאָמיטש איבערגע'חזר'ט מיט היץ.

— ניין, די זאַך איז זעהר ניט קלאָר, — האָט גע'פּסק'ענט איליא פּעטראָוויטש.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אויפגעהויבען זיין הוט און זיך געלאָזט געהן צום טהיר, נאָר ביז צו דער טהיר איז ער ניט דערגאַנגען.

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער דערזעהן, אַז ער זיצט אויף אַ שטוהל, אַז איהם האַלט אונטער פון דער רעכטער האַנט עפּעס איינער אַ מענש, אַז ביי דער לינקער האַנט שטעהט נאָך איינער, מיט אַ געלען גלאָז, אָנגעפילט מיט געל וואַסער, און ניקאָדים פאָמיטש שטעהט פאַר איהם און קוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין; ער איז אויפגעשטאַנען פון שטוהל.

— וואָס איז דאָס מיט אייך, איהר זענט קראַנק? — האָט גאַנץ שטרענג ניקאָדים פאָמיטש אַ פרעג געטאָן.

— בשעת זיי האָבען זיך אונטערגעשריבען, האָבען זיי אויך קוים געהאַלטען די פּען אין האַנט, — האָט געזאָגט דער שרייבער, אַוועקזעצענדיג זיך אויף זיין פריהערדיגען אָרט און נעהמענדיג זיך ווידער צו די פּאַפּירען.

— און לאַנג שוין זענט איהר קראַנק? — האָט איליא פּעטראָוויטש אַ געשריי געטאָן פון זיין אָרט און זיך אויך גענומען ריהרען אין די פּאַפּירען.

נאַטירליך האָט ער אויך באַטראַכט דעם קראַנקען, ווען יענער איז

געפאלען אין אונמאכט: ווי יענער איז אבער צו זיך געקומען, איז ער גלייך אוועקגעגאנגען.

— פון נעכטען אן... האט ראסקאלניקאוו שטאמלענדיג געענט־פערט.

— און נעכטען זענט איהר ארויסגעגאנגען אין גאס?

— ארויסגעגאנגען.

— קראנקערהייד?

— קראנקערהייד.

— וויפיעל אזייגער?

— אכט א זייגער אוונט.

— און וואוהין זענט איהר געגאנגען, נעהמט ניט פאר אומגוט, וואס איך פרעג אייך?

— אין גאס.

— קורץ און שארף.

ראסקאלניקאוו האט געענטפערט שארף, אפגעהאקט, אינגאנצען בלאס ווי א טוך און ניט אראפלאזענדיג די שווארצע צוהיצטע אויגען פאר איליא פעטראוויטשעס בליק.

— קוים וואס ער שטעהט אויף די פיס, און דו... האט ני־קאדים פאמיטש א זאג געטאן.

— ניש—ק—שה! — האט איליא פעטראוויטש עפעס זעהר מאד־נע ארויסגערעדט.

ניקאדים פאמיטש האט געוואלט נאך עפעס צוגעבען, נאר א קוק געבענדיג אויפ'ן שרייבער, וועלכער האט פון איהם אויך קיין אויג ניט אראפגענומען, איז ער אנטשוויגען געווארען. אלע זיינען מיט אמאל אנטשוויגען געווארען. עס איז געווען מאדנע.

— נו, גוט, — האט ענדליך געזאגט איליא פעטראוויטש, — מיר פארהאלטען אייך ניט.

ראסקאלניקאוו איז ארויס. ער האט נאך געקענט כאפען מיט'ן אויער, ווי עס האט זיך פלוצלונג אנגעהויבען גלייך נאך זיין אוועק־געהן א לעבהאפטער שמועס, אין וועלכען עס האט זיך מעהר פאר אלע געהערט די פרעגענדע שטים פון ניקאדים פאמיטש'ן... אויפ'ן גאס איז ער אינגאנצען צו זיך געקומען.

„א רעוויזיע, א רעוויזיע, באלד א רעוויזיע!“ האט ער פאר זיך

גע׳חזר׳ט, איילענדיג וואס גיכער אהיים צו קומען. — „מערדער! זיי האבען א חשד!" דער פריהערדיגער פחד האט איהם ווידער אינגאנ־צען דורכגענומען, פון קאפ ביז די פיס.

צווייטעס קאפיטעל.

„און ווי וועט זיין, אז די רעוויזיע איז שוין געווען? ווי איז, אז איך וועל זיי פונקט איצט טרעפען ביי זיך?"

נאר אט איז זיין צימער. אלץ ווי געווען; קיינער האט אהער ניט אריינגעשמעקט. אפילו נאסטאסיא האט זיך צו גארנישט צוגע־ריהרט. אבער אום גאטעס ווילען! ווי אזוי גאר האט ער עס געקענט לאזען די אלע זאכען אין דעם לאך?

מיט אן אימפעט האט ער זיך א לאז געטאן צום ווינקעל, אריינ־געשטעקט די האנט הינטער די טאפעטען און גענומען ארויסשלעפען די זאכען און פאקען זיי אין די קעשענעס. אכט שטיק איז געווען: צוויי קליינע שאכטלען מיט אויהרינגלעך, צי מיט עפעס אנדערש פון דעם מין, — ער האט זיך גוט ניט צוגעקוקט; דערנאך פיער קליינע סאפיאן־שיידלעך. איין קייטעלע איז געווען בלויז פארוויקעלט אין אן אלטע צייטונג. אין אן אלטע צייטונג איז אויך געווען איינגעוויקעלט נאך עפעס, דאכט זיך אן ארדען...

ער האט עס צולעגט אין אלע קעשענעס, אין מאנטעל און אין דער איבערגעבליבענער רעכטער קעשענע פון די הויזען, און געזעהן, עס זאל ניט קענטיג זיין. דאס בייטעל האט ער אויך מיטגענומען צוזאמען מיט די זאכען. דערנאך איז ער ארויס פון צימער, און האט אפילו דאסמאל די טהיר ניט פארמאכט.

ער איז געגאנגען מיט שנעלע, פעסטע טריט און כאטש ער האט געפיהלט, אז ער איז אינגאנצען צובראכען, איז ער דאך געווען ביים קלארען זינען. ער האט מורא געהאט, מען זאל איהם ניט נאכיאגען, האט מורא געהאט, אז אין א פיערטעל שעה ארום וועט אודאי ארויס א פאראָרדנונג נאכצושפירען איהם; דעריבער איז געווען קלאר, אז מען דארף בייצייטענס פארניכטען אלץ, וואס קען ארויפברייננגען אויף א חשד. מען האט עס געדארפט וואס גיכער באזארגען. כל זמן עס איז

נאָך פאַרהאַן כאַטש א טראָפּען כח און א שטיקעל פאַרשטאַנד... וואו־הין אבער געהט מען?

דאָס איז שוין לאַנג געווען באַשלאָסען: „אַלץ אַריינוואַרפען אין וואַסער אַריין, און א סוף מיט אַן עק". אַזוי האָט ער באַשלאָסען ביי־נאַכט נאָך, אין היץ, אין יענע מאָמענטען ווען ער האָט זיך אייניגע מאָל — ער געדענקט עס — געפּרובט אויפשטעהן און זיך לאָזען געהן: „שנעלער, און אַלץ אַרויסוואַרפען". נאָר עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אַרויסוואַרפען איז ניט פון די גרינגע זאַכען.

ער האָט זיך געבלאָנקעט אויף'ן ברעג פון יעקאַטערינאַ־קאַנאַל שוין ביי א האַלבע שעה, און אפשר נאָך מעהר, און האָט אייניגע מאָל אַראָפּגעקוקט אויף די שטיגען צום רינשטאָק אַראָפּ, וואו ער פלעגט זיי נאָר טרעפען אבער וועגען אויספיהרען זייז באַשלוס האָט אפילו קיין קלער ניט געקענט זיין: סאַמע ביי די שטיגען זיינען אָדער געווען בריקלעך, וואו וועשערנים האָבען וועש געוואַשען, אָדער עס זיינען גע־שטאַנען צוגעבונדען שיפלעך, און אומעטום האָט געשוויבעלט און גע־גריבעלט נאָך מיט מענשען, און פון אומעטום, פון ברעג, פון אַלע זייַ־טען קען מען נאָך דערזעהן: עס איז דאָך זעהר פאַרדעכטיג, וואָס איי־נער א מענש געהט בכיון אַראָפּ, בלייבט שטעהן און הויבט עפּעס אָן צו וואַרפען אין וואַסער אַריין און ווי וועט זיין, אַז די שיידלעך וועלען ניט אַראָפּ צום גרונד, און וועלען נעהמען שווימען? געוויס אַזוי, איט־ליכער קען דערזעהן, אַלע קוקען שוין אַזוי אויך אויף איהם, ווען מען באַגעגענט זיך מיט איהם, זיי באַטראַכטען איהם, גלייך ווי זיי וואָלטען אויסער איהם קיינע געשעפטען ניט געהאַט, — „וואָס קען דאָס זיין. אָדער אפשר דאַכט זיך דאָס מיר נאָר", האָט ער געטראַכט.

ענדליך איז איהם איינגעפאַלען, צי ס'וועט ניט זיין פיעל גליי־כער אַוועקגעהן ערגעץ אויף דער נעווא? דאָרט איז ניט אַזאַ גרויסער עולם, ניט אַזוי קענטיג, אַלענפאַלס איז דאָרט א סך באַקוועמער, און דער עיקר איז, וואָס ס'איז ווייטער פון זיינע גאַסען. און פּלוצלונג איז איהם געוואָרען א גרויסער חדוש: ווי אַזוי האָט ער זיך עס אַרומגע־שלעפּט א גאַנצע האַלבע שעה אַזוי פאַר'יאוש'ט און צוטראָגען און נאָך אין אַזעלכע געפעהרליכע ערטער. און ס'איז איהם גאָרניט איינ־געפאַלען אַזאַ געדאַנק. און נאָך דערפאַר האָט ער גע'פּטר'ט א גאַנצע האַלבע שעה אויף אַן אַרויסגעוואָרפענע זאַך, ווייל ער האָט שוין איינ־

מאָל אזוי געהאַט באַשלאָסען שלאָפענדיגערהייד, אין א קאַשמאר! ער איז געוואָרען אונגעוועהנליך צוטראָגען און צושטרייט, און ער האָט עס געוואוסט. מען האָט זיך געדאַרפט צואיילען ווי געהעריג איז!

ער האָט זיך געלאָזט געהן צו דער נעווא איבער דעם וו—ער פּראָספּעקט: נאָר אין וועג איז איהם פּלוצלונג איינגעפאלען נאָך א געדאנק! „וואָס עפּעס אויף דער נעווא? וואָס עפּעס אין וואסער אַריין? איז אפשר אמאָל ניט גלייכער אוועקצולאָזען זיך ערגעץ ווייטוויט, כאָטש ווידער אויף די „אינזלען", און דאָרט ערגעץ פארגראָבען דאָס אין א פארוואָרפענעם ווינקעל, אין וואלד, אונטער א קוסט, און מאכען א סימן אויף דעם בוים?" און כאָטש ער האָט געפיהלט, אז ער איז איצט ניט אימשטאַנד צו באַטראַכטען די זאַך ווי געהעריג איז, דאָך איז איהם דער געדאנק אויסגעקומען פאר זעהר ריכטיג.

נאָר איהם איז ניט באַשערט געווען אפילו צוצוקומען צו די „אינזלען": עס האָט זיך אויסגעלאָזט גאָר עפּעס אנדערש: ארויסגעקומען פון וו—ער פּראָספּעקט אויפ'ן פּלאַץ, האָט ער פּלוצלונג דערזעהן לינקס אַ ארייננגאַנג אין א הויף, ארומגעשטעלט פון אלע זייטען מיט הויכע ווענט. רעכטס, פון טויער אַן, האָט זיך ווייט אין הויף אריין געצויגען א געמויערטע נים־געקאַלכטע וואַנד פון דעם דערבייאיגען פיערשטאָקיגען הויז. לינקס אויך פון טויער אַן און פונקט אנטקעגען דער געמויערטער וואַנד איז געווען א הילצערנער פּארקאַן, וואָס האָט זיך געצויגען אויף א טריט צוואַנציג אין הויף אריין און האָט זיך דערנאָך מיט אמאָל פארנומען אויף לינקס. דאָס איז געווען א פארוואָרפּענער אָפּגעצאַמטער אָרט, וואו ס'איז געווען אָנגעלעגט פארשידענע מאַטעריאלען. ווייטער, טיעף אין הויף אריין, האָט ארויסגעקוקט פון אונטער'ן פּארקאַן א ראָג פון א נידעריגען, פאררויכערטען געמויערטען שייער, אפּנים עפּעס א ווערקשטאָט. דאָ איז קענטיג געווען א פאַבריקעל פון קארעטען, צי א שלאָסער־ווערקשטאָט, צי עפּעס אנדערש פון דעם מין: אומעטום, פון דעם טויער אַן, האָט זיך געזעהן זעהר פיעל שוואַרצער קויהלען־שטויב. „אָט אהערצו אונטערוואָרפען און אוועקגעהן!" איז איהם פּלוצלונג איינגעפאלען. ניט זעהענדיג קיינעם אין הויף, האָט ער זיך דורכגע'גנב'עט דורכ'ן טויער און האָט גלייך באַמערקט, דאָ טאַקע נעבען טויער, א רינע וואָס איז געווען דורכגעלעגט ביים פּארקאַן ,ווי עס ווערט געוועהנליך געמאַכט אין אזוינע הוי־

פען, וואו ס'איז דאָ א סך פאבריק־ארבייטער, ארטעל־בעלי־מלאכות, פוהרמאנעס א. ד. גל.) : איבער דער רינע דאָ טאקע אויפ'ן פארקאן איז געווען אָנגעשריבען מיט קרייד, ווי דער שטייגער איז אין אזוינע ערטער : „דאָ צו שטיין איז פארבאָטון". אַלזאָ איז דאָך דאָס א מעלה, ווייל עס ערוועקט ניט קיין שום חשד, וואָס ער איז אריין און איז שטעהן געבליבען. „דאָ טאקע אלץ מיט אמאָל אראָפּוואַרפען ערגעץ אין א קופּע און אוועקגעהן !"

ער האָט זיך נאָכאמאָל ארומגעקוקט און האָט שוין געוועזט ארייג־געשטעקט די האנט אין קעשענע אריין, — נאָר פּלוצלונג האָט ער דער־זעהר הארט נעבען דער דרויסענדיגער וואנט, צווישען דעם טויער און דער רינע, וואָס צווישען זיי איז די ברייט געווען ניט מעהר ווי אן ארשין, א גרויסען ניט־ארומגעהאקטען שטיין, אן ערך אנדערטהאלבען פּוד די וואָג, וואָס איז אזוי ווי צוגעוואקסען צו דער געמויערטער וואנד, וועלכע איז ארויסגעקומען צו דער גאס צו. הינטער דער דאָזיגער וואנט איז געווען א גאס, א טראָטואר. מען האָט געהערט, ווי עס האָבען זיך ארומגעדרעהט פוסגעהער, וואָס זיינען דאָ שטענדיג פארהאַן א היבש ביסעל : נאָר פון הינטער'ן טויער האָט איהם קיינער ניט געקענט דער־זעהן, סיידען עמיצער וואָלט אהער אריינקומען פון גאס, וואָס דאָס איז אייגענטליך געווען זעהר מעגליך, דעריבער האָט מען זיך געמוזט צו־איילען.

ער האָט זיך איינגעבויגען צום שטיין, זיך פעסט מיטביידע הענט, א נעהם געטאָן פאר זיין שפּיץ און האָט קוים מיט אלע כחות איהם איבערגעקעהרט. אונטער'ן שטיין האָט זיך געעפענט א קליין גריבעל : ער האָט גלייך גענומען שליידערן אהינצו אלצדינג פון די קעשענעס. די בייטעל האָט ער אוועקגעלעגט שוין גאָר אויבען, דאָך איז אין דעם גריבעל געבליבען נאָך אָרט. דערנאָך האָט ער זיך ווידער א נעם געטאָן פאר'ן שטיין, מיט איין קעהר איהם ווידער איבערגע־דרעהט אויף די פריהערדיגע זייט, און ער איז צוגעקומען פּונקט ווי געווען, ניט מעהר ער האָט אפשר א האָהרעלע אויסגעוויזען העכער. נאָר ער האָט אונטערגעשארט אביסעל ערד און צוגעטראָטען ביי די זייטען מיט'ן פוס. ס'איז גאָר ניט געווען קענטיג.

דאַן איז ער ארויס און האָט זיך געלאָזט געהן צום פּלאץ צו. פּונקט ווי פריהער אין דער קאנצעלאריע, האָט איהם איצט ווידער אויף

איין אויגענבליק באהערשט א שטאַרקע קוים ערטרעגליכע פרייד. „פארבארגען אלץ, וואס קען אויף א חשד ארויפברייננגען! און וועמען. וועמען קען עס גאר ארויפקומען אויפ׳ן זינען צו זוכען אונטער דעם דאָזיגען שטיין? ער ליגט דא אפשר פון זינט דאס הויז איז אויסגע־בויט געווארען און וועט נאכאמאל אזוי פיעל אפליעגען. און ווען מען זאל אפילו געפינען: ווער וועט אויף מיר קלערען? א סוף! נישטא מעהר קיין באווייזען געגען מיר!" און ער האט זיך צולאכט. יא, ער האט שפעטער געדענקט, אז ער האט זיך צולאכט מיט א נערוועזען, דראבנעם, שטילען לאנגען געלעכטער און האט געהאלטען אין איין לאכען די גאנצע צייט, וואס ער איז געגאנגען דורך דעם פלאץ. ווען ער איז אבער ארויפגעקומען אויפ׳ן בולוואר, וואו ער האט זיך אייער־נעכטען געטראפען מיט יענעם מיידעלע, איז איהם דאס געלעכטער גלייך פאריבער. אנדערע געדאנקען האבען איהם אנגעהויבען קריכען אין קאפ אריין. איהם איז פלוצלונג אויך אויסגעקומען, אז עס עקעלט איהם שרעקליך פארבייצוגעהן יענע באנק, אויף וועלכער ער איז דאַ־מאלס געזעסען, נאך דעם מיידעלעס אוועקגעהן, געזעסען און געטראכט, און אז איהם וועט זיין שרעקליך שווער ווידער צו טרעפען זיך מיט יענעם פאליציאנט, וועלכען ער האט דאמאלס געגעבען א פיערציגער: „געהט ער צום טייוועל!"

ער איז געגאנגען, ווארפענדיג ארום זיך צושטרייטע און בייזע בליקען. אלע געדאנקען זיינע האבען זיך איצט געדרעהט ארום עפעס איינעם א הויפט־פונקט, — און ער האט אליין געפיהלט, אז ס׳איז פארהאן דא אזא הויפט־פונקט, און אז איצט, גראד איצט, איז ער גע־בליבען אויג אויף אויג מיט דעם דאזיגען הויפט־פונקט, — און אז דאס טרעפט מיט איהם זאגאר דאס ערשטע מאל פאר די גאנצע צוויי חדשים.

„געהט עס אלעס צום טייוועל!" האט ער פלוצלונג א טראכט גע־טאן, געכאפט פון אן אונענדליכען ווילדען צארן. „נו, מילא, אנגע־הויבען זיך איז אנגעהויבען זיך, צו אלדי טייוועל מעג עס געהן, דאס נייע לעבען אויך אפילו! א, גאט מיינער, ווי נאריש דאס איז!... וואס מיאוס׳ע ליגענס איך האב עס היינט אנדערצעהלט! ווי שענדליך איך האב זיך דאס פריהער געלעקט און גע׳חנ׳עט דעם נידריגען איליא פעטראוויטש׳ן! איבריגענס איז עס אויך ווערט א ציבעלע! איך שפיי

אויף זיי אויף אַלעמען און אויך אויף מיין לעקען זיך און חנפ'ענען!
ס'איז גאָר ניט דאָס, גאָר ניט דאָס!"

פלוצלונג איז ער שטעהן געבליבען: א נייע, גאָר אַן אומגעריכטע און זעהר אַן איינפאַכע פראַגע האָט איהם פלוצלונג אינגאַנצען צור־טומעלט און איין איהם ערוועקט א פאַרביטערטע פאַרוואונדערונג:

„אויב דער גאַנצער עניין איז אין דער אמת'ן געמאַכט געוועזן מיט שכל, ניט גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין, משוגע'נערווייז, אויב דו האָסט ווירקליך געהאַט א באַשטימטעס און פעסטעס ציעל, טאָ ווי אזוי זשע האָסטו נאָך ביז איצט אפילו ניט א קוק געטאָן אין בייטעל אריין, און דו ווייסט ניט, וואָס דיר איז אַנגעקומען און צוליעב וואָס האָסטו זיך אַנגענומען מיט אזוי פיעל יסורים און באַוואוסטזיניג געגאַנגען אויף אזא מיאוס'ע, שענדליכע, נידערטרעכטיגע זאַך? דו האָסט דאָך גאָר געוואָלט איין וואַסער אריינוואַרפען, דעם בייטעל, הייסט עס, צו־זאַמען מיט אַלע איבריגע זאַכען, וועלכע דו האָסט אויך ניט אַנגעקוקט אפילו... איז וואָס זשע באַטייט עס?"

יאָ, ס'איז אזוי, ס'איז אַלצדינג אזוי. איבריגענס האָט ער עס אויך פריהער געוואוסט און ס'איז גאָר פאַר איהם קיין נייע פראַגע ניט, און ווען ביינאַכט איז עס באַשלאָסען געוואָרען אָהן קיינע קווענקלע־ניש און ספקות, גלאַט אזוי, גלייך ווי אזוי דאַרף עס זיין, גלייך ווי אַנ־דערש קען עס גאָר ניט זיין... יאָ, ער האָט עס אַלץ געוואוסט און אַלץ פאַרשטאַנען. שוין כמעט נעכטען נאָך איז אזוי געווען באַשלאָסען, אין יענער ווײַלע, ווען ער איז געזעסען איבער'ן קעסטעל און האָט פון דאָרט שיידליך געשלעפּט... ס'איז דאָך אזוי!...

„דאָס נעהמט זיך דערפון, ווייל איך בין קראַנק", האָט ער ענדליך באַשלאָסען מיט א מין פאַרביטערטקייט, — „און איך האָב מיך אליין פאַרמאַטערט און געפּייניגט, און ווייס אליין ניט וואָס איך טו... אי נעכטען, אי אייערנעכטען, אי די גאַנצע צייט האָב איך זיך געפּייניגט... איך וועל געזונד ווערען... וועל איך זיך מעהר ניט פּייניגען... און ווי וועט זיין, אז איך וועל גאָר ניט געזונד ווערען! גאָט מיינער, ווי דאָס איז מיר אַלץ דערעסען געוואָרען!..." ער איז געגאַנגען, זיך ניט אָפּ־שטעלענדיג, איהם האָט זיך שרעקליך געוואָלט, ווי עס איז, זיך צו צור־שטרייען, נאָר ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און וואָס אַנהויבען צו טאָן. עפּעס א נייעס מעכטיגעס געפיהל האָט איהם מיט יעדער

רגע געגומען אַלץ מעהר און מעהר צו באהערשען: דאָס איז געווען עפּעס אַן אונענדליכער, כּמעט פיזישער עקעל צו אַלעם און אַלעמען. וואָס ער האָט באַגעגנט, — אַ פאַרביסענער, בייזער און פיינדלידער. איהם האָט געעקעלט פון אַלע פאַרבייגעהער, — געעקעלט פון זייערע פּנים׳ער, פון זייער גאַנג, פון זייערע באַוועגונגען. ווען איינער הויבט מיט איהם אָן צו ריידען, וואָלט ער איהם, דאַכט זיך, אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אַריין, וואָלט אהים בייסען געגומען...

אַרויסגעקומען אויפ׳ן גראַניט-ברעג פון דער קליינער נעווא, אויף דעם וואַסילי-אינזעל, נעבען בריק, איז ער פּלוצלונג שטעהן געבליבען. „אָט דאָ וואוינט ער, אין דעם מויער“, — איז איהם איינגעפאַלען, — „וואָס איז דאָס, כ׳לעבען, איך בין ווידער געקומען צו ראַזומיכינען! ווידער די אייגענע געשיכטע, אַזוי ווי דאַמאָלס... פונדעסטוועגען וואָלט איך זיין אַ בעלן צו וויסען: בין איך אַליין געקומען, אָדער איך בין זיך גלאָט אַזוי געגאַנגען און פאַרגאַנגען אהערצו? סיי ווי סיי, האָב איך געזאָגט... אייערנעכטען... אז איך וועל צו איהם געהן אויף מאָר־גען נאָך י ע נ ע ר ז אַ ך: נו, איז וואָס איז דאָרט אַזוי, איך וועל טאַקע געהן! אַ טייערע זאַך, אַזוי ווי מען וואָלט גאָר איצט ניט געקענט אַריינגעהן...“

ער איז אַרויף צו ראַזומיכינען אויפ׳ן פינפטען שטאָק.

ראַזומוכין איז געווען אין דער היים, אין זיין חדר׳ל. ער איז אין דער דאָזיגער ווייַלע געווען פאַרנומען, האָט געשריבען, און ער האָט איהם אַליין געעפענט די טהיר. ראַזומיכין איז געזעסען ביי זיך אין אַן אָפּגעטראָגענעם טראַנטעוואַטען כאַלאַט, אין פּאַנטאָפעל אויף באָר־פוסע פיס, אַ צושויבערטער, אַ פאַרוואַקסענער און ניט קיין איינגע־וואַשענער. אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזען אַן אויסדרוק פון איבער־ראַשונג.

— וואָס איז דאָס מיט דיר? — האָט ער אויסגעשריען, באַ־טראַכטענדיג פון קאָפּ ביז די פיס דעם אַריינגעקומענעם חבר; ער איז אויף אַ קליינע ווייַלע אַנטשוויגען געוואָרען און אַ פייף געטאָן.

— האַלט עס דען שוין טאַקע אַזוי שמאָל? דו האָסט אָבער ברוּ־דער־לעבען, אַריבערגעיאָגט אַפילו אַ נאַש-בראַט, — האָט ער צוגע־געבען, באַטראַכטענדיג ראַסקאָלניקאָווס טראַנטעס. — אָבער וואָס שטעהסטו, זעץ זיך, ביסט אַפּנים גוט מיעד, אַיאָ?

און ווען יענער איז אנידערגעפאלען אויף זיין טערקישען סאראַ־טענעם דיוואַן, וואָס איז נאָך געווען ערגער פון זיין אייגענעם, האָט ראַזומיכין פלוצלונג דערזעהן, אַז דער גאַסט זיינער איז קראַנק.

— דו ביזט דאָך טאַקע אויף אַן אמת קראַנק, ווייסטו עס צי ניט?

ער האָט גענומען טאַפּען דעם דופק; ראַסקאָלניקאָוו האָט ארויס־געריסען די האַנט.

— מען דאַרף ניט, — האָט ער געזאָגט, — איך בין געקומען... אַט וואָס: איך האָב קיין איין לעקציע ניט... איך האָב געוואָלט... איבריגענס דאַרף איך גאָר ניט האָבען קיין לעקציעס...

— דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען? דו רעדסט דאָך פון היץ! — האָט געזאָגט ראַזומיכין, וואָס האָט פון איהם די גאַנצע צייט קיין אויג ניט אראָפּגענומען.

— ניין, ניט פון היץ...

ראַסקאָלניקאָוו איז אויפגעשטאַנען פון דיוואַן. ארויפגעהענדיג צו ראַזומיכינען, האָט ער אפּנים ניט אַ קלער געטאָן וועגען דעם, אַז ער וועט זיך מוזען מיט איהם טרעפען פּנים אל פּנים. איצט אבער, אַז ער האָט זיך מיט איהם יאָ געטראָפען, האָט ער אין איין אויגענבליק פאַרשטאַנען, אַז וועניגער ווי אלץ איז ער איצט געשטימט צו באגע־גענען זיך מיט וועמען עס זאָל ניט זיין פּנים אל פּנים. די גאַנצע גאַל האָט זיך אין איהם אויפגעהויבען. ער האָט אַזש דעם אָטעם ניט געקענט כאַפּען אין דעם ווילדען כעס אויף זיך אליין, ווי נאָר ער האָט איבערגעטרעטען ראַזומיכינס שוועל.

— זיי געזונד! — האָט ער פלוצלונג געזאָגט און זיך געלאָזט צו דער טהיר צו.

— הער נאָר, וואַרט אַ ווײַלע, וואַרט, משוגע'נער!

— מען דאַרף ניט!... — האָט יענער איבערגע'חזר'ט, ווידער ארויסרייסענדיג די האַנט.

— אויב אַזוי, טאָ וואָסער שוואַרציאָהר האָט דיך אַנגעטראָגען אהער? ביסט פון זינען אראָפּ, צי וואָס? דאָס איז דאָך... כמעט ווי אַ באַליידיגונג איך וועל דיך אַזוי ניט לאָזען.

— נו, הער זשע: איך בין צו דיר געקומען דערפאַר, ווייל אויסער דיר קען איך קיינעם ניט, וואָס זאָל מיר העלפען... אַנהויבען... ווייל דו

ביסט בעסער פאַר זיי אַלעמען, ד. ה. קליגער, און קענסט זיך איבער־לעגען... און איצט זעה איך, אַז איך דאַרף גאָרנישט, דו הערסט, אָבער טאַקע גאָרנישט... קיינעמס טובות ניט, קיינעמס מיטגעפיהל... איך בין פאַר זיך... אַליין... נו, און דאָס גאָר! און לאָזט מיך צו־רוה!

— וואַרט אַ ווײַלע, דו קוימענקעהרער איינער! דו ביסט דאָך גאָר משוגע! פון מיינטוועגען קענסט זיך טאָן ווי דו ווילסט. פאַרשטעהסט, קיין לעקציעס האָב איך אויך ניט, נאָר דאָס אַרט מיך גראָד ווי די וואַנד: אויפ'ן אַלטען מאַרק איז דאָ איינער אַ בוכהענדלער, חערואַוויר־מאָוו, איז דאָס ביי מיר אַן אמת'ע שמאַלצגרוב... איך וועל איהם איצט ניט פאַרבייטען אויף פינף לעקציעס ביי סוחרים אין די הייזער. ער מאַכט עפּעס אַזעלכע אויסגאַבען און גיט אַרויס נאַטורוויסענשאַפטלי־כע ביכלאַך, — וואָלסט וויסען, ווי מען צוכאַפּט זיי! די נעמען אַליין זיינען טאַקע נאָר אויף חדושים! זעהסט, פלעגסט שטענדיג טענה'ן, אַז איך בין אַ שוטה! און איצט איז ער גאָר געוואָרען אַ געהויבענער מענש און וויל אַרויסגעבען ביכלעך מיט אַ געוויסער ריכטונג! אַליין איז דאָס אַן עם־הארץ איינער אין דער וועלט. נו, און איך, פאַרשטעהסט זיך, גיב איהם נאָך אונטער חשק. אָט האָסטו דאָ מעהר ווי פון צוויי בויגען אַ דייטש ביכעל: — לויט מיין מיינונג איז דאָס ניט מעהר ווי נאַרישע פּלוידעריי: מיט איין וואָרט, — דאָ ווערט באַטראַכט די פראַגע, צי איז די פרוי אַ מענש אָדער ניט קיין מענש? נו, פאַר־שטעהט זיך, עס ווערט באַשיינפערלעך דערוויזען, אַז יאָ אַ מענש. חע־רואַווימאָוו איז דערויף אַ בעלן, ווייל ס'האָט צו טאָן מיט דער פרויען־פראַגע: איך זעץ עס איבער: ער וועט צושמירען די דאָזיגע דריט־האַלבען בויגען אויף אַ בויגען זעקס, מיר וועלען צוטראַכטען עפּעס אַ קנאַקענדיגען נאָמען, אויף אַ האַלבער זייט, און מיר'ן עס אַרויסלאָ־זען צו האַלבע קערבלעך אַ שטיק. ס'וועט געהן! פאַר דער איבער־זעצונג צאָהלט ער מיר זעקס קאַרבען פון בויגען, אַלזאָ וועט פאַר דאָס גאַנצע ווערק זיין אַ רובל פופצעהן, און זעקס רובל האָב איך גע־נומען אין אַוואַנס. מיר וועלען דערמיט פאַרטיג ווערען, וועלען מיר נעהמען איבערזעצען וועגען פיפערנאַטערס, דערנאָך האָבען מיר פאַר־צייכענט עפּעס זעהר לאַנגווייליגע פּלוידעריי פון דעם צווייטען טייל „קאָנפעססיאָנס“, — אויך צום איבערזעצען; חערואַווימאָוו'ן האָט איינער געזאָגט, אַז רוססאָ איז דאָס אַ מין ראַדישטשעוו להבדיל. נאָ־

טירליך לייקען איך עס איהם ניט, כאַפּט איהם דער רוח! נו, ווילסט דו איבערזעצען דעם צווייטען בויגען פון דעם ווערק „א י ז ד י פ ר ו י א מ ע נ ש?“ אויב דו ווילסט, נעהם גלייך טעקסט, נעהם פּענעס, פּאַפּיר — דאָס איז אַלץ „קאַזיאָנע“ — און נעהם דריי רובל: אזוי ווי איך האָב גענומען אַ אוואַנס פאַר דער גאַנצער איבערזעצונג, קומט טאַקע אויס אויף דיין חלק דריי רובל. ווען דו מאַכען דעם בויגען, כאַפּסטו נאָך דריי קאַרבען. יאָ, אַט וואָס איך וועל דיר נאָך זאָגען, זאָלסט עס נאָר ניט האַלטען פאַר אַ טובה פון מיין זייט. אדרבה, ווי נאָר דו ביסט אריינגעקומען, האָב איך גלייך באַרעכענט, מיט וואָס דו וועסט מיר נוצען ברייגנען. ערשטענס הינקט ביי מיר שטאַרק צו דאָס אויסלעגעכטס, און צווייטענס בין איך טאַקע שוואַכליך אין דער דייטשער עברי, און איך טראַכט אויס מעהר פון קאָפּ. מיין איינציגער טרייסט איז נאָר דאָס, וואָס דערפאַר קומט עס אויס נאָך בעסער. און צוריקריידענדיג קומט אפשר אויס ניט בעסער, נאָר טאַקע ערגער אַ קשיא אויף אַ מעשה... אַלזאָ נעהמסטו צי נישט?

ראַסקאַלניקאָוו האָט שווייגענדיג גענומען די דייטשע בלעטלעך פון דער איבערזעצונג, האָט גענומען די דריי רובל און איז ארויס, אַ וואָרט ניט צו ריידען. ראַזומיכין האָט איהם פאַרוואונדערט נאָכגעקוקט. נאָר צוקומענדיג שוין צו דער „ערשטער ליניע“, האָט ראַסקאַלניקאָוו זיך פּלוצלונג אומגעקעהרט, איז ווידער ארויף צו ראַזומיכינען, אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש אי די דייטשע בלעטלעך אי די דריי רובל און איז ארויס, ווידער אָהן אַ וואָרט צו זאָגען.

— דו האָסט דאָך דאָס ווייסע פיבער, צי וואָס? — האָט פּלוצלונג ארויסגעדונערט ראַזומיכין, וואָס איז ענדליך אריינגעקומען אין רציחה. — וואָס פר אַ שטיק פּראָווועסטו דאָס! אפילו מיר האָסטו צומישט די געדאַנקען... וואָס זשע ביסטו אויף אזאַ אופן געקומען, משוגע'נער הונד!

— מען דאַרף ניט... קיין איבערזעצונגען.. — האָט ראַסקאַלניקאָוו ארויסגעשטאַמעלט, שוין געהענדיג פון די טרעפּ אַראָפּ.

— טאָ וועלכען שוואַרציאָהר דאַרפסטו יאָ האָבען, צו אַלדי טייוועל? — האָט ראַזומיכין אַ געשריי געטאָן פון אויבען.

ראַסקאַלניקאָוו האָט ניט געענטפערט און איז געגאַנגען ווייטער.

— הער נאַר, דו, וואו וואוינסטו?

— קיין ענטפער איז ניט געקומען.

—נו, טאַ כאַפּט דיך דער רוח—ח—ח!..

ראסקאָלניקאָוו איז שוין אַבער אַרויס אויף דער גאַס. אויף דעם ניקאָלאַי־בריק איז איהם ווידעראַמאָל אויסגעקומען אינגאַנצען צו זיך צו קומען צוליעב זעהר אַן אונאַנגענעהמען צופאַל. ער האָט גע־כאַפּט אַ נישקשה'דיגען שמיץ איבער'ן רוקען פון אַ קוטשער, דערפאַר וואָס ער איז שיער ניט אונטערגעפאַלען אונטער דער קאַרעטע, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דער קוטשער האָט צו איהר אַמאָל דריי צו פיער געשריען. דער שמיץ מיט'ן בייטש האָט איהם אַזוי בייז גע־מאַכט, אַז ער איז אַפּגעשפּרונגען צו די פאַרענצען (איין גאָט ווייס, פאַרוואָס איז ער עפּעס געגאַנגען איבער'ן רעכטען מיטען בריק, וואו מען פאָהרט, ניט מען געהט), האָט מיט כעס צונויפגעקריצט מיט די צייהן. וועלכע האָבען איהם גענומען קלאַפּען איינער אַן דעם אַנדערן. אַרום האָט מען נאַטירליך געלאַכט אויפ'ן קול.

— אַ מצוה אויף איהם!

— עפּעס אַ מין שנאָרער!

— מען קיין זיי די דאָזיגע פייגע בריות. מאַכען זיך פאַר שכור און קריכען מיט אַ כיון אונטער די רעדער, און נאָכדעם גיה האָב מיט איהם אַ געשעפט.

— דאָס איז זייער מלאכה, מיין טייערער, זייער מלאכה...

נאָר אין דעמזעלבען אויגענבליק, וואָס ער איז אַזוי געשטאַ־נען ביים פאַרענץ און האָט נאָך אַלץ באַגלייט די פאַרשוואונדענע קאַ־רעטע מיט אומזיניגע און בייזע, פיינדליכע בליקען, האַלטענדיג זיך ביים רוקען, האָט ער פּלוצלונג דערפיהלט, אַז עמיצער שטופּט איהם געלט אין האַנט אַריין. ער האָט אַ קוק געטאָן: אַ באַיאָהרענטע „קופּטשיכע" אין אַ הייבעל און אין שיך פון ציגען־פעל, מיט איהרם אַ מיידעל, אין אַ היטעלע, און מיט אַ גרינעם שירם, קענטיג אַ טאָכ־טער. „דיין זכות זאָל אונז ביישטעהן." ער האָט צוגענומען די נדבה, און זיי זיינען אַוועק. ס'איז געווען אַ פיערציגער. נאָך די קליידער זיינע און נאָך זיין גאַנצען אויסזעהן האָבען זיי איהם זעהר לייכט געקענט אָננעהמען פאַר אַן אָרימאַן, פאַר אַן אמת'ן שלעפּער, וואָס בעטעלט גראָשענס אויף דער גאַס; און דאָס וואָס זיי האָבען איהם

געגעבען א פיערציגער, האט ער מסתמא געהאט צו פארדאנקען דעם שמיץ מיט'ן בייטש, וואס האט אין זיי ערוועקט א רחמנות צו איהם.

ער האט פארקוועטשט דעם פיערציגער אין דער האנט, איז אפ א טריט צעהן און זיך אפגעקעהרט מיט'ן פנים צו דער נעווא, צום פאלאץ צו. אויף דעם הימעל איז ניט געווען קיין ברעקעל וואלקענדעל, און דאס וואסער איז געווען כמעט הימעל־בלוי, וואס דאס טרעפט אזוי זעלטען אויף דער נעווא. דאס געוועלבט פון דעם סאבאר, וואס מען זעהט איהם אין ערגעץ ניט בעסער ווי דא אויפ'ן בריק, ביי א טריט צוואנציג פון א קליין קלויסטערל, האט געשעמערירט און געפונקעלט, און דורך דער לויטערער לופט האט מען געקענט דייטליך זעהן אפילו די קלענסטע באפוצונג פון סאבאר. דער וועהטאג פון דעם בייטש האט אויפגעהערט, און ראסקאלניקאוו האט פארגעסען אז דעם קלאפ. אן אונרוהיגער און ניט גאר דייטליכער געדאנק האט איהם איצט זעהר פאראינטערעסירט. ער איז געשטאנען און האט ניט אראפגענומען זיין לאנגען שארפען בליק פון דער וויטעניש: דער דאזיגער ארט איז איהם געווען באזונדערס באקאנט. בשעת ער איז נאך געגאנגען אין אוניווערזיטעט, פלעגט איהם געוועהנליך אויסקומען — איבערהויפט צוריקוועגס אהיים — אפשר אמאל הונדערט צו אפשטעלען זיך פונקט אויף דעמזעלביגען ארט: ער פלעגט איינשפיזען זיין בליק אין דער דאזיגער הערליכער פאנאראמע, און איטליכס מאל פלעגט איהם זעהר וואונדערן איינער אן איינדרוק זיינער, א טונקעלער און ניט־דייטליכער. מיט א מאדנער קעלט האט עס אויף איהם שטענדיג געהויכט פון דער דאזיגער הערליכער פאנאראמע: מיט א שטומען און טויבען גייסט האט אויף איהם געוועהט דאס דאזיגע וואונדערליך־שענע בילד... געוואונדערט האט ער זיך איטליכס מאל איבער זיין טונקעלען געהיימניספולען איינדרוק און ניט גלויבענדיג זיך אליין, האט ער אפגעלעגט אויף שפעטער צו אפגעבען זיך א רעכענונג, וואס איז דאס פאר אן איינדרוק. איצט האט ער פלוצלונג דייטליך זיך דערמאהנט אין זיינע אלע פריהעריגע פראגען און ספקות, און ס'האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז ניט גלאט אזוי זיך האט ער זיך איצט דערמאנט אין זיינע אלע פריהעריגע פראגען און ספקות, און ס'האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז ניט גלאט אזוי זיך האט ער זיך איצט דערמאהנט אין זיי. שוין דאס אליין איז איהם אויסגעקומען מאדנע און ווילד.

וואס ער איז געבליבען שטעהן פונקט אויף דעמזעלבען ארט, ווי פריהער, גלייך ווי ער וואלט אין דער אמת'ן מיינען, אז ער קען איצט וועגען דעם טראכטען פונקט אזוי, ווי פריהער, און אז ער קען זיך אינטערעסירען מיט די זעלבע טעמעס און בילדער, מיט וועלכע ער האט זיך אינטערעסירט... נאך דא ערשט ניט־לאנג. ער האט זיך אזש שיער ניט צולאכט, און אין דערזעלבער צייט האט איהם שמערצליך פארקלעמט דאס הארץ. ערגעץ טיעף־טיעף, אונטען, עפעס גלייך ווי אונטער די פיס, האט זיך איהם איצט אויסגעדאכט די דאזיגע פריהעריגע פארגאנגענהייט, און די פריהעריגע געדאנקען, און די פריהעריגע אויפגאבען, און די פריהעריגע טעמען, און די פריהעריגע איינדריקען, און דאס גאנצע בילד דאס דאזיגע, און ער אליין, און אלעס, אלעס... ס'האט אויסגעוויזען, אז ער איז געפלויגען ערגעץ אין דער הויך און אלץ איז פארשוואונדען פון זיינע אויגען... ער האט עפעס אומגערן א מאך געטאן מיט דער האנט און האט פלוצלונג דערפיהלט אין דער צונויפגעדריקטער האנט דעם פארקוועטשטען פיערציגער. ער האט אויפגעעפענט די האנט, האט דורכגעדרונגען די מטבע מיט זיין בליק און האט זי א שליידער געטאן אין וואסער אריין: דערנאך האט ער זיך אפגעקערט און איז אוועק אהיים. איהם האט זיך אויסגעדאכט, גלייך ווי ער האט זיך אליין איצט מיט א שער אפגעשניטען פון אלץ און פון אלעמען.

ער איז געקומען אהיים שוין פארנאכטליך, אלזא איז ער דורכגעגאנגען א שעה זעקס. דורך וואנען און ווי אזוי ער איז געגאנגען צוריק — דאס האט ער ניט אנגעהויבען צו געדענקען. זיך אויסגעטאן און טרייסלענדיג זיך, אזוי ווי אן איבערגעטריבען פערד, האט ער זיך געלעגט אויפ'ן דיוואן, זיך צוגעדעקט מיט'ן שינעל און איז גלייך אריינגעפאלען אין א שעווערען שלאף.

ער האט זיך אויפגעכאפט, ווען עס איז שוין געווען רעכט פינסטער, פון א שרעקליכען געשריי גאט אין הימעל! וואס איז דאס פאר א געשריי? אזעלכע אוננאטירליכע קולות, אזא געשריי, יאמער און קריצען מיט די צייהן, אזעלכע טרעהרען, קלעפ און זידלעריי האט ער נאך קיינמאל ניט געהערט און ניט געזעהן. ער האט אפילו זיך ניט געקענט פארשטעלען אזא ווילדקייט, אזא רציחה. טויט ־ דערשראקען האט ער זיך עטוואס אויפגעהויבען און זיך צוגעזעצט אויף זיין

געלעגער, אפשטארבענדיג איטליכע ווײלע מיט אלע זײנע אברים און אויסגעהענדיג פאר שרעק. נאָר דאָס געשלעג, די גוואַלדען און די זיד־לערײען זײנען געוואָרען אלץ שטארקער און שטארקער. און אָט האָט ער, צו זײן גרויס וואונדער, פּלוצלונג דערהערט זײן בעל־הבית'טעס קול. זי האָט געוואָיעט, געקוויטשעט, געקלאָגט, אײלענדיג, אויף דער גיך ארויסרײדענדיג די ווערטער, אזוי אז מען האָט גאָרנישט געקענט פארשטעהן, און האָט וועגען עפּעס געבעטען רחמים, — געװײס וועגען דעם, מען זאָל זי אויפהערען צו שלאָגען, ווײל מען האָט זי געשלאָגען אָהן רחמנות אויף די טרעפּ. דאָס קול פון דעם שלעגער איז געוואָרען אויף אזוי פיעל שרעקליך פון כעס און רציחה, אז ער האָט שוין נאָר געכריפּעט. דאָך אבער האָט דער שלעגער אויך עפּעס גערעדט, און אויך גיך־גיך, מיט'ן אויער ניט צו כאַפּען, אײלענדיג און זיך פארכלינענדיג. פּלוצלונג האָט ראַסקאָלניקאָוו אויפגעציטערט ווי א בלאַט: ער האָט דערקענט דאָס דאָזיגע קול; דאָס איז געווען איליא פּעטראָוויטשעס קול. איליא פּעטראָוויטש איז דאָ און שלאָגט די בעל־הבית'טע! ער טרעט זי מיט די פיס, קלאַפּט איהר דעם קאָפּ אָן די שטיגען, — דאָס איז קלאָר, דאָס דערקענט מען פון די קולות, פון די גוואַלדען, פון די קלעפּ. וואָס איז עס געשעהן? האָט זיך דען די וועלט איבערגעקעהרט, צי וואָס? עס האָט זיך געלאָזט הערען, ווי אויף אלע עטאַזשען, אויף אלע טרעפּ האָט זיך צונויפגעקליבען אָן עולם, עס האָבען זיך געהערט שטימען, אויסגעשרײען, מען איז געגאַנגען אויף די טרעפּ ארויף, געטופּעט מיט די פיס, געקלאַפּט מיט די טהירען, זיך צונויפגעלאָפען. „אבער פארוואָס, און ווי אזוי איז עס מעגליך!" האָט ער גע'חזר'ט און געגלויבט אויף אָן אמת, אז ער איז גאָר פון זינען אראָפּ. אבער נײן, ער הערט שוין צו דײטליך! הײסט עס אבער אז מען וועט צו איהם אויך באלד קומען, אויב אזוי, „ווײל ס'איז דאָך... מסתמא אלץ צוליעב י ע נ ע ר ז א ך... צוליעב דער נ ע כ ט י ג ע ר ז א ך... רבונו של עולם!" ער האָט שוין געוואָלט פארקײטלען די טהיר, האָט זיך איהם אבער די האַנט ניט אויפגעהויבען... און ס'וועט דען העלפען! א פחד האָט איהם ווי מיט אײז דאָס הארץ באַשלאָגען, און איהם פארמאַטערט, פארגליווערט... נאָר אָט האָט דאָס גאַנצע געפּילדער, וואָס האָט געדויערט גוטע צעהן מינוט, ביסלעכווײז גענומען שטיל ווערען. די בעל־הבית'טע האָט

געקרעכצט און געאויקעט. איליא פּעטראָוויטש האָט איהר נאָך אַלץ געשאָלטען און זיך געזידעלט... אָט איז ער ענדליך. דאַכט זיך, אויך אנטשוויגען געוואָרען: אָט הערט מען איהם שוין ניט מעהר; איז ער דען אוועק? רבונו של עולם!" און אָט געהט די בעל־הבית'טע אויך אוועק. נאָך אַלץ מיט קרעכצען און יללות... אָט האָט זיך שוין ביי איהר די טהיר פאַרמאַכט. אָט צוגעהט זיך דער עולם פון די טרעפּ אהיים. — מען אויקעט, מען שפּאַרט זיך, מען רופט איינער דעם אנדערען; דאָ ריידען זיי הויך אויפ'ן קול, אז ס'הילכט אזש אין די אויערן, און דאָ ריידען זיי שטיל מורמלענדיג. אפּנים ס'איז געווען זעהר פיעל מענשען; כמעט דער גאַנצער הויף איז זיך צונויפגעלאָפען. „אָבער גאָט מיינער, איז עס דען אַלץ מעגליך! און נאָך וואָס, נאָך וואָס איז ער געקומען אהערצו!"

ראַסקאָלניקאָוו איז אַהנמעכטיג אנידערגעפאַלען אויפ'ן דיוואַן, האָט שוין אָבער מיט אן אויג ניט געקענט צומאַכען; ער איז אָפּ־געלעגען ביי א האַלבע שעה אין אזוינע יסורים, אין אזא אונערטרעג־ליכען געפיהל פון אונענדליכער אימה, וועלכען ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט איבערגעלעבט. פּלוצלונג האָט א העלער שיין באַלויכטען זיין צימער: ס'איז אריינגעקומען נאַסטאַסיא מיט א ליכט און א טעַ־לער זופּ. דורכגעדרונגען איהם מיט איהר בליק און דערזעהן, אז ער שלאָפט ניט, האָט זי אוועקגעשטעלט דאָס ליכט אויפ'ן טיש און גע־נומען ארויסלעגען דאָס וואָס זי האָט געבראַכט: ברויט, זאַלץ, דעם טעלער, דעם לעפעל...

— פון נעכטען אָן אין מויל אודאי ניט געהאַט. א גאַנצען טאָג זיך ארומגעשלעפּט: דיך וואַרפט דאָך ווי אין קדחת.

— נאַסטאַסיא... פאַרוואָס האָט מען עפּעס געשלאָגען די בעל־הבית'טע?

זי האָט איהם דורכגענומען מיט איהר בליק.

— ווער האָט געשלאָגען די בעל־הבית'טע?

— ערשט—אָ... מיט א האַלבער שעה צוריק. איליא פּעטראָוויטש, דער געהילף פון דעם פּאָליציי־אויפזעהער, אויף די טרעפּ... פאַרוואָס האָט ער דאָס איהר אזוי צו'מזיק'ט און נאָך וואָס איז ער געקומען?

נאַסטאַסיא האָט איהם שווייגענדיג באַטראַכט מיט א טריבען בליק און האָט א לאַנגע צייט אויף איהם אזוי געקוקט. איהם איז

געוואָרען זעהר ניט אנגענעהם פון דעם דאָזיגען קוקען איהרען, זאָגאר שרעקליך.

— נאַסטאַסיא, וואָס זשע שווייגסטו? — האָט ער ענדליך ניט־זיכער ארויסגערעדט מיט א שוואכער שטים.

— דאָס איז בלוט, — האָט זי ענדליך געענטפערט שטיל און עפּעס אזוי ווי פאר זיך.

— בלוט!... וואָס פאר א בלוט?... — האָט ער געשטאַמעלט, באלם ווערענדיג און אפּגערוקט זיך צום וואַנד.

נאַסטאַסיא האָט פון איהם ניט אראָפּגענומען איהר דורכדרינגענדען בליק, ניט א וואָרט צו ריידען.

— קיינער האָט די בעל־הבית'טע ניט געשלאָגען, — האָט זי געזאָגט ווידער מיט א שטרענגער ענטשלאָסענער שטים.

ער האָט אויף איהר געקוקט קוים אָטעמענדיג.

— איך האָב אליין געהערט... איך האָב ניט געשלאָפען... איך בין געזעסען, — האָט ער ארויסגערעדט נאָך מעהר פארלאָרען. — איך האָב לאַנג זיך צוגעהערט... ס'איז געקומען דער געהילף פון דעם ציר־קעל־אויפזעהער... אלע זיינען זיך צונויפגעלאָפען אויף די טרעפּ, פון אלע וואוינונגען...

— קיינער איז ניט געקומען. דאָס שרייט אין דיר דאָס בלוט. דאָס טרעפט, ווען דאָס בלוט האָט ניט קיין ארויסגאַנג און ווערט פארטריקענט אין דער לעבער, דאַן הויבט זיך אָן צו דאכטען, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. וועסט עסען צי ניט?

ער האָט ניט געענטפערט. נאַסטאַסיא איז אלץ געשטאַנען איבער איהם, האָט איהם דורכגעדרונגען מיט איהר בליק און איז ניט אוועקגעגאַנגען.

— דערלאַנג א טרונק... נאַסטאַסינקע.

זי איז אראָפּ אונטען און אין א צוויי מינוט ארום האָט זי זיך אומגעקעהרט מיט וואַסער אין א ווייסען לייהמענעם קריגעלע; ער האָט שוין אבער ניט געדענקט, וואָס ווייטער איז געווען. ער האָט נאָר געדענקט, ווי ער האָט א שלונג געטאָן עטוואָס קאַלט וואַסער און פאר־גאָסען עס אויפ'ן הארצען. דערנאָך איז ער אריינגעפאַלען אין א באַ־וואוסטלאָזען צושטאַנד.

דריטעס קאַפּיטעל.

דאַך קען מען ניט זאָגען, אז ער איז שוין גאָר אינגאַנצען ניט געווען ביים זינען פאַר דער גאַנצער צייט פון דער קרענק: דאָס איז געווען אַ פיבערהאַפטער צושטאַנד מיט רייד פון היץ און מיט האַלב־באַוואוסטזיין. וועגען אַ סך האָט ער זיך שפּעטער דערמאָהנט. דאַ האָט זיך איהם געדאַכט, אז ארום איהם קלייבט זיך צונויף אַ גרויסער עולם מענשען, זיי ווילען איהם נעהמען און ערגעץ־וואו ארויסטראָגען, זיי שפּאַרען זיך וועגען עפּעס און קריגען זיך. דאַ איז ער איינער אליין אין שטוב, אַלע זיינען אוועק און האָבען פאַר איהם מורא, און נאָר צייטענווייז מאַכען זיי עטוואָס אויף די טהיר, אַ קוק צו טאָן אויף איהם. זיי דראָהען איהם, זיי שמועסען וועגען עפּעס אָפּ צווישען זיך, לאַכען און רייצען זיך מיט איהם. נאַסטאַסיא — האָט ער גע־דענקט — איז כמעט פון איהם ניט אָפּגעטראָטען; איהם האָט זיך גע־טומעלט נאָך איינער, עפּעס אַזוי ווי זיינער אַ באַקאַנטער, נאָר ווער פּאַרט איז דאָס געווען, האָט ער בשום אופן ניט געקענט דערמאָהנען זיך, האָט געהאַט דערפון גרויס צער און האָט אפילו געוויינט. מאַנכ־מאָל פלעגט איהם פאַרקומען, אז ער ליעגט אַזוי שוין ביי אַ חודש צייט: און מאַנכמאָל — אז דאָס ציהט זיך נאָך אַלץ דער אייגענער טאָג. וועגען יענער זאַך אָבער, — וועגען יענער זאַך האָט ער גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען: נאָר דערפאַר האָט ער זיך אַלע ווייל דערמאָהנט, אז ער האָט אין עפּעס פאַרגעסען, אין וואָס מען טאָר ניט פאַרגעסען, — האָט געהאַט דערפון גרויסע יסורים, זיך געפּייניגט, דערמאָהנענדיג זיך, געקרעכצט, פלעגט אריינפאַלען אין אַ רציחה אָדער אין אַ שרעקליכע, אומערטרעגליכע אימה. דאַמאָלס פלעגט ער זיך רייסען פון אָרט, געוואָלט אנטלויפען, נאָר שטענדיג פלעגט איהם עמיצער מיט געוואַלט אָפּהאַלטען, און ער פלעגט ווי־דער אריינפאַלען אין אַ מאַכטלאָזען און באַוואוסטלאָזען צושטאַנד. ענדליך איז ער אינגאַנצען געקומען צו זיך.

דאָס איז געשעהן אין דער פריה, צעהן אַ זייגער. אין דער דאָ־זיגער פריהמאָרגענדיגער שעה פלעגט די זון, אין לויטערע טעג, שטענ־דיג לאָזען איבער זיין רעכטער וואַנט אַ לאַנגען פּאַס און באַלייכטען דעם ווינקעל ביים טהיר. ביים בעט איז געשטאַנען נאַסטאַסיא און

נאָך עפּעס איינער, איהם אינגאַנצען אונבאַקאַנט, וואָס האָט איהר זעהר נייגיריג באַטראַכט. דאָס איז געווען אַ יונגער בחור אין אַ קאַפּטאַן, מיט אַ קליין בערדעל; ער האָט אויסגעזעהן ווי אַן אַר־טעלשטשיק. פון דער האַלב־אויפגעמאַכטער טהיר האָט ארויסגעקוקט די בעל־הבית'טע. — ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך עטוואָס אויפגעהוי־בען.

— ווער איז דאָס אַזוינער, נאַסטאַסיאַ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן און אָנגעוויזען אויפ'ן בחור.

— וואָס זאָגסטו דערצו, פאַרט געקומען צו זיך! — האָט זי גע־זאָגט.

— זיי זיינען געקומען צו זיך! — האָט זיך דער אַרטעלשטשיק אָפּגערופען.

די בעל־הבית'טע, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון הניטער דער טהיר, האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט זי גלייך זי צו־געמאַכט און זיך באַהאַלטען. זי איז שטענדיג געווען אַזאַ שעמעוו־דיגע און אַלע רייד און ערקלערונגען זיינען איהר געווען שווער; איהר איז געווען אַ יאָהר פיערציג, און זי איז געווען דיק און גראָב, מיט שוואַרצע ברעמען און שוואַרצע אויגען, זעהר אַ גוטע פון דיקהייט און פוילקייט; אויפ'ן געזיכט אַ גאַנץ באַ'חנ'טע און שעמעוודיג נאָך מעהר, ווי מען האָט עס באַדאַרפט.

— איהר... זענט ווער? — האָט ער ווידער גענומען פונאַנ־דערפרעגען, זיך ווענדענדיג צום אַרטעלשטשיק אַליין.

נאָר אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט זי דיך די טהיר ווידער אויפגעפראַלט און, עטוואָס זיך צונעבויגען, צוליעב זיין הויכער וואוקס, איז אריין ראַזומיכין.

— ס'אַ מין קבר'ל דאָס איז — האָט ער אויסגעשריען, אַריינ־קומענדיג, — שטענדיג צוקלאַפּ איך דעם שטערן; אָט דאָס הייסט אויך אַ דירה. אימשטיינס געזאָגט! און דו, גוטער ברודער, ביסט שוין צו זיך געקומען? אָט ערשט האָט מיר פּאַשינקע דערצעהלט.

— נאָר־וואָס געקומען צו זיך, — האָט נאַסטאַסיאַ געזאָגט.

— נאָר־וואָס זיינען זיי צו זיך געקומען, — האָט דער אַרטעל־שטשיק ווידער אונטערגעהאַלטען מיט אַ שמייכעלע.

— און ווער זענט איהר? — האָט ראַזומיכין פּלוצלונג איהם אַ

פרעג געגעבען. — איך א שטייגער, ווי איהר קוקט מיך אזוי אן, היים ווראזומיכין, ניט ראזומיכין, ווי אלע רופען מיך, נאר בפירוש ווראזומיכין, א סטודענט, א דוואָריאַנין; און דאָס איז מיינער א גוטער ברודער. נו, און איהר זענט ווער?

— איך בין אין דער קאַנטאָר אונזערער אן ארטעלשטשיק, ביי דעם סוחר שעלאָפּאַיעוו, און אהער בין איך געקומען מכח געשעפט.

— זעצען זיי זיך צו אויפ'ן שטוהל! — ראזומיכין אליין האָט זיך געזעצט אויף אן אנדער שטוהל, פון דעם אנדער זייט טישעל.— דאָס איז פון דיר, ברודער־לעבען, גראד א שכל, וואָס דו ביסט צו זיך געקומען, — האָט ער פאָרטגעזעצט, זיך ווענדענדיג צו ראסקאָלניקאָוו'ן. — שוין דעם פיערטען טאָג, אז דו האָסט אין דיין מויל ניט געהאַט. אפילו טיי האָט מען דיר געגעבען לעפעלעכווייז. איך האָב צו דיר צוויי מאָל געבראַכט זאָסימאָוו'ן. געדענקסט זאָסימאָוו'ן? ער האָט דיך גוט באטראכט און האָט גלייך געזאָגט, אז דאָס איז אלץ ווערט א שפיי, — ניט מעהר אין קאָפּ האָט עפּעס א זעץ געטאָן, צי וואָס, עפּעס א נערוועזישע מעשה. די קעסט, זאָגט ער, איז געווען ניט איבריגעס, מען האָט דיר צו ווייניג ביער און חריין געגעבען, דערפון האָט זיך די קרענק גענומען. נאָר דאָס איז ווערט א ציבעלע, זאָגט ער, ס'וועט אריבער, ס'וועט קיין זכר ניט בלייבען. א קוואַט א יונג דער זאָסימאָוו! קורירט אויסגעצייכענט! אלזאָ פאַרהאַלט איך אייך ניט מעהר, — האָט ער זיך געווענדעט צום ארטעלשטשיק. — זענט מוחל, איהר קענט אונז אפשר זאָגען, וועגען וואָס פאַר א געשעפט איהר זענט געקומען? זיי ווייסען, ראָדיאַ, אז פון זייער קאַנטאָר קומט מען שוין אהער א צווייטען מאָל; פריהער אבער איז עפּעס אן אנדערער געווען, און מיר האָבען זיך מיט יענעם דורכגעשמועסט. ווער איז דאָס געווען יענער, וואָס איז געקומען פאַר אייך?

— זיי מוזען געווים מיינען דעה, וואָס איז דאָ געווען אייערנעכטען? דאָס איז ה. אלעקסיי סעמיאָנאָוויטש; אויך ביי אונז אין קאַנטאָר אויף א שטעלע.

— ער איז, דאַכט זיך, מעהר מענש פון אייך, ווי מיינט איהר?

— יאָ, זיי זיינען ווירקליך אביסעל מעהר סאָליד.

— זעהר פיין פון אייער זייט; נו, דערצעהלט וואָס ווייטער.

— אלזאָ, הייסט עס, איז פון אפאנאסי איוואנאוויטש וואכרושיי

— איהר האָט געוויס געמוזט פון איהם הערען ניט איינמאָל — אָנ־געקומען אין אונזער קאַנטאָר אַן אַנווייזונג: אייער מוטער האָט דאָס ביי איהם גע׳פּועל׳ט, — האָט דער ארטעלשטשיק אַנגעהויבען, זיך ווענדענדיג גלייך צו ראַסקאָלניקאָוו׳ן. — אין פאַל אויב זיי זיינען שוין ביים קלאָרען פאַרשטאַנד, — דאַרף איך זיי איבערגעבען פינף און דרייסיג קאַרבען, ווייל סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש האָט וועגען דעם באַקומען אַ ידיעה פון אַפאַנאַסי איוואַנאָוויטש׳ן. ווּעלכען די מוטער אייערע האָט געבעטען, ווי דער שטייגער איהרער איז. זיי ווייסען דערפון?

— יאָ... איך געדענק... וואַכרושין... — האָט ראַסקאָלניקאָוו פאַרטראַכט אַרויסגערעדט.

— איהר הערט: ער קען דעם סוחר וואַכרושין! — האָט ראַזו־מיכין אויסגעשריען. — היינט וואָס זשע קען דאָ זיין פאַר אַ קלער, צי ער איז ביים קלאָרען פאַרשטאַנד? איבריגענס זעה איך איצט אַרויס, אַז מיט אייך קען מען אויך האָבען אַ געשעפט. נו—ס! קלוגע רייד איז אַ פאַרגניגען צו הערען.

— דאָס איז טאַקע דערזעלבער וואַרכושין, און ווייל די מוטער אייערע, וואָס האָט אייך שוין אַמאָל איבערגעשיקט אויף אַזאַ שטיי־גער געלט, האָט איהם געבעטען, האָט ער איהר איצט אויך ניט אָפּ־געזאָגט און געגעבען צו וויסען סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש׳ן פון זיינע געגענטען, מען זאָל אייך איבערגעבען פינף און דרייסיג קאַרבען, ביז וואַנען עס וועלען קומען בעסערע צייטען.

— יאָ, יאָ, „ביז וואַנען עס וועלען קומען בעסערע צייטען." — דאָס איז ביי אייך אַרויסגעקומען בעסער פון אַלץ. אַלזאָ, ווי מיינט איהר, איז ער פאַלקאָם ביים זינען, צי ניט פאַלקאָם, — האַ?

— וואָס קען איך וויסען. אָט ווען זיי זאָלען אַ קוויטעל אַרויס־געבען, זיך אונטער׳חתמ׳ענען!

— עט, ער וועט אַנדראַפּען! וואָס איז דאָס ביי אייך, אַ בוך צי וואָס?

— אַ בוך, נעהמען זיי.

— גיט עס אַהער. נו, ראָדיאַ, טו זיך אַ הויב. איך וועל דיך צוהאַלטען. צאַצקע איהם אַקאַרשט אָפּ אַ „ראַסקאָלניקאָוו". נעהם אַ

פען, ווייל געלט, ברודער־לעבען, דאַרפען מיר איצט האָבען נויטיג ווי לעבען.

— מען דאַרף ניט, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געזאָגט, אָפּשטופּ־סענדיג מיט דער האַנט די פען.

— וואָס הייסט, מען דאַרף ניט?

— איך וועל ניט חתמ׳ענען.

— צו אַלדי טייוועל, וואָס הייסט דו וועסט ניט חתמ׳ענען?

— מען דאַרף ניט... קיין געלט...

— אַזוי קיין געלט, הייסט עס, דאַרף מען ניט! דאָס האָסטו, ברודער־לעבען, אַ גרויסען טעות, איך בין אַן עדות! נעהמט זיך ניט צום האַרצען, איך בעט אייך, דאָס איז ביי איהם גאָר גלאַט אַזוי... ווידער עפּעס אַן אַנשטעל. איבריגענס טרעפט דאָס מיט איהם אין גוטען מוט אויך... איהר זענט אַ מענש מיט פאַרשטאַנד, און מיר וועלען זיין זיין האַנטפיהרער, ד. ה. מיר וועלען פשוט פיהרען די האַנט זיינע, וועט ער חתמ׳ענען. אַלזאָ צו דער אַרבייט.

— ווייסט איהר גאָר וואָס, איך וועל אַריינקומען אַ צווייטען מאָל.

— ניין, ניין; צו וואָס זאָלט איהר זיך מטריח זיין. איהר זענט אַ מענש מיט פאַרשטאַנד... נו, ראַדיאַ, ניט האַלב אָפּ דעם גאַסט... דו זעהסט דאָך, ער וואַרט. — און ער איז מיט אַן אמת שוין גרייט געווען צו פיהרען ראַסקאָלניקאָווס האַנט.

— לאָז, איכ׳ל אַליין... האָט יענער אַרויסגערעדט, און האָט גענומען די פען און האָט זיך אונטערגעשריבען אין בוך.

דער אַרטעלשטשיק האָט אַרויסגעלעגט דאָס געלט און איז אוועק.

— בראַוואָ! און איצט, ברודער־לעבען, זאָג דעם אמת, עסען ווילסטו?

— איך וויל, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געענטפערט.

— איהר האָט זופּ?

— נעכטיגע, — האָט נאַסטאַסיאַ געענטפערט; זי איז דאָ די גאַנצע צייט געשטאַנען.

— מיט קאַרטאָפעל און מיט רייזענע גרויפּען?

— מיט קאַרטאָפעל און מיט גרויפּען.

— איך ווייס שוין אויף אויסנווענינ. שלעפ אהער די זופ. און טיי גיב אויך אהער.

— איכ'ל ברייננען.

ראסקאלניקאוו האט אויף איהר געקוקט טיעף פארוואונדערט מיט תמ'עוואטער אונזיניגער שרעק. ער האט באשלאסען צו שווייגען אוןווארטען: וואס וועט ווייטער זיין? „איך בין, דאכט זיך, ביים זי־נען“, האט ער געטראכט, „עס איז, דאכט זיך, אויפ'ן וואהר“...

אין צוויי מינוט ארום האט נאסטאסיא זיך צוריקגעקעהרט מיט זופ און האט אנגעזאגט, אז באלד וועט זיין טיי אויך צו דער זופ איז דערלאנגט געווארען צוויי לעפעל, צוויי טעלער און דאס גאנצע קלאפערגעצייג: א זאלצמעסטעלע, א פעפערמעסטעלע, זענעף צו פלייש און דאסגלייכען: מיט אזא סדר איז שוין דא לאנג ניט צוגע־גאנגען. דאס טישטוך איז געווען א ריינס.

— עס וואלט געווען ניט שלעכט, נאסטאסיא, אז פראסקאוויא פאוולאוונא וואלט צושיקען א פאר פלעשלעך ביער. מיר וואלטען גע־מאכט א שנאפס.

— וואס זאגסטו צו זיינע יאהרען, ווי ער האט זיך עס צוהוליעט אביסעל! — האט נאסטאסיא ארויסגעברומט און איז אוועק ערפילען דעם באפעהל.

ראסקאלניקאוו האט ניט אויפגעהערט זיך צוצוקוקען ווילד און אנגעשטרענגט. דערווייל האט ראזומיכין זיך איבערגעזעצט צו איהם אויפ'ן דיוואן, אומגעלומפערט, ווי א בער. ארומגענומען מיט דער לינ־קער האנט זיין קאפ, ניט קוקענדיג דערויף, וואס ער וואלט זיך אליין אויך געקענט אויפהויבען, און מיט דער רעכטער האט ער איהם צוגע־טראגען צום מויל א לעפעל זופ, וועלכע ער האט אפריהער אייניגע מאל אויסגעבלאזען, ער זאל זיך ניט אפבריהען. נאר די זופ איז בלויז געווען לעבלעך. ראסקאלניקאוו האט הונגעריג א שלוג געטאן איין לעפעל, דערנאך דעם אנדערען, דעם דריטען. נאר צוגעטראגען עטליכע לעפעל, איז ראזומיכין פלוצלונג שטעהן געבליבען און האט ערקלערט, אז מעהר קען ער אויף זיך ניט שטעלען, ער מוז זיך אפרי־הער אן עצה האלטען מיט זאסימאוו'ן.

ס'איז אריינגעקומען נאסטאסיא מיט צוויי פלעשלעך ביער.

— און טיי ווילסטו?

— איך וויל.

— גיכער שלעפּ אהער טיי אויך, נאַסטאַסיאַ, ווייל וואָס עס אַנבאַלאַנגט צו טיי, איז אַ סברה, אַז מען מעג עס ניצען אָהן אַז ערלויבניש פון אַ פּראָפעסאָר. נאַר אָט איז ביער אויך! — ער האָט זיך איבערגעזעצט אויף זיין שטוהל, האָט צוגערוקט די זופּ, דאָס פלייש און גענומען עסען מיט אַזאַ מין אַפּעטיט, גלייך ווי ער האָט דריי טעג ניט געגעסען.

— אָט אַזוי רייב איך ביי אייך אריין, ברודער־לעבען, אַלע טאָג, — האָט ער ארויסגעשטאַמעלט, אויף וויפיעל עס האָט איהם ער־לויבט דאָס פול מיט פלייש אָנגעפּאַקטע מויל, — דאָס איז מיך אַלץ אַזוי מכבד פּאַשענקאַ, די בעל־הבית'טישע דיינע. — „זאָל אייך וואויל באַקומען!" נאַטירליך קוואַפּע איך זיך ניט אויף דעם. נאָר וויבאַלד זי דערלאַנגט שוין, איז מהיכי תיתי. אָט איז שוין נאַסטאַסיאַ דאָ מיט טיי. דאָס איז אַ בריה! נאַסטינקע, ביער ווילסטו?

— וואָס זאָגסטו צו זיינע יאָהרען, האָסט געזעהן אַביסעל!

— און אַ גלעזעל וואַרימס?

— נו, אַ גלעזעל וואַרימס קען מען אויסטרינקען.

— גיסט אָן. ניין, וואַרט צו אַ רגע, איך וועל דיר אַליין אָנגיסען: זעץ זיך צום טיש.

ער האָט גלייך געמכאַט אַן אַרט, האָט אָנגעגאָסען איין גלאָז, דער־נאָך דאָס אַנדערע, האָט געלאָזען זיין פריהשטיק און זיך ווידער אַי־בערגעזעצט אויפ'ן דיוואַן. ער האָט ווי פריהער ארומגענומען מיט דער לינקער האַנד דעם קראַנקען, האָט איהם עטוואָס אויפגעהויבען און אָנ־געהויבען געבען איהם טיי לעפּעלעכווייז, ווידער אָהן אַן אויפהער בלאַ־זענדיג אויפ'ן טיי מיט אַ באַזונדער מין התמדה, גלייך ווי אין דעם דאָזיגען בלאָזען האָט געשטעקט די וויכטיגסטע און די ראַדיקאַלסטע סגולה צו זיין קרענק. ראַסקאָלניקאָוו האָט געשוויגען און ניט פּראָ־טעסטירט, כאָטש ער האָט געפיהלט אין זיך גענוג קרעפטען אויפ־צוהויבען זיך און זיך אַוועקזעצען אויפ'ן דיוואַן אָהן קיינעמס הילף, און ניט נאָר געהאַט אַזוי פיעל כח אין די הענט, וויפיעל ס'איז נויטיג אויף איינצוהאַלטען דעם לעפעל אָדער דאָס גלאָז, נאָר ער איז אפשר אימשטאַנד געווען צו געהן אפילו. אָבער צוליעב עפּעס אַ מאָדנער שלויהייט, אַ שלויהייט פון אַ חיה, איז איהם פּלוצלונג איינגעפאַלען

צו פארבארגען ביז א צייט זיינע קרעפטען, זיך צונויפקנייטשען, מאַ־כען זיך אפילו, אויב ס'וועט נויטיג זיין, אז ניט אלץ פארשטעהט ער נאָך, און דערווייל אויסהערען און אויספילצעווען אלץ, וואס דאָ קומט פאר. איבריגענס האט ער ניט געקענט באהערשען דאס געפיהל פון עקעל: דערשלונגען א לעפעלעך צעהן טיי, האט ער פלוצלונג ארויסגעמאכט דעם קאפ פון ראזומיכינס האנט, האט קאפריז אפגע־שטויסען דעם לעפעל און איז ווידער אנידערגעפאלען אויף דאס קישען.. צוקאפענס זיינען איהם איצט ווירקליך געלעגען אמת'ע פוכאווע קי־שענס, מיט קלארע ציכלעך, דאס האט ער גלייך באמערקט און גענומען עם אין זינען.

— מען דארף זעהן, אז פאשענקא זאל אונז נאך היינט ארויפ־שיקען מאלינעס־סאק, מאכען איהם א געטראנק, — האט ראזומיכין געזאגט, זיך זעצענדיג אויף זיין ארט און זיך ווידער נעהמענדיג פאר די זופ און פאר דאס ביער.

— וואו וועט זי דיר דאס נעהמען מאלינעס? — האט נאסטאַ־סיא געפרעגט, האלטענדיג די שאל אויף די פונאנדער־געשפרייטע פינף פינגער און דורכזייענדיג צווישען די ציינער טיי „דורך דעם צוקער.“

— מאלינעס, נשמה מיינע, וועט זי נעהמען אין קלייטעל. דו זעהסט, ראדיא, אהן דיר איז דאָ געווען א גאנצע חתונה. ווען דו האסט פון מיר אזוי קונציג געמאכט די פליטה און ניט איבערגעלאזט דיין אדרעס אפילו, ביז איך אריינגעקומען אין אזא גרימצארן, אז ביי מיר איז פעסט געבליבען אויפצוזוכען דיך און באשטראפען דיך, ווי דו האסט עס כשר פארדיענט. און דעמזעלבען טאג טאקי האב איך זיך גענומען צו דער ארבייט. איך בין געגאנגען און געגאנגען, געפרעגט און געפרעגט! אט די איצטיגע קווארטיר דיינע האב איך פארגעסען; און אייגענטליך האב איך זי גאר קיינמאל ניט געדענקט אפילו, ווייל איך האב פון איהר קיינמאל ניט געוואוסט. נו, און די פריהערדיגע קווארטיר, — געדענק איך נאר, אז ביי די „פינף ראגען“, חארלאמאווס הויף. האב איך געזוכט און געזוכט דעם דאזיגען חארלאמאווס הויף. לאזט זיך גאר אויס דערנאך, אז ס'הויבט ניט אן אפילו צו זיין חאר־לאמאווס הויף, ס'איז גאר בוכס, — אזוי האט מען דאס אמאל א טעות אין א נאמען! נו, בין איך שוין נאטירליך אין כעס געווארען און זיך געלאזט געהן, — א ברירה האב איך געהאט — אויף מארגען

אין דאָס אדרעסען־ביוראָ, און שטעל זיך פאָר: צייט איינע צוויי מי־גוט האָט מען דיך דאָרט אויפגעזוכט. דו ביסט דאָרט פאַרשריבען.

— פאַרשריבען?

— אודאי! און הער נאָר א המצאה: איינעם קאָבעלעוו, דוקא א גענעראַל, האָט מען בשום אופן ניט געקענט געפינען. איך בין דער־ביי גראָד געווען. ס'איז אבער לאַנג צו דערצעהלען. קוים בין איך אבער אריינגעפאלען אהער, בין איך גלייך באַקאַנט געוואָרען מיט אַלע דיינע געשעפטען: מיט אַלע, גוטער ברודער: מיט אַלע, אַלץ ווייס איך: זי איז אַן עדות: און מיט ניקאָדים פאַמיטש'ן זיך באַקאַנט, און איליאַ פעטראָוויטש'ן האָט מען מיר אנגעוויזען, און מיט'ן סטרוזש, און מיט'ן הערר זאַמעטאָוו, אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש, א שרייבער אין דער דערבייאיגער קאַנצעלאַריע, און צום סוף מיט פאַשענקאַ'ן,— דאָס איז שוין געווען דאָס העכסטע: זי ווייס אויך אפילו...

— ווי ער האָט עס פאַרצוקערט אביסעל — האָט נאַסטאַסיאַ אַרויסגעשטאַמעלט, גנב'יש שמייכלענדיג.

— מאַכט בעסער זיסע, נאַסטאַסיאַ ניקיפאָראָוונאַ.

— גאָה צו אַלדי שוואַרץ־יאָהר, וואָס זאָגסטו צו זיינע יאָהרען!
— האָט נאַסטאַסיאַ פּלוצלונג אויסגעשריען און אַרויסגעזעצט אין א שטורמישען געלעכטער. — מען רופט מיך גאָר פעטראָוואַ, ניט ניקי־פאָראָוואַ, — האָט פּלוצלונג צוגעגעבען, אַז זי האָט אויפגעהערט צו לאַכען.

— נו, נו, מיר'ן שוין דאָס האָבען אין זינען. אַלזאָ, ברודער־לעבען, וואָס זאָל איך דיר דאָ א סך ברייען: לכתחלה האָב איך דאָ גע־וואָלט אַרויסלאָזען אזאַ מין עלעקטרישען שטראָם, אַז עס זאָל אַלע ווינקעלער דורכנעהמען און זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען א סוף צו אַלע זאַבאַבאָנעס אין דער דאָזיגער געגענד: האָט אבער פאַשענקאַ אויסגעפיהרט. איך האָב, ברודער־לעבען, אין מיין זינען אפילו ניט געהאַט, אַז זי איז אזאַ... סחורה, האַ? ווי מיינסטו?

ראַסקאָלניקאָוו האָט געשוויגען. כאָטש ער האָט אפילו אויף איין רגע ניט אַראָפּגענומען פון איהם זיין אונרוהיגען בליק, און האָט אויך איצט געקוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין.

— מיר איז עס גאָר אין זינען ניט געלעגען, — איז ראַזומיכין אפילו א האָר ניט נתפּעל געוואָרען פון ראַסקאָלניקאָווס שווייגען און

גלייך ווי ער וואלט באקומען אן ענטפער, האט ער ווידער געהאקט:

— אלץ איז אין דער בעסטער ארדנונג, אין אלע פרטים.

— ס'איז א סחורה! — האט נאסטאסיא ווידער אויסגעשריען; זי האט אפנים געפיהלט א גרויסען תענוג אין דעם דאזיגען שמועס.

— ס'איז ברודער־לעבען, געווען א גרויסער חסרון, וואס דו האסט פון דער ערשטער מינוט אן ניט געקענט נעהמען זיך צו דער זאך ווי עס דארף צו זיין. מיט איהר האט מען געדארפט אנדערש פיהרען. דאס איז דאך א מענש מיט א עקסצענטרישען כאראקטער, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען! נאר וועגען דעם כאראקטער איז שוין א שפעטעריגע דאגה... ווי אזוי האסטו עס גאר געקענט ברענגען דער־צו, זי זאל האבען א העזה דיר קיין מיטאגען ניט ארויפצושיקען? אדער, א שטייגער, די מעשה מיט'ן וועקסעל? דו ביסט משוגע צי וואס, — גאר וועקסלען אונטערשרייבען. אדער, א שטייגער, דיין ווארט, וואס דו האסט געגעבען חתונה צו האבען מיט איהר טאכ־טערל, נאטאליא יעגאראוונא, בעת יענע האט נאך געלעבט... איך ווייס פון אלץ. נאר איך זעה, אז דאס איז א צו איידעלע סטרונע און אז איך בין א פערד: דו זיי אויף מיר ניט ברוגז. נאר יא, אנטקעגען דעם וואס מען זאגט נארישקייט: ווי מיינסטו? פיאסקאוויא פאור־לאוונא איז אין דער אמת'ן גאר ניט אזא שוטה, ווי עס דאכט זיך פון ערשטען קוק. וואס זאגסטו?

— יא... האט ראסקאלניקאוו ארויסגערעדט פון צווישען די צייהן, קוקענדיג אין א זייט, נאר פארשטעהענדיג, אז ס'איז גלייכער אונטערצוהאלטען דעם שמועס.

— וואס, ניט אמת אפשר? — האט ראזומיכין אויסגעשריען; ער איז אפנים געווען העכסט צופרידען, וואס מען האט איהם גע־ענטפערט. — קיין חכמה אבער איז זי אויך ניט, א יא? זעהר און זעהר אן אומגעריכטער כאראקטער! מעגסט מיר גלויבען, ברודער־לעבען, אז איך ווער שיער ניט צוטומעלט... וועגען פיערציג יאהר איז אפגערעדט. זי זאגט אפילו זעקס און דרייסיג און זי איז פאר זיך זעהר גערעכט. איבריגענס, ברודער־לעבען, קען איך דיר שווערען, אז איך באגרייף זי מעהר בדרך חקירה, מיט מעטאפיזיק, הייסט עס. ביי אונז האט זיך דא, ברודער־לעבען, קען איך דיר שווערען, אז איך באגרייף זי מעהר בדרך חקירה, מיט מעטאפיזיק, הייסט עס. ביי

אונז האָט זיך דאָ, ברודער־לעבען, פאַרקניפּט אַזאַ מין קניפּעל, אַזוי ווי דיין אַלגעבראַ, למשל. איך פאַרשטעה גאַרנישט. נו, יאָ, דאָס איז אַפילו אַלץ ווערטה אַ ביטערע ציבעלע, נאָר די געשיכטע דערפון איז אַזוי: זי זעהט, דו ביסט שוין אַוים סטודענט, האָסט ניט קיין לעקציעס, ניט קיין אַנצוג און וויבאַלד איהר מיידעל האָט געמאַכט אַ שטאַרב, איז שוין אַ סוף צו איהרע האָפנונגען וועגען מתחתן זיין זיך מיט דיר, — האָט זי זיך פּלוצלונג דערשראָקען; און וויל דו, פון דיין זייט, האָסט זיך פאַרקליבען אין דיין לאָך און האָסט אַפילו ניט געטראַכט אונטערצוּוואַרעמען פריהערדיגע נאָהנטשאַפט, איז ביי איהר געבליבען דיך אַרויסצוּיאָגען פון דער דירה. זי האָט עס שוין לאַנג געהאַט חשק צו טאָן, איז איהר אָבער געווען אַ האַרצוועהטאָג, דער וועקסעל זאָל פאַרלאָרען געהן. דערצו נאָך האָסטו איהר אַלץ פאַרזיכערט, אַז די מאַמע וועט באַצאָהלען...

— דאָס האָב איך איהר אַזוי געזאָגט, ווייל איך בין אַ מיאוסער מענש... די מוטער מיינע, שיער וואָס אַליין בעט זי ניט נדבות... און איך האָב געליינט, מען זאָל מיך האַלטען אין צימער... און מען זאָל מיר עסען געבען — האָט ראַסקאָלניקאָוו הויך און דייטליך אַרויסגערעדט.

— יאָ, יאָ, דאָס האָסטו דוקא געטאָן ווי אַ מענש. דאַרף זיך אָבער גראָד אַנדרעהען עפּעס איינער אַ שוואַרץ־יאָהר ה' טשעבאַרעוו, אַ „נאַדוואָרני סאָוועטניק" און אַ פּראַקטישער מאַן; אָהן איהם וואָלט פּאַשענקאַ גאַרנישט געקענט אָהקלערען, ווייל זי איז שוין צו שעמעוודיג; דער פּראַקטישער מאַן אָבער איז ניט שעמעוודיג, און נאַטירליך האָט ער קודם כל אַוועקגעשטעלט די פראַגע: צי איז פאַרהאַן אַ האָפנונג, דער וועקסעל זאָל באַצאָהלט ווערען? ענטפער: פאַרהאַן, מחמת ס'איז דאָ אַזאַ מוטער, וואָס וועט כאָטש אַליין אויסגעהן פאַר הונגער, אָבער ראָדינקען וועט זי אַרויסהעלפען מיט איהר יעהרליכער הונדערט־און־צוואַנציג־רובל'דיגער פּענסיע; און אַ שוועסטער'ל איז פאַרהאַן, וועט זיך צוליעב'ן ברודער פאַרקויפען פאַר אַ קנעכט אַפילו. און דערויף, האָט ער טאַקע געדרונגען... וואָס קענסטו ניט איינליגען, האַ? איך בין איצט, ברודער־לעבען, דערגאַנגען אַלע דיינע סודות, ניט אומזיסט ביסטו געווען אַזוי אָפענהערציג מיט פּאַשענקאַן, נאָך דאַמאָלס ווען דו האָסט זיך מיט איהר געהאַלטען ווי אַ קרוב, און איצט דער־

צעהל איך דיר עס על פּי גוטע פריינדשאפט... דאָס איז דאָך טאָקי די מעשה: דער אַרענטליכער און געפיהלפאָלער מאן דערצעהלט אויס אַלע זיינע סודות און דער פּראַקטישער מאן הערט זיך צו און האָט זיך זיינס אין זינען. דערנאָך לעקט ער טאָקי אָפּ אביינדעל. האָט זי איבערגעגעבען, הייסט עס, דעם וועקסעל דעם דאָזיגען טשעבאַרעוו'ן, פאר געלט כלומר'שט, און יענער האָט זיך ניט געשעמט אָנצוגעבען אויף דיר. אַז איך בין דערפון געוואָהר געוואָרען, האָב איך, דעם אמת זאָגענדיג, אפילו זעהר געוואָלט איהם אוועקגעבען א גאָב. אָבער טאָקי אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין, ווי ער האָט עס נאָר פאַרדיענט. נאָר דאָ בין איך גאָר געוואָרען מיט פּאַשענקאָן ווי אַנדערע צוויי. האָב איך געהייסען דעם גאַנצען עסק מאַכען צו ניט, און האָב איהר געזאָגט, אַז דו וועסט באַצאָהלען. איך בין פאר דיר, ברודער־לעבען, ערב געוועזען. דו הערסט? האָט מען געדופען טשעבאַרעוו'ן, פאַרשטאָפּט איהם דאָס מויל מיט א צעהן־רובלדיגע, און דעם וועקסעל צוריק אָפּגענומען, און אָט האָב איך די עהרע איהם אייך פאַרצושטעלען. — מען געטרויט אייך איצט אויפ'ן וואָרט. — אָט האָט איהר עס! נאָט אייך, איך האָב עס שוין אפילו אַנגעריסען עטוואָס ווי דער שטייגער איז.

ראַזומיכין האָט אַרויסגעלעגט אויפ'ן טיש דעם וועקסעל: ראַסקאָלניקאָוו האָט אויף איהם א קוק געטאָן און זיך אָפּגעקעהרט צום וואַנד, ניט רעדענדיג א וואָרט: אפילו ראַזומיכין האָט זיך פאַרקרימט.

— איך זעה, ברודער־לעבען, — האָט ער אין א ווייַלע אַרום געזאָגט, — אַז דו האָסט ווידער גענומען מאַכען הינטישע שטיק. איך האָב דיך געוואָלט צושטרייען און אויפמונטערן אביסעל מיט מיין פּלוידעריי, און האָב אויף דיר גאָר אַנגעוואָרפען א מרה־שחורה.

— דאָס האָב איך דיך ניט דערקענט פון היץ? — האָט ראַסקאָלניקאָוו געפרעגט, אויך נאָך א קליינעם שווייגען און אַלץ ניט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ.

— מיך טאַקע, און איך האָב דיך אַזש אין א רציחה אריינגעבראַכט, איבערהויפּט איינמאָל, ווען איך בין געקומען מיט זאַמעטאָוו'ן.

— מיט זאַמעטאָוו'ן?... דעם שרייבער?... נאָך וואָס?

ראסקאלניקאוו האט זיך געשווינד אפגעקעהרט און האט זיך איינגענגעסען מיט די אויגען אין ראזומיכינען.

— זעה, זעה, וואס איז דאס מיט דיר... וואס האסטו זיך דערשראקען? ער האט געוואלט מיט דיר באקאנט ווערען; ער האט זיך אליין געבעטען, ווייל מיר האבען זעהר פיעל וועגען דיר געשמועסט... א ניט פון וואנעו וואלט איך עס געוואהר געווארען אזא גוזמא וועגען דיר. א טייערער בחור, א זעלטענער... אויף זיין שטייגער, נאטירליך. איצט זיינען מיר די בעסטע גוטע פריינד; מיר זעהען זיך כמעט טאג־טעגליך. איך האב זיך דאך אריבערגעצויגען אין דעם דאזיגען צירקעל אריין. דו ווייסט נאך ניט דערפון? אט ערשט זיך איבערגעצויגען. מיר זיינען שוין א פאר מאל געוועזען מיט איהם ביי לאוויזא'ן. לאוויזא'ן געדענקסטו, לאוויזא איוואנאוונא?

— איך האב עפעס גערעדט פון היץ?

— א שאלה! ניט געוואוסט אפילו, אויף וואסער וועלט דו ביסט.

— וועגען וואס האב איך גערעדט?

— האסטו געזעהן! וועגען וואס האט ער פון היץ גערעדט? אדרבה, וואס האסטו געקענט טאקי רעדען פון היץ... נו, ברודער־לעבען אן עבירה די צייט. צו דער ארבייט.

ער איז אויפגעשטאנען פון שטוהל, און זיך גענומען פאר דאס היטעל.

— וועגען וואס האב איך גערעדט?

— וואס אינטערעסירט עס דיך אזוי? האסט א פנים מורא פאר דיינע סודות? זיי רוהיג: וועגען דער בת־מלכה האסט א ווארט ניט געזאגט. זעהסטו, וועגען א הונד עפעס, און וועגען אוירינגלעך, און וועגען קייטעלעך, און וועגען קרעסטאווער אינזעל, און וועגען א סטרוזש עפעס, און וועגען ניקאדים פאמיטש'ן, און וועגען איליא פעטראוויטש'ן, דעם געהילף פון צירקעל־אויפזעהער, האסטו זעהר א סך גערעדט. און אויסערדעם האסטו זיך זעהר אינטערעסירט מיט א זאק. זעהר זיך אינטערעסירט! האסט נעבאך געהאלטען אין איין בעטען רחמים מען זאל דיר דיין זאק געבען, זאק, — און גאר. זאמעטאוו האט אליין בכבודו ובעצמו געזוכט דיר דיינע זאקען אין אלע ווינקעלעך און מיט זיינע אייגענע הענדטעלעך, אויסגעוואשענע אין פאר־

פומען און באַפּוצטע מיט רינגען, האָט ער דיר דערלאַנגט די טייערע מציאה. ערשט דאַן האָסטו זיך באַרוהיגט, און אַ גאַנץ מעת־לעת פון דער האַנט ניט אַרויסגעלאָזט: מען האָט עס ניט געקענט ביי דיר אַרויסרייסען. עס ליעגט נאָך מסתמא איצטער אויך ביי דיר אונטער דער קאָלדרע. און אויך האָסטו געבעטען עפּעס פּרענזעלעך צו הויזען! אַלץ הייסט געבעטען, מיט טרעהרען אין די אויגען! מיר האָבען זיך אַלץ נאָכגעפרעגט, וואָס פאַר אַ פּרענזעלעך מאָהנט ער נאָך דאָרט? האָט מען אָבער גאָרנישט געקענט פאַרשטעהן... אַלזאָ, צו דער אַרבייט! אָט דאָ האָסטו פינף און דרייסיג רובל: נעהם איך פון זיי אַ צעהן־רובלדיגע און אין אַ צוויי שעה אַרום וועל איך דיר אָפּגעבען אַ חשבון פון דעם געלט. דערווייל וועל איך געבען צו וויסען זאָסימאָוו'ן, ער האָט שוין אַפילו אַזוי אויך געדאַרפט דאָ זיין, ס'איז שוין די צוועלפטע שעה. און איהר, נאַסטינקע, ווערט איהם געוואָהר, וואָס אָפּטער, גיט אויף איהם אַכטונג, אַ טרונק וואַסער צי גלאָט עפּעס אין מויל אַריין, וואָס ער וועט וועלען. און פּאַשענקאַן וועל איך שוין אַליין זאָגען, וואָס מען דאַרף. אַדיע.

— פּאַשענקאַ רופט ער זי שוין, אַנדערש לוינט איהם ניט! אַך, דו טרפה'נער פּרצוף איינער! — האָט איהם נאַסטאַסיאַ אַ וואָרף געטאָן: דערנאָך האָט זי אויפגעמאַכט די טהיר און זיך גענומען צוהערען, — האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטען און איז אַליין אַראָפּ אונטען.

איהר האָט זיך שרעקליך געוואָלט וויסען, וועגען וואָס רעדט ער דאָרט מיט דער בעל־הבית'טע: און ס'איז גלאַט געווען צו דערקענען, אַז ראַזומיכין האָט זי גאָר באַצויבערט.

קוים האָט זיך די טהיר פאַרמאַכט הינטער נאַסטאַסיא'ן, האָט דער קראַנקער אַראָפּגעשליידערט פון זיך די קאָלדרע און איז ווי אַ פאַרריקטער אויפגעשפּרונגען פון געלעגער. מיט אַ ברענענדגיער, פיבערהאַפטער אונגעדולד האָט ער געוואַרט, זיי זאָלען וואָס גיכער אַוועקגעהן, כדי תיכף זיך נעהמען צו דער אַרבייט, בעת זיי וועלען ניט זיין. נאָר צו וואָס זיך נעהמען. צו וואָס פאַר אַן אַרבייט? — האָט ער איצט עפּעס אַזוי ווי אויף צו להכעיס פאַרגעסען.

„רבונו של עולם! זאָג מיר נאָר איין זאַך: ווייסען זיי שוין פון אַלץ אָדער זיי ווייסען נאָך ניט? און ווי אַזוי, אַז זיי ווייסען שוין,

ניט מעהר זיי מאכען זיך כלא ידע, רייצען זיך, כל זמן איך ליעג אין בעט, און דערנאָך וועלען זיי פּלוצלונג אריינקומען און וועלען זאָגען, אַז אַלץ איז שוין לאַנג באוואוסט, און זיי האָבען נאָר אַזוי... וואָס זשע טוט מען איצט? אַט האָב איך פארגעסען, ווי אויף צו להכעים פארגעסען: מיט אמאָל פארגעסען, אַט ערשט נאָך געדענקט!"

ער איז געשטאַנען אין מיטען צימער און האָט אין פּיינליכער פארלעגענהייט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען; איז צוגעגאַנגען צום טהיר, אויפגעעפענט, זיך צוגעהערט; נאָר דאָס איז ניט געווען דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט טאָן. פּלוצלונג, גלייך ווי זיך דער־מאָהנט, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום ווינקעל, וואו ס'איז געווען אַ לאָך אין די טאַפּעטען, האָט גענומען אַלץ ארומקוקען; האָט אריינ־געשטעקט אין לאָך די האַנט, אַ שאַר געטאָן, ס'איז אבער אויך ניט דאָס. ער איז צוגעגאַנגען צום אויוועלע, האָט זי געעפענט און גענו־מען זוכען אין אַש: שטיקלעך אויסגעפרענזעלטע ברעגען פון די הוי־זען און פון דער צוריסענער קעשענע האָבען זיך נאָך אַלץ אַזוי גע־וואַלגערט, פּונקט ווי ער האָט זיי געלאָזען, אַלזאָ, האָט עס קיינער ניט געזעהן! דאָ האָט ער זיך דערמאָהנט אָן דעם זאַק, וועגען וועלכען ראַזומיכין האָט נאָר־וואָס דערצעהלט. אמת טאַקי, אַט ליעגט ער אויפ'ן דיוואַן, אונטער דער קאָלדרע, ער איז שוין אבער אויף אַזוי פיעל גראָב און פארשמוצט געוואָרען פון דאַמאָלס אָן, אַז זאַמעטאָוו האָט שוין געוויס גאָרנישט דערזעהן אין איהם.

— באַ, זאַמעטאָוו!... קאַנצעלאַריע!... און צוליעב וואָס רופט מען מיך אין קאַנצעלאַריע? וואו איז ערגעץ די פּאָוויעסטקאַ? באַ! איך האָב אַ טעות: דאָס האָט מען מיך דאַמאָלס געפאָדערט! דאַ־מאָלס האָב איך אויך באטראַכט דעם זאַק, און איצט... איצט בין איך קראַנק געווען. און נאָך וואָס איז זאַמעטאָוו געקומען? נאָך וואָס האָט איהם ראַזומיכין געבראַכט צו פיהרען?... — האָט ער געשטאַמעלט און זיך מאַכטלאָז ווידער אוועקגעזעצט אויפ'ן דיוואַן! — וואָס זשע איז עס? בין איך דאָס נאָך אַלץ אין אַ קאָשמאַר, אָדער דאָס אין אויפ'ן וואָהר. דאַכט זיך, אויפ'ן וואָהר... אהאַ, איך האָב זיך דער־מאָהנט: אַנטלויפען! וואָס גיכער אַנטלויפען, יאָ... וואוהין אבער? און וואו זיינען מיינע זאַכען? קיין שטיוועל האָב איך ניט! מען האָט זיי צוגענומען! באַהאַלטען! איך פארשטעה! דאָס מאַנטעל אבער

האבען זיי גראד פארזעהן! און אט איז דאס געלט אויך אויפ'ן טיש. דאנקען גאט! און אט איז דער וועקסעל... איך וועל נעהמען דאס געלט און וועל אוועקגעהן. וועל זיך דינגען אן אנדער וואוינונג. זיי וועלען מיך נימ געפינען!... יא, אבער דאס אדרעסען־ביורא? זיי וועלען געפינען! ראזומיכין וועט געפינען. בעסער גאר אינגאנצען אנטלויפען... ווייט־ווייט... אין אמעריקא, און א שפיי טאן אויף זיי אלעמען! דעם וועקסעל אויך מיטנעהמען... ער וועט דארט צוניץ קומען... וואס נעהמט מען עפעס נאך? זיי מיינען, איך בין קראנק. זיי פאלט גאר נימ איין אפילו, אז איך קען געהן, חע—חע—חע—!... איך האב דערקענט נאך די אויגען, אז זיי ווייסען אלצדינג! נאר פון טרעפ אראפגעהן! און ווי איז, אז זיי האבען דארט צושטעלט שומרים, פאליציאנטען! וואס איז דאס, טיי גאר? און אט איז איבערגעבליבען ביער אויך, א האלב פלעשעל, קאלטס!

ער האט געכאפט דאס פלעשעל, אין וועלכען ס'איז נאך פארבליבען ביי א גאנץ גלאז ביער, און האט עס מיט א מאדנעם תענוג אויסגעטרונקען אין איין אטהעם, גלייך ווי ער וואלט א פייער אין הארצען געלאשען! עס איז אבער קיין מינוט ניט אריבער, ווי דאס ביער האט איהם א זעץ געטאן אין קאפ, און איבער'ן רוקען איז איהם דורך א לייכטער און זאגאר אנגענעהמער פראסטיגער שוידער. ער האט זיך געלעגט און זיך איבערגעדעקט מיט דער קאלדרע. די געדאנקען, אזוי אויך קראנקע און פארפלאנטערטע, האבען זיך איהם אלץ מעהר און מעהר גענומען טומלען, און באלד האט איהם דורכגענומען א לייכטער און אנגענעהמער שלאף. מיט א מאדנעם פארגניגען האט ער אויסגעפונען מיט'ן קאפ אן ארט אויף דעם קישען, האט זיך גוט איינגעדעקט מיט דער ווייכער וואטע־קאלדרע, וואס איז אויף איהם איצט געווען אנשטאט דעם פריהערדיגען צופליקטען שינעל, האט שטיל אפגעטעמט און איז אריינגעפאלען אין א טיפען שטארקען, געזונדען שלאף.

ער האט זיך אויפגעכאפט, ווען ער האט דערהערט עמיצען אריינגעהן צו איהם אין צימער, האט געעפענט די אויגען און דערזעהן ראזומיכינען, וואס האט ברייט פונאנדערגעעפענט די טהיר און איז געשטאנען אויף דער שוועל, ניט וויסענדיג וואס צו טאן: אריין צי ניט? ראסקאלניקאוו האט זיך געשווינד אויפגעשטעלט אויפ'ן דיוואן

און געקוקט אויף איהם, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט אין עפּעס צו דערמאָהנען זיך.

— אהא, שלאָפסט ניט, נו, און אַט בין איך אויך! נאסטאסיא, שלעפּ אהער דעם פּאַק! — האָט ראַזומיכין א געשריי געטאָן אראָפּצו צו די טרעפּ. — שוין קריגסטו א רעכענונג.

— וויפיעל א זייגער? — האָט ראסקאָלניקאָוו געפרעגט, וואר־פענדיג אומרוהיגע בליקען אויף אַלע זייטען.

— האָסט נישקשה'דיג, ברודער־לעבען, אריינגעשלאָפען; שוין נאכט אין דרויסען, שוין אַ זייגער זעקס. געשלאָפען שטארקע זעקס שעה.

— רבונו של עולם! וואס טוט זיך דאָ מיט מיר!...

— שאַ! שאַ, מה רעש: צו רפואה דיר! וואס האסטו אזוי קיין צייט ניט? איילסט אויף א ראנדעוואו צי וואס? די גאנצע צייט איז איצט אונזערע. איך וואַרט אויף דיר שוין א שעה דריי; אמאָל צוויי געווען, האסטו געשלאָפען. צוויי מאָל געוואהר געווען צו זאסי־מאָוו'ן: ניטאָ אין דער היים. און טו זיך עפּעס! נאָר נישקשה, ער וועט קומען!... ער איז אויך אוועק וועגען עפּעס געשעפטען זיינע. איך האָב זיך דאָך היינט איבערגעצויגען, שוין גאָר אינגאנצען, מיט א פעטער. איך האָב דאָך איצט א פעטער... נאָר געהט עס צום טייוועל, צו דער ארבייט!... נאסטינקע, גיב אהער דעם פּאַק, אַט שוין ווערען מיר פאַרטיג. נו, און ווי פיהלסטו זיך עפּעס! ברודער־לעבען?

— איך בין געזונד; איך בין ניט קראַנק... ראַזומיכין דו ביסט דאָ שוין לאַנג?

—איך זאָג דאָך דיר — שוין דריי שעה אַז איך וואַרט.

— ניין, פריהער אבער?

— וואָס פריהער?

— פון ווען אָן געהסטו אהער?

— איך האָב דיר דאָך פריהער דערצעהלט; געדענקסט גאָר ניט, וואָס?

ראסקאָלניקאָוו האָט זיך פאַרטראַכט. ווי אין א חלום איז איהם דאָס פריהערדיגע פאָרגעקומען. איינער אַליין האָט ער זיך ניט גע־קענט דערמאָהנען און האָט פרעגענדיג געקוקט אויף ראַזומיכינען.

— הם!... — האָט יענער געזאָגט, — האָסט פאַרגעסען. מיר

האטנ זיך נאך פריהער געדאכט. או דו ביזט נאך אלץ ניט ביים זי־נען... איצט ביסטו פון דעם שלאף גענעזען געווארען... אויף מיינע נאמנות. ווי דו זעהסט בעסער אויס. ביסט א העלד א יונג! נאר צייט צו דער ארבייט! אט וועסטו זיך באלד דערמאהנען. גיעב נאר א קוק אהערצו, מיין טייערער.

ער האט גענומען פונאנדערפאקען דעם פאק, וועלכער האט איהם קענטיג שטארק אינטערעסירט.

— דאס, ברודער־לעבען, האט מיך מעהר פאר אלץ געארט, עהר־רען־ווארט, ווייל מען דארף דאך עפעס מאכען דיך פאר א לייט. אל־זא צו דער ארבייט: מיר'ן אנהויבען פון אויבען. זעהסט אט דאס קאשקעטעל? — האט ער אנגעהויבען, ארויסנעהמענדיג פון פאק א גאנץ פיין, אבער אין דערזעלבער צייט אויך זעהר א געוועהנליך און ביליג היטעל. — גיב נאר א מעסט אן אויף ציקאוועשטש!

— שפעטער א ווײלע, — האט ראסקאלניקאוו ארויסגערעדט, אפשטויסענדיג איהם מיט א ווידערגעפיהל.

— נו, ברודער־לעבען, זיי א מענש, דערנאך וועט זיין שפעט: איך וועל א גאנצע נאכט ניט אנטשלאפען ווערען צוליעב דעם, ווייל איך האב געקויפט אהן א מאס, אויף גאטס־באראט. זאל פעהלען א האר! — האט ער מיט נצחון אויסגעשריען, אנמעסטענדיג, — פונקט דיין מאס! ווייל זאלסט וויסען זיין, ברודער־לעבען, אז א הוט איז די ערשטע זאך צווישען קליידער. עס איז א מין רעקאמענדאציע. טאלסטיאקאוו, א פריינד מיינער, מוז איטליכס מאל אויסטאן זיין צודעק, ווען ער קומט אריין ערגיץ אין אן אנשטאלט, וואו אלע שטע־הען אין קאפעליושען און היטלען. אלע מיינען, אז ער טוט עס אויס קנעכטישע געפיהלען, און ער נעבעך טוט עס, פשוט דערפאר, ווייל ער שעמט זיך פאר זיין ספאדיק, — פארט א שעמעוודיגער מענש! אלזא, נאסטינקע, אט האט איהר צוויי היט: דעם דאזיגען פאלמערס־טאן (ער האט ארויסגעשלעפט פון ערגעץ א ווינקעל ראסקאלניקאווס צודרעהטען קיילעכדיגען הוט, וועלכען ער האט א נאמען געגעבען פאל־מערסטאן, איין גאט ווייס פאר וואס), אדער אט דעם דאזיגען פיי־נעם חפץ? שאץ ראדיא, וויפיעל האב איך נאך דיין מיינונג געדארפט באצאהלען? נאסטינקע? — האט ער זיך געווענדט צו איהר, זע־הענדיג, אז יענער שווייגט.

— א פערציגער אודאי געגעבן, — האָט נאַסטאַסיאַ געענטפערט.

— א פערציגער. שוטה איינע! האָט ער אויסגעשריען מיט א ברוגז. — היינטיגע צייטן וועט מען דיך אויך ניט קויפן פאַר א פערציגער. — אַכציג קאָפּיקעס מזומנים! איז אויך מחמת אביסעל א געניצטס. אמת, איך האָב אויסגענומען א תנאי: דער וועט אַלט ווערן, קריגסטו איבער א יאָהר נאָך איינעם בחנם, זאָל איך אַזוי לעבען! נו. און איצט וועלן מיר זיך נעמען פאַר די פּלודערן. איך זאָג דיר א פריהער, — מיט די פּלודערן שטאָלציר איך! און ער האָט פונאַנדערגעלעגט פאַר ראַסקאָלניקאָוו'ן א גרויע פּאָר הויזען פון לייכטען זומערדיגען געוואַנד, — א גאַנצע פּאָר הויזען אָהן א שפּרינקעלע אפילו. און כאָטש שוין צוגעניצט, דאָך אבער נאָך גאַנץ נישקשה'דיגע: איז דערצו א וועסטעל פון דעם אייגענעם קאָליר. אַלץ נאָך דער מאָדע נאָך! אי. וואָס, אביסעל צוגעניצט, איז דאָס דאָך, דעם אמת זאָגענדיג, א מעלה: ווייכער, איידעלער... פערשטעהסט, ראָדיאַ, אויב מ'זי וויל ווערען א מענש, דאַרף מען, נאָך מיין מיינונג נאָך, שטענדיג האַלטען פון סעזאָן: ווען דו וועסט ניט ניצען קיין גרינס אין חדש שבט, וועסטו טאַקע איינשפּאָרען עטליכע קערבלעך. די אייגענע מעשה איז מיט די קליידער, וואָס איך האָב דיר איינגעקויפט, איצט איז דער זומער־סעזאָן, האָב איך דיר איינגעקויפט אַלץ זומערדיגס, ווייל צו הערבסט צו וועט דער סעזאָן סיי ווי סיי פאָדערן א וואַרעמערע סחורה, וועט מען דאָס זומערדיגע דאָך מוזען אוועקוואַרפען... בפרט אז ביז יענער צייט וועט דאָס במילא צופאַלען ווערען, אויב ניט פון וואוילטאָג, איז פון אנדערע סבות. נו, שאַץ! וויפיעל מיינסטו? צוויי רובל מיט פינף און צוואַנציג קאָפּיקעס! און ניט פאַרגעס, אז איך האָב איינגערעט: טאָמער ווערען זיי אַלט, קריגסטו איבער א יאָהר אנ'אַנדער פּאָר בחנם! ביי פעדיאַיעוו'ן איז געוועלב איז שוין אַזוי איינגעפיהרט; האָסטו באַצאָהלט איינמאָל, וועט דיר שוין קלעקען אויף דיין גאַנץ לעבען. מחמת א צווייטען מאָל וועסטו שוין פאַרזאָרגען א צעהנטען צו געהן אהינצו, איצט וועלען מיר זיך אַלזאָ נעהמען צו די שיך, — וואָס זאָגסטו, ביזט א מבין אויף זיי? ס'איז דאָך גלייך קענטיג, אז זיי זענען שוין געטראָגען. דאָך וועלען זיי נאָך דיענען א חדשים צוויי, ווייל די ארבייט איז אנ'אויסלענדישע און דאָס לעדער איז אנ'אויסלענדישעס: דער סעק־

רעטער פון דער ענגלישער באַטשאַפט האַט זיי יענע וואָך פאַר׳סחר׳ט אויפ׳ן מאַרק, געטראָגען ניט מעהר ווי זעקס טעג, האַט אַבער נויטיג געדאַרפט האָבען געלט. באַצאָהלט א רובל מיט פופציג קאָפּיקעס. א מציאה, ניט אמת?

— אפשר גאַר ניט די מאָס? — האָט נאַסטאַסיא א זאָג געטאָן

— ניט די מאָס! און דאָס איז א הונט? — און ער האָט ארויס־געשלעפּט פון קעשענע ראַסקאָלניקאָווס אַנ׳אַלטען פאַרשמאָדערטען, פאַרבלאָטיגטען, צולעכערטען שוך. — איך בין געווען גרייט צו אַלץ און א דאַנק דעם דאָזיגען טייערן חפץ האָט מען מיר צוגעפּאַסט די מאָס. דאָס גאַנצע געשעפט איז צוגעגאַנגען זעהר פּאַטריאַרכאַליש. און וואָס עס אַנבעלאַנגט צו וועש, בין איך דורכגעקומען מיט דער בעל־הבית׳טע. אַט האָסטו קודם כל דריי לייווענטענע העמדער, מיט א מאָדערנעם הערצעל... אלזא: אַכציג קאָפּיקעס דאָס היטעל, צוויי רובל מיט פינף און צוואַנציג קאָפּיקעס די איבריגע מלבושים, איז צוזאַמען אזוי גרוים ווי דריי רובל מיט פינף קאָפּיקעס; א רובל פופציג קאָפּיקעס די שיך, — מחמת זיי זענען עפּעס אַנ׳אַנטיקעל — איז א סך־הכל פון פיער רובל מיט פינף און פופציג קאָפּיקעס. היינט פינף רובל פאַר דאָס גאַנצע ביסעל וועש, — שוין סולם אהולאָם — האָסטו א חשבון פון ניין רובל מיט פינף און פופציג קאָפּיקעס. פינף און פערציג קאָפּיקעס, דורך קופּערנע צעהנער, באַקומען זיי אויסגאָב, — און אויף אזאַנ׳אופן, ראָדיאַ, ביזטו איצט באַקליידט ווי א גראַף, ווייל דיין מאַנטעל, קען מען נאָך, לויט מיין מיינונג, ניט נאָר טראָגען, נאָר ער איז נאָך אפילו זעהר פיין: אַט דאָס הייסט נעהען ביי א רעכטען שניידער! און וואָס עס אַנבעלאַנגט צו זאָקען און צו איבע־ריגע קלייניקייטען גיב איך דאָס איבער אין דיין רשות: אונז בלייבט נאָך א סומע פון פינף און צוואַנציג קאָרבען. וועגען פּאַשענקען און וועגען באַצאָהלען דירה־געלט זיי רוהיג: איך האָב שוין וועגען דעם גערעט און דו קריגסט קרעדיט וויפיעל דו ווילסט נאָר אליין! און איצט, ברודער־לעבען! לאָז אַקאָרשט איבערטאָן דיר אין ריינע וועש, ווייל די קרענק מוז ביי דיר איצט שטעקען ניט מעהר ווי אין העמד...

— לאָז! כ׳וויל ניט! — האָט געשריען ראַסקאָלניקאָוו, וועלכער האָט מיט א געפיהל פון עקעל צוגעהערט ראַזומיכינ׳ס מליצות וועגען די מציאות, וואָס ער האָט איינגעהאַנדעלט.

— נו, ברודער־לעבען, דאָס איז אונמעגליך: וויבאַלד אַזוי, צוליעב וואָס־זשע האָב איך געדאַרפט רייסען די שיך! — האָט ראַזור־מיכין פּראָטעסטירט. — נאָסטאַסינקע, שעמט זיך ניט און העלפט אונטער, — אַט אַזוי!

און ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך ניט געלאָזען, האָט ער איהם דאָך איבערגעטאָן דאָס וועש. יענער האָט אַ פאַל געטאָן אויפ'ן קישען און אַקעגען צוויי מינוט, אַ וואָרט ניט גערעדט.

„וואָס האָבען זיי זיך אַנגעזעצט אויף מיר?" האָט ער געטראַכט.

— פון וואָסערע געלט האָט מען דאָס אַלץ איינגעקויפט? — האָט ער ענדליך אַ פרעג געטאָן, קוקענדיג אין וואַנט אַריין.

— געלט? נאַ דיר גאָר אַ נייס! טאַקע פון דיינע אייגענע פרי־הער געוועזן דאָ דער אַרטעלשטשיק, פון וואַכרושינען, די מאַמע גע־שיקט: דאָס אויך פאַרגעסען, וואָס?

— איצט געדענק איך... האָט ראַסקאָלניקאָוו אַרויסגערעדט, נאָך אַ לאַנגען און כעס'דיגען פאַרטראַכט זיין.

ראַזומיכין איז געוואָרען ערנסט און האָט געוואָרפען אויף איהם אומרוהיגע בליקען.

די טהיר האָט זיך געעפענט און ס'איז אַריין געקומען אַ הויכער פעסטער מאַן. וואָס איז אויך עפּעס אַזוי ווי געווען ראַסקאָלניקאָוו'ן באַקאַנט.

— זאָסימאָוו! פאַרט זיך דערוואַרט! — האָט ראַזומיכין מיט פרייד אויסגעשריען.

פערטער קאַפּיטעל.

זאָסימאָוו איז געווען אַ הויכער און אַ דיקער מאַן, מיט אַנ'אויפ־געבלאָזענעם, פאַרבלאַז־בלאַסען, גלאַט־אָבגעראַזירטען פנים, מיט פאַרב־לאָזע גלייכע האָר, אין ברילען און מיט אַ גרויסען גאָלדענעם רונג אויף דעם פון פעטקייט אַנגעשוואָלענעם פינגער. געווען איז איהם אַ יאָהר זיבען און צוואַנציג, ער האָט געטראָגען אַ ברייטען, פראַנטישען, לייכ־

מען מאַנטעל: העלע זומערדיגע הויזן, און בכלל זענען אַלע זיינע קליידער געווען ברייט, פראַנטיש און שפּאָגעל־ניי, ערשט פון דער נאָדעל אַרויס: דאָס וועש גרויסאַרטיג, די קייט פון זייגער מאַסיוו. זיין אַרט האַלטען זיך איז געווען געלאַסען. עפּעס אַזוי ווי פויל און צו גלייכער צייט מיט אַ מין געמאַכטער אויסגעבונדענקייט מיט איטליכען: אין זיין גאַנצען האַלטען זיך איז געווען קענטיג אַ פּרע־טענזיע. וועלכע ער האָט איבריגענס געזוכט מיט אַלע כחות צו פאַר־באַרגען. אַלע, וואָס האָבען איהם געקענט, האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ שווערען מענשען. האָבען אָבער מודה געווען, אַז קענען די מלאכה זיינע קען ער.

— איך בין ביי דיר, ברודער־לעבען, צוויי מאָל געווען... זעהסט, ער איז שוין צו זיך געקומען! — האָט ראַזומיכין אַ געשריי געטאָן.

— איך זעה, איך זעה: איז ווי האַלט עס מיט אונז איצט, האַ? — האָט זאַסימאָוו זיך געווענדעט צו ראַסקאָלניקאָוו׳ן אויפמערק־זאַם באַטראַכטענדיג איהם, און האָט זיך איהם אוועקגעזעצט צופוסענס אויפ׳ן דיוואַן, וואו ער האָט זיך צושפּרייט גאַנץ ברייטלעך, אויף ווי־פיעל דאָס איז געווען מעגליך.

— אַלץ פאַר׳מרה־שחורה׳ט, — האָט ראַזומיכין ווייטער דער־צעהלט, נאָר־וואָס האָבען מיר איהם דאָס וועש איבערגעטאָן, האָט ער זיך שיער ניט צעוויינט.

— געווייס אַזוי: דאָס וועש וואָלט זיין רעכט שפּעטער אויך, וויבאַלד ער וויל אַליין ניט... דער דופּק איז אין אָרדנונג. דער קאָפּ טוט נאָך אַלץ אַביסעל וועה, האַ?

— איך בין געזונט, פאָלקאָם געזונט! — האָט ראַסקאָלניקאָוו דרינגלעך און אויפרעגט געזאָגט, זיך פּלוצלונג עטוואָס אויפהויבענדיג פון דיוואַן און אַ בליץ געבענדיג מיט די אויגען, אָבער גלייך איז ער ווידער געפאַלען אויפ׳ן קישען און זיך אומגעקעהרט צום וואַנט.

זאַסימאָוו האָט איהם באַטראַכט מיט דורכדרינגענדע בליקען.

— זעהר גוט... אַלץ ווי געהעריג איז, — האָט ער פויל אַרויס־געדעדט. — ער האָט עפּעס געגעסען?

מען האָט איהם דערצעהלט און געפרעגט, וואָס מעג מען איהם געבען.

— אַלץ מעג מען איהם געבען... זופּ, טיי... שוואָמען מיט אוגער־קעס טאָר מען איהם נאַטירליך ניט געבען, נו, און פליישׁ דאַרף מען

אויך ניט און... נאָר וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו פאַרלירן!... ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט ראַזומיכינען. — און קיין רעצעפּטען דאַרף מען ניט. מען דאַרף גאָרניט, און מאָרגען וועל איך זעהן... מען וואָלט אפילו היינט אויך... נאָר, מילא...

— מאָרגען פאַר נאַכט שלעפּ איך איהם שפּאַצירען — האָט ראַזומיכען באַשלאָסען — צו יוסופּאָוו'ן אין גאָרטען און דערנאָך געהען מיר אין „פּאַלע־דע־קריסטאַל".

— מאָרגען וואָלט מען איהם איינגענטליך ניט געדאַרפט ריה־רען פון אָרט. נאָר אַ ביסעלע אפשר שאַדט ניט... מיר'ן שוין אָבער שפּעטער זעהן.

— ע־עך, ס'אַ האַרצוועהטאָג, גראַד היינט פּראַווע איך אַ יום־טוב לכבוד מיין נייער דירה צוויי טריט פון דאַנען; וואָלט ער אויך גע־קומען אַנ'אַנטייל, וואָלט ער כאָטש ליגען אביסעל אויפ'ן דיוואַן צווי־שען אונז! און דו וועסט זיין — האָט ער זיך פּלוצלונג אַ קעהר געטאָן צו זאַסימאָוו'ן. — זעה ניט פאַרגעסען, דו האָסט צוגעזאָגט.

— איך וועל אפשר אונטערקומען. אָבער שפּעטער. וואָס האָסטו דאָרט צוגעגרייט?

— גאָרנישט מיט גאָרנישט: טיי, בראַנפען, הערינג. מען וועט דערלאַנגען אַ טאָרט: עס וועלען זיין אייגענע מענשען.

— ווער טהיינו?

— אַלץ פון די געגענטען און כמעט אַלע נייע, ב'לעבען, — סיידען מען זאָל רעכענען מיין אַלטען פעטער, איז ער אפילו אויך אַ נייער: ערשט נעכטען געקומען צו פאָהרען קיין פּעטערבורג, עפּעס האָט ער דאָ געשעפטלעך: מיר זעהען זיך איינמאָל אין פינף יאָהר.

— ווער איז ער דאָס אַזוינער?

— האָט זיך אָבגעוואַלגערט זיין גאַנץ לעבען אַלס פּאָסט־מייס־טער אין אַ אויעזד־שטאָדט... קריגט אַ קלאָגעדיגע פּענסיע, אַלט אַקע־גען פינף און זעכציג יאָהר, עס איז אפילו ניט כדאי צו רעדען דער־פון... הגם צוריקגערעדט האָב איך איהם גאַנץ ליעב. פּאָרפירי פּעט־ראָוויטש וועט אויך קומען: דאָס איז דער פּריסטאַוו פון דעם ז'אַזיגען ראַיאָן איבער די ענינים, וואָס פאָדערן אַנ'אויספאָרשונג... אַ יוריסט. דו קענסט דאָך איהם...

— ער איז אויך עפּעס דיינער אַ קרוב?

— יא, אבער גאר א ווייטער; נאר וואס קרימסטו זיך עפעס? טאמער האט איהר זיך אמאל צוואווערטעלט, ווילסטו שוין אודאי גאר ניט געהן?

— ווער באשטעהט אז איהם...

— וואס דען, די גלייכסטע זאך. דארטען וועלען זיין סטודענ־טען, א לעהרער, איינער א טשינאווניק, איינער א מוזיקאנט, אנ־אפיצער, זאמעטאוו...

— זאג מיר, איך בעט דיך, וואס קענסטו אדער ער, — ער האט אנגעוויזען מיט'ן קאפ אויף ראסקאלניקאוו'ן, — האבען פאר א שייכות צו עפעס א זאמעטאוו'ן?

— א, עס הויבט זיך שוין אן — איבערקלויבער! פרינציפען!... ביסט אויף דיינע פרינציפען, פונקט ווי אויף ספרונזשינעס; א קעהר טאן זיך טארסטו ניט ווי דו וואלסט וועלען; און מיין מיינונג איז, אז יעדער מענש איז א מענש — איז דאס ביי מיר דער בעסטער פרינ־ציפ, און איך וויל פון גארניט וויסען. זאמעטאוו איז א וואונדערלי־בער מענש.

— מיט פארשטאכענע הענט.

— און אויב מיט פארשטאכענע הענט, בין איך בדלות: וואס איז דארט אזוי, אז ער האט פארשטאכענע הענט! — האט ראזומי־כין פלוצלונג ארויסגעדונערט, ווערענדיג עפעס אומנאטירליך צוקאכט.

— איך האב דיר דען אנגעגעבען פאר א מעלה, וואס ער האט פאר־שטאכענע הענט? איך האב געזאגט, אז אין זיין אופן נאר איז ער גוט! אבער אין כלל גענומען ווען מען זאל דעם מענשען באטראכטען אין אלע אופנים, וועט עפעס בלייבען א סך גוטע מענשען? איך בין זיכער, אז פאר מיר איינגאנצען, מיט האק און פאק, וועט מען דא־מאלס געבען ניט מעהר ווי איין ציבעלע! איז אויך מיט דיר נאך אלס צוגאב!...

— דאס איז ווינציג; איך וועל פאר דיר געבען צוויי...

— און איך פאר דיר נאר איינע! חכמ'ע זיך נאך! זאמעטאוו איז נאך א אינגעל, איך וועל נאך איהם פאר די אויערן אנדרעהן, מען דארף איהם אבער צוציהען, נ י ט אבשטויסען. דערמיט וואס דו וועסט א מענשען אבשטויסען, — וועסט איהם ניט מאכען בעסער, בפרט נאך א אינגעל. מיט א אינגעל דארף מען זיין פארזיכטיג צוויי מאל אזוי פיעל. עה, איהר פארשטאפטע קעפ, איהר אויפגעקלערטע, איהר

פארשטעהט דאך ניט פון דאנען אהין! איהר אכט ניט דעם מענשען — באליידיגט איהר זיך אליין... און אויב דו ווילסט וויסען, איז ביי אונז אפשר דא איצט א געמיינזאמעס :עשעפט.

— איך וואלט טאקע זיין א בעלן צו וויסען.

— דאס איז אלץ וועגען דעם מאליער, ד. ה. וועגען דעם פאר־בער... נישקשה, מיר וועלען איהם שוין ארויסנעהמען! און צוריק־געדעדט, איז שוין איצט קיין שום אומגליק ניט. די זאך איז זעהר און זעהר קלאר! מיר וועלען נאר אונטערגעבען היץ.

— וואס איז נאך דארט פאר א פארבער אזעלכער?

— וואס הייסט, איך האב אייך דען ניט דערצעהלט? ווארט! אהא, איך האב דיר נאר דעם אנהויב דערצעהלט... אט וועגען דעם, וואס מען האט גע'הרג'עט דער אלטער פראצענטניצע די טשינאווניצע... נו, איז דא פארמישט א פארבער אויך...

— יא, יא, וועגען דעם האב איך שוין געהאט געהערט נאך פריהער פאר דיר, איך אינטערעסיר זיך זאגאר דערמיט... אביסעל... צוליעב עפעס א זאך... און אין די צייטונגען געלעזען! אהא, יא...

— ליזאוועטא'ן האט מען דאך אויך גע'הרג'עט! — האט נאס־טאסיא אין מיטען דערינען אויסגעשאסען, זיך ווענדענדיג צו ראס־קאלניקאוו'ן.

זי איז די גאנצע צייט געווען אין צימער אנגעשפארט אן טיר און האט זיך איינגעהערט.

— ליזאוועטא'ן? — האט ראסקאלניקאוו קוים געקענט ארויס־שטאמלען מיט א שוואכער שטים.

— יא, ליזאוועטא'ן, א הענדלערין געווען, געדענקסט ניט, וואס? זי פלעגט קומען אהערצו אונטען. האט דיר אפילו א העמד פארריכט.

ראסקאלניקאוו האט זיך אבגעקעהרט צום וואנט, האט אויסגע־קליבען אויף די שמוציגע געלע טאפעטען מיט ווייסע בלומען אנ־אומגעלומפערטע ווייסע קווייט מיט עפעס אזעלכע ברוינע פאסיקלאך און האט זיך גענומען באטראכטען: וויפיעל בלעטעלעך איז אין איהר, וואס פאר א קארבען איז אויף די בלעטעלעך און וויפיעל פאסיקלעך? ער האט געפיהלט, אז איהם האבען אבגע'חלש'ט הענט און פיס, גלייך ווי אבגענומען, נאר ער האט זיך אפילו ניט געפרובט א ריהר טאן און האט שטארק געקוקט אויף דאס קווייטעל.

— נו, איז וואס איז מיט'ן פארבער געווען? — האָט זאַסימאָוו עפּעס מיט אַ מאָדנעם כעס איבערגעשלאָגען נאַסטאַסיאַס פּלוידעריי.

יענע האָט אַ זיפץ געטאָן און איז אַנשוויגען געוואָרען.

— נו, האָט מען איהם אויך פארשריבען אין צעטעל פון די מער־דער!

— וואס, ס'איז דען עפּעס דאָ באַווייזען?

— ווייס איך וואס! יאָ, ס'איז אייגענטליך פאראן אַ באַ־ווייז, נאָר דער באַווייז איז קיין באַווייז ניט, אָט דאָס מוז דערווייזען ווערען! דאָס איז פונקט זאָל פעהלען אַ האָר, ווי זיי האָבען צוגע־נומען און חושד געווען יענע... ווי הייסען זיי... קאָכ'ן און פּעסטרי־אַקאָוו'ן. פּע! ווי נאַריש דאָ פיהרט זיך אַלץ, פון דערווייטען אפילו נעהמט אַן אַנ'עקעל! פּעסטריאַקאָוו וועט נאָך אפשר צו מיר היינט אַריינקומען...

— שאַ, ראַדיאַ, דו דאַרפסט דאָך וויסען די דאָזיגע געשיכטע, זי איז געשעהן נאָך פאר דיין קראַנק ווערען, פונקט מיט אַ טאָג פריהער, ווי דו ביזט געפאַלען אין חלשות אין קאַנצעלאַריע. ווען מען האָט דאָרט דערצעהלט וועגען דעם...

זאַסימאָוו האָט נייגעריג אַ קוק געטאָן אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן; יענער האָט זיך אַ ריהר ניט געגעבען.

— דו ווייסט גאָר וואס איך וועל דיר זאָגען, ראַזומיכין? איך קוק אויף דיר און מיר איז אַ גרויסער חדוש: דו ביזט דאָך עפּעס גאָר אַ גאַנצער מאַכער, — האָט זאַסימאָוו געזאָגט.

— זאָל זיין אַ מאַכער, מיר'ן איהם אָבער אַרויסנעהמען! — האָט ראַזומיכין אַ געשריי געטאָן, אַ קלאַפּ טוענדיג מיט דער פויסט איבער'ן טיש. — וואס, מיינסטו, פאַרדריסט מיך דאָ אַזוי? ניט דאָס, וואס זיי זאָגען ליגען, אַ ליגען קען מען שטענדיג מוחל זיין; ליגען איז אַ גאַנץ וואוילע זאַך, ווייל עס פיהרט צום אמת. ניין, מיר פאַרדריסט דאָס, וואס זיי זאָגען ליגען, און גיבען נאָך אָב כבוד זייער אייגענעם ליגען. פאַרפיר'ן האָב איך גאַנץ ליעב, אָבער... ווייל וואס, מיינסטו, אַ שטייגער, האָט זיי איבערהויפּט אַראָבגעפיהרט פון וועג? די טהיר איז געווען פאַרשפּאַרט, און ווי זיי זענען געקומען מיט'ן סטרוזש — אָפען: אַלזאָ, וואס איז דאָ צו קלערען אַ סך, קאָך און פּעסטריאַקאָוו האָבען גע'הרג'עט! אָט דאָס איז דאָך זייער לאָגיק.

— שאַ, קאָך זיך ניט, מען האָט זיי גלאַט פאַרהאַלטען: מען קען דאָך אַנדערש ניט.. יאַ, מיט דעם דאָזיגען קאָצ'ן האָב איך מיך אַמאָל געטראָפען: עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט אויפגע־קויפט ביי דער אַלטער די זאַכען, וואָס ס'איז אויסגעגאַנגען זייער טערמין! וואָס זאָגסטו דערצו!

— געוויס, שוין איינמאָל אַ שווינדלער! וועקסלען קויפט ער אויך אויף. אַ סוחר, נאָר כאַפּט איהם דער רוח! ווייל אויף וואָס, מיינסטו, בין איך אַזוי אין כעס, פאַרשטעהסט אויף וואָס? זייער אַלטע פאַר־שימעלטע באַנאַלע מיאוסע קליינקעפּעלדיגקייט מאַכט מיך בייז... און דאָ קען מען ענטדעקען אַ נייעם וועג אין דער זאַך אַליין. נעהמענדיג אין אַכט בלויז פּסיכאָלאָגישע ראיות קען מען דערווייזען, ווי אַזוי אַנצוטרעפען אויף דעם אמת'ן וועג. „מיר האָבען פאַקטען!" — האַלטען זיי אין איין טענה'ן. פאַקטען זיינען דאָך אָבער ניט אַלץ: אַלענפאַלס באַשטעהט אַ העלפט פון דער זאַך אין דער קונסט זיך צו באַנעהן מיט פאַקטען!

— און דו קענסט זיך באַנעהן מיט פאַקטען?

— מען קען דאָך אָבער ניט שווייגען, ווען דו פיהלסט, פיהלסט בחוש, אַז דו וואָלסט טאַקע געקענט העלפען, ווען... ער!... דו ביסט קלאָר אין דעם גאַנצען ענין?

— אַט איך וואַרט אַלץ זאָלסט מיר דערצעהלען וועגען פאַרבער.

אויף דעם דריטען טאָג נאָך דער רציחה, אין דערפריה, בשעת זיי האָבען זיך נאָך דאַרטען געצאַצקעט מיט קאָכ'ן און פעסטריאַקאָוו'ן, — הגם יענע האָבען מיט אותות ומופתים דערוויזען, אַז זיי זענען דאָ גאָט די נשמה שולדיג, — דאַרף זיך פּלוצלונג טרעפען אַזאַ מין געשיכטע. איינער אַ פויער דושקין, וואָס האַלט אַ שענק פונקט געגענ־איבער יענעם הויז, קומט צו געהן אין קאַנצעלאַריע און ברענגט אַ יובעלירען־שיידעל מיט גאָלדענע אוירינגלעך, און דערצעהלט אַ גאַנצע מעשה: „געקומען צו מיר צו לויפען, זאָגט ער אייער־נעכטען, אַנ־ערך נאָך אַכט דעם זייגער פאַרנאַכטלעך" — דו באַנוזקמסט אין וועל־כען טאָג און שעה? — איינער אַנ'אַרבייטער אַ פאַרבער, וועלכער איז נאָך פריהער ביי טאָג ביי מיר אויך געווען, ניקאָלאַי הייסט ער, און האָט מיר געבראַכט דאָס דאָזיגע קעסטעלע מיט גילדערנע אויי־רינגלעך און מיט שטיינדלעך, און געוואָלט זיי פאַרמשכונען פאַר צוויי

רובל פרעג איך איהם: וואו׳סטו גענומען? — זאָגט ער — געפונען אויפ׳ן טראָטואַר. מעהר האָב איך איהם וועגען דעם ניט פונאַנדער־געפרעגט, — דאָס זאָגט, הייסט עס, דושקין, — און האָב איהם ארויסגעטראָגען א „בילעטעל“ — ד. ה. א רובל, — ווייל איך האָב געמיינט, אז ניט מיר, איז אַן׳אַנדערן, ער וועט עס סיי ווי סיי פארשכור׳ן, זאָל עס שוין בעסער בלייבען ביי מיר, טאָמער וועט זיך געפינען דער אייגענטימער, וועל איך עס איהם אומקעהרען“. פאַר־שטעהט זיך, אז ס׳איז ניט מעהר ווי א באָבע־מעשה, לייגט ווי א דבר־אחר, מחמת איך קען איהם, דעם דושקינען, ער נעהמט אליין משכנות, באהאלט גנבות, און געוויס האָט ער ביי ניקאָלאַיען אויסגענאַרט א דרייסיג־רובלדיגען חפץ ניט צוליעב מצות השבת אבידה. ער האָט זיך גלאַט דערשראָקען נאָר כאַפּט איהם דער רוח. הער ווייטער דושקינס מעשה: — „און דעם דאָזיגען פויער, ניקאָלאַי דעמענטיעוו׳ן, קען איך פון קינדווייז אויף, פון איין גובערניע און איין אויעזד און ניקאָלאַי איז אפילו ניט קיין שכור! נאָר האָט זיך ליעב צו מאַכען א כוסה. און מיר האָבען געוואוסט, אז ער ארבייט אין דעמזעלביגען הויז, ער פארבט דאָרט און מאָלט צוזאַמען מיט מיטרייען, זיי זענען ביידע פון איין דאָרף: באַקומען דאָס בילעטעל, האָט ער איהם צובּיטען, פאַר אמאָל אויסגעטרונקען א פאָר גלעזלעך, גענומען אויסגאַב און איז אוועק. מיטרייען האָב איך דעמאָלט ניט געזעהן מיט איהם צוזאַמען. און אויף מאָרגען האָב איך דערהערט, אז מען האָט גע׳הרג׳עט אלענא איוואַנאָוונאַ און זייער שוועסטער ליזאַוועטאַ׳ן מיט א האַק, און מיר האָבען זיי געקענט, דאָ איז מיר איינגעפאַלען א חשד אויף די אויריננג־לעך, — מחמת מיר האָבען געוואוסט, אז די גע׳הרג׳טע פלעגט לייהען געלט אויף משכנות. ביז איך אוועק צו זיי אהיים און האָב הינטער ארום גענומען טאַפּען אין וואָגען אריין: קודם כל האָב איך א פרעג געטאָן: ניקאָלאַי איז אין דער היים? זאָגט מיטריי, אז ניקאָלאַי האָט זיך פארהוליעט, געקומען אהיים באַגינען א שכור׳ער, אָבגעוועזען אַנ־ערך א מינוט צעהן און ווידער אוועק, און מיטריי האָט איהם שוין מעהר ניט געזעהן און ענדיגט אליין די ארבייט. און די ארבייט זייערע איז אויף דיזעלבע טרעפּ וואו ס׳איז געווען די רציחה, אויפ׳ן צווייטען שטאָק. אז מיר זענען דאָס אלצדינג געוואָהר געוואָרען, האָבען מיר קיינעם ניט דערצעהלט קיין מעשיות, — אזוי דערצעהלט

דושקין, — און זענען דערגאַנגנען אַלץ וואָס מען האָט נאָר געקענט וועגען דער רציחה און זיך אומגעקעהרט אהיים אַלץ נאָך מיט דעמ־זעלביגען חשד. און היינט אין דער פריה, אַכט דעם זייגער, — דאָס הייסט אויפ'ן דריטען טאָג ערשט, פאַרשטעהסט? — „זעה איך, עס קומט צו מיר אריין ניקאָלאַי, ניט קיין ניכטערער, אפילו ניט גאָר אויך שכור, פאַרשטעהט וואָס מען רעדט צו איהם, געזעצט זיך אויף דער באַנק און שווייגט און חוץ איהם איז דעמאָלט געוועזען אין שענק נאָר איין זייטיגער מענש, און איינער אַ באַקאַנטער האָט געשלאָפען אויף דער באַנק, און נאָך אונזערע צוויי אינגלעך. האָסט געזעהן — פרעג איך איהם — מיטרייען? — ניין זאָגט ער, ניט געזעהן. — און דאָ געוועזען? — ניט געווען — זאָגט ער — פון אייערנעכטען אָן. — און וואו'סטו היינט גענעכטיגט? — אויף די „פעסקי“ זאָגט ער — און וואו. — זאָג איך — האָסט דעמאָלט גענומען די אוירינגלעך? — געפונען אויפ'ן טראָטואַר, — און ער זאָגט עס אַזוי ווי ניט־זיכער מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען. — און דאָס האָסטו געהערט — זאָג איך — וואָס ס'האָט זיך געטראָפען דאָרט אויף די טרעפּ אין דעמ־זעלביגען אָבענד און אין דערזעלביגער שעה? — ניין, זאָגט ער, ניט געהערט, — און אַליין הערט ער זיך צו מיט אויסגעגלאָצטע אוי־גען, און איז בלייך געוואָרען ווי קאַלך. האָב איך איהם דערצעהלט, ערשט ער נעהמט זיך פאַר דאָס היטעל און וויל אויפשטעהן פון אָרט. האָב איך איהם געוואָלט פאַרהאַלטען דאָ טאַקע אויפ'ן אָרט: וואַרט, זאָג איך, אַ ווייל'ע, סט'אפשר נעהמען אַביסעל בראַנפען? און אַליין האָב איך אַ וואונק געטאָן דעם אינגעל, ער זאָל צוהאַלטען די טהיר, און נעהם אַרויסגעהן פון הינטערן שענק־טישעל: ערשט מיינער גיט זיך אַ לאָז, און מאַרש אויפ'ן גאַס, לויפט ווי אַ פאַר'סמ'טער, און גלייך אין אַ הינטערגעסעל, — און איז נעלם געוואָרען. דאָ איז ביי מיר שוין קיין שום ספק ניט געבליבען ווייל מען זעהט דאָך באַשייג־פערליך, אַז ס'איז זיין אַרבייט...“

— אַ שאלה!... האָט זיך זאַסימאָוו אָפּגערופען.

— וואַרט! הער אוים דעם סוף! האָט מען זיך, פאַרשטעהט זיך אַ לאָז געטאָן זוכען ניקאָלאַיען, אָבער אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין: דושקינען האָט מען פאַרהאַלטען און געמאַכט ביי איהם אַ רעוויזיע, מיטרייען אויך; די קאַלאָמנער האָט מען אויך אַ נעהם געטאָן אויפ'ן

צימבעל. — ערשט אייערנעכטען ברענגט מען צופיהרען ניקאלאיען אליין: מען האט איהם פארהאלטען ניט ווייט פון דער ראגאטקע, אויף אנ'אכסניא. געקומען אהינצו, אויסגעטאן פון זיך א צלם א זעלבערנעם און געבעטען, מען זאל איהם געבען פאר'ן צלם א קוואטירעל. מען האט איהם געגעבען אין א ווײַלע ארום האט א גוי'ה געדארפט עפעס האבען אין שטאל, ערשט זי זעהט דורך א שפאלט, ווי ער האט אנגעבונדען אין שייער דעם פאס צו א באלקען, האט געמאכט א שלייף, זיך גע־שטעלט אויף א קלעצעל און וויל ארײַנטאן דעם קאפ אין שלייף אריין: די גויה האט געמאכט א גוואלד, איז מען זיך צונויפגעלאפען: „אזוי, ביזטו, גאר אזא מין חפץ!" — „טא פיהרט מיך, זאגט ער, אין דעם און דעם צירקעל, וועל איך זיך אין אלצדינג מודה זיין", נו, האט מען זיך מיט איהם גוט באווארענט און געבראכט איהם צו פיהרען א הערצו אין צירקעל אריין נו, דאס, יענעס. ווער, אזוינער, פון וואנען, וויפיעל אלט. — צוויי און צוואנציג", א. אז. וו. א. אז. וו. פרעגט מען איהם: „בעת איהר האט געארבייט מיט מיטרייען, האט איהר ניט געזעהן קיינעם אט אין דער און דער שעה"? ענטפערט ער: „ווער ווייס, עס זענען אפשר דורכגעגאנגען א סך מענשען, נאר ווער קען זיי און ווער ווייס זיי". — „האט איהר גאר ניט געהערט קיין טומעל, קיין געשרייען?" — „ניין, ניט געהערט. — „און דאס האסטו, ניקא־לאי, אין דעמזעלבינען טאג געוואוסט, אז די און די אלמנה מיט א שוועסטער איהרער האט מען גע'הרג'עט און בארויבט אין דעם און דעם טאג אין דער און דער שעה?" — „זאל איך אזוי וויסען בייז. ערשט אויפ'ן דריטען טאג האב איך עס צום ערשטען מאל דערהערט פון אפאנאסי פאווליטש'ן." — „און די אוירינגלעך וואו'סטו גענר־מען?" — „געפונען אויפ'ן טראטואר" — פאר וואס ביזטו אויף מארגען ניט געקומען מיט מיטרייען צו דער ארבייט?" — מחמת איך האט געשכור'ט. — „און וואו'סטו געשכור'ט?" — „דארטען און דאר־טען". — „פאר וואס ביזטו אנטלאפען פון דושקינען?" — „ווייל איך האב זיך זעהר דערשראקען". — „פאר וואס האסטו זיך דער־שראקען?" — „אז מען וועט מיך פער'משפט'ן". — „ווי אזוי אבער האסטו זיך געקענט דערפאר דערשראקען, ווײַבאלד, אז דו פיהלסט, אז דו ביזט קיין זאך ניט שולדיג"?... נו, זאסימאוו, מעגסט גלויבען אדער ניט, די דאזיגע פראגע איז געשטעלט געווארען און פונקט כזה

הלשון, איך ווייס עס אויף זיכער, מען האָט עס מיר ריכטיג איבער־געגעבען. וואָס זאָגסטו! — הא? וואָס זאָגסטו?

— די באַווייזע געגען איהם קען מען דאָך אָבער מיט דער האַנט ניט אוועקמאַכען.

— אַז איך בין דאָ איצט גאָר ניט אויסען די באַווייזען געגען איהם, ווי געפעלט דיר אָבער די פראַגע אַליין, ווי געפעלט עס דיר, ווי אַזוי זיי פאַרשטעהען דאָס אָביסעל דעם תוך! נאָר מילא כאַפּט זיי דער רוח!... הקיצור האָט מען איהם צוגעשפּאַרט, צוגעשפּאַרט, אַזוי לאַנג, ביז ער נעהמט און איז זיך מודה: — „געפונען, זאָגט ער, ניט אויפ'ן טראָטואַר, געפונען און איז זיך מודה: — „געפונען, זאָגט ער, ניט אויפ'ן טראָטואַר, געפונען גאָר דאָרט, וואו מיר האָבען געאַרבייט מיט מיטרייען." — „סטייטש, ווי אַזוי?" — „גאַנץ פּשוט, מיר האָבען דאָרט מיט מיטרייען געמאָלט דעם גאַנצען טאָג, ביז אַכט דעם זייגער און זיך שוין געקליבען אוועקצוגעהן. נעהמט מיטריי דאָס פּענזעל און גיט עס מיר אַזוי אַ שמיד איבער'ן צורה מיט פאַרב, און געמאַכט פּליטה,—איך נאָך איהם. לויף איך אַזוי נאָך איהם און שריי אויף וואָס די וועלט שטעהט: און דאָרט וואו מען דאַרף זיך פאַרנעהמען פון די טרעפּ צום טויער צו, בין איך אַנגעפלויגען אין אימפּעט אויפ'ן סטרוזש און אויף עפּעס יונגע לייט, און זאָלבע וויפיעלט זיינען זיי געווען, געדענק איך ניט, האָט מיך דער סטרוזש גענומען זידלען, און דער צווייטער סטרוזש האָט מיך אויך גענומען זידלען, איז אַרויס דעם סטרוזשס ווייב און מיך אויך גענומען זידלען און איינער אַ הערר איז אַריינגע־קומען אין טויער מיט אַ דאַמע, האָט ער אונז אויך גענומען זידלען, ווייל איך מיט מיטקען האָבען מיר זיך אויסגעצויגען אַקוראַט זיי אויפ'ן וועג: איך האָב מיטקען אַ נעהם געטאָן פאַר די האָר, אַ שליידער גע־טאָן אויף דער ערד און אָנגעהויבען בוויקערן איהם די ביינער, און מיטקע האָט מיך פון אונטען אויך אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און אויך אָנגעהויבען בוויקערן מיר די ביינער, און מיר האָבען דאָס געטאָן ניט מחמת כעס, נאָר אין גוטען מוט, געשפּיעלט זיך דערנאָך האָט זיך מיטקאַ אַרויסגעריסען און איז אַנטלאָפען אויפ'ן גאַס, איך נאָך איהם. — האָב איך איהם ניט געקענט דעריאָגען און זיך אומגעקעהרט צו־ריק אַליין, — ווייל מען האָט געדאַרפט דאָרט מאַכען אַן אָרדנונג. איך האָב גענומען צוקלויבען און וואַרט אויף מיטרייען, טאָמער קומט ער

אונטער. ערשט ביי דער טהיר אין פאר־הויז אריין נעבען וואנד אין א ווינקעל האב איך ארויפגעטראטען אויף א קעסטעלע. איך גיב א קוק, עפעס איינגעוויקעלט אין פאפיר. האב איך אראפגענומען דאס פא־פיר. ערשט עפעס העקעלער. אזוינע פיטשענקע, האב איך אראפגע־נומען אט די דאזיגע העקעלעך! — ערשט איך גיב א קוק — אין קעסטעלע איז אוירינגלעך..."

— הינטער'ן טהיר? הינטער'ן טהיר געלעגען? הינטער'ן טהיר?

— האט ראסקאלניקאוו פלוצלונג א געשריי געטאן, קוקענדיג מיט א טריבען צושראקענעם בליק אויף ראזומיכינען, און האט זיך גלייך אויפגעזעצט אויפ'ן דיוואן, זיך אנשפארענדיג מיט דער האנט.

ראזומיכין האט זיך אויך א הויב געטאן פון ארט.

— יא. וואס איז דען? וואס איז מיט דיר? — זעה, ווי דו ביסט געווארען?...

— גאר ניט!... — האט ראסקאלניקאוו שטיל ארויסגערעדט, פאלענדיג ווידער אויפ'ן קישען און אפקעהרענדיג זיך ווידער צו דער וואנט.

— אנדרעמעלט געווארען, פון שלאף א פנים. — האט ראזומיכין ענדליך געזאגט און פרעגענדיג א קוק געגעבען אויף זאסימאוו'ן.

יענער האט א לייכטען שאקעל געטאן מיט'ן קאפ אויף ניין.

— נו, דערצעהל, וואס ווייטער איז געווען — האט זאסימאוו גע־זאגט.

— וואס זאל זיין ווייטער? ווי נאר ער האט דערזעהן די אויר־רינגלעך, האט ער גלייך פארגעסען אין דעם צוקלייבען, אין מיטקען, א כאפ געטאן דאס היטעל און איז אוועקגעלאפען צו דושקינען און, ווי געזאגט, האט ער ביי איהם געקריגען א רובל, און האט איהם אפגע־נארט, אז ער האט עס געפונען אויפ'ן טראטואר, און האט גלייך גע־נומען שכור'ן. און וועגען דער רציחה האלט ער אין איין טענה'ן: „איך ווייס ניט פון וואס צו זאגען, ערשט אויפ'ן דריטען טאג זיך דער־וואוסט". — און „פאר וואס ביסטו ביז אהער ניט געקומען?" — „פאר מורא" — „און פאר וואס האסטו זיך געוואלט אויפהענגען?" — „פון טראכטען". — „וועגען וואס האסטו געטראכט?" — „אז מען וועט מיך פאר'משפט'ן". — נו, אט האסטו די גאנצע געשיכטע, וואס מיינסטו, האבען זיי איצט דערפון ארויסגעדרונגען?

— וואס איז דאַ צו טראכטען אַ סך, עפּעס אַ שפּור איז דאָך פּאַרט פאַרהאַן. ס'איז דאָך אַ פאַקט. וואס האָסטו געוואָלט, מען זאָל דיין פאַרבער ארויסלאָזען אויף דער פריי?

— זיי האָבען דאָך איהם אבער איצט גלייך פאַרשריבען פאַר אַ מערדער! ביי זיי איז שוין דאַ נישטאָ קיין שום צווייפעל.

— ס'אַ ליגען, קאָכסט זיך צופיעל. און וואס איז מיט די אוירינג־לעך? מוזט דאָך אַליין מודה זיין, אַז וויבאַלד צו ניקאָלאַיען פאַלען אריין אין דעמזעלביגען טאָג און אין דערזעלביגער שעה אוירינגלעך פון דער אַלטערס קאַסטען, — מוזטו דאָך אַליין מודה זיין, אַז דאַס האָט זיי איהם ניט קיין מלאך אונטערגעוואָרפען? און ביי אַזאַ מין אויספאַרשונג האָט עס אַ סך צו זאָגען.

— אַ מלאך אונטערגעוואָרפען! אַ מלאך אונטערגעוואָרפען! — האָט ראַזומיכין אויסגעשריען. — מיר איז טאַקי אַ גרויסער חידוש, אויף דיר, פאַרט עפּעס אַ דאָקטאָר, דו, וואס דו ביסט פריהער פאַר אַלץ מחויב צו שטודירען דעם מענשען, און דו האָסט טאַקי די געלעגענהייט צו שטודירען די מענשליכע נאַטור גיכער ווי אַן אַנדערער, — איז מיר אַ גרויסער חידוש, וואס נאָך אַלעם דעם זעהסטו ניט, וואס פאַר אַ נאַ־טור אַט דער דאָזיגער ניקאָלאַי האָט? זעהסט דען ניט פון דעם ערש־טען אויגענבליק אָן, אַז אַלץ, וואס ער האָט געזאָגט אויף דער אויס־פאַרשונג, איז דער ריינער הייליגער אמת? פּונקט טאַקי אַזוי זיינען זיי איהם אריינגעפאַלען אין די הענד אריין, ווי ער האָט דערצעהלט. ארויפגעטראָטען אויף אַ קעסטעלע און אויפגעהויבען!

— דער ריינער הייליגער אמת! זעהסט דאָך אבער, אַז ער האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז דאָס ערשטע מאָל האָט ער געזאָגט אַ ליגען.

— הער זשע מיך אויס, אבער מיט קאָפּ הער מיך אויס: דער סטרוזש, און קאָך, און פּעסטריאַקאָוו, און דער צווייטער סטרוזש, און דעם ערשטען סטרוזשס ווייב, און די גויה וואס איז ביי איהר דאַמאָלס געזעסען, און דער „נאַדוואָרני" קריוקאָוו, וואס האָט פּונקט אין דער מינוט אויסגעשטייגט פון אַ דראָזשקע און איז אריין אין טויער גע־אָרעמט מיט אַ דאַמע, — זיי אַלע, ד. ה. אַ מאַן אַכט אָדער צעהן עדות, טענה'ן אין איין קול, אַז ניקאָלאַי האָט צוגעשטיקט דמיטרי'ן צו דער ערד, איז אויף איהם געלעגען און האָט איהם געבויקערט די ביינער, און

יענער האָט זיך איהם איינגעדרעהט אין די האָר און איהם אויך געבראָכען די ביינער. ליעגען זיי אַזוי סאַמע אויפ'ן וועג און לאָזען ניט דורכגעהן: מען זידעלט זיי פון אַלע זייטען, און זיי ליגען זיך איינער אויפ'ן צווייטען, ווי „קליינע קינדער" (ממש מיט די ווערטער דערצעהלען עס די עדות), קוויטשען, שלאָגען זיך, קייכען פאַר געלעכטער, ביידע צוזאַמען, מיט די משונה'דיגסטע תנועות און העויות: דערנאָך זיינען זיי אַרויסגעלאָפען אויפ'ן גאַס יאָגען זיך איינער נאָכ'ן אַנדערען. פונקט ווי קינדער. האָסט געהערט? באַנעהם עס מיט קאָפּ: די קערפּער זיינען אויבען נאָך ניט אָפּגעקיהלט געוואָרען, אַזוי האָט מען זיי נאָך געטראָפען! אויב דאָס האָבען זיי גע'הרג'עט, אָדער אַפילו ניקאָלאַי אַליין, דערצו נאָך אויפגעבראָכען די שלעסער און באַרויבט די קאַסטענס, אָדער אויב זיי האָבען גענומען וואָסערן ניט איז אַנטייל אין דער רויבעריי, טאָ ערלויבט מיר צו שטעלען דיר נאָר איין פראַגע: שיקט זיך אַזאַ מין גייסטיגע שטימונג, ד. ה. א קוויטשעריי, א הילכיג געלעכטער, א קינדערשע־געשלעג אונטער'ן טויער, — שיקט זיך עס מיט העק, מיט בלוט, מיט מערדערישע איינפאַלען, מיט פאַרזיכטיגקייט, מיט רויבעריי? אַט ערשט גע'הרג'ט, מיט וואָסערע פינף אָדער צעהן מינוט צוריק, מחמת אַזוי קומט דאָך עס אויס, — די קערפּער זיינען נאָך ניט אָפּגעקיהלט — און פּלוצלונג, געלאָזט די ניט־אָפּגעקיהלטע קערפּער און די דירה אָפען, ווייסענדיג א פריהער, אַז נאָר וואָס זיינען אַהין אַוועק מענשען, און געלאָזט די רויב, האָבען זיי זיך גענומען קייקלען ווי קליינע קינדער איבער'ן וועג, לאַכען הויך אויפ'ן קול, ציהען צו אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, און דאָס פאַרזיכערען אין איין קול צעהן עדות!

— געוויס איז עס מערקווירדיג! נאַטירליך איז עס אונמעגליך, אָבער...

— ניין, ברודער־לעבען, קיינע אָ ב ע ר ס! און אויב די אויריינגלעך וועלכע זיינען אין יענעם טאָג און יענער שעה אַריינגעפאַלען צו ניקאָלאַיען אין די הענט, קענען ווירקליך דיענען פאַר א וויכטיגען פאַקטישען באַווייז געגען איהם, — הגם ער ווייזט דאָך יאָ אויף, ווי אַזוי זיי קומען צו איהם. אַלזאָ איז דער דאָזיגער באַווייז נאָך אויך א צ ו ו י י פ ע ל ה אַ פ ט ע ר. — דאַרף מען דאָך אָבער נעהמען אין אַכט אויך יענע פאַקטען, וואָס זיינען פאַר 'איהם, בפרט נאָך, אַז זיי

זיינען באשיינפערליכע פאקטען. און ווי מיינסטו, זיינען זיי עפּעס פּעהיג, לויט דעם כאראקטער פון אונזער יוריספּרודענץ, אָנצונעה־מען אזא פאקט. — וואָס מאכט צו ניט אַלע מאטעריעלע און באשול־דיגענדע פאקטען? ניין, זיי וועלען ניט אָננעהמען, פאר קיין פאל וועלען זיי ניט אָננעהמען: מען האָט דאך געפונען א קעסטעלע און דער מענש האָט זיך געוואָלט הענגען „און דאָס וואָלט געווען אן אונמעג־ליכע זאך, ווען ער וואָלט זיך ניט געפיהלט שולדיג!" אָט דאָס איז ביי זיי די הארבסטע קשיא. אָט פאר וואָס איך קאָך זיך אזוי! פאר־שטהעסט!

— יאָ, איך זעה, אז דו קאָכסט זיך. ווארט איך האָב פארגעסען צו פרעגען: פון וואנען איז עס געדרונגען, אז דאָס קעסטעלע מיט די אויירינגלעך איז טאַקי פון דער אַלטערס רענצעל?

— ס'איז יאָ געדרונגען, — האָט ראזומיכין געענטפערט, פאר־קנייטשענדיג זיך און עפּעס אזוי ווי ניט גערן. — קאָך האָט דערקענט די זאך און אָנגעוויזען דעם פארזעצער און יענער האָט אויף זיכער אויפגעוויזען, אז ס'איז טאַקי זיינע.

— שלעכט! איצט נאָך איין זאך: האָט קיינער ניט געזעהן ני־קאָלאַיען, בשעת קאָך און פּעסטריאקאָוו זיינען ארויף אויבען, און צי קען מען עס אפשר דערווייזען מיט עפּעס?

— אָט דאָס איז דאך די מעשה, וואָס קיינער האָט ניט געזעהן, — האָט ראזומיכין פארדראָסיג געענטפערט. — אָט דאָס איז דאך טאַקי די צרה: זאָגאר קאָך מיט פּעסטריאקאָוו'ן האָבען זיי אויך ניט געזעהן, ווען זיי זיינען ארויף אויבען, אפילו אויף זייער עדות זאָגען וואָלט מען איצט ניט קיין סך געקענט בויען. „מיר האָבען געזעהן, זאָ־גען זיי, אז די דירה איז אָפען, אז מען ארבייט אפנים דאָרטען, נאָר געהענדיג פארביי האָבען מיר זיך ניט צוגעקוקט און מיר געדענקען ניט אויף קלאָר, צי זיינען דאָרט איז יענער ווייַלע געווען ארבייטער, צי ניט".

— הם!... אַלזאָ, הייסט עס, אז דער איינציגער זכות זייערער איז וואָס זיי האָבען זיך איינער דעם אנדערן געבויקערט די ביינער און געלאכט הויך אויפ'ן קול: לאָמיר שוין זאָגען אפילו. אז דאָס איז א שטאַרקע ראיה, אבער דאך.. ווארט זשע: ווי אזוי ערקלערסטו אליין

דעם גאַנצען פאַקט? דעם פאַקט מיט די אוירינגלעך ווי אַזוי ער־קלערסטו, אויב ער האָט זיי מיט אַן אמת געפונען, אַזוי ווי ער דער־צעהלט?

— ווי אַזוי ערקלער איך? וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו ערקלערען: די זאַך איז קלאָר! ווענינסטענס איז קלאָר און דערוויזען דער וועג, מיט וועלכען מען דאַרף געהן ביים פיהרען דעם דאָזיגען ענין, און טאַקי דאָס קעסטעל האָט ענטדעקט דעם דאָזיגען וועג. דער אמת'ער מער־דער האָט די אוירינגלעך אַנגעוואָרען. דער מערדער איז געווען אויבען, בשעת קאָך און פעסטריאַקאָוו האָבען געקלאַפּט אין טהיר, און איז געזעסען פאַרשפּאַרט. קאָך האָט געטאָן אַ גרויסע נאַרישקייט און איז אַראָפּ אונטען: דאָ איז אַרויסגעשפּרונגען דער מערדער און איז אויך אַראָפּגעלאָפען אונטען, ווייל קיין אַנדער ברירה האָט ער ניט גע־האַט. אויף די טרעפּ האָט ער זיך באַהאַלטען פון קאָך'ן, פון פעסט־ריאַקאָוו'ן און פון סטרוזש אין דער לעדיגער דירה פּונקט אין דער רגע, ווען פון איהר זיינען אַרויסגעלאָפען דמיטרי און ניקאָלאַי: ער איז געשטאַנען הינטער'ן טהיר, בשעת דער סטרוזש מיט די איבריגע זיי־נען געגאַנגען אַרויף אויבען, האָט איבערגעוואַרט, ביז זייערע טריט זיינען שטיל געוואָרען, און איז זיך רוהיג אַראָפּ אונטען פּונקט אין דער רגע, ווען פון איהר זיינען אַרויסגעלאָפען דמיטרי און ניקאָל. אויפ'ן גאַס און ווען אַלע זיינען זיך צוגאַנגען און ס'איז קיינער ניט געבליבען אין טויער. מען האָט איהם אפשר יאָ געזעהן, נאָר מען האָט ניט אַכטונג געגעבען: מאַלע ווער עס געהט! און דאָס קעסטעלע האָט ער אַנגע־וואָרען פון קעשענע, ווען ער איז געשטאַנען הינטער'ן טהיר: ער האָט ניט באַמערקט, אַז ער האָט אַנגעוואָרען, ווייל ס'איז איהם ניט געווען אין קאָפּ. דאָס קעסטעלע איז דאַך אַ קלאָהרער באַווייז, אַז ער איז דאָרט טאַקי געשטאַנען. אָט האָסטו די גאַנצע מעשה!

— ס'איינפאַל! ניין, ברודער־לעבען, דאָס איז אַן איינפאַל! דאָס איז אַן איינפאַל! אבער טאַקי נאָר אויף חידושים!

— וואָס איז עפּעס, וואָס איז?

— ווייל ער געהט זיך עפּעס אַלץ צוזאַמען שוין צו גוט... און ס'פּאַסט זיך צו... פּונקט ווי אין אַ טעאַטער.

— ע־עך! — האָט ראַזומיכין שוין געוועזט אויסגעשריען, נאָר

אין דער רגע האָט זיך אויפגעעפענט די טהיר און ס'איז אריין עפּעס א נייער פארשויז. וואס קיינער פון די בייגעוועזענע האבען איהם ניט געקענט.

פ י נ פ ט ע ס   ק א פּ י ט ע ל.

דער מענש וואס איז אריינגעקומען, איז געווען שוין ניט קיין יונגער, אן אָנגעבלאָזענער, מיט א שטאָלצער פּארזיכטיגע האלטונג, מיט א מינע פון א גרויסען צוכט און איבערקלויבער. ער האט אנגעהויבען דערפון, וואס ער איז געבליבען שטעהן אין טהיר, ארומקוקענדיג זיך אויף אלע זייטען מיט א ברוגז'דיגער ניט־באהאלטענער איבערראשונג, גלייך ווי זיינע בליקען וואלטען פרעגען: „וואוהין בין איך דאָס אריינגעפאלען?" מיט א חשד און זאָגאר מיט אן אָנשטעל פון א מין שרעק, עפּעס גלייך ווי מען וואלט איהם שטארק באליידיגט. האט ער ארומגעקוקט דאס ראסקאָלניקאָוו'ס ענגע און נידעריגע קבר'ל. מיט דער זעלבער איבערראשונג האט ער דערנאך אַפּגעווענדט און אנגעשטעלט זיין בליק אויף ראסקאָלניקאָוו'ן אליין, וועלכער איז געלעגען אויף זיין קלאָגעדיגען שמוציגען דיוואן, אן אויסגעהונגערטער, א צושויבערטער, א ניט־געוואשענער און האט אויך באטראכט דעם גאסט מיט שטארקע בליקען. דערנאך האט ער מיט דערזעלבער געלאסענקייט גענומען באטראכטען די צושויבערטע, ניט־ראזירטע און ניט־געקאמטע פיגור פון ראזומיכינען, וועלכער האט פון זיין זייט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען אריין מיט עזות'דיג־פרעגענדע בליקען, זיך ניט א ריהר צו געבען. דאס אנגעשטרענגטע שטיל־שווייגעניש האט געדויערט ביי א מינוט און ענדליך. ווי מען האט עס געקענט ערווארטען, איז פארגעקומען א קליינע פארענדערונג אין דער פאנטאָמינע. דער אריינגעקומענער הערר האט פון אייניגע, אפילו זעהר שארפע סימנים פארשטאנען א פּנים, אז מיט אן אָנגעבלאָזענער און צו שטרענגער האלטונג וועט ער דא, אין דעם דאָזיגען קבר, גארנישט מאכען. איז ער געווארען אביסעל וועיכער און האט ארויסגערעדט העפליך, אבער דאך גאנץ שטרענג, זיך ווענדענדיג צו זאסימאָוו'ן און ארויסזאגענדיג שארף יעדען אות פון זיין פראגע:

— הערר ראדיאן ראמאניטש ראסקאלניקאוו, א סטודענט אדער א געוועזענער סטודענט?

זאסמיאָוו האט זיך לאנגזאם א ריהר געגעבען און ס'קען זיין, אז ער וואלט איהם געענטפערט, ווען ראזומיכין, צו וועלכען מען האט זיך גאר נישט געווענדט, וואלט גלייך ניט פארכאפט א פריהער:

— אדא א ליגט ער אויפ'ן דיוואן! וואס איז, וואס דארפט איהר האבען?

דאס דאזיגע פאמיליארע „וואס איז, וואס דארפט איהר האבען?" האט געטראפען ווי א דונער דעם אנגעלאדענעם הערר: ער האט זיך זאגאר שיער ניט א קעהר געטאן צו ראזומיכינען, נאר דאך האט ער פארט אנגעטאן זיך א כח און האט זיך גלייך, צו דער רעכטער צייט, ווידער געווענדט צו זאסימאוו'ן.

— אט איז ראסקאלניקאוו! — האט זאסימאוו קוים ארויסגע־ברומט, א שאקעל טוענדיג מיט'ן קאפ אויף ראסקאלניקאוו'ן, דערנאך האט ער זיך צוגענעצט און דערביי אונגעוועהנליך ברייט פונאנדערגע־עפענט דאס מויל און אונגעוועהנליך לאנג עס אזוי געהאלטען. נאך דעם האט ער פאמעלעך ארייגעשטעקט די האנט אין דער וועסט־קעשענע, ארויסגענומען א מורא'דיג־גרויסען גילדערנעם פארמאכטען זייגער מיט האלב קיילעכדיגע דעקלעך, איהם געעפענט, א קוק געטאן און פונקט אזוי לאנגזאם און פיול האט ער איהם ווידער ארייגגע־לעגט אין טאש.

ראסקאלניקאוו אליין איז די גאנצע צייט געלעגען און געשוויגען, מיט'ן פנים אראפ, און האט ניט אראפגענומען זיין שטארען בליק, וועלכער האט איבריגענס ניט אויסגעדריקט קיין שום געדאנק, פון דעם ארייגעקומענעם. זיין פנים, וואס איז איצט געווען אפגע־קעהרט פון דעם אינטערעסאנטען בלימעל אויף די טאפעטען איז גע־ווען שרעקליך בלאס און האט אויסגעדריקט אונגעוועהנליכע ליידען, גלייך ווי ער וואלט ערשט געווען איבערגעטראגען א שווערע אפערא־ציע אדער גלייך ווי מען וואלט איהם נאר־וואס געהאט ארויסגעלאָזען פון די שרעקליכסטע ענוים. נאר דער ארייגקומענער הערר האט וואס ווייטער אלץ מעהר און מעהר צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמ־קייט, דערנאך האט ער איהם פראגענד אנגעקוקט, דערנאך מיט חשד, און זאגאר עפעס אזוי ווי מיט שרעק. און ווען זאסימאוו האט אנגע־

וויזען אויף איהם און געזאגט: „אט איז ראסקאלניקאוו". האט ער זיך פלוצלונג אויפגעהויבען, גלייך ווי אויפגעשפרונגען, זיך צוגעזעצט אויפ'ן געלעגער און האט עפעס מיט א מין אויסרוף, אבער מיט אן אפגעהאקטער און שוואכער שטים, ארויסגערעדט:

— יא! איך בין ראסקאלניקאוו! וואס דארפט איהר האבען?

דער גאסט האט איהם אויפמערקזאם באטראכט און האט מיט שטאלץ געזאגט:

— פיאטר פעטראוויטש לוזשין. איך בין איבערצייגט, אז מיין נאמען איז שוין אייך ניט גאר אינגאנצען אונבאקאנט.

נאר ראסקאלניקאוו, וואס האט זיך גערינכט אויף עפעס אנדערש, האט אויף איהם תמ'עוואטע און פארטראכט א קוק געגעבען און גאר־נישט געענטפערט, גלייך ווי פיאטר פעטראוויטשעס נאמען וואלט ער הערען דאס ערשטע מאל אויף זיין לעבען.

— וואס הייסט עס, האבען זיי דען נאך עד היום ניט ערהאל־טען קיינע ידיעות? — האט פיאטר פעטראוויטש געפרעגט, מיט א מין וויעדער־געפיהל.

אנשטאט אן ענטפער האט ראסקאלניקאוו זיך לאנגזאם אראפ־געלאזט אויפ'ן קישען, האט פארווארפען די הענט איבער'ן קאפ און גענומען קוקען אויף דער סטעליע. אן אומעט האט ארויסגעקוקט פון לושינס געזיכט. זאסימאוו און ראזומיכין האבען איהם גענומען באטראכטען נאך מיט מעהר נייגיריגקייט און ער האט זיך קענטיג, ענדליך, פארשעמט.

— איך האב געמיינט און גערעכנעט, — האט ער גענומען שטאמלען, — אז דער בריעף, וואס מען האט אוועקגעשיקט שוין מיט העכער צעהן טאג צוריק, און אפשר טאקי מיט גאנצע צוויי וואָ־כען...

— הערט אבער, צו וואס זאלט איהר שטעהן ניט אנדערש ווי ביים טהיר? — האט איהם ראזומיכין פלוצלונג איבערגעשלאגען. — אויב איהר זענט געקומען ווענען עפעס אן ענין, טא זעצט זיך, ווייל אייך מיט נאסטאסיא'ן,ביידען, איז דארט צו ענג. נאסטאסינקע, מאך א ווארע, לאז דורכגעהן! קומט אהער, אט האט איהר א שטוהל! קריכט זשע ווייטער!

ער האט אפגערוקט זיין שטוהל פון טיש, האט געמאכט א בי־

סעלע ארט צווישען טיש און זיינע קניע און האט געווארט, א ביסעל אנגעשטרענגט, דער גאסט זאל „דורכקריכען" דורך דעם דאזיגען לע־דיגען ארט. דער מאמענט איז געווען אזא, אז מען האט זיך פאר קיין פאל ניט געקענט ענטזאגען, און דער גאסט האט זיך גענומען רוקען דורך דעם שמאלען דורכגאנג. ער האט דערגרייכט ביז צום טיש, זיך געזעצט און מיט חשד א קוק געטאן אויף ראזומיכינען.

— שעמט זיך ניט, נישקשה, — האט יענער א בראק געטאן.— ראדיא איז שוין קראנק דעם פינפטען טאג, דריי טעג אפגעלעגען אין היץ, און איצט איז ער געקומען צו זיך און האט אפילו געגעסען מיט אפעטיט. אט דאס זיצט זיין דאקטאר, נאר־וואס האט ער איהם באַ־טראכט, און איך בין ראדקעס א חבר, אויך א געוועזענער סטודענט. און זעה איהם איצט צו; אלזא האט איהר זיך פאר אונז ניט וואס צו שעמען. איהר קענט אייך דערצעהלען ווייטער וואס איהר האט נוי־טיג.

— שעהנעם דאנק. איך וועל אבער אפשר באאונרוהיגען דעם חולה מיט מיין אנוועזענהייט און שמועס? — האט פיאטר פעטראַ־וויטש זיך געווענדט צו זאסימאוו'ן.

— נ־ניין, — האט זאסימאוו ארויסגערעדט פון צווישען די צייהן, — פארקעהרט, איהר וועט איהם נאך צושטרייען. — און ער האט זיך ווידער צוגענעצט.

— געוויס, ער איז שוין לאנג ביים זינען, פון אין דער פריה!— האט ראזומיכין ווידער גענומען האקען. זיין פאמיליאריטעט האט גע־האט אין זיך אזוי פיעל אויפריכטיגעס אפענהערציגקייט, אז פיאטר פעטראוויטש האט א טראכט געטאן און זיך גענומען פאסען מוט, און ס'קען זיין אביסעל דערפאר, ווייל דער דאזיגער שלעפער האט פארט באוויזען ארייינצובראקען אז ער איז א סטודענט.

— אייער מוטער... — האט לוזשין אנגעהויבען.

— המ! — האט ראזומיכין א מאך געטאן אויפ'ן קול.

לוזשין האט אויף איהם פרעגענדיג א קוק געטאן.

— ס'האט צו אייך ניט! דערצעהלט ווייטער...

לוזשין האט אויף איהם פרעגענדיג א קוק געטאן.

— ס'האט צו אייך ניט! דערצעהלט ווייטער...

לוזשין האט א קוועטש געטאן מיט די אקסלען.

— ...אייער מוטער האט אייך אנגעהויבען שרייבען א בריעף, נאך דאמאלס, ווען איך בין ביי איהר געווען. געקומען צו פאהרען אהער, האב איך מיט א כוון דורכגעלאזט עטליכע טעג און האב אייך ניט באזוכט, 'כדי צו זיין פאלקאם זיכער אז איהר ווייסט שוין פון אלץ: איצט אבער, צו מיין גרוים וואונדער...

— איך ווייס, איך ווייס! — האט ראסקאלניקאוו פלוצלונג ארויסגערעדט מיט אן אויסדרוק פון דעם אונגעדולדיגסטען פארדרוס. — דאס זענט איהר? דער חתן? נו, איך ווייס!... און גענוג!

פיאטר פעטראוויטש איז ברוגז געווארען אויף אן אמת, נאר ער האט פארשוויגען. איהם האט זיך געוואלט וואס גיכער באגרייפען, וואס ס'טוט זיך דא. ביי א מינוט האט געהערשט א שטילשווייגען.

דערווייל האט ראסקאלניקאוו זיך ווידער אפגעקעהרט פון וואנד און ווידער איהם גענומען פלוצלונג אויפמערקזאם צו באטראכטען עפעס מיט א מאדנער נייגיריגקייט, גלייך ווי ער האט איהם פריהער ניט גוט באטראכט, אדער גלייך ווי איהם האט איבערראשט עטוואס נייעס אין איהם: ער האט זיך אזש אויפגעהויבען פון קישען עקסטרא צוליעב דעם. און ווירקליך האט אין דער גאנצער מראה פון פיאטר פעטראוויטש'ן געשטעקט עטוואס איבערראשענדעס, באזונדערס, עט־וואס אזוינס, וואס האט ווי פארדיענט דעם נאמען „חתן", מיט וועל־כען מען האט איהם נאר־וואס אזוי אהן צערעמאניעס געקרוינט. ערש־טענס איז געווען קענטיג, און אפילו שוין צופיעל קענטיג, אז פיאטר פעטראוויטש האט געזעהן מיט אלע כחות אויסצוניצען די עטליכע טעג אין דער הויפט־שטאדט, כדי זיך אויסצוקליידען און אויסצופו־צען ביז דער כלה'ס קומען: איבריגענס איז דאס געווען ניט זעהר קיין גרויסער חטא און מען האט איהם עס געקענט מוחל זיין. אפילו דאס, וואס ער האט אליין געפיהלט, און אפשר שוין מיט צופיעל זעלבסט־צופריעדענהייט געפיהלט, אז ער זעהט איצט אויס גאר ניט אין ען'ערד שעהנער, האט מען איהם אויך געקענט מוחל זיין. צוליעב אזא זאך, מחמת פיאטר פעטראוויטש האט זיך גערעכענט פאר א חתן. זיין גאנצער אנצוג איז געווען ערשט פון נאדעל ארוים, און אלץ איז געווען זעהר שעהן, אויב מען זאל ניט רעכענען דאס, וואס אלץ איז שוין געווען צו ניי און האט דערצעהלט וועגען א געוויסער כונה. אפילו דער פראנטישער שפאגעל־נייער קיילעכדיגער הוט האט

אויך עדות געזאגט וועגען דער דאזיגער כונה: פיאטר פעטראוויטש איז זיך מיט איהם באגאנגען שוין מיט צופיעל רעספעקט און האט איהם צו פארזיכטיג געהאלטען אין די הענט. אפילו דאס וואונדערליכע פאר האנדשוה, פון בעז־קאליר, עכטע זשוואווענעווס האנדשוה, האט אויך באוויזען דאס אייגענע, שוין דערמיט אליין, וואס ער האט זיי ניט אנגעטאן אויף די פינגער און זיי נאר געהאלטען אין די הענט צוליעב מעהר שיק. און וואס עס אנבאלאנגט צו פיאטר פעטראוויטשעס קליידונג, איז זי מעהרסטענטיילס באשטאנען פון העלע און יוגענדליכע פארבען. ער האט געטראגען א פיינעם זומערראק, מיט א העל־ברוינעם אפשלאג, העלע לייכטע הויזען, און פונקט אזא וועסט, נאר־וואס געקויפטע דינע וועש, א באטיסטען שניפסעלע מיט רויזע פאסקעלעך. — און דער עיקר איז: אלץ האט זעהר געפאסט פיאטר פעטראוויטש'ן. זיין פנים, נאך זעהר פריש און אפילו שעהן, האט אזוי אויך אויסגעזעהן יונגער פאר זיינע פינף און פיערציג יאהר. די שווארצע באקען־בארדען האבען חנ'עוודיג אפגעשלאגען פון ביידע זייטען, ווי א פאר קאטלעטען, און דאס, וואס זיי האבען זעהר געדיכט באוואקסען זיין ריין געראזירטע גלאנציגע גאמבע, האט זיי צוגעגעבען נאר א באזונדער מין חן. אפילו די האר, שוין ערטערווייז עטוואס גרויע, פארקאמטע און אנגעפריזירט ביי א פריזירער, האבען ניט אויסגעזעהן לעכערליך און נאריש, ווי דער שטייגער איז מיט אנגעפריזירטע האר, ווייל זייער אייגענטהימער האט דאן א פנים פון א דייטש, וואס געהט צו דער חופה. און אויב אין דעם דאזיגען גאנץ שעהנעם און סאלידען פנים איז יא געווען עטוואס אונאנגענעהמעס און אפשטויסענדעס, איז אין דעם שולדיג געווען גאר עפעס אנדערש. באטראכט אהן צערעמאניעס דעם הערר לוזשינען, האט ראסקאלניקאוו א גיפטיגען שמייכעל געטאן איז ווידער געפאלען אויפ'ן קישען און גענומען ווי פריהער קוקען אין סטעליע אריין.

נאר דער הערר לוזשין האט זיך געשטארקט און קענטיג באשלאסען ביז א צייט מאכען זיך ניט זעהענדיג דעם דאזיגען אונערווארטעטען ברוך־הבא.

— איך באדויער זעהר און זעהר, וואס איך געפין אייך אין אזא צושטאנד, — האט ער ווידער אנגעהויבען, איבעררייסענדיג מיט אנשטרענגונג דאס שטילשווייגען. — ווען איך זאל געווען וויסען, אז

איהר זענט ניט געזונט וואָלט איך פריהער אַריין. נאָר איהר ווייסט דאָך, געווען פאַרנומען, פאַרדרעהט... און אויסערדעם האָב איך נאָך אַ וויכטיגען פּראָצעס אין סענאַט. איך רעד שוין ניט וועגען די זאָרגען און דאגות, איהר דאַרפט דאָך אַליין פאַרשטעהן... איצט ערוואַרט איך אייער מוטער און שוועסטער פון שעה אויף שעה.

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך געגעבען אַ הויב און געוואָלט עפּעס זאָגען. אויף זיין געזיכט האָט זיך באַוויזען אַ מין אויפרעגונג. פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט אָפּגעוואַרט. נאָר אַזוי ווי יענער האָט גאָרנישט געזאָגט, האָט ער ווייטער געצומען רעדען:

—...פון שעה אויף שעה. שוין געקראָגען זיי אַ דירה אויף דעם ערשטען פאַל...

— וואו? — האָט ראַסקאָלניקאָוו שוואַך אַרויסגערעדט.

— זעהר נאָהנט פון דאַנען, באַקאַלייעווס הויז...

— דאָס איז אויף וואָזנעסקאַ, — איז ראַזומיכין אַריינגעפאַלען אין די רעד, — דאָרט איז צוויי שטאָק פאַרנומען מיט נומערן: דער בעל־הבית איז איינער אַ סוחר יושין: כ׳בין געווען ניט איינמאָל.

— יאָ, נומערן...

— שרעקליך מיאוסע נומערן: אַ שמוץ, אַן עיפּוש און גלאַט אַ פאַרדעכטיגער אָרט: ס׳איז געווען מעשיות: ווער וואוינט דאָרטען ניט... איך בין דאָרט אַמאָל גראָד געווען ביי אַ סקאַנדאַל. נאָר וואָלוועל איז דאָרטען...

— נאַטירליך האָב אַ י ך ניט געקענט צונויפזאַמלען אַזוי פיעל ידיעות, איך בין דאָך ניט קיין הגער, — האָט פּיאָטר פּעטראָוויטש געענטפערט. — נאָר דאָך האָבען זיי דאָרט צוויי זעהר און זעהר ריינינקע צימערלעך. ס׳איז דאָך ניט מעהר ווי אויף דערווייל... איך האָב שוין געדונגען אַ דירה פאַר אונז, — האָט ער זיך געווענדעט צו ראַסקאָלניקאָוו׳ן — איצט רעמאָנטירט מען זי. דערווייל מאַטער איך זיך אַליין ווי עס איז אין אַ נומער, צוויי טריט פון דאַנען, ביי מאַדאַם ליפּעוועקסעל אין דער וואָהנונג פון מיינעם אַ יונגען פריינד אַנדריי סעמיאָניטש לעבעזיאַטניקאָוו: ער האָט דאָס מיר טאַקי רעקאָמענדירט די נומערען ביי באַקאַלייעוו׳ן אין הויז...

— לעבעזיאַטניקאָוו? — האָט ראַסקאָלניקאָוו לאַנגזאַם אַרויסגערעדט, גלייך ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָהנען.

— יאָ, אַנדריי סעמיאָניטש לעבעזיאַטניקאָוו, פאַרנעהמט אַ שטעלע אין מיניסטעריום. איהר קענט איהם?

— ניין... ווער קען איהם... — האָט ראַסקאָלניקאָוו געענט־פערט.

— ענטשולדיגט, מיר האָט זיך עס אַזוי אויסגעדאַכט לויט אייער פראַגע. איך בין אַמאָל געווען זיין אַפּעקון... זעהר אַ וואוילער יונגערמאַן... פון די הייגטיגע... און איך האָב זעהר ליעב צו טרעפען זיך מיט דער יוגענד: ביי איהר ווערסטו געוואָהר, וואָס עס הערט זיך עפּעס נייעס.

און פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף אַלע מיט אוי־גען, אין וועלכע ס'האָט געשיינט אַ שטיקעל האָפנונג.

— אין וועלכען זין? — האָט ראַזומיכין אַ פרעג געגעבען.

— אין דעם וויכטיגסטען זין, איך מיין טאַקי דעם עיקר, — האָט פּיאָטר פּעראָוויטש אונטערגעכאַפּט, גלייך ווי די פראַגע וואָלט איהם דערפרעהט. — איך בין שוין, דאַרפט איהר וויסען, צעהן יאָהר ניט געווען אין פּעטערבורג. אַט די אַלע אונזערע נייעס, די רעפאָר־מען, אידעען, דאָס אַלעס האָט אונז אין דער פּראָווינץ אויך אָנגע־ריהרט; אָבער כדי בעסער דאָס צו פאַרשטעהן, און כדי אַלץ צו זעהן, מוז מען זיין אין פּעטערבורג. אַלזאָ איז מיין מיינונג, אַז זעהר פיעל קען מען באַמערקען און געוואָהר ווערען, האָבענדיג אַן אויפמראַג מיט דעם יונגען דור אונזערן. און איך בין זיך מודה: איך האָב מיך באמת דערפרעהט...

— מיט וואָס דהיינו?

— אייער פראַגע איז זעהר ברייט. מעגליך, אַז איך האָב אַ טעות, איך געפין אָבער, דאַכט זיך, אַ מעהר ניכטערען בליק, מעהר קריטיק, אַזוי צו זאָגען, מעהר פּראַקטישקייט...

— דאָס איז אמת, — האָט זאַסימאָוו אַרויסגערעדט פון צווישען די צייהן.

— דו ליגסט, קיין פּראַקטישקייט איז נישטאָ, — האָט זיך ראַ־זומיכין אָנגעכאַפּט ווי אַן אַ הייסען שטיין. — פּראַקטישקייט קומט אַן זעהר שווער, עס פאַלט ניט אומזיסט פון הימעל אַראָפּ. און מיר זיינען שוין באַלד צוויי הונדערט יאָהר אָפּגעוועהנט פון יעטווידער אַר־בייט... אידעען זיינען אפשר יאָ פאַרהאַן, — האָט ער זיך געווענדט צו

פיאָטר פעטראָוויטש'ן. — און ס'איז פאַרהאַן אַ פאַרלאַנג צו טאָן גוטס, אַפילו אַ קינדערשער פאַרלאַנג: און אַפילו עהרליכקייט וועט איהר אויך קריגען, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס איצט זיינען אָנגע־פלויגען שווינדלער ווי די היישעריקען. אָבער קיין פראַקטישקייט איז פאַרט נישטאָ!

— איך בין מיט אייך ניט איינשטימיג, — האָט פיאָטר פעט־ראָוויטש געענטפערט און ס'איז געווען צו דערקענען, אַז ער האָט גרויס הנאה פון דעם שמועס. — געוויס זיינען דאָ פאַרהאַן חלומות, פעה־לערן, מען טאָר אָבער ניט זיין צו שטרענג: די חלומות זאָגען עדות וועגען דער הייסער איבערגעבענהייט צו דער זאַך און וועגען יענער פאַלשער אויסערליכער סביבה, אין וועלכער די זאַך געפינט זיך. און אויב מען האָט ווייניג אויפגעטאָן, איז דאָך אָבער קיין סך צייט אויך ניט געווען. איך רעד שוין ניט וועגען די מיטלען, און מיין אייגענע מיינונג איז, אויב איהר ווילט וויסען, אַז עפּעס האָט מען יאָ אויפגע־טאָן: עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען נייע, ניצליכע געדאַנקען, עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען אייניגע נייע, ניצליכע ווערק, אָנשטאָט די פריהערדיגע פאַנטאַזיעס און ראָמאַנען; די ליטעראַטור ווערט עפּעס מעהר געשטעלטער; עס זיינען אויסגעוואָרצעלט און אויסגעלאַכט גע־וואָרען פיעלע זעהר שעדליכע פאָראורטיילען... מיט איינעם וואָרט, מיר האָבען אויף אייביג אָפּגעשניטען מיט דער פאַרגאַנגענהייט, און דאָס הייסט, נאָך מיין מיינונג, שוין אויך עפּעס אויפגעטאָן...

— אויסגע'חזר'ט! פיינט זיך! — האָ טפּלוצלונג ראַסקאָלני־קאָוו אַ זאָג געטאָן.

— וואָס? — האָט פיאָטר פעטראָוויטש געפרעגט ניט דערהע־רענדיג: ער האָט אָבער ניט געקריגען קיין ענטפער.

— דאָס איז אַלץ זעהר ריכטיג, — האָט זאַסימאָוו געזעהן צו פאַרגלעטען ראַסקאָלניקאָווס אַריינפאַהר.

— ניט אמת, וואָס? — האָט פיאָטר פעטראָוויטש ווייטער גע־נומען רעדען, און האָט זיך אַ קוק געגעבען אויף זאַסימאָוו'ן. — איהר מוזט אַליין מודה זיין, — האָט ער זיך געווענדט צו ראַזומיכינען, אָבער שוין מיט אַ קוים־באַמערקבאַרער מינע פון נצחון און זעלבסטווירדע און האָט שיער ניט צוגעגעבען: „יונגערמאַן“, — איהר מוזט אַליין מודה זיין אַז ס'איז פאַרהאַן אַ פאָרשריט, אָדער ווי מען רופט עס

איצט. פראגרעס זאָל כאָטש זיין אין נאָמען פון דער וויסענשאַפט און דער עקאנאָמישער וואהרהייט...

— אַן אויסגעדראָשענע פראזע.

— ניין, ניט קיין אויסגעדראָשענע פראזע! אויב מען האט מיך ביז אהער געהייסען, א שטייגער, ליעב האבען דעם חבר ווי זיך אַליין. און איך פלעג עס פאָלגען, טאַ וואס פלעגט דערפון ארויסקומען? — האט פיאָטר פעטראָוויטש פארטגעזעצט, שוין אפשר צו געשווינד און געאיילט — עס פלעגט ארויסקומען, אַז איך פלעג צורייסען מיין קלייד אויף צוויי פלעג זיך צוטיילען מיט מיין חבר און מיר פלעגען ביידע בלייבען האַלב נאַקעט, ווי א רוסיש שפּריכוואָרט זאגט: „וועסט זיך לאָזען נאָך עטליכע האָזען מיט אַמאָל, וועסטו איינעם ניט כאַפּען.“ די וויסענשאַפט אבער זאגט: פריהער פאַר אַלעמען האָב ליעב זיך אַליין, ווייל אַלץ אויף דער וועלט איז געבויט אויף דעם פערזענליכען אינטערעס.... אַז דו וועסט ליעב האבען זיך אַליין, וועסטו פיהרען דיינע געשעפטען ווי עס דאַרף צו זיין און דיין קלייד וועט בלייבען גאַנץ. און די עקאנאָמישע וואהרהייט גיט נאָך צו, אַז וואס מעהר ס'איז פאַרהאַן אין דער געזעלשאַפט גוט-איינגעאָרדנעטע פּריוואַטע געשעפטען און, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, גאַנצע קליידער, אַלץ פעסטער זיינען איהרע יסודות און אַלץ בעסער אָרדענט זיך איין די געזעלשאַפט, אין גאַנצען גענומען. אַלזאָ, הייסט עס, ארבייטענדיג פאַר זיך אַליין און נאָר אויף זיך אַליין, ארבייט איך דערמיט גופא אַזוי ווי פאַר אַלעמען, און פיהר דערצו, אַז דער חבר מיינער זאָל קריגען עטוואָס מעהר פון א צוריסענעם קלייד, אבער שוין ניט פון פריוואַטע איינצעלנע טובות, נאָר מחמת דעם אַלגעמיינעם פאַרשריט. אַן איינפאַכער געדאַנק, דאַכט זיך, נאָר צום אומגליק איז ער א צו־לאַנגע צייט קיינעם ניט איינגעפאַלען און איז געווען פאַריאָגט פון פאַנטאַזיאָרען און היץ־קעפּ. מען האט, דאַכט זיך, גאָרנישט געדאַרפט האבען אַזוי פיעל שאַרפזין, דאָס צו פאַרשטעהן...

— ענטשולדיגט, איך בין אויך ניט שאַרפזיניג, — האט איהם ראַזומיכין אָפּגעהאַקט, — דעריבער לאָמיר אויפהערען. איך האָב אָנ־געהויבען צו רעדען מיט א מיין, אבער אַזוי איז מיר אָט די גאַנצע פּלוידעריי פון אייגענעם פאַרגעניגען וועגען, אָט די אַלע גוזמאות — אויסגעדראָשענע פראזען: און אבער אַמאָל דאָס אייגענע און ווידער

אמאָל דאָס אייגענע. איז עס מיר פאַר די דריי יאָהר אַזוי מיאוס גע־וואָרען, אַז איך ווער רויט, ווען איינער נעהמט דערפון רעדען פאַר מיר אין די אויגען. ווענען מיר איז שוין אָפּגערעדט. איך לאָז עס צו מיין מויל ניט צו. איהר האָט נאַטירליך געוואָלט וואָס גיכער ארויס־ווייזען אייערע קענטנישען. דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדליך, און ס'איז אפשר ניט קיין עולה. נאָר איצט וואָלט איך בלויז געוואָלט וויסען, ווער זענט איהר עס אַזוינער? ווייל צו כלל־זאָכען פאַרשטעהט איהר מיך. האָבען זיך פאַר דער לעצטער צייט גענומען אַזוי פיעל אלער־לייאיגע קרעמערלעך און סוחרים, און אויף אַזוי פיעל האָבען זיי פאַרדאַרבען אלץ, צו וואָס זיי האָבען זיך נאָר צוגעשטעקט, זייענדיג אויסען נאָר זייער אייגענע פרנסה, אַז זיי האָבען ממש די גאַנצע זאַך פאַרמאוסט און פאַרשמוצט. יאָ! און גענוג!

— מיין הערר, — האָט ה' לוזשין געוועזט אַנגעהויבען, און האָט זיך מיט גרויס גאוה א קרים געטאָן, — אפשר מיינט איהר אויף אַזאַ פּרעכען אופן צו זאָגען, אַז אויך איך...

— וואָס רעדט איהר, וואָס רעדט איהר... ווי קען עס אייך אַזעל־כעס איינפאַלען!... נו, און גענוג! — האָט ראַזומיכין אָפּגעהאַקט און זיך מיט אמאָל א קעהר געטאָן צו זאַסימאָוו'ן ווידער אַנצוהויבען מיט איהם דעם פריהערדיגען איבערגעריסענעם שמועס.

פּיאָטר פּעטראָוויטש איז געווען אויף אַזוי פיעל קלוג, אַז ער האָט געפונען פאַר בעסער צו גלויבען אין ראַזומיכינ'ס פאַרענטפערן זיך. איבריגענס האָט ער באַשלאָסען אין צוויי מינוט ארום אוועק־צוגעהן.

— איך פאַרהאָף, אַז אונזער באַקאַנטשאַפט, וואָס האָט זיך ערשט אַנגעפאַנגען, — האָט ער זיך געווענדעט צו ראַסקאָלניקאָוו'ן,— וועט נאָך אייער געזונט ווערען און צוליעב די אומשטענדען, וואָס זיי־נען אייך באַוואוסט, נאָך שטאַרקער ווערען... באַזונדערס ווינש איך אייך געזונט...

ראַסקאָלניקאָוו האָט צו איהם אפילו דעם קאָפּ ניט אָפּגע־קעהרט. פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט גענומען אויפשטעהן פון שטוהל.

— עס איז אָהן א ספק, אַז גע'הרג'עט האָט א משכון־פאַרזע־צער! — האָט גע'טענה'ט זאַסימאָוו.

— אָהן א ספק א משכון־פאַרזעצער! — האָט ראַזומיכין אונ־

טערגעהאלטען. — פארפירי דערצעהלט קיינעם ניט זיינע געדאנקען. און די משכון־פארזעצער נעהמט ער פארט אויף א דאפראס...

— ער נעהמט אויף א דאפראס די משכון־פארזעצער? — האט ראסקאלניקאוו געפרעגט הויך אויפ'ן קול.

— יא, וואס איז דען?

— גארנישט.

— פון וואנען נעהמט ער זיי? — האט זאסימאוו געפרעגט.

— אויף איינינע האט קאך אנגעוויזען: אנדערע זיינען געווען פארשריבען אויף דער לינקער זייט פון די פארזעצטע זאכען. און ווידער אנדערע זיינען אליין געקומען. ווי נאר זיי האבען דערהערט...

— קענטיג שוין איינמאל א העכט! ס'אר א געשיקטקייט! ס'אר א העזה! ס'אר אן ענטשלאסענהייט!

— אט דאס איז דאך די מעשה, אז עס הויבט זיך גארנישט אן! — האט איהם ראזומיכין איבערגעשלאגען, — דאס פיהרט אייך אלע־מען אראפ פונ'ם וועג. און איך טענה — דוקא ניט קיין געשיקטער און דוקא ניט קיין געניטער: ס'איז געווים געווען זיין ערשט שטיקעל ארבייט! אז שוין איינמאל א העכט זאל זיך פארלאזען אויף ניסים— דאס איז ניט צו גלויבען... אבער פאר ניט קיין געניטען איז עס זעהר מעגליך. און נאר א צופאל ניט! וואס רעדסטו. עס קען גרייליך זיין, אז ער האט אפילו ניט פאראויסגעזעהן די מניעות! און ווי אזוי האט ער עס געפיהרט די זאך? נעהמט צעהן־און־צוואנציגרובלדיגע זאכען, שפארט מיט זיי אן די קעשענעס, גריבעלט זיך אין דער אלטערס רענ־צעל אין טראנטעס און שמאטעס, — און אין קאמאד, אין אויבערש־טען שופלאד, אין א קעסטעלע האט מען געפונען מזומן געלט אנדערט־האלבען טויזענד רובל, אויסער בילעטען! אפילו בארויבען האט ער אויך ניט געקענט, מעהר האט ער ניט באוויזען, ווי הרג'ענען! אז ערשטען מאל, זאג איך דיר, אז ערשטען מאל: ער האט זיך פאר־לארען! און ארויסגערעדט האט ער זיך ניט מחמת ער האט אזוי אויס־גערעכענט, נאר ווייל'ע א צופאל האט איהם געהאלפען!

— אויב איך האב ניט קיין טעות, איז דאס וועגען דער אלטער משינאווניצע, וואס מען האט ניט לאנג גע'הרג'עט? — האט זיך אריינגעמישט פיאטר פעטראוויטש, זיך ווענדענדיג צו זאסימאוו'ן. ער איז שוין געשטאנען מיט'ן הוט אין דער האנט און מיט די האנטשוה,

נאָר פאַר'ן אוועקגאַנג האָט זיך איהם פאַרוואָלט אַריינוואַרפען נאָך אַ פּאָר בּיליגע רייד.

ער האָט קענטיג געזוכט צו מאַכען אַ גוטען איינדרוק און דער האַנאָר האָט אַריבּערגעוואויגען דעם פאַרשטאַנד.

— יאָ, איהר האָט געהערט?

— ווי דען, ס'איז דאָך טאַקי נעבּען מיר...

— איהר ווייסט עס אַקוראַט?

— איך קען אייך ניט זאָגען: נאָר דערבּיי אינטערעסירט מיך אַנ'אַנדער זאַך. מען קען זאָגען, אַ גאַנצע פראַגע. איך רעד שוין ניט וועגען דעם, אַז די פאַרבּרעכענס צווישען דעם נידריגען קלאַס האָבּען זיך פאַר די לעצטע פינף יאָהר פאַרמעהרט; איך רעד ניט וועגען די אונאויפהערליכע רויבעריייען און שרפות אומעטום און איבעראַל: מערקווירדיגער ווי אַלעס איז פאַר מיר דאָס, וואָס די פאַרבּרעכענס מעהרען זיך פּונקט אַזוי אויך צווישען די העכערע קלאַסען. און, מען קען זאָגען, אין דערזעלבּער מאָס. דאָ, דערצעהלט מען, איז אַ געוועזענער סטודענט אַנגעפאַלען אויף אַ פּאָסט; דאָ מאַכען געבּילדעטע לייט פאַלשע אַסיגנאַציעס; דאָ כאַפּט מען אין מאָסקווע אַ גאַנצע בּאַנדע, וואָס מאַכען נאָך די בּילעטען פון דער לעצטער אַנלייהע מיט דער לאָטעריי, — און צווישען די הויפּט-אַנטיילנעהמער איז פאַרהאַן אַ לעקטאָר פון דער וועלט-געשיכטע; דאָ הרג'עט מען אין אויסלאַנד אונזער סעקרעטאַר צוליעב עפּעס אַ טונקעלער געלט-אינטריגע... און אויבּ דער דאָזיגער אַלטער פּראָצענטניצע האָט גע'הרג'עט איינער פון דער העכערער געזעלשאַפט, ווייל פּויערים פאַרזעצען ניט קיין גאָלדענע זאַכען, — טאָ מיט וואָס זשע קען מען עס ערקלערען אַזאַ מין פאַרדאָרבּענהייט פון דעם ציוויליזירטען טייל פון אונזער געזעלשאַפט?

— אַ סך עקאָנאָמישע פאַרענדערונגען... — האָט זיך אָפּגערופען זאַסימאָוו.

— מיט וואָס קען מען עס ערקלערען? — האָט זיך ראַזומיכין צו-געבּונדען. — אָט טאַקי מיט דער דאָזיגער איינגעוואָרצעלטער ניט-פּראַקטישקייט וואָלט מען עס געקענט ערקלערען.

— וואָס מיינט איהר אייגענטליך דערמיט צו זאָגען?

— אָט דאָס, וואָס אייער לעקטאָר טאַקי האָט געענטפערט אין מאָסקווע, בּעת מען האָט איהם געפרעגט, פאַר וואָס ער האָט נאָכגע-

מאכט די בילעטען: „אלע ווערען רייך מיט פארשידענע מיטלען. האט זיך מיר אויך פארוואלט וואס גיכער רייך ווערען". אקוראט ווי ער האט זיך אויסגעדריקט געדענק איך ניט, נאר דער געדאנק איז, אז עס ווילט זיך גרינג געלט, און וואס גיכער, אהן מיה און ארבייט! מיר זיינען געוועהנט געווארען צו לעבען אויף אלעם פארטיגען, געהן אויף פרעמדע מיסט, עסען איבערגעקייטע. נו, אז עס האט געשלאגען די אמת'ע שעה, האט זיך דאן יעדערער ארויסגעוויזען מיט זיין אמת'ער געשטאלט.

— וואו איז אבער יושר? און, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריי־קען, די געזעצען...

— וואס נעהמט א י ה ר דאס אזוי צום הארצען? — האט זיך פלוצלונג אריינגעמישט ראסקאלניקאוו. — עס איז דאך טאקי אויסגעקומען לויט אייער טעאריע!

— וואס הייסט לויט מיין טעאריע?

— אז דערפיהרט אייערע דרשות ביז צום סוף וועט אויסקומען, אז מענשען מעג מען קוילענען...

— וואס רעדט איהר! — האט לוזשין אויסגעשריען.

— ניין, ס'איז ניט אזוי! — האט זיך זאסימאוו אפגערופען.

ראסקאלניקאוו איז געלעגען א בלאסער, די אויבערשטע ליפ האט איהם געציטערט און ער האט שווער געאטהעמט.

— אלעס האט א מאס, — האט מיט גאוה לוזשין געזאגט, — אן עקאנאמישע אידעע איז נאך ניט קיין אויפפאדערונג צו קוילענען מענשען, און ווען מען זאל זיך נאר פארשטעלען...

— און דאס איז אן אמת, אז איהר, — האט איהם ראסקאלניקאוו ווידער איבערגעשלאגען מיט א שטים, וואס האט געציטערט פאר רציחה און אין וועלכער עס האט זיך געהערט אזוי ווי א מין פרייד פון באליידיגען, — דאס איז אנ'אמת, אז איהר האט געזאגט אייער כלה... אין דער אייגענער שעה, ווען זי האט אייך געגעבען איהר יא־ווארט, אז מעהר ווי אלץ פרעהט אייך דאס... וואס זי איז א קבצנ'טע... ווייל ס'איז א סך באקוועמער צו נעהמען א ווייב פון ארעמקייט, כדי דערנאך צו קענען איבער איהר געוועלטיגען... און אויפווארפען איהר, אז איהר האט זי פשוט גליקליך געמאכט?...

— מיין הערר! — האט בייז און אויפגערעגט לוזשין אויסגע־

שריען, ווערענדיג צוקאכט און צומישט, — מיין הערר... אזוי איבער־צודרעהען א געדאנק! ענטשוילדיגט מיך, איך דארף אייך אבער ער־קלעהרען, אז די קלאנגען, וואס זיינען דערגאנגען צו אייך, אדער בע־סער געזאגט, וואס מען האט אייך מיט א מיין איבערגעגעבען, האבען קיין שום גרונד ניט און איך... בין חושד ווער... מיט איין ווארט... די דאזיגע גיפטיגע... מיט איין ווארט, אייער מוטער... זי איז מיר אפילו אזוי אויך אויסגעקומען, ניט קוקענדיג אויף איהרע אלע הויכע מעלות, אביסעל צו היציג און ראמאנטיש געזאגען... פונדעסטוועגען בין איך אויף טויזענד מיילען געווען ווייט פון דעם געדאנק, אז איהר פאנטאזיע וועט אזוי פארדרעהען די זאך און וועט זי פארשטעלען אין אזא מין געשטאלט... און ענדליך... ענדליך...

— ווייסט איהר גאר וואס? — האט ראסקאלניקאוו א געשריי געטאן, עטוואס אויפהויבענדיג זיך פון קישען און דורכשטעכענדיג איהם מיט זיין שארפען, ברענענדיגען בליק, — איהר ווייסט וואס?

— נו, וואס?

לוזשין איז שטעהן געבליבען און האט געווארט מיט א ברוגז־דיגער און גאוה'דיגער מינע. אייניגע סעקונדען האט געהערשט א שטילשווייגען.

— אט וואס: ווען איהר וועט נאך איינמאל... האבען די העזה ארויסצורעדען כאטש איין ווארט... וועגען מיין מוטער... וועל איך אייך אראפווארפען פון אלע טרעפ!

— וואס איז מיט דיר? — האט אויסגעשריען ראזומיכין.

— אזוי גאר, אט וואו עס האלט! לוזשין איז בלאס געווארען און פארביסען די ליפ. — הערען זיי מיך אויס, מיין הערר, — האט ער אנגעהויבען, זיך אפשטעלענדיג ביי יעדען ווארט און זיך איינ־האלטענדיג מיט אלע כחות, אבער פארט ניט קענענדיג אפכאפען דעם אטהעם. — איך האב נאך פריהער, פון דעם ערשטען אויגענבליק אן, פארשטאנען אייער כעס, נאר איך בין דא מיט א כיון געבליבען, כדי צו דערגעהן נאך מעהר. פיעל, זעהר פיעל וואלט איך געקענט מוחל זיין א קראנקען און א קרוב, אבער איצטער... אייך... קיינמאל ניט...

— איך בין ניט קראנק! — האט ראסקאלניקאוו א געשרוו גע־טאן.

— נו, איז דאך אודאי רעכט...
— געהט צום טייוועל!
נאר לוזשין איז שוין אליין ארויסגעגאנגען, ניט געענדיגט רע־דען, ווידער קריכענדיג צווישען טיש און דעם שטוהל: דאס מאל איז ראזומיכין אויפגעשטאנען איהם דורכצולאזען. ניט קוקענדיג אויף קיינעם און אפילו ניט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ זאסימאוו'ן, וועלכער האט איהם שוין לאנג געוואונקען, ער זאל לאזען צורוה דעם קראנקען, איז לוזשין ארויס, אויפהויבענדיג אויס פארזיכטיגקייט דעם הוט אויף איין הויך מיט'ן אקסעל, ווען ער איז איינגעבויגענער־הייד דורכגעגאנגען דורכ'ן טהיר. און אפילו אין זיין אויסגעבויגענעם רוקען האט זיך איצט אזוי ווי אויסגעדרוקט, אז ער טראגט אוועק מיט זיך א שרעקליכע באליידיגונג.
— ווי קען מען דאס אזוי? ווי קען מען דאס אזוי? — האט גע־טענה'ט דער צוטומעלטער ראזומיכין און געשאקעלט מיט'ן קאפ.
— געהט אוועק פון דאנען, געהט אלע אוועק! — האט אין ווי־לדער רציחה ראסקאלניקאוו אויסגעשריען. — איהר וועט אוועקגעהן צי ניט, גזלנים! איך האב פאר אייך קיין מורא ניט! איך האב איצט פאר קיינעם, פאר קיינעם קיין מורא ניט! אוועק פון מיר! איך וויל אליין זיין, אליין, אליין, אליין!
— לאמיר געהן! — האט זאסימאוו געזאגט און א וואונק גע־טאן צו ראזומיכינען.
— וואס רעדסטו, קען מען איהם דען אזוי לאזען?
— לאמיר געהן! — האט זאסימאוו זיך אויפגעשטעלט און איז ארויס.
ראזומיכין האט זיך מישב געווען און איז ארויסגעלאפען נאך איהם.
— עס וואלט געקענט זיין ערגער, ווען מיר זאלען איהם געווען ניט פאלגען, — האט זאסימאוו געזאגט, שוין אויף די טרעפ. — מען טאר איהם ניט אויפרייצען...
— וואס איז מיט איהם?
— ווען ס'וואלט זיך עפעס אונטערגערוקען א גוטע נסיעה, אט וואס ער דארף איצט האבען. פריהער איז ער געווען ביי די קרעפטען... דו ווייסט, עפעס א געדאנק לאזט איהם ניט רוהען! עפעס אן אונבא־

וועגליכער א דריקענדער געדאנק... דערפאר האב איך זעהר מורא: געווים!

— א פנים דער דאָזיגער פארשוין האט דאס אנגעמאכט! אט דער פיאטר פעטראָוויטש! פון די רעד איז קענטיג, אז ער האט חתונה מיט זיין שוועסטער און אז ראָדיא האט וועגן דעם באקומען א בריעף פאר דער קרענק זיינער...

— יא; דער טייוועל האט איהם איצט אנגעטראָגען: אפשר קאַליע געמאכט דאס גאנצע געשעפט. דו האסט אבער באמערקט, אז צו אלץ איז ער גלייכגילטיג, און ענטפערט אויף קיין זאך נימ! אויסער איין פונקט, וועלכער מאכט איהם אויסער זיך: דאס איז דער מארד...

— אמת, אמת, — האט ראַזומיכין אונטערגעכאפט, — נאך ווי באמערקט! אינטערעסירט זיך, שרעקט זיך. דאס האט מען איהם אָנגעשראָקען אין דעמזעלביגען טאג, ווען ער איז קראנק געוואָרען, אין דער קאנצעלאַריע ביים צירקעל־אויפזעהער; ער איז דארט געפאלען אין חלשות.

—זאלסט מיר דאס דערצעהלען אקוראט אין אבענד, וועל איך דיר דערנאך עפּעס זאגען. ער אינטערעסירט מיך זעהר: אין א האַלבע שעה ארום וועל איך אריין געוואהר ווערען... איבריגענס איז דא קיין געפאהר נישטא.

— א דאנק דיר, ברודער־לעבען! און איך וועל דערווייל צוּווארטען ביי פאשענקאָ'ן און וועל באקומען אלע ידיעות וועגען איהם דורך נאסטאסיא'ן...

געבליבען אליין, האט ראסקאלניקאָוו מיט אונגעדולד און פיין א קוק געגעבען אויף נאסטאסיא'ן. נאר יענע האט זיך נימ געאיילט אוועקצוגעהן.

— וועסט אפשר איצט אויסטרינקען א גלעזעל טיי? — האט זי געפרעגט.

— שפּעטער! איך וויל שלאפען! געה אוועק...

ער האט זיך קאָנוואולסיוו אבגעקעהרט צום וואנט: נאסטאסיא איז ארויסגעגאנגען.

זעקסטער קאפּיטעל

קוים איז זי אבער ארויסגעגאנגען, איז ער אויפגעשטאנען, פאר־

קייטעלט די טיר, פונאַנדערגעבונדען דעם פּאַק מיט די זאַכען, וואָס ראַזומיכין האָט געבראַכט, און האָט עס אַליין צוריק פאַרבונדען און זיך גענומען אַנטאָן. א מערקווירדיגע זאַך: עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פּלוצלונג געוואָרען פאָלקאָם רוהיג; ס'איז פאַרשוואונדען דער פריהערדיגער קאַשמאַר און די ווילדע אימה, וואָס האָט איהם באהערשט פאַר דער גאַנצער צייט. דאָס איז געווען די ערשטע מינוט פון עפּעס א מאָדנער פּלוצלונגער רוהיגקייט. די באַוועגונגען זיינע זענען געווען פּינקטליך און קלאָר, און פון זיי האָט אַרויסגעקוקט א פעסטער באַשלוס. „היינט טאָקע, היינט טאָקע!"... האָט ער געמורמעלט פאַר זיך. דאָך האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז נאָך שוואַך, אָבער אַן'אונגעהויער שטאַרקע גייסטיגע אַנשטרענגונג, וואָס איז דערגאַנגען ביז צו א רוהיגקייט, ביז צו א אונבאַוועגליכען געדאַנק, האָט איהם צוגעגעבען קרעפטען און זיכערהייט אין זיך; איבריגענס האָט ער געהאָפט, אַז ער וועט אויף דער גאַס ניט אַנידערפאַלען. זיך אינגאַנצען אַנגעטאָן, אַלץ אין נייע קליידער, האָט ער א קוק געגעבען אויף דאָס געלט, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש, האָט זיך איבערגעלעגט אין געדאַנק און דאָס אַריינגעלעגט אין קעשענע. ס'איז געווען פינף און צוואַנציג רובל! אויך מיטגענומען אַלע קופּערנע צעהנער, דאָס רעשט פון די צעהן רובל, וואָס ראַזומיכין האָט אויסגעגעבען אויף די זאַכען. דערנאָך האָט ער שטיל אָבגעקייטעלט די טהיר, איז אַרויס פון צימער, אַראָב פון די טרעפּ און אַריינגעקוקט אין קיך, וואָס איז געווען אינגאַנצען אָפען: נאַסטאַסיא איז געשטאַנען צו איהם מיט'ן רוקען און האָט איינגעבויגענערהייט פונאַנדערגעבלאָזען א סאַמאָוואַר פאַר דער בעל־הבית'טע. זי האָט גאָרנישט געהערט. און ווער האָט עס גלאַט געקענט איינפאַלען, ער זאָל אוועקגעהן? אין א מינוט אַרום איז ער געווען אויף דער גאַס.

ס'איז געווען אַכט דער זייגער, די זון האָט געהאַלטען אין אונטערגעהן. די לופט איז געווען פאַרשטיקט ווי פריהער; נאָר מיט א הונגעריגער גיריגקייט האָט ראַסקאָלניקאָוו גענומען אָטהעמען די דאָזיגע שלעכט־שמעקענדיגע, שטויביגע, מיט שטאָדט פאַרפּעסטעטע לופט. דער קאָפּ האָט איהם עטוואָס גענומען שווינדלען; עפּעס א ווילדע ענערגיע האָט פּלוצלונג אויפגעבליצט אין זיינע צוהיצטע אויגען און אין זיין אָבגעצעהרטען געבלאַסטען געזיכט. ער האָט ניט

געוואוסט וואוהין צו געהן און האָט אפילו ניט געטראַכט וועגען דעם. — ער האָט נאָר געוואוסט איין זאַך: „אַז דאָס אַלעס מוז אַ סוף נעמען היינט טאַקע, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, און אונגעזאַמט: אַ ניט וועט ער זיך ניט אומקעהרען אַהיים, ווייל ע ר ו ו י ל א ז ו י נ י ט ל ע ב ע ן". ווי מאַכען אַ סוף? מיט וואָס מאַכען אַ סוף? וועגען דעם האָט ער קיין באַגריף ניט געהאַט, און האָט אפילו טראַכטען ניט געוואָלט. ער האָט געטריבען דעם געדאַנק, דער געדאַנק האָט איהם געפּייניגט. ער האָט נאָר געפיהלט און געוואוסט, אַז מען מוז זעהן, אַלעס זאָל זיך פאַרענדערן, אַזוי צו אַזוי. „ווי אַזוי עס זאָל ניט זיין", האָט ער איבערגע'חזר'ט מיט פאַרצווייפעלטען, אונבעוועגליכען זעלבסטפאַרטרויען און ענטשלאָסענהייט.

ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער זיך געלאָזט געהן מיט דעם געוועהנליכען וועג פון זיינע פריהערדיגע שפּאַצירגאַנגען צום סעננאַפּלאַץ. ניט דערגעהענדיג דעם דאָזיגען פּלאַץ, אויפ'ן ברוק, פאַר אַ קליין קלייטעל, איז געשטאַנען אַ יונגער, שוואַרץ־האָריגער קאַטערינשטשיק און האָט געדרעהט עפּעס זעהר אַ ריהרענדען ראָמאַנס. ער האָט אַקאָמפּאַנירט אַ מיידעל, פון אַ יאָהר פופצען, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגען איהם אויפ'ן טראָטואַר, אַנגעטאָן ווי אַ פריילין, אין אַ קרינאָלינען־קלייד, אין אַ מאַנטעלקע, אין האַנדשוה און אין אַ שטרוי־הוט מיט אַ פעדער פון פייער־קאָליר: די קליידער זענען געווען אַלט און זעהר אָבגעטראָגען. מיט אַ הייזעריג־ציטערנדער גאַסען־שטים, וואָס האָט אָבער געקלונגען גאַנץ אַנגענעהם און שטאַרק, האָט זי געזונגען אַ ראָמאַנס, אויסקוקענדיג אויף אַ דרייער פון קלייטעל. ראַסקאָלניקאָוו איז שטעהן געבליבען צוזאַמען מיט נאָך אַ צוויי־דריי צוהערער, האָט זיך צוגעהערט, ארויס גענומען אַ צעהנער און אַריינגעלעגט דעם מיידעל אין האַנט אַריין. יענע האָט פּלוצלונג אָבגעהאַקט דאָס זינגען אויף דער ריהרענדסטער און העכסטער נאָטע, גלייך ווי אָבגעשניטען, האָט כעס'דיג אַ געשריי געטאָן צום קאַטערינשטשיק: „גענוג"! און ביידע האָבען זיי זיך אוועקגעשלעפּט ווייטער, צו אַ צווייטען קלייטעל.

— האָט איהר ליעב דעם גאַסען־געזאַנג? — האָט ראַסקאָלניקאָוו זיך פּלוצלונג געווענדט צו איינעם אַ פאַרבייגעהער. שוין ניט קיין יונגען, וועלכער איז געשטאַנען נעבען איהם ביי דער קאַטערינקע און האָט

אויסגעזעהן ווי א פלאניאר. יענער האט איהם ווילד אנגעקוקט און זיך פארוואונדערט. — איך האב ליעב. — האט ראסקאלניקאוו ווייעדער געהערמי, אבער מיט אזא מינע, גלייך ווי ער וואלט רעדען גאר ניט וועגען גאסען־געזאנג. — איך האב ליעב. ווען מען זינגט אין אקאמ־פאנימענט צו א קאטערינקע, אין א קאלטען, פינסטערן און נאסען הערבסט־אבענד. און נאר אין נאסען. ווען אלע פארבייגעהער האָ־בען בלאס־גרינע און קראנקע פנימ'ער: אדער, נאך בעסער, ווען עס פאלט א נאסער שניי, אין גלייכע ווייסע פעדים, אין א שטילען טאג. איהר ווייסט? און עס פינקלען דורכ'ן שניי די לאמטערנעס מיט'ן גאז...

— איך ווייס ניט... ענטשולדיגט... האט דער הערר ארויסגע־שטאמעלט. דערשראקען אי פון ראסקאלניקאווס פראגע אי פון זיין מאדנעם אויסזעהן. און איז אריבער אויף דער צווייטער זייט גאס.

ראסקאלניקאוו איז אוועק גלייך און איז ארויסגעקומען צו יענעם ראג פון דעם סעננא־פלאץ, וואו ס'האט געהאנדעלט דאס פאר־פאלק, וואס האט דאמאלס גערעדט מיט ליזאוועטא'ן: איצט זענען זיי אבער דא ניט געווען דערקענט דעם ארט, איז ער שטעהן געבליבען, זיך ארומ־געקוקט און זיך געווענדט צו א יונגען שייגעץ, אין א רויט העמדעל, וואס איז געשטאנען אין טהיר פון א מעהל־שפייכלער און געגענעצט.

— דער מעשטשאניז מיט דער גויה, זיין ווייב, האנדעלט דאך דא אויפ'ן ראג, הא?

— ער איז ניט איינער, — האט דער שייגעץ געענטפערט, מיט נאוה באטראכטענדיג ראסקאלניקאוו'ן פון קאפ ביז די פיס.

— ווי הייסט ער?

— ווי מען האט איהם א נאמען געגעבען, אזוי הייסט ער

— ביסט אפשר ניט אמאל מיט איהם פון איין גובערניע?

דער שייגעץ האט ווייעדער א קוק געטאן אויף ראסקאלניקאוו'ן.

— ביי אונז איז, אייער עקסעלענץ, ניט קיין גובערניע, נאר א אויעזד. געפאהרען איז גאר דער ברודער, און איך בין אין דעם היים געזעסען. דעריבער קען איך ניט וויסען... זאל שוין אייער עקסעלענץ זיין אזוי גרויסמוטיג און מיר פארצייהען.

— אויבען איז דאס אגארקיך?

— דאס איז א שענק, און א ביליארד איז אויך פארהאן: און

פּרינצעסינס קען מען דאָ אויך קריגען... ליולי!

ראַסקאָלניקאָוו איז דורכגעגאַנגען דעם פּלאַץ. דאָרט, אויפ'ן ראָג, איז געווען געדיכט פון מענשען, דורכאויס פּויערים. ער איז אַריינגע־קראָכען אין די רעכטע געדיכטע און גענומען קוקען אין די פּנים'ער אַריין. איהם האָט עפּעס געצויגען צו שמועסען מיט אַלעמען. די פּויע־רים אָבער האָבען זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט און אַלע האָבען זיי עפּעס געפּילדערט פאַר זיך, קלויבענדיג זיך אין רעדלעך. ער איז גע־שטאַנען אַביסעל, האָט אַ טראַכט געטאָן און זיך געלאָזט געהן רעכטס מיט'ן טראָטואַר דורכגעגאַנגען דעם פּלאַץ, איז ער אַרויסגעקומען אין אַ געסעל אַריין...

פריהער פלעגט ער אויך גאַנץ אָפט דורכגעהן דאָס דאָזיגע קורצע געסעלע, וואָס פאַרקערעוועט זיך אין מיטען און פיהרט פון דעם סעננאַ־פּלאַץ צו דער גאָרטען־גאַס. פאַר דער לעצטער צייט האָט איהם אפילו גענומען ציהען אין די דאָזיגע אַלע ערטער, ווען איהם פלעגט ניט גוט ווערען, „כדי עס זאָל ווערען נאָך מעהר ניט־גוט". איצט אָבער איז ער אַריין אַהער, ווענען קיין זאַך ניט טראַכטענדיג. דאָ איז געווען אַ גרויס הויז, אינגאַנצען פאַרנומען מיט שענקען און מיט נאָך אַזעלכע מיני אַנשטאַלטען, וואו מען קען צובייסען און מאַכען אַ שנאַפּס: פון דאָרט פלעגען אַלע ווייַלע אַרויסלויפען פרויען, שטוביג אַנגעטאָן — מיט בלויזע קעפּ און אין איינע קליידלעך. אין אַ צוויי־דריי ערטער זענען זיי געשטאַנען רעדלעך־ווייז, מייסטענסטייל ביי די שטיגען, וואָס פיהרען אין ערשטען שטאָק, וואו מען האָט געדאַרפט נאָר אַראָבגעהן פון צוויי טרעפּלעך, כדי אַריינצוקומען אין די פאַרשידע־נע זעהר פרעהליכע הייזלעך. אין איינעם פון זיי האָט זיך אין דעם דאָ־זיגען מאָמענט געהערט אויף דער גאַנצער גאַס אַ קלאַפּעריי און אַ גע־פּילדער. מען האָט געצימבעלט אויף אַ גיטאַרע, געזונגען לידער, און ס'איז געווען זעהר פרעהליך. אַ גאַנצע מחנה פרויען איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג: די איינע זענען געזעסען אויף די טריפּ, די אַנדערע אויפ'ן טראָטואַר, די דריטע זענען געשטאַנען און געשמועסט. דערנע־בען, אויפ'ן ברוק, האָט זיך אַרומגעדרעהט אַ שכור'ער סאָלדאַט מיט אַ פּאַפּיראָס, האָט זיך געזידעלט אויפ'ן קול און אָפּנים געוואָלט ערגיץ אַריינגעהן, נאָר האָט קענטיג פאַרגעסען וואוהין. איין שלעפּער האָט זיך געזידעלט מיט נאָך אַ שלעפּער און עפּעס איינער אַ טויט־שכור'ער

האט זיך געוואלגערט אין מיטען גאס. ראסקאלניקאוו איז שטעהן געבליבען נעבען דער גרויסער מענגע פרויען, זיי האבען גערעדט מיט הייזעריגע שטימען; אלע זענען זיי געווען אין ציצענע קליידלעך, און שיך פון ציגען־פעל און מיט בלויזע קעפ. אייניגע זענען שוין געווען אין די פערציגער, ס'זענען אבער אויך געווען זיבעצעהן־יעהריגע, און כמעט אלע מיט אונטערגעשלאגענע אויגען.

איהם האט עפּעס אזוי ווי אינטערעסירט דער געזאנג און דער גאנצער טומעל און געפּילדער. דארט, אונטען... מען האט פון דארט געקענט הערען, ווי איינער האט משוגענערוויז געטאנצט, צוקלאפּענדיג מיט די אבזאצען צום טאקט, באגלייט פון א קוויטש און א הילכיגען געלעכטער, פון עפּעס א קנאקענדיגען ניגון, וואס א דינינקער קול'כעל האט געזונגען, און פון צימבלען איבער א גיטארע: ער האט זיך צוגעהערט אויפמערקזאם, טריב און פארטראכט, זיך איינבויגענדיג ביים ארייננגאנג און נייגעריג ארייננקוקענדיג פון טראטואר אין פארהויז אריין.

„אך מיין ליעבער און מיין שעהנער,

„ברעד מיר ניט אומזיסט די ביינער!“ —

האט זיך געגאסען דאס דינינקע קול'כעלע פון דעם זינגער, ראסקאלניקאוו'ן האט זיך שרעקליך פארוואלט אויסהערען, וואס מען זינגט, גלייך ווי אין דעם האט דאס געשטעקט דער רעכטער עיקר.

„אפשר גאר ארייננגעהן?“ האט ער א טראכט געטאן. — „וואס פאר א הילכיג געלעכטער! זיי זענען אפנים שטארק אונטערן גלעזעל. אפשר זיך גאר איינשכור'ן?“

— איהר ט'אפשר אריין, מיין ליעבער העדר? — האט א פרעג געטאן איינע פון די פרויען מיט א גאנץ קלינגענדער און נאך ניט זעהר הייזעריגער שטים.

זי איז געווען יונג און אפילו ניט מיאוס — איינע פון דעם גאנצען רעדעל.

— וואס זאגסטו, ס'אר א שעהנינקע! — האט ער געענטפערט, זיך אויסגלייכענדיג און א קוק געבענדיג אויף איהר.

זי האט א שמייכעל געטאן: דער קאמפּלימענט איז איהר זעהר געפעלען.

— איהר זענט אליין אויך זעהר א שעהנינקער, — האט זי גע־

זאָגט.

— אָבער ווי דאַר זיי זענען! — האָט איינע אַ זאָג געטאָן מיט אַ באַסען־שטים. — זיך אויסגעשריבען פון שפּיטאָל, צי וואָס?

— דאַכט זיך אַלץ טעכטערלעך פון גענעראַלען און אַלע מיט פאַרריסענע נעזער! — איז זיי פּלוצלונג אַריינגעפאַלען אין די רעד אַ אונטערגעקומענער פויער, שוין רעכט בגילופינדיג, די מאַרינאַרקע ברייט פונאַנדערגעשפּילעט, מיט אַ שעלמיש־לאַכנעדען פּרצוף. — וואָס זאָגסטו, ס'אַר אַ לעבעדיגע וועלט דאָ איז!

— גייע אַריין, אויב דו ביסט געקומען!

— כ'וועל אַריין, מיין נחת!

און ער האָט זיך אַראָבגעקייקעלט אונטען

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך געריהרט פון אָרט.

— הערט נאָר, מיין הערר! — האָט איהם אַ מויד נאָכגעשריען.

— וואָס?

זי האָט זיך פאַרשעהמט.

— איך וועל זיין זעהר צופרידען, מיין ליעבער הערר, צו פאַרברענגען מיט אייך אַ פּאָר שעה, נאָר איך קען זיך עפּעס קיין מוט ניט מאַכען פאַר אייך. שענקט מיר, מיין פיינער קאַוואַליר, זעקס קאָפּיקעס אויף אַ שנאַפּס!

ראַסקאָלניקאָוו האָט אַרויסגענומען, וויפיעל ס'האָט זיך אַרויסגענומען: דריי צעהנער.

— אַך, וואָס פאַר אַ טייערער הערר!

— ווי הייסטו?

— איהר וועט פרעגען דוקלידען.

— ניין, דאָס פאַרשטעה איך שוין ניט, — האָט זיך פּלוצלונג אַנגערופען איינע פון דעם רעדעל, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ אויף דוקלידען. — דאָס באַגריף איך שוין גאָר ניט. ווי בעטעלט מען דאָס אַזוי! איך וואָלט זיך, דאַכט מיר, פאַר חרפּה אַליין באַגראָבען לעבעדיגערהייט...

ראַסקאָלניקאָוו האָט אויף איהר נייגעריג אַ קוק געגעבען. דאָס איז געווען אַ ראָבע מויד, פון אַ יאָהר דרייסיג, דאָס גאַנצע פּנים אין בלויע צייכענס, מיט אַביסעל אַנ'אָנגעשוואָלענער אויבערשטער ליפּ. זי האָט גערעדט און באַדויערט רוהיג און ערנסט.

„וואו בין איך דאס“, האט ראסקאלניקאוו א טראכט געטאן, גע־הענדיג ווייטער, — „וואו האב איך דאס געלייענט, ווי א פארמשפט׳ער צום טויט רעדט אדער טראכט, א שעה פאר׳ן טויט, אז ווען איהם וואלט אויסקומען צו לעבען ערגעץ אין דער הייך, אויף א פעלז, און אויף אזא פיצעל ארט, אז מען וואלט דארט געקענט שטעלען בלויז די צוויי פיס, און ארומגערינגלעט פון אבגרונדען, ים׳ען, אייביגען חשך, אייביגער איינזאמקייט און אייביגען שטורם — און אזוי בלייבען, שטעהענדיג אויף אנ׳אייל ערד, דאס גאנצע לעבען, טויזענד יאהר, אייביג, — איז אלץ בעסער אזוי צו לעבען, איידער שטארבען! אבי לעבען, לעבען און לעבען!... וואס פאר א לעבען עס זאל ניט זיין, אבי לעבען. אט איז אנ׳אמת! רבונו של עולם, ווי אמת דאס איז! דער מענש איז נידערטרעכטיגט!... און נידערטרעכטיגט איז אויך דער, וואס רופט איהם דערפאר נידערטרעכטיג“, האט ער צוגעגעבען אין א ווייל׳ע ארום.

ער איז ארויסגעקומען אויף אנ׳אנדער גאס: „בא! „דער קריס־טאל־פאלאץ“! פריהער האט ראזומיכין טאקע עפעס גערעדט וועגען „קריסטאל־פאלאץ“! נאר וואס האב איך עם געוואלט, הא? אהא, אי־בערלייענען!... זאסימאוו האט געזאגט, אז ער האט געלעזען אין די ציי־טונגען“...

— צייטונגען פארהאן? — האט ער געפרעגט, אריינקומענדיג אין זעהר א גערוימען און א גאנץ ציכטיגען טראקטיר פון עטליכע צימערן, וועלכע זענען איבעריגענס געשטאנען ליידיג א צוויי־דריי געסט האבען געטרונקען טיי, און אין דעם ווייטסטען צימער איז געזעסען א קאמפאניע פון א מאן פיער און געטרונקען שאמפאניער. ראסקאלני־קאוו׳ן האט זיך אויסגעוויזען, אז צווישען זיי געפינט זיך זאמעטאוו, איבעריגענס האט מען פון ווייטען ניט געקענט זעהן אויף קלאר.

„מילא נו!“ האט ער א טראכט געטאן.

— דערלאנגט טיי, און ברייגג מיר צייטונגען, אבער עלטערע, א שטייגער פאר א טאג פינף כסדר, וועל איך דיר געבען טרינק־געלט.

— איך פארשטעה אט האבען זיי די היינטיגע. און בראנפען אויך דערלאנגען?

באלד האט דער קעלנער געבראכט טיי מיט אלטע צייטונגען. ראסקאלניקאוו האט זיך אוועקגעזעצט און גענומען זוכען: „איזלער —

איזלער — אַצטעקעז — אַצטעקעז. איזלער — באַכטאַלאַ — מאַססי־מאַ — אַצטעקעז — איזלער... כאַפּט עס דער טייוועל! אַהאַ, אָט איז אונטערגעשטריכעז: אַראָבגעפאַלעז פון אַ לייטער — פאַרברענט געוואָרעז אַ „מעשטשאַניז" פון בראַנפּעז — אַ שרפה איז די „פּעסקי" — אַ שרפה אויף דער „פּעטערבורגער זייט" — נאָך אַ שרפה אויף דער „פּעטערבורגער זייט" — איזלער — איזלער — איזלער — איזלער — מאַסימאַ... אַהאַ, אָט אַ...

ענדליך האָט ער געפונעז, וואָס ער האָט געזוכט, און גענומעז לעזעז! די שורות האָבעז איהם געטאַנצט פאַר די אויגעז. דאָך האָט ער איבערגעלייענט די גאַנצע „נאַכריכט" און גיריג גענומעז זוכעז אין די ווייטערדיגע נומערן די שפּעטערדיגע פאָרטזעצונגעז. די הענט האָבעז איהם, ביים בלעטערן די צייטונגעז, געציטערט פאַר פיבערהאַפטער אונ־געדולד. פּלוצלונג האָט זיך עמיצער אַוועקגעזעצט נעבעז איהם ביים טיש. ער האָט אַ קוק געטאָז — זאַמעטאָוו, דערזעלבער זאַמעטאָוו, און אין דערזעלבער מראה, מיט די רונגעז, מיט די קייטלער, מיט׳ן טייל אין די שוואַרצע געקרייזעלטע און אָנגעשמירטע האָר, אין אַ פּראַנטישער וועסט, אין אַ עטוואָס אָבגעטראָגענעם ראָק און אין ניט־ריינע וועש. ער איז געווען פרעהליך, ווענינגסטענס האָט ער געשמייכעלט זעהר פרעהליך און אָפענהערציג. זיין שוואַרצ׳חנ׳עוודיג געזיכט איז געווען עטוואָס צופלאַמט פון דעם אויסגעטרונקענעם שאַמפּאַניער.

— סטייטש! איהר זענט גאָר דאָ? — האָט זאַמעטאָוו אָנגע־הויבעז ווי ניט־פאַרשטעהענדיג און מיט אַזאַ טאָז, גלייך ווי ער איז געווען מיט איהם באַקאַנט פון אייביג אָז. —אבי ראַזומיכין האָט מיר נעכטען געזאָגט, אַז איהר זענט נאָך אַלץ ניט געקומעז צו זיך. אַ מאָד־נע זאַך! איהר ווייסט, איך ביז דאָך ביי אייך געוועז...

ראַסקאָלניקאָוו האָט געוואוסט, אַז ער וועט צוגעהן. ער האָט אָבגעלעגט די צייטונגעז און זיך אומגעווענדט צו זאַמעטאָוו׳ן. אויף זיינע ליפּעז איז געלעגעז אַ שפּאָטישער שמייכעל, און עפּעס אַ מין נייע אויפגערייצטע אונגעדולד האָט אַרויסגעקוקט פון דעם דאָזיגעז שמייכעל.

— איך ווייס, אַז איהר זענט געוועז, — האָט ער געענטפערט. — איך האָב געהערט. איהר האָט געזוכט די זאָק... איהר ווייסט, ראַזומיכין איז דאָך פון אייך גאָר ענטציקט? ער זאָגט, אַז איהר זענט

מיט איהם געגאַנגען צו לאַוויזאַ איוואַנאַוונאַ, צו דער אייגענער טאָקע. וואָס איהר האָט זיך דאַמאַלס וועגען איהר אַזוי איינגעשטעלט. איהר האָט אַלץ געוואונקען צו דעם פּולווער־אַפּיצער, און ער האָט אַלץ ניט פאַרשטאַנען, איהר געדענקט? וואָס איז, דאַכט זיך, געווען דאָרט צו פאַרשטעהן — אַ פּשוט'ע זאַך... ניט אפשר?

—אָבער ס'אַר אַ מין סקאַנדאַליסט דאָס איז!

— איהר מיינט „פּולווער'ן"?

— ניין, דעם חבר אייערען, ראַזומיכינען...

— איהר לעבט דאָס אַביסעל אַ טאָג, פּאַני זאַמעטאָוו: איהר האָט אייך אַנ'אומזיסטען אַריינגאַנג אין די אַנגענעהמסטע ערטער! ווער האָט דאָס אייך איצט מכבד געווען מיט שאַמפּאַניער?

—כ'וויס, דאָס האָבען מיר... געמאַכט אַ שנאַפּס... אַלץ הייסט ביי אייך מכבד געווען!

— האָנאָראַר! איהר געניסט זיך פון אַלעם גוטען! ראַסקאָלני־קאָוו האָט זיך צולאַכט.

— נישקשה, מיין טייער קינד, נישקשה! — האָט ער צוגעגעבען, אַ קלאַפּ טוענדיג זאַמעטאָוו'ן איבער'ן אַקסעל. — איך מיין דערמיט ניט אָנריהרען חלילה אייער כבוד, נאָר איך זאָג דאָס גלאַט אַזוי, אין גוטען מוט, אַט פּונקט ווי אייער אַרבייטער האָט געזאָגט, בשעת ער האָט מיטקען געבייקערט די ביינער, — איך מיין דאָס דעם אַרבייטער, וואָס איז פאַרמישט אין דער אַלטערס ערמאָרדונג.

— פון וואַנען ווייסט איהר דען דערפון?

— עס קען אַמאָל זיין, אַז איך ווייס מעהר פאַר אייך.

— איהר זענט עפּעס אַזאַ מאָדנער. איהר זענט נאָך אַפּנים אַ שטאַרקער חולה. אַ נאַרישקייט וואָס איהר זענט אַרויסגעגאַנגען.

— וואָס איז, איך קום אייך עפּעס אויס מאָדנע?

— יאָ. וואָס טוט איהר דאָס, איהר לייענט צייטונגען?

— צייטונגען.

— מען שרייבט וועגען זעהר פיעל שרפות.

— ניין, איך לייען ניט וועגען שרפות. — דאָ האָט ער געהיימ־ניספול אַ קוק געגעבען אויף זאַמעטאָוו'ן: אַ שפּאָטישער שמייכעל האָט ווידער צוקרימט זיינע ליפּען. — ניין, איך לייען ניט וועגען שרפות, — האָט ער ווידער געזאָגט און צוגעוואונקען צו זאַמעטאָוו'ן. — זענט

זיך אבער מודה, מיין ליעבער, אז אייך ווילט זיך שרעקליך וויסען, וועגען וואס איך האב געלייענט.

— עס הויבט מיר זיך ניט אן צו וועלען: איך האב גלאט אזוי געפרעגט, וואס איז, מען טאר גאר ניט א פרעג טאן? וואס זענט איהר אלץ...

— הערט נאר, איהר זענט א געבילדעטער מאן, א אנגעלעזענער, איא?

— איך בין פון זעקסטען קלאס גימנאזיום, — האט זאמעטאוו געענטפערט ניט אהן שטאלץ.

— פון זעקסטען! אך, מיין טייער שפיעלפייגעלע! מיט א טייל אין די האר, אין רונגען — א גביר! פוי, וואס פאר א ליעב אינגעל דאס איז!

דא איז ראסקאלניקאוו זיך פארגאנגען מיט א נערוועזישען געלעכטער, זאמעטאוו'ן גלייך אין פנים אריין. יענער האט זיך האסטיג א בויג געטאן אויף הינטער. איהם האט עס ניט אזוי פיעל באליידיגט, ווי פארוואונדערט.

— אך, ס'אר א מאדנער איהר זענט! — האט זאמעטאוו איבער־גע'חזרט זעהר ערנסט. — איך וואלט שווערען, אז איהר רעדט נאך אלץ פון היץ.

— פון היץ? ס'א ליגען, מיין פייגעלע!... בין איך הייסט עס, א מאדנער? אבער איך אינטערעסיר אייך, איא? איך אינטערעסיר אייך?

— איהר אינטערעסירט מיר.

— אלזא זאל איך אייך זאגען, וועגען וואס איך האב געלייענט, וואס האב איך אין די צייטונגען געזוכט? א קלייניגקייט, אזוי פיעל נומערן געהייסען ברייננגען! ס'איז פארדעכטיג, איא?

— נו, זאגט.

— איהר זענט א בעלן צו וויסען?

— וואס פאר א בעלן?

— איך וועל אייך שפעטער זאגען וואס פאר א בעלן, און איצט, מיין טייערער, קום איך אייך צו מעלדען... ניין, בעסער געזאגט: „בין איך זיך מודה“... ניין, אזוי טויג אויך ניט: „איהר נעהמט מיך אויפ'ן דאפראס, און איך ענטפער אויף אייערע פראגען“ — אט אזוי איז

עס! אלזא זאג איך אייך, אז איך האב געלייענט, זיך אינטערעסירט, געזוכט... אונטערזוכט... ראסקאלניקאוו האט פארזשמורעט די אויגען און אבגעווארט אביסעל, — אונטערזוכט — און טאקע צוליעב דעם בין איך אהער אריין, — ווענען דער ערמארדונג פון דער אלטער טשי־נאווניצע, — האט ער ענדליך ארויסגערעדט, כמעט ווי פליסטערנד, און האט שרעקליך נאהנט צוגערוקט זיין געזיכט צו זאמעטאווס.

זאמעטאוו האט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען אריין, זיך ניט א ריהר געגעבען און ניט צוגענומען זיין געזיכט פון ראסקאלניקאווס. מערקווירדיגער ווי אלץ איז זאמעטאוו'ן דערנאך אויסגעקומען, וואס פונקט א גאנצע מינוט האט געהערשט צווישען זיי א שטילשווייגען און פונקט א גאנצע מינוט האבען זיי אזוי געקוקט איינער אויף דעם אנ־דערן.

— נו, איז וואס, וואס האט איהר דען אזוי געלייענט? — האט ער פלוצלונג אויסגעשריען ניט־פארשטעהענדיג און אונגעדולדיג. — וואס געהט עס מיר אבער אן! וואס איז דא אזוינס?

— אט דאס איז דיזעלבע אלטע, —האט ראסקאלניקאוו פארט־געזעצט מיט דעמזעלבינען געפליסטער, און זיך ניט א ריהר געגעבען פון זאמעטאווס אויסגעשריי, — דיזעלבע אלטע, וועגען וועלכער — איהר געדענקט — מען האט אין קאנצעלאריע אנגעהויבען דערצעהלען, און איך בין געפאלען אין חלשות, נו, איצט פארשטעהט איהר שוין?

— נו איז וואס? וואס... „איהר פארשטעהט"? — האט זאמע־טאוו ארויסגערעדט, שוין כמעט ווי אומרוהיג.

דאס אונבאוועגליכע און ערנסטע געזיכט ראסקאלניקאווס האט זיך פארענדערט אין איין אויגענבליק, און פלוצלונג איז ער זיך ווידער פארגאנגען מיט דעמזעלבען נערוועזישען הילכיגען געלעכטער, ווי פריי־הער, גלייך ווי ער וואלט אליין ניט זיין אימשטאנד זיך אנצוהאל־טען. און אין איין אויגענבליק האט זיך איהם דערמאנט און אזוי דייטליך, אז ער האט עס אזוי ווי דערפיהלט, די רגע, בשעת ער איז געשטאנען הינטערן טיר, מיט דער האק, דער פעררוקער איז גע־שפרונגען, זיי האבען זיך געזידעלט און געריסען די טיר, און איהם האט זיך פלוצלונג פארוואלט א געשריי טאן צו זיי, זידלען זיך מיט זיי, ארויסשטעקען זיי א צונג, רייצען זיך מיט זיי, לאכען, ווילד לא־כען, לאכען, לאכען!

— איהר זענט אדער א משוגענער, אדער... האָט זאַמעטאָוו אַרויסגערעדט און איז שטעהן געבליבען, גלייך ווי איהם האָט מיט אַ מאָל איבעררַאשט אַ געדאַנק, וואָס האָט זיך איהם פּלוצלונג דורכגעטראָגען אין מח.

— אדער? וואָס „אדער"? נו, וואָס? אדרבה, זאָגט טאַקע!

— גאָרנישט! — האָט זאַמעטאָוו מיט האַרץ געענטפערט. — ס'איז אַלץ אַ נעכטיגער טאָג!

ביידע זענען אַנטשוויגען געוואָרען. נאָך דעם פּלוצלונגען קאָנוואולסיווען אויסברוך פון געלעכטער, איז ראַסקאָלניקאָוו מיט אַמאָל געוואָרען פאַרטראַכט און אומעטיג. ער האָט זיך אָנגעלעהנט אויף'ן טיש און אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט די הענט. עס האָט אויסגעזעהן, גלייך ווי ער האָט אינגאַנצען פאַרגעסען אין זאַמעטאָוו'ן. דאָס שטילשווייגעניש האָט געהערשט גאַנץ לאַנג.

— פאַרוואָס טרינקט איהר עפּעס קיין טיי ניט? ס'וועט אָבקיהלען. — האָט זאַמעטאָוו אַ זאָג געטאָן.

— האַ? וואָס? טיי?... זאָל זיין...

ראַסקאָלניקאָוו האָט אַ זופּ געטאָן פון גלאָז. אַריינגעלעגט אַ שטיקעל ברויט אין מויל אַריין און פּלוצלונג, אַ קוק געטהון'דיג אויף זאַמעטאָוו'ן, האָט ער אַפּנים זיך אין אַלץ דערמאָנט און איז עפּעס אַזוי ווי צו זיך געקומען: אויף זיין געזיכט האָט זיך אין דעמזעלבען אויגענבליק ווידער באַוויזען דער פריהערדיגער שפּאָטישער אויסדרוק. ער האָט אַלץ געזופּט די טיי.

— איצט איז גאָר ניט אויסצוהאַלטען פון די דאָזיגע שווינדלער, — האָט זאַמעטאָוו געזאָגט. — אָט האָב איך ערשט ניט לאַנג געלעזען אין די „מאָסקווער נאַכריכטען", אַז אין מאָסקווע האָט מען געכאַפּט אַ גאַנצע באַנדע, וואָס האָט געמאַכט פאַלשע מטבעות. זיי האָבען געהאַט אַ גאַנצע חברה. האָבען נאָכגעמאַכט פּאַפּיר־געלט!

— אָ, אַנ'אַלטע מעשה! איך האָב נאָך געלייענט מיט אַ מאָנאַט צוריק. — האָט ראַסקאָלניקאָוו רוהיג געענטפערט. — אָט דאָס הייסט ביי אייך שווינדלער! — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל.

— וואָס דען זענען זיי, ניט קיין שווינדלער?

— זיי! דאָס זענען דאָך קינדער, חדר־אינגלעך ניט קיין שווינדלער! צונויפגעקליבען זיך זאַלבעפופציגסט צוליעב אַזאַ ענין? זאַלבע־

דריט וועט שוין דא אויך זיין צו פיעל. איז אויך, ווען איינער וועט זיין זיכער אין דער אנדערן מעהר ווי אין זיך אליין, ווייל אניט. איז דאך געגוג, אז איינער זאל זיך שכור׳ערהיים אויסריידען. און אלץ וועט געהן צום גרונט! חדר אינגלעך! דינגען ניט קיין זימערע מענשען צו צו־בייטען די בילעטען אין קאנטארען .אזא מין געשעפט נעהמען געטרויען דעם ערשטען בעסטען מענשען? נו, לאמיר שוין זאגען, אז זיי האט אבגעגליקט מיט די חדר־אינגלעך אפילו, לאמיר שוין זאגען, אז איט־ליכער האט זיך אויסגעביטען בילעטען אויף א מיליאן, נו, און דער־נאך? דאס גאנצע לעבען? יעדער איינער העגנט אב פון דעם אנדערן! שוין בעסער אויפהענגען זיך! און זיי האבען אפילו אויסטוישען אויך ניט געקענט: געגומען אין קאנטאר טוישען, באקומען פינף טויזענד — האבען איהם שוין די הענט אנגעהויבען ציטערן. פיער טויזענד האט ער איבערגעצעהלט און דאס פינפטע צוגענומען ניט געצעהל־טערהייט, געטרויט הייסט עס, אויפ׳ן ווארט, אבי וואס גיכער אין קעשענע אראבזרוקען און מאכען פיס! נאטירליך האט ער ערוועקט א חשד. און אלץ געפלאצט צוליעב איין שוטה! צי דען איז עס אזוי מעגליך?

— וואס די הענט האבען איהם גענומען ציטערן? — האט זא־מעטאוו אונטערגעכאפט, — ניין, דאס איז זעהר מעגליך. ניין, איך בין פעסט איבערצייגט, אז דאס איז מעגליך. אמאל קען מען טאקע ניט אויסהאלטען.

— אט דא א?

— וואס איז, און איהר וועט אויסהאלטען? ניין, איך וואלט ניט אויסגעהאלטען! פאר א באלויגונג פון הונדערט רובל אזוי שרעקליך צו ריזיקירען! געהן מיט א פאלשען בילעט — און וואוהין! — אין א באנק, וואס מען האט דארט שוין דערויף די צייהן אויפגעגעסען. — ניין, איך וואלט ניט אויסגעהאלטען. און איהר וואלט יא אויסגעהאל־טען?

ראסקאלניקאוו׳ן האט זיך פלוצלונג פארוואלט ווידער איהם „ארויסשטעקען א צונג“. א פראסטיגער שוידער איז איהם ווייל־ענווייז דורך איבערן לייב

— איך וואלט ניט אזוי געטאן, — האט ער אנגעהויבען פון דער וויי־טען. — אט ווי איך וואלט גענומען טוישען: איך וואלט איבער־

געצעהלט דעם ערשטען טויזענדער אזוי אמאָל פיער פון אלע זייטען, זיך איינקוקענדיג אין איטליכע אסיגנאציע באזונדער, און וואָלט זיך דאן גענומען צום אנדער טויזענדער: וואָלט איהם אנגעהויבען צעהלען, איבערגעצעהלט ביז א העלפט, און וואָלט דאן ארויסגענומען עפּעס א פּופציגער אזעלכען, און וואָלט איהם צוגעטראָגען צו דער ליכטיגקייט, און וואָלט איהם איבערגעקעהרט און ווידער אמאָל צו דער ליכטיגקייט — איז דאס ניט אמאָל קיין פאַלשער? און א זאָג געטאָן צום קאסי־רער: „איך האָב מורא, — מיינער א קרובה האָט מען אנומעלט אזוי ארייגעשפּארט א פינפאונצוואנציגער": און וואָלט דאָ דערצעהלט א גאַנצע מעשה. און ווי נאָר ס'וואָלט געקומען צום דריטען טויזענדער — אהא, ענטשולדיגען זיי: איך האָב, דאַכט מיר, א טעות געהאט ביים זיבענטען הונדערטער פון דעם צווייטען טויזענדער, ניט ריכטיג איבערגעצעהלט, און וואָלט געלאָזען דעם דריטען און ווידער צו דעם צווייטען. —און אזוי אלע פינף טויזענדער, און געענדיגט שוין, דאַכט זיך, — זענט איהר נאָך ניט פארטיג — פון דעם פינפטען און פון דעם צווייטען טויזענדער וואָלט איך ארויסגעצויגען צו אסיגנאַ־ציעס, און ווידער צו דער ליכטיגקייט: „א קשיא אויף א מעשה! ביטע איבערצובייטען אויף אנ'אנדערער", — און איך וואָלט דעם קאַ־סירער אזוי דערגאַנגען ביז צום טויט, און ער וואָלט שוין אפילו ניט ווייסען, ווי אזוי ווערט מען מיינער פּטור! אלץ געענדיגט שוין און א מזל'דיגע שעה, איך האָלט זיך שוין ביים הענטעל פון טיר — אבער, ענטשולדיגט נאָך איין ווייל, זיך ווידער אומגעקעהרט, א פרעג טאָן וועגען עפּעס, מאַכען עפּעס א „ספּראווקעלע" — אָט ווי אזוי איך וואָלט געטאָן.

— פוי, ס'איז א שרעקליכע זאַכען איהר רעדט, — האָט זאַמעטאָוו געזאָגט מיט א געלעכטער. — נאָר דאָס איז ניט מעהר ווי געזאָגט, אין דער אמת'ן אבער וואָלט איהר געווים געשטרויכעלט ווערען. דאָ, וועל איך אייך זאָגען, מען קען ניט ערב זיין ניט נאָר פאר א „נאַש־בראָט", נאָר אפילו פאר א געניטען דורכגעטריבענעם מופקר. וואָס דארפט איהר מעהר: — ביי אונז אין צירקעל האָט מען דאָך גע'הרג'עט אנ'אלטע פּראַצענטניצע. שוין דאַכט זיך, איינמאָל א מזיק, אין מיטען העלען טאָג אזוי צו ריזיקירען, האָט זיך ארויסגעדרעהט ניט אנדערש טאַקע ווי דורך א נס — און די הענט האָבען איהם פאָרט געציטערט:

האט ניט געקענט בע׳גנב׳ענען, האט ניט אויסגעהאלטען: מען דער־קענט נאך דעם שטיקעל ארבייט...

ראסקאלניקאוו האט זיך אזוי ווי באליידיגט.

— מען דערקענט! ווייזט אבער א קונץ און כאפט איהם איצט!

— האט ער אויסגעשריען, רייצענדיג זיך מיט א מין הנאה מיט זא־מעטאוו׳ן.

— וואס מיינט איהר, מען וועט איהם נאך כאפען.

— ווער? איהר? איהר וועט כאפען? ניט איילט זיך אזוי אקארטש! ווייל וואס איז ביי אייך דער עיקר: צי דער מענש פאר־שווענדט געלט צי ניט? ערשט ניט געהאט קיין געלט און דא הויבט ער זיך פלוצלונג אן צוווארפען מיט געלד, — וואס איז דא פאראן צו ריידען א סך — ס׳איז דאך קלאר ווי דער טאג, אז ס׳איז ער? וועט דאך אייך אויף אזא אופן א קינד פון וויעג ארייננארען אין זאק אריין, אז עס וועט וועלען!

— אט דאס איז דאך די מעשה, וואס זיי טוען אלע אזוי, — האט זאמעטאוו געענטפערט, — הרג׳ענען וועט ער טאקע קונציג, וועט ריזיקירען מיט׳ן לעבען, און דערנאך פאקט מען איהם גלייך אין שיינק. מען כאפט זיי שטענדיג דורך זייער אויסברייענגעריי. ניט אלע זענען דאך אזוינע חכמים, ווי איהר. איהר וואלט אין א שיינק געוויס ניט געגאנגען, איא?

ראסקאלניקאוו האט רוגזה׳דיג אנגערוקט די ברעמען און האט שארף א קוק געגעבען אויף זאמעטאוו׳ן.

— איהר האט אפנים געקריגען אפעטיט און וואלט געוועןן א בעלן צו געוואהר ווערען, ווי וואלט איך דא געטאן? — האט ער אונצופרידען געפרעגט.

— איך וואלט זיין א בעלן, — האט יענער פעסט און ערנסט געענטפערט.

עפעס האט ער שוין צו ערנסט אנגעהויבען צו ריידען און צו קוקען,

— זעהר?

— זעהר!

— גוט. אט ווי אזוי איך וואלט געטאן, — האט ראסקאלניקאוו אנגעהויבען, ווידער פלוצלונג צורוקענדיג זיין פנים צו זאמעטאוו׳ס, ווידער שארף קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען אריין און ווידער

פליסטערנדיג. אזוי אז יענער האט דאס מאל אזש א ציטער געטאן.— איך וואלט אט אזוי געטאן: איך וואלט גענומען דאס געלט און די זאַכען און גלייך פון דארטען. און אין ערגיץ נים פארגעהענדיג, וואלט איך אוועק ערגעץ אין א פארוואָרפענעם ווינקעל, וואו ס'זענען נאר פּאראַן הויכע פּארקאנעס, און וואו ס'איז כמעט א נפש ניטא. — ערגעץ אין א גאָרטען, א שטייגער. איך וואלט דארטען נאך פון פריהער געהאט אנגעקוקט עפּעס א רעכטען שטיין אזעלכען. אזוי א שטייגער פון א פּוד אנדערהאלבען. ערגעץ אין א ווינקעל ביים פּארקאן, וואס ליעגט דארט אפשר פון זינט מען האט דאס הויז אויסגעבויט. — אונטער איהם מוז זיין א גריבעל. — און אין דעם דאזיגען גריבעל וואלט איך באַהאלטען אלע זאכען און דאס געלט. באהאלטען — און וואלט ארויפגעקייקעלט דעם שטיין, פּונקט אזוי ווי געוועזען. וואלט צוגעקוועטשט מיט'ן פוס. און וואלט זיך אוועק מיין וועגס. אזוי ווי נים מיך מיינט מען. און א יאהר, צוויי יאהר וואלט איך נים ארויס גענומען, דריי יאהר וואלט איך נים ארויסגענומען. — און זענט א בריה און געפינט! און רופט איהם קנאקניסעל!

— איהר זענט א משוגענער, — האט זאמעטאָוו געזאגט. אויך כמעט ווי פליסטערענדיג, און פּלוצלונג האט ער זיך עפּעס אבגערוקט פון ראסקאלניקאָוו'ן.

ביי יענעם האבען אויפגעבליצט די אויגען: ער איז שרעקליך בלאס געווארען: זיין אויבערשטע ליפּ האט גענומען ציטערן און צופּען. ער האט זיך צוגעבויגען צו זאמעטאָוו'ן אזוי נאהנט, ווי ס'איז נאר מעגליך געווען. און גענומען מאכען מיט די ליפּען, נים רעדענדיג א וואָרט: אזוי איז אריבער אקעגען א האלבע מינוט: ער האט געוואוסט, וואס ער טוט. האט זיך אבער נים געקענט איינהאלטען. דאס שרעקליכע וואָרט, פּונקט ווי דאמאלס דער פערדוקער אין טיר, איז אלץ געשפּרונגען אויף זיינע ליפּען: אט־אט וועט זיך עס אבברייסען: אט־אט דאס גאר ארויסלאזען, אט־אט דאס גאר ארויסריידען!

— און ווי איז אז איך האב דאס גע'הרג'עט די אלטע און ליזאַוועטא־'ן? — האט ער פּלוצלונג ארויסגערעדט און — איז צו זיך געקומען.

זאמעטאָוו האט אויף איהם א ווילדען קוק געטאן און איז בלאס געווארען ווי א טוד. א שמייכעל האט איהם צוקרימט דאס געזיכט.

— איז עס דען מעגליך? — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, קוים מיט׳ן אויער צו כאַפּען.

ראַסקאָלניקאָוו האָט איהם אַנגעקוקט מיט ווילדען כעס.

— זענט זיך מודה, אז איהר האָט געגלויבט?... איאָ? איהר האָט דאָך געגלויבט?

— עס הויבט זיך גאָרניט אָן! איצט גלויב איך ניט אין דעם מעהר ווי וועו עס איז אַנדערש! האָט זאַמעטאָוו איילענדיג אויסגע־שריען.

— פאַרט אַריינגעפאַלען! געפּאַקט דאָס שפּיעלפייגעלע. אַלזאָ, הייסט עס, האָט איהר פריהער יאָ געגלויבט, וויבאַלד אז איצט „גלויבט איהר ניט אין דעם מעהר ווי ווען עס איז אַנדערש“?...

— אז עס הויבט זיך אָבער גאָרניט אָן! — האָט זאַמעטאָוו גע־שריען, אַפּנים פאַרשעמט. — דאָס האָט איהר מיך טאַקע צוליעב דעם געשראָקען, כדי צוצופיהרען דערצו?

— הייסט עס, גלויבט איהר ניט? און וועגען וואָס האָט איהר עס אָהן מיר אַנגעהויבען צו שמועסען, ווען איך בין דאַמאָלס אַרויס פון קאַנצעלאַריע? און צוליעב וואָס האָט מיך דער „פּולווער־אָפיצער“ אויסגעפרעגט, נאָכדעם ווי איך בין צו זיך געקומען? הער נאָר צו, — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום קעלנער, — אויפשטעלענדיג זיך און נעהמענדיג דאָס היטעל. — וויפיעל קומט פון מיר?

— דרייסיג קאָפּיקעס, — האָט יענער געענטפערט, אַנקומענדיג צו לויפען.

— און נאָ דיר נאָך צוואַנציג קאָפּיקעס טרינקגעלט, וואָס זאָגט איהר, וויפיעל געלט. האָט ער געוויזען זאַמעטאָוו׳ן זיין ציטערנדע האַנט מיט אַסיגנאַציעס. — רויט־בלויאינקע, פינפאונצוואַנציג רובל? איהר ווייסט דאָך, אז איך האָב אַ גראָשען ניט געהאַט? די בעל־הבית׳טע האָט איהר שוין, געוויס, אויסגעהערט... נו, גענוג! גענוג צו שמועסען! צום ווידערזעהן... צום גליקליכסטען!

ער איז אַרויס, אינגאַנצען שוידערנדיג פון עפּעס אַ ווילדען היס־טערישען געפיהל, אין וועלכען עס איז אָבער אויך געווען פאַרמישט אַ משוגענער תענוג, — איבעריגענס איז ער געווען פאַראומערט, שרעקליך מיד. דאָס געזיכט איז איהם געווען צוקרימט, אַזוי ווי עפּעס נאָך אַ קאַנוואַולסיע. זיין מידיגקייט איז שנעל געוואַקסען. זיינע קרעפ־

טען זענען געוואָרען אויפגערעגט און זענען צו איהם איצט געקומען פלוצלונג, מיט דעם ערשטען שטוים, מיט דעם ערשטען אויפרייצענדען געפיהל, און זענען פונקט אזוי שנעל אבגעשוואכט געוואָרען, גלייך מיט דעם, ווי דאָס געפיהל פלעגט שוואַכער ווערען.

און זאַמעטאָוו, געבליבען אליין, איז נאָך לאַנג געזעסען אויף דעמזעלבען אָרט. פארזונקען אין רעיונות. ראַסקאָלניקאָוו האָט פלוצ־לונג אויפגעווירבעלט אלע זיינע געדאַנקען וועגען א געוויסען פונקט און האָט פעסטגעשטעלט זיין מיינונג.

„איליא פעטראָוויטש איז א שוטה"! האָט ער באַשלאָסען אויף זיכער.

קוים האָט ראַסקאָלניקאָוו אויפגעמאַכט די טיר צו דער גאַס ארויס, האָט ער זיך פלוצלונג אנגעשטויסען אויף'ן גאַניק מיט דעם אריינגעקומענעם ראַזומיכין. מיט א טריט פריהער האָבען זיי נאָך אפילו זיך ניט געזעהן, און זיי האָבען זיך שיער ניט אנגעשלאָגען מיט די קעפּ. א קליינע ווײלע האָבען זיי באַטראַכט איינער דעם אַנדערן פון קאָפּ ביז די פיס. ראַזומיכין איז געווען אין דער גרעסטער איבעררא־שונג, נאָר פלוצלונג האָט זיך א גרימצאָרן, אנ'אמת'ער גרימצאָרן, אנ־געצונדען אין זיינע אויגען.

— ביסטו, הייסט עס, גאָר דאָ! — האָט ער א געשריי געטאָן מיט אלע כחות. — אנטלאָפען פון בעט! און איך האָב איהם אפילו אונטערן דיוואַן אויך געזוכט! אויפ'ן בוידעם איז מען געגאַנגען. שיער ניט צומאַזיקט נאַסטאַסיען צוליעב דיר... און ער איז גאָר דאָ! וואָדקאַ! וואָס באַטייט עס? זאָג דעם ריינעם אמת! זיי זיך מודה! דו הערסט!

— דאָס באַטייט, אז איהר זענט מיר אלע מיאוס ומאוס גע־וואָרען ביז צום טויט, און איך וויל זיין איינער אליין, — האָט ראַס־קאָלניקאָוו רוהיג געענטפערט.

— איינער אליין? אין דער צייט ווען דו קענסט נאָך ניט אומ־געהן, ווען דיין געזיכט איז נאָך בלאַס ווי א טויט און קאָנסט דעם אָטעם ניט אבכאַפּען! שוטה! וואָס האָסטו געטאָן אין דעם „קריסטאַל־פּאַלאַץ"? זיי זיך די רגע מודה!

— לאָז! — האָט ראַסקאָלניקאָוו געזאָגט און געוואָלט דורכגעהן.

דאָ איז שוין ראַזומיכין אַרויס פון די כלים: ער האָט איהם פּעסט אַ נעהם געטאָן פאַר'ן אַקסעל.

— לאָז? דו האָסט די העזה צו זאָגען „לאָז"? און דאָס ווייסטו, וואָס איך וועל מיט דיר באַלד טאָן? איך וועל דיך נעמען מיטביידע הענט, וועל דיך פאַרבינדען אין אַ פּעקעל, און וועל דיך אוועקטראָגען אונטערן אָרים אַהיים הינטער שלאָס און ריגעל!

— הער, ראַזומיכין, — האָט ראַסקאָלניקאָוו אָנגעהויבען שטיל און קענטיג זעהר רוהיג, — זעהסטו דען ניט, אַז איך וויל ניט, אַז איך וויל ניט דיינע טובות? און וואָס איז עס פאַר אַ בעלנות טאָן טובות די יעניגע, וועלכע... שפּייען דערויף? די יעניגע, אויב דו ווילסט שוין, וועלכע דאָס איז מיט אַנ'אמת שווער אַריבערצוטראָגען? נו, צוליעב וואָס האָסטו מיך אויפגעזוכט אין אָנהויב פון מיין קראַנקהייט? איך וואָלט אפשר זעהר צופרידען זיין, ווען איך זאָל געווען שטאַרבען! נו, האָב איך דיר דען היינט נאָך אַלץ וועניג געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז דו מאַטערסט מיך, אַז דו ביסט מיר... דערעסען געוואָרען! ס'איז אין דער אמת'ן אַ בעלנות צו מאַטערן מענשען! מעגסט מיר גלויבען, אַז דאָס אַלעס שאַדט אויף אַנ'אמת מיין געזונט, ווייל עס רייצט מיך אויף אַז אַנ'אויפהער. אָט איז דאָך זאַסימאָוו אוועק, אום ניט צו רייצען מיך! טאָ לאָז מיך שוין דו אויך צו רוה, אום גאָטעס ווילען! און אין דער אמת'ן וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו איינצוהאַלטען מיך מיט געוואַלט? זעהסטו דען ניט, אַז איך רייד פאָלקאָם ביים קלאָרען זינען? לערן מיך אויס, מיט וואָס פאַרט זאָל איך ביי דיר שוין פּועל'ן, אַז זאָלסט צו מיר ניט צושטעהן ווי אַ קלעק און זאָלסט מיר ניט טאָן קיין טובות? זאָל זיין, איך האָב ניט די מידה פון דאַנקבאַרקייט, זאָל זיין, איך בין אַ געמיינע בריאה, אָבער אום גאָטעס ווילען לאָזט מיך אַלע צו רוה! לאָזט מיך צו רוה! לאָזט מיך צו רוה! לאָזט מיך צו רוה!

ער האָט אָנגעהויבען רוהיג, און זיך שוין אַפריהער געפרעהט, וואָס ער וועט אַרויסלאָזען צו איהם די גאַנצע גיפט. ער האָט אָבער געענדיגט מיט וואַהנזיניגער וואוט, ניט קענענדיג אָבכאַפּען דעם אָטעם, ווי פריהער מיט לוזשינען.

ראַזומיכין איז געשטאַנען אַ ווייל'ע, אַ טראַכט געטאָן און אַרויס־געלאָזט זיין האַנט.

— טאַ געה צום טייוועל! האָט ער געזאָגט שטיל און ווי פאַר־טראַכט.

— שטעה! האָט ער פּלוצלונג אַ דונער געטאָן, ווען ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך שוין גענומען ריהרען פון אָרט. — הער מיך אויס. איך זאָג דיר, אַז איהר זענט אַלע, ביז איינעם, — פּלאַפּלער און בעל־גאוה׳ס! טאָמער וועט איהר פּאַקען ערגעץ אַ שטיקעל צער, וועט איהר זיך נעמען דערמיט אַרומטראָגען, ווי אַ הוהן מיט אַן׳איי! אפילו דאַ בע־גנב׳עט איהר אויך פרעמדע געדאַנקען. קיין טראָפּען זעלבסטשטענדיגס לעבען האָט איהר דאָך ניט! פון לאַקריץ און קובעבע זענט איהר גע־מאַכט געוואָרען, און אַנשטאָט בלוט איז ביי אייך עפּעס אַזאַ מין זויי־ערניש! איך געטרוי אייך קיינעם ניט! דער עיקר איז ביי אייך אומעטום און איבעראַל, — אַלץ אַזעלכע מיני אַנשטעלען, אבי נאָר ניט זיין געגליכען צו אַ מענשען! שטעה — עה — עה! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט דאָפּעלטער רציחה, דערזעהענדיג, אַז ראַסקאָלניקאָוו ריהרט זיך ווידער אַוועקצוגעהן, — הער אויס ביז׳ן סוף! דו ווייסט, היינט וועט מען זיך ביי מיר צונויפקלייבען אַ הוליע טאָן לכבוד מיין נייער דירה, מען איז שוין, אפשר, געקומען, נאָר עס שאַדט ניט, איך האָב דאָרט געלאָזען מיין פעטער, — נאָר־וואָס געווען דאָרטען, — מקבל פנים זיין די געסט, איז אויב דו ווילסט ניט זיין קיין נאַר, קיין לייהמענער נאַר, קיין געבונדענער נאַר, קיין איבערזעצונג פון אַ דייטש־שער בראשור... זעהסט דאָך אַליין, ראָדיאַ, איך בין זיך מודה, דו ביסט אַ קלוגער בחור, אָבער ביסט אַ שוטה! — אַלזאָ, הייסט עס, אַז דו וואָלסט ניט זיין קיין נאַר, וואָלסטו צו מיר בעסער היינט אַריינ־געקומען, פאַרברענגען דעם אָבענד, איידער אומזיסט זיך אומשלע־פּען און רייסען די שיך. מילא ביסט אַרויס — איז שוין פאַרפאַלען! איך וואָלט דיר צוגעקייקעלט אַ ווייכען פאָטערשטוהל, דער בעל־הבית׳־טעס... אַ גלעזעל טיי, אַ קאָמפּאַניע... און אַז דו ווילסט, — וועסטו זיך לייגען אויפ׳ן דיוואַן, — פאָרט וועסטו ליגען צווישען אייגענע מענשען. זאָסימאָוו וועט אויך זיין. וועסט אַריין, האַ?

— ניין.

— דו ל—ל—לייגנסט! — האָט ראַזומיכין אונגעדולדיג אויסגע־שריען. — פון וואַנען קענסטו וויסען? דו קענסט ניט ערב זיין פאַר זיך! דו פאַרשטעהסט דאָך גלאַט ניט פון דאַנען אַהין... איך האָב

זיך אויך פונקט אזוי טויזענדער מאל געקרינגט מיט מענשען און פלעג ווידער צוריק קומען צו לויפען... עס וועט ווערען זיך אליין מאוס. פלעגסטו זיך אוועק־קעהרען צום מענשען. זאלסטו זשע געדענקען: פאטשינקאוום הויז, דריטער שטאק...

— אויף אזא אופן וועט איהר דאך זיך באלד לאזען. מען זאל אייך אפילו שלאגען. הערר ראזומיכין. און אלץ צוליעב דעם פערגני־גען צו טאן טובות.

— וועמען? מיך! פאר די מחשבה אליין וועל איך אראבדרעהען האלבע יאהרען! פאטשינקאווס הויז נומ. 47. ביים טשינאווניק באַ־בושקין אין וואוינונג.

— כ'וועל ניט קומען. ראזומיכין!

ראסקאלניקאוו האט זיך אומגעקעהרט און איז אוועק.

— איך קען זיך דיר וועטען. אז דו וועסט קומען! — האט איהם ראזומיכין נאכגעשריען. — אניט... אניט וויל איך דיך ניט קע־נען! ווארט נאר, דו. זאמעטאוו איז דא?

— דא.

— געזעהן איהם?

— געזעהן.

— און גערעדט?

— גערעדט.

— וועגען וואס? נאר כאפט דיך דער רוח, קענסט ניט זאגען! פאטשינקאוו. 47. באבושקין. ניט פארגעס!

ראסקאלניקאוו איז צוגעקומען ביז צו דער גארטען־גאס און זיך פארקערעוועט אין דאג אריין. ראזומיכין האט איהם פארטראכטער־הייט נאכגעקוקט. ענדליך האט ער א מאך געטאן מיט דער האנט, איז אריין אין הויז. ער איז אבער שטעהן געבליבען אין מיטען אויף די טרעפ.

— „צום טייוועל!“ האט ער גערעדט שיער ניט אויפ'ן קול, — „רעדט צו דער זאך. און ווייזט אוים עפעס אזוי ווי... אבער איך בין דאך אויך א שוטה! וואס איז, פעררוקטע ריידען דען ניט צו דער זאך? און זאסימאוו האט דערפאר טאקע מורא, אזוי האט זיך מיר אויסגע־וויזען!“ ער האט א קנאק געטאן מיט'ן פינגער איבערן שטערן. — „נו, און ווי איז אז... נו, ווי קען מען איהם איצט לאזען איינעם אליין?

ער קען זיך נאָך דערטרינקען... עך, זיך באַנאַרעשט ! מען טאָר ניט דערלאָזען !" און האָט זיך געלאָזט לויפען צוריק, יאָגען ראַסקאָלני־קאָוו'ן, אָבער יענער איז שוין לאַנג נעלם געוואָרען. ער האָט אַ שפּיי געטאָן און מיט געשווינדע טריט זיך געלאָזט געהן צום „קריסטאַל־פּאַלאַץ". כדי וואָס גיכער צו געוואָהר ווערען עפּעס ביי זאַמעטאָוו'ן.

ראַסקאָלניקאָוו איז גלייך אַרויסגעקומען צום נ־ער בריק, זיך גע־שטעלט אין מיטען, ביי די פּאַרענצען, אָנגעלעהנט אַן זיי מיט ביידע עלענבויגענס און גענומען קוקען אין דער ווייט. זיך צושיידט מיט ראַזומיכינען, איז ער אויף אַזוי פיעל אָבגעשוואַכט געוואָרען, אַז ער האָט זיך קוים דערשלעפּט אַהער. איהם האָט זיך פאַרוואָלט זעצען זיך ערגעץ אָדער לעגען זיך, אויף דער גאַס. זיך אַריבערגעבויגט איבערן וואַסער, האָט ער מאַשינאַל געקוקט אויף דעם לעצטען ראָזען אָבגלאַנץ פון דעם זונאונטערגאַנג, אויף די שורות הייזער, וואָס האָבען זיך געדונקעלט אין דער דעמערונג, וועלכע איז געוואָרען אַלץ שוואַר־צער: געקוקט אויף אַ ווייט פענסטערל, ערגעץ אין אַ מאַנסאַרדע, אויף דעם לינקען ברעג טייך: דאָס פענסטערל האָט געגלאַנצט אַזוי ווי אין פייער פון דעם לעצטען זונענשטראַהל, וואָס איז אויף איהם געפאַלען אויף איין אויגענבליק. — האָט געקוקט אויף דאָס דונקלענדע וואַסער פון דעם קאַנאַל, און עס האָט זיך געדאַכט, גלייך ווי ער האָט זיך שטאַרק צוגעקוקט צו דעם דאָזיגען וואַסער. ענדליך האָבען זיך פאַר זיינע אויגען גענומען דרעהען עפּעס רויטע רעדער, די הייזער האָבען גענומען טאַנצען, די פאַרבייגעהער, די געמויערטע ברעגען, די עקיפּאַ־זשען. — אַלץ האָט זיך עס גענומען דרעהען און טאַנצען אַרום און אַרום. פּלוצלונג האָט ער אַ ציטער געטאָן. און אַ ווילדער, העסליכער פאַרפאַל האָט איהם אפשר ווידער געראַטעוועט פון חלשות. ער האָט דערפיהלט, אַז עמיצער איז געבליבען שטעהן נעבען איהם, ביי זיין רעכטער האַנט: ער האָט אַ קוק געטאָן — און דערזעהן אַ הויכע פרוי, מיט אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ, מיט אַ געל, לענגלעך, פערשכורט פּנים און מיט רויטליכע, איינגעגראָבענע אויגען. זי האָט אויף איהם געקוקט גלייך, נאָר האָט אפּנים גאָרנישט געזעהן און קיינעם ניט באַמערקט. פּלוצלונג האָט זי זיך אָנגעלעהנט מיט דער רעכטער האַנט אַן די פּאַרענצען, אויפגעהויבען דעם רעכטען פוס און פאַרוואָרפען איהם איבער דעם שטאַכעטען־צוים, דערנאָך דעם לינקען פוס, און זיך

אריינגעווארפען אין קאנאל אריין. דאס שמוציגע וואסער האט זיך פונאנדערגעטיילט, אויף איין אויגענבליק איינגעשלונגען דעם קרבן. נאר אין א ווײַלע ארום איז זי די דערטרונקענע ווידער ארויפגעשוואר־מען אויפ׳ן וואסער, און עס האט זי גענומען טראגען אראבצו מיט׳ן שטראם, דער קאפ און די פיס אין וואסער, דער רוקען אויבען, און דאס קלייד איבערן וואסער צונויפגעקנייטשט און אויפגעבלאזען, ווי א קישען.

— זיך דערטרונקען! זיך דערטרונקען! — האבען געשריען צעהנדליגער שטימען: מענשען זענען זיך צונויפגעלאפען פון אלע זיי־טען, ביידע געמויערטע ברעגען פון קאנאל זענען געדיכט באדעקט געווארען מיט רעדלעך צושויער, אויפ׳ן בריק, ארום ראסקאלניקאוו׳ן, האט עס געשוויבעלט און געגריבעלט פון מענשען, וועלכע האבען איהם געשטופט און געשטויסען פון הינטען.

— וועה צו מיר, דאס איז דאך אונזער אפראסיניושקא! האט זיך געלאזט הערען ערגעץ ניט־ווייט א יאמערליך פרויען־געשריי. — טייערינקע, ראטעוועט! האט רחמנות, נעהמט זי ארויס!

— א שיפעל! א שיפעל! — האט מען געשריען פון אלע זייטען.

נאר מען האט שוין ניט געדארפט קיין שיפעל: א פאליציאנט איז אראבגעלאפען פון די שטיגען צום קאנאל, אראבגעווארפען פון זיך דעם שינעל, די שטיוועל, און זיך א ווארף געטאן אין וואסער אריין. ס׳איז ניט געווען קיין סך ארבייט: די דערטרונקענע האט געשוואר־מען אין א צוויי טריט ווייט פון די שטיגען, ער האט זי אנגעכאפט פאר די קליידער מיט דער רעכטער האנט, און מיט דער לינקער האנט באוויזען אנצוכאפען א לאנגען שטאנג, וואס א חבר האט איהם דער־לאנגט, און אין דעמזעלביגען אויגענבליק איז די דערטרונקענע געווען אויף דער יבשה. מען האט זי אוועקגעלעגט אויף די שטיינערנע פלאטען פון דעם אראבגאנג. זי איז באלד געקומען צו זיך, זיך עטוואס אויפגעהויבען, זיך געזעצט און גענומען גיסען און שפייען מיט׳ן מויל און מיט דער נאז, און האט אהן זינען געווישט דאס נאסע קלייד מיט די הענט. זי האט אווארט ניט גערעדט.

— אזוי זיך אנצושכור׳ן, אזוי זיך אנצושכור׳ן, — האט געקלאגט אלץ דיזעלבע פרויענשטים, שוין נעבען אפראסיניושקען. — אנומעלט האט זי זיך געוואלט אויפהענגען, האט מען זי פון שטריק אראבגע־

בומען. בין איך איצט גראָד אוועק אין קלייטעל אריין און געלאָזט איהר, זי זאָל אכטונג געבען אויף דאָס מיידעל. — ערשט נאָ דיר גאָר אזאַ אומגליק! א שכנה, אונזערע א שכנה. מיר וואוינען א טיר אנטקעגען א טיר, דאָס צווייטע הויז פון ראָג, אָט א דאָ...

דער עולם האָט גענומען צוגעהן זיך. די פּאָליציאַנטען האָבען זיך נאָך געעסק'ט מיט דער דערטרונקענער. עמיצער האָט דערמאָהנט, אַז מען וואָלט זי געדאַרפט אָבפּיהרען אין צירקעל אריין... ראַסקאָלניקאָוו האָט אויף אַלץ געקוקט מיט א מאָדנעם געפיהל פון גלייכגילטיגקייט און אַפּאַטיע. איהם האָט גענומען עקלען. — „ניין, דאָס איז מיאוס... דאָס וואַסער... ניט כדאי", האָט ער געשטאָמעלט פאַר זיך. — „ס'וועט גאָרניט ניט זיין", האָט ער צוגעגעבען, — „ניטאָ אויף וואָס צו וואַרטען.. וואָס זאָגען זיי דאָס, אין צירקעל... פאַרוואָס עפּעס איז זאַמעטאָוו ניט אין צירקעל? דער צירקעל איז צעהן א זייגער אָפּען"... ער האָט זיך אָבגעקעהרט מיט'ן רוקען צו די פּאַרענצען און זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך.

„נו, איז וואָס איז דאָ אַזוי! פאַרוואָס טאַקע ניט!" האָט ער ענטשלאָסען אַרויסגערעדט, איז אַראָב פון בריק און זיך געלאָזט געהן אין דער זייט, וואו ס'איז געווען דער צירקעל. דאָס האַרץ איז איהם געווען פּוסט און שטום. טראַכטען האָט ער ניט געוואָלט. דער אומעט איז אפילו אויך פאַרשוואונדען, א זכר ניט פון דער פריהערדיגער ענערגיע, בשעת ער איז אַרויס פון דער היים, „כדי צו מאַכען א סוף!" א פאָלקאָמענע אַפּאַטיע האָט פאַרנומען איהר אָרט.

„מילא, דאָס איז אויך אַנ'אויסוועג!" האָט ער געטראַכט, לאַנגזאַם און פויל שלעפּענדיג זיך לענגס דעם געמויערטען ברעג פון קאַנאַל. — „פאָרט וועט עס זיין א סוף, ווייל איך וויל... איז עס אָבער אַנ'אויסוועג? נאָר א דאגה מיר! פיער איילען ערד וועל איך האָבען. — חע! אַז אַד און וועה אָבער צו דעם סוף! צי דען שוין א סוף? וועל איך זיי אויסזאָגען אָדער איך וועל ניט אויסזאָגען? ע... צום טייוועל! איך בין אייגענטליך שטאַרק פאַרמאַטערט. זיך צולעגען ערגעץ אָדער צוזעצען זיך וואָס גיכער! מעהר פאַר אַלץ פאַרדריסט, וואָס עס איז שוין צו נאַריש. נאָר איך שפּיי דערויף אויך. פוי, ס'אַר א נאַרישקייטען ס'קריכען מיר אין קאָפּ"...

צו דער קאנצעלאריע האט מען געדארפט געהן גלייך און ביים צווייטען ראג פארקערעווען זיך אויף לינקס: זי איז געווען פון דאנען צוויי טריט ווייט. נאר צוגעקומען צום ערשטען ראג, איז ראס־קאלניקאוו שטעהן געבליבען, האט א טראכט געטאן, פארקערעוועט זיך אין געסעל אריין און גענומען געהן הינטער ארום, איבער צוויי גאסען, — עס קען זיין, אז ער איז געגאנגען אהן דעם מינדסטען מיין, און עס קען זיין, אז ער האט געוואלט אויפציהען נאך א מינוט און געווינען צייט. ער איז געגאנגען מיט אראבגעלאזענע אויגען. פלוצלונג האט איהם עפעס אזוי ווי עמיצער איינגערוימט עטוואס אין אויער אריין. ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ און דערזעהן, אז ער שטעהט נעבען י ע נ ע ם הויז, סאמע ביים טויער. פון י ע נ ע ם אבענד אן איז ער דא נים געווען, אפילו פארביי נים געגאנגען.

א דרינגליכער אונבאגרייפליכער פארלאנג האט איהם א ציה געטאן. ער איז אריין אין הויף, דורכגעגאנגען דעם גאנצען בראם, דערנאך אין דעם ערשטען אריינגאנג רעכטס און גענומען שטייגען אויף די באקאנטע טרעפ, אויף דעם פערטען שטאק ארויף. אויף די שמאלע נעדרעהטע טרעפלעך איז געווען זעהר פינסטער. ער האט זיך אב־געשטעלט אויף אטליכען שטאק און זיך נייגעריג ארומקוקען. אין דעם ערשטען שטאק איז געווען אינגאנצען ארויסגענומען דער ראהם פון פענסטער. „דאס איז דאמאלס נים געווען", איז איהם איינגעפאלען. אט איז די דירה אין דעם צווייטען שטאק, וואו ס'האבען געאר־בייט ניקלאשקא און מיטקא: „פארשלאסען: און די טיר איז איבער־געמאלט אויף דאס ניי; פארדינגט זיך אפנים". אט איז דער דריטער שטאק אויך... און דער פערטער... „דא!" איהם איז געווארען קשה: די טיר אין דער דאזיגער דירה אריין איז געווען ברייט פונאנדערגעעפענט, דארטען זענען געווען מענשען, עס האבען זיך געהערט שטי־מען: דארויף האט ער זיך גאר נים געריכט. געקווייקעלט זיך אבי־סעל, איז ער ארויף אויף די לעצטע טרעפלעך און איז אריין אין דירה.

מען האט זי אויך רעמאנטירט פון דאס ניי: עס האבען געאר־בייט בעלי־מלאכה'ס: דאס האט איהם אזוי ווי איבערראשט. עפעס האט זיך איהם פארגעשטעלט, אז ער וועט דא אלץ טרעפען פונקט אזוי, ווי ער האט דאמאלס איבערגעלאזט, אפילו די טויטע קערפערס אפשר, אויף דיזעלבינע ערטער, אויף דער פאדלאגע. ערשט: הוילע ווענט,

קיין שום מעבעל: עפּעס מאַרנע! ער איז צו צום פענסטער און זיך געזעצט דאָרויף.

אינגאַנצען איז דאָ געווען צוויי אַרבייטער, ביידע יונגע שקצים, איינער שוין אַ „סטאָלער“, דער אַנדערער פּיעל אינגעל. זיי האָבן גע־קלעפּט די ווענט מיט נייע טאַפּעטען, ווייסע, אין העלבלויע קווייטען, אַנשטאָט די אַלטע געלע, אָפּגעריבענע און צושמאַדערטע. ראַסקאָל־ניקאָוו'ן איז דאָס עפּעס שרעקליך ניט געפעלען געוואָרען. ער האָט מיט שנאה געקוקט אויף די דאָזיגע נייע טאַפּעטען, גלייך ווי איהם וואָלט באַנג טאָן, וואָס מען האָט אַלץ אַזוי פאַרענדערט.

די אַרבייטער האָבן זיך אָפּנים פאַרשפּעטיגט און האָבן איצט אויף דער גיך צונויפגעוויקעלט דאָס פּאַפּיר און זיך געקליבען אַהיים. אויף ראַסקאָלניקאָווס קומען האָבן זיי זיך כמעט ווי ניט אומגעקוקט. זיי האָבן וועגען עפּעס געשמועסט. ראַסקאָלניקאָוו האָט צונויפגעשלאָ־גען די הענט אויפ'ן האַרצען און זיך גענומען צוהערען.

— קומט צו מיר צו געהן, אַט די דאָזיגע, אין דער פריה, — האָט דער עלטערער דערצעהלט דעם אינגערען. — נאָך באַגינען, אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג. „וואָס מאַכסטו זיך פאַר מיר, זאָג איך, זיס און זויער, וואָס מאַכסטו מיר, זאָג איך, דיינע חנ'דלעך?“ — „איך וויל, זאָגט זי, טיט וואַסילאַיטש, פון היינטיגען טאָג אָן צו זיין אין אייער גאַנצען רשות“. אַט אַזוי, גוטער ברודער! היינט איז זי דאָס אויסגעפּוצט אַביסעל: אַ זשורנאַל, ממש אַ זשורנאַל!

— וואָס איז דאָס, פּעטערקע, אַ זשורנאַל? — האָט דער אינ־גערער נעפרעגט.

ער האָט אָפּנים געהאַלטען פון „פּעטערקע“ און זיך געלערנט ביי איהם.

— אַ זשורנאַל, ברודער־לעבען, איז דאָס אַזעלכע מענשלעך גע־מאָלטע, און זיי קומען אָן אַהערצו צו די היגע שניידער אַלע שבת פון אויסלאַנד, מיט דער פּאָטשט, כדי, הייסט עס, ווי אַזוי יעדער איינ־ציגער זאָל זיך אויסקליידען, ווערליג פאַר מאַנסביל און ווערליג פאַר פרויען. אַזעלכע בילדער, הייסט עס. די מאַנסבילען זענען דאָרט אויך ניט מיאוס אָבגעמאָלט, אָבער די ווייבער, ברודער־לעבען, איז קיין קאַטאָוועס! מען קען גאָר ניט פאַרשטעלען זייערע מלבושים!

— וואָס קריגט מען דאָ ניט אין דעם דאָזיגען פּעטערבורג!

— האט מיט באגייסטערונג אויסגעשריען דער אינגערער — א חוץ טאטע־מאמע איז דא אלץ פארהאן!

— א חוץ דאס, ברודער־לעבען, קריגט מען דא אלץ. — האט דער עלטערער אויטאריטעטיש באשטעטיגט.

ראסקאלניקאוו איז אויפגעשטאנען און איז אוועק אין דאס צווייטע צימער, וואו ס'איז פריהער געשטאנען דאס רענצעל, די בעטען און דער קאמאד: דאס צימער איז איהם אויסגעקומען שרעקליך קליין אהן דעם מעבעל. די טאפעטען זענען נאך אלץ געווען דיזעלביגע: אין ווינקעל אויף די טאפעטען איז געווען זעהר קענטיג דער ארט, וואו ס'איז געשטאנען דער גלאז־שראנק מיט די הייליגע בילדער. ער האט א קוק געגעבען און זיך צוריקגעקעהרט אויף זיין פענסטער. דער עלטערער ארבייטער האט איהם באטראכט מיט קרומע בליקען.

— וואס דארפט איהר דא האבען? — האט ער פלוצלונג א פרעג געגעבען, זיך ווענדענדיג צו איהם.

אנשטאט אנ'ענטפער איז ראסקאלניקאוו אויפגעשטאנען, ארויס אין פארהויז, זיך א נעהם געטאן פאר'ן גלעקעל און עס א ציה געטאן. דאס אייגענע גלעקעל, דער אייגענער בלעכענער קלאנג! ער האט א ציה געטאן א צווייטען און א דריטען מאל: ער האט זיך איינגעהערט און זיך אנגעשטרענגט צו דערמאנען. דאס פריהערדיגע פיינליך־שרעקליכע, העסליכע געפיהל האט זיך איהם גענומען יאטהען אלץ דייטליכער און קלארער, ער האט געשווינדערט ביי יעדען קלונג, און עס איז איהם געווארען אלץ אנגענעהמער און אנגענעהמער.

— אבער וואס דארפסטו דא? ווער ביסטו אזוינער? — האט דער ארבייטער א געשריי געטאן, ארויסגעהענדיג צו איהם ראסקאלניקאוו איז ווידער אריין אין טיר.

— איך וויל דינגען א דירה, — האט ער געזאגט, — קוק איך אן.

— בייבאכט דינגט מען ניט קיין דירות; און אויסערדעם דארפט איהר קומען מיט'ן סטרוזש.

— די פאדלאגע האט מען יא אויסגעוואשען; איהר וועט מאלען? — האט ראסקאלניקאוו פארטגעזעצט. — קיין בלוט איז ניטא?

— וואס פאר א בלוט?

— אט וואס מען האט גע'הרג'עט די אַלטע מיט איהר שוועס־טער. דאָ איז געוועזען א גאנצער טייך.

— אבער ווער ביסטו דאס אזוינער? — האט דער ארבייטער אומרוהיג אויסגעשריען.

— איך?

— יאָ?

— וואס איז, דיר ווילט זיך וויסען?... קום אין קאַנצעלאַריע. דאָרט וועל איך אויסזאָגען.

די ארבייטער האבען איהם אנגעקוקט ניט־פארשטעהענדיג.

— מיר דארפען שוין אוועקגעהן. פארשפעטיגט זיך. קום, אַליאָשקאַ. מען דאַרף פארשליסען. — האט דער עלטערער ארבייטער געזאגט.

— נו, לאמיר געהן! — האט ראסקאלניקאָוו גלייכגילטיג געענט־פערט און איז ארוים דער ערשטער, און האט לאנגזאם גענומען אראָב־געהן פון די טרעפ.

— היי, סטרוזש! — האט ער א געשריי געטאן, ארויסגעהענדיג אין טויער.

עטליכע מענשען זענען געשטאנען ביים אריינגאנג פון גאס אין הויף אריין, און האבען מיט פארגאפטע אויגען געקוקט אויף די פאר־בייגעהער:ביידע סטרוזשען, א גויע, א פאניע אין א כאלאט און נאך א פאר מענשען. ראסקאלניקאָוו איז צוגעגאנגען גלייך צו זיי.

— וואס דארפט איהר? — האט זיך אנגערופען איינער פון די סטרוזשען.

— געוועזן אין קאַנצעלאַריע?

— נאר־וואס געוועזן וואס דארפט איהר?

— פאראן דארט ווער?

— פאראן

— דער געהילף־אויפזעהער איז אויך דארט?

— געוועזן א ווייַלע. וואס דארפט איהר?

ראסקאלניקאָוו האט ניט געענטפערט און פארטראכטערהייט זיך געשטעלט נעבען איהם.

— געקומען אנקוקען א דירה, — האט געזאגט דער עלטערער ארבייטער. וואס איז דערוויַל אויך אונטערגעקומען.

— וואס פאר א דירה?

— אט וואו מיר ארבייטען. „פארוואס, זאגט ער, האט מען עפעס דאס בלוט אבגעוואשען? דא איז געווען, זאגט ער, א רציחה, און איך בין געקומען דינגען א דריה". און האט גענומען קלינגען אין גלעקעל, שיער ניט אבגעריסען. „קום, זאגט ער, אין קאנצעלאריעף דארט וועל איך אלץ דערוייזען." זיך צוגעטשעפעט!

דער סטרוזש האט באטראכט ראסקאלניקאוו'ן מיט ניט־פארשטעהענדיגע קרומע בליקען.

— אבער ווער זענט איהר אזוינער? — האט ער א געשריי געטאן אזוי גרויזאם, ווי ער האט נאר געקענט.

— איך בין ראדיאן ראמאניטש ראסקאלניקאוו, א געוועזענער סטודענט, און וואוינען וואוין איך ביי שיל'ן אין הויז, אט דא אין געסעל, ניט ווייט פון דאנען, אין דער וואוינונג נומ. 19. ס'ט'פרעגען דעם סטרוזש... ער קען מיך.

ראסקאלניקאוו האט דאס אלץ ארויסגערעדט עפעס אזוי ווי פויל און פארטראכטערהייט, זיך ניט אבגעקעהרט, קוקענדיג שטאר אין די דונקעלע גאס אריין.

— אבער נאך וואס זענט איהר געווען אין דער דירה?

— א קוק טאן.

— וואס איז דארט פאראן צו קוקען?

— פאלגט מיך, מען דארף איהם א נעהם טאן אין צירקעל אריין! — האט זיך פלוצלונג ארייגגעמישט דער פאניע, און איז אנטשווינגען געווארען.

ראסקאלניקאוו האט אויף איהם אויסגעקרימט די אויגען צום אקסעל, האט איהם אויפמערקזאם באטראכט און געזאגט אויך אזוי שטיל און פויל:

— לאמיר געהן!

— און טאקע אוועקפיהרען! — האט אונטערגעכאפט דער פאניע מיט נייעם מוט, — וואס האט ער זיך עפעס פונאנדערגעפרעגט וועגען דעם אומגליק, ער מוז עפעס האבען א מיין דערביי, הא?

— שכור, ניט שכור, דער גוטער יאהר ווייסט זיי, — האט דער ארביימער ארויסגעשטאמעלט.

— אבער וואס דארפט איהר פארט? — האט ווידער דער

סטרוזש א געשריי געטאן, שוין רעכט אריינגעקומען אין כעס — וואס האסטו זיך צוגעטשעפעט?

— אפנים זיך דערשראקען פאר'ן צירקעל, איא? — האט ראס־קאלניקאוו איהם שפאטיש א זאג געטאן.

— וואס פאר א דערשראקען זיך? וואס האסטו זיך אבער צו־געטשעפעט?

— א פגר־רע אביסעל! האט די גויע אויסגעשריען.

— וואס איז דא מיט איהם א סך צו טענה'ן, — האט א געשריי געטאן דער צווייטער סטרוזש, א מורא'דיג־גרויסער גוי, די מארינאר־קע ברייט פונאנדערגעשפילעט, מיט שליסלען פארשטעקט אין גאר־טעל. — טראג זיך אב!... טאקע א פגע־רע... טראג זיך אב!

און א נעהם געטאן ראסקאלניקאוו'ן פאר'ן קארק, האט ער איהם געגעבען א שליידער אויף די גאס ארויס. יענער האט זיך שיער איבערגעקוליעט, איז אבער ניט געפאלען, זיך אויסגעגלייכט, שוויי־גענדיג באטראכט אלע צושויער, און אוועק ווייטער.

— א ציקאווער מענש, — האט דער ארבייטער ארויסגערעדט.

— ציקאווע מענשען היינטיגע צייטען, — האט די גויע געזאגט.

— מען האט איהם פארט געדארפט אוועקפיהרען אין צירקעל, האט דער פאניע צוגעגעבען.

— מען דארף זיך ניט אנהויבען, — האט באשלאסען דער גרויסער סטרוזש. — אזא קלעק! ער קריכט טאקע אליין, אבער פרוב זיך מיט איהם נאר אנהויבען, וועסטו שוין גלאט ניט אבשניידען... מען קען זיי!

„אלזא געהן, אדער ניט?“ האט ראסקאלניקאוו געטראכט, שטעהן בלייבענדיג אין מיטען ברוק דארט, וואו די גאסען זענען זיך צוגאנגען אין אלע זייטען, און ארומקוקענדיג זיך ארום, גלייך ווי ער וואלט געווארט צו באקומען פון עמיצען א לעצטעם ווארט. נאר עס האט זיך קיין זאך פון ערגעץ ניט אבגערופען: אלץ איז געווען שטום און טויט, ווי די שטיינער, איבער וועלכע ער האט געטראטען, טויט בלויז פאר איהם, בלויז פאר איהם אליין... פלוצלונג האט ער דערהערט פון דער ווייטען, אין א צוויי הונדערט טריט פון איהם, אין עק גאס, אין דער געדיכטער פינסטערניש, קולות און געשרייען פון א המון מענשען... צווישען דעם המון האט זיך געזעהן עפעס

אנ׳עקיפּאַזש.... א פּייערל האָט א פינקעל געטאָן אין מיטען גאַס. „וואָס קען דאָס זיין?" ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך פאַרנומען רעכטס און זיך געלאָזט געהן אויפ׳ן טומעל. ער האָט זיך אַז אלץ אַנגעכאַפּט. ער האָט א קאַלטען שמייכעל געטאָן צו דעם דאָזיגען געדאַנק, ווייל ער האָט שוין אויף באַשטימט באַשלאָסען וועגען דער קאַנצעלאַריע און געוואוסט אויף זיכער, אַז באַלד וועט אלץ נעמען א סוף.

זיבעטער קאַפּיטעל

אויפ׳ן מיטען גאַס איז געשטאַנען א רייכער פריצישער עקיפּאַזש געשפּאַנט מיט א פּאָר הייסבלוטיגע גרויע פערד: קיינער איז אין איהם ניט געזעסען. און אפילו דער קוטשער אליין איז אַראָבגעקראָכען פון דער קעלניע און געשטאַנען דערנעבען: די פערד האָט מען צוגע־האַלטען פאַר׳ן צוים... אַרום און אַרום איז געווען שוואַרץ פון מענ־שען, און פּאָליציאַנטען זענען געשטאַנען פאַראויס. איינער פון זיי האָט געהאַלטען אין די הענט אנ׳אָנגעצונדען לאַמטערנדעל און איינגע־בויגענערהייט צוגעלייכט מיט איהם עפּעס אויפ׳ן ברוק, סאַמע ביי די רעדער. אלע האָבען גערעדט, געשריען, געאָויקעט: דער קוטשער האָט געשיינט צו זיין אין גרויס פאַרלעגענהייט און האָט פון צייט צו צייט איבערגעחזרט:

— אַזאַנ׳אומגליק! רבונו של עולם, אַזא מין אומגליק!

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך ווי ווייט מעגליך דורכגעשטופּט פאַר־אויס און האָט ענדליך דערזעהן די סיבה פון דעם גאַנצען טומעל און נייגיריגקייט. אויף דער ערד איז געלעגען אין חלשות א מענש, וועל־כען די פערד האָבען נאָר וואָס צוטראָטען: ער איז קענטיג געווען זעהר שלעכט געקליידט, אָבער „בעל־הבתיש": אינגאַנצען איז ער געווען אין בלוט, פון פּנים, פון קאָפּ האָט עס גערונען: דאָס גאַנצע פּנים איז געווען צומזיק׳ט, צוריסען, צודרעהט, ס׳איז געווען קענטיג, אַז מען האָט איהם ניט אויף געלעכטער צוטראָטען.

— רבונו של עולם! — האָט דער קוטשער געקלאָגט, — ווי זאָל מען זיך דאָ איינהיטען! ווען איך וואָלט געטריבען, אָדער ווען איך

וואלט איהם ניט מתרה געווען: איך בין דאך געפאהרען פאמעלעך, געלאסען. אלע האבען געזעהן. גאט און לייט זענען עדות. א שכור'ער וועט ניט שטארבען מיט זיין אייגענעם טויט — דאס איז א כלל!... איך זעה, ער געהט איבער דער גאס, וואקעלט זיך, שיער וואס ער פאלט ניט פון די פיס. — האב איך איינמאל א געשריי געטאן, און נאכאמאל, און א דריטען מאל, און האב צוגעהאלטען די פערד; און ער נעהמט און גיט א פאל גלייך זיי אונטער די פיס!... צו ער האט עס געטאן מיט א מיין, אדער ער איז אפשר געווען זעהר שכור... די פערד זענען יונגע, שרעקענדיגע, — האבען זיי זיך א ריס געטאן, האט ער אויפגעהויבען א געשריי — האבען זיי זיך נאך מעהר דער־שראקען... אט איז אנ'אומגליק.

— די מעשה איז פונקט אזוי געווען! — האט זיך געלאזט הער־רען עמיצענס עדות־זאגען צווישען דעם המון.

— אז ער האט געשריען — דאס איז אנ'אמת, דריימאל האט ער צו איהם געשריען, — האט זיך אנגערופען א צווייטער קול.

— אקוראט דריימאל, אלע האבען געהערט! — האט אויסגע־שריען א דריטער.

איבעריגענס איז דער קוטשער געווען ניט זעהר פארצארנט און דערשראקען. עס איז געווען קענטיג, אז דער אייגענטימער פונ'ם עקי־פאזש איז געווען א רייכער אנגעזעהענער מאן און האט דעם עקיפאזש ערגעץ ערווארט; די פאליציאנטען זענען, פארשטעהט זיך, פון הויט געקראכען צו באזארגען איהם דאס. דעם צוטראטענעם האט מען גע־דארפט צונעמען אין צירקעל אדער אין שפיטאל. קיינער האט ניט גע־וואוסט זיין נאמען.

דערווייל האט ראסקאלניקאוו זיך דורכגעשטופט און צוגעבויגען זיך נאך נעהענטער. פלוצלונג האט דאס לאמטערנדעל העל באלויכ־טען דאס געזיכט פון דעם אומגליקליכען: ער האט איהם דערקענט.

— איך קען איהם, איך קען! — האט ער אויסגעשריען, און זיך דורכגעשטופט אין דער ערשטער שורה. — דאס איז א געוועזענער בעאמטער, מארמעלאדאוו! ער וואוינט דא, דערנעבען, ביי קאזעל'ן אין הויז... געשווינד א דאקטאר! איך וועל באצאהלען, נאט!

ער האט ארויסגענומען פון קעשענע געלט און געוויזען דעם פאָ־ליציאנט. ער איז געווען אין א מאדנער אויפרעגונג.

די פּאָליציאַנטען זענען געווען צופרידען, וואָס זיי זענען דער־גאַנגען, ווער דער צוטראַטענער איז ראַסקאָלניקאָוו האָט געזאָגט זיין נאָמען, געגעבען זיין אַדרעס און מיט אַלע כּחות, גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען אַן'אייגענעם ברודער, האָט ער זיי צוגערעדט, מען זאָל וואָס גיכער איבערטראָגען דעם געחלשטען מאַרמעלאַדאָוו'ן צו איהם אהיים.

— אַט דאָ, איבער דריי הויפען, — האָט ער געהאָוועט. — קאָזעל'ס הויז, אַ רייכער דייטש... ער האָט זיך דאָס איצט אַפּנים געשלעפּט אהיים אַ שכורער. איך קען איהם... ער איז אַ שכור... ער האָט דאָ אַ פאַמיליע, אַ פרוי מיט קינדער, אַ טאָכטער איינע האָט ער. ביז וואַנען מען וועט איהם נאָך אָוועקשלעפּען אין שפּיטאָל אַריין! און דאָ וועלען מיר מן הסתם גלייך אויפ'ן אָרט האָבען אַ דאָקטאָר! איך וועל באַצאָהלען, איך וועל באַצאָהלען!... פאָרט וועט ער זיין צווישען אייגענע מענשען: זיי וועלען איהם גלייך העלפען, אַזוי קען ער נאָך גאָר שטאַרבען ביז צום שפּיטאָל...

ער האָט אַפילו באַוויזען אונבאַמערקט אַריינצושטעקען עפּעס אין האַנט אַריין: איבעריגענס איז די זאַך געווען קלאָר און דייט־ליך, און אַלענפאַלס איז דאָך די הילף דאָ געווען נעהענטער. דעם צוטראַטענעם האָט מען אויפגעהויבען און אָוועקגעטראָגען: עס האָבען זיך געפונען העלפער. קאָזעל'ס הויז איז געווען ביי אַ דרייסיג טריט ווייט. ראַסקאָלניקאָוו איז געגאַנגען פון הינטען, האָט צוגעהאַלטען דעם קאָפּ און געוויזען דעם וועג.

— אהער, אהער! אויף די טרעפּ דאַרף מען איהם אַרויפטראָגען מיט'ן קאָפּ אין דער הויך: קעהרט איהם איבער... אַט אַזוי. איך וועל באַצאָהלען, איך וועל באַדאַנקען, — האָט ער געשטאַמעלט.

קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, ווי איהר שטייגער איז געווען, בשעת עס פלעגט זיך נאָר מאַכען אַ פרייע רגע, פלעגט זי גלייך נעהמען געהן אויף און אָב איבער איהר קליין צימערל, פונ'ם פענסטער ביז צום אויוועלע און צוריק פעסט צונויפגעשלאָגען די הענט אויפ'ן האַרצען, ריידענדיג מיט זיך אַליין און הוסטענדיג. פאַר דער לעצטער צייט האָט זי אַלץ שטאַרקער און אָפטער געשמועסט מיט איהר עלטער מיי־דעלע, דער צעהן יעהריגער פּאָלינקען, וועלכע האָט נאָך אַפילו אַ סך

זאכען ניט פארשטאנען, דערפאר אבער האט זי זעהר גוט פארשטאנען, אז די מאמע דארף זי האבען, און דעריבער פלעגט זי שטענדיג ניט אראבנעמען פון איהר איהרע גרויסע קלוגע אויגעלעך און האט געזעהן מיט אלע כחות צו מאכען זיך, אז זי פארשטעהט אלצדינג. דאסמאל האט פאלינקע אויסגעטאן דעם קליינינקען ברודער, וועלכער האט זיך א גאנצען טאג געבראכען, — צו לעגען איהם שלאפען, ווארטענדיג ביז וואנען מען וועט איהם איבערבייטען דאס העמדעלע, וועלכעם מען האט געדארפט דיזעלבע נאכט טאקע אויסוואשען. איז דאס אינגעלע געזעסען אויפ'ן שטוהל שווייגענדיג, מיט א שטרענגער מינע, גלייך און אונבעוועגליך, מיט פאראוים אויסגעשטרעקטע פיסלעך און פור־נאנדערגעשפרייטע פינגער. ער האט זיך צוגעהערט, וועגען וואס האט די מאמע גערעדט מיט דיזר שוועסטער, מיט אנגעבלאזענע ליפעלעך, אנגעשטעלטע אויגעלעך, זיך ניט א ריהר צו געבען, פונקט ווי עס דארפען זיצען אלע קליינע אינגעלעך, ווען מען טוט זיי אוים צו לעגען שלאפען. א מיידעלע, נאך קלענער פון איהם, אנגעטאן איז אמת'ע שמאטעס, איז געשטאנען ביי די פארהענגלעך און געווארט, מען זאל איהר אויך אויסטאן און לעגען זי שלאפען. די טיר צו די טרעפ צו איז געווען אפען, כדי כאטש אביסעל צו פארטרייבען די זייער־לען טאבאק־רויך, וואס האבען זיך אריינגעריסען פון די אנדערע צימערן און אלע ווייל געמאכט הוסטען מיט א לאנגען שווערען הוסט די ארימע שווינדזיכטיגע פרוי. קאטערינא איוואנאוונא איז עפעס אזוי ווי נאך מעהר אבגעצעהרט געווארען פאר דער לעצטער וואך, און די רויטע פלעקען אויף איהרע באקען האבען געברענט נאך מעהר ווי פריהער.

— דו וועסט ניט גלויבען, פאלינקע, דו קענסט זיך גאר ניט פארשטעלען, — האט זי גערעדט, געהענדיג איבערן צימער, — ווי רייך און פרעהליך מיר האבען געלעבט ביים טאטישי איז שטוב, און ווי אט דער שכור האט מיך אומגליקליך געמאכט און וועט אייך אלע־מען אומגליקליך מאכען! דער טאטישי איז געווען א ציווילער פאל־קאווניק און כמעט שוין א גובערנאטאר; איהם איז נאך געבליבען ניט מעהר ווי איין הארעלע, און אלע פלעגען צו איהם פאהרען און פלעגען זאגען: „מיר האלטען אייך שוין סיי ווי סיי פאר אונזער גובערנאטאר איוואן מיכיילליטש“. ווי איך... קהע! ווען איך ביז...

קהע — קהע — קהע... א פארשאַלטענעם לעבען! — האָט זי אויס־געשריען, אויסשפּייענדיג די ליחות און זיך כאַפּענדיג פאַר'ן האַרצען. — ווען איך בין.... אַך, ווען אויפ'ן לעצטען באַל... ביים פרעדוואָרי־טעל... האָט מיך דערזעהן די פירסטין בעזזעמעלנאַ, — דיזעלביגע, וואָס האָט מיך שפּעטער געבענשט, ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט דיין טאַטען, — האָט זי גלייך א פרעג געטאָן: „איז עס ניט דיזעלבע שענע פריילין, וואָס האָט געטאַנצט מיט דער שאַל אויפ'ן יעהרליכען אַקט פון אינסטיטוט?"... (מען דאַרף פאַרנייהען דעם וואַלדרים: וואַלסט גענומען א נאָדעל־פאָדים און גלייך פאַררינכט, ווי איך האָב דיך געלערנט, אניט וועט זיין רעכט מאָרגען... קהע! מאָרגען... קהע — קהע — קהע! עס וועט זיך נאָך מעהר צורייסען — האָט זי קוים געהאַט כח אַרויסצורייידען). — דאַמאָלס איז צו אונז אין שטאָדט נאָר־וואָס געקומען פון פּעטערבורג דער קאַמער־יונקער פירסט שטשע־גאָלסקי... האָט ער געטאַנצט מיט מיר א מאַזורקע און גלייך אויף מאָרגען האָט ער געוואָלט קומען מאַכען מיר א פאָרשלאָג: איך האָב איהם אָבער אַליין זעהר איידעל באַדאַנקט און געזאָגט, אַז מיין האַרץ געהערט שוין לאַנג אַנ'אַנדערן. דער דאָזיגער אַנדערער איז געווען דיין פאָטער, פּאָליע, דער טאַטישי איז געווען שרעקליך בייז... דאָס וואָסער איז שוין פאַרטיג? נו, דערלאַנג מיר דאָס העמדעלע: און וואו זענען די זעקעלעך?... לידאַ, — האָט זי זיך געווענדעט צו דער קליינטשיקער טאָכטער, — דו וועסט שוין היינטיגע נאַכט איבערקומען אַזוי, אַהן א העמדעלע: דו וועסט זיך ווי עס איז איבערמוטשען... און די זעקלעך לעג אויך אַוועק פון אויבען אויף... פאַר איינוועגס אויסוואַשען... און דער שכור'ער איז נאָך אַלץ ניטאָ! דאָס העמד איז ביי איהם ברודיג ווי א שמוציגע טראַנטע, האָט עס צופליקט אינגאַנצען... פאַר איינוועגס וואָלט איך עס אויך אויסגעוואַשען, אַנשטאָט צו מוט־שען זיך צוויי נעכט נאָכאַנאַנד! רבונו של עולם! קהע — קהע — קהע — קהע! ווידער! וואָס איז דאָס? האָט זי אויסגעשריען, דער־זעהענדיג אַנ'עולם מענשען אין פאַרהויז, וואָס האָבען זיך דורכגע־שטופּט אין איהר צימער אַריין מיט עפּעס א משא. — וואָס איז דאָס? וואָס טראָגט מען דאָס? רבונו של עולם!

— וואוהין לעגט מען עס דאָ אַוועק? — האָט א פּאָליציאַנט א פרעג געטאָן, אַרומקוקענדיג זיך אויף אַלע זייטען, בשעת מען האָט

שוין אריינגעשלעפּט אין צימער דעם צובלוטיגטען און געחלש'טען מאַרמעלאַדאָוו'ן.

— אויפ'ן דיוואַן! לעגט אַרויף, גלייך אויפ'ן דיוואַן, מיט'ן קאָפּ אַהערצו, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געקאָמאַנדעוועט.

— אויפ'ן גאַס צוטראָטען! אַ שכורער! — האָט עמיצער אַ גע־שריי געטאָן פון פאָרהויז

קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ איז געשטאַנען בלאַס ווי די וואַנט און האָט שווער געאָטעמט. די קינדער האָבען זיך צושראָקען די קליינטשיקע לידאָטשקע האָט אַ געשריי געגעבען, זיך אַ וואָרף געטאָן צו פּאָלינקען, האָט זי אַרומגענומען און גענומען ציטערן מיט אַלע גלידער.

אוועקגעלעגט מאַרמעלאַדאָוו'ן אויפ'ן דיוואַן, האָט זיך ראַס־קאָלניקאָוו אַ לאָז געטאָן צו קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן:

— אום גאָטעס ווילען, באַרוהיגט זיך, ניט שרעקט זיך! — האָט ער שנעל גערעדט. — ער איז איבערגעגאַנגען פון איין טראָטואַר אויפ'ן אַנדערן, האָט איהר אַ פוהר צוטראָטען, ניט בעאונרוהיגט זיך, ער וועט קומען צו זיך, איך האָב געהייסען טראָגען איהם אַהער... איך בין ביי אייך געווען, איהר געדענקט... ער וועט קומען צו זיך: איך וועל באַצאָהלען!

— דערלעבט זיך! — האָט קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ פאַרצוויי־פעלט אויסגעשריען און זיך אַ וואָרף געטאָן צום מאַן.

ראַסקאָלניקאָוו האָט גלייך באַמערקט, אַז זי איז ניט פון יענע פרויען, וועלכע זיינען אַזוי גרינג אויף חלש'ן. אין איין אויגענבליק איז אונטער דעם אומגליקליכענס קאָפּ געוואָרען אַ קישען, וואָס דאָס איז נאָך קיינעם אפילו אויפ'ן זינען ניט אַרויף; קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט איהם גענומען אויסטאָן, באַטראַכטען און זיך עסק'ן אַרום איהם: זי איז ניט געוואָרען צוטומעלט און איינגעהאַלטענע פאַרגעסען אַן זיך, פאַר־ביסען די ליפּען, וואָס האָבען איהר געציטערט ,און פאַרשטיקט די יאָ־מערליכע געשרייען, וואָס האָבען זיך איהר געריסען פון האַרצען אַרויס.

ראַסקאָלניקאָוו האָט דערווייל גע'פּועלט ביי איינעם, ער זאָל אַ לויף טאָן נאָך אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט גראָד געוואוינט אין דעם דריטען הויף.

— איך האָב געשיקט נאָך א דאָקטאָר, — האָט ער גע׳חזר׳ט קאַ־
טערינאַ איוואַנאָוונאַ׳ן, — ניט באַאומרוהיגט זיך. איך וועל באַצאָה־
לען. וואָסער קריגט מען ביי אייך?... און גיט עפּעס א סערוועטעל, א
האַנטטוך, וואָס עס איז, אָבער געשווינד: מען ווייס נאָך ניט, ווי
שטאַרק ער איז פאַרוואונדעט... ער איז פאַרוואונדעט, אָבער ניט אויף
טויט, זייט זיכער... וואָס וועט דער דאָקטאָר זאָגען!

קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך א לאָז געטאָן צום פענסטער:
דאָרט איז געשטאַנען אויף א דורכגעלעכערטען שטוהל א גרויסע ליידי־
מענע שיסעל וואַסער, וואָס זי האָט אָנגעגרייט אויף אויסצוואַשען
ביינאַכט די קינדערס און דעם מאַנס וועש. זי פלעגט עס אליין ביי־
נאַכט וואַשען, ווענינגסטענס צוויי מאָל א וואָך, און אַמאָל נאָך אָפּ־
טער, ווייל עס האָט אַזוי ווייט געהאַלטען, אז ס׳איז שוין כמעט ניט
געווען קיין וועש אויף איבערצובייטען, און יעדערער האָט געהאַט ניט
מעהר ווי צו איין עקזעמפּלאַר: קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט ניט גע־
קאָנט אַריבערטראָגען קיין שמוץ, ביי איהר איז געווען בעסער צו
מוטשען זיך גאַנצע נעכט איבער די כחות, בעת אלע שלאָפען כדי דאָס
נאַסע וועש זאָל זיך ביז אין דער פריה אויסטריקנען אויף דעם אי־
בערגעצויגענעם שטריקעל און יעדער זאָל האָבען אָנצוטאָן ריינס, —
איידער צו זעהן שמוץ אין שטוב. זי האָט געוועזט א כאַפּ געטאָן די
שיסעל וואַסער צו ערפילען ראַסקאָלניקאָווס פאָדערונג, זי איז אָבער
שיער ניט געפאַלען מיט דער משא. נאָר יענער האָט שוין באַוויזען
צו געפינען א האַנטטוך, האָט איהם אָנגענעצט אין וואַסער און גע־
נומען אָרומוואַשען מאַרמעלאַדאָווס פּנים, וואָס איז געווען אינגאַנצען
פאַרגאָסען מיט בלוט. קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז געשטאַנען דערנע־
בען, האָט קוים מיט וועהטאָג אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך געהאַל־
טען פאַר׳ן האַרצען. זי האָט אליין זיך גענויטיגט אין הילף. ראַסקאָל־
ניקאָוו האָט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, אז ס׳איז אפשר געווען א נאַ־
רישקייט, וואָס ער האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט, מען זאָל דעם צו־
טראָטענעם ברענגען צו טראָגען אהער. דער פּאָליציאַנט איז אויך גע־
ווען אין גרויס פאַרלעגענהייט.

— פּאָליאַ! — האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ א געשריי געגע־
בען. — לויף צו סאָניען, אָבער געשווינד. אויב דו וועסט זי ניט
טרעפען אין דער היים, זאָלסטו זאָגען, אז דעם טאַטען האָבען פערד

צוטראַטעו און זי זאָל גלייך קומען צו גען אהערצו... ווען זי וועט קומען. געשווינד, פּאַליא! נאַ, טו אַן אַ טיכעל!

— לויף ווי דו קענסט נאַר! — האָט פּלוצלונג אַ געשריי געטאָן דאָס אינגעלע, וואָס איז געזעסען אויפ׳ן שטוהל, און אָפּגעזאָגט דאָס, איז ער ווידער פאַרזונקען אין דאָס פריהערדיגע שטילשווייגענדע גלייכע זיצען אויפ׳ן שטוהל, מיט אָנגעשטעלטע אויגען, די פּיאַטעס אויסגעשטרעקט פאַראויס און די פינגער פונאַנדערגעשפּרייט.

דערווייל[ע] איז דאָס צימער געוואָרען פול געפּאַקט, קאָפּ אויף קאָפּ. די פּאָליציאַנטען זיינען אוועק. נאָר איינער איז געבליבען אויף אַ ווייל[ע]: ער האָט געפּרובט אַרויסטרייבען דעם עולם, וואָס האָט זיך געשאָטען פון די טרעפּ, צוריק אויף די טרעפּ אַרויס. דערפאַר אָבער זיינען פון די אינווייניגסטע חדרים אָנגעלאָפען כמעט אַלע שכנים פון דער מאַדאַם ליפּפּעוועקסעל. לכתחלה האָבען זיי זיך געשפּאַרט נאָר אין די טירען, דערנאָך אָבער האָבען זיי פאַרפּלייצט דאָס גאַנצע צימער. קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז אַריינגעקומען אין אַ וואָהנזיניגע רציחה.

— אפילו שטאַרבען רוהיג לאָזען זיי אויך ניט! — האָט זי גענומען שרייען אויפ׳ן גאַנצען עולם. — געפונען אַן אומזיסטע פאַרשטעלונג! מיט פּאַפּיראָסען! קחע — קחע — קחע! אַ נס נאָך וואָס זיי זיינען אהן היטלען... ניין, אָט איז איינער אין אַ היטעל!... אַרויס! האָט כאָטש דרך־ארץ פאַר אַ טויטען גוף.

דער הוסט האָט זי געשטיקט, אָבער דאָס בייזערן זיך האָט געהאָלפען. פאַר קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט מען קענטיג אפילו יאָ מורא געהאַט אביסעל: די שכנים האָבען איינער נאָך דעם אַנדערן גענומען שטופּען זיך צו די טירען צוריק מיט יענעם מאָדנעם אינערליכען געפיהל פון צופרידענהייט, וואָס לאָזט זיך מערקען אפילו ביי די נאָהענטסטע מענשען, ווען עס טרעפט אַן אומגעריכט אומגליק מיט זייערען אַ נאָהנטען: פון דעם דאָזיגען געפיהל איז קיינער ניט פריי, ניט קוקענדיג אפילו אויף דאָס טיעפסטע באַדויערן און מיטלייד.

איבעריגענס האָבען זיך אונטער׳ן טיר געלאָזט הערען שטימען וועגען שפּיטאָל, און אַז דאָ איז ניט קיין אָרט אויף אָנמאַכען אַ טומעל.

— ניט קיין אָרט אויף שטאַרבען! — האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אַ געשריי געטאָן און זיך שוין אַ לאָז געגעבען אויפעפענען די

טיר און אויסגיסען אויף זיי איהר גאנץ ביטער הארץ: נאר אין טיר האט זי זיך צוזאמענגעשטויסען מיט דער מאדאם ליפּפּעווקסעל אליין: יענע האט ערשט דערהערט וועגען דעם אומגליק און איז געקומען צו לויפען מאכען ארדנונג.

דאס איז געווען זעהר א צודרעהטע דייטשקע, זיך שטענדיג גרייט צו קריעגען.

— אך, מיין גאט! — האט זי א פּאטש געטאן מיט די הענט.— אייער מאן דער שכור איז צוטראטען געווארען פון די פערד. אין שפּי־טאל אריין! איך בין דיווירטין!

— אמאליא לודוויגאוונא! איך וועל אייך בעטען א טראכט גע־בען וועגען דעם, וואס איהר רעדט, — האט קאטערינא איוואנאוונא מיט שטאלץ, כדי יענע זאל ניט פארגעסען „ווער זי איז" און אפילו איצט האט זי זיך אויך ניט געקענט אפּזאגען פון דעם דאזיגען פאר־גניגען). — אמאליא לודוויגאוונא...

— איך האב אייך שוין ניט איינמאל געזאגט, איהר זאלט קיינ־מאל ניט וואגען צו רופען מיך אמאל לודוויגאוונא: איך הייס אמאל־איוואן.

— איהר הייסט ניט אמאל־איוואן, נאר אמאליא לודוויגאוונא, און אזוי ווי איך געהער ניט צו די, וואס לעקען זיך צו אייך, ווי למשל דער ה' לעבעזיאטניקאוו, וועלכער לאכט איצט הינטער'ן טיר (הינ־טערן טיר האט זיך ווירקליך געלאזט הערען א געלעכטער און א גע־שריי: „שוין זיך צונויפגעטשעפּעט!"), וועל איך אייך שטענדיג רו־פען אמאליא לודוויגאוונא, אפילו איך הויב ניט אן צו פארשטעהן, פארוואס געפעלט אייך ניט דער דאזיגער נאמען. איהר זעהט דאך אליין, וואס ס'האט געטראפען מיט סעמיאן זאכאראוויטש'ן: ער האלט ביים שטארבען. איך בעט אייך די רגע צומאכען די טיר, און קיינעם אהערצו ניט ארייננלאזען. לאזט כאטש רוהיג שטארבען. אניט, מעגט איהר זיין זיכער, אז מארגען וועט דערפון וויסען דער גענעראל־גו־בערנאטאר אליין. דער פירסט האט מיך נאך געקענט מיידעלווייז און געדענקט זעהר גוט סעמיאן זאכאראוויטש'ן: ער האט איהם פיעל טובות אפילו געטאן. אלע ווייסען, אז סעמיאן זאכאראוויטש האט גע־האט פיעל פריינד און בעלי־טובות: ער האט זיך אליין פון זיי דער־ווייטערט, ווייל ער איז געווען צו שטאלץ און האט געוואוסט זיין

שוואכקייט, נאָר איצט (זי האָט אנגעוויזען אויף ראסקאָלניקאָוו'ן) העלפט אונז איינער א גרויסמוטיגער יונגער הערר, פון א רייכער אָנ־געזעהענער פאמיליע; סעמיאָן זאכאַראָוויטש האָט איהם געקענט פון קינדווייז אויף, און איהר מעגט זיין זיכער, אמאליא לודוויגאָוונא...

דאָס אַלץ איז ארויסגערעדט געוואָרען זעהר שנעל, וואָס ווייטער אַלץ שנעלער, נאָר דער הוסט האָט מיט אמאָל איבערגעריסען קאטע־רינא איוואנאָוונא'ס רעדע. אין דעמזעלבען אויגענבליק איז דער אומ־גליקליכער געקומען צו זיך און א קרעכץ געטאָן; זי איז צוגעלאָפען צו איהם. דער קראנקער האָט געעפענט די אויגען, און נאָך ניט דער־קענענדיג און ניט פארשטעהענדיג, האָט ער זיך גענומען איינקוקען אין ראסקאָלניקאָוו'ן, וואָס איז געשטאנען איבער איהם. ער האָט גע־אָטעמט שווער, טיעף און זעלטען; צווישען די ליפּען איז ארייסגעטראָ־טען בלוט; דער שטערן איז געווען באשלאָגען מיט א שוויים. ניט דערקענענט ראסקאָלניקאָוו'ן, האָט ער זיך גענומען ארומקוקען מיט אומרוהיגע בליקען. קאטערינא איוואנאָוונא האָט אויף איהם געקוקט מיט אן אומעטיגען, אבער שטרענגען בליק, און פון די אויגען האָבען איהר טרעהרען גערונען.

— אָ, גאָט מיינער! די גאנצע ברוסט איז ביי איהם צוקוועטשט! וואָס בלוט, וואָס בלוט! — האָט זי ארויסגערעדט אין פארצווייפלונג. — מען דאַרף איהם אויסטאָן די אויבער־בגדים! גיב זיך עטוואָס א קעהר, סעמיאָן זאכאראָוויטש, אויב דו קענסט נאָר, — האָט זי צו איהם א געשריי געטאָן

מאַרמעלאַדאָוו האָט זי דערקענט:

— דעם גלח! — האָט ער ארויסגערעדט מיט א כריפּ.

קאטערינא איוואנאָוונא איז צו צום פענסטער, צוגעדריקט דעם שטערן צו דעם פענסטער־ראַהם און פארצווייפעלט אויסגעשריען:

— אָ, פארשלאָגענעם לעבען!

— דעם גלח! — האָט דער שטאַרבענדער ווידער ארויסגערעדט נאָך א קורצען שוויינען.

— מ'איז אוועק־ק־ק! — האָט אויף איהם קאטערינא איוואַ־נאָוונא א געשריי געגעבען; ער איז געהאָרכזאם אנטשוויגען געוואָ־רען. מיט א ניט־זיכערען טרויעריגען בליק האָט ער זי געזוכט מיט די אויגען; זי האָט זיך ווידער צוריקגעקעהרט צו איהם און זיך געשטעלט

איהם צוקאפענס. ער האט זיך עטוואס בארוהיגט, אבער ניט אויף לאנג.

באלד זיינע זיינע אויגען געבליבען אויף דער קליינער לידאטשקען (זיין ליעבלינגסקינד), וואס האט געציטערט אין א ווינקעל, אזוי ווי אין קאנוואולסיען, און האט געקוקט אויף איהם מיט איהרע פארוואונדערטע קינדעריש־דורכדרינגענדע אויגען.

— א... א... — האט ער אויף איהר אומרוהיג אנגעוויזען.

ער האט עפעס געוואלט זאגען.

— וואס נאך ? — האט קאטערינא איוואנאוונא א געשריי געגעבען.

— א... א... האט ער אויף איהר אומרוהיג אנגעוויזען.

ער האט עפעס געוואלט זאגען.

— וואס נאך ? — האט קאטערינא איוואנאוונא א געשריי געגעבען.

— בארפוס, נעבאך ! בארפוס ! — האט ער געשטאמעלט, אנוויזענדיג מיט א האלב־פארריקטען בליק אויף דעם מיידעלס בארפוסע פיסלעך.

— שוויי־יי־ג ! — האט קאטערינא איוואנאוונא צורייצט א געשריי געטאן. — דו ווייסט אליין, פארוואס נעבאך א בארפוסע !

— דאנקען גאט, דער דאקטאר ! — האט ראסקאלניקאוו מיט פרייד אויסגערופען.

סא'יז אריינגעקומען דער דאקטאר, א געלאסען־פינקטליכער אלטיטשקער, א דייטש, און גענומען מיט חשד ארומקוקען זיך אויף אלע זייטען ; צוגעגאנגען צום קראנקען, גענומען דעם דופק, אויפמערקזאם ארומגעטאפט דעם קאפ און מיט קאטערינא איוואנאוונאס הילף האט ער אפגעשפיליעט דאס העמד, וואס איז געווען אינגאנצען דורכגענעצט מיט בלוט, און באטראכט די נאקעטע ברוסט פון דעם קראנקען. די גאנצע ברוסט איז געווען צודרעהט, צוקנייטשט און צופליקט; עטליכע ריפען פון דער רעכטער זייט זיינען געווען צובראכען. פון דער לינקער זייט, סאמע אויפ'ן הארצען, איז געווען א גרויזאמער, גרויסער געל־שווארצער פלעק, — א אכזריות'דיגער קלאפ מיט דער קאפיטע. דער דאקטאר האט אנגערוקט די ברעמען. דער פאליציאנט האט איהם דערצעהלט, אז דעם צוטראטענעם האט עס א כאפ געטאן אין ראד

אריין און עס האָט איהם דרעהענדיג אָפּגעשלעפּט א טריט דרייסיג אַי־בער'ן ברוק.

— א וואונדער, וואָס ער איז גאָר צו זיך געקומען. - האָט דער דאָקטאָר שטיל איינגערוימט ראַסקאָלניקאָוו'ן.

— וואָס זאָגט איהר אָבער? — האָט יענער געפרעגט.

— ער וועט באַלד שטאַרבען.

— איז דען קיין שום האָפנונג ניט פאַרהאַן?

— קיין שום האָפנונג; ער גוסס'ט שוין... דערצו נאָך איז דער קאָפּ זעהר געפעהרליך פאַרוואונדעט... הם!... מען וואָלט איהם אפשר יאָ געקענט לאָזען אַן אָדער... נאָר... דאָס וועט גאַרנישט העלפען. אין פינף אָדער אין צעהן מינוט אַרום וועט ער זיכער שטאַרבען.

— טאָ לאָזט שוין בעסער אַן אָדער!

— רעכט... איבעריגענס, זאָג איך אייך אָפּריהער, עס וועט איהם גאַרנישט העלפען.

אין דעם אויגענבליק האָבען זיך געלאָזט הערען נאָך טריט, דער עולם אין פאַרהויז האָט געמאַכט א וואַרע, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזען דער גלח, א גרייזגרויער אַלטיטשקער. נאָך איהם איז גע־גאַנגען א פּאָליציאַנט, וועלכען מען האָט געשיקט נאָך פון גאַס. דער דאָקטאָר האָט איהם גלייך געלאָזט זיין אָרט און האָט זיך פּיעלבאַדיי־טענד איבערגעוואונקען מיט איהם ראַסקאָלניקאָוו האָט קוים גע־פועל'ט ביים דאָקטאָר, ער זאָל כאָטש נאָך איין ווייַלע אויפוואַרטען. יענער האָט א קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען און איז געבליבען.

אַלע האָבען אָפּגעטראָטען. דער ודוי האָט געדויערט זעהר ווייניג. א ספק, צי דער שטאַרבענדער האָט עפּעס פאַרשטאַנען; און אַרויס־געבראַכט פון מויל האָט ער נאָר אָפּגעהאַקטע ניט־דייטליכע קלאַנ־גען. קאַטערינא איוואַנאָוונא האָט גענומען לידאָטשקען, אַראָפּגענו־מען פון שטוהל דאָס אינגעלע און, אָפּטרעטענדיג אין א ווינקעל, האָט זי זיך געשטעלט אויף די קניה און די קינדער אַוועקגעשטעלט פאַר זיך אויף די קניה. דאָס מיידעלע האָט אַלץ געציטערט; דאָס אינ־געלע אָבער האָט שטעהענדיג אויף די הוילינקע קניהעלעך, געלאַסען געהויבען דאָס הענדטעלע, זיך גע'צלמ'ט ווי א גרויסער און זיך גע־בוקט צו דער ערד, קלאַפּענדיג מיט'ן שטערן; דאָס האָט איהם קענטיג פאַרשאַפט א באַזונדערען פאַרגניגען. קאַטערינא איוואַנאָוונא האָט

פארביסען די ליפען און איינגעהאלטען די טרערען: זי האט זיך אויך „געמאליעט", מאכענדיג פון צייט צו צייט צורעכט דעם קינד דאס העמדעלע. אין דערזעלבער צייט האט זי אויך באוויזען, ניט אויפ־שטעהענדיג פון די קניה, אראפצונעהמען פון קאמאד א האלז־טיכעל און ארויפווארפען עס אויף די נאקעטע פלייצעס פון דעם מיידעלע. דערווייל האבען זיך ווידער אנגעהויבען אויפצועפענען די טירען פון די אינוויינינגסטע צימערן און ס'האבען זיך באוויזען נייגיריגע. אין פארהויז איז די ענגשאפט געווארען אלץ גרעסער און גרעסער. ס'האבען זיך צונויפגקליבען שכנים פון אלע טרעפ, אבער אין צימער זיינען זיי ניט אריין. נאר א חלב'ן ליכטעל האט באלויכטען דעם גאנצען צימער.

אין דעמזעלבען אויגענבליק האט זיך פון פארהויז שנעל דורכ־געשטופט דורכ'ן עולם פאלינקע, וואס איז געלאפען נאך דער שוועס־טער. זי איז אריין, קוים אפכאפענדיג דעם אטעם פון געשווינדען לויפען, אויסגעטאן דאס טיכעל, אפגעשטעלט די אויגען אויף דער מוטער, איז צו איהר צוגעגאנגען און געזאגט: „זי געהט! כ'האב זי באגעגענט אויף דער גאס!" די מוטער האט איהר צוגעבויגען אויף די קניה און אוועקגעשטעלט נעבען זיך. דורכ'ן עולם האט זיך שטיל און פארשעמט דורכגעשטופט א מיידעל, און זעלטזאם איז געווען איהר אומגעריכטע ערשיינונג אין דעם דאזיגען צימער, צווישען ארימקייט, שמאטעס, טויט און פארצווייפלונג. זי איז אויך געווען אנגעטאן אין שמאטעס: איהרע קליידער זיינען געווע, גראשענע, אבער אויס־געפוצט לויט דעם געשמאק פון דער גאס, לויט דעם געשמאק פון די מנהגים, וואס האבען זיך אויסגעבילדעט אין זייער אייגענעם וועל־טעל, מיט א רייסענדער און שענדליך־ארויסגעשטעלטער כונה. סאניא איז שטעהן געבליבען אין פארהויז, סאמע ביי דער שוועל, אבער זי איז ניט אריבערגעטראטען די שוועל און געקוקט ווי צוטומעלט, גלייך ווי זי וואלט גארנישט פארשטעהן און פארגעסען אי אן איהרע, פון דער פיערטער האנט איבערגעקויפטען זיידענעם, דא ניט־אנשטענדיגען, קאלירטען קלייד מיט דער זעהר לאנגער און קאמישער שלעפע, אי אן איהר אונגעהויער גרויסער קרינאלינע, וואס האט פארשטעלט די גאנ־צע טיר, אי אן די העלע שיך, אי אן דעם זונענשירם, וואס איז געווען גאנץ איבעריג איצט, ביינאכט, אי אן דעם משונה'דיגען קיילעכדיגען

שטרויהוט מיט א פעדער פון רייסענדען פייערקאליר. פון אונטער דעם דאָזיגען היטעלע, וואָס איז געווען אנגעטאָן אויף א זייט אויף דעם שטייגער פון די וואוילע יונגען, האָט ארויסגעקוקט א מאָגער, בלאס דערשראָקען פּנים'ל, מיט א פונאנדערגעעפענטען מויל און מיט שטאַרע אויגען פון שרעק. סאָניא איז געווען קליין געוואקסען, פון א יאָהר אכטצעהן. א דארינקע, אבער א גאנץ באַ'חנ'טע בלאָנדינע, מיט הערליכע בלויע אויגען. זי האָט דורכדרינגענד געקוקט אויף דעם בעט, אויפ'ן גלח: אויך זי האָט קוים געקענט אָפּכאָפּען דעם אָטעם פון שנעלען געהן. ענדליך זיינען צו איהר אָפּגעם פארפלויגען די שוש־קעריי און אייניגע ווערטער צווישען דעם המון. זי האָט אראָפּגע־לאָזט די אויגען, געמאכט א טריט איבער'ן שוועל און איז געבליבען שטעהן אין צימער, אבער ווידער טאקע ניט ווייטער ווי אויף דער שוועל.

דער ודוי האָט זיך געענדיגט. קאַטערינא איוואַנאָוונא איז צוגע־גאנגען צו דעם מאַנס בעט. דער גלח איז אָפּגעטראָטען אן א זייט און אוועקגעהענדיג האָט ער געפּרובט זאָגען א פּאָר טרייסטווערטער קא־טערינא איוואַנאָוונא'ן.

— און וואו וועל איך אהינטאָן אָט די דאָזיגע? — האָט זי איהם מיט צורייצטען כעס איבערגעשלאָגען און אנגעוויזען אויף די עופ'עלעד.

— דער אויבערשטער איז א בעל־רחמים: פארלאָזט זיך אויף זיין הילף, — האָט דער גלח געוואָזט אנגעהויבען.

— ע־עך! א בעל־רחמים איז ער, אבער ניט פאר אונז!

— זינדיגט ניט מיט די רייד, מאַדאַם, זינדיגט ניט, — האָט דער גלח זי גע'מוסר'ט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— און דאָס איז ניט געזינדיגט? — האָט קאַטערינא איוואַ־נאָוונא א געשריי געגעבען, אנווייזענדיג אויפ'ן שטאַרבענדען.

— אפשר וועלען די, וואָס האָבען אייך ניט מיט א כיון אומ־גליקליך געמאכט, מסכים זיין אייך צו באַפרידיגען, ווענינגסטענס אויף אזוי פיעל, וויפיעל דער אומגליקליכער האָט פארדיענט...

— איהר פארשטעהט מיך ניט! — האָט קאַטערינא איוואַנאָוו־נא נערוועז אויסגעשריען און א מאך געטאָן מיט דער האַנט. — און פארוואָס זאָלען זיי גלאַט אונז באַפרידיגען? ער איז דאך אליין

שכור'ערהייד געקראכען אונטער די פערד! וואס האט ער פארדיענט? ניט פארדיענט האט ער, נאר יסורים און עגמת־נפש פארשאפט. ער פלעגט דאך אלץ פארטרינקען. דער דאזיגער שכור! פלעגט אלץ פון שטוב ארויס'גנב'ענען און פלעגט עס אין שיינק טראגען. פון זייער לעבען און פון מיין לעבען האט ער אין די שיינקען א תל געמאכט! און דאנקען גאט, וואס ער שטארבט אוועק! די הוצאה וועט זיין קלע־נער.

— פאר'ן טויט דארף מען אלץ מוחל זיין, און דאס איז א זינד, מאדאם, אזוינע געפיהלען טראגען איז א גרויסע זינד!

קאטערינא איוואנאוונא האט זיך גע'עסק'ט ארום דעם קראנ־קען, זי האט איהם דערלאנגט טרינקען, אפגעווישט איהם דעם שוויים און דאס בלוט פונ'ם קאפ, צורעכט געמאכט די קישענס און גערעדט מיט'ן גלח, באווייזענדיג פון צייט צו צייט זיך א קעהר צו טאן צו איהם. איצט אבער איז זי אויף איהם פלוצלונג אנגעפאלען מיט א מין וואהנזיניגער רציחה.

— ע־עד, הייליגער פאטער! ס'איז נאר ווערטער, פוסטע ווער־טער! מוחל זיין! אט וואלט ער היינט געקומען א שכור'ער, ווען מען וואלט איהם ניט געוועזען איבערגעפאהרען, זיין איין־און־איינציג העמד איז שוין שרעקליך שמוציג און הענגט אויף איהם שטיקערווייז, — וואלט ער זיך דאס א וואַרף געטאן טוכניען, און איך וואלט ביז פאר־טאג אלץ געוואשען און געוואשען, זיינע טראנטעס און די קינדערשע, און דערנאך וואלט איך זיי געטריקענט ביים פענסטער, און פארטאג וואלט איך זיך ערשט געזעצט זיי פארריכטען, — אט האט איהר מיין גאנצע נאכט! היינט וואס איז דא פארהאן צו ריידען וועגען מחילה! שוין אזוי אויך גענוג מוחל געווען!

א טיעפער שרעקליכער הוסט האט איבערגעריסען איהרע ווער־טער. זי האט אויסגעשפייט די ליחות אין א טיכעל און האט עס גע־געבען דעם גלח א קוק, פאר וועהטאג האלטענדיג זיך מיט דער אנ־דערער הנאט פאר'ן הארצען. דאס גאנצע טיכעל איז געווען אין בלוט...

דעם גלח איז דער קאפ געזונקען און ער האט גארנישט געזאגט.

מארמעלאדאוו האט גע'גוסס'ט; ער האט ניט אראפגענומען די אויגען זיינע פון קאטערינא איוואנאוונא'ן, וואס האט זיך איבער איהם איבערגעבויגען. ער האט אלץ געוואלט איהר עפעס זאגען, ער האט

געוועזט אפילו אָנגעהויבען, שווער פּלאָנטערנדיג מיט דער צונג און ניט־דייטליך ארויסברענגענדיג די ווערטער. אבער קאטערינא איוואַנאָוונאַ האט פארשטאַנען, אז ער וויל ביי איהר בעטען מחילה, און זי האט גלייך אויף איהם באפעהלענדיג א געשריי געטאָן:

— שוויי—ייג! מען דארף ניט!... איך ווייס, וואס דו ווילסט זאגען!...

און דער קראנקער איז שטיל געווארען. נאָר אין דעמזעלבען אויגענבליק איז זיין בלאָנזשענדער בליק געפאַלען אויף די טיר, און ער האט דערזעהן סאָניען.

ביז אהער האט ער זי באמערקט: זי איז ניט געשטאַנען אין א ווינקעל און אין שאטען.

— ווער איז דאס? ווער איז דאס? — האט ער פּלוצלונג ארויס־גערעדט מיט א הייזעריגען פארשטיקטען קול, שרעקליך אומרוהיג, אָנווייזענדיג מיט אויגען, פון אימה, אויף די טיר, וואו די טאָכטער איז געשטאַנען, און גענומען אויפצוהויבען זיך.

— ליעג! ליע—יע—יעג! — האט קאטערינא איוואַנאָוונא א געשריי געטאָן.

ער האט זיך קוים אָנגעשפּארט מיט אַן אוננאַטירליכער אָנ־שטרענגונג אויף דער האנט. האט ווילד שטאר געקוקט א ווײַלע אויף די טאָכטער, ווי ער וואלט זי ניט דערקענט. און ער האט זי גלאט קיינמאָל ניט געזעהן אין אזא מין אנצוג. פּלוצלונג האט ער זי דערקענט, — ערנידעריגט, דערשלאָגען, אויסגעפּוצט און פארשעמט, האט זי מיט געפאלענקייט געווארט, ביז וואנען מען וועט איהר אויך לאָזען זיך זעגענען מיט דעם שטארבענדען פאטער. אן אונענדליכער שמערץ האט זיך אויסגעדריקט אויף זיין געזיכט.

— סאָניא! טאָכטער מיינע! זיי מיר מוחל! — האט ער א גע־שריי געטאָן און געוואלט איהר אויסשטרעקען די האנט, ער האט אבער פארלאָרען דאס גלייכגעוויכט, זיך אפּגעריסען פון דיוואַן און א פאל געטאָן אויף דער ערד מיט'ן פּנים אראָפּ; מען האט זיך א וואָרף גע־טאָן איהם אויפהויבען, אוועקגעלעגט, אבער ער איז שוין אויסגע־גאַנגען. סאָניא האט א שוואכען געשריי געטאָן, איז צוגעלאָפען, ארומ־גענומען איהם און איז אזוי געבליבען פארגליווערט. ער איז געשטאָר־בען ביי אהיר אויף די הענט.

— אויסגעפיהרט דאס זייניגע! — האט קאטערינא איוואנאווגא א געשריי געגעבען, דערזעהן דעם מאנס טויטען קערפער. — נו, וואס זאל איך איצט טאן! מיט וואס וועל איך איהם מקבר זיין? און וואס וועל איך זיי מארגען עסען געבען?

ראסקאלניקאוו איז צוגעגאנגען צו קאטערינא איוואנאווגא'ן.

— קאטערינא איוואנאווגא, — האט ער אנגעהויבען, — יענע וואך האט מיר אייער פארשטארבענער מאן דערצעהלט זיין גאנצע לעבענסגעשיכטע מיט אלע איינצעלהייטען... איהר מעגט מיר גלויבען, אז ער האט פון אייך גערעדט מיט א באגייסטערטער התפעלות. פון דעם אווענט אן, ווען איך האב מיך דערוואוסט, ווי אזוי ער איז אייך אלעמען געווען איבערגעגעבען, און ווי ער האט באזונדערס אייך, קאטערינא איוואנאווגא, געאכט און געליעבט, ניט קוקענדיג אויף זיין אומגליקליכע שוואכקייט, טאקע פון דעם אווענט אן זיינען מיר געווארען באפריינדעט... ערלויבט זשע מיר איצט... אויף וויפיעל איך פארמאג עס... אפצוגעבען דעם חוב מיין פארשטארבענעם פריינד. אט דא... איז צוואנציג רובל, אזוי דאכט זיך מיר, — און אויב דאס קען אייך צו נוץ קומען, וועל איך... מיט איין ווארט איך וועל אריין. — איך וועל זיכער אריין... איך וועל נאך אפשר מארגען אריין... אדיע!

און ער איז געשווינד ארויס פון צימער, זיך שנעל דורכגעשטופט דורכ'ן עולם אויף די טרעפ; נאר דא האט ער זיך פלוצלונג באגעגענט מיט ניקאדים פאמיטש'ן, וועלכער האט זיך דערוואוסט וועגען דעם אומגליק און האט עס פערזענליך געוואלט באזארגען. זיי האבען זיך ניט געזעהן זייט דער סצענע אין קאנצעלאריע. נאר ניקאדים פאמיטש האט איהם גלייך דערקענט.

— א, דאס זענט איהר? — האט ער איהם א פרעג געטאן.

— געשטארבען, — האט ראסקאלניקאוו געענטפערט. — געווען דער דאקטאר, געווען דער גלח, אלץ איז ארדנונג. ניט באאונרוהיגט זשע די ארימע פרוי, זי איז אזוי אויך א שווינדזיכטיגע. מונטערט זי אויף, אויב איהר קענט מיט וואס... איהר זענט דאך א גוטער מענש, איך ווייס... האט ער צוגעגעבען מיט א שפאטישען שמייכעל, קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען אריין.

— ווי איהר האט זיך דאס אבער איינגעשמירט אין בלוט, —

האט ניקאדים פאמיטש באמערקט, דערזעהענדיגביים שיין פון דער לאמטערן עטליכע פרישע פלעקען אויף ראסקאלניקאוו'ס וועסט.

— יא, זיך איינגעשמירט... איך בין דורכאויס אין בלוט! —
האט ארסקאלניקאוו עפעס מאדנע ארויסגערעדט, דערנאך א שמייכעל געטאן, א שאקעל געגעבען מיט'ן קאפ און גענומען שטייגען פון די טרעפ אראפ.

ער איז אראפגעגאנגען שטיל, ניט געאיילט, איינגאנצען דורכגענומען פון א פיבער, און ניט פיהלענדיג עס. פאלקאם באהערשט פון א נייעם אונענדליכען געפיהל צום ברייטען און מעכטיגען לעבען. דאס דאזיגע געפיהל האט געקענט עהנליך זיין אויף דאס געפיהל פון א פאר'משפט'ען צום טויט, וועלכען מען שענקט פלוצלונג און אומגעריכט דאס לעבען. אין מיטען די טרעפ האט איהם אנגעיאגט דער גלח, וואס האט זיך אומגעקעהרט אהיים: ראסקאלניקאוו האט איהם שווייגענדיג דורכגעלאזט און זיי האבען זיך איינער פארן' אנדערן פארנייגט אהן ווערטער. שוין אראפגעהענדיג פון די לעצטע טרעפ, האט ער פלוצלונג דערהערט הינטער זיך גיכע טריט. עמיצער האט איהם אנגעיאגט. דאס איז געווען פאלינקע: זי איז געלאפען נאך איהם און האט איהם גערופען:

— הערט נאר! הערט נאר!

ער האט זיך אפגעקעהרט צו איהר. זי איז אראפגעלאפען פונ'ם לעצטען טרעפעל און איז געבליבען שטעהן אנטקעגען איהם, מיט א טרעפעל העכער. א שוואכער שיין איז אריינגעדרונגען פון הויף. ראסקאלניקאוו האט דערזעהן א מאגער, אבער ליעבליך פנימ'ל, וואס האט צו איהם געשמייכעלט און געקוקט אויף איהם פרעהליך און קינדעריש. זי איז געקומען צו לויפען וועגען א ענין, און דאס איז איהר אליין אפנים שטארק געפעלען געווען.

— הערט, ווי הייסט איהר? און נאך עפעס: וואו וואוינט איהר?
— האט זי איילענדיג געפרעגט מיט א פארשטיקט קול'כעלע.

ער האט איהר ארויפגעלעגט ביידע הענט אויף די אקסלען און געקוקט אויף איהר מיט עפעס א מין גליק. איהם איז געווען אזוי אנגענעהם צו קוקען אויף איהר, — ער האט אליין ניט געוואוסט פארוואס.

— און ווער האט אייך געשיקט?

— מיך האט געשיקט די שוועסטער סאניא! — האט דאס מיידעלע געענטפערט און זיך צושמייכעלט נאך פרעהליכער.

— איך האב גלייך פארשטאנען, אז אייך האט געשיקט די שוועסטער סאניא.

— די מאמישי האט מיך אויך געשיקט. אז די שוועסטער סאניא האט מיך געהייסען געהן, איז די מאמישי אויך צוגעגאנגען און געזאגט: „לויף געשווינד, פאלינקע!"

— האט איהר עפעס ליעב די שוועסטער סאניא?

— איך האב זי ליעב מעהר פון אלעמען! — האט פאלינקע ארויסגערעדט מיט עפעס א מאדנער פעסטקייט, און איהר שמייכעל איז מיט אמאל געווארען ערנסטער.

— און מיך וועט איהר ליעב האבען?

אנשטאט אן ענטפער האט ער דערזעהן דעם מיידעלעס פנים'ל, וואס האט זיך צוגערוקט אזוי נאהנט צו זיין פנים און א פאר פולינקע ליפעלעך, וואס האבען זיך נאאיוו געצויגען איהם א קוש צו טאן. און פלוצלונג האבען איהם פעסט-פעסט ארומגענומען איהרע דינינקע הענדטלעך, ווי שוועבעלעך, דער קאפ האט זיך אראפגעבויגען אויף זיין אקסעל, און דאס מיידעלע האט זיך שטיל צעוויינט, טוליענדיג זיך צו איהם מיט'ן פנים אלץ שטארקער און שטארקער.

— א רחמנות אויפ'ן טאטישי! — האט זי ארויסגערעדט אין א מינוט ארום, אויפהויבענדיג איהר פארוויינט פנים'ל און ווישנעדיג די טרעהרען מיט די הענט. — איצט זיינען עפעס אלץ אוועק אזוינע צרות. — האט זי פלוצלונג צוגעגעבען, מיט יענער סאלידער מינע, וועלכע די קינדער שטרענגען זיך אן צו מאכען, בעת זיי פארגלוסט זיך פלוצלונג ריידען ווי „גרויסע".

— און דער טאטישי האט אייך ליעב געהאט?

— לידאטשקען האט ער ליעב געהאט מעהר פאר אונז אלעמען. — האט זי ווידער געזאגט זעהר ערנסט און אהן א שמייכעל, שוין פונקט אזוי ווי עס ריידען גרויסע. — דערפאר האט ער זי ליעב געהאט, ווייל זי איז א קליינטשיקע, און דערפאר נאך, וואס זי איז א קראנקע. און ער פלעגט איהר שטענדיג בריינגען גוט זאכען. און אונז האט ער געלערנט לייענען, און מיך האט ער געלערנט גראמאטיק און די הייליגע שריפטען, — האט זי צוגעגעבען מיט שטאלץ. — און די

מאַמישי פלעגט גאַרנישט זאָגן, נאָר מיר האָבן געוואוסט, אַז זי האָט עס ליעב, און דער טאַטישי האָט עס אויך געוואוסט, אַז זי האָט עס ליעב. און דער טאַטישע האָט אויך געוואוסט, אַז די מאַמישי וויל מיך לערנען פראַנצויז, ווייל מיר איז שוין צייט צו נעהמען בילדען.

— און „מאַליען" זיך קענט איהר?

— יאָ, אודאי קענען מיר! שוין לאַנג: איך בין שוין ווי אַ גרויסע, „מאַליע" איך זיך פאַר זיך, און קאַליאַ מיט לידאָטשקען זאָגען נאָך דער מאַמען הויך אויף אַ קול. צום ערשטען זאָגען מיר אַ תפילה „דער הייליגער מוטער", דערנאָך נאָך אַ תפילה „גאָט, זיי מוחל און בענש אונזער שוועסטער סאָניאַ", און נאָכדעם נאָך: „גאָט, זיי מוחל און בענש דעם אַנדערן טאַטישי אונזערן", ווייל אונזער עלטערער פאָטער איז שוין געשטאָרבען, און דער איז דאָך אונז אַ צווייטער, און מיר בעטען פאַר יענעם אויך.

— פּאָליטשקע, מיין נאָמען איז ראָדיאָן: בעט ווען עס איז פאַר מיר אויך — „פאַר דעם קנעכט ראָדיאָן" — מעהר גאַרנישט.

— מיין גאַנץ לעבען וועל איך פאַר אייך גאָט בעטען, — האָט דאָס מיידעלע היים אַרויסגערעדט, און פּלוצלונג זיך ווידער צואַווייגט, זיך אַ וואַרף געטאָן צו איהם און איהם ווידער פעסט אַרומגענומען.

ראַסקאָלניקאָוו האָט איהר געזאָגט, ווי ער הייסט, געגעבען איהר זיין אַדרעס און צוגעזאָגט אויף מאָרגען זיכער אַריינצוגעהן. דאָס מיידעלע איז אַוועק פון איהם אויסער זיך פאַר ענטציקונג. ס'איז געווען די עלפטע שעה, ווען ער איז אַרויס אויפ'ן גאַס. אין פינף מינוט אַרום איז ער געשטאַנען אויף דער בריק, פונקט אויף דעמזעלבען אָרט, פון וואַנען עס האָט זיך פריהער די פרוי אַראָפּגעוואָרפען.

„גענוג!" האָט ער אַרויסגעזאָגט פייערליך און ענטשלאָסען, — „נידער מיט די איינבילדונגען, נידער מיט די אויסגעטראַכטע שרעקען, נידער מיט די שאָטענס!... עס איז פאַרהאַן לעבען! האָב איך דען איצט ניט געלעבט? מיין לעבען איז נאָך ניט אָפּגעשטאָרבען צוזאַמען מיט דער אַלטער זקנה! זאָל זי האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן, און — גענוג טאַקע, מוּיז אַלטיטשקע, שוין צייט זיך אויסצורוהען! איצט זאָלען לעבען פאַרשטאַנד און ליכט! און... און ווילען, און קראַפט... און מיר וועלען איצט זעהן! מיר וועלען איצט פּרובען די כחות!" האָט ער צו־געגעבען מיט שטאָלץ, גלייך ווי ער וואָלט זיך געווענדט צו עפּעס אַ

פינסטערער מאכט און וואלט זי ארויסגעפאדערט צום קאמפף. און ביי מיר איז דאך שוין רעכט געווען זיך צו באגנוגענען מיט פיער איי־לען ערד!"

„....שוואך בין איך איצט אין דער דאזיגער ווייליע, נאר... די גאנ־צע קראנקהייט איז דאכט זיך פאריבער. איך האב פריהער געוואוסט, אז זי וועט פאריבער, ווי איך בין ארוים אויפ'ן גאס. שא, דא דארף זיין פאטשינקאוס הויז, צוויי טריט פון דאנען. איך מוז אריין צו ראז־זומיכינען: עס מעג זיין אפילו ניט צוויי טריט... זאל ער געווינען דאס געוועט!... זאל ער אויך הנאה האבען. — נישקשה זאל ער!... קראפט, קראפט איז נויטיג. אהן קראפט וועסטו גארנישט מאכען; און קראפט דארף מען ערווערבען דורך קראפט טאקע, אט דאס ווייסען זיי דוקא ניט", האט ער צוגעגעבען מיט שטאלץ און זיכערהייט אין זיך און זיך געלאזט געהן פון בריק, קוים שלעפענדיג די פיס. שטאלץ און זיכער־הייט אין זיך האבען אין איהם געוואקסען מיט יעדער רגע: מיט א מינוט שפעטער פלעגט דאס שוין זיין גאר ניט דער מענש, וואס מיט א מינוט פריהער. וואס פארט איז אבער געווען אזוינס, וואס האט אין איהם אנגעמאכט אזא איבערקעהרעניש? ער האט אפילו אליין אויך ניט געוואוסט: אזוי ווי אײנעם, וואס כאפט זיך פאר א שטרוי־עלע, אזוי איז אויך איהם פלוצלונג פארגקעומען, אז ער „קען אויך לעבען, אז עס איז נאך פאראן לעבען, אז ס'איז נאך זיין לעבען ניט אבגעשטארבען צוזאמען מיט דער אלטער זקנה". אפשר האט ער צו גיך געמאכט דעם אויספיהר. וועגען דעם האט ער אבער ניט געטראכט.

„און פונדעסטוועגען האב איך געבעטען דערמאנען אין די תפילות וועגען דעם זינדיגען ראדיאן". האט זיך איהם פלוצלונג דורכגעטראגען אין זינען.

„נו, יא... דאס איז אויפ'ן לעצטען פאל!" האט ער צוגעגעבען און האט זיך אליין גלייך צולאכט פון זיין אינגעלשען איינפאל. ער איז געווען אין אנ'אויסגעצייכענטען הומאר.

ער האט זעהר גיך אויפגעזוכט ראזומיכינען: ביי פאטשינקאוו'ן אין הויף האט מען שוין געקענט דעם נייעם קווארטיראנט; און דער סטרוזש האט איהם גלייך באוויזען זיין וואוינונג. שוין אויף די טרעפ האט מען געקענט הערען א טומעל און א לעבהאפטען שמועס פון א

גרויסער פאַרזאַמלונג. די טיר צו די טרעפּ אַרויס איז געווען ברייט פונאַנדערגעעפענט; עס האָבן זיך געהערט קולות און קריגעריי. ראַזומיכינס צימער איז געווען אַ גאַנץ היבשעס, און עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַ מאַן פופצען. ראַסקאָלניקאָוו איז שטעהן געבליבען אין פאָרהויז. דאָ איבערן וואַנט האָבען דער בעל־הבית׳טעס צוויי שטובמיידלעך זיך געעסק׳ט אַרום צוויי גרויסע סאַמאָווארען, אַרום פלאַשען און טעלער מיט פּאַשטעטען און צובייסען, וואָס מען האָט געבראַכט פון דער בעל־הבית׳טעס קיך. ראַסקאָלניקאָוו האָט געשיקט נאָך ראַזומיכינען. יענער איז געקומען צו לויפען אויסער זיך פאַר התפעלות פון דעם ערשטען קוק אַז איז געווען קענטיג, אַז ער האָט אין זיך אונגעהויער פיעל אַריינגענאָסען, און כאָטש ראַזומיכין האָט זיך כמעט קיינמאָל ניט געקענט אָנטרינקען ביז צום שכור ווערען, נאָר דאָסמאָל איז יאָ עפּעס געווען קענטיג אויף איהם.

— הער, האָט ראַסקאָלניקאָוו פאַרכאַפּט אַפריהער, — איך בין דיר נאָר געקומען זאָגען, אַז דאָס געוועט האָסטו געוואונען, און קיינער קען טאַקע ניט וויסען, וואָס מיט איהם קען פּאַסירען. אַריינגעהן אָבער קען איך ניט: איך בין אַזוי שוואַך, אַז איך וועל גלייך פאַלען. און דעריבער שלום־עליכם דיר און אַדיע! און מאָרגען קום צו מיר צו געהן...

— וויסטו גאָר וואָס, איך וועל דיך אונטערפיהרען אַהיים! ווי־באַלד דו זאָגסט שוין אַליין, אַז דו ביסט שוואַך, איז...

— און די געסט? ווער איז דאָס מיט די געקרייזעלטע הערלעך, וואָס האָט ערשט אַרויסגעקוקט?

— אָט דער? דער רוח ווייסט איהם! מסתמא דעם פעטערס אַ באַקאַנטער, און אפשר איז ער זיך אַליין געקומען... איך וועל זיי לאָזען מיט׳ן פעטער: דאָס איז אַ זעלטענער מאַן; אַ שאָד, וואָס דו קענסט זיך מיט איהם איצט ניט באַקענען. און צוריקגערעדט כאַפּט זיי אַלעמען דער טייוועל: איך געה זיי איצט ווינציג וואָס אָן, און איך אַליין מוז זיך אויך דורכלופטערען, מחמת דו ביסט, ברודער־לעבען, געקומען צו דער רעכטער צייט: נאָך צוויי מינוט, וואָלט איך זיך מיט זיי צושלאָגען, איך שווער דיר ביי גאָט. האַקען אין קאָפּ אַזוינע מיני ליגענס... דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען, ווי ווייט דער מענש קען

פאלש ווערען! און צוריקגערעדט, איז גאר זיך ניט אזוי שווער פאר־צושטעלען. און מיר אליין לייגען דען ניט? און זאלען זיי לייגען: דערפאר וועלען זיי שפעטער ניט לייגען... ווארט איין רגע'לע, איך וועל רופען זאסימאוו'ן.

זאסימאוו האט זיך א ווארף געטאן אויף ראסקאלניקאוו'ן עפעס מיט א מין גיריגקייט: זיין געזיכט האט אויסגעדריקט א באזונדער מין נייגעריגקייט; באלד האט זיין פנים אויפגעשיינט.

— די מינוט שלאפען, — האט ער באשלאסען, נאכדעם אז ער האט אויף וויפיעל ס'איז געווען מעגליך באטראכט דעם פאציענט, — און אויף ביינאכט װאלט מען געדארפט איינגעמען אזא מין אנטיקעל. איהר וועט איינגעמען? איך האב נאך פריהער צוגעגרייט... איין פרא־שעקעל.

— אפילו צוויי, — האט ראסקאלניקאוו געענטפערט.

ער האט דעם פראשעק דא טאקע אויפ'ן ארט איינגענומען.

— דאס איז זעהר גוט. וואס דו וועסט איהם אליין אוועקפיהרען.

— האט זאסימאוו געזאגט צו ראזומיכינען. — וואס ס'וועט זיין מאר־גען, וועלען מיר זעהן, און היינט איז גאר נישקשה'דיג: א היבשע פאר־ענדערונג פון פריהער. די תורה האט גאר קיין גרונט ניט...

— ווייסט, וואס זאסימאוו האט מיר ערשט איינגעטרוימט אויפ'ן אויער, ווען מיר זענען ארויס צוזאמען, — האט ראזומיכין א בראק געטאן, ווי זיי זענען נאר ארויס אויפ'ן גאס. — איך וועל דיר, ברודער־לעבען, גלייך ניט אויסזאגען אלצדינג, ווייל זיי זענען פראים. זאסימאוו האט מיר געהייסען פלוידערן מיט דיר דעם גאנצען וועג און דיך אויך דערצו נויטען, און נאכדעם איהם אלץ איבער דערצעהלען, ווייל ער האט זיך אריינגענומען אין קאפ... אז דו ביסט... א משוגענער, אדער ניט וויט דערפון. שטעל זיך דאס פאר! ערשטענס, ביסטו דריימאל אזוי פיעל קלוג ווי ער, צווייטענס, אויב דו ביסט ניט קיין משוגענער, שפייסטו דערויף, וואס ביי איהם איז אין קאפ אזא משונה־ווילדער געדאנק, און דריטענס, געהט דער דאזיגער שטיק פלייש, וואס איז לויט זיין פאך א חירורג, — פשוט פון זינען אראב פון די גייסטיגע קראנקהייטען, און מכח דיר האט עס איהם שוין אויף זיכער איבער־צייגט דיין היינטיגער שמועס מיט זאמעטאוו'ן.

— זאמעטאוו האט דיר אלץ דערצעהלט?

— אלץ, און האט גוט געטאן. איך האב איצט פארשטאנען אלצדינג, און זאמעטאוו האט אויך פארשטאנען... נו, יא, מיט איין ווארט, ראדיא... די זאך דערפון איז... איך בין איצט א הארעלע שכור.... נאר דאס איז... גארניט... די זאך דערפון איז... דער דאזיגער געדאנק... פארשטעהסטו מיך? איז זיי ווירקליך ארויפגעקומען אויפ'ן זינען... פארשטעהסט? דאס הייסט, זיי האבען קיינער איהם ניט געוואגט ארויסצוזאגען הויך אויף א קול, ווייל דאס איז דאך משונה ווילד און לעכערליך. היינט אז מען האט נאך געפאקט דעם פארבער, האט דאס געפלאצט און איז פארלאשען געווארען אויף אייביג. פאר־וואס אבער זענען זיי פראים? איך האב זאמעטאוו'ן דאן גוט געגע־בען — צווישען אונז זאל דאס, ברודער, בלייבען: איך בעט דיך, דו זאלסט זיך מאכען אינגאנצען ניט וויסענדיג, אז דו ווייסט פון עפּעס: איך האב באמערקט, אז ער איז האנאראוועע: דאס איז געווען ביי לאוויזא'ן, — נאר היינט, היינט איז אלץ געווארען קלאר. דער־הויפּט איז אט דער איליא פּעטראוויטש! — ער האט זיך דאן באַ־נוצט מיט דיין חלשות, און נאכדעם איז עס איהם אליין געווען א חרפּה: איך ווייס דאך...

ראסקאלניקאוו האט גיריג זיך צוגעהערט. ראזומיכין האט שכור־ערהייט אלץ ארויסגעפּלוידערט.

— איך בין דאן געפאלען אין חלשות, מחמת ס'איז געווען זעהר דושנע און עס האט געהאקט מיט אייל־פארב, — האט ראסקאלניקאוו געזאגט.

— ער גיט נאך מיר צו פארשטעהן! און ניט נאר די אייל־פארב אליין: די קרענק האט זיך געקליבען א גאנצען מאנאט: זאסימאוו פארשטעהט אין די זאכען: ווי ער איז דאס אבער איצט דערשלאגען, אט דער דאזיגער יונגאטש, — קענסטו זיך דאס גארניט פארשטעלען! „איך בין ניט ווערט דעם מינדסטען פינגער פון דעם דאזיגען מענשען!" דיין פינגער, הייסט עס. ער האט, ברודער־לעבען, אפטמאל טייערע גע־פיהלען. ער האט אבער איצט געהאט א לעהרע, שוין איינמאל א לעהרע האט ער געקריגען אין דעם „קריסטאל־פאלאץ". — דאס איז גאר געווען אויף חדושים! דו האסט דאך איהם אפריהער אנגעשרא־

קען. עס האבען איהם פשוט געוואָרפען אַלע גלידער! דו האסט דאך איהם שיער ניט ווידער איינגעשמועסט אין דער ראַזינער משונה־ ווילדער אונזיניגקייט און דערנאך פלוצלונג — האסטו איהם באוויזען א צונג — „נא, ווערג זיך!" חדושים! דערשלאָגען, צוטראַטען איז ער איצט! ביסט שוין איינמאל א מזיק. אויף מיינע נאמנות! אַט אזוי טאקע דאַרף מען מיט זיי ריידען! ער, ווען איך בין דאָרטען! איצט האט ער אויף דיר ממש די אויגען אויסגעקוקט. פאָרפירי וויל מיט דיר אויך באקאנט ווערען...

—אזוי... ער שוין אויך... און פארוואס עפעס האט מען מיך פאַרדרעכענט פאר א משוגענעם?

— דאס הייסט, ניט פאר א משוגענעם. איך האב דיר, ברודער־ לעבען, שוין צופיעל אנגעפלוידערט... פארשטעהסטו מיך, איהם האט זעהר איבעראשט דאס, וואס דיך אינטערעסירט ניט מעהר ווי דער איין פונקט: איצט איז קלאר, פארוואס ער אינטערעסירט דיך: ווי־ סענדיג אלע פרטים... און דאס האט דיך דאמאלס זעהר אויפגע־ רייצט, און עס האט זיך צוזאמענגעפלאָכטען מיט דער קרענק... איך בין, ברודער־לעבען, אביסעל שכור, נאר דער טייוועל ווייסט איהם, ער האט זיך עפעס אריינגענומען א געדאנק... איך זאג דיר דאך: ער האט זיך אריינגענומען אין קאָפּ גייסטיגע קראנקע און מאך מיט איהם עפעס! נאר שפּיי דארויף!

ביי א האלבע מינוט האבען זיי ביידע געשוויגען.

— הער, ראַזומיכין, האט ראסקאלניקאוו אנגעהויבען, — איך וויל דיר זאגען אפען: איך בין ערשט געוועזן ביי א טויטען, גע־ שטאָרבען איינער א בעאמטער... איך האב דאָרט אבגעגעבען דאס גאנצע געלט מיינע... און אויסערדעם האט מיך נאר־וואס געקושט א וועזען, וואס וואלט מיך אפילו דאן, ווען איך וואלט געווען עמיצען דער'הרגעט... מיט איין וואָרט, איך האב דאָרט געזעהן נאך א וועזען... מיט א פייערדיגער פעדער... איבעריגענס קריך איך אראב פון וועג: איך בין זעהר שוואך, האלט מיך אונטער... באלד איז שוין דאך די טרעפ...

— וואס איז עס מיט דיר? וואס איז עס מיט דיר? האט ראַזו־ מיכין אומרוהיג געפרעגט.

— דער קאפּ דרעהט זיך מיר אביסעל, נאר ניט דאס איז דער עיקר, — דער עיקר איז דאס, וואס מיר איז אזוי אומעטיג, אזוי אומעטיג! אזוי ווי איך וואלט זיין א פרוי... כ'לעבען! זעה נאר, וואס איז דאס אזוינס? זעה! זעה!

— וואס?

— זעהסט דען ניט? אין מיין צימער איז ליכטיג, זעהסט, אין שפּאלט...

זיי זענען שוין געשטאנען פאר דער לעצטער רייה טרעפּ, נעבען דער בעל-הבית'טעס טיר, און פון אונטען האט מען ווירקליך געקענט זעהן, אז ביי ראסקאלניקאוו'ן אין קאמער ברענט פייער.

— א מאדנע זאך! סיידען אפשר נאסטאסיא, — האט ראזומיכין ארויסגערעדט.

— אין דער צייט געהט זי קיינמאל ניט אריין, זי שלאפט שוין אודאי לאנג, נאר... מיר איז אלץ איינס! זיי געזונט!

— גאט איז מיט דיר! איך וועל דיך אונטערפיהרען, מיר וועלען צוזאמען אריין!

— איך ווייס, אז מיר וועלען צוזאמען אריין, מיר ווילט זיך אבער דיר דא געבען די האנט און זעגענען זיך מיט דיר. נו, גיב מיר די האנט, זיי געזונט!

— וואס איז עס מיט דיר, ראדיא?

— גארניט... קום... דו וועסט זיין אנ'עדות...

זיי האבען גענומען שטייגען אויף די טרעפּ ארויף, און ראזומיכינ'ען איז אייננעפאלען, אז זאסימאוו איז אפשר טאקע גערעכט. „עך! איך האב איהם גאר צוגערעדט מיט מיין פלוידעריי!" האט ער ארויסגעשטאמעלט פאר זיך, פּלוצלונג, צוגעקומען צו דער טיר, האבען זיי דערהערט אין צימער שטימען.

— וואס איז דא פארט אזוינס? — האט ראזומיכין אויסגעשריען.

ראסקאלניקאוו האט זיך דער ערשטער גענומען פאר'ן טיר, האט זי אויפגעמאכט און איז געבליבען שטעהן אויף דער שוועל אויסער זיך פאר איבערראשונג.

זיין מוטער און שוועסטער זענען געזעסען ביי איהם אויפ'ן דיוואן און געווארט שוין אנדערהאלבען שעה, פארוואס אבער האט ער זיך אויף זיי אמוועניגסטענס געריכט און וועגען זיי אמוועניגסטענס געטראכט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט היינט אפילו ווידער באקומען א בריעף, אז זיי זענען ארויסגעפאהרען, זיי פאהרען שוין, באלד קומען זיי אן? די גאנצע אנדערהאלבען שעה האבען זיי ניט אבגעלאזט נאסטאסיא'ן און זי פונאנדערגעפרעגט, איבערשלאגענדיג איינע די אנדערע. נאסטאסיא האט זיי שוין באוויזען אויסצודערצעהלען אלצדינג מיט אלע פליטערלעך. זיי זענען שיער ניט משוגע געווארען פאר שרעק, ווען זיי האבען דערהערט, אז ער איז „היינט אנטלאפען א קראנקער". און, ווי ס'איז קענטיג געוועזען פון איהרע ווערטער, האט ער געהאט זיכער היץ!... „רבונו של עולם, וואס איז דאס מיט איהם!"ביידע האבען זיי געוויינט, ביידע האבען זיי איבערגעליטען פאר די דאזיגע אנדערהאלבען שעה אלע ענוים פון גיהנם.

א פריידיג ענטציקט געשריי האט זיך ביי זיי ארויסגעריסען פון הארצען ביי ראסקאלניקאוו'ס אריינקומען. זיי האבען זיך אווארף געטאן צו איהם. ער איז אבער געשטאנען ווי א געשטארבענער; אנ'אונערטרעגליכעם אומגעריכטעם באוואוסטזיין האט איהם ווי א דונער געטראפען. און גלאט האבען זיך איהם די הענט ניט געהויבען זיי ארומצונעמען: זיי זענען עס ניט געוועזען אימשטאנד. די מוטער און די שוועסטער האבען איהם צוגעדריקט צו זיך, געהאלזט און געקושט איהם, געלאכט און געוויינט... ער האט געמאכט א טריט, זיך א וואקעל געטאן און א פאל געגעבען אויף דער ערד אין אהנמאכט.

א מהומה, געשרייען פון אימה, קרעכצען... ראזומיכין, וועלכער איז געשטאנען אויף דער שוועל, איז אריינגעפלויגען אין צימער, א כאפ געגעבען דעם קראנקען אין זיינע מעכטיגע ארעמס, און יענער איז אין איין אויגענבליק שוין געלעגען אויפ'ן דיוואן.

— נישקשה, נישקשה! — האט ער געשריען צו דער מוטער און שוועסטער, דאס איז ניט מעהר ווי געחלש'ט, ווערט א שפיי! נאר־וואס האט דער דאקטאר געזאגט, אז איהם איז אסך בעסער, אז ער איז פאלקאם געזונט! וואסער!... נו, אט קומט ער שוין צו זיך, נו, אט איז ער שוין איינגאנצען צו זיך געקומען.

און א נעהם געטאָן דוניטשקען פאר'ן האַנט אזוי, אז ער האָט איהר שיער זי ניט אויסגעדרעהט, האָט ער זי צוגעבויגען, זי זאָל א קוק טאָן, אז „אָט איז ער שוין אינגאנצען צו זיך געקומען". אי די מוטער אי די שוועסטער האָבען געקוקט אויף ראַזומיכינען, ווי אויף א שליח פון גאָט אליין, מיט ריהרענדע און דאַנקבארע בליקען: זיי האָבען שוין געהערט פון נאַסטאַסיא'ן, וואָס עס האָט געטאָן פאר ראָדיאָן, אין דער גאנצער צייט פון זיין קראנק זיין, אָט דער דאָזיגער „פלינקער יונגער מאַן" — אזוי האָט איהם דעמזעלבען אבענד אָנגע־רופען אין א אינטימען שמועס מיט דוניען פולכעריא אלעקסאנדראָוונא ראַסקאָלניקאָווא אליין.

(ענדע צווייטער טייל).

דריטער טייל

ערשטער קאפיטעל.

ראסקאלניקאוו האט זיך עטוואס אויפגעהויבען און זיך געזעצט אויפ'ן דיוואן.

ער האט שוואך א מאך געטאן ראזומיכינען מיט דער האנט, יענער זאל צומאכען דעם שטראם אונזיניגע און הייסע טרייסטווערטער, וועלכע האבען זיך געגאסען אויף זיין מוטער און שוועסטער. האט זיי ביידען אנגענומען פאר די הענט און אקעגען צוויי מינוט זיך שווייגענדיג איינגעקוקט דא אין איינער, דא אין דער אנדערער. די מוטער האט זיך דערשראקען פאר זיין בליק. אין דעם דאזיגען בליק האט געשיינט א פיינליך שטארקעס געפיהל, אין דערזעלבער צייט אבער איז אין איהם געוועזען עטוואס אונבאוועגליכעס, זאגאר וואהנזיניקעס. פולכעריא אלעקסאנדראוונא האט זיך פונאנדערגעוויינט.

אוודאטיא ראמאנאוונא איז געוועזען בלאס; איהר האנט האט געציטערט אין דעם ברודערס האנט.

— געהט אהיים... מיט איהם, — האט ער ארויסגערעדט מיט אנ'אבגעהאקטער שטים, אנווייזענדיג אויף ראזומיכינען, — ביז צו־מארגענס; מארגען וועט אלץ... איהר זענט שוין לאנג געקומען?

— אין אבענד, ראדיא, — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא געענטפערט, — דער צוג האט שרעקליך פארשפעטיגט. אבער איצט, ראדיא, וועל איך פאר קיין זאך אין דער וועלט ניט אוועקגעהן פון דיר! איך נעכטיג דא, נעבען...

— ניט מאטערט מיך! — האט ער צורייצט ארויסגערעדט און א מאך געטאן מיט דער האנט.

— איך וועל בלייבען מיט איהם! — האט ראזומיכין אויסגע־שריען, — אויף איין רגע אפילו וועל איך איהם ניט לאזען, און אלע מיינע געסט מעגען געהן צום טייוועל, זאלען זיי דארט קריכען אויף די ווענט! דארט איז מיין פעטער פרעזידענט.

— מיט וואס, מיט וואס זאל איך אייך אבדאנקען? — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא געוועזט אנגעהויבען, ווידער דריקענדיג

ראזומיכינען די האנט. ראסקאלניקאוו האט זי אבער ווידער איבערגע־שלאגען.

— איך קען ניט, איך קען ניט, האט ער געחזר׳ט אנ׳אויפגע־רייצטער, — ניט מאטערט מיך! גענוג, געהט אוועק... איך קען ניט!

— קומט, מאמישי, לאמיר כאטש פון צימער ארויס אויף א ווײלע, — האט שטיל ארויסגעמורמעלט די דערשראקענע דוניא, — מיר הר׳גענען איהם אוועק, דאס איז קלאר.

— וועל איך איהם אפילו ניט אנקוקען פאר די גאנצע דריי יאהר! — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא זיך צוואויינט.

— ווארט א ווײלע, — איז ער זיי ווידער אריינגעפאלען אין די רייד, — איהר שלאגט מיך אלץ איבער, און ביי מיר טומלען זיך די געדאנקען... געזעהן לוזשינען?

— ניין, ראדיא, ער ווייס אבער שוין פון אונזער קומען. מיר האבען שוין געהערט, ראדיא, אז פיאטר פעטראוויטש איז געווען אזוי פריינדליך און האט דיך היינט באזוכט, — האט פולכעריא אלעקסאנד־ראוונא צוגעגעבען אביסעל ניט זיכער

— יא... געווען אזוי פריינליך... דוניא, איך האב פריהער לוז־שינען געזאגט, אז איך וועל איהם אראבווארפען פון אלע טרעפ, און האב איהם ארויסגעטריבען צו אלדי שווארציאהר...

— ראדיא, וואס רעדסטו! געוויס... דו ווילסט ניט זאגען, — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא, אויסער זיך פאר שרעק, געוועזט אנגעהויבען, איז אבער שטיל געבליבען, קוקענדיג אויף דוניאן.

אוודאטיא ראמאנאוונא האט ניט אראבגענומען די אויגען פונ׳ם ברודער און האט געווארט — וואס ווייטער. זיי האבען שוין געהערט וועגען דער קריעג פון נאסטאסיען, אויף וויפיעל יענע האט געקענט פארשטעהן און איבערדערצעהלען, און זיי איז ארויסגעפאלען דאס הארץ פאר ספקות און ערוואַרטונג.

— דוניא, — האט ראסקאלניקאוו מיט אנשטרענגונג ווייטער גערעדט, — איך וויל ניט דעם שידוך, און דעריבער דארפסטו מאר־גען טאקע גלייך אבזאגען לוזשינען, זיין נאמען זאל דא אפילו ניט געדאכט ווערען.

— א גאט מיינער! — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא אויס־געשריען.

— ברודער, גיב א טראכט וואס דו רעדסט? — האט אוודאַ־טיא ראמאנאוונא אויפגערעגט אנגעהויבען, זי האט זיך אבער גלייך איינגעהאלטען. — דו ביסט אפשר איצט ניט אימשטאנד, דו ביזט מיעד. — האט זי שטיל געזאגט.

— איך רייד פון היץ? נייז... דו האסט חתונה מיט לוזשינען צוליעב מיר. און איך נעהם ניט אן קיין קרבן. דעריבער שרייב איהם צומארגענס אן א בריעף מיט אנ׳אבזאג... אין דער פריה וועסטו מיר געבען איבערלייענען, און א סוף!

— איך קען דאס ניט טאן! האט דאס יונגע מיידעל באליידיגט אויסגעשריען. — וואס פאר א רעכט האסטו...

— דוניטשקע, דו קאכסט זיך אויך, הער אויף, מארגען... דו זעהסט דען ניט... האט זיך די מוטער איבערגעשראקען, און זיך א ווארף געטאן צו דוניען. — אך, לאמיר שוין בעסער אוועקגעהן.

— ער רעדט פון היץ! — האט אויסגעשריען דער שכור׳ער ראזומיכין. — ווייל אניט וואלט ער דען געהאט די העזה? מארגען וועלען איהם די אלע נארישקייטען ארויספליהען פונ׳ם קאפ... היינט האט ער איהם טאקע מיט דער אמת׳ן ארויסגעטריבען דאס איז טאקע אזוי געווען. נו, איז יענער געווארען אין כעס... ער האט דא גע־דרשנ׳ט פאר פייער און פאר וואסער, באוויזען דא זיין למדנות, און איז נעבעך אוועק ווי אנ׳אבגעשמיסענער.

— איז דאס אלזא אמת? — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא אויסגעשריען.

— ביז מארגען, ברודער, — האט דוניא געזאגט מיט מיטלייד.

— קומט, מאמישי... זייט געזונט, ראדיא!

— דו הערסט, שוועסטער, — האט ער גלייך איבערגע׳חזר׳ט, אנשטרענגענדיג די לעצטע קרעפטען, — איך רייד ניט פון היץ; דער דאזיגער שידוך איז א נידערטרעכטיגקייט. זאל זיין, אז איך בין נידער־טרעכטיגט, דו אבער טארסט עס ניט... איינער פון אונז... און איך מעג זיך זיין נידערטרעכטיגט, אבער אזא שוועסטער וועל איך ניט האלטען פאר א שוועסטער, אדער איך, אדער לוזשין! געהט אוועק...

— דו ביסט דאך פון זינען אראב, דעספאט איינער! — האט ראזומיכין ארויסגעדונערט.

ראסקאלניקאו האט שוין אבער ניט געענטפערט און אפשר איז

ער ניט אימשטאנד געווען צו ענטפערן. ער האט זיך געלעגט אויפ'ן דיוואן און זיך אבגעקעהרט צום וואנט, איינגאנצען א צובראכענער. אווֹדאטיא ראמאנאווגא האט א נייגעריגען קוק געטאן אויף ראזור־מיכינען: איהרע שווארצע אויגען האבען אויפגעבליצט: ראזומיכין האט אזש אויפגעציטערט אונטער דעם דאזיגען בליק. פולכעריא אלעקסאנדראווגא איז געשטאנען, אויסער זיך פאר איבערראשונג.

— איך קען בשום אופן ניט אוועקגעהן! — האט זי שטיל געזאגט צו ראזומיכינען, שיער ניט אין פארצווייפלונג. — איך וועל בלייבען דא, ערגעץ־וואו... פיהרט אונטער דוניען.

— און איהר וועט אלעס קאליע מאכען! — האט אויך אזוי שטיל ראזומיכין געזאגט, ארויסגעהענדיג פון די כלים. — לאמיר כאטש אויף די טרעפ ארויס. נאסטאסיא, לייכט צו! איך קען אייך שווערען, האט ער פארטגעזעצט האלב־פליסטערנדיג, אויף די טרעפ שוין, — אז פריהער האט ער זיך שיער ניט געכאפט שלאגען צו אונז, צו מיר, הייסט עס, מיט'ן דאקטאר! איהר פארשטעהט צי ניט? צום דאקטאר אליין! און יענער האט איהם נאכגעגעבען, אבי איהם ניט אויפרייצען, און איז אוועקגעגאנגען, און איך בין געבליבען אויף א וויילע און בין דערנאך אויך ארונטער: האט ער זיך אנגעטאן און געמאכט פליטה. און איצט וועט ער אויך מאכען די פליטה, אז איהר וועט איהם אויפרייצען: דערמאנט זיך, ביינאכט, ער קען זיך עפעס גאר אנטאן...

— וועה — וועה! וואס רעדט איהר!

— און אוודאטיא ראמאנאווגא קען אהן אייך, איינע אליין, אויך ניט בלייבען אין א נומער! איהר ווייסט ניט, וואו איהר שטעהט איין! אט דער דאזיגער מנוול האט אייך דען ניט געקענט קריגען קיין בעסערע וואוינונג... איבעריגענס בין איך אביסעל שכור'לעך, דארפט איהר וויסען, דעריבער האב איך איהם... א זידעל געטאן; ניט מאכט קיין פירוש...

— נו, דאן וועל איך געהן צו דער בעל־הבית'טע זיינע, — האט פולכעריא אלעקסאנדראווגא זיך געהאלטען ביי דאס איהריגע, — איך וועל ביי איהר פועל'ן, זי זאל מיר מיט דוניען געבען א ווינקעל אויף היינטיגער נאכט. איך קען איהם אזוי ניט לאזען, איך קען ניט!

אזוי ריידענדיג, זענען זיי געשטאנען אויף די טרעפ, פונקט

געגנעאיבער דער בעל־הבית׳טעס טיר. נאסטאסיא האט זיי צוגע־לויכטען פון דעם אונטערשטען טרעפּעל. ראזומיכין איז געוועז אין אַן׳אונגעוועהנליכער אויפרעגונג. ערשט מיט א האלבע שעה צוריק, בעת ער האט באגלייט אהיים ראסקאָלניקאָוו׳ן, האט ער אפילו אויך צופיעל געפּלוידערט און האט דאס אליין פארשטאנען. דאך איז ער נאך געוועז זעהר מונטער און כמעט ניכטער, ניט קוקענדיג אויף דער שרעקליכער מאסע ווייז, וואס ער האט פאר׳ן אבענד אויסגעטרונקען. איצט אבער איז זיין צושטאנד געוועז עהנליך אויף עפּעס א׳ מין התפּעלות און צו גלייכער צייט האט איהם דער אויסגעטרונקענרע וויין גלייך ווי פּלוצלונג ווידער א זעץ געטאן אין קאָפּ, מיט א דאָפּעל־טער קראפט. ער איז געשטאנען מיטביידע דאמען, אנגעכאפּט זייערעביידענס הענט, האט זיי געגעבען צו פארשטעהן מיט א זעל־טענער אפּענהערציגקייט, אז זיי דארפען אוועקגעהן. דערביי האט ער ביי איטליכען ווארט זיינעם שטייף־שטייף, ווי אין צוואנגען, גע־דריקט זיי ביידען די הענט ביז צום וועה טאן, אפנים כדי זיי וואס בעסער צו איבערצייגען, און האט, דאכט זיך, געגעסען מיט די אויגען אוודאטיא ראמאנאוונא׳ן; איהם איז אפילו גאר ניט איינגעפאלען, אז עס איז ניט ארטיג... פאר וועהטאג פלעגען זיי אמאָל ארויס־רייסען זייערע הענט פון זיין ריעזען־גרויסער ביינערדיגער האנט, ער פלעגט עס אבער ניט נאר ניט באמערקען, נאר האט זיי נאך שטארקער געשלעפּט צו זיך. ווען זיי טוען איהם א זאג, ער זאָל פון זייער טובה וועגען זיך אראבווארפען די רגע פון די טרעפּ מיט׳ן קאפּ אראב, וואלט ער עס גלייך ערפילט, אהן קיינע טענות און קווייגקלע־ניש. פולכעריא אלעקסאנדראוונא, שרעקליך צוטראגען פון די געדאנ־קען וועגען ראדיא׳ן, האט אפילו געפיהלט, אז דער יונגערמאן איז שוין צו עקסצענטריש און דריקט איהר שוין צו שמערצליך די האנט; נאר אזוי ווי ער איז צוגלייכער צייט געוועז ביי איהר פאררעכענט פאר דעם אויבערשטענס א שליח, האט זי ניט געוואלט באמערקען די אלע עקסצענטרישע שטיק. אויך אוודאטיא ראמאנאוונא, וואס איז געוועז שטארק אומרוהיג וועגען ראדיא׳ן, און איז ניט געוועז פון די שרעקעדיגע מיידלעך, האט מיט פארוואונדערונג און אפילו מיט א מין שרעק באגעגענט די בליקען פון איהר ברודערס פריינט, וועלכע האבען געברענט מיט א ווילדען פייער, און נאר דער אונענדליכער

צוטרוי. וואָס נאַסטאַסיאַס ערצעהלונגען וועגען דעם דאָזיגען מאָדנעם מענשען האָבען איינגעפלאַנצט אין איהר, האָט זי זיך איינגעהאַלטען פון צו פּרובען זיך אַנטלויפען פון איהם און אוועקשלעפּען מיט זיך די מוטער. זי האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז איצט איז שוין אפשר אונמעגליך צו אַנטלויפען פון איהם. איבעריגענס האָבען זיי זיך אין אַ מינוט צעהן אַרום אַביסעל באַרוהיגט: ראַזומיכין האָט געהאַט אַ טבע אין איין אויגענבליק זיך אינגאַנצען אַרויסצוזאָגען, אין וואָס פאַר אַ שטימונג ער זאָל ניט געוועזען זיין, אַזוי אַז אַלע פלעגען זעהר גיך געוואָהר ווערען, מיט וועמען זיי האָבען דאָ צו טאָן.

— וועגען דער בעל־הבית'טע קלערט גאָר ניט, ס'איז אַ נעבטיגער טאָג! — האָט ראַזומיכין אויסגעשריען. ווענדענדיג איבערציינגען פולכעריא אַלעקסאַנדראָוונאַ'ן. — איהר מעגט זיך זיין אַ מורטער, נאָר טאָמער וועט איהר בלייבען, ברענגט איהר איהם אריין אין אַ רציחה. און דאַמאָלס וועט קיין רבונו של עולם ניט העלפען! הערט, אָט וואָס איך וועל טאָן: איצט וועט מיט איהם אַ ווײַלע זיצען נאַסטאַסיאַ, און איך וועל אייך ביידען אַבפיהרען צו אייך, ווייל אַליין טאָרט איהר ניט געהן איצט אין גאַס: ביי אונז אין פּעטערבורג איז אין דעם פּרט... נאָר ס'איז ווערט אַ שפּיי! דערנאָך לויף איך פון אייך אַהערצו און אין אַ פערטעל שעה אַרום, אויף מיין עהרען־וואָרט, ברענג איך אייך אַ באַריכט: וואָס מאַכט ער? שלאָפט ער אָדער ניט? און דאָסגלייכען. דערנאָך, איהר הערט, דערנאָך היידאַ גלייך פון אייך צו מיר. — ביי מיר זענען דאָרט געסט, אַלע שכור, נעהם איך זאָסימאָוו'ן. דאָס איז דער דאָקטאָר וואָס היילט איהם, ער זיצט איצט ביי מיר, ניט שכור: ער איז ניט שכור, קיינמאָל ניט שכור! שלעפּ איך איהם אוועק צו ראָדקען און דערנאָך גלייך צו אייך: אַלזאָ האָט איהר וועגען איהם צייט איין שעה צוויי ידיעות. — פון דאָקטאָר אויך, איהר פאַרשטעהט, פון דאָקטאָר אויך, דאָס האָט שוין אַביסעל מעהר צו זאָגען. ווי פון מיר! אויב עס וועט האַלטען שמאָל, שווער איך אייך, אַז איך וועל אייך אַליין ברייננגען אַהער, און אויב ס'וועט זיין גוט, טאָ לעגט זיך שלאָפען. און איך שלאָף דאָ היינט די נאַכט, אין פאַרהויז, ער וועט ניט וויסען, און זאָסימאָוו'ן וועל איך הייסען שלאָפען ביי דער בעל־הבית'טע, ער זאָל זיין אונטער דער האַנט. נו, וואָס איז פאַר איהם גלייכער: איהר אָדער דער דאָקטאָר? דער

דאָקטאָר איז דאָך נייטיגער, נייטיגער. נו, טאַ גייט איך געזונטער־הייט אַהיים! און צו דער בעל־הבית׳טע איז אומעגליך; מיר איז מעגליך און איך איז אוממעגליך: זי וועט ניט לאָזען. ווייל... ווייל זי איז א שוטה... זי וועט מיך נאָכאיינפּערן צו אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ. אויב איהר ווילט וויסען, און צו איך אפילו אויך... ווענען אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ׳ן איז שוין אָבגערעדט. דאָס איז זעהר און זעהר אָנ־אויסטערלישע נאַטור! איבעריגענס בין איך אויך א שוטה... עט, ס׳איז ווערט א שפּיי! קומט! איהר גלויבט מיר? נו, איהר גלויבט מיר צי ניט?

— קומט, מאַמישי, — האָט אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ געזאָגט, — ער וועט געוויס אַזוי טאָן, ווי ער זאָגט צו. ער האָט שוין איינמאָל געראַטעוועט דעם ברודער, און אויב דאָס איז אמת, — אז דער דאָקטאָר וועט באַשטעהן דאָ צו נעכטיגען, איז וואָס דאַרף מען בעסער?

—אָט איהר... איהר... פאַרשטעהט מיך, ווייל איהר זענט — א מלאך! — האָט ראַזומיכין איז התפּעלות אויסגעשריען. — קומט! נאַסטאַסיאַ, געה געשווינט אַרויף אויבען און זיץ דאָרט נעבען איהם. ביים פייער; איך קום אין א פערטעל שעה אַרום...

פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז אפילו ניט געווען גאָר איבער־צייגט, דאָך האָט זי זיך מעהר ניט איינגעשטעלט. ראַזומיכין האָט זיי ביידען גענומען אונטער די הענט און אָנגעהויבען שלעפּען זיי פון די טרעפּ. די מוטער האָט זיך דאָך באַונרוהיגט: „אפילו א געשיקטער יונג און א גוטער, איז ער אָבער דען אימשטאַנד צו ערפילען, וואָס ער זאָגט צו? ער איז דאָך אין אַזאַ צושטאַנד!...“

— אהא, איך פאַרשטעה, איהר טראַכט, אז איך בין אין אַזאַ צושטאַנד! — האָט ראַזומיכין איבערגעשלאָגען איהרע געדאַנקען, וועלכע ער האָט פּונקט צונעטראָפען, שפּרייזענדיג מיט זיינע מורא׳דיג גרויסע טריט איבערן טראָטואַר, אַזוי אזביידע דאַמען האָבען קוים איהם געקענט נאָכגעהן; איבעריגענס האָט ער עס ניט באַמערקט. — ס׳איז ווערט א שפּיי! דאָס הייסט... איך בין יאָ שכור, ווי א לעקיש, ניט דאָס איז אָבער דער עיקר; איך בין שכור ניט פון וויין. ווי נאָר איך האָב אייך דערזעהן, האָט עס מיר א זעץ געטאָן אין קאָפּ... נאָר שפּייט אויף מיר! ניט מאַכט דערפון קיין ווערטן: איך ליג, איך בין אייך ניט ווערט... איך בין ניט ווערט אייער נאָגעל אפילו!...

ווי נאָר איך פיהר אייך אָב, גיס איך גלייך אויס אויפ'ן קאָפּ צוויי עמער וואסער, דאָ טאקע אין קאנאל, און פארטיג... ווען איהר וואלט נאָר וויסען, ווי איך האָב אייך ביידען ליעב... ניט לאַכט און ניט זענט בייז!... אויף אַלעמען קענט איהר זיין בייז, אויף מיר אָבער ניט. איך בין איהם א גוטער פריינד, אַלזאָ בין איך אייך אויך א גוטער פריינד... אזוי וויל איך... איך האָב עס נאָך פריהער געפיהלט... פאַר איאהרען. געווען אזא שעה אויף מיר... איבריגענס, האָב איך עס נאָר ניט געפיהלט אַ פריהער, ווייל איהר זענט ווי פונ'ם הימעל אראָב־געפאלען. און איך וועל אפשר א גאנצע נאכט ניט שלאָפען... דער דאָזיגער זאסימאָוו האָט פריהער מורא געהאַט, ער זאָל ניט אראָב פון זינען. אַט פארוואָס מען דאַרף איהם ניט צורייצען...

— וואָס רעדט איהר? — האָט די מוטער אויסגעשריען.

— האָט דער דאָקטאָר אַליין אזוי געזאָגט? — האָט מיט שרעק געפרעגט אווּדאָטיא ראָמאַנאָוונא.

— געזאָגט, נאָר ניט דאָס איז דער עיקר, נאָר ניט דאָס. ער האָט עפּעס א רפואה אויך געגעבען, א פּראָשעק אזא, איך האָב אַליין געזעהן. און דאָ זענט איהר אָנגעפאהרען... ער! איהר וואלט בעסער באַדאַרפט מאָרגען קומען! זעהר גוט, וואָס מיר זענען אוועק. און אין א שעה ארום וועט אייך זאסימאָוו אַליין אָבגעבען א ראפּאָרט. אַט יענער איז טאקע ניט שכור! און איך וועל אויך זיין ניט שכור... און צוליעב וואָס, מיינט איהר, האָב איך אין זיך אזוי פיעל אריינגע־קעהרט? דערפאַר ווייל זיי האָבען מיך אריינגעשלעפּט אין א וכוח, געהען זיי צו אַלדי שווארציאָהר! איך האָב זיך דאָך פארשוואָרען זיך ניט צו שפּאָרען!... אז זיי האַקען אָבער פאַרט ווי אין קרויט!
— שיער זיך ניט צושלאָגען מיט זיי! איך האָב דאָרט געלאָזט דעם פעטער, פאַר א פּרעזידענט... איהר וועט גלויבען: זיי פאָדערן, מען זאָל אינגאַנצען פארשטיקען דעם אייגענעם איך, און דערפון לעקען זיי נאָר די פינגער! אַלץ זיין, נאָר ניט ווי מען איז אַליין, נאָר ניט עהנליך זיין אויף זיך, און אַט דאָס הייסט ביי זיי די העכסטע שטופע פון פּראָגרעס. ווען זיי וואלטען כאָטש זאָגען אייגענע ליגענס, איז דאָך אָבער...

— הערט נאָר, — האָט איהם פולכעריא אלעקסאנדראָוונא עפּעס אזוי ווי ניט־זיכער איבערגעשלאָגען.

דאָס האָט אָבער איהם צוגעגעבן נאָך מעהר היץ.

— און וואָס מיינט איהר איז דער אמת׳ן? — האָט ער גע־שריען, נאָך העכער אויפהויבענדיג זיין קול, — איהר מיינט, אַז איך בין אויף זיי אַנגעשטויסען פאַר זייערע ליגענס? אַ נעכטיגער טאָג! איך האָב ליעב, ווען מען ליגט! דאָס ליגען איז די איינציגע מענש־ליכע פּריווילעגיע געגען אַלע אַנדערע אָרגאַניזמען. ליגענדיג — וועסטו קומען צום אמת! דערפאַר בין איך דאָך אַ מענש. איך זאָל ליגען. מען איז ניט געקומען צו איין אמת אַפילו, ניט האָבענדיג פריהער געלייזט אַמאָל פערצעהן און אפשר הונדערט און פערצעהן. און דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס נאָך אַ כבוד. נו, און מיר קענען אַפילו קיין ליגען אויך ניט זאָגען מיט אונזער אייגענעם שכל! מעגסט זיך ליגען געזונטערהייט, אָבער ליג אויף דיין אייגענעם שטייגער, וועל איך דיר דאַן אַ קוש טאָן. ליגען אויפ׳ן אייגענעם שטייגער, — דאָס איז דאָך שוין כמעט בעסער ווי אַנ׳אמת פון אַנ׳אַנדערען. ווי אַ פרעמדער אמת: אין דעם ערשטען פאַל ביסטו אַ מענש, אין דעם צווייטען אָבער ביסטו ניט מעהר ווי אַ פויגעל! דער אמת וועט ניט וואו אַהינקומען, דאָס לעבען אָבער פאַרהאַקען קען מען: ס׳איז שוין געווען אַזוינע ביישפּילען. נו, וואָס זענען מיר איצט? אַלע אָהן אַנ־אויסנאַהם זענען מיר דאָך נאָך מלופום־קינדער, וואָס עס אַנבעלאַנגט צו וויסענשאַפט, ענטוויקילונג, דענקען, ערפינדונגען, אידעאַלען, פאַר־לאַנגען, ליבעראַליזם, פאַרשטאַנד, ערפאַהרונג און צו אַלץ, צו אַלץ, צו אַלץ, צו אַלץ! אונז איז געפעלען געוואָרען אויסצוקומען מיט פרעמדען שכל. — איז דאָוואי! אפשר ניט אַזוי? אפשר ניט אַזוי, וועט איהר זאָגען? — האָט ראַזומיכין געשריען, טרייסלענדיג און דריקענדיג די הענט פון ביידע דאַמען. — אפשר ניט אַזוי?

— אַ, גאָט מיינער, איך ווייס ניט, — האָט נעבאָך פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט.

—ס׳איז אַזוי, אַזוי... אַפילו ניט אין אַלעם בין איך מיט אייך איינשטימיג, — האָט אַוודאָטיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ ערנסט צוגעגעבען און אין דעמזעלביגען אויגענבליק אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, אַזוי שטאַרק האָט ער איהר דאַמאָלס צונויפגעדריקט די האַנט.

— אַזוי? איהר זאָגט, אַז ס׳איז אַזוי? נו, אויב אַזוי זענט איהר... זענט איהר... האָט ער אויסגעשריען אין התפעלות, — זענט

איהר דער קוואַל פון גוטסקייט, ריינקייט, פארשטאַנד, און... פאַלקאַ־מענהייט! גיט מיר אייער האַנט, גיט... איהר גיט אויך... איך וויל אַ קוש טאָן אייערע הענט אַטאַ דאָ, אויף די קניה!

און ער איז געפאַלען אויף די קניה אין מיטען טראָטואַר, וואו ס'איז, צום גליק, גראָד קיינער ניט געווען.

— הערט אויף, איך בעט אייך, וואָס טוט איהר דאָס? — האָט אויסגעשריען פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אויסער זיך פון אומרו־היגקייט.

— שטעהט אויף, שטעהט אויף! — האָט דוניע געלאַכט און זיך אויך בעאונרוהיגט.

— בשום אופן ניט, אַז איהר וועט מיר ניט געבען די הענט! אַט אַזוי, און גענוג, און אויפגעשטאַנען, און געגאַנגען! איך בין אַ שלימזל און אַ פּעטעך, איך בין אייך ניט ווערט, און בין שכור און שעם זיך... ליעב האָבען אייך בין איך ניט ווערט, אָבער בוקען זיך פאַר אייך — דאָס איז אַ חוב פאַר יעדען איינציגען, אויב ער איז נאָר ניט קיין אמת'ע חיה! האָב איך זיך אַ בוק געטאָן... אַט האָט איהר שוין אייערע נומערן, און שוין דערפאַר אַליין איז ראָדיאַ גערעכט, וואָס ער האָט אין דער פריה אַרויסגעטריבען אייער פּיאָטר פּעטראָ־וויטש'ן! ווי אַזוי האָט ער עס געהאַט די העזה צו פאַרפיהרען אייך אין אַזוינע נומערן? דאָס איז אַ סקאַנדאַל! איהר ווייסט, וועמען מען לאָזט אַהער אַריין? און איהר זענט דאָך אַ כלה! איהר זענט אַ כלה, יאָ? נו, אויב אַזוי, מוז איך זאָגען, אַז אייער חתן איז אַ מיאוסער מענש.

— הערט נאָר, הערר ראַזומיכין, איהר האָט פאַרגעסען... האָט פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אָנגעהויבען.

— יאָ, יאָ, איהר זענט גערעכט, איך האָב זיך פאַרגעסען, איך שעם מיך! האָט ראַזומיכין זיך פאַרכאַפּט, — נאָר... נאָר... איהר קענט אויף מיר ניט זיין בייז דערפאַר, וואָס איך רייד אַזוי! ווייל איך רייד עס אַזוי פון גאַנצען האַרצען און ניט מחמת... הם! דאָס וואָלט זיין נידערטרעכטיגט: מיט איין וואָרט, ניט מחמת איך בין אין אייך... הם!... נו, מילא, מען דאַרף ניט, איך וועל ניט זאָגען פאַרוואָס, איך האָב ניט די העזה!... און מיר האָבען אין דער פריה אַלע פאַר־שטאַנען, ווי נאָר ער איז אַריין, אַז ער איז ניט פון אונזערע מענשען.

ניט מחמת ער איז אריינגעקומען אנגעפריזירט, ערשט פון פאריקמאַ־
כער, ניט מחמת ער האט תיכף ומיד גענומען ארויסווייזען זיין שכל,
נאר ווייל ער איז אנ׳אויסקוקער און א שפעקולאנט, ווייל ער איז
אנ׳אפעריסט און א שווינדלער. דאס דערקענט מען גלייך. איהר מיינט,
ער איז קלוג? ניין, ער איז א נאר, א נאר! נו, איז ער דען אייער
גלייכען? א, גאט מיינער! איהר פארשטעהט, מיינע דאמען, — איז
ער פלוצלונג געבליבען שטעהן, שוין אויף די טרעפ פון די נומערן
ארויף, — כאטש אלע געסט מיינע זענען ביי מיר שכור, דערפאר
אבער זענען זיי אלע עהרליכע לייט, און כאטש מיר לייגען אפילו,
ווייל איך לייג דאך אויך, דאך וועלען מיר אזוי לאנג לייגען, ביז
מיר וועלען פארט צום אמת קומען, דען מיר שטעהען אויף א שענעם
וועג, אבער פיאטר פעטראוויטש... שטעהט ניט אויף קיין שענעם וועג.
איך האב זיי נאר־וואס געזידעלט אויף וואס די וועלט שטעהט, אבער
דאך אכט איך זיי אלעמען: זאמעטאוו׳ן אפילו. כאטש איך אכט
איהם ניט, דאך האב איך איהם ליעב, ווייל ער איז נאך א יונג הינ־
טעל! אפילו די דאזיגע חיה, וואס הייסט זאסימאוו, ווייל ער איז אנ׳־
עהרליכער און פארשטעהט א געשעפט... גענוג אבער, אלץ איז געזאגט
און פארגעבען. פארגעבען? צי ניט? נו, קומט. איך קען דעם דאזיגען
קארידאר, געוועזן ניט איינמאל: אט דא, איז דער דריטער נומער,
איז געוועזן אנומעלט א סקאנדאל... נו, וואו איז ערגעץ איירע צימער?
וואסער נומער? דער אכטער? נו, זאלט איהר זיך אויף ביינאכט
פארשליסען, קיינעם ניט אריינלאזען. איז א פערטעל שעה ארום ביז
איך ווידער דא מיט א ידיעה און אין א האלבע שעה קום איך מיט
זאסימאוו׳ן, איהר וועט זעהן, זייט געזונט, איך לויף!

— גאט מיינער, וואס וועט דאס זיין, דוניטשקע? — האט
פולכעריא אלעקסאנדראוונא געזאגט, אומרוהיג און מיט שרעק זיך
ווענדענדיג צו דער טאכטער.

— בארוהיגט זיך, מאמישי, — האט דונאי געענטפערט, אויס־
טוענדיג דעם הוט און דעם מאנטעל, — גאט אליין האט אונז איהם
צוגעשיקט אבוואהל ער האט ווירקלעך א פנים אביסעל אויסגעטרונ־
קען. אויף איהם קען מען זיך פארלאזען, איהר מעגט זיין זיכער. און
אלעס, וואס ער האט פאר׳ן ברודערס וועגען געטאן ביז אהער...

ה— אך דוניטשקע, דאס גוטע יאהר ווייסט איהם, צי ער וועט

קומען! און ווי איז דאָס ביי מיר געווען רעכט צו לאָזען ראַדיאָ'ן...
ניט אַזוי, גאָר ניט אַזוי האָב איך מיר פאָרגעשטעלט איהם צו טרעפען!
ווי בייז און קאַלט ער איז געוועזען, גלייך ווי ער איז ניט צופרידען
מיט אונזער קומען...

טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

— ניין, מאַמישי. דאָס איז ניט אַזוי. איהר האָט זיך ניט צו־
געקוקט, איהר האָט אַלץ געוויינט. ער איז זעהר צורודערט פון אַ
גרויסער קראַנקהייט, — דערפון נעהמט זיך אַלץ...

— אַך, די קראַנקהייט! וואָס וועט דאָס זיין! וואָס וועט דאָס
זיין! און ווי ער האָט דאָס מיט דיר גערעדט, דוניאַ, — האָט די מי־
טער געזאָגט און ציטערנדיג אַריינגעקוקט דער טאָכטער אין די אויגען
אַריין, איבערצולייענען איהרע געדאַנקען, און שוין האַלב געטרייסט
דערמיט, וואָס דוניאַ אַליין שטעלט זיך איין פאַר ראַדיאָ'ן — הייסט
עס, אַז זי האָט איהם מוחל געווען. — איך בין זיכער, אַז מאָרגען וועט
ער חרטה האָבען, — האָט זי צוגעגעבען, אין דער האָפנונג, די טאָכ־
טער זאָל זיך איינגאַנצען אַרויסזאָגען.

— און איך בין זיכער, אַז מאָרגען אפילו וועט ער אויך זאָגען
דאָס אייגענע... וועגען דעם, — האָט אווראָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ אָבגע־
האַקט.

און דאָס איז שוין נאַטירליך געווען אַ שטיין פאַרוואָרפען, ווייל
דאָ איז געווען אַ פונקט, וועגען וועלכען פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ
האָט איצט זעהר מורא געהאַט צו ריידען. דונאַי איז צוגעגאַנגען צו
דער מוטער און איהר אַ קוש געגעבען. יענע האָט זי פעסט אַהן ווער־
טער אַרומגענומען. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט און האָט אומרוהיג
גענומען וואַרטען אויף ראַזומיכינס צוריקקומען. זי האָט ניט אַראָבגע־
נומען איהרע ניט־זיכערע בליקען פון דער טאָכטער, וועלכע איז מיט
צונויפגעשלאָגענע הענט אין ערוואַרטונג געגאַנגען אויף און אָב איבערן
צימער, טראַכטענדיג פאַר זיך. אַזאַ מין געהן אויף און אָב איבערן
צימער, פאַרטראַכטערהייט, איז געווען אווראָטיאַ ראָמאַנאָוונאַס אַ גע־
ווענהייט, און די מוטער האָט עפּעס שטענדיג מורא געהאַט צו צושטע־
רען אין אַזאַ מאָמענט איהרע געדאַנקען

געווים איז ראַזומיכין געווען קאָמיש אין זיין פלוצליכער ליידענ־

שאפט צו אוודאטיא ראמאנאוונא'ן. וואס האט זיך איהם אנגעצונדען שכורערהייט; א קוק געבענדיג אבער אויף אוודאטיא'ן, בפרט איצט, ווען זי איז מיט צונויפגעשלאגענע הענט געגאנגען אויף און אב איי־בערן צימער, אומעטיג און פארטראכט, וואלטען איהם א סך אפשר מוחל געווען, ניט ריידענדיג שוין פון זיין עקסצענטרישען צושטאנד. אוודאטיא ראמאנאוונא איז געווען וואונדערשעהן. — הויך, אונגע־וועהנליך שלאנק, שטארק, זיכער אין זיך, — דאס האט ארויסגעקוקט פון איטליכען זשעסט איהרען, דאך האט עס ניט אוועקגענומען פון איהרע באוועגונגען זייער ווייכקייט און גראציע. דאס געזיכט איהרס איז געווען עהנליך אויפ'ן ברודערס, זי האט אבער שוין געקענט הייי־סען אנ'אמת'ע שענהייט. די האר איהרע זענען געווען טונקעל־בלאנד; עטוואס העלער ווי ביים ברודער: די אויגען כמעט ווי שווארץ, פינ־קלענדיגע, שטאלצע און אין דערזעלבער צייט, אפטמאל, ווייל ענווייז, אונגעוועהנליך גוטע. זי איז געווען בלאס, אבער ניט קרענקליך־בלאס; איהר געזיכט האט געשפראצט מיט פרישקייט און געזונט. דאס מויל איהרס איז געווען עטוואס קליין, און דאס אונטערשטע ליפעלע, פריש און רויט, איז געווען אביסעל ארויסגערוקט פאראויס צוזאמען מיט'ן קין, — די איינציגע אונרעגעלמעסיגקייט אין דעם דאזיגען הערליכען געזיכט, וואס האט איהם אבער צוגעגעבען א באזונ־דערע כאראקטער־פעסטקייט, און צו גלייכער צייט, עפעס אזוי ווי א מין גאווה'דיגע שטאלצקייט. דער אויסדרוק פון איהר געזיכט איז שטענדיג געווען מעהר ערנסט, ווי פרעהלעך. ערנסט און אין זיך פאר־טיעפט; דערפאר אבער האט אזוי שעהן געפאסט דער שמייכעל צו דעם דאזיגען געזיכט, אזוי שעהן געפאסט דאס געלעכטער, דאס לוס־טיגע, יונגע, אין אלץ פארגעסענדע געלעכטער! ס'איז זעלבסטפאר־שטענדליך, אז דער היציגער, אפענהערציגער, נאאיווער, עהרליכער, ריעזען־שטארקער און שכורער ראזומיכין, וואס האט קיינמאל אויף זיין לעבען ניט געזעהען עטוואס אזעלכעס, האט פארלארען דעם קאפ. דערצו נאך האט איהם דער מזל, ווי מיט א כיון, געוויזען דוניא'ן אין דעם הערליכען מאמענט, פול ליעבע און פרייד, ווען זי האט זיך ווי־דער געטראפען מיט'ן ברודער נאך א לאנגען צושיידט זיין. ער האט דערנאך געזעהן, ווי ביי איהר האט א ציטער געטאן פאר אויפגע־בראכטקייט דאס אונטערשטע ליפעלע, אז זי האט דערהערט די פרעכע,

אונדאַנקבאַרע אין אַכזריות'דיגע באַפעהלען פון איהר ברודער. — און ער האָט ניט געקענט ביישטעהן.

איבריגענס האָט ער געזאָגט אַנ'אמת. ווען ער האָט זיך פריהער אויסגערעדט אויף די טרעפּ, אַז ראַסקאָלניקאָוו עקסצענטרישע בעל-הבית'טע, פּראַסקאָוויאַ פּאַוולאָוונאַ, וועט איהם נאַכאַייפערן ניט נאָר צו אוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ'ן, נאָר אפשר צו פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ'ן אַליין. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איהר איז שוין געווען דריי און פערציג יאָהר, האָט איהר געזיכט נאָך אַלץ געטראָגען אויף זיך סימנים פון געוועזענער שענקייט, און אויסערדעם האָט זי אויסגעזעהן אַ סך יינגער, ווי דאָס טרעפט כמעט שטענדיג מיט די פרויען, וועלכע האָבען באַוויזען צו באַהאַלטען ביז צו דער עלטער, די קלאָרקייט פון גייסט, די פרישקייט פון איינדריקען, און אַנ'עהרליך ריין היים האַרץ. אַז ס'איז שוין געקומען צו רייד, וועלען מיר באַמערקען, אַז דאָס אַלעס באַהאַלטען איז די איינציגע סגולה ניט צו פאַרלירען די שענקייט אפילו אויף דער עלטער. איהרע האָר האָבען שוין גענומען גרוי און שיטער ווערען, קליינע קנייטשלעך האָבען זיך שוין פון לאַנג צו גע-צויגען ווי שטראַהלען אַרום איהרע אויגען, די באַקען זענען איינגע-פאַלען און אויסגעדאַרט געוואָרען פון זאָרג און דאגה. און דאָך איז דאָס דאָזיגע געזיכט געווען הערליך שען. דאָס איז געווען דוניטשקעס אַ בילד, אַבער אין אַ צוואַנציג יאָהר שפּעטער, און אויסערדעם האָט אין איהם געפעהלט דער אויסדרוק פון דעם אונטערשטען ליפּעלע, וואָס האָט זיך ביי איהר ניט אַרויסגערוקט פאַראויס. פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז געווען סענטימענטאַל, דאָך אַבער ניט ביז זיס-קייט, ציטערדיג און נאַכגיביג, אַבער ביז אַ געוויסער גרענעץ: זי האָט אַ סך געקענט איבערלאָזען, אויף אַ סך געקענט איינגעהן, אפילו אויף אַזעלכעס, וואָס איז געווען געגען איהרע איבערצייגונגען. דאָך איז שטענדיג געווען אַזאַ גרענעץ פון עהרליכקייט, געוואוינהייטען און עקס-טע איבערצייגונגען, וואָס קיין זאַך אין דער וועלט וואָלט איהר ניט געקענט צווינגען זיי איבערצוטרעטען.

פּונקט אין צוואַנציג מינוט אַרום נאָך ראַזומיכינס אוועקגעהן, האָבען זיך געלאָזט הערען צוויי שוואַכע, אַבער האַסטיגע קלעפּ אין טיר אַריין: ער האָט זיך צוריקגעקעהרט.

— איך וועל ניט אַריין, נישטאָ קיין צייט! — האָט ער אין איין

אטעם ארויסגערעדט, ווען מען האט איהם די טיר געעפענט — ער שלאפט אויף וואס די וועלט שטעהט, זעהר גוט, רוהיג, און הלואי זאל ער אזוי אבשלאפען א שעה צעהן. נאסטאסיא זיצט ביי איהם: איך האב איהר געהייסען ניט ארויסגעהן ביז מיין קומען. איצט ברייננג איך צושלעפען זאסימאוו'ן, וועט ער אייך אבגעבען א ראפארט, דערנאך וועט איהר אויך קענען געהן שלאפען: איך זעה, אז איהר זענט ביז צום טויט אויסגעמוטשעט...

און ער איז פון זיי אוועקגעגאנגען.

— ס'אר א פלינקער און... איבערגעבענער יונגערמאן, — האט אויסגעשריען פולכעריא אלעקסאנדראוונא, אויסער זיך פאר פרייד.

— ווייזט אויס, זעהר א וואוילער! — האט אווראטיא ראמאנאוונא געענטפערט מיט א געוויסער אויפרעגונג און ווידער גענומען שפרייזען אויף און אב איבערן צימער.

כמעט אין א שעה ארום האבען זיך אין קארידאר געלאזט הערען טריט און ווידער א קלאפ אין טיר אריין.ביידע פרויען האבען גע־ווארט, דאסמאל פאלקאם זיכער, אז ראזומיכין וועט האלטען ווארט: און ווירקליך האט ער געבראכט צו שלעפען זאסימאוו'ן. זאסימאוו האט גלייך מסכים געווען צו לאזען די סעודה און געהן זעהן וואס מאכט ראסקאלניקאוו, — צו די דאמען איז ער אבער געגאנגען ווי ניט־ווילענדיג און מיט א שטארקען חשד, ניט טרויעריג דעם שכור'ן ראזומיכינען. נאר זיין אייגענליעבע איז געווען בארוהיגט און אפילו צופרידען־געשמעלט: ער האט פארשטאנען, אז מען האט אויף איהם ווירקליך געווארט ווי אויף משיח'ן. ער איז דארט געזעסען פונקט צעהן מינוט און איהם האט געלונגען צו איבערצייגען און צו בארוהיגען פולכעריא אלעקסאנדראוונא'ן. גערעדט האט ער מיט אונגעוועהנליכער מיטלייד, אבער צוריקגעהאלטען און עפעס אזוי ווי אנגעשטרענגט ערנסט, פונקט ווי עס דארף זיך האלטען א זיבען־און־צוואנציג־יעה־ריגער דאקטאר אויף א וויכטיגען קאנסוליום: מיט קיין איין ווארט אפילו האט ער זיך ניט אבגעווייגט פון דער זאך און ניט ארויסגע־וויזען דעם מינדסטען פארלאנג אריינצוגעהן אין מעהר פערזענליכע און פריוואטע באציהונגען מיט ביידע דאמען. דערזעהן גלייך ביים אריינקומען, ווי בלענדער־שען אווראטיא ראמאנאוונא איז, האט ער

זיך געגעבען די מיה — זי גארניט צו באמערקען. פאר דער גאנצער צייט פון דעם וויזיט, און פלעגען זיך ווענדען נאר צו פולכעריא אלעק־סאנדראוונא'ן. דאס אלץ האט איהם אין הארצען זעהר שטארק הנאה געטאן. וואס עס אנבעלאנגט דעם חולה, האט ער זיך אויסגעדריקט, אז זיין איצטיגער צושטאנד איז זעהר באפרידיגענד. לויט די בעאבאכטונ־גען, וואס ער האט געמאכט איבערן חולה, נעהמט זיך זיין קראנק־הייט, אויסער וואס פון דער שלעכטער מאטעריעלער לאגע זיינער פאר די לעצטע מאנאטען, אויך פון איינינע גייסטיגע אורזאכען: „די דאָ־זיגע קראנקהייט איז, אזוי צו זאגען, א פּראדוקט פון פיעלע פארווי־קעלטע, גייסטיגע און מאטעריעלע ווירקונגען, עגמת־נפש'ן, שרעקען, זארגען, דאגות, איינינע אידעען... און דאסגלייכען". באמערקענדיג, ווי אויפמערקזאם אוודאטיא ראמאנאוונא האט זיך געגומען צוצוהערען, האט זאסימאוו אביסעל מעהר מאריך געווען אויף דער דאזיגער טעמע. און ווען פולכעריא אלעקסאנדראוונא האט איהם אומרוהיג און ניט זיכער א פרעג געטאן וועגען „איינינע סימנים פון משוגעת", האט ער געענטפערט מיט א רוהיגען און אפענהערציגען שמייכעל, אז מען האט זיינע ווערטער צו פיעל איבערטריבען: אמת טאקע, אין דעם קראנ־קען איז צו באמערקען עפעס אנ'אונבאוועגליכען געדאנק, וואס זאגט כלומרשט עדות וועגען מאנאמאניע, — ווייל ער, זאסימאוו, אינטערע־סירט זיך איצט זעהר מיט דעם דאזיגען אויסערסט אינטערעסאנטען געביט פון דער מעדיצין, — דאך אבער דארף מען ניט פארגעסען, אז כמעט די גאנצע צייט ביז היינט איז דער קראנקער געלעגען אין היץ און... נאטירליך וועט איהם דאס קומען פון דער מוטער און דער שוועסטער קרעפטיגען, וועט איהם צושטרייען און ווירקען זעהר גוט. — „סיידען מען וועט נימ קענען אויסמיידען קיין נייע צו שטארקע אויפרודערונגען", האט ער צוגעגעבען פיעלבאדייטענד. דערנאך איז ער אויפגעשטאנען, זיך פארנויגט סאליד און זעהר פריינדליך, און באגלייט מיט ברכות, הייסער דאנקבארקייט און געבעט — אוודאטיא ראמאנאוונא האט איהם אפילו די האנט דערלאנגט, כאטש ער האט פון זיין זייט זי דאָרויף גאר ניט ארויסגערופען — איז ער ארויס איבערצופרידען מיט זיין באזוך און נאך מעהר — מיט זיך אליין

— אין ריידען וועלען מיר מארגען: לעגט זיך די רגע שלאָ־פען, אבער אהן א תירוץ, — האט ראזומיכין צוגעפּסקענט, אוועק־

געהענדיג מיט זאסימאוו׳ן, — מארגען, וואס פריהער, האט איהר מיך מיט א ראפּארט.

— אבער ס׳אר א רייצענד מיידעלע די אוודאטיא ראמאנאוונא איז! — האט זאסימאוו א זאג געטאן, ווען זיי זענען ארויס אויף׳ן גאס, און האט זיך שיער ניט באלעקט.

— א רייצענד? דו האסט געזאגט א רייצענד! — האט ראזו־מיכין ארויסגעדונערט און זיך פּלוצלונג א ווארף געטאן אויף זאסימאוו׳ן און אנגעכאפּט איהם פאר׳ן גארגעל. — אויב דו וועסט נאכאמאל האבען די העזה..... פארשטעהסט? פארשטעהסט? — האט ער גע־שריען, טרייסלענדיג איהם פאר׳ן קאלנער און צודריקענדיג צו דער וואנט. — ס׳ט׳געהערט?

— לאז אב, דו שמור׳ניק איינער! — האט זיך זאסימאוו גע־ריסען.

און דערנאך, ווען יענער האט איהם שוין אבגעלאזען, האט ער אויף איהם א שארפען קוק געטאן און זיך פּלוצלונג פארגאנגען פון געלעכטער. ראזומיכין איז געשטאנען פאר איהם, מיט אראבגעלאזטע הענט, אין כמורנער און ערנסטער פארטראכטקייט.

— געוויס בין איך א פערד, — האט ער ארויסגערעדט, פינס־טער ווי א כמארע, — דו אבער... דאך אויך.

— נו, ברודער, דאס האסטו במחלה א טעות. איך לעג זיך ניט קיין פויגעלעך אין בוזעם.

זיי זענען אוועק, ניט ריידענדיג א ווארט, און ערשט צוקומענדיג צו ראסקאלניקאווס דירה, האט ראזומיכין, וואס איז געווען שטארק צוטראגען און פארזארגט, איבערגעריסען דאס שטילשווייגעניש.

— הער, — האט ער געזאגט צו זאסימאוו׳ן, — דו ביסט א וואוי־לער יונג, נאר אויסער דיינע שלעכטע מדות, ביסטו נאך א כל־בוניק, איך ווייס עס, און דערצו נאך א מיאוסער כל־בוניק. דו ביסט א נערוועאישער, שוואכע מיאוסקייט, דו ביסט א טרפה׳נער האלז, דו האסט זיך אבגעפרעסען און אלץ וואלסטו זיך וועלען נאכגעבען, — און דאס הייסט שוין ביי מיר שמוץ, ווייל עס ברענגט גלייך צו שמוץ. דו האסט זיך אזוי ווייט צופּיעשטשעט, אז, — איך מוז זיך מודה זיין — איך קען עס גאר ניט באגרייפען, ווי קאנסטו נאך אלעם דעם זיין א גוטער אוו, מען קען זאגען, א מסירת־נפש׳דיגער דאקטאר. שלאפסט

אויף א פערינע (דער דאקטאר. הייסט עס!). און שטעהט אויף אין מיטען נאכט פון א קראנקעם וועגען! אין א יאהר דריי ארום וועסטו שוין ניט אויפשטעהן פון דעם קראנקעם וועגען... יא... נאר ניט דאס איז דער עיקר צו אלדי שווארציאהר! די זאך דערפון איז אזוי: היינט נעבטיגסטו ביי דער בעל־הבית'טע אין דירה (קוים מיט צרות געפועלט ביי איהר!). און איך שלאף אין קיך: אט האט איהר א געלעגענהייט צו באקאנט ווערען נעהענטער! אבער ס'איז ניט דאס. וואס דו מיינסט! דאס הויבט זיך אפילו ניט אן. ברודער־לעבען...

— אז איך מיין גארניט.

— דאס איז, ברודער־לעבען, שעמעוודיגקייט, שוויינעדיגקייט, בושה, פארביסענע צניעות און ביי אלעם דעם — זיפצען, צוגעהט ווי א פוטער, ממש ווערט צושמאלצען! לייז מיך אוים פון איהר, איך פארשווער דיך מיט אלע טייוואלים פון דער וועלט: שוין איינמאל א געשמאקער ביסען!... דו וועסט מיך דאנקען, וועסט זיך ניט קענען אבדאנקען!

זאסימאוו האט זיך צולאכט נאך מעהר ווי פריהער.

— וואס זאגסטו, ווי ער האט זיך עס אביסעל צודרשנ'ט! אויף וואסערע כפרות דארף איך זי אבער האבען?

— מעגסט זיין זיכער, אז דו וועסט דא האבען זעהר ווענינ קאפ דרעהעניש. נאר פלוידער איהר עפעס. זעץ דיך נעבען איהר און פלוידער. דערצו נאך ביסטו א דאקטאר. הויב זי אן צו קורירען פון עפעס א חולאת. איך קען דיר שווערען, אז דו וועסט קיין חרטה ניט האבען. ביי איהר שטעהט א ראיאל: דו ווייסט דאך, אז איך רימפעל אונטער א ביסעלע: איך האב דארט אזא ליעדעל, אנ'עכט רוסיש לידעל: „ביטערע טרעהרען גים איך"... זי האט ליעב אזעלכע. — פון דעם דאזיגען לידעל האט זיך עס טאקע אנגעהויבען: דו ביסט דאך אבער אין הלכות פארטעפיאן א ווירטואז, א מעטער, א רובינ־שטיין... מעגסט זיין זיכער, דו וועסט קיין חרטה ניט האבען!

— וואס איז, דו האסט איהר אודאי צוגעזאגט הרים וגבעות, צי וואס? ארויסגעגעבען א שיין־צעטעל אודאי? אפשר גאר צוגע־זאגט חתונה האבען...

— גארנישט, גארנישט, עס הויבט זיך אפילו ניט אן! און זי איז גאר ניט אזא: טשעבארעוו האט זיך געוועזט צו איהר...

— נו, טאַ זואַרף זי אַוועק!

— אַז מען קען אַזוי ניט אַוועקוואַרפען!

— פאַרוואָס עפּעס קען מען ניט?

— נו, אַזוי צי אַזוי, אַבי מען קען עפּעס ניט! דאַ איז, ברודער־לעבען, פאַראַן אַן׳אַריינשלעפּענדער עלעמענט.

— טאַ פאַרוואָס האָסטו זי אַריינגעשלעפּט?

— איך האָב זי גאָר ניט אַריינגעשלעפּט, איך בין אפשר גאָר אַליין אַריינגעשלעפּט געוואָרען, איבער מיין נאַרישקייט, און איהר וועט עס זיין אַלץ איינס, קיין שום אונטערשיד ניט, איך צו דו, נאָר עמיצער זאָל זיצען דערנעבען און זיפּצען. דאַ איז, ברודער לעבען... איך קען דיר עס ניט אויסדריקען, דאַ איז, — שאַ, דו קענסט דאָך גוט מאַטעמאַטיק און שטודירסט זי נאָך עד־היום, איך ווייס דאָך... נו, טאַ הויב מיט איהר אָן צו לערנען וועגען אינטעגראַל־רעכענונג. עהרען־וואָרט, איך מיין אָהן שפּאַס, איך רייד גאַנץ ערנסט, איהר וועט עס זיין גאַנץ גלייך: זי וועט אויף דיר קוקען און וועט זיפּצען. און אַזוי — אַ קיילעכדיג יאָהר נאָכאַנאַנד. אַזוי. אַ שטייגער, האָב איך איהר זעהר לאַנג, צוויי טעג נאָכאַנאַנד, יעדרשנ׳ט וועגען דער פּרייסישער העררען־פּאַלאַטע. ווייל וועגען וואָס־זשע אַנדערש זאָל מען מיט איהר ריידען? — האָט זי געהאַלטען אין איין זיפּצען און איז שיער ניט צושמאָלצען געוואָרען פאַר מתיקות! נאָר וועגען ליבע זאָלסטו מיט איהר ניט ריידען, — שעמעוודיג ביז צו חלשות, — דאָך מאַכט זיך, אַז דו קענסט זיך ממש ניט אָברייסען. — נו, און דאָס איז גראַד, שרעקליך בעקוועם: פּונקט ווי ביי זיך אין דער היים,—לייען, זיץ, ליעג, שרייב... מען מעג אפילו אַ קוש טאָן, נאָר פאָרזיכטיג...

— צו וואָס אָבער טויג זי מיר?

— עך, איך קען דיר עס בשום אופן ניט ערקלערען! פאַר־שטעהסט, איהר זענט איינער פאַר דעם אַנדערן פּונקט ווי אָנגע־מאָסטען! איך האָב פריהער אויך געטראַכט וועגען דיר... דו וועסט דאָך סיי ווי סיי האָבען אַזאַ סוף! איז דיר עס דען ניט אַלץ איינס — פריהער אָדער שפּעטער? דאַ שטעקט, ברודער־לעבען, אַזאַ מין פּערינע־עלעמענט, — עך! און ניט נאָר אַ פּערינע־עלעמענט אַליין! דאָס ציהט אַריין: דאַ איז דער סוף פון דער וועלט, דער אמת׳ער מקום־מנוחה, דער שטילער האַפען, דער „נאַפּעל“ פון דער ערד, די

דריי זיילען, אויף יועלכע זי איז אנגעשפּאַרט: דאָ איז די קווינט־עסענץ פון הלינצעס, פון פעטע פּוטערקוכענס, פון אבענד־סאַמאָוואָרען, פון שטילע זיפצען און ווארימע אויבערלייבלעך, אנגעהייצטע לעזשאַנקעס. — נו, פּונקט ווי דו ביסט געשטאָרבען, און אין דער־זעלבער צייט אבער לעבסטו, ביידע פארגניגענס מיט אמאָל! נו, ברודער־לעבען, איך בין שוין צו ווייט פארקראָכען, צו אלדי טייוועל, צייט געהן שלאָפען! הער: איך כאַפּ זיך אמאָל אויף אין מיטען נאַכט, וועל איך זיך פאר איינוועגס אראָבכאַפּען איהם געוואהר ווערען. נאר ס'איז גאָרניט, נארישקייטען, אלץ איז אויסגעצייכענט. און דו זיי אויך ניט איבריגס אומריהיג, און אז דו ווילסט, כאַפּ זיך אראָב אמאָל, ווען דו וועסט באַמערקען די מינדסטע זאך, א קאַשמאַר, למשל, צי היץ, צי עפּעס אנדערש, זאָלסטו מיר גלייך אויפוועקען. און צוריקגערעדט, קען עס גאר ניט געמאָלט זיין...

צווייטער קאַפּיטעל.

א פארזאָרגטער, אנ'ערנסטער האט זיך ראזומיכין אויף מאָרגען אויפגעכאַפּט אכט א זייגער. פיעל נייע און ניט־פאראויסגעזעהענע ספקות האבען איהם פּלוצלונג באהערשט אין דעם דאָזיגען פריהמאָרגען. ער האט זיך פריהער אפילו ניט פארגעשטעלט, ער זאָל זיך ווען עס אין אזוי אויפכאַפּען. ער האט געדענקט אלצדינג, וואס מיט איהם איז נעכטען פארגעקומען, געדענקט מיט די קלענסטע פּרטים, און פארשטאַנען, אז מיט איהם איז געשעהען עטוואס ניט־געוועהנליכעס, אז ער האט איינגעזאַפּט אין זיך אנ'איינדרוק, וואס איז איהם ביז אהער געווען גאַנץ אונבאקאַנט און ניט עהנליך אויף אלע אנדערע איינדרוקען. אין דערזעלבער צייט האט ער זעהר גוט פארשטאַנען, אז דער חלום, וואס האט זיך אנגעצונדען ביי איהם אין קאָפּ, קען קיינמאָל ניט מקוים ווערען, — פאר קיין פאל ניט מקוים ווערען, אזוי אז ער האט זיך אזש פארשעמט פאר דעם דאָזיגען חלום און ער איז וואס גיכער אריבער צו אנדערע, מעהר נויטיגע זאָרגען און ספקות, וואס זענען איהם איבערגעבליבען בירושה נאך דעם „צעהנמאָל־פארשאָלטענעם אבענד".

די שרעקליכסטע ערינערונג איז פאר איהם געווען דאס, וואס ער

האָט זיך נעכטען אַרויסגעשטעלט „געמיין און נידערטרעכטיג“. ניט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געווען שכור. אָבער אויך דערפאַר, וואָס ער האָט אויס נאַרישער פריש־געבאַקענער איפּערזוכט זיך באַנומען מיט דעם מיידעלע לאַנגע און געזידעלט פאַר איהר אין די אויגען דעם חתן איהרען. ניט אַנהויבענדיג צו וויסען זייערע באַציהונגען צווישען זיך און התחייבות'ן און אפילו ניט קענענדיג איהם ווי עס געהער צו זיין. און גלאַט וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער געהאַט צו אורטיילען וועגען איהם אַזוי געאיילט און ניט־באַטראַכט? ווער האָט עס איהם געהייסען זיין אַ ריכטער? קען דען אַזאַ וועזען ווי אַוואַטיאַ ראַמאַנאָוונאַ, זיך אָפּגעבען צו אַן אונווירדיגען מענשען פאַר געלט? אַלזאָ הייסט עס, אַז ער באַזיצט אויך מעלות. איי די נומערן? פון וואַנען האָט ער טאַקע געזאָלט וויסען. אַז דאָס זיינען אַזעלכע נומערן? אַט זוכט ער אַ דירה... פוי, ווי געמיין דאָס איז אַלץ! און וואָס איז דאָס אַ תירוץ. וואָס ער איז געווען שכור? אַ נאַרישער אויסרייד. וואָס מאַכט איהם נאָר נידעריגער! אין וויין איז דער אמת, און אַט איז טאַקע דער גאַנצער אמת אַרויסגעשוואָומען. „דאָס הייסט, ס'איז אַרויסגעשוואָומען דער גאַנצער שמוץ פון זיין ניט־פאַרגינענדער געמיינער נשמה!“ און טאָר ער דען גאָר חלום'ן וועגען דעם. ער, ראַזומיכין? ווער איז ער דאָס אין פאַרגלייך מיט אַזאַ מיידעל. — ער, דער שכור'ער סקאַנדאַליסט און נעכטיגער באַרימער? „איז דען גאָר מעגליך אַזאַ ציניזשער און לעכערליכער פאַרגלייך?“ ראַזומיכין איז שרעקליך רויט געוואָרען ביי דעם דאָזיגען געדאַנק און פּלוצלונג, ווי אויף צו להכעיס, האָט ער זיך אין דעמזעלבען אויגענבליק דייטליך דערמאָנט, ווי ער האָט זיי נעכטען געזאָגט. שטעהענדיג אויף די טרעפּ, אַז די בעל־הבית'טע וועט איהם נאַכאייפערן צו אַוודאַטיאַ ראַמאַנאָוונאַ'ן... דאָס איז שוין געווען ניט אויסצוהאַלטען. מיט'ן גאַנצען אימפּעט האָט ער אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט איבער'ן קיך־אויוועלע. זיך צושלאָגען די האַנט און אַרויסגעזועצט אַ ציגעל.

— „געוויס, — האָט ער אין אַ מינוט אַרום אַרויסגעברומט פאַר זיך מיט עפּעס אַ געפיהל פון זעלבסטערנידערונג. — געוויס איז שוין איצט פאַרפאַלען. און קיינמאָל וועל איך שוין ניט קענען פאַרשמירען און פאַרגלעטען די אַלטע מיאוסקייטען... אַלזאָ, איז וועגען דעם גאָר נישטאָ וואָס צו טראַכטען. און דעריבער דאַרף מען קומען אָהן ווערטער און... ערפילען די פפליכטען... אויך אָהן ווערטער און... און ניט

בעטען קיין ענטשולדיגונג, און נארנישטריידען. און... איצט איז שוין, געוויס, אלעס פארלארען!"

און דאך האט ער ביים אנטאן זיך באטראכט זיין אנצוג מיט מעהר אויפמערקזאמקייט ווי געוועהנליך. קיין אנדער אנצוג האט ער ניט געהאט, און ווען ער זאל אפילו געווען האבען, וואלט ער אפשר איהם אויך ניט אנגעטאן. — "אט אזוי זיך. אויף צו להכעיס נישט אנגעטאן." נאר אלענפאלס קיין ציניקער און שלומפער טאר מען ניט זיין מעהר: ער האט ניט קיין רעכט צו באליידיגען די געפיהלען פון אנדערע, בפרט נאך, אז יענע, די אנדערע נויטיגען זיך אין איהם און רופען איהם גלייך צו זיך. דאס איז ביי איהם שטענדיג געווען צו דערליידען; אין דעם פרט איז ער געווען זעהר א גרויסער מפונק.

ער האט זיך אויסגעוואשען איז דעם דאזיגען פריהמארגען זעהר פלייסיג, — ביי נאסטאסיא'ן האט זיך געפונען א שטיקעל זייף, — אויסגעוואשען די האהר, דעם האלז, און באזונדערס די הענט. און ווען ער איז געקומען צו דער פראגע: צי זאל ער אפראזירען זיין שטעכענדיגע מארדע אדער ניט (ביי פראסקאוויא פאוולאוונא'ן איז געווען אן אויסגעצייכענט גאלמעסער, וואס איז נאך געבליבען בירושה פון דעם הערר זארניצין, עליו השלום), איז זי פאראנטפערט געווארען, מיט א מין פארביסענהייט זאגאר, אויף ניין: "זאל זיין אזוי! נו, ווי וועט זיין, אז מען וועט מיך חושד זיין, אז איך האב זיך אפּגעראזירט צוליעב... מען וועט דאך געוויס חושד זיין! ניין, בשום אופן ואופן ניט!"

"און... און איבערהויפט איז ער אזוי ברוטאל, שמוציג, זיין האלטונג איז אזוי בעל-העגלה'ש און... און לאז שוין זיין, ער וויים, אז ער איז אויך א גאנץ ארענטליכער מאן, נו, כאטש אויף וויפיעל ניט איז... איז וואס איז דא פארהאן זיך איבערצונעהמען, וואס ער איז אן ארענטליכער מאן? יעדערער דארף זיין אן ארענטליכער מאן, און נאך ניט אזא ווי ער, און... און דאך (ער געדענקט עס) האט ער אויף זיך אזוינע חטאים... לאז שוין זיין אז ניט זעהר קיין הארבע, אבער פונדעסטוועגען! היינט וואס פאר א הרהורים פלעגען איהם אמאל איינפאלען! המ!... און דאס אלץ אוועקשטעלען אויף איין שטופע מיט אוודאטיא ראמאנאוונא'ן! נאר, געהט עס צו אלדי טייוועל! מילא! איך וויל דוקא זיין אזוי שמוציג, ציניש, בעל-העגלה'ש, און

געהט עס צום טייוועל, איך וועל נאך ערגער זיין!..."

ביי אזוינע מאנאלאגען האט איהם געטראפען זאסימאוו, וועל־כער האט געגעבטיגט ביי פראסקאוויא פאוולאוונא'ן אין זאל.

ער איז געגאנגען אהיים און פאר אוועקגאנג האט ער געאיילט א קוק צו טאן אויפ'ן קראנקען. ראזומיכין האט איהם געמאלדען, אז יענער שלאפט, ווי א קעצעלע. זאסימאוו האט פארארדענט, מען זאל איהם נימי וועקען אזוי לאנג ער וועט זיך אליין ניט אויפכאפען. און ער וועט אונטערקומען א זייגער עלף.

— אויב נאר ער וועט זיין אין דער היים, — האט ער צוגעגע־בען. — פוי, צום טייוועל! אויף דעם אייגענעם חולה ניט האבען קיין דעה, הייל איהם. פאלג מיך א גאנג! ווייסט ניט, ער וועט געהן צו זיי, אדער ז י י וועלען קומען אהערצו?

— זיי וועלען מסתמא קומען אהערצו, — האט ראזומיכין גענעט־פערט, פארשטעהענדיג, וואס ער איז אויסען מיט דער פראגע, — און וועלען געווים ריידען וועגען זייערע פאמיליען־אנגעלעגענהייטען. איך וועל אוועקגעהן. נאטירליך, האסטו, אלס דאקטאר, מעהר רעכט פאר מיר.

— איך בין דאך אבער אויך ניט זייער אפטרופוס; וועל אריין און ארויס; אהן זיי האב איך אויך גענוג געשעפטען.

— מיר פארדריסט נאר איין זאך, — האט איהם ראזומיכין מיט רונזה איבערגעשלאגען. — נעכטען האב איך שכור'ערהייד זיך ארויס־געכאפט מיט א היבש ביסעל נארישקייטען, געהענדיג מיט איהם אין גאס... און האב איהם ארויסגעפלוידערט, אז דו האסט מורא, ער זאל... חלילה ניט אראפגעהן פון זינען...

— דו האסט דאך עס ארויסגעפלוידערט די דאמען אויך.

— איך וויים, אז ס'איז נאריש! נאר פארפאלען! זאג מיר אבער, דו האסט אין דער אמת'ן א וועלכען פעסטען געדאנק?

— איך זאג דיר, ס'איז א נארישקייט; וואס פאר א פעסטער געדאנק! דו האסט דאך מיר איהם אליין געשילדערט, ווי א מאנא־טאן, ווען דו האסט מיך געפיהרט צו איהם... נו, און מיר האבען איהם נאך נעכטען אונטערגעגעבען היץ, דו, הייסט עס, מיט דיינע מעשיות... וועגען דעם פארבער: א שענער שמועס, אין דער צייט ווען ער איז אפשר גאר דערפון משוגע געווארען! ווען איך זאל געווען וויסען אקו־ראט, וואס ס'איז דאן פארגעקומען אין קאנצעלאריע און אז איהם האט דארטען עפּיס איינער א כלב באליידיגט... מיט דעם דאזיגען

חשר! המ!... וואָלט איך נעכטען ניט דערלאָזט אזא מין שמועס. אָט די דאָזיגע מאַנאַמאַנען מאַכען דאָך פון א טראָפּען א גאַנצען אָקעאַן. וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען — זעהע זיי אויפ'ן וואָהר מיט אַלע פּליטערלעך... אויף וויפיעל איך געדענק, איז מיר נעכטען פון זאַ־מעטאָוום ערצעהלונג די זאַך העכער האַלב קלאָר געוואָרען. וואָס דאַרפסטו מעהר! איך ווייס א געשיכטע, ווי איינער א פיערציג־יעה־ריגער מרה־שחורה'ניק, ניט זייענדיג אימשטאַנד איבערצוטראָגען די טאָגטעגליכע לצנות, וואָס אַן אַכטיעהריג אינגעל האָט געטריבען ביים טיש, האָט ער איהם געקוילעט! און דאָ. — אנגעטאָן אין שמאַ־טעס, א פּאָליציי־אויפזעהער — א גראָבער יונג, און אינטערגעקומענע סראַנקהייט. און אזא מין חשד! פאַר א ווילדען מרה־שחורה'ניק! ביי א משוגע'נעם אויסערגעוועהנליכעז האַנאָר! אָט דאָ שטעקט אפשר די אמת'ע סיבה פון דער קראַנקהייט! נאָר געהט עס צום טייוועל... דו ווייסט, דער דאָזיגער זאַמעטאָוו איז ווירקליך א וואויל אינגעל, נאָר, המ!... אומזיסט האָט ער עס נעכטען אַלץ דערצעהלט. א שרעקליכער פּלאַפּלער!

— וואָס איז, וועמען האָט ער דען דערצעהלט? מיר און דיר!

— און פּאָרפירי'ן?

— יאָ, זאָג מיר, דו האָסט עפּעס א שטיקעל איינפלוס אויף זיי, דאָס הייסט, אויף דער מוטער מיט דער שוועסטער? זאָלען זיי היינט זיין אָביסעל אָפּגעהיט מיט איהם...

— זיי וועלען דורכקומען! — האָט ראַזומיכין ניט גערן געענט־פערט.

— און וואָס איז ער עס אזוי אנגעפאַלען אויף דעם דאָזיגען לו־זשינען? א מענש מיט קאַפּיטאַל, און אפּנים איהר איז ער אויך ניט דערווידער... זיי האָבען דאָך ניט א פעניג ביי לייב און זעעל? הא?

— וואָס דערנעהסטו? — האָט ראַזומיכין זיך צוקאַכט. — פון וואַנען זאָל איך וויסען, צי יאָ א פעניג, צי ניט א פעניג? טו אליין א פרעג, וועסטו אפשר געוואָהר ווערען...

— פוי, ווי נאַריש דו ביסט צייטענווייז! נאָך זיך ניט אויסגע־ניכטערט פון נעכטען... צום ווידערזעהען! באַדאַנק איין מיין נאָמען פּראַסקאָוויא פּאַוולאָוונאַ'ן פאַר'ן נאַכטלעגער. האָט זיך פאַרשפּאַרט. אויף מיין גוט־נאַכט דורכ'ן טיר האָט זי אפילו ניט געענטפערט. איז

אויפגעשטאנען זיעבען דעם זייגער, דעם סאמאוואר האט מען איהר געבראכט פון קיך דורכ'ן קארידאר... איך האב ניט געהאט די זכיה זי אנצוקוקען אפילו...

פונקט צעהן דעם זייגער איז ראזומיכין געקומען אין באקאליי־עווס נומערן.ביידע דאמען איז שוין שיער די נשמה ניט ארוים ווארטענדיג. אויפגעשטאנען זיינען זיי א זייגער זיעבען און אפשר נאך פריהער. ער איז אריין פינסטער ווי די נאכט, זיך אומגעשיקט פארנויגט, — און איז גלייך דערויף מלא רציחה געווארען — אויף זיך. פארשטעהט זיך. ער האט געמאכט דעם חשבון אהן דעם בעל־הבית: פולכעריא אלעקסאנדראוונא האט זיך מיט אימפעט א לאז געטאן צו איהם. געכאפט איהם פאר ביידע הענט און שיער זיי ניט א קוש געגעבען. ער האט פארשעמט געכאפט א קוק אויף אדוואטיא ראמאנאוונא'ן: נאר אפילו אויף איהר גאוה'דיג־שטאלצען געזיכט איז אין דעם דאזיגען מאמענט אויך געווען אויסגעדריקט אזוי פיעל דאנקבארקייט און פריינדשאפט, אזוי פיעל פאר איהם אומגעריכטע אכטונג (אנשטאט די שפאטישע בליקען און שלעכט פארבארגענער פאראכטונג, וואס ער האט געהאפט צו באגעגענען!), אז איהם וואלט שוין ווירקליך זיין גרינגער, ווען מען זאל איהם געווען באגעגענען מיט פארוואורפען, ווייל אזוי האט ער זיך שוין צופיעל פארשעמט. צום גליק איז געווען א פארטיגע טעמע, און ער האט זיך אן איהר אנגעכאפט, ווי אן א הייסען שטיין.

דערהערט, אז „ע ר האט זיך נאך ניט אויפגעכאפט“, נאר אז „אלץ איז אין דער בעסטער ארדנונג“, האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא ערקלערט, אז דאס איז פאר איהר ווי אנגעמאסטען, „מחמת זי מוז זעהר און זעהר נויטיג זיך אפריהער מיט איהם דורכריידען“. גלייך האט מען איהם געפרעגט מכח טיי און איינגעלאדען טרינקען צוזאמען: זיי האבען נאך ניט געטרונקען, אין דער ערווארטונג אויף ראזומכיינען. אוודאטיא ראמאנאוונא האט אנגעקלונגען, און ס'איז גלייך אריינגעקומען עפעס א שמוציגער שלעפער־יונג: מען האט איהם געהייסען סערווירען טיי: ענדליך האט מען דערלאנגט, אבער אזוי ניט־ציכטיג און אזוי ניט־אנשטענדיג, אז די דאמען האבען זיך פארשעמט. ראזומיכין האט ענערגיש א זידעל געטאן דעם נומער, נאר, דערמאהנט זיך אן לוזשינען, איז ער אנטשוויגען געווארען, זיך פארשעמט און שרעקליך זיך דערפרעהט, ווען פולכעריא אלעקסאנדראוונא

האט ענדליך גענומען שיטען מיט פראגען נאכאנאנד און אהן אן אויפ־הער.

ענטפערענדיג אויף זיי, האט ער אפגעדרעהט דריי פיערטעל שעה: דערביי האט מען איהם אלע ווייל איבערגעשלאגען און איבערגע־פרעגט. דאך האט ער באוויזען איבערצוגעבען אלע וויכטיגסטע און נויטיגסטע פאקטען, וועלכע ער האט נאר געוואוסט פאר דאס עלצטע יאהר פון ראסקאלניקאוו'ס לעבען, און האט געענדיגט מיט אן אויס־פיהרליכער ערצעהלונג וועגען זיין קראנקהייט. איבריגענס, האט ער פיעל דורכגעלאזט פון דעם, וואס מען האט געדארפט דורכלאזען, אזוי, א שטייגער, וועגען דער סצענע אין דער קאנצעלאריע מיט אלע איהרע רעזולטאטען. די ערצעהלונג זיינע האט מען רוהיג אויסגעהערט; אבער ווען ער האט געמיינט, אז ער האט שוין געענדיגט און צופרידען־גע־שטעלט זיינע צוהערערינס, האט זיך ארויסגעוויזען, אז פאר זיי האט ער נאך אזוי ווי גאר ניט אנגעהויבען.

— זאגט מיר, זאגט, ווי מיינט איהר... אך, ענטשולדיגט, איך וויים נאך ביז איצט ניט אייער נאמען, — האט פולכעריא אלעקסאנ־דראוונא געערעדט אין איין אטעם.

— דמיטרי פראקאפאיטש.

— אלזא, דמיטרי פראקאפאיטש, וואלט איך זעהר און זעהר וועלען וויסען... ווי קוקט ער בכלל... איצט אויף זאכען, דאס הייסט, איהר פארשטעהט, איך וויים ניט ווי אזוי איך זאל עס אייך ארויס־געבען: דאס הייסט, בעסער געזאגט: וואס האט ער ליעב, און וואס האט ער ניט ליעב? איז ער שטענדיג אזוי נערוועאיש? וואס פאר א פארלאנגען האט ער און וואס פאר פלענער, אויב דאס איז מעגליך? וואס האט אויף איהם איצט דעם שטארקסטען איינפלוס? מיט איי־נעם ווארט, איך וואלט וועלען...

—אך, מאמישי, ווי איז עס מעגליך אויף דאס אלעם ענטפערן מיט אמאל! — האט דוניא באמערקט.

— אך, גאט אין הימעל איך האב זיך דאך גאר נישט אנגעהוי־בען ריכטען צו טרעפען איהם אזוי, דמיטרי פראקאפאיטש.

— דאס איז שוין גראד זעהר נאטירליך, — האט דמיטרי פרא־קאפאיטש געענטפערט. — קיין מוטער האב איך ניט, יא, און דער פעטער קומט אלע יאהר אהער צו פאהרען און כמעט קיינמאל דער־קענט ער מיך ניט, אפילו אויסערליך, און ער איז א קלוגער מענש;

נו, און פאר די צוויי יאהר, זייט איהר האט זיך מיט איהם ניט געזעהן, איז א סך וואסער אוועקגעלאפען. היינט וואס זאל איך אייך גלאט זאגען? אנדערטהאלבען יאהר קען איך ראדיאנען: רוגזה'דיג, פאר'מרה־שחורה'ט, גאוה'דיג און שטאלץ; פאר דער לעצטער צייט (און אפשר נאך א סך פריהער) היפאכאנדריש געשטימט און איז אלץ און אלעמען חושד. גרויסמוטיג און גוטהערציג. האט פיינט צו אויסערן זיינע געפיהלען, און וועט גיכער ארויסווייזען אן אכזריות, אבער ער וועט ניט אויסגיסען דאס הארץ זיינס פאר קיינעם. און אפטמאל איז ער אייגענטליך גאר ניט קיין היפאכאנדריקער, נאר גלאט א קאלטער און א הארטער ביז צו אונמענשליכקייט, גלייך ווי אין איהם וואלטען זיך געטוישט צוויי כאראקטערען. וואס איינער איז דער היפך פון דעם אנדערן מערקווירדיג, ווי ער איז צייטענווייז ניט־בארעדט! שטענדיג האט ער קיין צייט ניט. שטענדיג שטערט מען איהם, און אליין ליעגט ער נאר, טוט גארנישט. האט פיינט זיך צו וויצלען, און ניט מחמת עס פעהלט איהם דער כח פון שפאטען, נאר אזוי ווי ער וואלט קיין צייט ניט האבען אויף אזוינע שטות'ערייען. דערהערט ניט וואס מען רעדט צו איהם. אינטערעסירט זיך קיינמאל ניט מיט דעם, מיט וואס אלע אינטערעסירען זיך אין דעם מאמענט. האלט פון זיך אן עולם ומלאה, און האט אפשר קיין טעות ניט. נו, וואס נאך... מיר דאכט זיך, א—ז אייער קומען וועט אויף איהם האבען א היילזאמע ווירקונג.

— אך, הלואי, ליעבער גאט! — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא אויסגעשריען, שטארק געקוועלט פון ראזומיכינס מיינונגען וועגען ראדיא'ן.

— ראזומיכין האט ענדליך א קוק געטאן דרייסטער אויף אוודאטיא ראמאנאוונא'ן. ער פלעגט אפט אויף איהר כאפען א קוק בעת דעם שמועס, אבער זעהר א גיכען, א האסטיגען, און פלעגט גלייך אפווענדען די אויגען. אוודאטיא ראמאנאוונא פלעגט זיך דא זעצען צום טיש און זיך אויפמערקזאם צוהערען, דא פלעגט זי אויפשטעהן און ווידער אנהויבען אומצוגעהן, אויף איהר שטייגער, פון איין ווינקעל אין דעם אנדערן, מיט צונויפגעשלאגענע הענט, צונויפגעפרעסטע ליפען, אמאל אליין ארייננשטעלענדיג א פראגע, אבער ניט אויפהערענדיג צו שפאנען פארטראכטערהייד איבער'ן צימער. זי האט אויך געהאט א טבע ניט צו דערהערען וואס מען רעדט. זי האט געטראגען א טונק־

ליך קלײך פֿון אַ לײַכטען שטאָף. און אויף'ן האַלז איז געװען אויס־געבונדען אַ װײַס דורכזיכטיג שאַלכעל. פֿון פֿיעל סמנים האָט ראַזו־מיכין גלײך דערקענט, אַז די אַרט לעבען פֿון בײדע פֿרויען איז זעהר אָרים. װען אַװדאָטיאַ ראָמאַנאָװנאַ װאָלט געװען געקלײדט װי אַ קעניגין, װאָלט ער, דאַכט זיך, פֿאַר איהר גאָר קײן מורא ניט גע־האַט; איצט אָבער, ס'קען זײַן, אַז גראָד דערפֿאַר. װאָס זי איז געװען אַזױ אָרים געקלײדט און װאָס ער האָט באַמערקט דעם גאַנצען דלות אַרום זײ, האָט זיך אַ פּחד באַזעצט אין זײַן האַרצען. און ער האָט גענומען מורא האָבען פֿאַר איטליכעם װאָרט זײַנס. פֿאַר איטליכע באַ־װעגונג, װאָס איז, נאַטירליך געװען זעהר שװער פֿאַר אַ מענשען, װעל־כער האָט שױן אַזױ אױך זיך אַלײן ניט געטרױט.

— איהר האָט זעהר פֿיעל אינטערעסאַנטעס געזאָגט װעגען דעם ברודערס נאַטור... און געזאָגט אָהן פּניות. אַזױ דאַרף זײַן; איך האָב געמײנט, אַז איהר פֿאַרגעטערט איהם. — האָט אַװדאָטיאַ ראָמאַנאָװ־נאַ באַמערקט מיט אַ שמײכעל. — דאַכט זיך, דאָס איז אױך ריכטיג, אַז נעבען איהם דאַרף זיך געפֿינען אַ פֿרױ. — האָט זי פֿאַרטראַכט צוגעגעבען.

— איך האָב דאָס ניט געזאָגט. איבריגענס, קען זײַן, אַז איהר האָט אין דעם אױך רעכט, נאָר...

— װאָס?

— ער האָט דאָך קײנעם ניט ליעב. און װעט אפשר קײנמאָל ניט ליעבען. — האָט ראַזומיכין אָפּגעהאַקט.

— דאָס הײסט, ער איז ניט פֿעהיג צו ליעבען?

— איהר װײסט, אַװדאָטיאַ ראָמאַנאָװנאַ, איהר זענט אַלײן אױך שרעקליך עהנליך אױף אײער ברודער. אין אַלע הינזיכטען! — האָט ער פּלוצלונג אױסגעשאָסען, אומגעריכט פֿאַר זיך אַלײן. נאָר גלײך זיך דערמאָהנט, װאָס ער האָט איהר ערשט דערצעהלט װעגען דעם זעל־בען ברודער, איז ער רױט געװאָרען װי פֿײער און האָט זיך שרעקליך פֿאַרשעמט.

אַװדאָטיאַ ראָמאַנאָװנאַ האָט זיך ניט געקענט אײנהאַלטען פֿון געלעכטער, קוקענדיג אױף איהם.

— װאָס אַנבאַלאַנגט ראָדיען קענט איהר בײדע האָבען אַ טעות, — האָט אונטערגעכאַפּט פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ, מיט אַ שטי־קעל פֿאַרדרוס. — איך רײד ניט װעגען דאָס איצטיגע, דוניטשקע.

דאס, וואס פיאטר פעטראוויטש שרייבט אין דעם דאזיגען בריעף...
און וואס מירביידע האבען זיך משער געווען, — איז אפשר ניט ריכ־
טיג, איהר קענט זיך עס אבער גאר ניט פארשטעלען, דמיטרי פראקא־
פאיטש, ווי פאנטאסטיש ער איז און, ווי זאל איך אייך דאס אנרופען..
קאפריז. אויף זיין נאטור האב איך זיך קיינמאל ניט געקענט פארלא־
זען, אפילו ווען ער איז אלט געווען ניט מעהר ווי פופצעהן יאהר. איך
בין איבערצייגט, אז אפילו אציט קען ער אויך אפטאן איבער זיך עט־
וואס אזוינס, וואס קיינעם אין דער וועלט וועט עס קיינמאל אפילו אויף
זינען ניט ארויף... וואס דארף מען מעהר: ווייסט איהר דערפון, ווי ער
האט מיך מיט אנדערטהאלבען יאהר צוריק איבערראשט, צורודערט און
שיער ניט איינגאנצען א תל פון מיר געמאכט, ווען ער האט פלוצלונג
זיך ארייננעמומען אין קאפ חתונה צו האבען מיט דער... ווי הייסט
זי, — מיט דער טאכטער פון דער זארניצינא, די בעל־הבית'טע זיינע?
— איהר ווייסט עפעס גענויעס וועגען דער דאזיגער געשיכ־
טע? — האט אוודאטיא ראמאנאוונא געפרעגט.
— איהר מיינט, — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא מיט היץ
פארטגעזעצט, — איהם וואלטען דאמאלס אפגעהאלטען מיינע טרעה־
רען, מיינע תחנונים, מיין קראנק ווערען, מיין טויט, וואס וואלט אפשר
קומען פון מיין צער, אונזער ארימקייט? ער וואלט רוהיג אריבערגע־
טראטען איבער אלע שטערונגען. און דאך האט ער אונז דען ניט ליעב,
האט ער אונז דען ניט ליעב?
— ער האט מיט מיר קיינמאל וועגען דער דאזיגער געשיכטע
ניט גערעדט, — האט ראזומיכין פארזיכטיג געענטפערט, — איך האב
אבער עפעס יא געהערט פון מאדאם זארניצינא אליין, וועלכע איז אויך
ניט פון די איבריגס בארעדטע, און איהר אופן, פארשטעהט זיך, און
דאס וואס איך האב געהערט, איז אביסעל אויסטערליש.
— וואס, וואס האט איהר געהערט? — האבען אין איין קול
געפרעגט ביידע פרויען.
— איבריגענס כמעט קיינס אינטערעסאנטעס. איך בין נאר
געוואהר געווארען, אז דער דאזיגער שידוך, וואס איז שוין געווען אן
אפגעמאכטע זאך, און ס'איז פון איהם גארנישט געווארען נאר מחמת
דער כלה'ס טויט, איז דער מאדאם זארניצינא אליין אויך געווען זעהר
ניט צום הארצען... אויסערדעם, זאגט מען, אז די כלה איז געווען ניט
קיין שענע, דאס הייסט, מען זאגט, אז זי איז אפילו געווען א

מיאוסע... און זעהר א קראַנקע און... און א מאַדנע.. .איבריגענס, דאכט זיך, האט זי געהאט מעלות אויך. זי האט געווים געמוזט האבען וועל־כע ניט איז מעלות: אניט לעגט זיך עס ניט אויפ'ן שכל... קיין נדן האט זי אויך גאר ניט געהאט, נאר ער וואלט סיי ווי סיי קיין נדן ניט גע־זוכט... בכלל איז אזא זאך שווער צו זאגען א מיינונג.

— איך בין זיכער, אז זי איז געווען א וואויל מיידעל, האט אוודאטיא ראמאנאוונא קורץ א אג געטאן.

— דער אויבערשטער זאל מיר מוחל זיין פאר די רייד, איך האב מיך אבער דערפרעהט, אז איך האב מיך דערוואוסט פון איהר טויט. כאטש איך ווייס ניט, ווער פון זיי וואלט זיין אומגליקליכער: ער מיט איהר, צי זי מיט איהם? — האט געזאגט פולכעריא אלעקסאנדראוונא: דערנאך האט זי גענומען פארזיכטיג, אזוי ווי מיט א האלבען מויל, ווידער פונאנדערפרעגען זיך וועגען דער נעכטיגער סצענע צווישען ראדיא'ן און לוזשינען, כאפענדיג אלע ווײלע א קוק אויף דוניען, וועל־כער, דאס איז קענטיג געווען, ניט־אנגענעהם.

דער פארפאל האט איהר, ווי עס שיינט, באאונרוהיגט מעהר פאר אלעם אנדערע, ביז צו שרעק און שוידער. ראזומיכין האט ווידעראמאל איבער דערצעהלט אלץ מיט איינאנדער, נאר דאס מאל האט ער אויך צוגעגעבען זיין מיינונג וועגען דעם: ער האט גלייך באשולדיגט ראס־קאלניקאוו'ן, אז ער האט מיט א כיון באליידיגט פיאטר פעטרא־וויטש'ן, און איצט האט ער עס איהם אפילו ניט געוואלט ענטשול־דיגען מיט זיין קראנקהייט.

— ער האט דאס נאך צוגעטראכט פאר דער קראנקהייט, — האט ער צוגעגעבען.

— איך מיין אויך אזוי, — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא געזאגט, מיט א דערשלאגענער שטים.

זי איז אבער זעהר איבערראשט געווארען, וואס דאסמאל האט ראזומיכין מאדנע פארזיכטיג און זאגאר עפעס מיט א מין אכטונג ארויסגעזאגט זיך וועגען פיאטר פעטראוויטש'ן. אדוואטיא איז דערפון אויך איבערראשט געווארען.

— זענט איהר אלזא אזא מיינונג וועגען פיאטר פעטראוויטש'ן?

— האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא זיך ניט איינגעהאלטען ניט צו פרעגען.

— וועגען דעם קינפטיגען מאן פון אייער טאכטער קען איך גאר

ניט זיין קיין אנדער מיינונג, — האט ראזומיכין פעסט און מיט היץ געענטפערט. — און איך זאג דאס ניט בלויז אויס באנאלער העפליכ־קייט, נאר מחמת... מחמת... נו, שוין מחמת דעם אליין, וואס אוודא־טיא ראמאנאוונא זעלבסט האט מיט איהר אייגענעם ווילען באעהרט דעם דאזיגען מענשען מיט איהר אויסוואהל. און אויב איך האב אויף איהם נעכטען אזוי פיעל שווארצען מאהן געשאטען, איז עס נאר דער־פאר, וואס נעכטען בין איך געווען מיאוס שכור און דערצו נאך... משוגע: יא, משוגע, אהן א קאפ, אראפ פון זינען, ממש אראפ פון זינען... היינט איז דאס מיר א שאנדע!

ער איז רויט געווארען און שטיל געבליבען. אוודאטיא ראמאנאוו־נא האט זיך אנגעצונדען, האט אבער דאס שטילשווייגעניש ניט איי־בערגעריסען. זי האט קיין איין ווארט ארויסגערעדט, זינט מען האט גענומעןריידען לוזשינען.

און כולכעריא אלעקסאנדראוונא האט זיך אפנים אהן איהר שטיצע געפיהלט אין א פארלעגענהייט. ענדליך האט זי מיט האלבע ווערטער, כאפענדיג אלע ווײלע א קוק אויף די טאכטער, ערקלערט, אז איצט באאונרוהיגט זי זעהר איין זאך.

— איהר פארשטעהט, דמיטרי פראקאפאיטש, — האט זי אנגע־הויבען. — איך וועל זיין אפענהערציג מיט דמיטרי פראקאפאיטש'ן, דוניטשקע?

— דאס געוויס, מאמישי, — האט אוודאטיא ראמאנאוונא בא־שטעטיגט.

— די זאך דערפון איז אזוי, — האט יענע גענומען ריידען גיך־גיך, גלייך ווי מען וואלט פון איהר א בארג אראפגענהמען דערמיט, וואס מען האט איהר ערלויבט צו דערצעהלען איהר צער. — היינט, זעהר פריה, האבען מיר ערהאלטען פון פיאטר פעטראוויטש'ן א בריעף, אלס ענטפער אויף אונזע רנעכטיגע מעלדונג וועגען אונזער קומען. איהר פארשטעהט, נעכטען האט ער אונז געדארפט באגעגנען, לויט ווי ער האט אונז געהאט צוגעזאגט, אויפ'ן וואקזאל. אנשטאט דעם האט מען אונז ארויסגעשיקט אנטקעגען עפעס א לאקיי, מיט דעם אדרעס פון די דאזיגע נומערן, ער זאל אונז ווייזען דעם וועג, און פיאטר פעטראוויטש האט אונז געהייסען איבערגעבען, אז ער וועט צו אונז אליין אהער קומען, היינט פריהמארגענס. אנשטאט דעם איז היינט פריהמארגענס אנגעקומען פון איהם אט דער דאזיגער בריעף... די

בעסטע זאך, לייענט איהם אליין אדורך: דא איז פארהאן א פונקט, וועלכער באאונרוהיגט מיך זעהר... איהר וועט באלד אליין זעהן, וואס איז דאס פאר א פונקט, און... איהר זאלט מיר זאגען אייער אפענהער־ציגע מיינונג, דמיטרי פראקאפאיטש! איהר קענט בעסער פאר אז אנדערן ראדיאס נאטור און קענט בעסער פאר אלעמען אונז געבען אן עצה. איך בין אייך מתרה, אז דוניטשקע האט שוין אלץ באשלא־סען, פון דעם ערשטען טריט אן, נאר איך, איך וויים נאך ניט, וואס איך זאל טאן און... און האב אלץ געווארט אויף אייך.

ראזומיכין האט געעפענט דעם בריעף, מיט דער נעכטיגער דאטע און האט אדורכגעלעזען פאלגענדעס:

„הויכגעעהרטע פרוי, פולכעריא אלעקסאנדראוונא! איך האב די עהרע אייך צו מעלדען, אז צוליעב אומגעריכטע און ניט פאראויסגע־זעהענע סיבות האב איך אייך ניט געקענט באגעגענען אויפ'ן וואקזאל, און האב צוליעב דיזען צוועק געשיקט א מענשען, זעהר א טיכטיגען. צו גלייכער צייט וועל איך ניט האבען די עהרע צו באגריסען אייך מארגען אין דער פריה צוליעב סענטאס־אנגעלעגענהייטען, וועלכע קע־נען ניט אפגעלעגט ווערען, און אויך צוליעב דעם, איך זאל ניט שטע־רען דער צוזאמענקונפט צווישען אייך מיט אייער זוהן און אוודאטיא ראמאנאוונא'ן מיט איהר ברודער. די עהרע אייך צו באזוכען און צו באגריסען אין אייער וואוינונג וועל איך ערשט האבען ניט פריהער ווי מארגען פונקט אכט דעם זייגער נאך מיטאג, דערביי וואג איך ביי־צולעגען מיין איבערצייגענדע און, איך וועל אויך זאגען, דרינגליכע ביטע, אז ביי אונזער געמיינזאמער צוזאמענקונפט זאל שוין ראדיאן ראמאנאוויטש זיך ניט געפינען, ווייל ער האט מיך זעהר גראב באַ־ליידיגט בעת איך האב איהם נעכטען באזוכט אין זיין קראנקהייט, און מחמת איך האב אויסערדעם צו אייך א נויטווענדיגע און אויס־פיהרליכע ערקלערונג וועגען א געוויסען פונקט, וועגען וועלכען איך וויל וויסען אייער פערזענליכע מיינונג. דערביי האב איך די עהרע באצייטענס אייך מתרה צו זיין, אז אין פאל אויב איך וועל, טראץ מיין ביטע, טרעפען ראדיאן ראמאנאוויטש'ן, וועל איך זיין געצוואונ־גען אונגעזאמט אוועקצוגעהן, און דאמאלס זאלט איהר שוין באשול־דיגען ניט קיין אנדערען, ווי זיך אליין. איך שרייב אין דער השערה, אז ראדיאן ראמאנאוויטש, וואס איז, דאכט זיך, בעת דעם באזוך מיי־נעם געוועזען אזוי קראנק, איז אין צוויי שעה ארום פלוצלונג געזונד גע־

ווארען: הייסט עס, אלזא, אז וויבאלד ער געהט שוין ארוים אין דרויסען, קען ער צו אייך אויך קומען. דעריין האב איך זיך איבערצייגט מיט מיינע אייגענע אויגען אין דער וואוינונג פון איינעם א שכור'ניק, וועלכען פערד האבען צוטראטען, פון וואס ער איז געשטארבען; דער טאכטער זיינער, א מיידעלע פון שענדליכער אויפפיהרונג, האט ער נעכטען ארויסגעגעבען ביז פינפאונצוואנציג רובל בלומרשט אויף דער לויה, וואס האט מיך זעהר פארוואונדערט, ווייסענדיג, מיט וואס פאר א שוועריגקייטען איהר האט צונויפגעמאכט די דאזיגע סומע. דערביי באצייג איך מיין הויכאכטונג דער געעהרטער אוודאטיא ראמאנאוונא און בעט אנצונעהמען די געפיהלען פון רעספעקטפולער איבערגעבענהייט.

פון אייער איבערגעבענסטען דיענער

פ. לוזשין."

— וואס זאל איך איצט טאן, דמיטרי פראקאפאיטש? האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא אנגעהויבען, שיער ניט דורך טרעהרען. — נו, ווי זאל איך עס זאגען ראדיא'ן, ער זאל ניט קומען? ער האט אזוי דרינגליך געבעטען געפאדערט, מען זאל איינגאנצען אפזאגען פיאטר פעטראוויטש'ן, און דא הייסט מען איהם אליין ניט אויפנעהמען! ער וועט דאך אויף צו להכעיס קומען, אז ער וועט זיך דערוויסען, און... וואס וועט דאמאלס זיין?

— טוט אזוי, ווי אוודאטיא ראמאנאוונא האט באשלאסען. — האט רוהי און גלייך ראזומיכי'ן געענטפערט.

— אך, גאט מיינער! זי זאגט... דאס גוטע יאהר ווייסט איהר וואס זי זאגט! זי זאגט מיר ניט אוים, וואס איהר מיין איז! זי זאגט, אז ס'וועט זיין גלייכער, דאס הייסט, ניט וואס גלייכער, נאר ס'איז עפעס דורכאוים בלומרשט נויטיג, אז ראדיא זאל אויך דוקא היינט קומען אכט דעם זייגער און זיי זאלען זיך אונבאדינגט טרעפען... און איך האב איהם אפילו דעם בריעף ניט געוואלט באווייזען, און האב געוואלט עפעס צוטראכטען, מיט אייער הילף, א תירוץ, ער זאל ניט קומען... ווייל ער איז אזוי נערוועאיש... היינט איך פארשטעה גלאט ניט, וואס פאר א שכור'ניק איז דארט געשטארבען, און וואס איז דאס פאר א טאכטער, און ווי אזוי האט ער עס געקענט אפגעבען דער דאזיגער טאכטער דאס גאנצע לעצטע ביסעל געלט... וואס...

— וואס איז אונז אזוי שווער אָנגעקומען, מאַמישי, — האָט אוודאָטיא ראָמאַנאָוונא צוגעגעבען.

— ער איז נעכטען געווען ניט מיט אַלעמען, — האָט ראַזומיכין פארטראכטערהייד ארויסגערעדט. — ווען איהר זאָלט געווען וויסען, וואָס ער האָט דאָרט אָנגעטאָן אין טייךהויז, אפילו זעהר קלוג... הם! וועגען עפּעס איינעם א געשטאָרבענעם מיט א מיידעל האָט ער מיר ווירקליך נעכטען דערצעהלט, בשעת מיר זיינען געגאַנגען אהיים, איך האָב אָבער קיין איין וואָרט ניט פארשטאַנען.. איבריגענס בין איך נעכטען אליין געווען...

— די גלייכסטע זאך, מאַמישי, לאָמיר צו איהם אליין אראָפּגעהן און דאָרט, קענט איהר זיין זיכער, וועלען מיר גלייך זעהן, וואָס מיר האָבען צו טאָן, און ס׳איז גלאַט שוין צייט. מיין גאָט! די עלפטע שעה! — האָט זי אויסגעשריען. א קוק געבענדיג אויף דאָס פּראַכטפוללע גאָלדענע זייגערל מיט עמאַל, וואָס איז געהאַנגען ביי איהר אויפ׳ן האַלז אויף א דין ווענעדיגער קייטעלע און וואָס האָט שרעקליך ניט האַרמאָנירט מיט דעם איבעריגען אָנצוג.

„דעם חתנ׳ס א געשאַנק“, האָט ראַזומיכין א טראַכט געטאָן.

— אך, שוין צייט!... צייט, דוניטשקע, צייט! — האָט זיך פּולכעריא אלעקסאנדראָוונא גענומען אומרוהיג איילען. — מען קען נאָך נאָר מיינען, אז מיר זיינען ברוגז פאר נעכטינעס, וויבאלד מיר זיינען נאָך אזוי לאַנג נישטאָ. אך, מיין גאָט!

מיט די ווערטער האָט זי איילענדיג ארויפגעוואָרפען אויף זיך די מאַנטיליע און אָנגעטאָן דאָס היטעלע: דוניטשקע האָט זיך אויך אָנגעטאָן. איהרע האַנדשוה׳ן זיינען געווען ניט בלויז אָפּגעטראָגען, נאָר אפילו צוריסען, — ראַזומיכין האָט עס באַמערקט, — און דאָך האָט די דאָזיגע אָפענע אָרימקייט פון זייערע קליידער צוגעגעבען בייַדע דאַמען עפּעס א באַזונדערע זעלבסטווירדע, ווי דער שטייגער איז מיט די, וועלכע פארשטעהען ווי צו טראָגען אָרימע קליידער. ראַזומיכין האָט מיט עהרפורכט געקוקט אויף דוניטשקען און איז געווען שטאָלץ, וואָס ער וועט זי פיהרען.

„די קעניגין“, — האָט ער פאר זיך געטראַכט, — „וועלכע האָט געצירעוועט די זאָקען איהרע אין געפענגעניש, האָט שוין געוויס דאַמאָלס אויסגעזעהן אַ אמת׳ע קעניגין און אפילו מעהר ווי אין דער צייט פון די רייכסטע פּייערטעג און בעלער“.

— מיין גאט! — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא אויסגע־שריען, — האב איך עס גאר געקענט טראכטען. אז איך וועל מורא האבען צו זעהן זיך מיט מיין זוהן, מיט מיין ליעבען, ליעבען ראדיא'ן, אזוי ווי איך האב איצט מורא!... איך האב מורא, דמיטרי פראקאפאיטש! — האט זי צוגעגעבען, און ניט־זיכער אויף איהם א קוק געטאן.

— ניט האט מורא, מאמישי, — האט דוניא געזאגט, קושענדיג זי, — בעסער גלויבט אין איהם.

— אך, גאט מיינער! איך גלויב אויך, און א גאנצע נאכט האב איך ניט געשלאפען — האט די ארימע פרוי אויסגעשריען.

זיי זיינען ארויס אויפ'ן גאס.

— דו ווייסט, דוניטשקע, ווי נאר איך בין באגינען א ביסעל אנטשלאפען געווארען, איז מיר פלוצלונג געקומען צו חלום מארפא פעטראוונא, עליה השלום... דורכאויס אין ווייסען... צוגעגאנגען צו מיר, אנגענומען פאר'ן האנט, און שאקעלט מיט'ן קאפ, עפעס אזוי שטרענג, אזוי שטרענג, ווי מיט פארוואורף... זאל עס כאטש זיין צו גוטען? אך, גאט מיינער, דמיטרי פראקאפאיטש, איהר ווייסט עס נאך ניט: מארפא פעטראוונא איז געשטארבען!

— ניין, איך ווייס ניט! וואסער מארפא פעטראוונא?

— פלוצלונג! און שטעלט אייך פאר...

— שפעטער, מאמישי, — האט זיך דוניא אריינגעמישט, — זיי ווייסען דאך ניט, ווער זי איז אזוינס, אט די מארפא פעטראוונא.

— אך, איהר ווייסט ניט? און איך האב געמיינט, איהר ווייסט שוין אלץ. איהר וועט מיך ענטשולדיגען, דמיטרי פראקאפאיטש, איך פארליר ממש דעם קאפ פאר די לעצטע עטליכע טעג. כ'לעבען איך האלט אייך פאר א מלאך פון גאט, צו אונז אראפגעשיקט, און דארום בין איך געווען אזוי איבערצייגט, אז איהר ווייסט פון אלץ. איך האלט אייך ווי פאר אן אייגענעם... ניט זענט אין כעס, וואס איך רייד אזוי. אך, גאט מיינער, וואס איז דאס ביי אייך אויף דער רעכטער האנט! צושלאגען?

— יא, צושלאגען, — האט ראזומיכין א גליקליכער ארויסגע־שטאמעלט.

— אפטמאל רייד איך שוין מיט צופיעל הארץ, אזוי אז דוניא פארריכט מיך... אבער גאט מיינער, אין וואס פאר א קבר'ל ער וואוינט עם! איז ער שוין כאטש אויפגעשטאנען? און די דאזיגע

פרוי, די בעל־הבית'טע זיינע, האלט עס פאר א צימער? הערט, איהר זאָגט, אז ער האָט פיינט אויסצוגיסען דאָס הארץ, וועל איך איהם אפשר דערעסען מיט מיינע... שוואכקייטען?... אפשר וועט איהר מיך אויסלערנען, ווי איך זאָל מיך מיט איהם האלטען? איהר ווייסט, איך געה ארום ווי א צוטומעלטע.

— ניט פרעגט איהם פונאָנדער צופיעל, אויב איהר וועט דערזעהן, אז איהם איז שווער: באזונ־ערס זאָלט איהר זיך ניט נאָכפרעגען זעהר אויף זיין געזונד: ער האָט דאָס פיינט.

— אך, דמיטרי פראָקאָפאיטש, ווי שווער עס איז צו זיין א מוטער! נאָר אָט זיינען שוין די טרעפ... ס'אר א שרעקליכע טרעפ!

— מאָמישי, איהר זענט אזוי בלאס, בארוהיגט זיך, מיין טייערע, — האָט דוניא געזאָגט, לאָשטשענדיג זיך צו איהר. — איהר דארפט דאָך נאָך זיין גליקליך. וואָס ער זעהט אייך, און איהר האָט אזוי פיעל יסורים, — האָט זי צוגעגעבען. א בליץ טוענדיג מיט די אויגען.

— וואַרט א ווײלע, איך וועל אפריהער זעהן, צי ער איז אויפגעשטאַנען.

ביידע פרויען זיינען לאַנגזאם נאָכגעגאַנגען ראַזומיכינען, וועלכער האָט זיך אפריהער ארויפגעכאפּט אויף די טרעפ, און ווען זיי זיינען שוין געווען אויף'ן פיערטען שטאָק אנטקעגען דער בעל־הבית'טעס טיר, האָבען זיי דערזעהן, אז זי איז אָפען אויף א קליין שפּעלטעלע און צוויי שארפע שווארצע אויגען באטראכטען זיי ביידען פון דער פינסטערניש ארויס. ווען די בליקען האָבען זיך אבער באגעגענט, האָט זיך די טיר פלוצלונג פארהאקט, און מיט אזא אימפּעט, אז פולכעריא אלעקסאנדראָוונא האָט שיער ניט א געשריי געטאָ פאר שרעק.

דריטעס קאפּיטעל.

— געזונד, געזונד! — האָט זאָסימאָוו באגעגענט מיט א פרעהליכע געשריי די אריינגעקומענע.

ער איז שוין געווען געקומען מיט א מינוט צעהן צוריק און איז געזעסען אין זיין געכטיגען ווינקעל אויפ'ן דיוואַן ראַסקאָלניקאָוו איז

געזעסען אין א ווינקעל איהם געגענאיבער, שוין איינגאנצען אנגעטאן און אפילו זעהר זויבער איינגעוואשען און פארקאמט. וואס מיט איהם האט זיך עס שוין לאנג ניט געטראפען. דאס צימער איז מיט אמאל פול געווארען. דאך האט נאסטאסיא באוויזען אריינצוקומען גלייך נאך די געסט און גענומען זיך צוהערען.

ראסקאלניקאוו איז ווירקליך געווען כמעט ווי געזונד, באזונדערס אין פארגלייך מיט זיין נעכטיגען צושטאנד, אבער זעהר בלאס, צוטראגען און פינסטער. אויסערליך איז ער געווען עהנליך אויף א פארוואונדעטען מענשען, אדער אויף איינעם, וואס טראגט אריבער עפעס א שטארקען פיזישען וועהטאג: די ברעמען זיינען איהם געווען צונויפגעצויגען ,די ליפען צונויפגעפרעסט ,דער בליק האט געברענט. גערעדט האט ער ווייניג און ניט גערן, עפעס אזוי ווי איבער געוואלט אדער ערפילענדיג א חוב, און א געוויסע אומרוהיגקייט פלעגט זיך צייטענווייז באווייזען אין זיינע באוועגונגען.

עס האט בלויז געפעהלט, די האנט זאל איהם זיין ארומגעבונדען אדער דער פינגער זאל זיין איינגעוויקעלט אין טאפט, ער זאל אינגאנצען עהנליך זיין אויף א מענשען, וועמען עס רייסט, א שטייגער, אז א פינגער מיט א שרעקליכען וועהטאג, אדער די האנט איז צושעדיגט, אדער עפעס אנדערש אין דער ארט.

דאך האט זיין פינסטער בלאסער פנים אויפגעשטראלט אויף איין אויגענבליק, ווען עס זיינען אריינגעקומען די מוטער און די שוועסטער. נאר דאס האט בלויז צוגעגעבען צו דעם אויסדריק פון דעם געזיכט, אנשטאט דער פריהערדיגער פארביינקטער צוטראגענהייט, עפעס אזוי ווי מעהר קאנצענטרירטען שמערץ. דער שיין האט זיך אויסגעלאשען, אבער דער שמערץ איז פארבליבען, און זאסימאוו, וואס האט באאבאכטעט און שטודירט דעם פאציענט זיינעם מיט דעם גאנצען ברען פון א דאקטאר, וואס הויבט ערשט אן צו פראקטיצירען, האט מיט פארוואונדערונג באמערקט אין איהם אנשטאט פרייד, וואס די אייגענע זיינען געקומען, עפעס אזוי ווי א שווערע פארבארגענע ענטשלאסענהייט איבערצוטראגען א שעה — די אנדערע די שרעקליכסטע יסורים, וועלכע מען קען שוין ניט אויסמיידען. ער האט דערנאך דערזעהן, אז כמעט איטליכעם ווארט פון דעם שמועס, וואס האט זיך באלד דערויף אנגעהויבען, האט אזוי ווי אנגערירט עפעס א וואונד ביי זיין פאציענט און האט איהם דורכדעם

פארשאפט די שרעקליכסטע ווערטאָגען; נאָר אין דערזעלבער צייט האָט ער באַאונרוהיגט דעם נעכטיגען מאַנאַמאַן, וואָס נעכטען פלעגט איהם דאָס מינדסטע וואָרט אריינברייננגען שיער ניט אין רציחה. און היינט האָט ער מיט א זעלטענער קראפט באהערשט און פארבאָרגען זיינע געפיהלען.

— יאָ, איך זעה איצט אליין, אז איך בין כמעט שוין געזונד, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געזאָגט, פריינדליך קושענדיג די מוטער און די שוועסטער, פון וואָס פּולכעריא אלעקסאנדראָוונא האָט גלייך גענומען שיינען. — און איך זאָג עס שוין ניט ווי נעכטען, — האָט ער צוגעגעבען, זיך ווענדענדיג צו ראַזומיכינען און דריקענדיג איהם פריינדליך די האַנט.

— און איך האָב מיך זאָגאָר פארוואונדערט היינט, — האָט זאָסימאָוו אנגעהויבען, זעהר צופרידען מיט די געסט, ווייל פאר די צעהן מינוט האָט זיך שוין אָפּגעריסען דער פאָדים פון דעם געשפּרעך, וועלכען ער האָט אונטערגעהאַלטען מיט זיין חולה. — אין א טאָג דריי־פיער ארום, אויב ס'וועט אזוי ווייטער געהן, וועט ער זיין ווי פריהער, דאָס הייסט, ווי ער איז געוועזען מיט א מאָנאַט צוריק, אָדער מיט אָדער אפשר מיט דריי... זענט זיך איצט מודה, אז איהר זענט אפשר אליין שולדיג געוועזען? — האָט ער צוגעגעבען מיט א פארזיכטיגען שמייכעל, גלייך ווי ער האָט נאָך אלץ מורא געהאַט איהם אויפצורייצען מיט עפּעס.

— עס איז זעהר מעגליך, — האָט ראַסקאָלניקאָוו קאַלט גע־ענטפערט.

— איך זאָג עס אנטקעגען דעם, — האָט זאָסימאָוו פארטגעזעצט, באַקומענדיג נאָך מעהר חשק, — אז אייער פאָלקאָם געזונד ווערען ווענדט זיך איבערהויפּט אָן אייך אליין. איצט, ווען מען קען שוין מיט אייך ריידען, וואָלט איך אייך וועלען איבערצייגען, אז עס איז זעהר נויטיג צו באזייטיגען די עלעמענטאַרסטע, אָדער אזוי צו זאָ־גען, די ראַדיקאַלסטע אורזאַכען, וואָס האָבען געווירקט אויף אייער אָרגאַניזם, ער זאָל קראַנק ווערען. — דאַמאָלס וועט איהר זיך ערשט אויסהיילען, אניט וועט נאָך זיין אפילו ערגער. די דאָזיגע עלעמענטאַרע אורזאַכען זיינען מיר ניט באַקאַנט, איהר אָבער דאַרפט פון זיי ווי־סען. איהר זענט א קלוגער מענש, און געוויס האָט איהר זיך באַאָבאַכ־טעט. מיר דאַכט זיך, דער אָנפאַנג פון אייער קרענקליכען צושטאַנד

געפאלט טיילוויז מיט דער צייט פון אייער ארויסטרעטען פון דער אוניווערזיטעט. איהר טארט ניט בלייבען אהן א באשעפטיגונג, און דעריבער דאכט זיך מיר, אז ארבייט און א פעסט אוועקגעשטעלטעס ציעל וואלטען אייך זעהר געקענט העלפען...

— יא, יא, איהר האט פאלקאם רעכט... את וועל איך באלד אנ־קומען אין אוניווערזיטעט, און דאן וועט אלץ אוועקגעהן... ווי גע־שמירט...

זאסימאוו, וועלכער האט אנגעהויבען זיינע קלוגע עצות טיילוויז אויך אום צו מאכען אן עפעקט אויף די דאמען, איז, פארשטעהט זיך, געוואָרען אביסעל מטושטש, ווען, געענדיגט די רעדע און א קוק געטאן אויף זיין צוהערער, האט ער דערזעהן אין זיין געזיכט אן אויסדריק־ליכען שפאטישען שמייכעל. איבריגענס האט עס גדויערט אייז אוי־גענבליק. פולכעריא אלעקסאנדראוונא האט גלייך גענומען דאנקען זאסימאוו'ן, איבערהויפט פאר דעם נעכטיגען באזוך צו זיי אין האָ־טעל.

— וואס איז, ער איז ביי אייך דען געווען ביינאכט אויך? — האט ראסקאלניקאוו געפרעגט, עפעס אזוי ווי ווערענדיג אומרוהיג, — הייסט עס, איהר האט אויך ניט געשלאפען און נאך זייענדיג פון וועג.

— אך, ראדיא, דאס איז דאך אלץ געווען בלויז ביז צוויי דעם זייגער. אין דער היים פלעגען מיר זיך אויך קיינמאל ניט לעגען פריי־הער פאר צוויי.

— איך ווייס אויך ניט, מיט וואס איך זאל איהם באדאנקען, — האט ראסקאלניקאוו פארטגעזעצט, ווערענדיג פלוצלונג כעס'דיג און אראפלאזענדיג די אויגען. — פארבויגענדיג די פראגע וועגען געלט.— ענטשולדיגט, וואס איך דערמאהן וועגען דעם (האט ער זיך געווענדעט צו זאסימאוו'ן), ווייס איך שוין גאר ניט, מיט וואס האב איך עס פארדיענט ביי אייך אזא מין באזונדערע אויפמערקזאמקייט? ממש איך פארשטעה עס ניט... און... און עס איז מיר זאגאר שווער, דען עס איז אונפארשטענדליך: איך זאג אייך עס ארויס אפען.

— רעגט זיך ניט אויף, — האט זאסימאוו זיך צולאכט מיט א געמאכטען געלעכטער, שטעלט אייך פאר, אז איהר זענט מיין ערש־טער פאציענט, נו, און א נאש־בראט, וואס הויבט ערשט אן צו פראק־טיצירען, האט ליעב זיינע ערשטע פאציענטען, ווי אייגענע קינדער, און

איינינע פארליעבען זיך ממש אין זיי. און איך בין דאך ניט רייד אין פּאַציענטען.

— איך רייד שוין ניט וועגען איהם, — האָט ראסקאָלניקאָוו צו־געגעבען, אַנווייזענדיג אויף ראזומיכינען. ער האָט פון מיר אויך גאָר־נישט געהאט, אויסער באַליידיגונגען און קאָפּדרעהעניש.

— ווי ער ליינט עס אביסעל! דו ביסט היינט אפנים אין א סענטימענטאַלער שטימונג, צי וואָס? — האָט ראזומיכין אויסגע־שריען.

ווען ער וואָלט געווען שארפזיניגער, וואָלט ער דערזעהן, אז פון קיין סענטימענטאלער שטימונג איז קיין שפּור ניט געווען. פאַר־קעהרט, ס'איז געווען גאָר עפּעס אנדערש, דער היפך דערפון. אוודאָטיא ראָמאַנאָוונא האָט עס אבער יאָ באמערקט. זי האָט ניט אראָפּגענו־מען איהרע אומרוהיגע בליקען פון דעם ברודער.

— און וועגען אייך, מאַמישי, וואָג איך אפילו ניט צו ריידען,— האָט ער פּאַרטגעזעצט, גלייך ווי ער וואָלט א לעקציע איינגע'חזר'ט אין דער פריה. — היינט האָב איך ערשט געקענט אויף וויפיעל ניט איז באגרייפען, וויפיעל יסורים איהר האָט נעכטען געמוזט אויסשטעהן, וואַרטענדיג אויף מיין צוריקקומען.

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט ער פּלוצלונג אהן ווערטער און מיט א שמייכעל אויסגעשטרעקט דער שוועסטער די האַנט. אין דעם דאָזי־גען שמייכעל אבער האָט דאָסמאָל א שיין געטאָן אַן אמת'דיג אויפ־ריכטיג געפיהל. דוניא האָט גלייך א כאַפּ געטאָן און א הייסען דריק געגעבען זיין אויסגעשטרעקטע האַנט, מיט פרייד און דאַנקבארקייט. צום ערשטען מאָל האָט ער זיך געווענדט צו איהר נאָך דעם נעכ־טיגען איבעררייסען זיך. דאָס געזיכט פון דער מוטער האָט גענומען שיינען פאַר ענטציקונג און גליק. צוקוקענדיג דאָס דאָזיגע ענדגילטיגע און שווייגענדיגע גוטפריינד־ווערען פון דעם ברודער מיט דער שוועס־טער.

— אָט דערפאַר טאַקע האָב איך איהם ליעב! — האָט ארויסגע־מורמעלט ראזומיכין, וועלכער האָט געטאָן א טבע אלעס צו מגזם זיין, און האָט זיך ענערגיש א דרעה געטאָן אויף זיין שטוהל. — עפּעס האָט ער אין זיך אזעלכע באוועגונגען!...

„און ווי גוט דאָס קומט ביי איהם ארויס", האָט די מוטער גע־טראַכט פאַר זיך. — „וואָס פאַר אַן איידעלע געפיהלען עס רייסען זיך

איהם ארויס, און ווי איינפאד, און צארט ער האט עס געענדיגט די נעכטיגע מיספארשטענדניש מיט דער שוועסטער — נאר דערמיט, וואס ער האט אויסגעשטרקעט די האנט אין אזא רגע, און א גוטען קוק גע־געבען... און וואס פאר א ערליכע אויגען ער האט, און ווי דאס גאנצע פנים זיינס איז ערליך!... ער איז נאך שענער פאר דוניטשקען... אבער גאט מיינער, וואס פאר אן אנצוג ער טראגט עס, ווי שרעקליך ער איז נעקליידט!... ביי אפאנאסי איוואנאוויטש'ן אין קראם איז וואסיא דער משרת שוין בעסער געקליידט!... איך וואלט, דאכט זיך, גלייך צוגע־פאלען צו איהם, און וואלט איהם ארומגענומען, און... וואלט זיך פור־נאנדערגעוויינט — נאר איך האב מורא, איך האב מורא... ער איז עפעס אזא מאדנער, מיין גאט! דאכט זיך, אט רעדט ער אזוי ווייך און צו־געלאזט, איך האב אבער מורא! נו, פארוואס האב איך מורא?"

— אך, ראדיא, דו וועסט ניט גלויבען, — האט זי פלוצלונג אנ־געהויבען, איילענדיג זיך צו ענטפערן אויף זיין באמערקונג, — ווי איך מיט דוניטשקען זיינען מיר נעכטען געווען... אומגליקליך! איצט ווען אלץ איז שוין פאריבער און געענדיגט, און מיר זיינען אלע ווידער גליקליך, — קען מען עס דערצעהלען אין פריידען. שטעל דיר פאר, מיר לויפען אהער, דיך ארומצונעהמען, שיער ניט גלייך פון וואגאן ארויס, און די דאזיגע פרוי, — אהא, אט איז זי דאך! גוט מארגען דיר, נאסטאסיא!... טוט זי אונז פלוצלונג א זאג, אז דו ליעגסט אין ווייסען פיבער און ביסט ערשט אנטלאפען פונ'ם דאקטאר, אין היץ, און אז מען איז דיך אוועקגעלאפען זוכען. דו וועסט ניט גלויבען, וואס מיט אונז איז געווען! מיר האט זיך גראד דערמאהנט, ווי שרעקליך עס איז אומגעקומען פאטאנטשיקאוו דער אפיציר, אונזערער א באַ־קאנטער, דעם פאטער דיינעמס א פריינד, — דו געדענקסט איהם ניט, ראדיא, — אויך אין ווייסען פיבער און אויך אזוי ארויסגעלאפען און איז אויפ'ן הויף אריינגעפאלען אין ברונען אריין, ערשט אויפ'ן צווייטען טאג האט מען איהם געקענט ארויסשלעפען. און מיר האבען, פארשטעהט זיך, נאך מעהר איבערגעטריבען. מיר האבען שוין גע־וואלט זיך לאזען זוכען פיאטר פעטראוויטש'ן, כדי כאטש מיט זיין הילף... ווייל מיר זיינען דאך געווען אליין, עלענד און איינזאם, — האט זי אויסגעצויגען מיט א יאמערליכען קול און זיך פלוצלונג אפגע־האקט, זיך דערמאהנט, אז מאכען א רייד וועגען פיאטר פעטראַ־וויטש'ן איז נאך גאנץ געפעהרליך, ניט קוקענדיג אויף דעם, „וואס

אלע זיינען שוין ווידער פאַלקאָם גליקליך.״

— יאָ, יאָ... דאָס אַלעס פאַרדריסט מיר זעהר... — האָט ראַס־קאָלניקאָוו שטאַמלענדיג געענטפערט, אבער מיט אַזאַ צוטראַגענעם און כמעט ניט ־ אויפמערקזאַמען בליק, אַז דוניטשקע האָט איהם זעהר פאַרוואונדערט אַנגעקוקט.

— וואָס האָב איך עפּעס נאָך געוואָלט זאָגען, — האָט ער פאַרט־געזעצט, זיך אַנשטרענגענדיג צו דערמאָהנען זיך, — יאָ: איך בעט אייך זעהר, מאַמישי, און דיך אויך, דוניטשקע, איהר זאָלט ניט מיי־נען, אַז איך האָב צו אייך היינט ניט געוואָלט דער ערשטער קומען און געוואַרט, איהר זאָלט אַפריהער קומען צו מיר.

— וואָס רעדסטו דאָס, ראָדיאַ! — האָט פּולכעריא אַלעקסאַנד־ראָוונאַ אויסגעשריען, אויך שטאַרק פאַרוואונדערט.

„וואָס איז דאָס אַזוינס, ער ענטפערט אונז, אַזוי ווי מען וואָלט איהם נויטען, צי וואָס?״ האָט דוניטשקע אַ טראַכט געטאָן. — „ער ווערט גוט־פריינד און בעט מחילה, גלייך ווי ער ערפילט עפּעס אַ פליכט אַדער אַ לעקציע איינגע׳חזר׳ט“.

— ווי נאָר איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך געוואָלט געהן, נאָר די קליידער האָבען מיך פאַרהאַלטען: פאַרגעסען נעכטען צו זאָגען איהר... נאַסטאַסיא׳ן.... זי זאָל אָפּוואַשען דאָס בלוט... ערשט זיך אָנגעטאָן...

— דאָס בלוט! וואָס פאַר אַ בלוט? — האָט פּולכעריא אַלעק־סאַנדראָוונאַ אומרוהיג אויסגעשריען.

— דאָס איז אַזוי זיך... ניט באַאונרוהיגט זיך. דאָס בלוט איז דערפון, וואָס נעכטען, זיך ארומשלעפּענדיג אַ ביסעל אין היץ, האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויף אַן איבערגעפאָהרענעם מענשען... עפּעס אַ באַאַמטען...

— אין היץ? דו געדענקסט דאָך אבער אַלץ, — האָט ראַזומיכין איהם איבערגעשלאָגען.

— דאָס איז אמת, — האָט ראַסקאָלניקאָוו דערויף געענטפערט מיט אַ וואונדערליכער גרייטקייט, — איך געדענק אַלץ, מיט אַלע קלענסטע פּרטים, אבער ווען דו טוסט מיך, אַ שטייגער, אַ פרעג: צוליעב וואָס האָב איך ד אָ ס געטאָן, אַ ה י ן געגאַנגען, י ע נ ץ גערעדט? וועל איך עס שוין ניט קענען גוט ערקלערען.

— זעהר אַ באַקאַנטע ערשיינונג, — האָט זיך זאַסימאָוו אריינ־

געמישט, — די אויספיהרונג פון דער זאך איז אפטמאל קונציג, אונגעוועהנליך קלוג, אבער די געדאנקען, וועלכע רופען ארויס די האנדלונגען, דער קוואל פון די דאזיגע הנאדלונגען איז צורודערט און העננט אפ פון פארשידענע קרענקליכע איינדריקען. עס איז עהנליך אויף א חלום.

„דאס איז דאך אבער אייגענטליך זעהר גוט, וואס ער האלט מיך כמעט ווי פאר א משוגע'נעם". האט ראסקאלניקאוו א טראכט געטאן.

— אויב אזוי. טרעפט זיך, דאכט זיך, דאס אייגענע מיט געזונדע אויך, — האט דוניטשקע באמערקט, אומרוהיג קוקענדיג אויף זאסימאוו'ן.

— א גאנץ ריכטיגע באמערקונג, — האט יענער געענטפערט.— אין דער דאזיגער הינזיכט זיינען מיר אלע ווירקליך, זעהר אפט אפילו, כמעט ווי פארריקטע, אבער מיט איין קליינעם אונטערשיד: די „קראנקע" זיינען עטוואס מעהר פארריקט ווי מיר, ווייל דא מוז מען זיך האלטען אן א געוויסע גרעניץ. און קיין הארמאנישער מענש איז כמעט גאר ניט בנמצא, דאס איז אמת; אויף צעהנדליגער, און אפשר אויף פיעל הונדערטער טויזענדער קומט אוים צו איין עקזעמפלאר, און דאס זיינען אייגענטליך אויך גאנץ שוואכע עקזעמפלארען...

ביי דעם ווארט „פארריקטע", וואס האט זיך אזוי נישט־פארזיכטיג ארויסגעכאפט ביי זאסימאוו'ן, וועלכער האט זיך זעהר צו'דרשנ'ט אויף זיין געליעבטע טעמע, האבען זיך אלע א קנייטש געטאן. ראסקאלניקאוו איז געזעסען, גלייך ווי עס וואלט איהם גארנישט אנגעגאנגען, פארטראכטערהייד און מיט א מאדנעם שמייכעל אויף די בלאסע ליפען. ער האט ניט אויפגעהערט עפעס צו בארעכענען.

— נו, יא ,איז וואס איז דאס געוועזן מיט דעם דאזיגען איבערגעפאהרענעם? איך האב דיך איבערגעשלאגען! — האט ראזומיכין האסטיג אויסגעשריען.

— וואס? — האט יענער זיך אזוי ווי פון שלאף אויפגעכאפט,

— אהא... נו, האב איך מיך אויסגעשמירט אין בלוט, העלפענדיג איהם איבערצוטראגען אהיים... מחשבות'ן, מאמישי, איך האב נעכטען אפגעטאן זעהר א גרויסע נארישקייט: איך בין אין דער אמת'ן אפנים ניט געוועזן ביים קלארען זינען. דאס גאנצע געלט, וואס איהר האט מיר צוגעשיקט, האב איך נעכטען אפגעגעבען... זיין ווייב... אויף דער לויה. איצט איז זי אן אלמנה, א שווינדזיכטיגע, אומגליקליכע פרוי...

דריי קליינע יתומים, הונגעריגע... אין שטוב אין פוסט... און ס'איז פארהאן נאך א טאָכטער... איהר וואָלט אפשר אליין אויך אַוועקגעגעבען, ווען איהר זאָלט עס געזעהן... איבריגענס, האָב איך דערויף קיין שום רעכט ניט געהאַט, בפרט נאך, אז איך האָב געוואוסט, ווי אזוי דאָס געלט איז אייך אַנגעקומען. אום צו העלפען, דאַרף מען אפריהער האָבען רעכט דערויף, אַניט קומט "Crevez chiens, si vous n'etes pas contents." *) אוים: ער האָט זיך צולאַכט. — אפשר ניט אזוי, דוניא?

— ניין, ניט אזוי, — האָט דוניא פעסט געענטפערט.

— באַ! דו ביסט אויך... מיט כונות!... האָט ער ארויסגעברומט, ווארפענדיג אויף איהר שיער ניט קיין פריינדליכען בליק, און האָט א שפּאָטישען שמייכעל געטאָן. — איך האָב עס געדאַרפט פארשטעהן... נו, נו, זעהר פיין פון דיין זייט: טאקע פאר דיר גלייכער... אז דו וועסט קומען צו אזא גרעניץ, וואס אויב דו וועסט עס ניט איבערטרעטען — וועסטו זיין אומגליקליך, אויב דו וועסט עס יאָ איבערטרעטען — וועסטו אפשר זיין נאך אומגליקליכער... איבריגענס, איז עס אלץ נארישקייטען! — האָט ער צוגעגעבען מיט כעס, — איהם האָט פארדראָסען, וואס ער האָט זיך אומגערן צורעדט מיט אזוי פיעל היץ. — איך האָב ניט מעהר געוואָלט זאָגען, אז ביי אייך, מאַמישי, בעט איך מחילה, — האָט ער געענדיגט שאַרף און אַפּגעהאַקט.

— וואס רעדסטו, ראָדיא? איך בין זיכער, אז אלץ, וואס דו טוסט, אלץ איז זעהר גוט! — האָט די דערפרעהטע מוטער אויסגערופען.

— זייט ניט אזוי זיכער, — האָט ער געענטפערט און א שמייכעל האָט צוקרימט איהם דאָס מויל.

עס איז געוואָרען שטיל. עטוואס אַנגעשטרענגטעס איז געלעגען אין דיזם דאָזיגען גאַנצען שמועס, און אין דעם שווייגען, און אין דעם גוט־פריינד ווערען, און אין דער מחילה, און אלע האָבען עס געפיהלט.

„זיי האָבען דאך איז דער אמת'ן מורא פאר מיר", האָט ראַס־קאָלניקאָוו געטראַכט, קוקענדיג פון אונטער די ברעמען אויף די מוטער און שוועסטער. פולכעריא אלעקסאַנדראָוונא, וואס מעהר זי האָט געשוויגען, אלץ מעהר האָט זי ווירקליך זיך געשראָקען.

---

*) צורייסט די קייטען, אויב איהר זענט ניט צופרידען.

„אונטער די אויגען האָב איך זיי, דאַכט זיך, אַזוי ליעב גע־האַט“, איז איהם פּלוצלונג אַרויפגעקומען אויפ׳ן זינען.

— דו ווייסט, ראָדיאַ, מאַרפאַ פּעטראָווונאַ איז געשטאָרבען! — האָט פּלוצלונג פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָווונאַ אַ האַק געטאָן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַרפאַ פּעטראָווונאַ?

— אַך, גאָט מיינער, מאַרפאַ פּעטראָווונאַ סווידריגיילאָווא! איך האָב דאָך דיר אַזוי פיעל געשריבען וועגען איהר.

— אַ—אַ—אַ, יאָ, איך געדענק... איז זי געשטאָרבען? אַך, וואָס רעדסטו. — האָט ער זיך פּלוצלונג אַ צאַפּעל געטאָן, גלייך ווי ער וואָלט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט. טאַקע געשטאָרבען? פון וואָס?

— שטעל דיר פאָר, פּלוצלונג! — האָט כולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוו־נאַ, אויפגעמונטערט דורך זיין נייגיריגקייט, גענומען ריידען גיך־גיך. — און פּונקט אין דער צייט, ווען איך האָב דיר דאַמאָלס דעם בריעף אָוועקגעשיקט, אין דעמזעלבען טאָג אפילו! שטעל דיר פאָר, דער דאָ־זיגער שרעקליכער מענש האָט איהר, דאַכט זיך, געמאַכט דעם טויט. מען זאָגט, ער האָט זי שרעקליך צו׳מזיק׳ט!

— זיי האָבען דער אַזוי געלעבט צווישען זיך! — האָט ער גע־פרעגט, זיך ווענדענדיג צו דער שוועסטער.

— ניין, גאָר פאַרקעהרט. מיט איהר איז ער שטענדיג געווען זעהר געדולדיג, מען קען זאָגען העפליך. אין אַ סך פאַלען האָט ער שוין צו געדולדיג אַריבערגעטראָגען איהר כאַראַקטער, גאַנצע זיעבען יאָהר... עפּעס פּלוצלונג איז ער אַרויס פון געדולד.

— אַלזאָ, הייסט עס, אַז ער איז גאָר ניט אַזוי שרעקליך, ווי־באַלד ער האָט זיך איינגעהאַלטען גאַנצע זיעבען יאָהר? מיר דאַכט זיך, דוניטשקע, אַז דו גיסט איהם גערעכט?

— ניין, ניין, דאָס איז אַ שרעקליכער מענש! שרעקליכער קען איך זיך שוין גאָר ניט פאָרשטעלען אפילו, — האָט דוניאַ געענט־פערט, שיער ניט מיט אַ שוידער, האָט צונויפגעצויגען די ברעמען און זיך פאַרטראַכט.

— דאָס האָט ביי זיי געטראָפען אין דער פריה, — האָט פול־כעריאַ אַלעקסאַנדראָווונאַ איילענדיג פאָרטגעזעצט — גלייך דערויף האָט זי געהייסען איינשפּאַנען די פערד, כדי באַלד נאָך מיטאָג אַראָפּ־צופאָהרען אין שטאָדט אַריין, מחמת אין אַזוינע פאַלען פלעגט זי שטענדיג פאָהרען אין שטאָדט; האָט געגעסען וואַרמעס, זאָגט מען,

מיט גרוים אפעטיט...

— א צו'מזיק'טע, הייסט עס?

— און צוריקגערעדט האט זי שטענדיג געהאט אזא... טבע, און ווי נאר זי האט אפגעגעסן ווארמעס, איז זי גלייך אוועק אין באד־שטיבעל, ניט צו פארשפעטיגן חלילה אין שטאדט אריין... דו דארפסט וויסען, אז זי האט זיך עפעס קורירט מיט באדען זיך; ביי זיי איז דארט פארהאן א קאלטער קוואל, און זי האט זיך דארט רעגעלמעסיג גבעאדען אלע טאג, און ווי נאר זי איז אריין אין וואסער, האט איהר גלייך געכאפט אן אפאפלעקסיע!

— גאטס וואונדער! — האט זאסימאוו געזאגט.

— און ער האט זי עפעס רעכט צו'מזיק'ט?

— דאס איז דאך אלץ איינס, — האט זיך דוניא אפגערופען.

— הם! און צוריק גערעדט איז עס א בעלנות פון אייך, מאמי־שי, צו דערצעהלען אזעלכע מעשיות, — האט פלוצלונג ראסקאלניקאוו א זאג געטאן מיט כעס און עפעס אזוי ווי ניט מיט א כיוון.

— אך, מיין טייערער, אז איך האב שוין ניט געוואוסט, וועגען וואס אנצוהויבען ריידען, — האט זיך ארויסגעריסען ביי פולכעריא אלעקסאנדראוונא'ן.

— עפעס אזוי ווי איהר האט מורא פאר מיר, צי וואס? — האט ער געזאגט מיט א צוקרימטען שמייכעל.

— דאס איז טאקע אמת, — האט דוניא געזאגט, קוקענדיג גלייך און שטרענג אויפ'ן ברודער. — די מאמישי האט זיך אזש גע'צלמ'ט פאר שרעק, בשעת זי איז געהאנגען אויף די טרעפ ארויף.

דאס געזיכט האט זיך איהם צוקרימט, ווי אין קאנוואולסיען.

— אך, וואס רעדסטו דאס, דוניא! ניט זיי אין כעס, ראדיא, איך בעט דיך... גאט איז מיט דיר, דוניא! — האט פולכעריא אלעקסאנ־דראוונא געזאגט אין פארלעגענהייט. — דאס איז אמת, אז פאהרענ־דיג אהערצו, האב איך דעם גאנצען וועג פאנטאזירט אין וואגאן: ווי מיר וועלען זיך דאס טרעפען, ווי מיר וועלען אלץ אויסדערצעהלען איי־נער דעם אנדערן... און איך בין געווען אזוי גליקליך, אז איך האב ניט באמערקט דעם וועג! נאר וואס רייד איך! איך בין איצט אויך גליקליך... ס'איז נאריש פון דיר דוניא... איך בין שוין דערמיט אליין גליקליך, וואס איך זעה דיך, ראדיא...

— וואס רעדט איהר, מאמישי, האט ער אין פארלעגענהייט ארויס־

געשטאַמעלט, ניט קוקענדיג אויף איהר און דריקענדיג איהר האַנט.
— מיר וועלען נאָך צייט האָבען זאָט זיך אָנצורייידען!

אָפּגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער, האָט ער זיך דערפּיהלט אונ־אנגענעהם און איז בלאַס געוואָרען: ווידער האָט זיין האַרץ דורכגע־נומען אַ טויטע קעלט פון דעם ניט־לאַנגאַניגען שרעקליכען געפיהל: ווידער איז איהם געוואָרען זעהר קלאָר און פאַרשטענדליך, אַז ער האָט איצט געזאָגט אַ שרעקליכען ליגען, אַז איהם וועט שוין איצט ניט נאָר קיינמאָל ניט אויסקומען זיך זאָט אָנצוריידען, נאָר אַז ער וועט שוין איצט ניט קענען מעהר, קיינמאָל און מיט קיינעם ר י י ד ע ן איבערהויפּט. דער איינדרוק פון דעם דאָזיגען פּיינליכען געדאַנק איז געוועזען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך אויף איין אויגענבליק כּמעט אינגאַנצען פאַרגעסען, איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און ניט קוקענדיג אויף קיינעם, געוואָלט אַרויס פון צימער.

— וואָס טוט זיך דאָס מיט איהם? — האָט ראַזומיכין אויסגע־שריען און איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנט.

ער האָט זיך ווידער געזעצט און גענומען זיך אַרומקוקען אויף אַלע זייטען, ניט אַ וואָרט צו ריידען: אַלע האָבען אויף איהם געקוקט ניט־פאַרשטעהענדיג.

— וואָס זענט איהר עפּעס אַלע אַזוי לאַנגווייליג? — האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריען גאָר אומגעריכט. — זאָגט עפּעס! וואָס איז דאָס אין דער אמת'ן פאַר אַ מין זיצען! נו, זאָגט שוין עפּעס! לאָמיר נעה־מען שמועסען... זיך צונויפגעקליבען און — האַלטען אין איין שוויי־גען... נו, זאָגט כאָטש וואָס עס איז?

— געלויבט איז גאָט! און איך האָב שוין געמיינט, אַז מיט איהם הויבט זיך ווידער אָן עפּעס נעכטיגעס! — האָט פּולכעריאַ אַלעק־סאַנדראָוונאַ געזאָגט און זיך איבערגע'צלמ'ט.

— וואָס איז מיט דיר, ראָדיאַ? — האָט איהם אַוודאָטיאַ ראַ־מאַנאָוונאַ געפרעגט מיט חשד.

— אַזוי זיך, גאָרנישט, זיך דערמאָהנט אַ קאַטאַוועס, — האָט ער געענטפערט און זיך פּלוצלונג צולאַכט.

— אַבי אַ קאַטאַוועס, איז שוין גוט! איך האָב שוין אַליין אויך געמיינט... — האָט זאָסימאָוו אַרויסגעברומט, זיך אויפהויבענדיג פון דיוואַן. — נו, מיר איז שוין צייט צו געהן: איך וועל נאָך אפשר אַריינקומען... אויב איך וועל אייך דערוויסען...

ער האָט זיך פאַרנויגט און איז אַרויס.

— וואָס פאַר אַ טייערער מענש! — האָט פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, אַ טייערער, אַ זעלטענער, אַ געבילדעטער, אַ קלוגער...— האָט ראַסקאָלניקאָוו עפּעס פּלוצלונג און אומגעריכט געגומען שיטען מיט אַ מאָדנער אונגעוועהנליכער צולעבטקייט. — איך געדענק שוין גאָר ניט, וואו האָב איך זיך מיט איהם געטראָפען פריהער, פאַר מיין קראַנקהייט... דאַכט זיך, זיך ערגעץ געטראָפען... אָט דער דאָזיגער איז אויך אַ וואוילער מענש! — האָט ער אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף ראַזומיכינען. — געפעלט ער דיר עפּעס, דוניאַ? — האָט ער זי געפרעגט און זיך פּלוצלונג צולאַכט, ניט צו וויסען פאַרוואָס.

— זעהר, — האָט דוניאַ געענטפערט.

— פוי, ס'איז אַ... חזיר דו ביסט! — האָט זיך אָפּגערופען ראַזומיכין, שרעקליך פאַרשעמט און רויט ווערענדיג, און איז אויפגעשטאַנען פון שטוהל.

פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט שוואַך אַ שמייכעל געטאָן, און ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך אויך אויפ'ן קול צולאַכט מיט אַ הילכיגען געלעכטער.

— וואוהין געהסטו?

— איך גה אויך אַוועק... איך דאַרף געהן.

— דו דאַרפסט ניט געהן, אַ ליגען, זיי דאָ! זאָסימאָוו איז אַוועק דאַרפסטו שוין אויך געהן. געה ניט אַוועק... ווי שפּעט איז איצט? שוין פאַרהאַן צוועלף? ס'איז אַ פיין זייגער דו האָסט, דוניאַ! וואָס זשע זענט איהר ווידער אַנטשוויגען געוואָרען? אַלץ זאָל רייד ען?...

— דאָס איז מאַרפאַ פּעטראָוונאַס אַ פּרעזענט, — האָט דוניאַ געענטפערט.

— און קאָסט זעהר טייער, — האָט צוגעגעבען פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ.

— אַ—אַ—אַ! ווי גרויס ער איז, גאָר ניט ווי אַ דאַמישע.

— איך האָב ליעב אַזעלכע. — האָט רוניאַ געזאָגט.

„אַלזאָ, הייסט עס, איז עס ניט דעם חתנ'ס אַ געשאַנק“, איז ראַזומיכינען איינגעפאַלען און ער האָט זיך דערפרעהט, ניט צו וויסען פאַרוואָס.

— און איך האָב געמיינט — דאָס איז לוזשינס אַ מתנה, —

האָט ראַסקאָלניקאָוו אַ זאָג געטאָן.

— ניין, ער האָט נאָך דוניטשקען קיינע מתנות ניט געגעבען.

— אַ—אַ—אַ! און דאָס געדענקסט איהר, מאַמישי? איך בין דאָך געווען פאַרליעבט און געוואָלט חתונה האָבען, — האָט ער פּלוצלונג געזאָגט, קוקענדיג אויף די טעכטער, וועלכע איז ערשטוינט געוואָרען פון די אומגעריכטע ווערטער און פון דעם טאָן, מיט וועלכע זיי זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען.

— אָך, מיין טייערער, איך געדענק!

פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ האָט זיך איבערגעקוקט מיט דוניטשקען און ראַזומיכינען.

— הם!... יאָ! איז וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? איך געדענק עס אפילו זעהר שוואַך. זי איז געווען זעהר ניט קיין געזונט מיידעל, — האָט ער פאָרטגעזעצט, ווידער אַזוי ווי פאַרטראַכטערהייט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, — גאָר אַ קראַנקע; האָט ליעב געהאַט צו געבען נדבות אָרימע לייט און האָט אַלץ געחלום'ט פון אַ מאָנאַסטיר איינמאָל האָט זי זיך אָזש ביטער פונאַנדערגעוויינט. ווען זי האָט מיר דערפון גענומען ריידען; יאָ, יאָ... איך געדענק... כ'געדענק זעהר גוט. אַזאַ מיאוסע געווען... כ'ליעבען, איך ווייס ניט, וואָס האָב איך זיך צו איהר דאַמאָלס אַזוי צוגעבונדען, דאַכט זיך, דערפאַר, וואָס זי איז שטענדיג קראַנק געווען... ווען זי זאָל נאָך געווען זיין אַ הינקעדיגע, אָדער מיט אַ הויקער, וואָלט איך זי, דאַכט זיך, נאָך מעהר ליעב האָבען... (ער האָט אַ פאַרטראַכטען שמייכעל געטאָן), אַזוי איז דאָס... עפּעס אַ מין פריהלינגס־איבערגאַנג איז עס געוועזען...

— ניין, דאָס איז ניט גאָר קיין פריהלינגס־איבערגאַנג, — האָט דוניטשקע מיט באַגייסטערונג געזאָגט.

ער האָט אויפמערקזאַם און אַנגעשטרענגט אַ קוק געגעבען אויף די שוועסטער, האָט אָבער ניט דערהערט, אָדער אפשר ניט פאַרשטאַנען די ווערטער איהרע. דערנאָך איז ער טיעף־פאַרטראַכט אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דער מוטער, זי אַ קוש געטאָן, זיך אומגעקעהרט אויף זיין אָרט און אַוועקגעזעצט זיך.

— האָסטו זיך נאָך איצט אויך ליעב? — האָט פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ געריהרט אַרויסגערעדט.

— וועמען איהר? איצט? אָך, יאָ... איהר מיינט דאָס איהר! ניין, דאָס איז אַלץ ניט ווי אַ חלום, ווי פון יענער וועלט... שוין אַזוי

לאַנג, און עפּעס אַלץ וואָס אַרום טוט זיך ערשיינט מיר ווי אין חלום...
ער האָט אויפמערקזאַם אויף זיי אַ קוק געגעבן.
— אַט אייך אַפּילו... עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט אויף אייך קוקען פון אַ מהלך פון טויזנטער ווערסטען... נאָר דער טייוועל ווייסט, צו וואָס מיר ריידען דערפון! און צו וואָס זיך פונאַנדער־פרעגן? — האָט ער צוגעגעבן מיט פערדרוס און איז אַנטשוויגען געוואָרען, בייסענדיג זיך די נעגעל, און ווידער זיך פאַרטראַכט.
—ס'אַר אַ שלעכטע דירה ביי דיר איז, ראַדיאַ, עפּעס אַ מין קבר, — האָט פּלוצלונג פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אַ זאָג געטאָן, איבעררייסענדיג דאָך סדריקענדע שטילשווייגען. — איך בין איבער־צייגט, אַז האַלב ביסטו פון דער דירה געוואָרען אַזאַ מרה־שחורה'ניק.
— די דירה?... — האָט ער געענטפערט. — יאָ, די דירה האָט זעהר פיעל מיטגעהאָלפען... איך האָב אויך וועגען דעם גע־טראַכט... ווען איהר זאָלט אָבער געווען ווּיסען, מאַמישי, וואָס פאַר אַ מערקווירדיגען געדאַנק איהר האָט ערשט אַרויסגעזאָגט, — האָט ער פּלוצלונג צוגעגעבן, מיט אַ מאָדנעם שמייכעל.
נאָך אַ ביסעל, און די דאָזיגע געזעלשאַפט, די דאָזיגע נאָהנטע, מיט וועלכע ער האָט זיך דריי יאָהר ניט געזעהן, דער דאָזיגער הייז־מישער טאָן פון דעם שמועס אין דערזעלבער צייט, בשעת ס'איז קיין שום מעגליכקייט ניט געווען וועגען וואָס ניט איז צו ריידען, וואָלטען איהם ענדליך געוואָרען ממש אונערטרעגליך. דאָך איז געווען אַ זאַך, וועלכע מען האָט ניט געקענט אָבלעגען, וועלכע מען האָט, אַזוי צי אַזוי, אָבער באַשליסען האָט מען זי היינט אונבעדינגט געמוזט, — אַזוי איז ביי איהם פעסט געווען אָבגעמאַכט נאָך פון פריהער, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. איצט האָט ער זיך זעהר דערפרעהט, זעהענדיג אין דער דאָזיגער זאַך אַנ'אויסוועג.
— אַט וואָס איך וועל דיר זאָגען, דוניאַ, — האָט ער אַנגעהויבען ערנסט און טרוקען. — געוויס בעט איך ביי דיר פאַרצייהונג פאַר דאָס נעכטיגע, דאָך האַלט איך פאַר מיין חוב צו דערמאָנען דיר, אַז פון דעם עיקר וועל איך ניט אָבטרעטען. אָדער איך, אָדער לושין. זאָל זיין, איך בין נידערטרעכטיג, דו דאַרפסט עס אָבער ניט טאָן. וועך עס איז איינער, אויב אָבער דו וועסט חתונה האָבען מיט לושי־נען, הער איך גלייך אויף צו האַלטען דיך פאַר מיין שוועסטער.
— ראַדיאַ, ראַדיאַ! דאָס איז דאָך אַלץ דאָס אייגענע, וואָס

נעכטען! — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא פיינליך אויסגעשריען.
— און פארוואס הערסטו ניט אויף צו רופען זיך נידערטרעכטיגער, איך קען עס ניט אריבערטראגען! נעכטען אויך דאס אייגענע.
— ברודער, — האט דוניא געענטפערט פעסט און אויך טרוקען. — אין דעם אלעם איז דא א טעות פון דיין זייט. איך האב דאס איבער נאכט באטראכט און אויסגעפונען דעם טעות. די גאנצע זאך איז, וואס דיר קומט, דאכט זיך, אויס, אז איך ברענג זיך כלומרשט עמיצען און צוליעב עמיצענס וועגען פאר א קרבן. דאס הויבט זיך אבער גאר ניט אן. איך האב חתונה פשוט פון מיין אייגענער טובה וועגען, מחמת מיר איז אליין שווער אויסצוקומען; און דערנאך וועל איך נאטירליך זיין זעהר צופרידען, ווען איך וועל האבען די מעגליכ־קייט צו זיין ניצלעך פאר מיינע אייגענע, אבער אין מיין באשלוס איז ניט דאס דער עיקר...
„זי לייגט!" האט ער געטראכט פאר זיך, בייסענדיג פאר כעס די נעגעל. — „א בעל־גאוה'ניצע! וויל זיך ניט מודה זיין, אז זי זוכט נאר אנדערע צו פארזארגען! זי איז שטאלץ! א, געמיינע, כאראקטארען! ווען זיי ליבען אפילו, איז אויך גלייך ווי זיי וואל־טען פיינט געהאט... א, ווי איך האב... זיי אלעמען פיינט!"
— מיט איינעם ווארט, איך האב חתונה מיט פיאטר פעטראָ־וויטש'ן, — האט דוניטשקע פארטגעזעצט — ווייל פון צוויי פעקלעך איז שוין גלייכער נעהמען דאס לייכטערע. איך האב בדעה עהרליך צו ערפילען אלעס, וואס ער ערווארט פון מיר, אלזא, הייסט עס, אז איך נאר איהם ניט אב... וואס האסטו ערשט אזא שמייכעל געטאן?
זי האט זיך אויך אנגעצונדען, און פון איהרע אויגען האט ארויסגעקוקט א כעס.
— אלעס וועסטו ערפילען? — האט ער געפרעגט, מיט א גיפ־טיגען שמייכעל.
— ביז א געוויסער גרענעץ. אי די מאניר אי די פארם פון פיאטר פעטראוויטשעס שרכנ'ען זיך צו מיר האבען מיר גלייך באווי־זען, וואס ער דארף האבען. געוויס, ער האלט פון זיך אפשר צו פיעל, דאך בין איך זיכער, אז פון מיר האלט ער אויך און איך בין איהם טייער... וואס לאכסטו ווידער?
— און וואס ביסטו ווידער רויט געווארען? דו לייגסט, שוועס־טער, דו לייגסט אויף צו להכעיס, בלויז אויס ווייבערשער איינגע־

שפּאַרטקייט, אבי דו זאָלסט אויספיהרען, ניט איך... דו קענסט ניט אכטען לוזשינען: איך האָב איהם געזעהן און גערעדט מיט איהם. אלזא, פאַרקויפסטו זיך פאַר געלט, אלזא, הייסט עס, אז דו האָנדעלסט אלענפאלס נידעריג, און איך בין צופרידען. וואָס דו קענסט וועניגסטענס רויט ווערען!

— ניט אמת, איך ליג ניט!... האָט דוניא אויסגעשריען, פאַרלירענדיג די גאַנצע קאַלטבלוטיגקייט. — איך וועל מיט איהם ניט חתונה האָבען, ניט האָבענדיג זיך איבערצייגט, אז ער האַלט פון מיר און שעצט מיך; איך וועל מיט איהם חתונה האָבען, ניט האָבענדיג זיך פעסט איבערצייגט, אויב איך אליין קען איהם אכטען. צום גליק האָב איך די מעגליכקייט זיך דערין איבערצייגען אויף זיכער און אפילו היינט נאָך. אזא שידוך איז ניט נידערטרעכטיג, ווי דו זאָגסט. און ווען דו זאָלסט אפילו זיין גערעכט, ווען איך וואָלט זיך ווירקליך באַשלאָסען אויף א נידערטרעכטיגקייט, — איז עס דען ניט אכזריות'דיג פון דיין זייט אזוי מיט מיר צו ריידען? וואָס פאָדערסטו פון מיר העלדישקייט, אין דער צייט, ווען זי פעהלט דיר אפשר אליין? דאָס איז דעספּאָטיזם, דאָס איז געוואַלט! אויב איך וועל וועמען אומגליקליך מאַכען, איז עס נאָר זיך אליין... איך האָב נאָך קיינעם ניט גע־קוילעט!... וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן? וואָס ביסטו אזוי בלאַס גע־וואָרען? ראָדיא, וואָס איז מיט דיר? ראָדיא, טייערער!...

— ליעבער גאָט! זי איז דאָך איהם דערגאַנגען ביז צום חלש'ן! — האָט פולכעריא אלעקסאַנדראָווגא אויסגעשריען.

— ניין, ניין... נאַרישקייטען... נאַרישקייטען!... דער קאָפּ אבי־סעל זיך פאַרדרעהט. וואָס פאַר א חלש'ן... זיך אריינגענומען אין קאָפּ חלש'ן נאָר!... המ! יאָ... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? יאָ: ווי אזוי זשע וועסטו זיך דאָס היינט איבערצייגען, בי דו קענסט איהם אכטען און אז ער... שעצט דיך... צי וואָס... דו האָסט, דאַכט זיך, אזוי געזאָגט? דו האָסט, דאַכט זיך, געזאָגט, אז היינט? אדער איך האָב אפשר ניט דערהערט?

— מאַמישי, ווייזט דעם ברודער פיאָטר פּעטראָוויטשעס בריעף, האָט דוניטשקע געזאָגט.

פולכעריא אלעקסאַנדראָווגא האָט מיט ציטערנדע הענט דער־לאַנגט דעם בריעף. ער האָט איהם גענומען מיט גרויס נייגעריגקייט. נאָר איידער איהם צו עפענען, האָט ער פּלוצלונג עפּעס ווי פאַר־

וואונדערט א קוק געטאן אויף דוניטשקען.

— מאַדנע, — האט ער לאנגזאם ארויסגערעדט, גלייך ווי איהם האט איבערראשט עפּעס א נייער געדאנק, — צוליעב וואס קען איך זיך עס אזוי? צוליעב וואס איז דער גאנצער רעש? האב זיך געזונטערהייט חתונה מיט וועמען דו ווילסט!

ער האט עס געזאגט ווי פאר זיך, נאר הויך אויפ'ן קול און א ווייל האט ער געקוקט אויף די שוועסטער עפּעס ווי מטושטש.

ענדליך האט ער געעפענט דעם בריעף, אלץ נאך מיט דערזעלבער מינע פון עפּעס א מאַדנער פארוואונדערונג; דערנאך האט ער לאנג־זאם און אויפמערקזאם געמומען לייענען און דורכלעזען צווייםאל. פּולכעריא אלעקסאנדראוונא איז געווען זעהר אומרוהיג; אלע האבען ערווארט עטוואס אומגעוועהנליכעס.

— דאס איז מיר א חידוש, — האט ער אנגעהויבען נאך א קליינעם פארטראכט זיין, איבערגעבענדיג דעם בריעף דער מוטער, אבער זיך ניט ווענדענדיג צו קיינעם, — ער איז דאך עפּעס א גאנ־צער מאַכער, אנ'אדוואקאט, אפילו די שפּראך איז ביי איהם אויך... אונטערגעפּעפּערט, — און דאך שרייבט ער ווי א רעכטער עם־הארץ.

אלע האבען זיך א ריהר געגעבען; גאר ניט דאס האבען זיי ערווארט.

— זיי שרייבען דאך אלע אזוי, — האט ראזומיכין אבגעהאקט א זאג געטאן.

— דו האסט דען געלייענט?

— יא.

— מיר האבען איהם געוויזען, יאַדיא, מיר... האבען זיך פריי־הער אנ'עצה געהאלטען, — האט פּולכעריא אלעקסאנדראוונא פאר־שעמט אנגעהויבען.

— דאס איז אייגענטליך דער סטיל פון די קאנצעלאריעס, — האט ראזומיכין איבערגעשלאגען. — קאנצעלארישע פּאפּירען שרייבען זיך נאך עד־היום אזוי.

— קאנצעלאריש? המ, טאקע, קאנצעלאריש, געשעפטליך... מען קען ניט זאגען, אז ס'איז זעהר עם־הארציש, און מען קען ניט זאגען, אז ס'איז זעהר לומדיש; מיט איינעם ווארט — געשעפטליך!

— פּיאטר פּעטראוויטש לייקענט גאר ניט, אז ער האט זיך געלערנט פאר גראשענס; ער נעהמט זיך אפילו איבער דערמיט, וואס

ער איז געקומען אַליין צו אַ תכלית, — האָט אווּדאָטיאַ ראָמאַנאָווּנאַ אַ זאָג געטאָן, אַביסעל באַליידיגט פון דעם ברודערס נייעם טאָן.

— וואָס זשע מיינסטו, וויבאַלד ער נעהמט זיך איבער, איז מסתמא פאַראַן מיט וואָס. — איך וועל מיך ניט שפּאַרען. דו האָסט זיך, דאַכט זיך, באַליידיגט, שוועסטער, וואָס איך האָב פון דעם גאַנצען בריעף אַרויסגעדרונגען אַזאַ לייכטזיניגע באַמערקונג. און רעכענסט אוראי. אַז איך האָב מיט אַ כיוון געמאַכט אַ רייד וועגען אַזוינע קליי־ניגקייטען, כדי אַביסעל חוזק מאַכען פון דיר פאַר פאַרדרוס. פאַר־קעהרט. די שפּראַך פון זיין בריעף האָט מיך אויפגעבראַכט אויף אַ באַמערקונג. וועלכע איז אין דעם דאָזיגען פאַל גאַר ניט איבעריג. דאָרט איז דאָ אַנ׳אויסדרוק: „וועט איהר אַליין זיין שולדיג אין דעם“ דער אויסדריק זאָגט זעהר אַ סך און זעהר קלאָר, און אויסערדעם ענט־האַלט ער אַ דראָהונג, אַז ער וועט גלייך אַוועקגעהן, אויב איך וועל קומען. די דראָהונג אַוועקצוגעהן איז אַלץ איינס, ווי עס זאָל סטראַשען אַוועקצוואַרפען אייך ביידען, אויב איהר וועט איהם ניט פאָלגען, אַוועקוואַרפען אין דער צייט ווען ער האָט אייך שוין אַרויסגערופען קיין פּעטערבורג. נו, ווי רעכענסטו: קען מען דען מיט אַזאַ אויס־דרוק פון לוזשינען זיך פונקט אַזוי באַליידיגען, ווי ווען דאָס זאָל געווען אָנשרייבען ער. אַ שטייגער ,ער האָט אָנגעוויזען אויף ראַזומי־כינען). אָדער זאָסימאָוו, אָדער ווער אַנדערש פון אונז?

— נ—ניין. — האָט דוניטשקע געענטפערט, ווידער אויפגעמונ־טערט. — איך האָב זעהר גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אויסגעדריקט געוואָרען צו נאַאיוו און אַז ער איז אפשר ניט אַזאַ גרויסער בריה אויף שרייבען... דאָס האָסטו גוט פאַרשטאַנען, ברודער. איך האָב זיך אפילו ניט געריכט...

—דאָס איז אויסגעדריקט געוואָרען קאַנצעלאַריש, און אויף דער קאַנצעלאַרישער שפּראַך קען מען אַנדערש אָנשרייבען, אַט איז עס אויסגעקומען גראָבער, ווי ער האָט עס אפשר אַליין געוואָלט. איב־ריגענס, מוז איך דיך נאָך אַביסעל ערניכטערן: אין דעם דאָזיגען בריעף איז פאַראַן נאָך אַנ׳אויסדרוק, אַ מין בלבול אויף מיר אַליין, און אַ גאַנץ מיאוסער און געמיינער. איך האָב דאָס געלט נעכטען אָבגעגעבען דער אַלמנה, אַ שווינדזיכטיגער און דערשלאָגענער פרוי, און ניט „כלומרשט אויף דער לויה“, נאָר בפירוש אויף דער לויה, און ניט דער טאָכטער אין די הענט אַריין, — אַ מיידעל, ווי ער שרייבט,

„פון שענדליכער אויפפיהרונג" (וועלכע איך האב אגב נעכטען געזעהן דאס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען). נאר בפירוש טאקע דער אלמנה. אין דעם אלעם זעה איך א צו געשווינטע כונה מיך צו באשמוצען און מיט אייך צו צוקריגען. און אויסגעדריקט איז ער ווידער קאנצעלאריש, דאס הייסט, דער מיין איז צו דייטליך און אפען און די אייגעניש איז צו נאאיוו. ער איז זיך א מענש מיט שכל, אבער אום קלוג צו האנדלען — איז שכל אליין נאך ווייניג. דאס אלעם כאראקטעריזירט דעם מענשען און... איך רעכען ניט, ער .אל דיך זעהר שעצען. איך זאג דיר דאס אלץ פון דיין טובה וועגען, ווייל איך ווינש דיר גוטס פון גאנצען.. הארצען.

דוניטשקע האט ניט געענטפערט: זי האט זיך נאך פריהער באשלאָסען, און האט נאר געווארט אויפ'ן אבענד.

—אלזא, ווי בלייבט ביי דיר, ראדיא ? — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא געפרעגט, נאך מעהר אומרוהיג ווי פריהער פון זיין אומגעריכטען, נייעם, געשעפטליכען טאָן.

— וואס הייסט : „ווי בלייבט" ?

— פיאטר פעטראוויטש שרייבט דאך, אז דו זאלסט ניט זיין ביי אונז אין אבענד און אז ער וועט אוועקגעהן... אויב דו וועסט קומען. איז ווי זשע וועט... זיין ?

— דאס קען איך שוין נאטירליך ניט ווייסען : ערשטענס, דארפט איהר עס ווייסען, אויב אייך באליידיגט נאר ניט אזא מין פאדערונג פון פיאטר פעטראוויטש'ן, און צווייטענס דארף עס דוניא ווייסען, אויב זי באליידיגט זיך אויך ניט. און איך וועל טאן, ווי ס'איז פאר אייך בעסער, — האט ער טרוקען צוגעגעבען.

— דוניטשקע האט זיך שוין באשלאָסען, און איך בין מיט איהר פאלקאם מסכים, — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא זיך פארכאפט.

— איך האב באשלאָסען בעטען דיך, דאריא, דרינגליך בעטען דיך, דו זאלסט אונבעדינגט זיין ביי אונז אויף דער דאזיגער צוזאמענקונפט, — האט דוניא געזאגט, — וועסט קומען ?

— כ'וועל קומען.

— אייך וועל איך אויך בעטען זיין ביי אונז אכט דעם זייגער.

— האט זי זיך געווענדט צו ראזומיכינען. — מאמישי, איך לאד זיי אויך איין.

— זעהר גוט, דוניטשקא. נו, ווי ס'איז ביי אייך דארט גע־

בליבען. — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא צוגעגעבען. — אזוי זאל שוין זיין: מיר איז אליין געווארען גרינגער אויפ'ן הארצען: איך האב פיינט צו זיין פארשטעלט און צו ליגען: מיר וועלען דארט בעסער ריידען דעם גאנצען אמת... מעג איצט פיאטר פעטראוויטש זיין אין כעס, אדער ניט!

פערטער קאפיטעל.

אין דעמזעלבען אויגענבליק האט זיך די טיר שטיל געעפענט און אין צימער איז אריין עפּעס א מיידעל, וואַרפענדיג אויף אלע זייטען פארשעמטע בליקען. אלע האבען אויף איהר אנגעשטעלט פארוואונדערטע און נייגעריגע אויגען. ראסקאלניקאוו האט זי ניט דערקענט פון דעם ערשטען בליק. דאס איז געווען סאפיא סעמיאנאוונא מארמעלאדאוו. נעכטען האט ער זי געזעהן דאס ערשטע מאל אויף זיין לעבען, אבער איי אזא מאמענט, אין אזוינע אומשטענדען און אין אזוינע קליידער, אז אין זכרון איז איהם פארבליבען א בילד גאר פון אנ'אנדערער פערזאן. איצט איז דאס געווען א מיידעל, באשיידען און אפילו ארים געקליידט, נאך גאר א יונגיטשקע, וואס האט כמעט אויסגעוויזען ווי א מיידעלע, מיט א באשיידענער און ארטיגער האלטונג, מיט א קלארען, נאר עפּעס אזוי ווי דערשראקענעם געזיכט. זי האט געטראגען זעהר אנ'איינפאך היימיש קליידעלע, אויפ'ן קאפּ אנ'אלט היטעלע, וואס איז שוין פון מאדע ארויס: נאר אין די הענט האט זי געהאלטען א שירם אזוי ווי נעכטען. אומגעריכט דערזעהן א פול צימער מענשען, האט זי זיך ניט אזוי פארשעהמט, ווי צוטומעלט געווארען. זיך פארלארען, אזוי ווי א קליין קינד, און האט שוין אפילו געמאכט א באוועגונג אוועקצוגעהן צוריק.

— אך... דאס זענט איהר!... האט ראסקאלניקאוו געזאגט. אויסער זיך פאר איבערראשונג, און האט זיך פלוצלונג אליין עפּעס אזוי ווי פארלארען.

איהם האט זיך גלייך פארגעשטעלט, אז די מוטער און די שוועסטער ווייסען שוין אביסעל, פון לוזשינס בריעף, וועגען א געוויס מיידעל פון „שענדליכער אויפיהרונג“. ערשט האט ער אבגעלייקענט לוזשינס רכילות און האט געזאגט, אז ער האט דאס מיידעל געזעהן דאס

ערשטע מאל. און פלוצלונג קומט זי אליין אריין. ער האט זיך אויך דערמאהנט. אז ער האט ניט אנגעהויבען אפילו אבצוליי‍קענען דעם אויסדרוק: „פון שענדליכער אויפפיהרונג". דאס אלעס האט אונדייט־ליך אין אויגענבליקליך איהם דורכגעבליצט אין קאפ. אבער זיך בעסער צוגעקוקט, האט ער פלוצלונג דערזעהן, אז דאס דאזיגע נידערגעשלאגענע וועזען איז שוין אזוי ערנידעריגט, אז אין איהם האט זיך פלוצלונג ערוועקט א רחמנות צו איהר. און ווען זי האט שוין געמאכט א באוועגונג צו אנטלויפען פאר שרעק, האט זיך איהם אינוועניג אזוי ווי עפעס איבערגעקעהרט.

— איך האב זיך אויף אייך גאר ניט גערעכנט, — האט ער אייל־ענדיג ארויסגערעדט, אבשטעלענדיג זיך מיט'ן בליק. — איך בעט אייך זעהר, זעצט זיך. איהר קומט ווארשיינליך פון קאטערינא איוואנאוונא. ענטשולדיגט, ניט אהער, אט דא זעצט זיך...

ביי סאניאס אריינקומען האט ראזומיכין, וועלכער איז געזעסען אויף איינעם פון ראסקאלניקאווס דריי שטולען, באלד ביים טיר, זיך אויפגעשטעלט. דורכגעלאזען זי איז צימער אריין. לכתחלה האט איהר ראסקאלניקאוו אנגעוויזען אנ'ארט אויף א ברעג דיוואן, וואו זאסימאוו איז געזעסען, אבער זיך דערמאנט, אז דער דיוואן איז א צו פאמיליארער ארט און דיענט איהם אלס געלעגער, האט ער זיך פארכאפט און אנגעוויזען איהר אויף ראזומיכינס שטול.

— און דו זעץ דיך דא, — האט ער געזאגט צו ראזומיכינען, אוועקזעצענדיג איהם אין א ווינקעל אריין, וואו זאסימאוו איז געזעסען.

סאניא האט זיך געזעצט, שיער ניט שוידערנדיג פאר שרעק, און האט ניט זיכער א קוק געטאן אויף ביידע פרויען. ס'איז געווען צו מערקען, אז זי אליין האט עס אויך ניט געקענט באגרייפען, ווי אזוי האט זי עס געוואגט צו זעצען זיך נעבען זיי. באַרעכענענדיג דאס, האט זי זיך אזוי דערשראקען, אז זי איז פלוצלונג ווידער אויפגע־שטאנען און זעהר פארשעמט האט זי זיך געווענדט צו ראסקאלניקאוו'ן.

— איך... איך... בין אריין אויף איין רגע, ענטשולדיגט, וואס איך האב אייך באאומרוהיגט, — האט זי גענומען שטאמלען. — מיך האט געשיקט קאטערינא איוואנאוונע. קיין אנדערן ווען צו שיקען האט זי ניט געהאט... קאטערינא איוואנאוונע האט אייך געלאזט זעהר בעטען. איהר זאלט מארגען אין דער פריה זיין אויך דער טויטען־

מעסע... ביים גאָטעסדיענסט... אויפֿן מיטראָפאַניער בית־עלמין... און דערנאָך ביי אונז... ביי איהר... אויף דער אבל־סעודה נאָכ'ן גע־שטאָרבענעם... מאַכען איהר די עהרע... זי האָט אייך זעהר געלאַזט בעטען.

סאָניא האָט זיך אָבגעהאַקט און איז אַנטשוויגען געוואָרען.

— איך וועל מיך באַמיהען זיין באַשטימט... באַשטימט, האָט ראַסקאָלניקאָוו געענטפֿערט, זיך אויך אויפֿשטעלענדיג און שטאַמלענ־דיג אַזוי ווי זי האַלבע ווערטער. — זעצט זיך, איך בעט אייך, — האָט ער פּלוצלונג געזאָגט, — איך דאַרף מיט אייך עפּעס ריידען. ענט־שולדיגט, אפשר איילט איהר זיך. — אָבער איך בעט אייך זעהר, שענקט מיר אַ פּאָר מינוטען .

און ער האָט איהר צוגערוקט אַ שטוהל. סאָניא האָט זיך ווידער געזעצט ווידער ניט זיכער און פֿאַרלאָרען געכאַפּט אַ קוק אויף ביידע דאַמען און האָט פּלוצלונג אַראָבגעלאָזט די אויגען.

דאָס בלאַסע געזיכט ראַסקאָלניקאָווס האָט פּלוצלונג אויפֿגע־בליהט: ער האָט אויסגעזעהן ווי פֿאַרוואַנדעלט אינגאַנצען; די אוי־גען זיינע האָבען אויפֿגעפֿלאַקערט.

— מאַמישי, — האָט ער געזאָגט פֿעסט און דרינגליך. — דאָס איז סאָפיא סעמיאָנאָוונאַ מאַרמעלאַדאָווא. אַ טאָכטער פֿון דעמזעלבען אומגליקליכען הערר מאַרמעלאַדאָוו'ן, וואָס נעכטען האָבען איהם פֿערד צוטראָטען פֿאַר מיר אין די אייגען און וועגען וועלכען איך האָב אייך שוין דערצעהלט...

פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף סאָניאַ'ן און זיך עטוואָס פֿאַרזשמורעט. ניט קוקענדיג אויף די גאַנצע צוטומ־לונג איהרע אונטער דעם דרינגליכען און אַרויספֿאָדערענדען בליק פֿון ראָדיאַ'ן, האָט זי דאָך זיך ניט געקענט אָבזאָגען פֿון דעם דאָזיגען פֿאַרגעניגען. דוניטשקאַ האָט אָנגעשטעלט אויף דאָס אָרימע מיידעל אַ פּאָר ערנסטע שאַרפֿע אויגען אין האָט זי אַזוי ווי ניט־פֿאַרשטעהענדיג באַטראַכט. דערהערט די רעקאָמענדאַציעס, האָט סאָניאַ ווידער אויפֿ־געהויבען די אויגען, נאָר זי האָט זיך נאָך מעהר פֿאַרלאָרען, ווי פֿריער.

— איך האָב אייך געוואָלט פֿרעגען, — האָט זיך ראַסקאָלניקאָוו וואָס גיכער צו איהר געווענדט, — ווי אַזוי האָט איהר זיך היינט מיט אַלץ איינגעאָרדענט? האָט מען אייך כאָטש ניט באַאונרוהיגט?... פֿון פּאָליציי, למשל?

— ניין. אלעס איז אריבער... עס איז דאך שוין געווען צו קלאר פון וואס ער איז געשטארבען. ניין, ניט באאונרוהיגט: נאר די שכנים זענען בייז.

— וואס איז?

— וואס דער טויטער ליגט אזוי לאנג... איצט איז דאך היים. דער געררוד... דעריבער וועט מען איהם היינט איבערטראגען אויפ'ן בית־עלמין צו דעם אבענד־געבעט, ביז מארגען, אין קלויסטער אריין. קאטערינא איוואנאוונא האט אפריהער ניט געוואלט. איצט אבער האט זי אליין איינגעזעהן, אז מען קען ניט...

— אלזא, הייסט עס, היינט?

-- זי בעט אייך, איהר זאלט איהר אנטאן דעם כבוד און זיין מארגען אין קלויסטער אויף דער טויטען־מעסע. און דערנאך וועט איהר שוין אראבגעהן צו איהר צו דער אבל־סעודה.

— יא, עפעס צובייסען! זי האט געהייסען זעהר באדאנקען אייך, וואס איהר זענט נעכטען אונז געקומען צו הילף.. אהן אייך וואלט גאר ניט געווען מיט וואס איהם מקבר צו זיין.

די ליפען און דאס קין האבען איהר פלוצלונג גענומען שפרינגען. נאר זי האט זיך געשטארקט און זיך איינגעהאלטען. ווידער געשווינד אראבלאזענדיג די אויגען צו דער ערד.

אין דער צייט פונ'ם שמועס האט ראסקאלניקאוו איהר זעהר אויפמערקזאם באטראכט. דאס איז געווען א מאגער און זעהר בלאס פנימ'ל, ניט גאר קיין רעגעלמעסיגס, עפעס אזוי ווי א שפיציגס, מיט א שפיציג קליין נעזעל און א שפיציגען קין. זי האט אפילו ניט געקענט הייסען קיין שענטשינקע. דערפאר אבער זענען איהרע בלויע אויגען געוועזען אזוי קלאר און, ווען זיי פלעגען ווערען לעבעדיגער, פלעגט איהר געזיכט אויסדריקען אזוי פיעל גוטסקייט און נאאיווקייט, אז עס האט ניט ווילענדיג געצייגען צו איהר. און איהר געזיכט, און בכלל אין איהר גאנצער פיגור, איז אויסערדעם געווען א באזונדערער כאראקטעריסטישער שטריך, ניט קוקענדיג אויף איהרע אכטצעהן יאהר, האט זי אויסגעזעהן נאך גאר א מיידעלע, א סך אינגער, ווי אין דער ווירקליכקייט, כמעט נאך גאר א קינד, און דאס פלעגט זיך אפטמאל כמעט קאמיש ארויסווייזען אין איהרע באוועגונגען.

— האט אבער קאטערינא איוואנאוונא דען געקענט אויסקומען מיט אזא קליינער סומע, און וויל נאך מאכען אנ'אבל־סעודה?...

האָט ראַסקאָלניקאָוו געפרעגט, ניט וועלענדיג בשום אופן איבעררייסען דעם שמועס.

— די טרונע וועט דאָך זיין א איינפאַכע... און אַלעס וועט זיין איינפאַך, דאַריבער וועט עס קאָסטען ניט טייער... מיר האָבען פריהער מיט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן אַלץ אויסגערעכענט, איז אויסגעקומען אַז ס'וועט נאָך בלייבען אויף צובייסענס... און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן ווילט זיך זעהר, אַז אַזוי זאָל זיין. מען קען דאָך ניט עפּעס... ס'איז פאַר איהר א שטיקעל טרייסט... זי איז פּאַרט אַזאַ, איהר ווייסט דאָך...

— איהר פאַרשטעהט, איך פאַרשטעה... געוויס... וואָס באַטראַכט איהר עפּעס מיין צימער? אָט זאָגט די מאַמישי אויך, אַז עס זעהט אויס ווי קבר.

— איהר האָט אונז אַלץ נעכטען אוועקגעגעבען! — האָט פּלוצלונג סאָניא אַרויסגערעדט אַלס ענטפער, מיט עפּעס א שטאַרקען און גיכען געפּליסטער, ווידער פּלוצלונג איינגראָבענדיג די אויגען אין דער ערד אריין.

די ליפּען און דאָס קין האָבען איהר ווידער גענומען ציטערן. זי איז שוין לאַנג געווען איבערראַשט פון ראַסקאָלניקאָוו'ס אָרימען צימערל, און איצט האָבען זיך די דאָזיגע ווערטער אַרויסגעריסען פון זיך אַליין. עס איז איינגעטרעטען א שטילשווייגען. דוניטשקעס אויגען זענען אַזוי ווי לויטערער געוואָרען, און פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זאָגאַר פריינדליך א קוק געגעבען אויף סאָניא'ן.

— ראָדיאַ, — האָט זי געזאָגט, אויפשטעלענדיג זיך, — מיר עסען מיטאָג נאַטירליך צוזאַמען. דוניטשקע, לאָמיר געהן... און דו, ראָדיאַ, וואָלסט אויך אַרויסגעהן א ווײַלע אין דרויסען, זיך דורכשפּאַצירען אביסעל, דערנאָך אָברוהען, זיך צולעגען, און דאַן קום צוגעהן וואָס גיכער... ווייל איך האָב מורא, אַז מיר האָבען דיך פאַרמאַטערט.

— יאָ, יאָ, איך וועל קומען, — האָט ער געענטפערט אויפשטעהענדיג פון אָרט, און זיך גענומען אײַלען. — איך האָב נאָך איינענטליך עטוואָס צו ערלעדיגען...

— וועט איהר דען מיטאָג אויך עסען באַזונדער? — האָט ראַזומיכין אויסגעשריען, קוקענדיג מיט פאַרוואונדערונג אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן. — וואָס טוט זיך דאָ מיט דיר?

— יאָ, יאָ, איך וועל קומען, געוויס... און דו בלייב א

ווײַלע. איצט דארפט איהר דאך איהם ניט האבען, מאמישי? אדער אייך נעהם איהם אפשר פון אייך אוועק?

— אך, ניין, ניין! און איהר, דמיטרי פראקאפאוויטש, וועט קומען צו אונז אויף מיטאג, איהר וועט זיין אזוי פריינדליך?

— קומט צו געהן, מיר בעטען אייך זעהר, — האט דוניא גע־זאגט.

ראזומיכין האט זיך פארגזעגנט און האט אזש געגומען שיינען פאר גליק. אייף איין אויגענבליק האבען זיך פלוצלונג אלע עפעס מאדנע פארשעמט.

— זיי געזונט, ראדיא, דאס הייסט, צום ווידערזעהן: איך האב ניט ליעב צו זאגען „זיי געזונט". זיי געזונט, נאסטאסיא... אך, ווידער „זיי געזונט" געזאגט!...

פולכעריא אלעקסאנדראוונא האט געוואלט זיך א נויג טאן פאר סאניטשקען אויך, נאר ס'איז איהר עפעס ניט געלונגען, און זי איז איילענדיג ארויס פון צימער.

אבער אוודאטיא ראמאנאוונא האט אזוי ווי ערווארט, ביז וואנען עס וועט קומען צו איהר און ארויסגעהענדיג גלייך נאך דער מוטער פארביי סאניא'ן, האט זי זיך פאר איהר פארנויגט זעהר אויפמערק־זאם, העפליך און טיעף. סאניטשקע האט זיך ווי פארלארען, זיך פאר־נויגט עפעס אזוי ווי איילענדיג און דערשראקען, און זאגאר עפעס א פיינליך געפיהל האט זיך אויסגעדריקט אייף איהר פנים, גלייך ווי אווזאטיא ראמאנאוונאס העפליכקייט און אויפמערקזאמקייט וואל־טען איהר געדריקט און פארשאפט יסורים.

— דוניא, און מיט מיר זעגענסטו זיך גאר ניט? — האט ראס־קאלניקאוו אויסגעשריגען שוין אין פארהויז ארויס, — גיב מאטש א האנט!

— איך האב דאך דיר שוין געגעבען, האסט פארגעסען? — האט דוניא געענטפערט, און האט מיט ליעבע זיך לאנגזאם אומגע־קעהרט צו איהם.

— נו, איז וואס, אין צווייטען איז שטארקער!

און ער האט פעסט צונויפגעדריקט איהרע קליינע פינגער. דוניא האט צו איהם א שמייכעל געטאן, איז רויט געווארען, האט געשווינט ארויסגעריסען די האנט איהרע און איז אוועק נאך דער מוטער, אויך עפעס זעהר א גליקליכע.

— נו, אלזא איז עס אויסגעצייכענט! — האט ער געזאגט צו סאָניען, זיך אומקערענדיג צו איהר און אנזעהענדיג זי מיט א לויטערן בליק, — זאלען די טויטע האבען א ליכטיגען גן־עדן, און די לעבעדיגע דארפען נאך לעבען! אפשר ניט אזוי? אפשר ניט אזוי? ס'איז דאך אזוי?

סאָניא האט מיט פארוואונדערונג געקוקט אויף זיין פלוצלונג אויסגעלייכטערטעס געזיכט; א קליינע ווײלע האט ער זיך אויפמערקזאם און שווייגענדיג איינגעקוקט אין איהר: אלץ וואס איהר פאר־שטארבענער פאטער האט איהם דערצעהלט וועגען איהר, האט זיך איהם פלוצלונג אין דער ווײלע דורכגעטראגען אין מח...

— נאט מיינער, דוניטשקע! — האט פולכעריא אלעקסאנדראָוונא גלייך אנגעהויבען, קוים זיי זענען ארוים אויפ'ן גאס, — איך בין דאך איצט עפעס אליין ווי צופרידען, וואס מיר זענען אוועק: ס'איז עפעס גרינגער. נו, האב איך עס גאר געקענט טראכטען נעכטען, אין וואגאן, אז אפילו דערפון וועל איך זיין צופרידען!

— איך זאג אייך נאכאמאל, מאמישי, ער איז נאך זעהר קראנק. זעהט איהר עס דען ניט? אפשר האט ער זיך צו שטארק צום האר־צען גענומען אונזערע שמערצען. און דאס האט איהם פארשאדט. מען דארף זיין געדולדיג, און א סך, א סך קען מען דאן מוחל זיין.

— אט ביסטו דאך ניט געווען געדולדיג! — האט איהר הייס און אייפערזיכטיג פולכעריא אלעקסאנדראָוונא גלייך איבערגעשלאגען. — דו ווייסט, דוניא, איך האב געקוקט אויף אייך ביידען, דו ביסט פונקט ער, זאל פעהלען א האר, און ניט אזוי אין געזיכט, ווי אין דעם כאראקטער. ביידע זענט איהר מעלאנכאליש, ביידע רוגזה'דיג און הייסגעבאדען, ביידע שטאלץ און גרויסמוטיג... עס איז דאך ניט מעגליך, ער זאל זיין אנ'עגאאיסט, דוניטשקע, ניט אפשר?... און ווען איך דערמאן זיך, וואס ביי אונז וועט זיין היינט אין אבענד, געהט מיר ניט איין דאס לעבען!

— זענט רוהיג, מאמישי, עס וועט זיין דאס, וואס עס מוז זיין.

— דוניטשקע! גיב נאר א טראכט, אין וואס פאר א לאגע מיר געפינען זיך איצט! נו, וואס וועט זיין, אויב פיאטר פעטראָוויטש וועט אבזאגן דעם שידוך? — האט די ארימע מוטער פלוצלונג און ניט־פארזיכטיג זיך ארויסגעכאפט.

נו, איז וואס פאר א פנים וועט ער האבען דערנאך! — האט דוניטשקע געענטפערט שארף און מיט פאראכטונג.

— דאס האבען מיר גוט געטאן, וואס מיר זענען איצט אוועקגע־גאנגען, — האט איהר פולכעריא אלעקסאנדראוונא איילענדיג איבער־געשלאגען, — ער האט זיך ערגעץ געאיילט וועגען א געשעפט; זאל ער זיך דורכגעהן, שעפען אביסעל לופט... א גרויל ווי דושנע ביי איהם איז... און צוריקגערעדט ווי קען מען דא שעפען לופט? אפילו אין די גאסען איז דא אזוי ווי אין צימערן אהן פערטעלער. מיין גאט, ס'אר א שטאדט דאס איז!... האלט, היט זיך, מען וועט צוטרעטען. מען טראגט עפעס! דאס האט מען דאך פארבייגעטראגען א פאר־טעפיאן, כ'לעבען... ווי מען שטויסט זיך עס אביסעל... פאר דאס מיידעל האב איך זעהר מורא...

— פאר וואסער מיידעל, מאמישי?

— אט פאר דער דאזיגער סאפיא סעמיאנאוונא, וואס איז ערשט געוועזען...

— וואס איז דען?

— מיר זאגט עפעס דאס הארץ, דוניא. נו, מעגסט מיר גלויבען, אדער ניט גלויבען, — ווי זי איז אריין, איז מיר אין דעמזעלבען אוי־גענבליק איינגעפאלען, אז אט א דא שטעקט טאקע דער אמת'ער עיקר...

— אך, עס שטעקט דא גארניט! — האט דוניא מיט פארדרוס אויסגעשריען. — און ווי מאדנע איהר קומט מיר אויס מיט אייערע הארץ־זאגענישען, מאמישי! ער איז מיט איהר ערשט באקאנט פון נעכטען אן און האט זי אפילו ניט דערקענט, ווען זי איז אריינגע־קומען.

— נו, דו וועסט שוין זעהן פארטיגערהייט!... זי לאזט מיך ניט רוהען, דו וועסט שוין זעהן, דו וועסט זעהן! איך האב זיך אזוי דער־שראקען: זי קוקט אויף מיר און קוקט, עפעס אזעלכע אויגען האט זי; איך בין קוים אויפ'ן שטול איינגעזעסען, געדענקסט, ווי ער האט זי אונז געגומען פארשטעלען? און מיר קומט עס עפעס אויס מאדנע: פיאטר פעטראוויטש שרייבט וועגען איהר אזא מין זאך, און ער שטעלט זי אונז פאר, און דיר נאך אפילו! הייסט עס, זי איז איהם טייער!

— מאלע וואס ער שרייבט! וועגען אונז האט מען אויך גערעדט, און געשריבען, איהר האט פארגעסען, וואס? און איך בין איבער־

ציינט, אז זי איז... א זעלטענע. און אז דאָס אלץ איז — גאָרניט ווערט!

— הלואי זאָלסטו אמת זאָגען!

— און פּיאָטר פּעטראָוויטש איז אַ מיאוסער רכילות־טרייבער.

— האָט דוניאָ פּלוצלונג אָבגעהאַקט.

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז פּולכעריאָ אלעקסאנדראָוונאַ געוואָרען זעהר אָראָבגעפאלען. דער שמועס האָט זיך איבערגעריסען.

— הער נאָר, אָט וואָס פאר א געשעפט איך האָב צו דיר... — האָט ראסקאָלניקאָוו געזאָגט, אָבפיהרענדיג ראזומיכינען צום פענס־טער.

— אלזאָ וועל איך זאָגען קאטערינאָ איוואנאָוונאַ'ן, אז איהר וועט קומען... האָט סאָניאָ אויף דער גיך ארויסגערעדט און זיך פאר־נויגט אָוועקצוגעהן.

— די רגע, סאָפיאָ סעמיאָנאָוונאַ, מיר האָבען ניט קיין סעקרע־טען, איהר שטערט ניט... איך וואָלט אייך וועלען זאָגען נאָך א פּאָר ווערטער... אָט וואָס, — האָט ער פּלוצלונג ניט דערענדיגט, גלייך ווי אָבגעהאַקט, זיך געווענדעט צו ראזומיכינען. — דו קענסט דאָך דעם דאָזיגען... ווי הייסט ער!... פּאָרפירי פּעטראָוויטש'ן?

— א שאלה! מיינער א קרוב. וואָס איז דען? — האָט יענער געפרעגט פארוואונדערט און נייגעריג.

— דאָכט זיך, ער פיהרט דאָך איצט די דאָזיגע אויספאָרשונג... נו, אָט וועגען דער ערמאָרדונג... אָט נעכטען האָט איהר דאָך גערעדט... ער, האַ?

— יאָ... בכן? — האָט ראזומיכין פּלוצלונג אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגען.

ד— ער האָט אויסגעפרעגט די משכנות־פארזעצער. און איך האָב דאָרט אויך א פּאָר משכנות, ס' איז אפילו גאָרניט ווערט, דאָך איז דאָרט פארזעצט דער שוועסטערס א רינגעלע, וואָס זי האָט מיר אָוועקגעשענקט אלס אנ'אנדענקונג, בעת איך בין אהער אוועקגעפאָה־רען, און דעם פאָטערס א זילבענער זייגער. אלץ צוזאמען איז עס ווערט א רובל פינף־זעקס, נאָר מיר איז עס טייער, פאַרט אנ'אנדענ־קונג איז וואָס זאָל איך איצט טאָן? איך וויל ניט, די זאכען זאָלען פארלאָרען געהן, באזונדערס דער זייגער איך בין פריהער געווען אין איין שענק, אז די מוטער וועט ביי מיר בעטען איהם א קוק טאָן, ווען

מען האט נענומען ריידען וועגען דוניטשקעס זייגערל. די איינציגע זאך. וואס איז פארבליבען נאך דעם פאטער זי וועט קראנק ווערען. אויב ער וועט פארלארען געהן! ווייבער! איז וואס זשע זאל איך טאן. לערן מיך אויס! איך ווייס, איך ווייס, אז מען דארף מעלדען אין צירקעל אריין. אבער איז עס אפשר מעגליך דורך פארפירי׳ן אליין. הא? ווי מיינסטו? מען דארף עס וואס גיכער באזארגען. דו וועסט זעהן, אז די מוטער וועט פרעגען פאר מיטאג נאך!

— פאר קיין פאל ניט אין צירקעל אריין, נאר צו פראפירי׳ן!

— האט ראזומיכין אויסגעשריען עפעס מאדנע אויפגערעגט. — נו, איך בין זעהר צופרידען! וואס איז דא צו קלערען א סך. קום שוין. צוויי טריט פון דאנען. מיר וועלען איהם געווים טרעפען.

— מילא... קום...

— און ער וועט זיין זעהר, זעהר, זעהר, זעהר צופרידען מיט דיר צו באקאנט ווערען! איך האב מיט איהם פיעל מאל גערעדט וועגען דיר, אין פארשידענע צייטען... נעכטען אויך גערעדט. קום!... האסטו געקענט, הייסט עס, די אלטע? אזוי זשע רייד!... גרוי—סאר— דיג האט זיך עס אלץ אויסגעלאזט!... אך, יא... סאפיא איוואנאוונא...

— סאפיא סעמיאנאוונא, — האט איהם ראסקאלניקאוו פער־רריכט, — סאפיא סעמיאנאוונא, דאס איז מיינער א חבר, ראזומיכין, זעהר א וואוילער מענש...

— אויב איהר דארפט איצט אוועקגעהן... האט סאניא זעוועזט אנגעהויבען, אפילו ניט א קוק געבענדיג אויף ראזומיכינען, און דער־פאר האט זי זיך נאך מעהר פארשעמט.

— נו, טא קומט! — האט ראסקאלניקאוו באשלאסען. — איך וועל נאך צו אייך היינט אריינקומען. סאפיא סעמיאנאוונא, זאגט מיר נאר, וואו איהר וואוינט.

ניט ער האט זיך געפלאנטערט אין די רייד, נאר ער האט זיך עפעס אזוי ווי געאיילט און אויסגעמיידט איהרע בליקען. סאניא האט איהם געגעבען איהר אדרעס און איז דערביי רויט געווארען. אלע זענען ארויסגעגאנגען צוזאמען.

— דו פארשליסט דען ניט? — האט ראזומיכין געפרעגט, אראב־געהענדיג פון די טרעפ גלייך נאך זיי.

— קיינמאל ניט!... איבריגענס, קלייב איך זיך שוין צוויי יאהר א שלעסעל צו קויפען — האט ער צוגעגעבען עפעס אזוי ווי אין דער

וועלט אריין. — דאָס זענען דאָך גליקליכע מענשען. די וועלכע האָ־בען ניט וואָס צו פאַרשליסען, — האָט ער זיך געווענדעט מיט א שמייכעל צו סאָניאַ'ן.

אין דרויסען זענען זיי געבליבען שטעהן אין טויער.

— איהר דאַרפט געהן אויף רעכטס, סאָפיא סעמיאָנאָוונאַ? יאָ, ווי האָט איהר מיך עס אויפגעזוכט? — האָט ער געפרעגט, גלייך ווי ער וואָלט איהר געוואָלט זאָגען גאָר עפּעס אנדערש. איהם האָט זיך אַלץ געגלוסט קוקען אין איהרע שטילע, קלאָרע אויגען, און דאָס האָט זיך עפּעס אַלץ ניט איינגעגעבען...

— איהר האָט עס דאָך נעכטען געגעבען פּאָליטשקען דעם אד־רעס?

— פּאָליאַ? אַך, יאָ... פּאָליטשקע! דאָס איז... די קליינטשיקע... זי איז אייערע א שוועסטער? האָב איך איהר געגעבען דעם אדרעס?

— וואָס איז, איהר האָט דען פאַרגעסען?

— ניין... איך געדענק...

— איך האָב וועגען אייך געהערט נאָך אמאָל פון דעם פאַר־שטאָרבענעם... נאָר איך האָב נאָך דאַמאָלס ניט געוואוסט אייער פאַ־מיליע, און ער אליין האָט אפילו אויך ניט געוואוסט... איצט אבער בין איך געקומען... און אזוי ווי איך האָב זיך נעכטען דערוואוסט אייער פאַמיליע... האָב איך היינט געפרעגט: וואו וואוינט דאָ הערר ראַסקאָלניקאָוו?... איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז איהר וואוינט אויך ביי א שכן אין א צימער... זייט געזונט... איך וועל קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן זאָגען...

זי איז געווען שרעקליך צופרידען, וואָס זי איז ענדליך אוועקגע־גאַנגען: זי איז אוועק, מיט אראָבגעלאָזטע אויגען, מיט שנעלע טריט, כדי וואָס גיכער צו פאַרשווינדען פון זייערע אויגען, כדי וואָס גיכער דורכצוגעהן די צוואַנציג טריט ביז צום ראָג גאַס, וואָס פאַרנעהמט זיך אויף רעכטס, און בלייבען ענדליך איינע אליין, און דאָרט, געהענדיג מיט געאיילטע טריט, ניט קוקענדיג אויף קיינעם, גאָר ניט באמער־קענדיג, טראַכטען, דערמאָנען, באַרעכענען איטליכעס ארויסגעזאָגט וואָרט, איטליכע זאַך. קיינמאָל, קיינמאָל האָט זי ניט געשפּירט עט־וואָס אזוינס. א גאַנצע נייע וועלט איז דונקעל און אונבאַקאַנט אראָב צו איהר אין הארצען. זי האָט פּלוצלונג זיך דערמאָנט, אז ראַסקאָל־

ניקאָוו האָט אַליין געוואָלט צו איהר אריינקומען היינט. נאָר איז דער פריה אפשר, אין דעם אויגענבליק אפשר!

— נאָר ניט היינט, איך בעט אייך, היינט ניט! — האָט זי גע־שטאַמעלט מיט אַ אָבגעשטאָרבענעם הארצען, גלייך ווי זי וואָלט זיך ביי עמיצען בעטען, ווי אַ קליין דערשראָקען קינד. — מיין גאָט! צו מיר... אין מיין צימער אריין... ער וועט דערזעהן... אַ, גאָט!

און געוויס האָט זי שוין ניט געקענט באַמערקען אין דעם דאָזיגען אויגענבליק אַ אונבאַקאַנטען הערר, וואָס האָט פון איהר די אויגען ניט אראָבגענומען און איז איהר נאָכגעגאַנגען טריט־ביי־טריט. ער האָט איהר נאָכגעפאָלגט, זינט זי איז פון טויער ארויס. אין דעם מאָמענט, ווען אַלע דריי, ראַזומיכין, ראַסקאָלניקאָוו און זי, זענען געבליבען אַ ווייַלע שטעהן אויפ'ן טראָטואַר, האָט דער דאָזיגער דורכגעהער, וואָס איז אויף זיי אָנגעגאַנגען, פלוצלינג אַזוי ווי אַ ציטער געטאָן, דער־הערענדיג אומגעריכט סאָניאַס ווערטער: „און איך האָב געפרעגט: וואו וואוינט דאָ הערר ראַסקאָלניקאָוו?" געשווינט, אָבער אויפמערק־זאַם האָט ער זיי באַטראַכט אַלעמען דרייען, איבערהויפט ראַסקאָלני־קאָוו'ן, צו וועלכען סאָניאַ האָט זיך געווענדעט: דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דאָס הויז און האָט עס גוט באַטראַכט, ניט צו פאַר־געסען, דאָס אַלץ איז אָבגעטאָן געוואָרען אין איין אויגענבליק, געהענ־דיגערהייט. און דער דורכגעהער איז אַוועק ווייטער, זיך מאַכענדיג ניט זעהענדיג, מיט לאַנגזאַמערע טריט און אַזוי ווי אין ערוואַרטונג. ער האָט געוואַרט אויף סאָניאַ'ן: ער האָט געזעהן, אַז זיי האָבען זיך געזעגענט און אַז סאָניאַ וועט באַלד אַוועקגעהן צו זיך אַהיים ערגעץ.

„וואוהין אָבער צו זיך אַהיים? איך האָב ערגעץ געזעהן דאָס דאָזיגע פנים, — האָט ער געטראַכט, פאַרשטעלענדיג זיך סאָניאַס פנים, — איך מוז עס דערגעהן".

צוגעקומען צום ראָג, איז ער אריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס, האָט זיך אָבגעקעהרט און דערזעהן, אַז סאָניאַ געהט שוין גלייך נאָך איהם, מיט דעמזעלבען וועג, און באַמערקט קיין זאַך ניט. דער־גרייכט דעם ראָג, דאָט זי זיך פאַרקערעוועט אין דערזעלבער גאַס אריין. ער איז אַוועק גלייך נאָך איהר, ניט אראָבנעמענדיג פון איהר די אויגען, געהענדיג אויף דער צווייטער זייט גאַס: אָבגעגאַנגען אַ טריט פופציג, איז ער ווידער אריבער אויף דער זייט, וואו סאָניאַ איז גע־

גאנגען, האט זי דעריאגט און איז אוועק נאך איהר, אויף א שטרעקע פון פינף טריט.

דאס איז געוועזן א מענש פון א יאהר פופציג, העכער פון מיטעלער וואוקס, א דיקער, מיט ברייטע און רונדע אקסלען, צוליעב וואס ער האט אויסגעזעהן ווי עטוואס איינגעהויקערט. געוועזן איז ער פראנטיש און רייך געקליידט און האט אויסגעזעהן ווי א רייכער פריץ. אין די הענט האט ער געהאלטען א פיינעם ראהר־שטאק, און האט מיט איהם געקלאפט ביי יעדען טריט איבערן טראטואר: אויף די הענט האט ער געטראגען נייע האנדשיה. זיין ברייט געזיכט מיט געזונטע ארויסשטארצענדע באקען־ביינער איז געוועזן גאנץ אנגענעם, און די געזיכטספארב איז געוועזן פריש, ניט גרויסשטטעדיג. די האר זיינע, נאך זעהר געדיכטע, זענען געוועזן עכט בלאנד, און נאר ערטערווייז האט זיך דורכגעווארפען א גרוי הערעלע: די געדיכטע בארד, וואס איז ברייט און לאנג געפאלען אויף זיין ברוסט, איז נאך געוועזן העלער פאר די האר פון קאפ. אויגען האט ער געהאט בלויע, מיט א קאלטען גלאנץ, שארפע און איז זיך פארטיעפטע: די ליפען — בלוטרויטע. בכלל איז דאס געוועזן א מענש, וואס האט זיך זעלטען גוט ערהאלטען און האט אויסגעזעהן א סך אינגער ווי אין דער ווירקליכקייט.

ווען סאניא איז ארויס צום קאנאל, זענען זיי געבליבען אליין אויפ'ן טראטואר. א קוק געטאן אויף איהר, האט ער דערזעהן ווי פארטראכט זי איז און צוטראגען. צוגעקומען צו איהר הויז, איז סאניא אריין אין טויער, — ער נאך איהר, אזוי ווי פארוואונדערט. אריינגעקומען אין הויף אריין, האט זי זיך פארנומען רעכטס, אין א ווינקעל, וואו די טרעפ האבען געפיהרט אין איהר וואוינונג. „בא!" האט ארויסגעברומט דער אונבאקאנטער פריץ און גענומען שטייגען נאך איהר אויף די טרעפ ארויף. דא ערשט האט איהם סאניא באמערקט. זי איז ארויף אויפ'ן דריטען שטאק, אריין אין קארידאר און אנגעקלונגען אין דעם נומער9, וואו ס'איז געוועזן אנגעשריבען אויף דער טיר מיט קרייד: „ק א פ ע ר נ א א ו ם ד ע ר ש נ י י ד ע ר". „בא!" האט דער אונבאקאנטער ווידער איבערגע'חזר'ט, שטארק פארוואונדערט איבער דעם, וואס עס קען טרעפען, און האט אנגעקלונגען דערנעבען, אין נומער 8.ביידע טירען זענען געוועזן א טריט זעקס ווייט איינע פון דער אנדערער.

— איהר שטעהט איין ביי קאפערנאאומען! — האט ער געזאגט, קוקענדיג אויף סאניא'ן און לאכענדיג. — ער האט מיר נעכטען איבער־גענעהט א וועסט. און איך שטעה איין דא, טאקע נעבען אייך, ביי מאדאם רעסליך, גערטרודא קארלאוונא רעסליך. וואס עס קען טרעפען!

סאניא האט איהם אויפמערקזאם באטראכט.

— שכנים, הייסט עס, — האט ער פארטגעזעצט עפעס מאדנע לוסטיג. — איך בין ערשט דעם דריטען טאג אין שטאדט. נו—ס, דערוויילע אדיע!

סאניא האט ניט געענטפערט; די טיר האט זיך געעפענט, און זי האט זיך ארייינגעכאפט צו זיך. זי האט זיך עפעס זעהר פאר־שעמט, און אזוי ווי זי וואלט זיך געוועז דערשראקען...

פינפטער קאפיטעל.

געהענדיג צו פארפירי'ן, איז ראזומיכין געוועז זעהר צולעבט.

— דאס איז, ברודער־לעבען, אויסגעצייכענט, — האט ער עט־ליכע מאל איבערגעחזר'ט, — און איך בין צופרידען! איך בין צו־פרידען!

„וואס ביסטו עפעס אזוי צופרידען!" האט ראסקאלניקאוו גע־טראכט פאר זיך.

— איך האב דאך גאר ניט געוואוסט, אז דו פלעגסט אויך פאר־זעצען משכנות ביי דער אלטער. און... און... דאס איז געוועז לאנג? איך מיין, שוין לאנג, אז דו ביסט געוועז ביי איהר?

„אט איז א מין נארישער שוטה!"

— ווען?... איז ראסקאלניקאוו שטעהן געבליבען, זיך וועלענדיג דערמאנען. — א טאג דריי פאר איהר טויט בין איך ביי איהר, דאכט זיך, געוועז. איבריגענס, געה איך דאך איצט ניט אויסקויפען די זא־כען, — האט ער צוגעגעבען עפעס מיט א איילענדיגער און מאדנער אומרוהיגקייט וועגען זיין אייגענטום. — ביי מיר איז דאך ווידער געבליבען ניט מעהר ווי א רובל... צוליעב דער נעכטיגער משוגעת, צו אלדי שווארציאהר!...

וועגען דער משוגעת האט ער ארויסגערעדט עפעס מיט א באזונ־דער פעסטקייט.

—נו, יאַ, יאַ, — האָט ראַזומיכין איילענדיג מסכים געווען, ניט צו וויסען אויף וואָס. — איצט פאַרשטעה איך שוין, פאַרוואָס דו ביסט דאַמאָלס... אַזוי איבערראַשט געוואָרען... דו ווייסט, פון היץ האָסטו אויך אַלץ דערמאָנט עפּעס קייטלער אַזעלכע און רינגלעך!... נו, יאַ, יאַ... איצט איז עס קלאָר, אַלץ איז איצט קלאָר.

„פּונקט געטראָפען, אין פּינטעל אַריין! אָבער ווי זיי האָבען דאָס אַריינגענומען דעם דאָזיגען געדאַנק אין קאָפּ! אָט דער מענש, אַ שטייגער, וועט דאָך פאַר מיר געהן אין פייער און אין וואַסער, און דאָך איז ער זעהר צופרידען וואָס איז קלאָר געוואָרען, פאַרוואָס איך האָב עפּעס דערמאָנט אין היץ וועגען קייטלעך! ווי זיי האָבען זיך דאָס אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין!“...

— מיר וועלען איהם טרעפען? — האָט ער פּלוצלונג געפרעגט.

— מיר'ן איהם טרעפען, מיר'ן איהם טרעפען, — האָט ראַזומיכין זיך געאיילט. — דאָס איז, ברודער־לעבען, אַ וואַוילער יונג, דו ס'ט'זעהען! ער איז אַביסעל אומגעלומפּערט, דאָס הייסט ער איז יאָ אפילו אַ וועלטליכער מאַן, נאָר איך מיין אומגעלומפּערט אין אַן־אַנדער הינזיכט. אַ קלוגער יונג, אַ קלוגער, מען קען זאָגען, גאָר ניט קיין נאַר, נאָר ער האָט זיך זיינע אייגענע השגות... אַ ניט־געטרויער, אַ סקעפּטיקער, אַ ציניקער... ער האָט ליעב אָנצופּייפען, דאָס הייסט ניט אָנפּייפען, נאָר צום נאַר מאַכען... נו, און איז אַ שטיקעל אַנ־הענגער פון דער מאַטעריאַליסטישער טעאָריע... אין זיין פאַך אָבער איז ער אַ בריה, אַ גרויסער בריה... ער האָט פאַראַיאָהרען אויסגע־פאָרשט אַ געהיימניספולען מאָרד, אין וועלכען עס זענען געווען פאַר־לאָרען כמעט ווי אַלע פּעדים! ער וויל זעהר, זעהר און זעהר מיט דיר זיך באַקענען!

— וואָס וויל ער דאָס עפּעס אַזוי?

— דאָס הייסט, אייגענטליך, ניט ווייל... פאַרשטעהסט, פאַר דער לעצטער צייט, זינט דו ביסט קראַנק געוואָרען, איז מיר אויסגע־קומען זעהר אָפט און זעהר פיעל וועגען דיר צו דערמאָנען... נו, פלעגט ער זיך צוהערען... און אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דו ביסט אויף דער יורידישער פאַקולטעט און האָסט ניט די מעגליכקייט צו ענדיגען, איבער מאַטעריעלע אורזאַכען, האָט ער געזאָגט: אַ שאָד! דערפון האָב איך פאַרשטאַנען... דאָס הייסט, אַלעס צוזאַמען, ניט נאָר דאָס אַליין, נאַטירליך: נעכטען האָט זאַמעטאָוו... פאַרשטעהסט, ראָדיאַ, איך האָב

דיך נעכטען עפּעס געפלאָפּעלט שכורערהייט, בעת מיר זענען אהיים געגאַנגען... דעריבער האָב איך מורא, ברודער־לעבען, אַז דו זאָלסט ניט איבערכאַפּען די מאָס, פאַרשטעהסט...

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגען? דאָס, וואָס מען האַלט מיך פאַר אַ משוגענעם? ס'איז אפשר טאַקע אמת.

ער האָט אַ געמאַטערטען שמייכעל געטאָן.

— יאָ, יאָ... דאָס הייסט... טפוי, ניט דאָס!... נו, איך מיין אַלצדינג, וואָס איך האָב גערעדט... וועגען אַנדערע זאַכען אויך... דאָס איז אַלץ געווען געפּלוידערט שכורערהייט.

— איך פאַרשטעה ניט, וואָס פאַרענטפערסטו זיך! ווי דאָס איז מיר אַלץ דערעסען געוואָרען! — האָט ראַסקאָלניקאָוו אַ געשריי געגעבען מיט איבערגעטריבענעם כּעס.

אביסעל האָט ער זיך אייגענטליך געמאַכט.

— איך ווייס, איך ווייס, איך פאַרשטעה. מעגסט זיין זיכער. אַז איך פאַרשטעה. איך שעם מיך אפילו צו ריידען...

— וויבאַלד דו שעמסט זיך, טאָ רייד טאַקע ניט! —

ביידע זענען אַנטשוויגען געוואָרען. ראַזומיכין איז געווען אויסער זיך פאַר התפּעלות, און ראַסקאָלניקאָוו האָט דאָס מיט עקעל געפיהלט. אויך האָט איהם באַאונרוהיגט דאָס, וואָס ראַזומיכין האָט ערשט גערעדט וועגען פּאָרפירי'ן.

„פאַר יענעם דאַרף מען זיך אויך מאַכען ווי געפּגרט. — האָט ער געטראַכט, בלאַס ווערענדיג און מיט אַ קלאַפּענדען האַרצען — און זעהן עס זאָל זיין געפּגר'ט וואָס נאַטירליכער. דאָס נאַטירליכסטע וואָלט אפילו געווען, עס זאָל גאָר ניט זיין געפּגר'ט. אָנשטרענגען זיך — עס זאָל גאָר ניט זיין געפּגר'ט! ניין. וויבאַלד אַז אָנשטרענגען זיך, וואָלט עס ווידער אויסגעקומען ניט נאַטירליך... נו, מילא ווי ס'וועט שוין דאָרט זיין... מיר וועלען באַלד עס זעהן... פאַרטיגערהייט... איז דאָס גוט, וואָס איך געה, אָדער ניט גוט? די זומערפליג פליהט אַליין אויפ'ן פייער. דאָס האַרץ קלאַפּט, אָט דאָס איז ניט גוט..."

— אין אָט דעם גרוי'ען הויז — האָט ראַזומיכין געזאָגט.

„דער עיקר איז, צי פּאָרפירי ווייס, אָדער צי ער ווייסט ניט, אַז איך בין נעכטען געווען ביי דער דאָזיגער אַלטער מכשפה אין דירה... און געפרעגט וועגען דאָס בלוט? אין איין אויגענבליק דאַרף מען עס געוואָהר ווערען, פון דעם ערשטען טריט אָן, ווי נאָר איך וועל

אריין, נאכ'ן געזיכט וועל איך דערקענען: ווייל—אניט... איך מעג פארלארען גייען, אבער איך וועל עס דערגייען!"

— דו ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען? — האט ער זיך פלוצלונג געווענדט צו ראזומיכינען מיט א שעלמישען שמייכעל. — איך האב היינט ברודער־לעבען, באמערקט, אז פון אין דער פריה אן געפינסטו זיך עפעס אין א מאדנער אונגעוועהנליכער אויפרעגונג? אמת?

— איז וואס פאר אנ'אויפרעגונג? איך געפין זיך ניט אין קיין שום אויפרעגונג, — האט זיך ראזומיכין פארקרימט.

— ניין, גוטער ברודער, כ'לעבען, ס'איז זעהר קענטיג. אויפ'ן שטול ביסטו פריהער געזעסען אזוי, ווי דו ביסט נאך קיינמאל ניט געזעסען. עפעס גאר אויף א ברעג און מיטען שטול ווי אויף שפיל־קעס. אין דערינען פלעגסטו גאר אויפשפרינגען. פריש, געזונט און משוגע. דא פלעגסטו זיצען א בעס'דיגער, און דא פלעגט דאס פנים דיר פלוצלונג זיס ווערען ווי לאקריץ. פלעגסט אזש רויט ווערען: באזונדערס ווען מען האט דיך איינגעלאדען אויף מיטאג, ביסטו רויט געווארען — א גרויל!

— ס'איז כזב ושקר: דו ליגסט!... ווענען וואס רעדסטו דאס?

— אט אלץ ווענען דעם, וואס דו האלסט זיך ווי א פארליעבט גימנאזיסטעל! פוי, צו אלדי טייוועל, ער איז דאך ווידער רויט געווארען!

— איך האב גאר ניט געוואוסט, ס'אר א מיז חזיר דו ביסט!

— נארעלע, וואס איז זיך דא צו שעמען? ראמעא! ווארט — ווארט, איך וועל עס היינט איבערדערצעהלען ערגעץ אין אן ארט, חא־חא־חא! זאל די מאמישי אביסעל אויך לאכען... און נאך עמיצער אויך...

— הער, הער, הער, דאס איז דאך ערנסט, דאס איז דאך... אויב אזוי, איז עס דא צו אלדי טייוועל! — האט זיך ראזומיכין אינגאנצען פארלארען, און איז פאר שרעק אפגעשטארבען מיט אלע גליע־דער. — וואס וועסטו זיי דערצעהלען? איך וועל, ברודער־לעבען.. פוי, ס'אר א מיז חזיר דו ביסט!

— א רויז אין פריהלינג! און עס כאפט דיר אזוי, ווען דו זאלסט נאר געוועזן וויסען: ראמעא איז עוג מלך הבשנ'ס וואוקס! און זעהט נאר, ווי ער האט זיך דאס היינט איינגעוואשען, די נעגעל אפילו אויס־

נערייניגט, איאַ? ווען פלעגט זיך עס טרעפען? אוי, איך זאָל אַזוי לעבען, אז ער האָט אָנגעשמירט די האָר! אָנו, בויג זיך אַקאָרשט איין!

— חזיר!!!

ראַסקאָלניקאָוו האָט אַזוי געקייכט פאַר געלעכטער, אז עס האָט זיך געדאַכט, ער האָט זיך שוין גאָר ניט געקענט איינהאַלטען. — און אַזוי לאַכענדיג זיינען זיי אַריינגעקומען צו פאָרפירי פעטראָוויטש'ן.— אין וואוינונג אַריין. און דאָס האָט ראַסקאָלניקאָוו געמיינט טאַקע: פון די צימערן האָט מען געקענט הערען, אז זיי זיינען אַריינגעקומען לאַכענדיגערהייד און פאַלען נאָך אַלץ פאַר געלעכטער אין פאָדערהויז.

— דאָ אַ וואָרט ניט מעהר אָדער איך וועל דיר... דעם מח פּלעטען! — האָט ראַזומיכין אַרויסגעברומט מיט רציחה, אָנכאַפּענדיג ראַסקאָלניקאָוו'ן פאַר'ן אַקסעל.

יענער איז שוין אַריינגעקומען אין די צימערן. ער איז אַריין מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי ער האָט זיך מיט אַלע כחות איינגעהאַלטען, ניט־אויסצושיסען ווי עס איז מיט אַ געלעכטער. נאָך איהם האָט זיך אומגעלומפּערט און הויך ווי אַ דראָנג אַריינגערוקט דער פאַרשעמטער ראַזומיכין מיט אַ צודרעהטען און גזלנ'ישען פּנים און רויט ווי אַ פייער דאָס געזיכט זיינע און די פיגור האָבען אין דער רגע ווירקליך אויסגעזעהן אַזוי קאָמיש, אז ראַסקאָלניקאָוו האָט פאַלקאָם רעכט געהאַט צו לאַכען. ראַסקאָלניקאָוו, נאָך ניט פאָרגעשטעלט, האָט זיך פאַרנויגט פאַר'ן בעל־הבית, וועלכער איז געשטאַנען אין מיטען צימער און האָט זיי אָנגעקוקט עפּעס אַזוי ווי ניט־פאַרשטעהענדיג, האָט איהם דערלאַנגט און אַ דריק געטאָן די האַנט, אַלץ נאָך מיט אַ זעהר דייטליכער אויסערגעוועהנליכער אָנשטרענגונג צו פאַרשטיקען דאָס געלעכטער און וועניגסטענס אַרויסזאָגען כאָטש אַ צוויי־דריי ווערטער. אום זיך פאָרצושטעלען. קוים ער האָט אָבער באַוויזען צו מאַכען אַן ערנסטע מינע און עפּעס אַרויסגעברומט, — האָט ער פּלוצלונג, אַזוי ווי ניט מיט אַ כיון, ווידער אַ קוק געגעבען אויף ראַזומיכינען און שוין ניט געקענט מעהר אויסהאַלטען: דאָס פאַרשטיקטע געלעכטער האָט זיך אַרויסגעריסען אַלץ האַסטיגער, וואָס שטאַרקער ער האָט זיך ביז אַהער איינגעהאַלטען. די ווילדע רציחה, מיט וועלכער ראַזומיכין האָט באַגעגענט ראַסקאָלניקאָוו'ס „האַרציגען" געלעכטער, האָט צוגעגעבען

דער דאזיגער סצענע זעהר פיעל אופּירילכטיגע פּרעהליכקייט או׳ אי־בערהויפּט, נאטירליכקייט. ראזומיכין האט, ווי אויף צו להכעיס, נאך אונטערגעגעבען פייער:

— פוי, דו טייוועל איינער! — האט ער ארויסגעדונערט, א מאך געבענדיג מיט דער האנט. און גראד מעשה־שטן האט ער זי א זעץ גע־טאן אז א קליין קיילעכדיג טישעל, אויף וועלכען ס׳איז געשטאנען א איבערגעבליבען ביסעל טיי אין א גלאז.

אלץ איז אראפּגעפלויגע אויף דער ערד מיט א שרעקליכער גע־קלינגעריי.

— וואס איז אבער דאס טישעל שולדיג, רבותי? — האט פּאר־פירי פּעטראוויטש לוסטיג אויסגעשריען.

די סצענע האט פארגעשטעלט פאלגענדעס: ראסקאלניקאוו האט געהאלטען ביים ענדיגען דאס געלעכטער און פארגעסען בעת־מעשה די האנט זיינע איי דעם בעל־הבית׳ס האנט. אום. נאר, אום ניט ארי־בערצוכאפּען די מאס, האט ער געוואַרט — וואס גיכער און נאטיר־ליכער צו ענדיגען ראזומיכין. פארשעמט שוין ביז איבער די אויערן צוליעב דעם אומגעוואָרפענעם טישעל און דעם צובראכענעם גלאז, האט ווילד א קוק געטאן אויף די שערבלעך, אויסגעשפּיגען און זיך האסטיג אפּגעקעהרט צום פענסטער, וואו ער איז שטעהן געבליבען מיט׳ן רוקען צום פּובליקום, מיט א שרעקליך ברוגז׳ן פּנים קוקענדיג אין פענס־טער אריין און ניט זעהענדיג קיין זאך. פּאָרפידי פּעטראוויטש האט געלאכט, ער האט געוואלט מיטלאכען, נאר ס׳איז געווען קענטיג, אז ער האט זיך גענויטיגט אין אן ערקלערונג. אין א ווינקעל אויף א שטוהל איז געזעסען סאמעטאוו: ער האט זיך אויפגעשטעלט, בעת די געסט זיינען אריינגעקומען, און איז געשטאנען אין ערוואַרטונג, אויפ־שטעלענדיג די ליפּען אויף צו שמייכלען, אבער קוקענדיג אויף דער גאנצער סצענע ניט־פארשטעהענדיג און זאגאר עפּעס מיט א מין צוטומלונג. דערזעהן דא אומגעריכט זאמעטאוו׳ן, איז ראסקאלניקאוו געוואָרען איבערראשט און ס׳האט אויף איהם געמאכט א שלעכטען רושם.

„דאס דאַרף מען אויך נעהמען אין באטראכט!“ איז איהם ארויף אויפ׳ן געדאנק.

— ביטע צו ענטשולדיגען, — האט ער אנגעהויבען ווי פאר־שעמט. — ראסקאלניקאוו.

— ביטע זעהר! זעהר אנגענעהם וואס איהר זענט גלאט אריינגעקומע... און ער וויל שוין אונז אפנים קיין שלום־עליכם אויך ניט אפגעבען? — האט פארפירי פעטראוויטש אנגעוויזען מיט'ן קאפ אויף ראזומיכינען.

— עהרענ־ווארט, איך וויים ניט, וואס ער איז אזוי מלא רציחה געווארען אויף מיר. איך האב איהם ניט מעהר אויפ'ן וועג געזאגט, אז ער זעהט אוים ווי ראמעא און... און איהם אויפגעוויזען, און מעהר איז, דאכט זיך, גארנישט געוועזען.

— חזיר! — האט ראזומיכין זיך אפגערופען, ניט אפקעהרענדיג זיך פון פענסטער.

— הייסט עס, ער האט מסתמא געהאט זעהר ערנסטע אורזאכען, וויבאלד ער איז אזוי בייז געווארען פאר איין ווערטעלע, — האט זיך פארפירי צולאכט.

— הער, דו „סליעדאוואטעל" איינער!.... געהט אלע צום טייוועל! — האט ראזומיכין אפגעהאקט.

און פלוצלונג אליין זיך צולאכט, איז ער מיט א פרעהליכער מינע צוגעגאנגען צו פארפירי פעטראוויטש'ן, אזוי ווי גארנישט געוועזען.

— גענוג! איהר זענט אלע גרויסע חכמים! צו דער זאך: אט איז מיין חבר, ראדיאן ראמאניטש ראסקאלניקאוו: ערשטענס האט ער זיך זעהר פיעל אנגעהערט און זיך געוואלט באקענען, און צווייטענס האט ער צו דיר א געשעפטעל עפעס. בא! זאמעטאוו! ווי קומסטו אהער? איהר זענט דען באקאנט? שוין לאנג. אז איהר זענט געווארען חבר־לאפ?

„וואס באטייט דאס אזוינס!" האט ראסקאלניקאוו אומרוהיג א טראכט געטאן.

זאמעטאוו האט זיך עפעס ווי פארשעמט, אבער ניט זעהר.

— דאך נעכטען ביי דיר זיך באקענט, האט ער געענטפערט מיט א ברייטקייט.

— פארשפארט דיר, הייסט עס, א טרחה: ערשט פאראכטאגען האט ער מיך געבעטען רחמים, איך זאל איהם מיט דיר, פארפירי, ווי עס איז באקאנט מאכע. און איהר האט זיך שוין צונויפגעשמעקט אהן מיין וויסען אפילו... וואו איז ביי דיר ערגעץ דער טאבאק?

פארפירי פעטראוויטש איז געווען שטוביג אנגעטאן — אין א חאלאט, זעהר קלארע וועש און ניידערגעטראטענע פאנטאפעל. דאס איז

געווען אַ מענש פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, עטוואס נידעריגער פון מיטעלער וואוקס, אַ דיקער, מיט אַ בייכעל אפילו, אָפּגעראַזירט, אָהן וואָנסען און באַקענבאַרדען. מיט האַרט אָפּגעשאַרענע האָהר אויף דעם גרויסען רונדען קאָפּ וואָס איז אין רעכטען מיטען עפּעס געווען מאָדנע פאַרקייל‏עכדיגט. דאָס פולע רונדע געזיכט זיינס מיט אַ קאַרפּאַטער נאָז איז געווען פון קראַנקער, טונקעלגעלער פאַרב, אָבער נאָך גאַנץ מונטער און זאַגאַר מיט אַ שפּאַטישען אויסדריק. עס וואָלט אפילו אויסגעזעהן נאַאיוו, ווען ניט דער אויסדריק פון די אויגען, מיט עפּעס אַ שיטערן וואַסערדיגען גלאַנץ, פאַרדעקט כמעט אינגאַנצען מיט ווייסע פינטלענדיגע ברעמען, וואָס האָבען אַזוי ווי עמיצען צוגעוואונקען. דער בליק פון די דאָזיגע אויגען האָט עפּעס מאָדנע ניט האַרמאָנירט מיט דער גאַנצער פיגור, וועלכע האָט געהאַט אין זיך זאַגאַר עטוואָס וויר־בערשעס, און האָט איהר צוגעגעבען אַ סך מעהר ערנסט, ווי מען האָט עס פון איהר געקענט ערוואַרטען אויפ'ן ערשטען קוק.

ווי נאָר פּראָפירי פּעטראָוויטש האָט דערהערט, אַז דער גאַסט האָט צו איהם אַ „געשעפטעל", האָט ער איהם גלייך געבעטען זיך צוזעצ־צען אויפ'ן דיוואַן: אַליין האָט ער זיך געזעצט אויף דעם אַנדער ברעג און אַנגעשטעלט אויפ'ן גאַסט אויג און אויערן, גרייט אויסצוהער־רען, וואָס פאַר אַ געשעפט האָט ער צו איהם. — מיט יענער אַנגע־שטרענגטער און שוין צו ערנסטער אויפמערקזאַמקייט, וועלכע נעהמט אייך גלייך דריקען און צוטומעלט אייך אפילו, בפרט נאָך ווען מען איז נימי נאָהענט באַקאַנט אָדער בפרט נאָך ווען איהר האַלט, אַז דער ענין, וועגען וועלכען איהר ווילט ריידען, איז ווייט ניט אין דערזעלבער פּראָפּאָרציע צו אַזאַ אונגעוועהנליך געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט, וואָס מען ווייזט אייך אַרויס. דאָך האָט איהם ראַסקאָלניקאָוו אין קורצע קלאָרע ווערטער ערקלערט זיין געשעפט, זעהר דייטליך און גענוי, און איז געבליבען צופרידען פון זיך אויף אַזוי פיעל, אַז ער האָט אַזש באַוויזען צו באַטראַכטען פּאָרפירי'ן. פּאָרפירי פּעטראָ־וויטש האָט פון איהם אויך קיין אוי ניט אַראָפּגענומען פון דער גאַנ־צער צייט. ראַזומיכין האָט זיך אַוועקגעזעצט געגענאיבער ביי דעמ־זעלבען טיש, און האָט מיט היץ און אונגעדולדיג זיך צוגעהערט צו ראַסקאָלניקאָווס ערקלערונג, אַלע ווייל‏ע וואַרפענדיג די אויגען דאָ אויף איינעם, דאָ אויף דעם אַנדערן; דערביי אויף אַזאַ שטייגער, אַז ער האָט שוין דערמיט אַביסעל אַריבערגעכאַפּט די מאָס.

„ס'א שוטה!" האט איהם ראסקאלניקאוו פאר זיך א זידעל געטאן.

— איהר דארפט דערלאנגען א מעלדונג אין דער פאליציי אריין.

— האט פראפירי געענטפערט מיט זעהר אן ערנסטער מינע. — ווע‑גען דעם, הייסט עס, אז געוואהר ווערענדיג פון אזא און אזא פאר‑פאל, דאס הייסט, פון דער דאזיגער ערמארדונג, בעט איהר, פון אייער זייט, מען זאל מודיע זיין דעם סליעדראוואטעל, וועלכער פיהרט די אויספארשונג, אז די און די זאכען געהערען צו אייך און אז איהר ווילט זיי אויסקויפען... אדער כ'וויים וואס... איבריגענס וועט מען עס אייך אנשרייבען.

— אט דאס איז דאך די מעשה, וואס איך בין איצט גראד ניט ביי געלט... ראסקאלניקאוו האט זיך באמיהט וואס מעהר זיך צו פאר‑שעמען. — און אפילו אזא קליינינגקייט בין איך ניט אימשטאנד... פארשטעהט איהר מיך, איך וואלט נאר וועלען מעלדען, אז די זאכען זיינען מיינע, און ווי נאר איך וועל זיין ביי געלט...

— דאס איז ניט קיין נפקא מינה, — האט פארפירי פעטראָ‑וויטש געענטפערט, קאלט באגעגענדיג ראסקאלניקאווס ערקלערונג וועגען זיינע פינאנצען, — איבריגענס, אויב איהר ווילט, קענט איהר גלייך צו מיר אפילו אנשרייבען, מיט דעמזעלבען נוסח, אז ערקונדיגענדיג זיך, הייסט עס, וועגען דעם און דעם, און מעלדענדיג וועגען די און די זאכען מיינע, בעט איך...

— דאס שרייבט מען דאך אויף איינפאכען פאפיר? — האט ראסקאלניקאוו איהם איילענדיג איבערגעשלאגען, ווידער פאראינטע‑רעסירענדיג זיך מיט דער פינאנציעלער זייט פון דער פראגע.

— א, אויף דעם איינפאכסטען פאפיר, וואס ס'גיט נאר.

און פלוצלונג האט פארפירי פעטראוויטש אויף איהם א קוק גע‑געבען מיט א דייטליכען אויסדריק פון שפאט, פארזשמורענדיג די אויגען און גלייך ווי ער וואלט איהם צונעוואונקען. איבעריגענס האט זיך עס אפשר ראסקאלניקאוו'ן נאר אפגעדאכט, ווייל ס'האט געדויערט איין אויגענבליק. דאך איז עפעס אזוינס יא געווען. ראסקאלניקאוו וואלט שווערען, אז ער האט איהם צוגעוואונקען, דער רוח ווייסט איהם, צוליעב וואס.

„ער ווייס!" האט איהם א בליץ געטאן א געדאנק.

— ענטשולדיגט, וואס איך דול אייך א קאפ מיט אזעלכע נאר‑

רישקייטען. — האָט ער פאַרטנגעזעצט, עטוואָס פאַרלאָרען. — די זאַכען מיינע זיינען ווערט אינגאַנצען אַ רובל פינף. נאָר זיי זיינען מיר באַזונדערס טייער. אַלס אַן אָנדענקונג אַז די, פון וועמען איך האָב זיי באַקומען — און, איך בין זיך מודה — איך האָב מיך זעהר דערשראָקען, אַז איך בין געוואָהר געוואָרען...

— איך זאָג עפּעס, וואָס דו האָסט זיך אַזאַ צאַפּעל געטאָן, ווען איך האָב נעכטען אַרויסגעפּלוידערט זאַסימאָוו'ן, אַז פּראָפּירי פרעגט אויס די משכנות־פאַרזעצער! — האָט ראַזומיכין זיך אַריינגעמישט, אונטערצוהעלפען ראַסקאָלניקאָוו'ן.

דאָס איז שוין געווען ניט אַריבערצוטראָגען. ראַסקאָלניקאָוו האָט ניט אויסגעהאַלטען און האָט אויף איהם בייז אַ בליץ געטאָן מיט זיינע שוואַרצע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אַ כעס אָנגעצונדען. אָבער גלייך האָט ער זיך פאַרכאַפּט.

— דו מאַכסט פון מיר אַפּנים חוזק, גוטער־ברודער? — האָט ער זיך צו איהם געווענדעט מיט קונציג געמאַכטער אויפרייצונג. — איך וועל מיך ניט שפּאַרען, אַז די דאָזיגע קלייניגקייטען ליגען מיר שוין צופיעל אין זינען: מען קען דאָך אָבער מיר דערפאַר ניט האַלטען ניט פאַר אַן עגאָיסט, ניט פאַר אַ קאַרגען: פאַר מיר זיינען די דאָזיגע צוויי גראָשענדיגע זאַכעלעך אפשר גאָר ניט קיין קלייניגקייטען. איך האָב דאָך דיר ערשט שוין געזאָגט, אַז דער דאָזיגער זילבערנער זייגער, וואָס איז ווערט אַ זעקסער, איז די איינציגע זאַך, וואָס איז פאַרבליבען פונ'ם פאָטער. מעגסט זיך לאַכען פון מיר, צו מיר איז אָבער געקומען צו פאָהרען די מוטער, — האָט ער זיך פּלוצלונג אַ קעהר געטאָן צו פּאָרפירי'ן, — און ווען זי דערוויסט זיך נאָר, — האָט ער זיך ווידער שנעל געווענדט צו ראַזומיכינען, און זיך איבערהויפּט אָנגעשטרענגט, די שטים זאָל איהם נעהמען ציטערן, — אַז דער דאָזיגער זייגער איז פאַרפאַלען געוואָרען, וואָלט זי געווען אויסער זיך פאַר פאַרצווייפלונג, אויף מיין עהרען־וואָרט! ווייבער!

— אַך, גאָר נישט דאָס! ניט דאָס האָב איך גאָר געמיינט! איך האָב געמיינט גראָד פאַרקעהרט! — האָט ראַזומיכין געקרענקט אויסגעשריען.

„איז עס גוט אַזוי? איז עס נאַטירליך? האָב איך ניט איבערגעכאַפּט די מאָס?“ האָט ראַסקאָלניקאָוו געפּלאַטערט אין האַרצען. — צו וואָס האָב איך עס געזאָגט „ווייבער“?

— אזוי, צו אייך איז די מוטער געקומען צו פאהרען? — האט פארפירי זיך צוליעב עפעס ערקונדיגט.

— יא.

— ווען איז זי דאס געקומען?

— נעכטען אין אווענט.

פארפירי איז אנטשוויגען געווארען, גלייך ווי ער וואלט זיך איבערלעגען אין געדאנק.

— אייערע זאכען האבען פאר קיין פאל ניט געקענט פארפאלען ווערען, — האט ער פארטגעזעצט רוהיג און קאלט. — איך ווארט דאך אויף אייך שוין א היבש ביסעל צייט.

און אזוי ווי ניט איהם מיינט מען, האט ער גענומען מיט גרויס ערנסט אונטערשטעלען ראזומיכינען דאס אש־טעצעלע, ער זאל ניט אזוי אכזריות׳דיג צופלעקען דאס טעפיך מיט זיין פאפיראס. ראס־קאלניקאוו האט א ציטער געטאן. נאר פארפירי האט זיך געמאכט גאר־נישט זעהענדיג און איז אלץ געווען פארטראגען מיט ראזומיכינס פא־פיראס.

— וואס—אס? האסט אויף איהם געווארט? וואס איז, דו האסט דען געוואוסט, אז ער האט ד א ר ט אויך וואס פארזעצט? — האט ראזומיכין אויסגעשריען.

פארפירי פעטראוויטש האט זיך גלייך געווענדט צו ראסקאלני־קאוו׳ן:

— אייערעביידע משכנות, דער רינג און דער זייגער, זיינען ביי א י ה ר געווען איינגעוויקעלט אין א פאפיר, און אויפ׳ן פאפיר איז געווען זעהר דייטליך אנגעשריבען מיט א בלייפעדער אייער נאמען. און אויך דער טאג פון חודש, ווען זי האט זיי ביי אייך צוגענומען.

— א קונץ צו האבען אזא שארפע ראיה... האט ראסקאלניקאוו געפרובט א שמייכעל טאן, און איבערהויפט באמיהט זיך צו קוקען איהם גלייך אין די אויגען אריין, ער האט זיך אבער ניט געקענט איינהאלטען און האט פלוצלונג צוגעגעבען: — עס איז מיר איצט דערפאר איינגעפאלען, ווייל ס׳איז דאך מסתמא געווען זעהר פיעל משכנות־פארזעצער... דארום וואלט דאך אייך געדארפט זיין שווער צו געדענקען זיי אלעמען... ערשט איהר געדענקט זיי אלעמען אויסגע־צייכענט און... און...

„נאריש! שוואך! צו וואס האב איך עס צוגעגעבען!“

— ווײלע כמעט אלע משכנות־פארזעצער זײנען שױן איצט באַוואוסט, און נאר איהר אלײן האט אונז ניט געמאכט די עהרע צו באַזוכען. — האט פּראפירי געענטפערט, און ס'איז קױם געווען צו באַמערקען דעם שפּאטישע׳ אױסדריק דערבײ.

— איך בין געווען ניט מיט אלעמען.

— ווענען דעם האב איך שױן אױך געהערט. איך װײס אפילו דערפון, אז איהר זענט עפּעס צו שטארק געווען צורודערט. אפילו איצט זעהט איהר אױך אױס זעהר בלאס?

— גאר ניט בלאס... פארקעהרט, פאלקאם געזונד! — האט ראסקאלניקאוו גראב אפּגעהאקט מיט כעס, פלוצלונג נעהמענדיג אן אנדער טאן.

דער כעס האט אין איהם געקאכט, און ער האט איהם ניט געקענט פארשטיקען.

„און פאר כעס װעל איך זיך ערשט אױסרײדען!" איז איהם ווידער אײנגעפאלען. — „אבער װאס מאטערן זײ מיך אזױ!..."

— ער איז ניט גאר מיט אלעמען! — האט ראזומיכין זיך ארױסגעכאפּט. — שענע דבורים! סך הכל איז ער ביז נעכטען געלעגען כמעט װי אהן זינען און גערעדט פון הית... װעסט גלױבען, פּאָרפירי, אז ער איז קױם אײנגעשטאנען אױף די פיס, אבער װי נאר מיר האבען זיך נעכטען א װײלע אפּגעקעהרט — איך מיט זאסימאװ'ן, — האט ער זיך אנגעטאן, זיך שטילערהײד אפּג'גנב'עט און האט זיך ערגעץ ארומגעשלעפּט כמעט ביז האלבער נאכט. פאלקאם ניט בײם זינען. פארשטעהסטו מיך. שטעל זיך פאר! װאס קען זיך אמאל פארלױפען!

— צי דען טאקע פאלקאם ניט בײם זינען? װאס זאגט איהר דערצו! — האט פּראפירי א שאקעל געטאן מיט'ן קאפּ, אױף דעם שטײגער פון אלטע װײבער.

— עט, נארישקײטען! גלױבט ניט! איבעריגענס גלױבט איהר דאך סײ װי סײ ניט! — האט זיך שױן צופיעל פאר כעס ראסקאלניקאוו ארױסגערעדט.

אבער פּראפירי פּעטראװיטש האט עפּעס גלײך װי ניט דערהערט די דאזיגע מאדנע װערטער.

— װי אזױ זשע האסטו טאקע געקענט ארױסגעהן, װיבאלד אז דו ביסט געווען בײ די געדאנקען? — האט ראזומיכין זיך פלוצלונג

צוקאכט. — פארוואס ביסטו עפעס ארויסגעגאנגען? צוליעב וואס?... און וואס עפעס בגנבה? נו, האסטו דאמאלס געקענט זיין ביים קלארען זינען? איצט, ווען ס'איז שוין נישטא קיין שום עפאהר, זאג איך דיר עס גלייך אין די אויגען!

— זיי זיינען מיר שוין נעבטען מיאוס ומאוס געווארען. — האט ראסקאלניקאוו זיך פלוצלונג געווענדט צו פארפירי'ן מיט א חוצפה'דיגען ארויספאדערנדען שמייכעל, — און איך בין אנטלאפען פון זיי דינגען א דירה, זיי זאלען מיך ניט קענען אויפזוכען. און פארכאפט מיט זיך א שלל מיט געלט. הערר זאמעטאוו האט אויך געזעהן דאס געלט. וואס זאגט איהר, הערר זאמעטאוו, בין איך נעבטען עפעס קלוג געווען, אדער ניט ביים זינען, פארענטפערט די קשיא?

ער וואלט איהם דאכט זיך, איצט דערשטיקט, אט דעם זאמעטאוו'ן. זיין בליק און זיין שווייגען איז איהם גאר ניט געפעלען געווען.

— איך מיין, אז איהר האט גערעדט זעהר קלוג, מען קען זאגען, אפילו צו קלוג, ניט מעהר איהר האט זיך צו פיעל געקאכט, — האט זאמעטאוו טרוקען ערקלערט.

— און היינט האט מיר ניקאדים פאמיטש דערצעהלט, האט זיך פארפירי אויך אריינגעמישט, — אז ער האט אייך נעכטען געטראפען שוין זעהר שפעט אין דער וואוינונג ביי איינעם א טשינאווניק, וועלכען מען איז איבערגעפאהרען...

— נו, אט דער דאזיגער טשינאווניק, א שטייגער! — האט ראזומיכין זיך ארויסגעכאפט. — נו, ביסט דען ניט געווען קיין משוגענער ביי דעם דאזיגען טשינאווניק? דאס לעצטע געלט אפגעגעבען דער אלמנה אויף דער לויה! נו, האסט שוין געוואלט זיי באהילפיג זיין — גיב פופצעהן רובל, גיב צוואנציג, אבער כאטש דריי רובל לאז פאר זיך.

— נעהמט ער און גיט זיי א האק די גאנצע פינפאונצוואנציג!

— אפשר האב איך ערגעץ געפונען אן אוצר און דו ווייסט דערפון ניט? דערפאר טאקע האב איך זיך דאס נעכטען אזוי צוהוליעט... אט הערר זאמעטאוו וויים יא, אז איך האב געפונען אן אוצר!... איך בעט אייך אום ענטשולדיגונג, — האט ער זיך געווענדט מיט ציטערנדע ליפען צו פארפירי'ן, — וואס מיר דרעהען אייך שוין א האלבע שעה דעם מח מיט אזוינע מיני נארישקייטען. ס'איז אייך דערעסען, ניט אפשר?

— וואָס רעדט איהר, גראד פארקעהרט! גראד פאַרקעהרט! ווען איהר זאָלט נאָר וויסען, ווי איהר אינטערעסירט מיך! עס איז זעהר אינטערעסאנט צוצוקוקען, אי צוצוהערען... און איך לייקען ניט, — איך בין אזוי צופרידען, וואָס איהר האָט אונז ענדליך אָפּגע־שטאָט א וויזיט...

— דערלאַנג כאָטש א גלעזעל טיי, ס'איז טרוקען שוין אין האלז געוואָרען! — האָט ראזומיכין אויסגעשריען.

— א וואויל'ער געדאַנק! אפשר וועלען מיר אַלע מאכען קאָמ־פּאַניע? און טאקע אויף עפּעס מעהר ממשות'דיגס ווי טיי... וואָלסט ניט געוועזען קיין בעלן?

— טראָג זיך, טראָג זיך!

פּאָרפירי פּעטראָוויטש איז ארויס הייסען דערלאַנגען טיי.

די געדאַנקען האָבען זיך ווי א וויכער געדרעהט ראסקאָלניקאָוו'ן אין מח. ער איז געווען שרעקליך צורייצט.

„דער עיקר איז, וואָס זיי ריידען אָפען, און ווילען קיינע מחזקות ניט מאכען! און וואָס האָסטו עפּעס גערעדט וועגען מיר מיט ניקאָ־דים פאָמיטש'ן, וויבאלד דו קענסט מיך ניט? אַלזאָ, הייסט עס, מען וויל עס שוין גארניט האַלטען בסוד, אז מען היט מיך, ווי א גאנצע מחנה הינד! אזוי אָפען צו שפּייזען אין פּנים אריין!" האָט ער גע־פלאַטערט פאר רציחה. — נו, שלאָגט גלייך, אבער ניט שפּיעלט זיך ווי א קאץ מיט א מויז. עס איז דאָך ניט העפליך, פּראָפירי פּעטראָ־וויטש, איך קען זיך נאָך ניט לאָזען!... וועל נעהמען און וועל אייך א שפּיי טאָן אין פּנים אריין דעם גאנצען אמת; און זעהט, ווי איך האָס אייך!..." ער האָט קוים געקענט אָפּכאַפּען דעם אָטעם. — „און ווי איז, אז דאָס דאַכט זיך מיר נאָר אזוי? אז דאָס איז א מיראַזש, און איך האָב אין אַלץ א טעות, איך קאָך זיך, מחמת איך בין נאָך ניט ער־פאַהרען, איך האַלט ניט אויס מיין מיאוסע ראָל? אפשר איז דאָס אַלץ אהן א מיין? אַלע זייערע ווערטער זיינען געוועהנליכע, נאָר עפּעס שטעקט אין זיי אזוינס... דאָס אַלץ קען מען זאָגען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, נאָר עפּעס איז דאָ יאָ פארהאן. פארוואָס האָט ער גלייך געזאָגט „ביי איהר?" פארוואָס האָט זאַמעטאָוו צוגעגעבען, אז איך האָב גערעדט צו קלוג? פארוואָס ריידען זיי מיט אזא טאָן... ראזומיכין איז דאָך געזעסען דערביי, פארוואָס זשע באמערקט ער גאָרנישט? דער דאָזיגער נאַאיווער נאָר באמערקט קיינמאָל גאָרנישט!

איך האב ווידער פיבער!... האט מיר פארפירי-פריהער צוגעוואונקען צי ניט? מסתמא איז עס א שגעון: צו וואס זאל ער מיר צואווינקען? זיי ווילען סיידען מיינע נערוועז אויפרייצען, אדער זיי רייצען זיך מיט מיר? אדער דאס איז א מיראזש, אדער זיי *וויסען*! אפילו זאמעטאוו האלט זיך מיט חוצפה... האלט ער זיך דען מיט חוצפה?— זאמעטאוו האט איבער נאכט זיך ארומגעזעהן. ער איז דא ווי אן אייגענער, און קומט ערשט אריין דאס ערשטע מאל. פראפירי האלט איהם ניט פאר קיין גאסט, זיצט צו איהם מיט'ן הינטען. זיך צונויפגעשמעקט! ניט אנדערש, ווי *צוליעב מיר* האבען זיי זיך צונויפגעשמעקט! ניט אנדערש, אז פאר אונזער קומען האבען זיי וועגען אונז גערעדט!... וויסען זיי פון דער דירה? כאטש גיכער שוין! ווען איך האב געזאגט, אז איך בין נעכטען אנטלאפען דינגען א דירה, האט ער עס דורכגעלאזט פארביי די אויערן, ניט באמערקט גאר.... דאס האב איך אבער קלוג אריינגעהאקט, וועגען דער דירה, הייסט עס: ס'וועט שפעטער צו נוץ קומען!... פון היץ, כלומרשט!... חא—חא—חא! ער וויים פון דעם גאנצען נעכטיגען אווענט! פון דער מוטערס קומען האט ער ניט געוואוסט!... די מכשפה, האט אפילו דעם טאג פארשריבען מיט א בלייפעדער!... ס'א ליגען, איך וועל מיך ניט לאזען! דאס זיינען דאך ניט קיין פאקטען, דאס איז ניט מעהר ווי א מיראזש! ניין, גיט מיר אהער פאקטען! און די דירה איז אויך ניט קיין פאקט, נאר א קאשמאר: איך וויים, וואס מיט זיי צו ריידען.. וויסען זיי וועגען דער דירה? איך וועל ניט אוועקגעהן, וואו איך וועל עס ניט דערגעהן! נאך וואס דען בין איך געקומען? זעהט זשע, אט דאס וואס איך קאך זיך איצט, איז שוין אפשר יא א פאקט! פוי, ווי איך קען זיך עס אביסעל, און אפשר איז דאס נאך א מעלה: א ראל פון א קראנקען... ער נעהמט מיך אויף זיכער. ער וועט מיך פלאנטערן אין די רייד. נאך וואס בין איך געקומען?“

דאס אלץ האט זיך איהם ווי א בליץ דורכגעטראגען אין מח.

פארפירי פעטראוויטש האט זיך די רגע צוריקגעקעהרט. ער איז פלוצלונג פרעהליך געווארען.

— מיר איז, ברודער־לעבען, פון נעכטען אן דער קאפ... אלץ איבער דיין סעודה. און איך בין גלאט עפעס אינגאנצען צושרויפט.

— האט ער אנגעהויבען שוין גאר מיט אן אנדער טאן, וועגדענדיג זיך מיט א געלעכטער צו ראזומיכינען.

— אָבער ס'איז געווען אינטערעסאַנט, איאָ? איך האָב אייך דאָך נעכטען געלאָזען אין רעכטען אינטערעסאַנטסטען פּונקט. ווער האָט געזיעגט?

— פאַרשטעהט זיך, אַז קיינער ניט. מען האָט זיך דערערדט ביז צו די אייביגע פּראָבלעמען און געבליבען הענגען אין דער לופטען.

— שטעל זיך פאָר, ראָדיאַ, צו וואָס מען האָט זיך נעכ'טען דער־רעדט: איז פאַרהאַן פאַרברעכען, אָדער ניט? איך האָב דיר געזאָגט, אַז זיי זיינען פאַרקראָכען אַזש קיין בויבעריק.

— וואָס זשע איז זיך דאָ צו וואונדערן? אַ געוועהנליכע סאָ־ציאַלע פראַגע, — האָט ראַסקאָלניקאָוו צושטרייט געענטפערט.

— די פראַגע איז ניט אַזוי פאָרמולירט געוואָרען, — האָט פּאָר־פירי באַמערקט.

— ניט אינגאַנצען אַזוי, דאָס איז אמת, — האָט ראַזומיכין גלייך איינגעשטימט, זיך איילענדיג און ווערענדיג צוהיצט ווי זיין שטייגער איז — פאַרשטעהסטו מיך, ראָדיאַ, הער איין מיט קאָפּ און זאָג ארויס דיין מיינונג. איך וויל. איך בין נעכטען מיט זיי פון דער הויט געקראָכען און געוואָרט אַלץ אויף דיר: איך האָב זיי וועגען דיר געזאָגט, אַז דו וועסט קומען.. עס האָט זיך אָנגעהויבען פון דעם שטאַנדפּונקט פון די סאָציאַליסטען. אַ באַקאַנטער שטאַנדפּונקט: דאָס פאַרברעכען איז אַ פּראָטעסט געגען דער אוננאָרמאַלקייט פון דער סאָציאַלער אָרדנונג, — און שוין, און ניט מעהר, און קיינע אור־זאַכען ווערען מעהר ניט דערלאָזען, — און גאָרנישט!...

— אָט האָסטו שוין געזאָגט אַ ליגען! — האָט פּאָרפירי פּעט־ראָוויטש אויסגעשריען.

— ער איז אָפּנים געוואָרען אויפגעלעבט און אַלע ווײַלע גע־לאַכט, קוקענדיג אויף ראַזומיכינען, און דערמיט האָט ער איהם נאָך מעהר צוקאָכט.

— מע—עהר ווערט גאָרנישט דערלאָזען! — האָט ראַזומיכין איהם מיט היץ איבערגעשלאָגען. — איך זאָג ניט קיין ליגען!... איך וועל דיר ווייזען זייערע ביכלעך: אַלץ איז ביי זיי דערפאַר, ווייל „די אָרדנונג איז שולדיג" — און מעהר גאָרנישט. זייער געליעבטע פראַ־גע. דערפון איז געדרונגען, אַז ווען מען זאָל די געזעלשאַפט נאָרמאַל איינאָרדנען, וועלען גלייך פאַרשווינדען אַלע פאַרברעכענס מיט אַמאָל, ווייל מען וועט שוין ניט דאַרפען מעהר פּראָטעסטירען און אַלע וועלען

אין איין אויגענבליק ווערען צדיקים. די נאטור ווערט ניט גענומען אין
באטראכט, די נאטור ווערט ארויסגעשטויסען, קיין נאטור טאר ניט
זיין! ביי זיי קומט אויס, אז ניט די מענשהייט וועט זיך אזוי לאנג
ענטוויקלען מיט דעם היסטארישען לעבעדיגען וועג ביז'ן
סוף, ביז וואנען זי וועט ענדליך ממילא פארוואנדעלט ווערען אין א
נארמאלע געזעלשאפט, נאר פארקעהרט, דאס סאציאלע סיסטעם וועט
ארויסגעהן פון ערגעץ א מאטעמאטישען קאפ און וועט גלייך איינ־
ארדנען די גאנצע מענשהייט און וועט אין איין אויגענבליק מאכען
אלעמען פאר צדיקים און הייליגע. אהן קיין שום לעבעדיגען פראצעס,
אהן קיין שום היסטארישער און לעבעדיגער ענטוויקלונג! דערפאר
טאקע האבען זיי אינסטינקטיוו אזוי פיינט די געשיכטע: „זי באַ־
שטעהט נאר פון נידערטרעכטיגקייטען און פון דומהייטען“. אלץ
פטר'ן זיי אראפ מיט דעם ווארט „דומהייטען“! דערפאר טאקע האַ־
בען זיי אזוי פיינט דעם לעבעדיגען פראצעס פון לעבען:
מען דארף ניט האבען קיין לעבעדיגע נשמה! א לע־
בעדיגע נשמה וועט פאדערן לעבען, א לעבעדיגע נשמה וועט ניט
פאלגען קיין אויסגעטראכט עפשט'לעך. א לעבעאיגע נשמה איז פאר־
דעכטיג, א לעבעדיגע נשמה איז קאנסערוואטיוו! און דא מעג אפילו
אונטערשמעקען מיט אלטען שימעל. מען קען עס מאכען פון טויג.—
אבי אבער ניט קיין לעבעדיגע, אבי אבער אהן ווילען. אבי אבער א
פארשקלאפטע, זי וועט זיך ניט צובונטעווען. און אין רעזולטאט קומט
אויס, אז פון דער גאנצער גרויסער געביידע איז ביי זיי נאר געבליבען
אביסעל ציגעל און א פלאן פון די צימערן און קארידארען! דער
פלאן איז שוין טאקע פארטיג, אבער די נאטור פון דער געביידע איז
נאך ניט פארטיג, זי פאדערט לעבען, זי האט נאך ניט פארענדיגט
דעם לעבענס־פראצעס, נאר צו פריה זי צו באגראבען! מיט לאגיק
אליין קען מען איבער דער נאטור ניט אריבערשפרינגען! די לאגיק
וועט פאראויסזעהן דריי צופאלען, און אין דער אמת'ן איז פארהאן א
מיליאן! שניידען זיי אפ דעם גאנצען מיליאן און פטר'ן אפ די גאנ־
צע פראגע מיט אביסעל קאמפארט! דער לייכטסטער ענטפער אויף
דער פראגע! פארפיהרעריש קלאר, און מען דארף גארנישט טראכטען
מעהר! — מען דארף ניט טראכטען! דאס גאנצע געהיימניס פון לע־
בען פארנעהמט צוויי דרוקזייטלעך!

— ער האט זיך דאס צורעדט פאר פייער און פאר וואסער, האקט

אויף וואס די וועלט שטעהט! מען דארף איהם פשוט צוהאלטען פאר די הענט, — האט פראָפירי געלאכט. — שטעלט אייך פאר, — האט ער זיך געווענדט צו ראסקאָלניקאָוו'ן, — פונקט אזוי איז געווען נעכ־טען אין אווענט. זאלבעזעקסט האט מען זיך צונויפגעהאקט, און נאָך אפריהער זיך אנגע'שכור'ט מיט פונש, — איהר קאָנט זיך שוין פאָר־שטעלען. — ניין, ברודערלעבען, דו האסט א טעות: די „אָרדנונג" האט זעהר פיעל צו זאגען אין א פארברעכען: איך בין דערויף אויך מסכים.

— איך ווייס אליין, אז פיעל, אבער דו זאג מיר נאָר אקאָרשט אָט וואס: א פיערציגיעהריגער שענדעט א צעהניעהריג מיידעלע, — האט איהם דערצו אפשר אויך די אָרדנונג געטריבען?

— וואס מיינסטו, ווען מען זאל קוקען דערויף טיעפער, קען איינגענטליך זעהר זיין, אז טאקע די אָרדנונג, — האט פראָפירי בא־מערקט מיט א מאָרנעם אפגעלאזענעם ערנסט. — דאס פארברעכען מיט דעם מיידעלע קען מען זאגאר זעהר און זעהר ערקלערען מיט דער „אָרדנונג".

ראזומיכין איז געוואָרען מלא רציחה.

— נו, דו ווילסט וועל איך דיר באלד אַרויסדרינגען, — האט ער אַרויסגעדרונגערט, — אז ביי דיר איז ווייסע ברעמען נאָר מחמת דעם, ווייל דאס קלויסטער פון איוואן דעם גרויסען איז די הויך פינף און דרייסיג קלאפטער, און עס וועט זיין אַרויסגעדרונגען קלאָר, פינקטליך, פראגרעסיוו, און אפילו אביסעל צוגעפעפערט מיט ליי־בעראליזם? איך נעהם זיך אָן! נו, ווילסט געהן א געוועט?

— רעכט! איך בין א בעלן צו הערען, ווי אזוי וועט ער עס אויס־דרינגען.

— ער מאכט זיך דאָך דאס אלץ, צו אלדי שווארציאָהר! — האט ראזומיכין א געשריי געגעבען, איז אויפגעשפרונגען און א מאך געגעבען מיט דער האנט. — נו, איז דען כדאי מיט דיר צו ריידען! ער מאכט דאָך דאס אלץ מיט א כיוון, דו קענסט איהם נאָך ניט, ראָ־דיאָן! ער מאכט דאָך דאס אלץ מיט א כיוון, דו קענסט איהם נאָך ניט, ראָדיאָן! נעכטען האט ער זיך אויך געשטעלט אויף זייער זייט, נאָר כדי אלעמען מאכען צום נאר. ווען דו וואלסט געווען הערען פון איהם נעכטען רייד! מיין גאָט! און זיי האבען זיך אזוי דערפרעהט!... ער האלט אזוי אויס צו צוויי וואכען נאכאנאנד. פאראיאהרען האט ער

און צוליעב עפּעס איינגעשמועסט, אז ער ווערט א מאנאך: צוויי חדשים האט ער זיך עגהאלטען שטאהל און אייזען ביי דאס זייניגע. ניט לאנג איז איהם איינגעפאלען איינצושמועסען אונז, אז ער האט חתונה: אז אלץ איז שוין פארטיג צו דער חופּה, אויפגעגייהט אפילו א נייעם אנצוג. מיר האבען איהם שוין געגומען אפּגעבען מזל־טוב. וואו—ווען, ניט קיין כלה, ניט קיין זאך, אלץ איז א מיראזש!

— ווייטער א ליגען! דעם אנצוג האב איך זיך פריהער געמאכט, און טאקע צוליעב דעם דאזיגען נייעם אנצוג איז עס מיר איינגעפאלען מאכען פון אייך אלעמען א ביסעל חוזק.

— איהר זענט אין דער אמת'ן אזא טרפה'ר יונג? — האט ראס־קאלניקאוו פויל געפרעגט.

— און איהר האט געמיינט, אז ניט? ווארט אקארשט, איך וועל נאך אייך אויך אנפּייפען — חא—חא—חא! ניין, פארשטעהט איהר מיר, איך וועל אייך זאגען דעם ריינעם אמת, וואס עס אנבא־לאנגט צו די אלע פראגען, פארברעכענס, ארדנונגען, מיידעלעך, איז מיר איצט ארויפגעקומען אויפ'ן זכרון אייערס אן ארטיקעל, — איבּ־ריגענס האט ער מיך שטענדיג אינטערעסירט. ער הייסט „ו ו ע ג ע ן פ א ר ב ר ע כ ע ן" אדער אפשר אנדערש ווי, איך האב פארגעסען דעם נאמען, איך געדענק ניט אקוראט. מיט צוויי מאנאטען צוריק האב איך עס געהאט דעם פארגניגען דורכצולייענען אין דעם „צייט־ווארט."

— מיינער אן ארטיקעל? אין דעם „צייטווארט"? — האט ראסקאלניקאוו פארוואונדערט געפרעגט. — מיט א האלב יאהר צו־ריק, ווען איך בין ארויסגעטרעטען פון דער אוניווערזיטעט, האב איך ווירקליך אנגעשריבען אן ארטיקעל וועגען עפּעס א בוך, איך האב איהם אבער דאמאלס אוועקגעטראגען אין „דאס וואכענבלאט", ניט אין „דאס צייטווארט".

— איז ער אריינגעפאלען אין „דאס צייטווארט."

— אבער „דאס וואכענבלאט" האט דאך אויפגעהערט צו ערשיי־נען, דעריבער טאקע האט מען עס דאמאלס ניט אפּגעדרוקט.

— דאס אי זאמת; אבער אויפהערענדיג צו ערשיינען, האט זיך „דאס וואכענבלאט" פאראייניגט מיט דעם „צייטווארט"; און דערי־בער האט זיך אויך אייער ארטיקעל אפּגעדרוקט. מיט צוויי מאנאטען

צוריק, אין דעם „צייטוואָרט". איהר האָט דען ניט געוואוסט?
ראַסקאָלניקאָוו האָט ווירקליך ניט געוואוסט.
— ניין, ניין, גאָר ניט דערפאַר, — האָט פּאָרפירי געענטפערט.
— עס האַנדעלט זיך נאָר וועגען דעם, אַז אין זייער אַרטיקעל ווערען אַלע מענשען איינגעטיילט אין „געוועהנליכע" און „אונגעוועהנליכע".. די געוועהנליכע דאַרפען זיין געהאָרכזאַם און אונטערטעניג און האָבען ניט דאָס רעכט עובר צו זיין אויף דאָס געזעץ, ווייל זיי זיינען פאַרשטעהט איהר מיך, געוועהנליכע. די אונגעוועהנליכע אָבער האָבען רעכט באַגעהן אַלערהאַנט פאַרברעכענס און אויף אַלע אופנים עובר זיין אויף דאָס געזעץ, נאָר דערפאַר אַליין, ווייל זיי זיינען אונגעוועהנליכע. אַזוי שטעהט ביי אייך, דאַכט זיך, אויב איך האָב קיין טעות ניט?
— וואָס זשע הייסט עס? עס קען ניט זיין. עס זאָל אַזוי שטעהן.
— האָט ראַזומיכין עשטאַמעלט ניט־פאַרשטעהענדיג.
ראַסקאָלניקאָוו האָט ווידער אַ שמייכעל געטאָן. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך און אין וואָס מען וויל איהם דאָ אונטערשטעלען אַ הינטערפּיסעל: ער האָט געדענקט זיין אַרטיקעל. ער האָט באַשלאָסען אָנצונעהמען דעם קאַמפּף.
—דאָס איז נאָר ניט אינגאַנצען אַזוי, ווי איהר זאָגט, — האָט ער אָנגעהויבען איינפאַך און עניוות'דיג. — איבריגענס, בין איך זיך מודה, אַז איהר האָט עס כמעט ריכטיג איבערגעגעבען, מען קען זאָגען, אפילו זעהר ריכטיג... (איהם איז עפּעס אַזוי ווי געווען אָנגענעהם איינצושטימען, אַז זעהר ריכטיג). דער אונטערשיד באַשטעהט נאָר דעריין, וואָס איך וויל גאָר ניט דורכאויס האָבען, אַז די אונגעוועהנליכע מענשען דאַרפען און מוזען אָהן תרוצים שטענדיג באַגעהן אַלערליי עולות, ווי איהר זאָגט — ביי מיר קומט אפילו אויס, אַז אַזאַ אַרטיקעל וואָלט מען גאָר ניט דורכגעלאָזט. איך האָב נאָר אָנגעוויזען אויבען־אויף, אַז דער „אונגעוועהנליכער" מענש האָט דאָס רעכט. דאָס הייסט ניט דאָס אָפיציעלע רעכט, נאָר ער האָט דאָס רעכט ערלויבען דעם געוויסען זיינעם, איבערצוטרעטען... איבער געוויסע שטערונגען, אָבער נאָר אין יענעם פאַל, אויב די פאַרווירקליכונג פון זיין אידעע (וואָס קען אפשר אַמאָל האָבען די גרעסטע באַדייטונג פאַר דער גאַנצער מענשהייט) וועט דאָס פאָדערען. איהר זאָגט, אַז מיין אַרטיקעל איז ניט קלאָר: איך בין גרייט איהם אייך צו ערקלעהרען. אויף ווי־

פיעל איך וועל עס פארמאגען. איך וועל אפשר קיין טעות ניט האבען, ווען איך וועל זאגען, אז דאס זיינט איהר, דאכט זיך, אויסען: ביטע, איך בין גרייט. לויט מיין מיינונג קומט אויס, אז ווען די ענטדעקונגען פון א קעפלער און פון א ניוטאן וואלטען געוויסע קאמבינאציעס פאר קיין פאל ניט געקענט אנדערש באוואוסט ווערען דער מענשהייט, סיידען ווען מען זאל דערביי אפפערן דאס לעבען פון איינעם, פון צעהן, פון הונדערט און אזוי ווייטער מענשען, וועלכי וואלטען געשטערט דער דאזיגער ענטדעקינג אדער זיי וואלטען זיך געשטעלט איהר אין וועג אלס א שטרויכלונג, וואלט ניוטאן געהאט דאס רעכט און וואלט זאגאר געווען פארפליכטעט... צו באזייטיגען די דאזיגע צעהן אדער הונדערט מענשען, כדי זיינע ענטדעקונגען זאלען באקאנט ווערען דער גאנצער מענשהייט. איבריגענס קען מען נאך דערפון ניט ארויסדרינגען, אז ניוטא' האט געהאט דאס רעכט צו טויטען וועמען ער האט נאר געוואלט, הרג'ענען דעם ערשטען בעסטען מענשען אדער אלע טאג גנב'ענען בייגעל אויפ'ן מארק. ווייטער, אויף וויפיעל איך געדענק, ענטוויקעל איך אין מיין ארטיקעל דעם געדאנק, אז אלע... נו, לאמיר אננעהמען, א שטייגער, די געזעצגעבער און פארזארגער פון דער מענשהייט, אנהויבענדיג פון די אוראלטע צייטען, די אלע ליקורגען, סאלאנען, מאחמעדען, נאפאלעאנען און אזוי ווייטער, זיינען אלע ביז איינעם געווען פארברעכער, שוין דערמיט אליין וואס ארויסגעבענדיג א ניי געזעץ, פלעגען זיי דורכדעם גופא ברעכען דאס אלטע געזעץ, וואס איז געווען הייליג ביי דער געזעלשאפט און האט געשטאמט פון די אבות: געוויס פלעגען זיי זיך שוין ניט אפשטעלען פאר בלוט אפילו, אויב דאס בלוט (וואס אפטמאל פלעגט דאס זיין אומשולדיג בלוט, העלדיש פארגאסען פאר דאס אלטע געזעץ). פלעגט זיי קענען העלפען. עס איז זאגאר צו באוואונדערען, אז די דאזיגע וואוילטוער און פארזארגער פון דער מענשהייט זיינען מייסטענטיילס געווען אונגעהויערע שרעקליכע בלוטפארגיסער. מיט איין ווארט, איך פיהר אויס, אז ניט נאר אלע גרויסע מענער, אבער אויך אפילו די וואס שטעהען בלויז עטוואס העכער פאר דעם מיטעלמעסיגען מענשען, דאס הייסט, די־יעניגע, וואס זיינען קוים־קוים פעהיג צו זאגען עפעס נייעס, מוזען שוין פון זייער נאטור אויס אונבאדינגט זיין פארברעכער, — מעהר אדער ווייניגער, פארשטעהט זיך. אניט איז זיי שווער זיך ארויסצוכאפען פון דער מיטעלמעסיגקייט.

בלייבען ווידער דארמי קענען זיי געווים ניט פועל'ן ביי זיך, אלץ טאקע מחמת זייער נאטור, און מיין מיינונג איז, אז ביי זיי טאר אפילו ניט רעכט זיין דארט צו פארבלייבען. מיט אייןווארט, איהר זעהט אליין, אז ביז אהער איז דא נישטא קיין שום באזונדערס נייעס. דאס איז שוין טויזענדערמאל געווען געדרוקט און געלעזען. און וואס עס אנבאלאנגט צו מיין איינטיילען די מענשען אין געוועהנליכע און אונגעוועהנליכע. בין איך מסכים, אז עס איז אביסעל אונבאגרינדעט, אבער איך גיב דאך ניט אן קיין גענויע ציפערן. איך גלויב בלויז אין מיין הויפט־געדאנק. ער באשטעהט אין דעם או די מענשען ווערען, ב כ ל ל. איינגעטיילט, לויט א געזעץ פון דער נאטור, אין צוויי קאטעגאריעס: די נידעריגע קאטעגאריע (די געוועהנליכע מענשען). דאס הייסט, אזוי צו זאגען, דער מאטעריאל, וואס דיענט נאר אויף ארויסצוגעבען נאך אזעלכע ווזענס, — און די קאטעגאריע פון די אמת'ע מענשען. דאס הייסט, די וועלכע האבען פעהיגקייטען אדער טאלאנט צו זאגען אין זייער סביבה א נ י י ע ס ו ו א ר ט. ס'פארשטעהט זיך. אז איינטיילונגען קענען דא זיין אהן א שיער. אבער די הויפט־סימנים פון ביידע קאטעגאריעס זענען גאנץ שארפע: די ערשטע קאטעגאריע, דאס הייסט, דער מאטעריאל איז, אין כלל גענומען. מענשען. וואס זענען פון דער נאטור אוים קאנסערוואטיוו, מיושב'דיג. זיי לעבען אין געהארכזאמקייט און האבען ליעב צו זיין געהארכזאם און מיין מיינונג איז, אז זיי דארפען טאקע זיין געהארכזאם, ווייל דערצו זענען זיי באשאפען געווארען און דערין שטעקט אבסאלוט גארניט אזוינס. וואס זאל זיי ערנידעריגערען פון דער צווייטער קאטעגאריע זענען אלע עובר אויף דעם געזעץ, — אדער זיי ברעכען איהם אדער זיי זענען גענייגט דערצו. — דאס ווענדט זיך שוין אן זייערע פעהיגקייטען. די פארברעכענס פון די דאזיגע מענשען זענען פארשטעהט זיך. ניט אבסאלוט און זעהר פארשידענארטיג: מעהרסטענסטיילס פאדערן זיי. אויף די פארשידענסטע אופנים. מען זאל צושטערען די געגענווארט צוליעב א גליקליכערער צוקונפט. נאר אויב ער דארף צוליעב דער אידעע איבערטרעטען אפילו איבער א טויטען קערפער, איבער בלוט, — מיין איך, אז ער קען, ביי זיך אין הארצען, ערלויבען זיין געוויסען איבערטרעטען אפילו איבער בלוט, — איבריגענס, ווענדט זיך עס אן דער אידעע און אן איהר באדייטונג. — דאס דארפט איהר האבען אין זינען. און נאר

דאס האב איך געמיינט צו זאגען אין מיין ארטיקעל וועגען דאס רעכט אויף פארברעכען. (דערמאנט זיך נאר — די פראגע האט זיך ביי אונז דאך אנגעהויבען פון דעם יורידישען שטאנדפונקט). איבריגענס, זעהר אומרוהיג זיין לוינט זיך ניט: די מאסע אנערקענט פאר זיי כמעט קיינמאל ניט דאס דאזיגע רעכט. — זי שטראפט זי און הענגט זיי (מעהר אדער ווייניגער) אין זי האט פאלקאם רעכט. ווייל דערמיט ערפילט זי איהר קאנסערוואטיווע מיסיאן: אבער דיזעלבע מאסע אין איהרע קומענדיגע דורות קניט זיך און בוקט זיך צו די דאזיגע געהאנגענע און פארגעטערט זיי (מעהר אדער ווייניגער). די ערשטע קאטעגאריע איז שטענדיג דער אויבערהאר פון דער געגענווארט. די צווייטע קאטעגאריע — דער אויבערהאר פון דער צוקונפט. די ערשטע באוואהרען די וועלט און פארמעהרען זי אין דער צאהל: די צווייטע טרייבען די וועלט פארווערטס און פיהרען זי צום ציעל. אי די ערשטע אי די צווייטע האבען פונקט דאס אייגענע רעכט צו עקזעסטירען. מיט אייןווארט, ביי מיר האבען אלע גאנץ גלייכע רעכט, און — זאל לעבען דער אייביגער קאמפף, — נאטירליך, ביז די גאולה וועט קו־מען!

— גלויבט איהר, הייסט עס, פארט אין דער גאולה?

— איך גלויב, — האט ראסקאלניקאוו פעסט געענטפערט: די גאנצע צייט, וואס ער האט געהאלטען די לאנגע דרשה, האט ער געקוקט צו דער ערד אראב, אין איין פינטעל. וואס ער האט אויס־געקליבען אוי'ן טעפיך.

— או—ו—ון אין גאט גלויבט איהר? ענטשולדיגט, וואס איך בין אזוי נייגעריג.

— איך גלויב, — האט ראסקאלניקאוו איבערגעחזר'ט, אויפ־הויבענדיג די אויגען אויף פארפירי'ן.

— או—ון אין לאזארס תחית־המתים*) גלויבט איהר?

— איך גלויב. וואס דארפט איהר עס אלץ וויסען?

—איהר גלויבט באמונה שלמה.

— באמונה שלמה.

— אזוי גאר... איך בין זיך גלאט אזוי גערן געוועזן צו וויסען. נעהמט ניט פאר אומגוט. נאר יא, ענטשולדיגט. — איך קעהר מיך

*) א באוואוסטער מופת, וואס קריסטוס האט באוויזען.

זוידער אום צו פריהערדיגע, — ניט שטענדיג הענגט מען דאָך זיי: פארקעהרט, אנדערע...

— טריאומפירען פיליכט ביים לעבען? יא, געוויס, אנדערע דערגרייכען ביים לעבען אויך, און דאמאלס...

— הויבען זיי אליין אָן צו הענגען?

— אויב עס איז נויטיג, און, איהר ווייסט, עס איז כמעט שטענדיג אזוי. אין אלגעמיין איז אייער באמערקונג זעהר שאַרפ־זיניג.

— איך דאנק. זאָגט מיר אָבער אָט וואס: מיט וואס זשע קען מען אונטערשיידען די דאָזיגע אונגעוועהנליכע פון די געוועהנליכע? האָבען זיי דען שוין פון געבאָרענס־טאָג אָן אזעלכע סימנים? איך מיינ דערמיט צו זאגען, אז דאָ האט געמוזט זיין אַ גרעסערע גענויקייט, און אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, מעהר אויסערליכע באשטימט־הייט: ענטשולדיגט אין מיר די נאטירליכע אומרוהיגקייט פון אַ פראקטישען מענשען, וואס איז ניט אויסען קיינע בייזע מחשבות.

— צי קען מען אָבער דאָ ניט איינפיהרען באזונדערע קליידער, אַ שטייגער, אדער באשטימען פאר זיי באזונדערע צייכענס, צי עפּעס אנדערש וואס?... ווייל, איהר מוזט דאָך מודה זיין, אויב עס זאָל פארקומען אַ טעות, און עמיצער פון איין קאטעגאריע וועט זיך אריינ־נעמען אין קאָפּ, אז ער געהערט צו דער אנ־ערער קאטעגאריע, און וועט אנהויבען צו „באפּיטיגען אלע שטיינער אין וועג",—ווי איהר האט זיך זעהר און זעהר טרעפענד אויסגעדריקט, — איז דאמאלס וועט דאָך...

— אָ, געוויס, דאס טרעפט זעהר אָפט! די דאָזיגע באמערקונג אייערע איז אפילו נאָך שארפזיניגער פאר דער פריהערדיגער...

— איך דאנק...

— ניטאָ פאַרוואס; אָבער איהר דארפט ניט פארגעסען, אז אַ טעות איז צו ערוואַרטען בלויז פון דער ערשטער קאטעגאריע'ס זייט, דאס הייסט פון די „געוועהנליכע" מענשען (ווי איך האָב זיי אפשר זעהר ניט־געלונגען אנגערופען). ניט קוקענדיג אויף זייער איינגעבאָ־רענע נייגונג צו געהארכזאמקייט האָבען איניגע פון זיי אַ טבע — אויס אַ געוויסען קאַפּריז פון דער נאטור, וואס אפילו אַ בהמה איז דערפון אויך ניט אויסגעשלאָסען — צו האלטען זיך פאר פארטגע־שריטענע מענשען, פאר „צושטערער" און צו קריכען אין „דאס נייע

ווארט". זיי מיינען דאס אפילו גאנץ אויפריכטיג. אין דערזעלבער צייט אבער באמערקען זיי זעהר אפט ניט די אמת'ע נייע: זיי פאראכטען זיי זאגאר, אלס אבגעשטאנענע מענשען, וואס טראגען זיך ארום מיט ערנידעריגענדע געדאנקען. אבער מיין מיינונג איז, אז דא קען ניט זיין קיין גרויסע געפאהר, ווייל זיי געהען קיינמאל ניט ווייט אוועק. נאטירליך, מעג מען זיי אמאל אבשמייסען אויך, זיי זאלען ניט זיין קיין יונגאטשעס און זאלען געדענקען ווער זיי זענען. אבער ניט מעהר: מען דארף אפילו דערצו קיין שמייסער ניט האבען, זיי וועלען זיך אליין אבשמייסען, ווייל זיי זענען זעהר ליטיש: אייניגע פון זיי וועלען איינער דעם צווייטען טאן די דאזיגע געפעליגקייט, און דער אנדערער טייל וועט עס אליין באזארגען, אייגענהענטיג... דערביי זענען זיי זיך מודה בפני כל אם ועדה, — עס קומט אוים שען און דער עולם נעהמט זיך דערפון א מוסר אראב: מיט איין ווארט, איהר האט זיך ניט וואס צו באאונרוהיגען... ס'איז פאראן אזא געזעץ.

—נו, ווענינגסטענס האט איהר מיך אביסעל בארוהיגט כאטש אין דעם פרט: אבער ס'איז דאך דא נאך א צרה: זאגט מיר, איך בעט אייך, איז עס פיעל פאראן אזעלכע מענשען, וועלכע האבען דאס רעכט צו קוילענען אנדערע, איך מיין, איז עס פיעל פאראן אט די דאזיגע „אונגעוועהנליכע"? נאטירליך, בין איך גרייט צו פאלען כורעים פאר זיי, דאך מוזט איהר אליין מודה זיין, מען קען זיך ניט פיהלען איבריגנס זיכער, אויב זיי זענען דא אין זעהר א גרויסער צאהל. וואס, אפשר ניט אזוי?

— א, דערין מעגט איהר אויך זיין זיכער. — האט ראסקאלניקאוו פארטגעזעצט מיט דעמזעלבען טאן. — אין אלגעמיין ווערען זעהר וועניג געבארען אזעלכע מענשען, וואס זאלען קומען מיט א נייעם געדאנק, אדער וואס זאלען כאטש אויף וויפיעל ניט איז פעהיג זיין צו זאגען כאטש עטוואס נייעס. — קען מען זאגען, אזוי וועניג, אז ס'איז פשוט ניט צום פארשטעהן. קלאר איז נאר איין זאך: די ארדנונג, לויט וועלכער עס ווערען געבארען די מענשען פון די דאזיגע קאטעגאריעס און אייגטיילונגען, איז געוויס זעהר ריכטיג און גענוי באשטימט פון א נאטור־געזעץ. נאטירליך איז דאס דאזיגע געזעץ נאך ניט באוואוסט. איך גלויב אבער, אז עס איז יא פאראן אזא געזעץ, און מיט דער צייט קען עס נאך אפשר ווערען ענטדעקט. די

אונגעהויערע מאסע מענשען, דער מאטעריאל, עקזיסטירט בלויז צוליעב דעם, כדי זי זאל כוף־כל־סוף, דורך עפעס א אנשטרענגונג, דורך עפעס א געהיימניספאלען פראצעס. וואס איז נאך עד־היום ניט באקאנט, דורך עפעס א אויסמישונג פין דורות און שטאמען, ארוים ברייינגען ענדליך אויף דער וועלט א כאטש אויף וויפיעל ניט איז זעלבסשטענדיגען מענשען, זאל זיין כאטש איינעם פין טויזענט. מיט נאך א ברייטערער זעלבסשטענדיגקייט ווערט אפשר געבארען איינער פון צעהן טויזענט (איך כאפ אייך עס מעהר ניט אן צום ביישפיעל, עס זאל אויסקומען פארשטענדליכער). מיט נאך א ברייטערער זעלבסשטענדיגקייט — איינער פון הונדערט טויזענט. געניאלע מענער — פין מיליאנען, און גרויסע גאונים, די שפיצען פון דער מענשהייט ווערען אפשר געבארען אין פארלויף פון פיעלע טויזענדער מיליאנען מענשען אויף דער ערד. מיט איין ווארט, אין דער רעטארטע, וואו דאס אלעס קומט פאר, האב איך ניט אריינגעקוקט. אבער א באשטימטעס געזעץ איז געוויס פאראן און מוז זיין: דא קען ניט הערשען דער צופאל.

— איהר טרייבט ביידע לצנות, צי וואס? — האט ראזומיכין ענדליך אויסגעשריען. — איהר ווילט אפנים איינער דעם אנדערן פארדרעהען דעם קאפ? האבען זיך צוזעצט און מאכען איינער פון דעם אנדערן חוזק! דו מיינסט עס ערנסט, ראדיא?

ראסקאלניקאוו האט אויף איהם שווייגענדיג אויפגעהויבען זיין בלאס, כמעט אומעטיג געזיכט און האט גארנישט געענטפערט. און ראזומיכינען איז עפעס אזוי מאדנע אויסגעקומען פארפירים ניט־פארבארגענע, קריכערישע, אויפרייצענדע און ניט־העפליכער סארקאזם נעבען דעם דאזיגען שטילען און אומעטיגען געזיכט!

— נו, ברודער־לעבען, אויב דו מיינסט עס טאקע ערנסט, איז... געוויס ביסטו גערעכט, ווען דו זאגסט, אז דאס איז ניט ניי און ענליך אויף אלעס, וואס מיר האבען טויזענט מאל געלייענט און געהערט: אבער אויף אנ׳אמת אריגינעל אין דעם אלעם, — וואס שטאמט טאקע פון דיר אליין, איז צו מיין שרעק, דאס, וואס דו ערלויבסט דאך פארט צו פארגיסען בלוט מיט א *רוהיגען געוויסען*, און, ענטשולדיג מיר, דערצו נאך מיט אזא מין ברען אפילו... אין דעם, הייסט עס, שטעקט דער הויפט־געדאנק פון דיין ארטיקעל. דאס ערלויבען פארגיסען בלוט מיט א רוהיגען געוויסען איז דאך, נאך

מיין מיינונג, שרעקליכער, ווי אנ'אפיציעלע ערלויבניש דערויף, ווי א געזעצליכע...

— זעהר ריכטיג, שרעקליכער, — האט זיך פארפירי אנגערופען.

— ניין, דו האסט זיך אפנים צו פיעל צוהיצט! דא איז פאר־האן א טעות, איך וועל איבערלייענען... דו האסט זיך צופיעל צו־היצט: דו קאנסט אזוי ניט טראכטען... איך וועל איבערלייענען.

— אין דעם ארטיקעל איז דאס גאר נישטא, דארט איז נאר א רמז דערויף, — האט ראסקאלניקאוו געזאגט.

—אזוי, הייסט עס, אזוי, — האט פארפירי ניט געקענט איינ־זיצען, — מיר איז שוין איצט כמעט ווי קלאר געווארען, ווי אזוי איהר קוקט אויף דאס פארברעכען, אבער... ענטשולדיגט מיר מיין צונעגעסענקייט (איך דול אייך שוין צופיעל דעם קאפ, ס'איז מיר אפילו אליין ניט אנגענעם!) — זעהט איהר: פריהער האט איהר מיך פאלקאם בארוהיגט בנוגע צו דעם, עס זאלען ניט פארקומען קיין טעות'ן און די ביידע קאטעגאריעס זאלען זיך ניט צונויפמישען. אבער... מיר באאונרוהיגען דא אלץ נאך פארשידענע פראקטישע פא־לען! נו, ווי איז למשל, אז איינער א מאן, אדער א אינגעל, וועט זיך אריינגעמען אין קאפ אריין, אז ער איז ליקורג אדער מאהאמער... — א קינפטיגער, פארשטעהט זיך, און וועט זיך א נעהם מאן צו באזייטיגען אלע שטיינער, וואס שטעהען איהם אין וועג... איהם שטעהט, הייסט עס, פאר א ווייטער מארש. מען דארף דערצו האבען געלט... נו, וועט ער זיך נעמען שאפען געלד דערצו... איהר פאר־שטעהט?

זאמעטאוו האט פלוצלונג אויסגעשאסען א געלעכטער פון זיין ווינקעל ארוים. ראסקאלניקאוו האט אויף איהם אפילו א קוק ניט גע־טאן.

— איך מוז מודה זיין, — האט ער רוהיג געענטפערט, — אז אזוינע פאלען דארפען באמת זיין. איבערהויפט פארפלאנטערן זיך אין דער דאזיגער נעץ נארישע מענשעלעך מיט פרעטענזיעס דערצו: און יונגעלייטלעך באזונדערס אפט.

— אט פארשטעהט איהר דאך אליין, הייסט עס. נו, אלזא, ווי זאל זיין?

— אזוי זאל זיין. — האט ראסקאלניקאוו א שמייכעל געטאן.

— ניט איך בין אין דעם שולדיג. אזוי איז עס און וועט שטענדיג זיין. אַט האַט ער (ער האַט אנגעוויזען מיט'ן קאָפּ אויף ראַזומיכינען) ערשט געזאָגט, אז איך ערלויב צו פארגיסען בלוט. בכן איז וואָס? די געזעלשאַפט איז דאָך גענוג פארזאָרגט מיט פארשיקונגען, טורמעס, געריכטס־אויספאָרשער, קאַטאָרגעס, — היינט וואָס זשע איז דאָ פּאַראַן זיך צו באַאונרוהיגען? טאָ זוכט דעם גנב!...

— נו, און אויב מיר'ן געפינען?

— איז סוף גנב לתליה.

— פונדעסטוועגען רעדט איהר זעהר לאָגיש. נו, און וואָס איז עפּעס מכח זיין געוויסען?

— וואָס געהט עס אייך אָן זיין געוויסען?

— ווי דען־זשע אנדערש: על פּי מענשליכקייט.

— ווער עס האָט דאָס, זאָל יענער ליידען. אויב ער וועט איינזעהן זיין טעות. דאָס איז טאַקע זיין שטראָף. — חוץ קאַטאָרגע.

— נו, און די אמת'ע גאונים, — האָט ראַזומיכין געפרעגט מיט אנגערוקטע ברעמען. — איך מיין די־יעניגע, וועלכע ס'איז געגעבען דאָס רעכט צו קוילענען מענשען, יענע הייסט עס, דארפען שוין גאָרניט ליידען, אפילו פאר דאָס בלוט, וואָס איז פארגאָסען געוואָרען?

— ווי קומט אהער דאָס וואָרט „ד אַ ר פ ע ן"? דאָ איז ניטאָ ניט קיין „מען מעג" ניט „קיין מען־טאָר־ניט". זאָל ער ליידען, אויב איהם טוט באַנג דער קרבן... ליידען און שמערצען זענען שטענדיג אַ מוז פאר אַ ברייטען מח און טיעפען הארץ. די אמת'ע גרויסע מענער, דאַכט זיך מיר, דארפען פיהלען אויף דער וועלט אַ גרויסען צער, — האָט ער פּלוצלונג צוגעגעבען פארטראכטערהייט. אפילו ניט אין טאָן פון שמועס.

ער האָט אייפגעהויבען די אויגען, האָט אַלעמען באטראכט מיט אַ טיעפען בליק, אַ שמייכעל געטאָן און זיך גענומען פאר דאָס היטעל. ער איז געווען צו רוהיג אין פארגלייך מיט דער שטימונג, אין וועלכער ער איז אריינגעקומען, און ער האָט עס געפיהלט. אלע האָבען זיך אויפגעשטעלט.

— נו, איהר מעגט מיך זידלען, אדער ניט זידלען, איהר מעגט זיין אין כעס, אדער ניט, דאָך קען איך מיך ניט איינהאלטען, — האָט פּאָרפירי פּעטראָוויטש ווידער געזאָגט, — ערלויבט מיר צו שטעלען אייך נאָך אַ קורצע פראגע (איך דול אייך שוין צופעיל אַ קאָפּ!)

בלויז א קליין אידעעלע האב איך געוואלט אייך ארויסזאגען, בלויז צוליעב דעם, איך זאל עס ניט פארגעסען...

— גוט, זאגט אייער אידעעלע, — איז ראסקאלניקאוו ערנסט און בלאס געשטאנען פאר איהם אין ערווארטונג.

— אט וואס אייגענטליך... כ'לעבען, איך ווייס ניט ווי אזוי איך זאל מיך בעסער אויסדריקען... דאס אידעעלע איז שוין צו פיקאנט... א פסיכאלאגישע... אט דאמאלס, ווען איהר האט פארפאסט אייער ארטיקעלע, קען דאך עס ניט זיין, העֶ—הע, איהר זאלט זיך אליין ניט האלטען, נו כאטש אויף איין האהרעלע, אויך פאר אנ'„אונגעוועהנליכען" מענשען, וועלכער זאגט א נ י י ע ס ו ו א ר ט. אזוי ווי איהר פארשטעהט עס, מיין איך... ס'איז דאך אזוי, איא?

— עס איז זעהר מעגליך, — האט ראסקאלניקאוו מיט פאראכטונג געענטפערט.

ראזומיכין האט געמאכט א באוועגונג.

— און אויב אזוי, איז עס דען מעגליך, איהר זאלט זיך אליין באשליסען, מחמת פארשידענע מאטעריעלע אורזאכען און סבות, אדער כדי צו העלפען ווי עס איז דער גאנצער מענשהייט, — איבערצוטרעטען איבער א שטיין אין וועג?... נו, צום ביישפיעל, הרג'ענען און בארויבען?...

און ער האט צו איהם עפעס אזוי ווי ווידער צוגעוואונקען מיט'ן לינקען אויג און זיך שטיל צולאכט, פונקט ווי פריהער, זאל פעהלען א האהר.

— ווען איך זאל אפילו געווען איבערטרעטען, וואלט איך שוין געווים ניט געזאגט, — האט איהם ראסקאלניקאוו געענטפערט מיט ארויספאדערנדער שטאלצער פאראכטונג.

— ניין, איך אינטערעסיר מיך גלאט אזוי, נאר צוליעב דעם אייגענטליך, איך זאל בעסער פארשטעהן אייער ארטיקעל. אין דער ליטעראַרישער הינזיכט בלויז.

„פוי, ווי אפען און ווי גראב!" האט ראסקאלניקאוו מיט עקעל א טראכט געטאן.

— ערלויבען זיי מיר צו מאכען אייך אויפמערקזאם, — האט ער טרוקען געענטפערט, — אז פאר א מאהאמעד אדער פאר א נאפאלעאן האלט איך מיך ניט... און בכלל פאר קיינעם ניט פון אזוינע גדולים, — און דאריבער איז זעלבסטפארשטענדליך, אז ניט זייענדיג

איינער פון זיי קען איך אייך ניט געבען קיין באַפרידיגענדע ערקלע־רונג, ווי אַזוי איך וואָלט געטאָן.

— אך, לאָזט צו רוה, ווער האַלט זיך ניט איצט ביי אונז אין רוסלאַנד פאַר אַ נאַפּאָלעאָן? — האָט פּאָרפירי פּלוצלונג אַ זאָג גע־טאָן מיט אַ שרעקליכער פאַמיליאַריטעט.

אפילו אין דער אינטאָנאַציע פון זיין שטים האָט דאָסמאָל גע־שטעקט עטוואָס שוין צו דייטליכס.

— צי האָט דאָ אפשר ניט אמאָל עפּעס אַ צוקינפטיגער נאַפּאָלעאָן אוועקגעלעגט פאַראַכטאָגען מיט אַ האַק אונזער אַלענאַ איוואַנאָווּנאַ'ן. — האָט זאַמעטאָוו פּלוצלונג אַ בראַך געטאָן פון זיין ווינקעל אַרויס.

— ראַסקאָלניקאָוו האָט געשוויגען און האָט שאַרף און פעסט געקוקט אויף פּאָרפירי'ן. ראַזומיכין האָט זיך בייז אנגעברוגז'ט. איהם האָט זיך שוין פריהער געגומען אַזוי ווי עפּעס דאַכטען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום מיט צאָרניגע בליקען. ס'איז אַריבער אַ מינוט פון אַ שווערען שטילשווייגען. ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך אומגעווענדט אוועקצוגעהן.

— איהר געהט שוין אוועק! — האָט פּאָרפירי ליעבליך אַרויס־געערדט און האָט איהם מיט אַנ'אויסערגעוועהנליכער העפליכקייט געגעבען די האַנט. — איך בין זעהר און זעהר צופרידען איבער אונזער באַקאַנטשאַפט. און וואָס אַנבעלאַנגט אייער ביטע, מעגט איהר זיין רוהיג. שרייבט טאַקע אַזוי אַז. אַזוי ווי איך האָב אייך געזאָגט. און די לייכסטע זאַך איז איהר זאָלט זיך צו מיר אַליין אַריינכאַפּען אהינצו... גיט זיך אַ סטאַרע די טעג... פון מיינטוועגען כאָטש מאָר־גען. איך וועל דאָרט זיין אַנ'ערך אַ זייגער עלף, באַשטימט. וועלען מיר עס אַלץ איינאָרדנען... מיר וועלען זיך דורכשמועסען... אויסער־דעם וואָלט איהר אונז אפשר געקענט אייך עפּעס דערצעהלען, אַלס איינער, וואָס איז ד אָ ר ט געווען פון די לעצטע... האָט ער צוגע־געבען מיט זעהר אַ נאַאיווער מינע.

— איהר ווילט מיך אפיציעל אויספרעגען, מיט אַלע פאָרמאַלי־טעטען? — האָט ראַסקאָלניקאָוו שאַרף געפרעגט.

— צוליעב וואָס דען? דערווייל איז עס גאָר ניט נויטיג. איהר האָט מיך ניט אַזוי פאַרשטאַנען. פאַרשטעהט איהר מיך, איך לאָז ניט דורך קיין געלעגענהייט און... און מיט אַלע משכנות־פאַרזעצער האָב איך שוין גערעדט... איינעגע האָב איך אויסגעפאַרשט ווי געהעריג איז...

און איהר, אלס דער לעצטער... יא, גוט וואס איך האב מיך דערמאנט!
— האט ער אויסגעשריען, גלייך ווי עפעס וואלט איהם פלוצלונג דערפרעהט. — גוט וואס איך האב מיך דערמאנט, ווי האב איך עס גאר געקענט פארגעסען!... האט ער זיך פלוצלונג א קער געטאן צו ראזומיכינען. — אט האסטו דאך מיר דאמלס דעם קאפ פארדרעהט מיט דעם ניקאלאשקען... נו, איך ווייס עס דאך אליין, איך ווייס עס דאך, — האט ער זיך געווענדט צו ראסקאלניקאוו'ן. — אז דער שייגעץ איז גאט די נשמה שולדיג, אבער דאך וואס קען מען העלפען. מען האט מיטקען אויך געמוזט מטריח זיין... אט ווענען וואס עס האנדעלט זיך דא, די עצם־זאך, הייסט עס: אראב פון געהענדיג דאמאלס די טרעפ... ענטשולדיגט, איהר זענט דאך דארט געווען אין דער אכטער שעה?

— אין דער אכטער, — האט ראסקאלניקאוו געענטפערט און אין דערזעלבער רגע איז אין איהם אויפגעשטיגען דאס אונאנגענעמע געפיהל, אז ער האט עס געמעגט ניט זאגען.

— אלזא געהענדיג אין דער אכטער שעה איבער די טרעפ, האט איהר אפשר ניט געזעהן אויפ'ן צווייטען שטאק, אין דער אפענער דירה — איהר געדענקט? — צוויי ארבייטער אדער כאטש איינעם פון זיי? זיי האבען דארט געפארבט, איהר האט ניט באמערקט? דאס איז זעהר, זעהר וויכטיג פאר זיי!....

— פארבער? ניין, ניט געזעהן... האט ראסקאלניקאוו לאנגזאם געענטפערט, גלייך ווי ער וואלט זיך אנשטרענגען צו דערמאנען זיך. און אין דעמזעלבען אויגענבליק האט ער זיך געמאטערט מיט זיין גאנצען וועזען און איז אבגעשטארבען פאר שרעק, וואס גיכער צו טרעפען, וואו וויל מען איהם דא ארייבפאקען אין זאק אריין, ער זאל זיך ניט אויסגליטשען איבער עפעס. — ניין, ניט געזעהן, און אפילו די דירה די אפענע האב איך עפעס אויך ניט באמערקט... זעהט זשע, אויף פערטען שטאק (ער האט שוין פאלקאם פארשטאנען, ווי אזוי מען וויל איהם ארייגפאקען און האט געלאכט פון זייער באבען) — געדענק איך יא, אז איינער א בעאמטער האט זיך ארויסגעצויגען פון דער דירה... געגענאיבער אלענא איוואנאוונא'ן... כ'געדענק... דאס געדענק איך אויף קלאר... סאלדאטען האבען עפעס א דיוואן ארויסגעטראגען און האבען מיך צוגעדריקט צו דער וואנט... און די פארבערס געדענק איך ניט... ניין, איך ווייס ניט, צו ס'זענען געווען פארבערס... און

קיין אָפענע דירה איז, דאַכט זיך, אויך אין ערגעץ ניט געווען. יאַ, ניט געווען...

— וואָס רעדסטו דאָס! — האָט ראַזומיכין פּלוצלונג אַ געשריי געגעבען, גלייך ווי ער וואָלט געקומען אין דעם טאָג, ווען די רציחה איז געשעהן, און ער איז דאָך דאָרט געווען מיט דריי טעג צוריק? היינט וואָס זשע פרעגסטו?

— פוי, ס'אַר אַ טעות! — האָט זיך פאַפירי אַ קלאַפּ געטאָן איבערן שטערן. — צום טייוועל זאָל עס געהן! איך ווייס שוין אליין ניט, וואָס מיט מיר טוט זיך אין דעם דאָזיגען מאָרד! — האָט ער זיך געווענדעט צו ראַסקאָלניקאָוו'ן, גלייך ווי ער וואָלט בעטען אום ענטשולדיגונג. — פאַר אונז איז עס דאָך אַזוי וויכטיג צו דערגעהן, צי האָט זיי עמיצער געזעהן, אין דער אַכטער שעה, אין דער דירה, אז מיר האָט זיך זאַגאָר פאָרגעשטעלט נאָר־וואָס, אז איהר וואָלט אונז אויך עפּעס געקענט זאָגען... אַזאַ מין טעות!

— דאַרף מען ווייטער זיין אויפמערקזאַם, —האָט ראַסקאָלניקאָוו מיט רוגזה געזאָגט.

די לעצטע ווערטער זענען שוין גערעדט געוואָרען אין פאָדער־הויז. פאָרפירי פעטראָוויטש האָט זיי באַגלייט ביז צום טיר מיט אַ מאָדנער העפליכקייט.ביידע זענען זיי אַרויס טריב און נידערגע־שלאָגען אויפ'ן גאַס און עטליכע טריט האָבען זיי אַ וואָרט ניט גערעדט. ראַסקאָלניקאָוו האָט טיעף אָבגעזיפצט...

זעקסטער קאַפּיטעל.

—...איך גלויב ניט! איך קען ניט גלויבען! — האָט דער באַ־שטירצטער ראַזומיכין איבערגעחזר'ט, זיך מאַטערנדיג מיט אַלע כחות אָבצולייקענען ראַסקאָלניקאָווס ראיות.

זיי זענען שוין צוגעקומען צו באַקאַלייעווס נומערן, וואו פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ און דוניאַ האָבען שוין לאַנג אויף זיי געוואַרט. ראַזומיכין האָט זיך אין וועג אַלע ווײַלע אָבגעשטעלט, אי־בעררעדט פון שמועס, פאַרלאָרען און אויפגערעגט שוין דערמיט אַליין, וואָס זיי האָבען וועגען דעם צום ערשטען מאָל דייטליך גענומען ריי־דען.

— גלויב ניט. — האָט ראַסקאָלניקאָוו געענטפערט מיט אַ קאַל־

טען גלייכגילטיגען שמייכעל. — דו האסט קיין זאך ניט באמערקט. ווי דיין שטייגער איז. איך האב אבער געוואויגען איטליכם ווארט.

— דיר דאכטען זיך אלץ ווילדע זאכען, דעריבער האסטו גע־וואויגען... הב... איך בין ווירקליך מסכים, פארפירים טאן איז געווען א גאנץ מאדנער. און איבערהויפט דער דאזיגער כלב זאמעטאוו!... דו האסט רעכט. עפעס האט אין איהם יא געשטעקט: פארוואס אבער. פארוואס?

— איבער נאכט האט ער איבערגעטראכט.

— ניין אבער. גאר פארקעהרט, גאר פארקעהרט! ווען זיי זאלען געווען האבען אזא ווילדען געדאנק, וואלטען זיי מיט אלע קרעפטען געזעהן איהם צו פארבארגען און צו באהאלטען זייערע קארטען, כדי שפעטער אריינצוכאפען... איצט אבער איז עס געווען גראב און ניט־פארזיכטיג!

— ווען זיי זאלען געווען האבען פאקטען. דאס הייסט אמת'ע פאקטען, אדער כאטש אויף וויפיעל ניט איז א ממשות'דיגען חשד, דאן וואלטען זיי ווירקליך געזעהן צו באהאלטען די קארטען, אין דער האפנונג נאך מעהר אויסצושפילען (איבעריגענס וואלטען זיי שוין לאנג געמאכט א רעוויזיע!) זיי האבען אבער ניט קיין פאקטען. קיין איינעם ניט אפילו. — אלץ איז א מיראזש, א שטעקען מיט צוויי עקען, ניט מעהר ווי א פאנטאזיע. — ווילען זיי מיך אויסגליטשען דורך חוצפה. און אפשר איז ער אליין בייז געווארען, וואס ס'איז ניט־א קיין פאקטען, און פאר פארדרוס האט עס זיך אויסגערעדט. און אפשר האט ער עפעס א מיין דערביי... ער איז, דאכט זיך, ניט קיין נאר... אפשר האט ער מיך געוואלט אנשרעקען דערמיט, אז ער וויים... דא איז, ברודער־לעבען, פאראן א באזונדערע פסיכאלאגיע... איב־ריגענס איז עס עקעלהאפט אלץ צו ערקלערען. לאז צופרידען!

— און ס'איז א באליידיגונג, א באליידיגונג! איך פארשטעה דיך! נאר... אזוי ווי מיר האבען שוין ענדליך גענומען ריידען אפען (עס פרעהט מיך!) מוז איך דיר איצט גלייך מודה זיין, אז איך האב עס שוין לאנג אין זיי באמערקט, דעם דאזיגען געדאנק, די גאנצע צייט. פארשטעהט זיך, ניט מעהר ווי אייז הארעלע, טאקע נאר אויפ'ן שפיץ מעסער, אבער וואס עפעס אפילו אויפ'ן שפיץ מעסער! ווי האבען זיי די העזה! וואו, וואו זענען דאס פארבארגען די דאזיגע ווארצלען? ווען דו וואלסט געוואוסט, ווי איך האב זיך געקאכט פאר

רציחה! סטייטש: צוליעב דעם, וואָס אַנ'אָרימער סטודענט, צודרעהט פון אָרימקייט פון מרה־שחורה, אַ קאַנדידאַט אויף אַ שווערען חולה, וואָס רעדט פון היץ און וועלכער איז שוין קראַנק (באַמערק נאָר!), וואָס איז אַלעס אין אַלעמען חושד, אַ שטאָלצער, וואָס ווייס זיך ניט לאָזען שפּייען אין דער קאַשע אַריין און וועלכער האָט זעקס מאָנאַטען אַ נפש ניט אָנגעזעהן אין זייז לאָך, אָנגעקליידט אין שמאַטעס, אין שטיוועל, וואָס בעטען עסען. — שטעהט פאָר מיואַסע פּאָליציאַנטען און דאַרף אַריבערטראָגען זייער איזדעקעוועז זיך: און דערצו נאָך איז אונטערן נאָך אַנ'אומגעריכטער חוב, אַנ'אויסגעגאַנגענער וועקסעל מיט אַ „נאַדוואָרני סאָוועטניק" אַשעבאָראָוו: פאַרדומפּענע פאַרב, דרייסיג גראַד היץ; פאַרשטיקטע לופט, אַ קופּע מענשען, אַנ'דערצעהלונג וועגען דעם מאָרד פון אַ פּערזאָן, ביי וועלכען דו ביסט מיט אַ טאָג פריהער געווען, און דאָס אַלץ — אויף אַ הונגעריגען מאָגען! היינט ווי זשע זאָל מען דאָ ניט פאַלען אין חלשות! און אויף דעם, ניט מעהר ווי אויף דעם אַלץ בויען! צו אַלדי טייוועל! איך פאַרשטעה, אַז ס'פאַרדריסט, אָבער אויף דיין אָרט, ראָדקאַ, וואָלט איך זיך אויסגעלאַכט פאָר זיי אין די אויגען, אָדער נאָך בעסער: איך וואָלט זיי אָנגעשפּייט אין זייער טרפה'נעם פּנים אַריין. אָבער כּבבעי, איך וואָלט זיי איינגעטיילט אַ פּאָר צעהנדליג פּלאַם־פייערדיגע פּעטש, ווי זיי פאַרדינען עס שטענדיג, און דערמיט וואָלט איך אַנ'עק געמאַכט. שפּיי זיך אויס! פּאַס זיך מוט! ס'איז צו שעמען זיך!

„ער האָט עס פונדעסטוועגען ניט שלעכט געגעבען צו פאַרשטעהן", האָט ראַסקאָלניקאָוו אַ טראַכט געטאָן.

— שפּיי זיך אויס? און מאָרגען איז ווידער אַנ'אויספאָרשונג! — האָט ער פאַרביטערט אַרויסגערעדט. — שוין־זשע זאָל איך מיך אַריינלאָזען מיט זיי אין חקירות? מיר פאַרדריסט שוין דאָס אויך, וואָס איך האָב מיך נעכטען אין שיינק געשטעלט אויף איין ברעטעל מיט זאַמעטאָוו'ן...

— צו אַלדי טייוועל! איך געה אַליין צו פּאָרפירי'ן! איך וועל איהם שוין אַ נעהם טאָן אויפ'ן צימבעל, ווי אַ קרוב: זאָל ער מיר אַרויסלעגען אַלץ מיט'ן שורש! און זאַמעטאָוו'ן וועל איך שוין...

„זיך ערשט אַרומגעזעהן!" האָט ראַסקאָלניקאָוו אַ טראַכט געטאָן.

— האר צו! — האט ראזומיכין אויסגעשריען און איהם פלוצלונג א כאפ געטאן פאר'ן אקסעל. — האר צו! דו זאגסט ליגען! איך האב מיך באטראכט: דו זאגסט ליגען! נו, וואס איז דאס פאר א הינטער־פיסעל? דו זאגסט, אז די פראגע וועגען די ארבייטער איז געווען א הינטערפיסעל? זאג אליין: נו, ווען דו זאלסט דאס געווען אבגע־טאן, וואלסטו זיך דען געקענט אויסריידען, אז דו האסט געזעהן, ווי מען האט געמאלט די דירה... און די ארבייטער? פארקעהרט: „כ'האב גארנישט געזעהן!" ווען דו וואלסט אפילו יא געזעהן! ווער זשע וועט זאגען עדות נעגען זיך אליין?

— ווען איך וואלט אבגעטאן יענע זאך, וואלט איך שוין גע־ווים געזאגט, אז איך האב געזעהן אי די ארבייטער אי די דירה, — האט ראסקאלניקאוו ניט־גערן געענטפערט, מיט א דייטליכען אויס־דרוק פון עקעל.

— נאר וואס זשע זאל מען עדות זאגען געגען זיך?

— דערפאר, ווייל נאר פויערים אדער שוין די סאמע ניט־ער־פארענע יאלדען לייקענען אויף די אויפארשונגען אב אלץ מיט איינ־אנדער. בער א מענש, וואס איז כאטש עטוואס ענטוויקעלט און גע־ניט, סטארעט זיך דורכאויס, ווי ווייט מעגליך, זיך מודה צו זיין אין אלע אויסערליכע פאקטען, וואס מען קען ניט אבלייקענען, מעהר ניט, ער זוכט פאר זיי אוים אנדערע אורזאכען, דרעהט אריין עפעס אנ'־אייגענע מעשה, גאר א נייע און א אומגעריכטע, און זי גיט די פאק־טען גאר אנ'אנדער באדייטונג. פארפירי האט געווים געקענט רעכע־נען, אז איך וועל דורכאויס אזוי ענטפערן און וועל דורכאויס זאגען, אז איך האב געזעהן, עס זאל מעהר זיי עהנליך אויף די ווארהייט, און דערביי וועל איך זעהן עפעס אריינדרעהען אנ'ערקלערונג...

— ער וואלט דאך דיר אבער גלייך טאקע געזאגט, אז מיט צוויי טעג צוריק האבען דארט די ארבייטער גאר ניט געקענט זיין, אלזא, הייסט עס, ביסט טאקע געווען אין דעמזעלבען טאג, ווען די רציחה איז געשעהן, אין דער אכטער שעה. אויף א קלייניגקייט וואלט ער דיך געפאקט.

—אט דערויף טאקע האט ער ארויסגעקוקט, אז איך וועל מיך ניט כאפען און וועל איהם גלייך ענטפערן, עס זאל אויסקומען וואס ווארהאפטיגער, און דערווייל וועל איך פארגעסען, אז קיין ארבייטער האט גאר ניט געקענט זיין.

— ווי קען מען עס דען פאַרגעסען.

— ס'איז ניט קיין לייכטערע זאַך! אַט אויף אַזעלכע פּוסטע נאַרישקייטען גליטשען זיך איבערהויפּט אויס די סאַמע שאַרפע חכמים. יואַס דער מענש איז מעהר חכם, אַלץ ווייניגער איז ער חושד, אַז מען וועט איהם פּאַקען אין אַ קליינינקייט. דעם גרעסטען חכם דאַרף מען טאַקע שטענדיג אויסגליטשען אויף דער קלענסטער נאַריש־קייט. פּאָרפירי איז גאָר ניט אַזאַ נאַר, ווי דו מיינסט...

—אויב אַזוי, איז ער דאָך אַ מיאוסער מענש!

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון געלעכטער. אָבער אין דערזעלבער רגע איז איהם אויסגעקומען מאָדנע זיין אייגענע באַגייסטערונג און דער חשק, מיט וועלכע ער האָט אַרויסגערעדט די לעצטע ערקלערונג, אין דער צייט ווען דעם פריהערדיגען שמועס האָט ער אונטערגעהאַלטען מיט אַ בייזען עקעל, אַפּנים צוליעב עפּעס אַ מיין, צוליעב אַ מוז.

„איך האָב שוין, ברוך־השם, אויך אַז צו פיהלען אַ טעם אין אייניגע פונקטען!" האָט ער פאַר זיך אַ טראַכט געטאָן.

נאָר אין דערזעלבער רגע איז ער פּלוצלונג געוואָרען עפּעס אַזוי ווי צוטראָגען, גלייך ווי איבערראַשט פון אַ פּלוצליכען און אומרוהיגען געדאַנק. זיין אומרוהיגקייט איז געוואַקסען. זיי זענען שוין געווען ביים אַריינגאַנג אין באַקאַלייעווס הויז אַריין.

— געה אַליין אַריין, — האָט ראַסקאָלניקאָוו פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן, — איך וועל גלייך אונטערקומען.

— וואוהין געהסטו? מיר זענען שוין דאָך געקומען!

— איך דאַרף האָבען, איך דאַרף: אַ געשעפט... איך וועל קומען אין אַ האַלבע שעה ארום... זאָג דאָרט אָן.

— מעגסט זיך זאָגען וואָס דו ווילסט. איך וועל אויך געהן מיט דיר!

— אַלזאָ, הייסט עס, ווילסטו אויך דערגעהן מיר די יאָהרען!

— האָט ער אויסגעשריען מיט אַזאַ פאַרביטערטער אויפגערייצטקייט, מיט אַזאַ פאַרצווייפלונג אין בליק, אַז ביי ראַזומיכינען האָבען זיך די הענט אַראָבגעלאָזט. אַ ווייַלע איז ער געשטאַנען אויפ'ן גאַניק און האָט אָנגערוקט געקוקט, ווי יענער האָט שנעל געשפּאַנט צו זיין געז־סעל צו. ענדליך האָט ער מיט צונויפגעדריקטע ציינער און צונויפגע־ראַלטע פויסטען פאַרשוואָרען זיך, אַז ער וועט היינט אָבשפּילען

פארפירי׳ן אזא בייזע חתונה. אז יענער וועט שוין פארזאגען א צעהנטען, און האט גענומען שטייגען אויף די טרעפ ארויף צו בארוהיגען פולכעריא אלעקסאנדראוונא׳ן. וועלכע האט שוין ניט געוואוסט וואס איבערציקלערען, זעהענדיג, אז זיי זענען אזוי לאנג נאך ניטא.

אז ראסקאלניקאוו איז צוגעקומען צו זיין הויז. — זענען איהם די שליפען געוועזן נאס פון שווייס און ער האט שווער געאטעמט. אייליגדיג האט ער גענומען שטייגען אויף די טרעפ ארויף. איז אריין אין זיין ניט־פארשלאסען צימערל און האט זיך גלייך פארשפארט אויפ׳ן פאררוקער. דערנאך האט ער זיך צושראקען און וואהנזיניג א לאז געטאן צום ווינקעל, צו דעמזעלבען לאך אין די טאפעטען, וואו ער האט דאמאלס בעהאלטען די זאכען, האט אהין אריינגעשטעקט די האנט און איניגע מינוט געשארט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט אין לאך, באטראכטענדיג יעטוועדער ווינקעלע און יעטוועדער קנייטשעלע אין די טאפעטען. גארניט געפינען. איז ער אויפגעשטאנען און האט טיעף אבגעאטעמט. ווען ער איז פריהער נאך צוגעקומען צו באקאלייעווס גאניק, איז איהם פלוצלונג איינגעפאלען, אז א וועלכע ניט איז זאך, עפעס א קייטעלע, א קנעפעלע, אדער אפילו א פאפירעלע, אין וועלכע זיי זענען דאן געוועזן איינגעוויקעלט, פארשריבען מיט דער אלטערס האנט, האט ווי עס איז געקענט דאן פארקייקלען זיך און בלייבען פארשטעקט ערגעץ אין א שפעלטעלע, איז דערנאך פלוצלינג ארויסטרעטען פאר איהם אלס אן׳אומגעריכטער באוויז געגען איהם, וועלכען מען וועט שוין ניט קענען אבלייקענען.

ער איז געשטאנען עפעס ווי פארטראכט. אוי א מאדנער, דערשלאגענער, האלב־באוואוסטזיניגער שמייכעל האט געבלאנדזשעט אויף זיינע ליפען. ענדליך האט ער גענומען דאס היטעל און איז שטיל ארויס פון צימער. די געדאנקען האבען זיך איהם געפלאנטערט. פארטראכטערהייט איז ער אראב אין בראם.

— שא, אט זענען זיי אליין! — האט א רויהע שטים אויסגעשריען.

ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ.

דער סטרוזש איז געשטאנען ביי דער טיר פון זיין חורבה׳לע און האט גלייך אנגעוויזען אויף איהם עפעס איינעם א מענשען. ניט קיין הויכען, וועלכען האט אויסגעזעהן ווי א פאניע, און איז געווען אנגעטאן אין עפעס א מין כאלאט, אין א זשילעט און איז פון דער־

ווייטענס זעהר עהנליך געווען אויף אַנ'אַלטע פרוי. זיין קאָפּ, אין א פארשמאַלצענעם הי‏טעל, איז געזונקען דערנידער, און אינגאַנצען אַזוי ער עפּעס געווען ווי איינגעהויקערט. דאָס צובאַבעטע, צוקנייטשטע פּנים זיינס האָט עדות געזאָגט, אַז איהם איז שוין אריבער פופציג: די קליינינקע, פארשוואָומענע אויגלעך האָבען געקוקט רוגזה'דיג, שטרענג און ניט־צופרידען.

— וואָס איז אַזוינס? — האָט ראַסקאָלניקאָוו געפרעגט, צוגע־הענדיג צום סטרוזש.

דער פּאַניע האָט אויף איהם אויסגעדרעהט די אויגען פון הינ־טער די ברעמען און האָט איהם באַטראַכט מיט דורכדרינגענדע און אויפמערקזאַמע בליקען, ניט געאיילט; דערנאָך האָט ער זיך לאַנג־זאָם אומגעווענדט און איז ארויס פון טויער אויף'ן גאַס, א וואָרט ניט צו ריידען.

— אבער וואָס איז עס אַזוינס! — האָט ראַסקאָלניקאָוו אויס־געשריען.

— אייך האָט דאָ עמיצער געפרעגט: צי וואוינט דאָ א סטו־דענט? האָט אַנגערופען אייער נאָמען און ביי וועמען איהר וואוינט. זענט איהר נראָד אַנגעקומען, האָב איך איהם אַנגעוויזען, נעהמט ער און געהט גאָר אַוועק, וואָס ס'קען טרעפען!

דער סטרוזש איז אויך געווען אין א געוויסער פארלעגענהייט, איבריגענס, ניט זעהר קיין גרויסער, און זיך באַקלערט נאָך א קליינע ווייל, האָט ער זיך אַבגעקעהרט און האָט זיך ווידער פארקליבען אין זיין חורבה'לע.

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך גלייך א לאָז געטאָן נאָך דעם פּאַניע און האָט איהם באַלד דערזעהן געהן אויף דער אַנדער זייט גאַס מיט דיזעלבע געלאַסענע און ניט־געאיילטע טריט, די אייגען איינגעגראָבען אין דער ערד און אַזוי ווי עפּעס באַטראַכטענדיג. ער האָט איהם באַלד אַנגעיאָגט, נאָר א ווייל איז ער איהם נאָכגעגאַנגען פון הינטען; ענדליך האָט ער איהם אריבערגעיאָגט און איהם ארייַנגעקוקט פון דער זייט אין פּנים אריין. יענער האָט איהם גלייך באַמערקט, איהם שנעל באַטראַכט, נאָר באַלד האָט ער ווידער אַראָבגעלאָזט די אויגען, און אַזוי זענען זיי געגאַנגען ביי א מינוט, איינער נעבען דעם אַנדערן, א וואָרט ניט צו ריידען

— איהר האָט מיך געפרעגט... ביים סטרוזש? — האָט ראַס־

קאלניקאוו ענדליך ארויסגערעדט, אבער עפּעס זעהר ניט־הויך.

דער פּאניע האט א ווארט ניט געענטפערט און האט אפילו א קוק נים געגעבען. ס'איז ווידער אריבער א שטילשווייגעניש.

— וואס טוט זיך דא מיט אייך... קומט נאכפרעגען... און שווייגט... וואס זאל עס באדייטען?

ראסקאלניקאוו שטים האט זיך איבערגעריסען און די ווערטער האבען עפּעס אזוי ווי ניט געוואלט זיך דייטליך ארויסזאגען.

דער פּאניע האט דאמאלס אויפגעהויבען די אויגען און האט מיט א גרויזאמען דונקעלען בליק א קוק געטאן אויף ראסקאלניקאוו'ן.

— רוצח! — האט ער פּלוצלונג ארויסגערעדט מיט א שטילער, אבער קלארער און דייטליכער שטים.

ראסקאלניקאוו איז געגאנגען נעבען איהם. די פיס האבען איהם מיט אמאל אבגעחלש'ט. איבערן רוקען איז איהם דורך א קעלט. און דאס הארץ איז אויף א רגע אזוי ווי אבגעשטארבען: דערנאך האט עס גענומען קלאפּען. גלייך ווי עס האט זיך פון קייט אבגעריסען. אזוי זענען זיי דורך אקעגען הונדערט טריט. איינער נעבען דעם אנ־דערן. און ווידער אין טיעפען שווייגען.

דער פּאניע האט אויף איהם ניט געקוקט.

—וואס רעדט איהר דאס... וואס... ווער איז א מערדער? — האט ראסקאלניקאוו שטיל ארויסגעשטאמעלט, קוים מיט'ן אויער צו כאפּען.

— ד ו ביסט א רוצח — האט יענער ארויסגערעדט נאך דייט־ליכער און זיכערער אין גלייך ווי מיט א שמייכעל פון עפּעס א פיינדליכען נצחון. ער האט דערביי ווידער טיעף אריינגעקוקט אין ראסקאלניקאווס בלאס געזיכט אריין און אין זיינע אבגעשטארבענע אויגען.

ביידע זענען זיי איצט צוגעקומען צו א ראג. דער פּאניע האט זיך פארנומען אין דער גאס לינקס און האט זיך געלאזט געהן, ניט אבקערענדיג דעם קאפּ. ראסקאלניקאוו איז געבליבען שטעהן אויפ'ן ארט און אבגעגאנגען ביי א פופציג טריט. האט זיך אבגעקעהרט און אויף איהם א קוק געגעבען: ער איז נאך אלץ געשטאנען אונ־באיועגליך אייף דעמזעלבען ארט. קלאר האט מען נים געקענט זעהן. ראסקאלניקאוו'ן האט זיך אבער אויסגעוויזען. אז יענער האט אויך

דאסמאל א שמייכעל געטאן מיט זיין קאלטע, פיינדליכע און טריי־אומפירענדע; שמייכעל.

מיט שטילע, אבגעשוואכטע טריט, מיט ציטערנדע קניה און עפעס אזוי ווי שרעקליך דערפראָרענ, האט זיך ראסקאלניקאוו ווידער צוריקגעקעהרט אין זיין וויסט צימערל אריין. ער האט אויסגעטאן און אוועקגעלייגט דאס היטעל אויפ'ן טיש און א מינוט צעהן איז ער געשטאנען דערנעבען, זיך ניט א ריהר צו געבען. דערנאך האט ער זיך מאַכטלאז אוועקגעלעגט אויפ'ן דיוואן און האט זיך מיט א וועהטאג, מיט א שוואכען קרעכץ, אויסגעצויגען אויף איהם; די אויגען זענען איהם געווען געשלאסען. אזוי איז ער אבגעלעגען אקעגען א האלבע שעה.

ער האט וועגען קיין זאך ניט געטראכט. אזוי זיך, ס'זענען געווען עפעס געדאנקען אדער שטיקלעך פון געדאנקען, עפעס אזעלכע פאר־שטעלונגען, אהן א סדר און אהן א צוזאמענהאנג, — געזיכטער פון מענשען, וועלכע ער האט געזעהן נאך קינדווייז, אדער ער האט זיי ערגעץ־וואו באגעגענט ניט מעהר ווי איין מאל און ער וואלט זיך אין זיי קיינמאל ניט דערמאנט; דער גלאקען־טורם פון וו—ער קלויסטער; א ביליארד אין א רעסטאראן און אנ'אפיצער בייב ביליארד; א ריח פון ציגארען; א טאבאק־קלייטעל אין א קעלער, א שיינקעל מיט, הינטערטרעפ, שטאק פינסטערע, איינגאנצען פארגאסט מיט שמוץ און פארשאטען מיט אייער־שאלעכטס; פון ערגעץ־וואו האט זיך געלאזט הערען א זונטאגדיגע געקלינגעריי פון גלאקען... די בילדער האבען זיך געטוישט און געדרעהט ווי א וויכער. אייניגע זענען איהם זאגאר גע־ווען געפעלען. אין ער פלעגט פעסט זיך אנקלאמערן אן זיי, זיי פלע־גען זיך אבער אויסלעשען, און ס'האט איהם גלאט עפעס געדריקט אינוועניג. דאך אבער ניט זעהר. ווייל ענוווייז איז איהם אפילו ניט גוט געווען... דער לייכטער פראסטיגער שווידער האט נאך אלץ ניט אויפגעהערט און דאס איז אויך געווען כמעט א גוטעס געפיהל.

ער האט דערהערט ראזומיכינס געאיילטע טריט און זיין שטים. האט ער געשלאסען די אויגען און זיך געמאכט, אז ער שלאפט. ראזו־מיכין האט געעפענט די טיר און איז א ווילע געשטאנען אויף דער שוועל, גלייך ווי ער האט זיך מישב געווען, דערנאך איז ער שטיל אריין אין צימער און איז פארזיכטיג צוגעגאנגען צום דיוואן. עס האט זיך דערהערט נאסטאסיעס געמורמעל:

— ניט מאד קיין גערודער! לאז ער זיך אויסשלאפען: ער וועט שפעטער עסען.

— טאקע אזוי, — האט ראזומיכין געענטפערט.

ביידע זענען פארזיכטיג ארוים און צוגעמאכט די טיר. ס'איז אריבער נאך א האלבע שעה. ראסקאלניקאוו האט געעפענט די אויגען און איז ווידער א פאל געטאן אנידער מיט'ן פנים אראב, די הענט פארבראכען איבער'ן קאפ...

„ווער איז ער? ווער איז ער, דער דאזיגער מענש, וואס איז ארוים פון דער ערד? וואו איז ער געווען און וואס האט ער געזעהן? ער האט אלץ געזעהן. דאס איז אהן א ספק. וואו זשע איז ער דאן גע־שטאנען און פון וואנען האט ער ארויסגעקוקט? פארוואס געהט ער ערשט איצט ארוים פון אונטער דער ערד? און ווי אזוי האט ער עס געקענט זעהן. — איז עס דען מעגליך?... הב!... האט ראסקאל־ניקאוו פארטגעזעצט, שיידערנדיג פאר קעלט, — און דאס שיידעל וואס ניקאלאי האט געפונען הינטער דער טיר: איז עס דען אויך מעגליך? פאקטען. דו וועסט פארזעהן א קליין פינטעלע, — אהא, ס'איז דערפון אויסגעוואקסען א באוויז גענען דיר די גרוים ווי אג־עגיפטישע פיראמידע! א פליג איז געפלויגען, האט זי געזעהן! איז עס דען מעגליך?"

און ער האט פלוצלונג מיט עקעל דערפהילט, ווי ער איז אבגע־שוואכט געווארען, פיזיש אבגעשוואכט געווארען.

„איך האב עס געדארפט וויסען, — האט ער געטראכט מיט א ביטערן שמייכעל, — און ווי אזוי האב איך עס געוואגט, קענענדיג זיך, פיהלענדיג פאראויס ווער איך בין, — ווי אזוי האב איך עס געוואגט זיך צו נעמען פאר א האק און שמירען זיך אין בלוט. איך האב עס געדארפט אפריהער וויסען... עהע, איך האב עס דאך טאקע פריהער אויך געוואוסט!..." האט ער פארצווייפעלט ארויסגעפלים־טערט.

וויילענווייז פלעגט ער בלייבען שטאר און אונבעוועגליך פאר א וועלכען געדאנק.

„ניין, יענע מענשען זענען ניט אזוי געמאכט: דער אמת'ער ה ע ר ש ע ר, וועמען ס'איז אלעם ערלויבט, צושיסט מיט הארמא־טען טאלען, מאכט א בלוטבאד אין פאריז, פ א ר ג ע ס ט די ארמעע אין עגיפטען, פ ט ר ' ט א האלב מיליאן מענשען אין דעם

מאָסקווער מאַרש און דרעהט זיך אַרויס מיט אַ גלייכווערטעל אין ווילנא: און נאָכ'ן טויט שטעלט מען דעמזעלבען אַבגעטער, — אַלזאָ, הייסט עס, איז איהם אַ ל ע ס ערלויבט. ניין, אַזוינע מענשען זענען אַפּנים ניט פון פלייש, נאָר פון בראָנזע!"

אַ אומגעריכטער, זייטיגער געדאַנק האָט איהם פּלוצלונג שיער ניט געמאַכט לאַכען.

„נאַפּאָלעאָן, פּיראַמידען, וואַטערלאָאָ, — און אַ דאַרינקע העס־ליכע רעגיסטראַטאָרען, אַ מיאוסע אַלטע פּראַצענטניצע, מיט אַ רויטען רענצעל אונטערן בעט, — נו, ווי אַזוי זאָל עס אין דער אמת'ן פאַר־דייען אַזאַ מין פּאָרפירי פּעטראָוויטש... ווי קומען זיי דאָס צו פאַר־דייען!... די עסטעטיק וועט ניט דערלאָזען: „וועט דען נאַפּאָלעאָן נעהמען קריכען אונטערן בעט צו אַ מיאוסער אַלטער!" עה, צום טייוועל!..."

מינוטענווייז האָט ער געפיהלט, גלייך ווי ער רעדט פון היץ: ער פלעגט אַריינפאַלען אין אַ פיבערהאַפט־באַגייסטערטע שטימונג.

„די אַלטע איז גראָד גאָרנישט ווערט! — האָט ער געטראַכט גליהענד און אַבגעהאַקט. — די אַלטע איז טאָקע אפשר אַ טעות, און ניט וועגען איהר האַנדעלט זיך עס! די אַלטע איז בלויז געווען די קרענק... איך האָב געוואָלט וואָס גיכער אַריבערשפּרייזען. איך האָב געטויט ניט דעם מענשען, דעם פּרינציפּ האָב איך געטויט! דעם פּרניציפּ האָב איך טאָקע געטויט, אָבער אַריבערשפּרייזען האָב איך ניט אַריבערגעשפּרייזט, בין געבליבען אויף דער זייט... בלויז הרג'ענען האָב איך געקענט! און אפילו דאָס האָב אַך ניט געקענט, ווי עס שטעלט זיך אַרויס... דעם פּרינציפּ? פאַרוואָס האָט פריהער ראַזומיכין דאָס נאַרעלע געזידעלט די סאָציאַליסטען. אַנ'אַרבייטסלוסטיגע חברה און אַ געשעפטליכע: האַנדלען מיט דעם „אַלגעמיינעם גליק". ניין, איינמאָל ווערט מיר דאָס לעבען געגעבען און מעהר וועל איך עס קיינמאָל ניט האָבען: איך וויל ניט וואַרטען אויף דאָס „אַלגעמיינע גליק", איך וויל אַליין אויך לעבען, און אַניט — איז שוין גלייכער גאָר ניט צו לעבען. וואָס איז דאָרט אַזוי? איך האָב ניט געוואָלט דורכגעהן פאַרביי דער הונגעריגער מוטער, פאַרקוועטשענדיג אין דער טאַש מיין רובל, וואַרטענדיג אויף דאָס אַלגעמיינע גליק. „איך טראָג, הייסט עס, אַ ציגעל פאַר דאָס אַלגעמיינע גליק און דעריבער פיהל איך אַ רוהיגקייט אין האַרצען". „חאַ—חאַ! פאַרוואָס זשע האָט איהר

מיך דורכגעלאזט? איך לעב דאך גאר אינגאנצען איינמאל, איך וויל דאך אויך.'. עד, איך בין אנ׳עסטעטישע לויז. און מעהר גארניט". האט ער צוגעגעבען און זיך פלוצלונג צולאכט, ווי א פעררוקטער. — „יא, איך בין ווירקליך א לויז — האט ער פארטגעזעצט, מיט א פיינדליכער פארביסענקייט זיך איינגעגעסען אין גדאנק, זיך געגרי־בעלט אין איהם און געטריבען מיט איהם שפאס. — שוין דערפאר אליין, וואס ערשטענס דרשן איך איצט וועגען דעם, אז איך בין א לויז: צווייטענס דערפאר, וואס א גאנצען מאנאט האב איך באאונ־רוהיגט דעם אלמעכטיגען, שטעלענדיג איהם פאר אנ׳עדות, אז ניט צו־ליעב מיין גוף און מיין תאוה נעהם איך עס פאר, נאר איך בין דער־מיט, הייסט עס, אויסען א גרויסארטיג און סימפאטישעס ציעל. — חא—חא! דריטענס דערפאר וואס איך האב באשלאסען צו האנדלען זוי וויט מעגליך על פי יושר ביים אויספיהרען די זאך, געמאסטען, געוואוינען און געצעהלט: פון אלע לייז האב איך אויסגעקליבען די אונניצליכסטע און, געהרגעט זי, האב איך באשלאסען צו נעמען גיי איהר פונקט אזוי פיעל, וויפיעל איך האב נויטיג געהאט פאר׳ן ערש־טען טריט, ניט מעהר און ניט ווייניגער (און דאס איבעריגע, הייסט עס, וואלט אזוי טאקע אוועקגעהן אויפ׳ן קלויסטער, ווי אין דער צואה שטעהט — חא—חא!...) און ענדליך דערפאר, דערפאר בין איך א לויז, — האט ער צוגעגעבען, קריצענדיג מיט די ציין, — דערפאר וואס אליין בין איך נאך אפשר ערגער און העסליכער פון דער געטויי־טער לויז און שוין אפריהער האט מיר דאס הארץ געזאגט, אז איך וועל עס זאגען נאכדעם, ווי איך וועל זי האבען געהרגעט! צי דען קען זיך עטוואס אנדערש פארגלייכען מיט דער דאזיגער אימה! א, ווי באנאל! א, ווי נידערטרעכטיג!... א, ווי איך פארשטעה דעם „נביא" מיט דעם שווערד אין דער האנט, רייטענדיג אויף א פערד: אללאה הייסט, דאפסטו פאלגען, דו „ציטערנדע בריה"! ער האט רעכט, ער האט רעכט, „דער נביא", ווען ער שטעלט ערגעץ אוועק אין מיטען דער גאס א ר—ר—רעכטע באטאריע און האקט סיי דעם שולדיגען סיי דעם אומשולדיגען, — איהם שטעהט אפילו ניט אן אריינצולאזען זיך מיט זיי אין ערקלערונגען! פאלגען זאלסטו, דו צי־טערנדע בריה, און — ניט פראלאנג, ווייל — דאס איז א געשעפט ניט פאר דיר!... א, איך וועל בשום אופן ניט, בשום אופן ניט מוחל זיין דער אלטער!"

די האָר זענען איהם נאָך געווען פון שווייס, די ציטערנדע ליפּען זענען געוואָרען פאַרטריקענט, דער שטאַרער בליק איז געווען אָנגעשטעלט אויף דער סטעליע.

„די מוטער, די שוועסטער, — ווי ליעב איך האָב זיי געהאַט! פאַרוואָס האָב איך זיי איצט אַזוי פיינט? יאָ, איך האָב זיי פיינט: פיזיש פיינט, איך טראָג זיי ניט אַריבער נעבען מיר... פריהער בין איך צוגעגאַנגען און אַ קוש געגעבען דער מאַמען, איך געדענק... קושען און האַלזען און בשעת־מעשה טראַכטען, אַז ווען זי זאָל זיך דערוויסען, וואָלט זי... אפשר זאָגען איהר דאָמאָלס? פאַר מיר פּאַסט עס... הם, זי דאַרף זיין פּונקט אַזעלכע ווי איך, — האָט ער צוגעגעבען, טראַכטענדיג מיט אָנשטרענגונג, גלייך ווי ער וואָלט קעמפען מיט'ן קאָשמאַר, וואָס האָט איהם אָנגעהויבען צו באַהערשען. — אָ, ווי איך האָב איצט פיינט די אַלטע! איך וואָלט זי דאַכט זיך, נאָכאַמאָל געהרגעט, ווען זי זאָל זיך אויפכאַפּען! אָרימע ליזאַוועטאַ! נאָר וואָס האָט זי זיך גראָד דאָמאָלס אָנגעדרעהט!... אַ מאָדנע זאַך, פונדעסטוועגען, פאַרוואָס טראַכט איך כמעט ניט וועגען איהר, גלייך ווי איך האָב זי גאָר ניט געהרגעט!... ליזאַוועטאַ! סאָניאַ! אָרימע שטילע מיט אויגען שטילע... ליעבע!... פאַרוואָס וויינען זיי ניט? פאַרוואָס קרעכצען זיי ניט?... זיי גיבען אַלץ אַוועק... קוקען שטיל און זאַנפט... סאָניאַ. סאָניאַ! שטילע סאָניאַ!..."

ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ קאָשמאַר: ס'איז איהם אויסגעקומען זעהר מאָדנע, וואָס ער געדענקט ניט, ווי קומט ער גאָר אין דרויסען. ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָבענד. די דעמערונג איז געוואָרען געדיכטער, די גאַנצע לבנה האָט געלויכטען אַלץ העלער און העלער: נאָר עפּעס מאָדנע דושנע איז געווען אין דרויסען. די מענשען זענען מאַסענווייז געגאַנגען אין די גאַסען: די בעלי־מלאכות און די פאַרנומענע לייט זענען זיך צוגאַנגען אהיים, אַנדערע האָבען שפּאַצירט: עס האָט געשמעקט מיט וואַפּנע, מיט שטויב, מיט שטעהענדיגע וואַסער. ראַסקאָלניקאָוו איז געגאַנגען אומעטיג און פאַרזאָרגט: ער האָט זעהר גוט געדענקט, אַז ער איז אַרויס פון שטוב מיט עפּעס אַ כונה, אַז מען האָט עפּעס געדאַרפט באַזאָרגען און וואָס גיכער, וואָס אָבער — דאָס האָט ער פאַרגעסען. פּלוצלונג איז ער שטעהן געבליבען און דערזעהן, אַז אויף דער אַנדער זייט גאַס, אויפ'ן טראָטואַר, שטעהט אַ מענש און מאַכט איהם מיט דער האַנט. ער האָט זיך געלאָזט

געהן צו איהם איבערן גאס, נאר פלוצלונג האט זיך דער דאזיגער מענש אומגעקעהרט און איז אוועק, אזוי ווי ניט איהם מיינט מען, מיט א געזונקענעם קאפ, זיך ניט אבקערענדיג און ניט ארויסווייזענדיג, אז ער האט איהם גערופען. „אפשר האט ער מיך גאר ניט גערופען?" האט ראסקאלניקאוו א טראכט געטאן, דאך האט ער איהם גענומען יאגען' ניט דערגאנגען א טריט צעהן, האט ער איהם פלוצלונג דער־קענט און — האט זיך דערשראקען: דאס איז געווען דער פריהערדיגער פאניע, פונקט אין אזא כאלאט און פונקט אזוי איינגעהויקערט. ראס־קאלניקאוו איז געגאנגען פון דערוויטענס: דאס הארץ האט איהם גע־קלאפט: זיי האבען זיך פארקערעוועט אין א געסעל אריין, — יענער האט זיך אלץ ניט אבגעקעהרט. „ער וויים, אז איך געה נאך איהם, צי ניט?" האט ראסקאלניקאוו געטראכט. דער פאניע איז אריין אין א טויער פון א גרויסען הויף. ראסקאלניקאוו איז שנעל צוגעגאנגען צום טויער און גענומען קוקען: אפשר וועט ער זיך אפקעהרען און וועט איהם א רוף טאן? און ווירקליך, דורכגעגאנגען דעם גאנצען בראם און שוין אריינגעקומען אין הויף אריין, האט זיך יענער פלוצלונג אפ־געקעהרט און האט איהם ווידער עפעס אזוי ווי א מאך געטאן מיט דער האנט. ראסקאלניקאוו איז גלייך אריין אין הויף, אבער דער פא־ניע איז שוין ניט געווען. הייסט עס, ער איז ארויף אט דא טאקע גלייך אויף די ערשטע טרעפ. ראסקאלניקאוו האט זיך א לאז געטאן נאך איהם. און ווירקליך האבען זיך, מיט צוויי רייהען טרעפ העכער, געלאזט הערען עמיצענס געמאסטענע ניט־געאיילטע טריט. א מאדנע זאך, די טרעפ זיינען איהם געווען עפעס באקאנט! אט איז דאס פענסטער אין דעם ערשטען שטאק: אומעטיג און געהיימניספול האט אריינגעדרונגען דורך די שויבען דער שיין פון דער לבנה: אט איז דער צווייטער שטאק אויך. בא! דאס איז דאך די זעלבינע דירה, וואו די ארביימער האבען געמאלט... ווי אזוי האט ער עס גלייך ניט דערקענט? די טריט פון יענעם, וואס איז געגאנגען פאראויס, זיינען שטיל גע־ווארען: „ער איז, הייסט עס, שטעהן געבליבען, אדער ער האט זיך ערגעץ־וואו באהאלטען." אט איז דער דריטער שטאק: געהן ווייטער, צי ניט? און ס'אר א מין שטילקייט דארט איז, ס'איז זאגאר שרעק־ליך..' ער איז אבער געגאנגען. דאס גערויש פון זיינע אייגענע טריט האט איהם געשראקען און באאונרוהיגט. רבונו של עולם, ווי פינס־טער עס איז! דער אונבאקאנטער האט זיך אודאי דא ערגעץ באהאל־

טען אין א ווינקעל. אהא! ד ידירה איז ברייט געעפענט צו די טרעפּ צו: ער האט א טראכט געטאן און איז אריין. אין דעם פאָרערצימער איז געווען זעהר פינסטער און פוסט, א נפש ניט, גלייך ווי מען האט אלץ ארויסגעטראגען: שטילערהייד, אויף די שפּיץ פינגער איז ער דורכגעגאנגען אין זאַל אריין: דאס גאנצע צימער איז געווען העל באַגאסען מיט'ן לבנה־שיין: אלץ איז דא ווי געוועזען: די שטוהלען, דער שפּיגעל, דער געלער דיוואן און די בילדלעך אין די רעהמלעך. א גרויסע, קיילעכטיגע, קופּער־רויטע לבנה האט געקוקט גלייך אין די פענסטער אריין. „דאס איז פון דער לבנה אזא שטילקייט. — האט ראַסקאָלניקאָוו א טראכט געטאן. — זי מוז מיר איצט א רעטעניש פאַרגעבען." ער איז געשטאנען און געווארט, לאנג געווארט, און וואס שטילער די לבנה איז געווען, אלץ שטארקער האט איהם געקלאפּט דאס הארץ, ס'האט איהם אזש אנגעהויבען וועה צו טאן. און אלץ אזוי שטיל. פּלוצלונג האט זיך דערהערט א האסטיגער טרוקענער קנאַק, גלייך ווי מען וואלט א דין שפּענדעל איבערגעבראכען. און ווידער א טויטע שטילקייט. א פליג, וואס האט זיך אויפגעכאפּט, האט פּלוצלונג פליהענדערהייד זיך א זעץ געטאן אן שויב און אנגעהויבען יאָמערליך צו זשומען. אין דעם דאזיגען אויגענבליק האט ער דערזעהן אין ווינקעל, צווישען דעם קליינעם שראנק און דעם פענסטער, עפּעס אזוי ווי א דאַלמאַן הענגט אויף דער וואנד. — „ווי קומט אהער א סאַלאָפּ? האט ער א טראכט געטאן. — פריהער איז ער דאך דא ניט געווען"..' ער איז שטילערהייד צוגעגאנגען אין דער ערוואַרטונג, אז עמיצער מוז זיך אודאי באהאלטען הינטער'ן דאַלמאַן. פאָרזיכטיג האט ער אפּגעמאכט דעם דאַלמאַן מיט דער האנד און האט דערזעהן, אז דאַ שטעהט א שטוהל, און אויפ'ן שטוהל אין א ווינקעלע זיצט די אלטע, איינגאנצען צונויפגעקארטשעט, מיט אן אנגעבויגענעם קאָפּ, אזוי אז ער האט בשום אופן ניט געקענט זעהן קיין פּנים, דאס איז אבער געווען זי. ער איז א ווײַלע געשטאנען נעבען איהר: „זי האט מורא!" איז איהם איינגעפאַלען: ער האט שטילערהייד ארויסגעמאכט די האַק פון שלייף און האט א זעץ געטאן דער אלטער איבער דער פּאַטיליצע, איינמאל און נאכאמאל. אבער א מאָדנע זאך: זי האט זיך אפילו א ריהר ניט געגעבען פון די קלעפּ, פונקט ווי זי וואלט זיין פון האָלץ. ער האט זיך דערשראקען, זיך צוגעבויגען נעהנטער און גענומען זי באַטראַכטען: זי האט אבער אייך אנגעבויגען דעם קאָפּ נאך נידעריג־

נער. דאן האט ער זיך אינגאנצען צוגעבויגען צו דער ערד און האט איהר פון הינטען אריינגעקוקט אין פנים אריין, אריינגעקוקט און איז אפגעשטארבען: די אלטע איז געזעסען און געלאכט. — האט ממש גע־קייכט פאר געלעכטער, שטיל, קוים מיט'ן אויער צו כאפען, און גע־מאטערט זיך מיט אלע קרעפטען, ער זאל ניט דערהערען. פלוצלונג האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז די טיר פון שלאפצימער האט זיך עטוואס אויפגעמאכט און אז דארט האט מען זיך עפעס אזוי ווי אויך צולאכט און מען סוד'עט זיך. ער איז געווארען אויסער זיך פאר רציחה: מיט'ן גאנצען כח האט ער גענומען האקען דער אלטער אי־בער'ן קאפ. אבער מיט איטליכען קלאפ פון דער האק איז דאס געלעכ־טער און דאס סוד'ען זיך אין שלאפצימער געווארען אלץ שטארקער און שטארקער, און די אלטע האט זיך אזש געווארגען פון דעם שטור־מישען געלעכטער. ער האט זיך געלאזט לויפען, נאר דאס גאנצע פאר־הויז איז שוין פול מיט מענשען, די טירען צו די טרעפ צו זיינען ברייט פונאנדערגעעפענט, און אין די קארידארען, אויף די טרעפ, און דאר־טען אונטען — זיינען מענשען, קאפ אויף קאפ. אלע קוקען. — אלע האבען זיך אבער באהאלטען און ווארטען, און שווייגען!... דאס הארץ האט זיך איהם פארקלעמט, די פיס קענען זיך ניט ריהרען, זיי זיינען צוגעוואקסען... ער האט געוואלט א געשריי טאן און — האט זיך אויפ־געכאפט.

ער האט שווער אפגעעטעמט, — אבער א מאדנע זאך, דער חלום האט נאך אלץ אזוי ווי ניט אויפגעהערט: די טיר זיינע איז געווען אינגאנצען פונאנדערגעעפענט, און אויף דער שוועל איז געשטאנען אן אומבאקאנטער מענש און האט איהם באטראכט מיט דורכדרינ־גענדע בליקען.

ראסקאלניקאוו האט נאך ניט באוויזען אינגאנצען צו עפענען די אויגען און האט זיי גלייך ווידער פארמאכט. ער איז געלעגען מיט'ן פנים אראפ און האט זיך ניט גענעבען א ריהר.

„דאס דויערט נאך אלץ דער חלום אדער ניט", האט ער גע־טראכט, און האט קוים־קוים, מיט'ן אויג ניט צו כאפען, ווידער אויפ־געהויבען די ברעמען א קוק צו געבען: דער אונבאקאנטער איז גע־שטאנען אויף דעמזעלבען ארט און האט פון איהם אלץ ניט אראפגע־נומען די אויגען.

פלוצלונג האט ער פארזיכטיג אריבערגעטראטען די שוועל, האט

פאמעלעך צונעמאכט די טיר הינטער זיך, איז צוגעגאנגען צום טיש, אפגעוואַרט ביי א מינוט, — די גאנצע צייט ניט אראפנעהמענדיג פון איהם די אויגען, — און שטיל, אהן געדויש, האט ער זיך געזעצט אויפ'ן שטוהל נעבען דיוואן: דעם הוט האט ער אוועקגעלעגט ביי דער זייט, אויף דער פאדלאגע, און מיט ביידע הענט האט ער זיך אנ־געלעהנט אן דעם שטאק, און האט אנגעשפארט דעם קאפ אויף די הענט. עס איז געווען קענטיג, אז ער איז גרייט געווען לאנג צו ווארטען. אויך וויפיעל ראסקאלניקאוו האט געקענט זעהן דורך די ברעמען, וואס האבען ניט אויפגעהערט צו פינטלען, איז דער דאזיגער מענש געווען שוין ניט קיין יונגער, א דיקער, מיט א געדיכטער, בלאנדער, כמעט ווייסער בארד...

ס'איז אריבער ביי א צעהן מינוט. ס'איז נאך געווען ליכטיג, אבער ס'האט שוין געדעמערט. אין צימער האט געהערשט א שטומע שטילקייט. אפילו פון די טרעפ האט זיך ניט געהערט קיין שארך. נאר א גרויסע פליג האט געזשומט און געפלאטערט, זיך אנשלאגענדיג פליהענדיגערהייד אן די שויבען. ענדליך איז עס געווארען ניט אויס־צוהאלטען: ראסקאלניקאוו האט זיך עטוואס אויפגעהויבען און האט זיך עטוואס אויפגעהויבען און האט זיך צוגעזעצט אויפ'ן דיוואן.

— נו, זאגט, וואס דארפט איהר האבען?

— איך האב דאך טאקע געוואוסט, אז איהר שלאפט נים, איהר מאכט זיך עס נאר, — האט דער אונבאקאנטער מאדנע געענטפערט, און האט זיך רוהיג צולאכט. — ארקאדי איוואנאוויטש סווידריגיי־לאוו, איך האב די עהרע מיך פארצושטעלען...

(ענדע דריטער טייל)